STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05008

TSURIKGEKUMEN TSUM SHOYRESH

Yitzhak Kahn

Permanent preservation of this book was made possible
by Hermia S. Aronson
in memory of
Kopel & Sarah Seidman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דעם ליבן פֿרײַנד

חיים שפּילבערג,

װאַרעמען [illegible] [illegible]

דערקענט דורך אונדזער

װאַרעמער [illegible],

— אַ האַרציקן גרוס.

יצחק קאַהאַן

מעלבורן, 12-8-83

יצחק קאַהאַן

קינסטלערישע הילע און צייכענונגען: פ. פערקאַל, סידנעי

מעלבורן, אויסטראַליע 1983

YITZHAK KAHN

"TZURIKGEKUMEN TZUM SHOYRESH"

(ROOTS REVISITED)

COPYRIGHT 1983 BY YITZHAK KAHN
7/42 WILGAH ST., EAST ST. KILDA., MELBOURNE, VIC. 3183
ALL RIGHTS RESERVED
INCLUDING THE RIGHT OF REPRODUCTION IN ANY FORM

ALL NAMES AND EVENTS, IN THE SHORT STORIES, ARE FICTIONAL. ANY RESEMBLANCE TO REAL PERSONS, IS PURELY COINCIDENTAL AND WITHOUT ANY FOUNDATION.

PRINTED BY YORK PRESS PTY. LTD.
1-19 HODDLE STREET, ABBOTSFORD, 3067, VICTORIA, AUSTRALIA.

דער מחבר יצחק קאהאן

די ערשטע דערציילונג געווידמעט
דער אויסגעפייניקטער עדה ידן,
אומגעבראַכט אויף אַ שוידערלעכן אופן
דורך די נאַצישע רוצחים און געהילפן
אין מאַלטשאַד (נעבן באַראַנאָוויטש) אין 1942.

✶

צו דער פערציקסטער יאָרצייט פון מיינע
אומפאַרגעסלעכע טאַטע־מאַמע, שוועסטערס,
און גרויסער משפחה, דערמאָרדעט אין מאַלטשאַד
בעת די היטלעריסטישע חורבן־יאָרן —
צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה ידן,
פון דעם נאַרעוו שטעטל,
(געשילדערט אין דער ערשטער דערציילונג).
זייער אָנדענק לעבט אין מיין געמיט און זכרון.

✶

מיט טיפן צער און בענקשאַפט דערמאָנען מיר
די 35טע יאָרצייט פון אונדזער יונג זונעלע
און ברודערל ד ו ד ל וואָס מיר האָבן פאַרלוירן
אין זיין בליענדיקער קינדהייט אין 1948.

✶

מיין אומפאַרגעסלעכער
חנהן לזכרון —
צו איר זיבעטער יאָרצייט.

אַ וואָרט פריער

אַ טיטל פון אַ בוך איז געוויינטלעך פאַרבונדן מיטן תמצית זיינעם. דאָס איז אויך חל אויף דעם בוך, וואָס רירט אָן די וואָרצלען און שטאַמביימער מיט זייערע פרוכטן פאַר לאַנגע דורות.

אין די גרויסע מאָנאָגראַפישע און ליטעראַריש־קריטישע אָפּהאַנד־לונגען האָב איך זיך דערגראָבן צום סאַמע שורש פון דער גרויסער רוסישער קינסטלערישער פּראָזע, פון גאָגאָלן, דאָסטאָיעווסקין, טשע־כאָוון (וועגן טאָלסטאָין — אין פאַריקן בוך), וועלכע האָבן פּראָקלאַמירט פאַר דער וועלט זייערע אַנטדעקונגען פון דער מענטשלעכער נשמה, בפרט, פונעם רוסישן מענטש. און מחמת דאָס ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע האָט דאָך אַזאַ טיפן אוניווערסאַלן, אַלמענטשלעכן אויסקלאַנג, ווערן זייערע שאַפונגען כסדר געפאָרשט, די דראַמאַטישע — גייען נישט אַראָפּ פון דער בינע אויף אַלע לשונות.

צווישן ביידע וועלט־מלחמות בעת דעם גרויסן רענעסאַנס פון דער ייִדישער ליטעראַטור, זענען דערשינען אַ סך ווערק איבערגע־זעצטע אויף ייִדיש. די וועלט־ליטעראַטור און וועגן איר, האָט פאַר־נומען אַ גאַר וויכטיק אָרט ביי אונדז אין יענע יאָרן.

אָבער נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, נישט נאָר דערשיינט, כמעט נישט קיין בוך וועגן נישט־ייִדישע שרייבערס, נאָר אויך אין זשורנאַלן איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר זיי.

איך האָב פון מיין ערשטן בוך אָן אַ באַדייטנדיקן אָרט אָפּגעגעבן שרייבער און ווערק פון אַנדערע ליטעראַטורן, געהאַט זייער גוטע אָפּרופן פון דעם גוטן לייענער, וואָס זוכט זיך משתתף זיין מיט די ליטעראַטורן פון דער וועלט.

די גרויסע רוסישע שרייבערס האָב איך געלייענט אין מיין יוגנט. אָבער אין די לעצטע יאָרן זענען אין ענגליש דערשינען נייע גלענצנ־דיקע איבערזעצונגען און ביאָגראַפיש־קריטישע ווערק מיט נייע מאַטעריאַלן, וואָס שטיצן זיך גאָר אַ סך אויף פּריוואַטע בריוו־קאָלעק־ציעס און אַרכיוון, וואָס זענען ערשט לעצטנס געוואָרן צוטריטלעך. די נייע מאַטעריאַלן גיבן דעם לייענער אַ פּיל טיפערן באַנעם פון די גרויסע מייסטערס און זייער תקופה. מיינע אָפּהאַנדלונגען, זענען זיך סומך אויף אָט די ווערק, וואָס עפענען פאַרן פאָרשער ברייטערע האָריזאָנטן.

פון מיין אָפּהאַנדלונג וועגן ישעיה בערלינס פאַרעפנטלעכטע עסייען אַרום פאַסטערנאַק און אַכמאַטאָוואַ, קען דער לייענער זען ווי צוויי גרויסע קינסטלערס און רוסישע שפּראַך־ווירטואָזן האָבן וועגן דאָסטאָיעווסקין, טאָלסטאָין, טשעכאָוון, אַזעלכע שאַרפע, עקסטרעמע־קעגנזעצלעכע מיינונגען. דאָס קומט פאַר אויך ביי אַנדערע קריטיקערס,

וואָס גייען זיך גאָר שטאַרק פאַנאַנדער אין זייערע אָפּשאַצונגען.

דאָס באַציט זיך אויך צו מיין גרעסערער אַרבעט איבער מאַרסעל פּרוסטס פילצאָליקע „קליגישע אָפּעראַציעס״, וואָס ער פירט דורך אין זיין גרויסן ווערק איבער דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט. היות ער האָט אויך געשטאַלטיקט די גרויסע היסטאָרישע דרייפוס־אַפערע צוזאַמען מיט די טרעגערס פון אַנטיסעמיטיזם אין פראַנקרייך — גיב איך אָפּ אויף דעם אַ באַזונדער קאַפּיטל.

„צוריקגעקומען צום שורש״ איז שטאַרק פאַרבונדן מיט דער ערשטער דערציילונג — איר ערשטער טייל דערוויל — די אַלטע היים מיט אירע יידן ערב און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס ווערן איבערגעבראַכט אויסגעוואָרצלטע בעזשענצעס, פאַרוואָגלט אין צענטראַל־רוסלאַנד, און בעת די פּאָגראָמען — לויפן זיי זיך ראַטעווען קיין וויטעבסק.

אַרום די צענטראַלע פיגורן און זייערע נעבן־פּערסאָנאַזשן, פּלאָנ־טערט זיך אַ קליין יינגל מיט פאַרשאַרפטע חושים און מאַטערנדיקע פראַגן אויף די ליפּן צוליב די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן בעת יענע יאָרן אין רוסלאַנד. דעם גאַנג, און דעם זין פון דעם אַלעם וועט זיך ביי אים אויסריפּן אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

איך האָב אין בעלעטריסטישן טייל, ווי אין די אַנדערע אַרבעטן, גע־פּרוווט גראָבן צו די אַלע וואָרצלען, גענעטישע, אינטעלעקטועלע, די דערוואָרבענע פון דער גייסטיקער סביבה. ביידע עלעמענטן העלפן פאַר־מירן דעם מענטש, זיין גאַנג, ווי אַ יחיד און ווי אַ טייל פונעם כלל. אַ מענטש באַשטייט דאָך נישט בלויז פון אינטעלעקט, פון גייסטיקער סובסטאַנץ. דעריבער פאַרנעמען אַזאַ באַדייטנדיקן אָרט די עמאָציאָ־נעלע און די מעטאַפיזישע עלעמענטן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק.

אין מיין אָפּהאַנדלונג וועגן דאָסטאָיעווסקין איז דאָ אַ דיאַלאָג צווישן צוויי רוסן. ביידע רעדן רוסיש און ס'זענען צוויי באַזונדערע לשונות. ביי איינעם איז עס דער ראַציאָנעלער לשון. ביים צווייטן — אַ מעטאַפיזישער.

קינסטלער זעען דעם מענטש פון אַ געוויסער טיף, דורך וועלכער זיי קענען זיך דערגראָבן צו זיין האַרץ און נשמה, צום צאַפּלדיקן אינעווייניק, צום לעבעדיקן אָטעם, וואָס מיט באַפּאַרבט, אַרומגענומען מיט פּסיכאָלאָגישע, עסטעטישע און עטישע עלעמענטן, און זיי פּראָ־זשעקטירן די שפּראַך פון האַרץ און נשמה, וואָס איז מער ווי דאָס לשון פון אינטעלעקט און גייסט.

מיין דערציילונג מיט אַן אויסטראַלישן קאָלאָריט און אינטעלעקט־טועלן באַגאַזש, פּרוווט אַנצוקניפּן דאָס נייע לעבן מיט דעם פון דער אַלטער היים, וואָס אַן אימיגראַנט טראָגט מיט זיך אין זיינע בלוטן.

וואָס שייך „די שפּריצן פון לעבן״, אָט די מיניאַטורן זענען קליינע פענצטערלעך צו גרויסע פּראָבלעמען.

דער מחבר

ביים נאַרעוו

דווינע

דאָן

צוריקגעקומען צום שורש

(דערציילונג)

ביים נארעוו

אין דער געגנט אַרום נאַרעוו האָט ר׳ שמואל געשמ׳ט מיט זיין יראת שמים, לומדות, ערלעכקייט. אַ ברייטפּלייציקער הויכער ייד, וואָס האָט פאַרמאָגט יחוס עצמו און געהאַט נאָענטע קרובהשאַפט מיטן אַמשינאָווער רבין.

פון וואָלאָזשינער ישיבה איז ער געקומען מיט אַ יחוס־בריוו פון אַ טיפן למדן מיט סמיכות אויף רבנות, אָבער בשום אופן נישט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות־שטעלע, נישט צו דאַרפן בייגן זיך פאַר די בעלי־בתים פון שטאָט. געוואָלט תמיד זיין אַן אומאָפּהענגיקער מענטש און אַזאַ פאַרבליבן ביז זיינע לעצטע טעג.

דער גאַנצער געשטעל זיינער האָט עדות געזאָגט פון זיין אויס־געשפּראָכענעם כאַראַקטער, פון אַ מענטשן וואָס ווייסט זיין ווערט, אָבער בלאָזט נישט פון זיך. פאַרקערט, אַ נוח לבריות אין זיין האַל־טונג און באַציונג צו מענטשן, וואָס האָבן גערן זיך געטראָפן מיט אים און געשמועסט ווי מיט אַ ייד אַ תלמיד־חכם.

די שטוב איז געווען פאַרלייגט מיט ספרים, אַ סך יקר־המציאות. עס האָבן אַרויסגעגלאַנצט די פאַליאַנטן פון ווילנער ש״סן אין וועלכע ער האָט מעיין געווען. זיינע טונקעלע שמייכלענדיקע אויגן פלעגן זיך צעפינקלען ביים אויספּלאָנטערן אַ שווערע סוגיא, אַ האַרבן פּיל־פּול, צו גאָר אַן אבן־עזרא חידוש. אָבער געהיט זיך אַרויסצושטעלן פאַר מענטשן זיין ערודיציע אין די ראשונים און אחרונים, אין וועלכע ער האָט זיך געפילט אַ בן־בית.

יונגערהייט אָנגעהויבן פאָרן צום „ישמח ישראל״, האָט דאָס אַרויסגערופן אומצופרידנקייט אין אַמשינאָווער הויף. ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט דעם און פלעגט אויף יום טובים פאַרברענגען אין אלעקסאַנדער ביים רבינס טיש. דער „ישמח ישראל״ האָט אים באַווירקט צו פאַרנעמען זיך מיט דין־תורות און ער האָט מסכים געווען.

סוחרים פלעגן קומען זיך לאָדן צו אים, מחמת דער מרא דאתרא און די דיינים האָבן געשמט מיט זייער בטלנות, לגמרי נישט געטויגט צו אַ בוררות, ווו עס פאָדערט זיך חכמה, שאַרפזין, צו אָריענטירן זיך אין פאַרפלאָנטערטע ענינים פון מיסחר ביי אומיושרדיקע וועגן און אומוועגן. מען האָט געוווּסט אַז ער בייגט זיך נישט פאַר תקיפות . . .

ר׳ שמואל איז געווען דער איידעם פון אַ מתנגדישן שווער, וואָס האָט פאַר זיין עלטערער טאָכטער געזוכט אַ שידוך עס זאָל זיין למהדרין מן המהדרין. אַ פאַרמעגלעכער ייד איז געווען דער מאיר אַלשעווער, אַ גרויסער בעל־פרנסה פון אַ וואַסערמיל ביים נאַרעוו. צוגעזאָגט דעם עילוי פון דער וואָלאָזשינער ישיבה קעסט אויף לאַנגע יאָרן.

אָבער ר׳ שמואל האָט נאָך דער חתונה נישט געוואָלט בלייבן אויף קעסט און זיצן אין דאָרף מיטן שווער. ער האָט זיך נאָך דער חתונה געלערנט שחיטות, ביי וועלכעס ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס געניטשאַפט און געוואָרן דער ראש השוחטים אין שטאָט. די פרנסה איז פון שחיטות געווען אַ מאָגערע און זיין ווייבל טויבטשע פלעגט בשתיקא נעמען ביים טאַטן געלט צו קענען פירן אַ לייטיש הויז. ביי איר טאַטן זענען תמיד געווען אורחים, בפרט שבת און יום טוב. ר׳ שמואל פלעגט אין אַלעקסאַנדער שטיבל זיך פאַרנעמען מיט באַזאָרגן אַלע אורחים, ווו אָפּצוהאַלטן שבת אין בעלי־בתישע הייזער. עס פלעגט אַמאָל טרעפן אַז צווי אורחים פלעגן זיך נישט וועלן צעשיידן, פלעגט ער צוגיין צו אברהם־נחומען און זאָגן: — מסתמא זענען זיי אַ שווער מיט אַן איידעם און ער האָט אים צוגעזאָגט אייביקע קעסט . . . דאָס ווערטל איז לאַנגע יאָרן אַרומגעגאַנגען אין שטיבל.

ווען טוביהלע איז געבוירן געוואָרן איז שוין דער זיידע געווען אין גאָר טיפן עלטער. געלעבט האָט ער אין אַן אַלקער ביי זיין זון ר׳ רפאל; שוין אַ ביסל הייזעריק גערעדט, כאָטש נישט אַרויסגעוויזן סימנים פון אַ זקן איבער די שמונים. ער פלעגט נאָך מעיין זיין אין זיינע ספרים, אָבער שוין דאַוונען נאָר אין שטוב און טאַקע גלייך נאָך דעם נעמען אַ ביסל שטאַרקן י״ש, וואָס זיין שנור, ביילטשע, פלעגט אים תמיד באַזאָרגן צו דערכאַפּן דאָס האַרץ.

ער איז נפטר געוואָרן זיצנדיק ביי אַ ספר. אין זיין לוויה האָט זיך באַטייליקט די גאַנצע שטאָט. דאָס איז שוין געווען האַרט ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה. טוביה׳לע געדענקט אָט די געשעעניש ווי דורך אַ נעפּל. ער איז געווען ביי שכנים, ווען מען האָט דעם זיידן אַרויסגעטראָגן פון הויז, ער האָט דורכן פענצטער געזען אויפן גאַס אַזוי פיל מענטשן און צוגעשטאַנען מיט פראַגן, אויף וועלכע ס׳איז

געקומען איין ענטפער: — ווערסט ווערן עלטער וועסטו עס וויסן. איצט ביסטו נאָך צו יונג.

דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרטביים אויסברוך פון דער מלחמה, ווען זיין מאַמע האָט אים אָפּגענומען פרי פון חדר (ווו ער האָט אָנגעהויבן ביי דריי יאָר), אָפּצוּוואַרטן פישל באַלעגאָלע אויפן שאָסיי. ער האָט פון לאָמזשע געדאַרפט ברענגען זיינע עלטערע ברי־דער פון ישיבה. אויפן שאָסיי זענען דעמאָלט געשטאַנען אַ סך מענטשן אָפּצוּוואַרטן זייערע בחורים פון לאָמזשע. ער האָט געהערט רעדן אומפאַרשטענדלעכע אים רייד, געזען ווי די ווייבער ווישן אָפּ די אויגן פון טרערן, ווען פישל האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט זיין וואָגן.

עפּעס האָט די מאַמע זיינע געזאָגט צו א שכנה, אַז ס'איז אַ זכיה פאַר איר שווער, וואָס ער האָט צו דעם נישט דערלעבט. זיין יונג מוחל האָט נישט געקענט באַגרייפן, פאַרבינדן איינס מיטן אַנדערן. ער האָט נאָר באַנומען אַז דעמאָלט און איצט האָט ער געזען ווייַנען די גרויסע. אָבער ווער האָט זיי געשלאָגן?... די מאַמע האָט געשמייכלט, ווען ער האָט אויפן וועג געפרעגט איר. איר ענטפער איז אים שוין געווען באַקאַנט פון פריער: — ווערסט גרעסער ווערן וועסטו שוין וויסן און פאַרשטיין, און נישט שטעלן מער קיין נאַרישע קשיות...

ער האָט איצט שוין אויפן אָרט געוואָלט ווערן עלטער! זיין אַ גרויסער, און געוווּסט האָט ער, אַז די גרויסע גייען נישט אין חדר...

דער רבי זיינער איז געווען אַ פאַרצאַרנטער ייד. אמת, אַז ער האָט נאָך אים דערווייל נישט דערלאַנגט מיט קאַנטשיק, אָבער געזען ווי אַנדערע יינגלעך האָט ער אַוועקגעלייגט אויפן בענקל...

ר' מרדכים פּריצישער הויף

דאָס שטעטל ביים נאַרעוו האָט געהאַט אַ סך חסידישע שטיבלעך. די גערער איז געווען די גרעסטע. אויפן צווייטן אָרט — דאָס אַלעק־סאַנדער. געווען נאָך ראַדזימינער, אַמשינאָווער, און אַ סך אַנדערע שטיבלעך, אָבער שוין מיט אַ קליינער צאָל חסידים, וואָס פלעגן אין מיטן וואָך נישט האָבן קיין מנין, נאָר דאַווענען אין כל־שטיבל, ווו עס פלעגן אויך בעלי־מלאכות דאַווענען און לערנען צווישן מנחה און מעריב, „עין יעקב", אַ מדרש; און די מער לומדישע פון זיי — אויך משניות.

געוווינט האָבן זיי אין די הינטערגעסלעך פון שטעטל, הייז־קעס מיט אַזעלכע קליינע פענצטער, וואָס פלעגן נאָר אום זומער זיין אָפן, אויפגעפּראַלט, נאָך אַ ביסל פרישע לופט. ביים דורכגיין

די געסלעך פלעגט מען הערן פון די שנײדערישע און שוסטערישע װאַרשטאַטלעך זינגען שטיקלעך פון די ימים־נוראימדיקע ניגונים. בײ אַ שטיקל פון „יעלות” האָט זיך די געזעלן געשמאַקער געאַרבעט. דאָס איז געװען אין דער װאָכנס.

פרײטיק צונאַכטס פלעגט מען שױן הערן בײ „לכה דודי” און אױך בעת זמירות זינגען — איבערגעניצעװעטע מיליטערישע מאַרשן פון 5טן פּאָלק, אױפגעכאַפּט בעת דער מיליטערישער אָרקעסטער האָט דורכמאַרשירט איבער די ידישע גאַסן.

הינטערן שטאָט איז געװען אַ גרױסע דאַמף־מיל, װאָס האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט און געהערט צו אַ ײדישן פּריץ, ר׳ מרדכי לײבטשעס. עס איז געװען בײ אים אַ גאַנצער פּריצישער הױף, מיט אַן אײגן שולכל צום דאַװנען, אַפילו אַ מיקװה געװען און אַ בעקערײ מיט אַ גרױסן אױװן. עס זענען בײ אים געװען אַ סך סוחרים, און אין זומערדיקע פּאַרנאַכטן פלעגן זײ זיך אַרױסזעצן אין דעם שײנעם גאָרטן און שמועסן װעגן מיסחר אָדער רביאים.

פּאָר שבת פלעגן שױן ציען אין הױף די אורחים־פורחים, און װינטערצײט אַרײנבריינגען שנײ אױף די פילטרירטע פּאָדלאָגעס. אין „סאַליע” פלעגן זײ נישט װאַגן אַרײנצוגײן. די בלאַנקענדיקע הענגלײכטערס און די פליושענע דיװאַנעס האָבן אָפּגעהאַלטן די אָפּ־געשליסענע אָרימעלײט, װאָס פלעגן זיך בלױז װעלן אַנװאַרעמען אין קיך בײ די אױװנס און דערװײל אױך עפּעס טועם זײן פון די גוטע זאַכן װאָס מ׳האָט זײ דערלאַנגט.

פרײטיקצונאַכטס פלעגן זײ שױן זיצן בײם גרױסן טיש אין דער „סאַליע”, װוּ די פענצטער האָבן אַרױסגעקוקט צו די אַרומיקע פעלדער און װעלדלעך; אױך צו די װאַסערן פון נאַרעװ, װוּ עס פלעגן זיך אָפּשפּיגלען די אַנגעצונדענע שבתליכט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זײ ברענען אױפן װאַסער.

ר׳ מרדכי איז געװען אַ גרױסער מכניס־אורח. זײן װײבל, מרים, פלעגט געבן אַ סך צדקה; אױף שבתים און יום־טובים באַזאָרגן אין שטאָט אַרײן חלות און קוכן צו אָרעמע שטובן. אַ שטילע געװען, קלײן, קײלעכדיק, אַ הױכן בוזעם און גרױסע שװאַרצע אױגן. זי איז געװען אַ שטאַרק פילבאַרע צו באַגאַנגענע עװלות לגבי אַנדערע. אָבער אין באַצוג צו זיך געקענט לײכט אַראָפּשלונגען אַ באַגאַנגענע עװלה פון אורחים.

ר׳ מרדכי איז געװען, להיפוך צו זײן װײבל, אַ גאָר הױכער ײד, ברײטפּלײציק, גרױסע ברױנלעכע אױגן און אַ ברײט אױסגע־פּאַשעטע באָרד, װאָס האָט געהאַט אירע קאַפּריזן בײם װאַקסן. אױף דער רעכטער זײט האָט זיך אַ שפּיץ אַזױ פאַרגעסן און האָט זיך שטאַרק צעװאַקסן אין דער לענג. ער האָט לגמרי נישט געקוקט אױף

דעם, וואָס דער לינקער שפּיץ איז ווייט געבליבן הינטערשטעליק, נישט געקענט שוין אָניאָגן דעם רעכטן פליגל.

ער איז אָבער סיי ווי געווען אַן הדרת פּנים און די גרוילעכע פּאַסמעס פון זיין אויסגעפּאַשעטער באָרד האָבן צוגעגעבן אַ געוויסן חן. ער איז אַן אָטוואָצקער חסיד געווען, אָבער די שאַרפע אנשי שלומנו האָבן געהאַלטן, אַז ער איז קאַליע געוואָרן, מחמת ער האָט זיינע קינדער געלאָזט לערנען אין גימנאַזיע. ער פלעגט אויך אויס־שרייבן די „הצפירה", זיך דורכגעשריבן מיט נחום סאָקאָלאָוו וועגן דער מחלוקה אין זיין שטעטל, ביים צונעמען אַ נייעם רב.

דאָס שטעטל איז דאַן צעריסן געוואָרן צווישן צוויי צדדים, וואָס האָבן זיך אָפּגעטאָן פאַרשידענע „שמד־שטיקלעך", און אַזעלכע צו להכעיסדיקייטן, וואָס זענען אָזש דערגאַנגען צו נאַטשאַלסטוואָ. די מחלוקה האָט זיך פון דעם נאָך שטאַרקער צעפלאַקערט, און ס'איז געוואַקסן די שינאה צווישן חסידים און מתנגדים, וועלכער פון די צוויי קאַנדידאַטן זאָל ווערן באַשטימט דער מרא דאתרא אין שטעטל.

די מער מיושבדיקע בעלי־בתים, וואָס זענען נישט געווען אַזוי היס געבאָדן זענען געקומען צו ר' מרדכין ער זאָל זען צו דער־שטיקן דעם פייער, דורך אַ דרשה בפני כל עם ועדה, איידער עס ווערט צו שפּעט... ר' מרדכי האָט מסכים געווען און וועגן זיין דרשה אין שיל האָט מען נאָך דערציילט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער. גע־בראַכט האָט ער אַ מימרא פון הרב קוק, פון אַ ספר זיינעם, אַז די שינאה צווישן לייבלעכע ברידער מאַכט חרוב די וועלט. די ביי־שפּילן זענען גוט באַקאַנטע: צווישן יעקב און עשיו; צווישן די שבטים, וואָס האָבן יוספן פאַרקויפט; און אין אייגענעם לאַנד צווישן מלכות ישראל און יהודה; צווישן די חשמונאים ברידער אינעם קעניג־לעכן הויף, וואָס האָט דאָך דערפירט צום חורבן בית שני.

ער האָט נאָך גערעדט וועגן שינאת חינם און אהבת חינם, אָט דאָס וואָס ראַטעוועט דעם שלום־בית ביי אַ פּאָרפאָלק; צווישן צע־קריגטע אין דער משפחה ביז צו אַ קהילה, וואָס וועט אַן שלום־בית חלילה אונטערגיין...

צי זיין שטאַרקע דרשה האָט טאַקע אַזוי אויפגעטאָן, אָדער דער עולם איז שוין דורך דער צייט מיד געוואָרן ממשיך צו זיין די גרויסע מחלוקה אין שטעטל. עיקר הדבר: ס'האָט זיך איינגעשטילט דאָס אַרומרייסעניש און ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן קאָ־עקזיס־טענץ צווישן די צדדים ארום דעם צוגענומענעם רב: טאַקע אַ גרוי־סער למדן, אָבער אַן אומבאַהאָלפענער אין שטאָטישע ענינים... דעם ספּאָדעק האָט געטראָגן די רביצן, און אין שטעטל האָט מען דער־ציילט, אַז ווען די דאָזיקע האָבן איין מאָל מיטן רב שטאַרק געאַר־בעט, ער זאָל געבן זיין הסכם אויף העכערן דעם עטאַט. און דער רב,

ווי זיך שטייגער, האָט זיך געוואָקלט, האָבן זיי גערעדט מיט דער רביצן, אויך אָנגעמערקט אַז דאַן וועט מען דאָך אויך געבן אַ הוספה דעם רב; זאָל זי האָבן געזאָגט — איר האָט דאָך גלייך געקענט זאָגן, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן ידישקייט...

דער קריג דערנענטערט זיך...

דאָס שטעטל ביים נאַרעוו האָט זיך געפונען אַ פערציק קילאָמעטער פון דער מזרח־פּרייסישער גרענעץ. זינט אויגוסט 1914 זענען אַדורך איבער די גאַסן און שאָסייען נישט נאָר אַ סך אָפּטיילונגען פון דער רוסישער אַרמיי, נאָר אויך דער סאַמעראַדנער גענעראַל־שטאַב מיט סאַמסאָנאָוון בראש, וואָס איז געוואָרן איינגעקוואַרטירט אינעם שטעטל בעת דעם שנעלן פאַרויסמאַרש פון דער רוסישער אַרמיי אין מזרח־פּרייסן.

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָט דער פאַרויסמאַרש איז געווען גאָר אַ גלענצנדיקער סטראַטעגישער מאַנעוור פון דייטשן גענעראַל־שטאַב, וואָס האָט אויף דעם שטח געגעבן אַ טויטקלאַפּ דער רוסישער אַרמיי.

אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע זענען די צעשמעטערטע רוסישע אָפּטיילונגען געלאָפן צוריק פון פראָנט, ראַבירנדיק אויפן וועג יידישע קראָמען, הייזער און וואַרשטאַטן.

וועגענער מיט פאַרווונדעטע זעלנער, האָבן זיך געצויגן איבער די שאָסייען און גאַסן פון שטעטל צו די אימפּראָוויזירטע לאַזאַרעטן. דייטשע צעפּעלינען האָבן געמאַכט „פריינדלעכע״ באַזוכן אין שטעטל, באָמבאַרדירט מיליטערישע אָביעקטן און ציווילע הייזער. מסתמא האָט דער דייטשער שפּיאָנאַזש זייער גוט געוווּסט ווו ס׳איז לאָקירט דער רוסישער גענעראַלשטאַב, מיט די מיליטערישע פאָרמאַציעס, וואָס האָבן געצויגן אָפּצושטעלן די דייטשע קאָנטראַ־אָפענסיווע. דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן און דער פּרייסישער פאַרויסמאַרש האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג אויף דעם פראָנט־אָפּשניט.

דער ציל פון די דייטשע באָמבאַרדירונגען איז געווען נישט נאָר צו טרעפן מיליטערישע אָביעקטן, נאָר אויך אַרויסרופן אַ פּאַניק ביי דער ציווילער באַפעלקערונג, און זיי האָבן עס טאַקע באַוויזן צו דערגרייכן כמעט טאָג טעגלעך, ווען מען איז געלאָפן זיך שיצן פון די באָמבעס אין די קעלערן ביי יעדן אַלאַרם. די אַלאַרמען פלעגן פאָרקומען רעגולער טעגלעך אין די פרימאָרגן־שעהן. ביי טאָג האָט מען געכאַפּט יידן אויף די גאַסן צו גראָבן אָקאָפּעס. אַזעלכע אָבלאַוועס פלעגן אויך פאָרקומען אין די שבתים, ווען יידן זענען געגאַנגען פון

דאַוונען. ס׳האָט נישט לאַנג גענומען, דער קריג האָט זיך ראַשיק דער־נענטערט צום שטעטל, און אַ שווידערלעך באַמבאַרדירונג איז אויס־געפאַלן אין דעם ערב פסח פון 1915׳

געווייַנטלעך פלעגן אויף די ידישע הייפן פאַר פסח זיין פול מיט אַרויסגעטראָגענע שטובזאַכן אויסצולופטערן נאָכן ווינטער־סעזאָן: מעבל, ספרים, פערענעס, בפרט טעפ און כלים צו כשרן אויף פסח — איז דאָך געווען ווי אַ מין יערלעכער ריטואַל אויף אַ ידישן הויף פאַר פסח. פאַרפאַרעט זענען געווען די ווייבער מיטן כשרן און שייערן, אָדער ביים אויסלופטערן די שטוב־בעבעכעס. פאַרשמייעט ביי דער אַרבעט, אַנגעטאָן אין מאַנצבילשע שיך, אויפן קאָפ משונהדיקע קאָלירטע טיכן פון סאָביעסקיס צייטן, האָבן זיי אויסגעזען ווי עפּעס מאַסקירטע, פאַרשטעלטע, אויף אַן עקזאָטישער שוישפּיל פון אַ מין אָריענטאַלישער פאַרשטעלונג.

בעת דער אַרבעט האָבן די אויך „געמאַכט די ציישונג״, זיך דורכגערעדט פון דעם און פון יענעם. טיילמאָל איז אויך אַרויס־געשפּרונגען אַ קריגעריי מיט שלמה־יונהן־דעם־וויסער, הלמאי ער האָט נישט געמאַכט דעם ריכטיקן קאָליר וואָס ער האָט צוגעזאָגט. ער האָט זיך פאַרענטפערט מיט דעם, אַז אַ קאָליר איז אַ גאָטזאַך...

אָבער דעם פאַר פסח איז די טעמע ביים „מאַכן די ציישונג״ געווען דער קריג. דער וואָרעם פון אומרו האָט שטאַרק געגאָגט אין האַרצן. ביז ערב פסח זענען באַזוכן פון די דייטשע עראָפּלאַנען אין שטעטל געווען אָן קרבנות פון דער ציווילער באַפעלקערונג. האָט מען זיך מיט דעם געטרייסט, דער פרילינג האָט זיך אויך דעם יאָר געשטעלט גאָר פרי און דאָס האָט אויך לייכטער געמאַכט דעם שווערן געמיט. געווען אויך פרימאַרגנס ווען די עראָפּלאַנען זענען גאָר גע־קומען מער אויף אויסשפּיר, ווי אַראָפּוואַרפן באָמבעס.

גאָר אַנדערש איז אָבער צוגעגאַנגען דעם ערב פסח, וואָס האָט זיך אין ידישע שטיבער געווייַנטלעך אָנגעהויבן זייער פרי, כדי באַצייטנס אָפּצופּאַרטיקן זיך מיטן חמצדיקן פרישטיק. באַזונדערס איז דאָס געווען ביי ר׳ רפאלן, וואָס פלעגט ערב פסח אָוועקגיין פאַרטאָג אין שעכטהויז צו קענען זיין באַצייטנס צוריק אין שטוב ביים אַרויס־טראָגן דעם חמץ.

ווייזט אויס אַז די דייטשע עראָפּלאַנען האָבן זיך אויך ערב פסח שטאַרק מקדים געווען און גאָר פרי זענען זיי שוין געווען אין שטעטל און הויך געזשומעט. פּלוצעם האָבן די פענצטערשויבן אויפ־געציטערט און אָנגעהויבן אַרויספאַלן מיט אַ שטאַרקן בראַזג. די לופט איז פאַרטויבט געוואָרן פון גאָר שטאַרקע באַמבאַרדירונגען. אין גאַס האָבן זיך געהערט האַרצרייסנדיקע קולות. אַ שכנטע איז אַריינ־געלאָפן און געזאָגט ר׳ רפאלס פרוי, אַז זי האָט געהערט דאָס אין

שעכטהויז זענען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אַ סך באָמבעס, ווייל די דייטשן האָבן עס אָנגענומען פאַר אַ מיליטערישן באַראַק. געווען איז דער שעכטהויז ווייט הינטערן שטאָט און טאַקע אויסגעזען ווי אַ קאַזאַרמע.

ביילטשע הערנדיק די שרעקלעכן נייעס, האָט אַ כאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ אַ פאַטשיילע, לויפן דאָרט, זען וואָס איז געשען. אין גאַס האָט מען זי אָפּגעשטעלט, נישט געלאָזט ווייטער לויפן; זי איז דאָך אַ מאַמע פון קינדער דאַרף זי בלייבן מיט זיי. אַ באָמבע האָט איינציטיק אויך אויפגעריסן. די ערד און די הייזער זענען אויפ־געשפּרונגען פונעם מעכטיקן קראַך. גאַנצע גאַסן מיט הייזער האָבן געברענט און דאָס שטעטל איז געווען איינגעהילט אין אַ שטיקנ־דיקן רויך.

אין שעכטהויז זענען טאַקע אַראָפּגעפאַלן באָמבעס און ווי דורך אַ נס זענען די שוחטים און קצבים אָפּגעקומען בלויז מיט טויט־שרעק. מורא האָבנדיק פאַר ווייטערדיקע באָמבעס, זענען זיי געלאָפן, וווּ איינער האָט געקענט זיך באַהאַלטן.

ר׳ רפאל האָט געטראַכט פון ווייב און קינדער און אין איין אָטעם געלאָפן צו זיך אַ היים. אויפן שאָסיי וואָס האָט געפירט אין שטאָט אַריין, האָט ער געזען ווי עס ברענען בן־אדמס קאַזאַרמעס, די זענען געווען איינגעהילט אין וואָלקנס רויך. לויפנדיק, האָט ער דערהערט אַ געשריי: בלייבט שטיין! ר׳טאָרט איצט נישט לויפן. סכנות נפשות!

דאָס האָט בן־אדם געשריגן צו ר׳ רפאלן און מיט דער האַנט אים אָפּגעהאַלטן צו מאַכן אַ טריט ווייטער. זיין שווערער קערפּער האָט פאַרהאַלטן דעם סאָפּנדיקן ר׳ רפאלן. אין דעם אויגנבליק האָט די ערד דערנעבן אויפגעריסן פון אַ קראַך. בידע האָבן זיך אינסטינק־טיוו אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד באַגאָסענע מיט אַנגסטן... זיי האָבן זיך אַביסל באַרואיקט און זיך אויפגעהויבן אומבאַשעדיקט.

בן־אדם האָט דאַן געזאָגט צו אים: „איר וועט דאַרפן, ר׳ רפאל, מאָרגן בענטשן גומל אין שיל. ווען איך וואָלט אייך מיט מיין גאַנ־צער קראַפט נישט אָפּגעהאַלטן, וואָלט איר געווען גלייך אויף דעם אָרט ווו עס האָבן אויפגעריסן שפּליטערס פון דער אַראָפּגעפאַלענער באָמבע״.

געווען אַ סך הרוגים פון די דאָזיקע שווערע באָמבאַרדירונגען, צווישן זיי דער גלעזער משה אהרן. חברה קדישא האָט געאַרבעט איבער די כוחות צו קענען ברענגען די אַלע מתים צו קבר ישראל נאָך דעם זעלבן טאָג. געווען אויך פיל פאַרוווּנדעטע פון שפּליטערס און גאָר אַ סך אָפּגעברענטע הייזער. די שויבן זענען כמעט אומע־טום פון די פאַרבליבענע הייזער געווען צעבראָכן. נישט געווען

מעגלעך אַז דער איינציקער געבליבענער גלעזער זאָל דעם טאָג נאָך באַוויזן אַריינצושטעלן פרישע שויבן.

האָט מען פאַרשטעלט די פענצטער מיט וואָס איינער האָט נאָר געקענט: טערקישע טיכער, ליילעכער, אַנדערע האָבן פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך, מיט דיקט. בכלל האָט מען דאָך שוין מורא געהאַט איצט צו בלייבן אין די שטיבער, אַפּצוריכטן ביינאַכט דעם סדר, טאָמער וועלן קומען צעפּעלינען — ווער קען וויסן? געבליבן טאַקע מ׳זאָל אָפּריכטן דעם ערשטן סדר אין די קלערס. דרייסטע האָבן איינגע־שטעלט און געבליבן אין שטוב. שכנים זענען זיך צוזאַמענגעקומען, מען האָט זיך דערציילט וואָס ס׳איז אַלץ געשען אין דעם טאָג. מען האָט געשמועסט פון אַ הונדערט אַראָפּגעוואָרפענע באָמבעס. יעדער איינער האָט מורא געהאַט גיין שלאָפן, זיך אויסטאָן, טאָמער...

אָבער די נאַכט איז גראָד דורכגעגאַנגען בשלום און אויף צו מאָרגנס האָט זיך געשטעלט אַ גאָר שיינער פרילינגטאָג. מיט אַ ליבע זון, וואָס האָט זיך נישט געקענט אַדורכרייסן די פאַרקליעפּעטע פענצ־טער. יידן זענען געגאַנגען דאַוונען, אין חסידישע שטיבלעך און אין דער גרויסער שיל, ווו ס׳האָט געדאַוונט פאַרן עמוד ר׳ רפאל מיט אַ כאָר פון אַ זעקס יינגלעך, מיט זיסע שטימען, צווישן זיי זיינע אייגענע צוויי.

ר׳ רפאל האָט געהאַלטן אין מיטן הלל, און ביים פּסוק „זה היום עשה ד׳" האָט זיך דערהערט אַ גרויסער קראַך, אַ בראַזג פון אַלע שויבן. עס האָט אויסגעזען אַז ס׳איז אין שיל אַראָפּגעפאַלן די באָמבע. צוגעדריקט איינער צום אַנדערן, האָט זיך דער גרויסער עולם נישט געקענט רירן פון שרעק, געוואָרפן זיך אויף דער פאָדלאָגע מיט ספּאַז־מעס און געשרייען.

דער איינציקער וואָס איז געבליבן שטיין און ווייטער רואיק געזאָגט הלל, איז געווען ר׳ רפאל, — ווי עס וואָלט דאָ אָקאָרשט גאָר נישט געשען! זיינע כאָריינגלעך האָבן אויף דער ערד געוויינט און אַזוי אויך אַ סך אַנדערע, יונג און אַלט. גראָד האָט דעם חזנס רואיק זינגען הלל געווירקט צו באַרואיקן דעם עולם, ס׳זאָל נישט ווערן קיין פּאַניק, מ׳זאָל נישט וועלן איצט, וואַנזיניק, לויפן פון שיל און צע־טראָטן ווערן, ווי עס געשעט ביי אַ שרפה־פּאַניק אין גרויסע עפנט־לעכע ערטער.

דער עולם מתפללים האָט נישט אויפגעהערט לויבן ר׳ רפאלן. זיין קאַלטבלוטיקייט אין דער מהומה. דאָס אַליין איז באַטראַכט גע־וואָרן פאַר אַ גרויסן נס.

טוביהלע, אַ קינד נאָך דאַן, איז געווען אין שיל ביי דער גע־שעעניש און ווי אין חלום עס פאַרגעדענקט; אויך זיין טאַטנס גומל בענטשן נאָך דעם נס ערב פסח ביי בן־אדמס קאַזאַרמעס.

די ווייטערדיקע פסחדיקע טעג זענען שוין געווען פאַרהעלט־נישמעסיק רואיקע פון באַמבעס, אָבער נישט פון כאַפּן ייִדן אויף אַרבעט און נישט נאָר יונגע מענטשן. מען האָט פּשוט מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס אָדער זיצן פאַרן טיר. מען האָט זיך געפילט ווי באַלאַגערטע צווישן צוויי סכנות: דייטשע באַמבעס און צאַרישע מערדערלעכע סאָטראַפּן, וואָס האָבן געקוקט אויף ייִדן ווי שפּיאָנען פאַרן דייטשן גענעראַל־שטאַב.

קאָזאַקן רייסן אויף די בריק, צינדן אונטער דאָס שטעטל

דייטשע עראָפּלאַנען האָבן נישט פאַרגעסן צו קומען ווייטער אין שטעטל. יעדן פרימאָרגן האָט געזשומעט פון זיי, און ייִדן פלעגן אַראָפּלויפן אין די קעלערס. טייל מאָל, מיטן מעסער נאָך אין האַנט ביים גיין מאַכן „המוציא״. „זיי״ האָבן פון אויבן אָבער שוין אַזוי גוט געקענט אַלע פלעצער און אָביעקטן אונטן, אַז זיי האָבן שוין געצילט גלייך ווו מען דאַרף טרעפן...

דער פראָנט איז שוין געווען אַזוי נאָענט פון שטעטל, אַז מען פלעגט דייטלעך הערן שיסערייען פון דער אַרטילעריע. ביינאַכט פלעגט דער הימל באַלויכטן ווערן פון די אויפגעריסענע גראַנאַטן; און דאָס האָט זיך אַזוי געצויגן ביז ערב תשעה באב (יולי, 1915), ווען די קאָזאַקן האָבן אויפגעריסן די בריק איבערן נאַרעוו און אונטערגעצונדן די שטאָט. די באַפעלקערונג האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג אין 24 שעה צו פאַרלאָזן די שטאָט.

געוואָרן אַ שרעקלעכע מהומה. די שטאָט האָט געברענט פון דריי זייטן, געבליבן פריי נאָר דער שאָסיי קיין אָסטראָוו מאַזאָוויעצק. איז מען געלאָפן דינגען פורלעך. די פּרייזן, פאַנטאַסטישע! נאָר גבירים האָבן זיך געקענט דערלויבן. משפחות האָבן זיך צונויפגעלייגט אויף אַ בשותפותדיקן פורל אַרויסצופירן כאָטש עפּעס פון די נויטיקסטע שטובזאַכן. פאַרטאָג האָט זיך שוין געצויגן אַ צוג פון וועגענער איבערן שאָסיי. געפאָרן זענען קינדער און מאַמעס, די איבעריקע, געגאַנגען צו פוס — אַ טראַגיש בילד פון אַן עדה ייִדן, וואָס זענען נאָך נעכטן געזעסן איינגעפונדעוועטע אין זייערע היימען און היינט שוין געוואָרן הימלאָזע, געקרוינט מיטן נאָמען: „בעזשענצעס״.

די וועגענער מיט קינדער, פרויען און זקנים, זענען געפאָרן פּאַמעלעך איבער דעם צעבראָכענעם אָסטראָווער שאָסיי, די רעדער האָבן שווער געסקריפּעט, געקרעכצט, געקלאַפּט ביים אַראָפּפאַלן אין גריבער מיט וועלכע עס איז פול געווען דער שאָסיי. ס'איז געווען

תשעה באב אין דער פרי און ביים גיין האָבן ידן געזאָגט קינות אויף חורבן בית המיקדש און אויף זייער אייגענעם איצטיקן חורבן.

די ידישע ישובים ביי דער מזרח־פּריסישער גרענעץ האָבן דעם „נאַרמאַלן" אַנטיסעמיטיזם געקאָנט נאָך ווי עס איז דורכטראָגן אין זייערע שטעט און שטעטלעך. אָבער גלייך אינעם ערשטן יאָר פון קריג האָט מען דאָך געדאַרפט האָבן אַ שעיר לעזזל, אויף וועמען אַרויפצוּוואַרפן די שווערע מפּלות פון דער סאַמסאָנאָוו אַרמיי! „די ידן דינען דעם דייטשן שפּיאָנאַזש מיט אינפאָרמאַציעס". דער בילבול איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג דורך די צעפּוילטע רוסישע מיליטערישע סטראַטעגן, אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די שולד פאַר זייער שלימזלדיקער מיליטערישער סטראַטעגיע.

די אונטערגעצונדענע שטעט ביי דעם גרענעץ־גאַרטל, האָבן פיל צענדליקער טויזנטער און מער נאָך ידן פאַרוואַנדלט איבער נאַכט אין הימלאָזע פּליטים, וואָס האָבן זיך געשלעפּט איבער די וועגן און אומוועגן פון פּוילן און רוסלאַנד צו געפינען אַ ווינקל, וווּ איבער־צולעבן דעם קריג און דעם נע־ונד. דאָס איז אויך געווען דער גורל ביים נאַרעוו, וווּ נעכטן איז נאָך געווען אַ דורותדיק־איינגעפונדעוועטער ישוב, און היינט, אַ צעשטויבטע מחנה „בעזשענצעס".

אין שווערע מאָמענטן טרעפט אַ מאָל אַן עפּיזאָד, אַ קאָמישער שטריך, וואָס רופט אַרויס אַ שמייכל אויף די ליפּן. דער אַלטער מלמד „יאַיצאַרזש" האָט ביים כאַפּן עפּעס פון זיין שטוב אַרויסצוטראָגן אַט דעם פאַרטאָג אויפן וואָגן, גענומען אַ קעסטל אייער (זיין ווייב האָט מיט דעם צוגעהאַנדלט) און זיך אויף דעם אַרויפגעזעצט, סאַמע הינטן פון וואָגן. ער איז פון מידקייט איינגעשלאָפן און ווען דער וואָגן האָט זיך אַ גאַר הויכן שאָקל געטאָן, איז ער צוזאַמען מיטן קעסטל אייער אַראָפּגעפאַלן... דער באַלעגאָלע האָט געמוזט פאָרן צוריק און זען וווּ דער מלמד איז דאָ. אין גרוב איז „יאַיצאַרזש" גע־זעסן אויפן קעסטל און געשמאַק געשלאָפן, ווי קיין מאָל גאַרנישט! מען האָט אים אויפגעוועקט, האָט ער אַ פאַרשלאָפענער געריבן די אויגן, געחידושט, וואָס מען וויל פון אים?

ווען ידן זענען אין אָסטראָווע געגאַנגען אין דער פרי דאַוונען האָבן זיי דערזען דעם „צוג" פורן מיט ידן, מיט זייערע ביסל בעבעכעס אויף די וואָגנס. די וואָס האָבן נאָך געהאַט דאָרט קרובים האָבן ווי עס איז זיי אַריינגענומען צו זיך. די אַנדערע האָבן זיך באַזעצט שוין אין ווייבערשול, אין חסידישע שטיבלעך, אַפילו אין הקדש.

חוץ אַ דאַך איבערן קאָפּ האָבן זיי דאָך אויך געדאַרפט עסן, מעדי־צינישע הילף, חדר־יינגלעך — וווּ צו לערנען, און נאָך פיל אַנדערע דרינגנדיקע ענינים זענען תיכף באַהאַנדלט געוואָרן אויף גיך אימפּראָ־וויזירטע אסיפות פון שטאָטישע באַלעבאַטים מיט די הימלאָזע.

אויף די אסיפות זענען געווען אַ סך רייד, מער נאָך טרערן, אָבער גאַנץ ווייניק פּראַקטישע זאַכן דערליידיקט. עס זענען אַרויסגעקומען רייבונגען, האַרבע טענות — באַרעכטיקטע און נישט גערעכטע — אָבער קיין ברויט איז פון דעם נישט געוואָרן, קיין דירות זענען נישט געשאַפן געוואָרן פאַר די וואָס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט מיט די משפּחות. דאָס געשאַפענע פּראָוויזאָרישע קיך האָבן אויך נישט געקענט נוצן בכבודיקע משפחות, וואָס האָבן בעסער געוואָלט צוהונגערן, ווי אַראָפּלאָזן זיך צו דער מדרגה...

די אימפּראָוויזירטע חדרים האָבן נישט באַוויזן אַריינצונעמען אַ סך ייִנגלעך וואָס זענען אַרומגעגאַנגען פּוסט און פּאַסט איבער די גאַסן, געריסן פון די סעדער אומצייטיקע פּרוכטן. פאַלן פון דיזענטעריע האָבן זיך באַוויזן און אָנגעוואָרפן אַן אימה סיי אויף די תושבים („קען מאָרגן, איבערמאָרגן אויך אונדזער גורל נישט זיין דער זעלבער?") בפרט אויף די הימלאָזע, וואָס האָבן געלעבט אין אַזעלכע אומהיגיענישע שווערע באַדינגונגען.

די אסיפות האָבן שוין שפּעטער אַביסל געטראָגן אַן אַנדער כאַ־ראַקטער, מיט אָרגאַניזירטע פּאַרשטייער פון די הימלאָזע, וואָס זענען געוואָרן די ראָש־המדברים פון די נויטן, אַן דעם טומל פון גאַס, פון די שרייערס...

דאָס איז אָבער ערשט געשען ווען עס זענען אַראָפּגעקומען אין די גרענעץ־געביטן שליחים פון מאָסקווע צו אָרגאַניזירן הילף גאָר אויף אַן אַנדער אופן, ווי ס'האָט זיך געפירט אויפן אַלטמאָדישן שטייגער אין די שטעטלעך פון פּוילן.

עס זענען געקומען אידעאַליסטישע יונגע בחורים און מיידלעך מיט אַ וואַרעם ייִדיש האַרץ און מיט אַ געזעלשאַפטלעכן צוגאַנג צו פירן הילפסטעטיקייט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גאָר אַנדער אָפּ־קלאַנג ביי די „בעזשענצעס".

„יע־קאָ־פּאָ"

אין מאָסקווע האָט זיך געשאַפן אַ ייִדישע געזעלשאַפט צו העלפן די מלחמה־קרבנות. אונטער דעם טיטל פון די רוסישע ראשי תיבות, יע־קאָ־פּאָ, האָט די געזעלשאַפט גרופּירט אַרום זיך די אידעאַליסטישע ייִדישע דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ פון מאָסקווע און פּעטראָגראַד, יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן זיך מיט אַזאַ וואַרעמקייט אָפּגערופן מ"זאָל זיי שיקן אויף די מלחמה־פראָנטן פון די ייִדישע שטעט און שטעטלעך, טראָגן דאָרט הילף צו די אַלע וואָס זענען געפאַלן קרבנות פון קריג און העצערישן אַנטיסעמיטיזם וועגן „ייִדישן שפּיאָנאַזש".

קיין אַסטראַו מאַזאָוויעצק איז אָנגעקומען אַ גרופּע יונגע פאַר־שטייערס פון מאָסקווע און אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ הילפטעטיקייט אויף אַ געזעלשאַפטלעכן דעמאָקראַטישן סיסטעם. נייע פאַרמען ביים באַשפּייזן און באַקליידן די נויטבאַדערפטיקע, די נעמערס זאָלן זיך נישט פילן שנאָרערס, דערנידעריקט, ביים נעמען צדקה אויפן אַלטן שטייגער.

פאַרשטייט זיך, אַז די שיינע עטישע מידה פון מתן בסתר איז געוואָרן דער ווינקלשטיין פון דער הילפאַרבעט, ווו ס׳איז נאָר געווען מעגלעך. עס זענען אויך אויפגעשטעלט געוואָרן סאָציאַלע קיכן, ווו עס זענען באַשעפטיקט געווען בעזשענצעס אונטער דער אויפזיכט פון די יונגע שליחים. זייער פרינציפּ איז געווען: שאַפן טעטיקייטן, ווו ס׳זאָלן זיין אַקטיוו די פּליטים. דורך זיי פאַרטיילן — אויף אַ בכבודיקן אופן — געלט, זאַכן, פּראָדוקטן, פאַר די אַלע וואָס קענען זיך נישט אַראָפּלאָזן און קומען אין דער „סטאָלאָווע" עסן. דאָס איז דאָך פאַקטיש געווען ביים רוב מנין פון די בעזשענצעס. די געעפנטע קיך האָט אָבער געהאַט געגוג אַרבעט.

די מאָסקווער פאַרשטייער פון יע־קאָ־פּאָ האָבן גאַנץ שנעל זיך אָריענטירט אין דעם מצב. זיי האָבן צוגעצויגן פּאַסיקע מענטשן פון די בעזשענצעס און פון תושבים צו דער הילפאַרבעט. עס איז באַ־שטימט געוואָרן ר׳ רפאל זאָל שטיין אין דער שפּיץ פונעם הילפ־קאָמיטעט.

די וויכטיקסטע אַרבעט איז קודם געווען אַרויסצונעמען משפחות פון ווייבערשול, פון מנינים און איינקוואַרטירן זיי אין פּריוואַטע וווינונגען. אַ סך פאַמיליעס, וואָס האָבן געלעבט אין אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען זענען טאַקע באַזאָרגט געוואָרן מיט אַן אייגן ווינקל, אַ ביסל ענג געווען, אָבער נישט קיין פאַרגלייך צום מצב ווי זיי האָבן זיך געפונען פריער. עס האָט אויך גוט געאַרבעט די באַזאָרגונג פון פּראָדוקטן, די פאַרטיילונג, באַשפּייזונג.

אויסגעקומען אויך אויסצוגלייכן סיכסוכים, אומפאַרמידלעכע אין די געגעבענע באַדינגונגען, ביי מענטשן מיט פאַרשידענע טעמפּעראַ־מענטן. ביי דעם האָט ר׳ רפאל טאַקע געהאַט אַן אַ שיעור אַרבעט און אָוועקגעגעבן מי, פאַרנאַכלעסנדיק זיין אייגענע פאַמיליע, וואָס האָט זיך געפונען אין גאַנץ שווערע באַדינגונגען. צום גליק האָט ער געהאַט אַ פאַרשטענדלעכע פרוי, ביילטשע, וואָס האָט גענומען אויף זיך אַ שווערן עול דער מאַן זאָל זיך קענען אָפּגעבן מיט דער געזעלשאַפט־לעכער הילף פאַר אַלע בעזשענצעס טאָג און נאַכט. ר׳ רפאל האָט געהאַט אַ גוטע נאַטור, אַ סך הומאָר, מיט אַ וויץ, אַ גלייכווערטל קענען אויפהייטערן דעם געמיט ביי די אַרומיקע, אין שווערע דערדריקנדיקע צייטן.

אין זיין אָקאָרשט־אָנגעהויבענעם נע־ווּנד לעבן פון אַ בעזשעניץ, האָט ער זיך געהאַלטן מיט ווירדע און געמיטלעכקייט. ווי אָנגעזאָלצן עס איז אים נישט געווען אויפן האַרצן, האָט ער געשטיקט אין זיך און מיט אַ שפּאָס, אַ ווערטל פאַרלייכטערט דעם געמיט. עס האָט געטראָפן, אַז ער האָט אויף אַן אסיפה זיך דערפילט שלעכט. צווישן די יע־קאַ־פּאַ שליחים זענען געווען יונגע דאָקטוירים, וועלכע האָבן אים געגעבן אויפן אָרט הילף. אויף צו מאָרגנס איז ער שוין געווען צוריק ביי דער אַרבעט. פרעגט מען אים, וואָס האָבן די פּעסטגע־שטעלט וועגן אייער האַרץ? — אַז ס'איז אַ ייִדיש האַרץ, — האָט ער מיט הלצה געענטפערט.

ר' רפאל פלעגט ליב האָבן צו אונטערהאַלטן זיך מיט די ייִנגע יע־קאַ־פּע מענטשן, שפּאַסן מיט זיי ביי שווערע סיטואַציעס, ביים זוכן אַ לייזונג, אַן אויסוועג. געוואָרן נענטער מיט זיי, אינטימער. עס האָט זיך אין דער געמיינזאַמער אַרבעט פאַרפעדעמט אַ פריינדשאַפט, בפרט מיט דעם ראש החבורה פון דער דעלעגאַציע, מיטן נאָמען איסאַק זאַכאַראָוויטש. ער איז שוין דאַן געווען אַ פאַרענדיקטער געשווירענער אַדוואָקאַט, און דאָס ביי זיינע פינף און צוואַנציק יאָר. געשטאַמט פון דווינסק, לעטלאַנד, פון אַ גאָר יחוסדיקער משפחה, פון חסידישן גזע. גערעדט האָט ער אַ ווייכן סאַמעטענעם ייִדיש און ער פלעגט איבער־זעצן פאַר זיינע קאָלעגן ייִדישע ווערטער, אַרויסזאָגונגען און פאַרשלאָגן פון די בעזשענצעס אינעם הילפקאָמיטעט.

דאָס אויסטערלישע פאַר ר' רפאלן איז געווען, וואָס אָט דער „מאָסקאָוויעץ" פלעגט דורך מיט אַ מאמר חז"ל זיינע שמועסן מיט אים. ער האָט אויך אגב דערציילט, אַז בעת ער האָט שטודירט אַדוואָ־קאַטור אין היידעלבערג, האָט ער געהאַט מיט זיך דיין גמרא־רבין, וועלכער האָט מיט אים געלערנט יעדן טאָג אַ בלאַט גמרא. דאָס גופא האָט נאָך ר' רפאלן מער צוגעצויגן צו דעם בחור, וואָס האָט זיך געריסן צו מעשים, עפּעס מתקן זיין, שוין אויפטאָן ממשותדיק אין זיין יונג לעבן.

ר' רפאל פלעגט זיך מיט אַ שטאַרקן אויפמערק צוהערן צו זיין רעדן, וואָס האָט געאָטעמט מיט אויפריכטיקייט, וואַרעמקייט. דאָ און דאָרט האָט אַ בליץ געטאָן אַ גייסטרייכע באַמערקונג, אַ קלוג ווערטל, באַגלייט אָפט מיט איראָניע איבער זיך אַליין. נישט געווען אין אים קיין שמץ פון גאווה. אַ בחור אַ הדרת פנים, טונקל בלאָנד, מיט אַ פּאָר ליכטיקע בלויע אויגן, און אַ טשופּרינע, וואָס האָט נישט געוואָלט איינזיצן אויף אַן אָרט. ביים רעדן פלעגט זיין טשופּרינע אַרויסשפּרונ־גען פון הינטערן פאַררוקטן מאָסקווער קאַפּעליוש און דאָס האָט צוגעגעבן אַ באַזונדער חן.

ר' רפאל פלעגט אין שטוב האָבן וואָס צו דערציילן פון דעם

„מאָסקאָוויעץ". פֿאַר בר־מצווה דורכגעלערנט אין אַ קורצער צייט אַ צוויי הונדערט בלאַט גמרא. מער פֿאַרווּנדערונג האָט אָבער אַרויסגע־רופֿן זיין אַנטשלאָסנקייט צו מעשים און זיין נשמה־וואַרעמקייט ביים באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פֿון הימלאַזיקייט און פּיקוח נפש. אַ ווּנדערלעכער שמועסער געווען, מיט אַ געצוימטן פּאַטאָס, מיט אַ וואַרעם געפֿיל צום מיטמענטש, צום לײַדנדיקן יחיד. מען האָט נאָר געדאַרפֿט זען, מיט וואָס פֿאַר אַ רעספּעקט עס באַציִען זיך צו אים זיינע מאָסקווער חברים, זיי האָבן געהאַלטן פֿון אים אַן עולם ומלואה! עס איז ווירקלעך געווען אין אים עפּעס פֿון נישט־געוויינטלעכן שניט — אַלץ אַנדערש, אייגנאַרטיק אין זיין גאַנצער התנהגות. נישט קיין חידוש וואָס דער נאָמען איסאַק געווען ביי אַלע אויף די ליפּן.

מען לויפֿט שוין אויך פֿון אַסטראַוו...

נאָך אײדער די בעזשענצעס האָבן באַוויזן ווי נישט איז זיך איינ־אָרדענען און קענען ווי עס איז לעבן מיט אַ רואיקן קאָפּ אין דער פֿרעמד, האָט זיך דער פֿייער־פֿראָנט ווידער צוגערוקט גאָר נאָענט צו זיי. צו ערשט, איינציקע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, שפּעטער — גאַנצע סקאַדראָנען וואָס האָבן מיט זייערע באָמבאַרדירונגען אַרויסגערופֿן אַ גרויסן פּאַניק.

אַמשטאַרקסטן האָבן עס ווידער איבערגעלעבט די אַנטלאָפֿענע פֿון פֿייער. זיי האָבן דאָך שוין גוט געוווּסט דעם „טעם" פֿון פֿריער, און איצט געפֿילט, אַז דער מלחמה־פֿייער יאָגט זיי נאָך.

האָט זיך ביי אַ סך פֿון די בעזשענצעס אָוועקגעשטעלט די שאַרפֿע פֿראַגע: וווּהין לויפֿט מען? די מיינונגען האָבן זיך געטיילט. געווען אַזעלכע וואָס האָבן באַשלאָסן: מיר לויפֿן נישט ווייטער, סיידן מען וועט אונדז אַרויסטרייבן אויך פֿון אַסטראַוו און אונטערצינדן די שטאָט. אָבער אַזוי לאַנג ווי דאָס איז נישט געשען — זיצן מיר אויפֿן אָרט.

די מערהייט האָט געהאַלטן אַז מען דאַרף לויפֿן, צו זיין וואָס ווייטער פֿון פֿייער. אונטער אַ האָגל פֿון באָמבאַרדירונגען זענען אָנגעגאַנגען די וויכוחים: בלייבן אָדער לויפֿן ווייטער? קיינער האָט זיך אָבער דערוייל נאָך נישט גערירט ביז ס'איז געמאָלדן געוואָרן אָפֿיציעל, אַז ס'פֿאַרמירט זיך אַן „עשאַלאָן" צו פֿאָרן טיף אין רוסלאַנד. די ברירה בלייבט ביי דער באַפֿעלקערונג אַליין צו באַשליסן ווער עס וויל ווערן עוואַקויִרט און ווער נישט.

די וואָס האָבן שוין פֿריער געטראַכט צו לויפֿן ווייטער, האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דעם עוואַקואַציע־צוג און זיך אָנגעמאָלדן צום פֿאָרן; נישט אַריינטראַכטנדיק, וווּהין מען וועט זיי פֿירן. סיי ווי האָבן די

יידן דאָך קיין מאָל נישט געהערט די נעמען פון די גובערניעס און שטעטלעך פון צענטראַל־רוסלאַנד, ווי פון נאָך ווייטערע מקומות. געטראַכט האָבן זיי איצט נאָר פון איין גדאַנק: נישט צו הערן מער דעם קראַך פון די באָמבעס און די טויטשרעק איבערלעבעניש.

עס האָט זיך צוגערוקט דער טערמין פון עוואַקואַציע, און מען האָט געמוזט ענטגילטיק דעצידירן, און דאָס איז געווען דאָך איינע פון די שווערסטע זאַכן. געווען משפחות ווו אַ טייל איז געווען פאַר און אַ טייל — קעגן. אויך אין ר׳ רפאלס משפחה איז נישט געווען קיין איינשטימיקייט. צו דעם האָט מיט דער שוויגער געטראָפן אַ פאַרפאַל, צעבראָכן אַ פוס, במילא נישט שוין געקענט פאָרן.

אַ מערקווירדיקע אשת חיל איז געווען די שוויגער זיינע, טויבטשע. אַ קליינגעוואוקסיקע, אַ פעט קיילעכדיק פנים ווי אַ האַלבע לבנה, פליי־שיקע גראָבע ליפּן. דער גאַנצער אויסדרוק פון איר פנים, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, האָט דערציילט פון אַ שטאַרקן כאַראַקטער, וואָס פירט אויס וואָס זי וויל. נעבן שטעטל ביים נאַרעוו, האָט זי געפירט די געשעפטן, געהאַט די דעה וואָס יאָ און וואָס נישט. אָבער געמאַכט עס אויף אַן אײדעלן אופן, ווי זי לאָזט עס איבער פאַרן מאַן צו באַשליסן, נאָר בפירוש אונטערגעשטראָכן וואָס זי וויל ער זאָל זאָגן... ער האָט מסכים געווען צו דער ראָל זיינער און געלאָזט זי זאָל פירן די גרענדע. אַ מתנגדישער ייד געווען, אַ וויל־לערנער, האָט ער מער געקענט אין ספרים ווי אין מסחר. ער האָט זייער גערן געהאַט דעם אײדעם זיינעם, מיט אים גערעדט ביים טרעפן זיך נאָר דברי תורה. זיי האָבן אין אָסטראָוו געשמועסט וועגן פאָרן קיין רוסלאַנד מיטן עוואַקואַציע־צוג אָדער בלייבן. ער האָט געהאַלטן ,אַז צוליבן פאַרפאַל דאַרפן זיי בשום אופן זיך נישט אָפּהאַלטן פון פאָרן, אויב זיי האַלטן נאָר דערביי.

דאָס איז אויך געווען די מיינונג פון דער געליטענער גופא. זי האָט געאַרבעט מעשים מיט איר טאָכטער ביילטשע, נאָר אין זינען צו האָבן, בפרט אין באַדינגונגען פון די מלחמה־סכנות, דאָס לעבן און זיכערקייט פון איר אייגענער פאַמיליע און נישט פון אירע עלטערן.

אויך די מאָסקווער שליחים האָבן שטאַרק צוגערעדט ר׳ רפאלן צו פאָרן, צוגעזאָגט אים בייהילפיק זיין ביים איינאָרדענען זיך אין צענטראַל־רוסלאַנד ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן און דאַן וועט ער קענען צוריקפאָרן אויף זיין אַלטן אָרט, וואָס וועט דאָך זיין שוין צוריק אויפגעבויט. דער „מאָסקאָוויעץ״ איסאַק האָט ביי ר׳ רפאלן אין שטוב דערציילט וועגן דעם קאַזיאָנעם רב אין מאָסקווע ר׳ יעקב מאַזע, אַן אָפּשטאַמיקער פון מסטיסלאַוו, אַ גרויסער תלמוד־חכם, אַ טיפער למדן און אַ גאָר האַרציקער ייד, אַ נוח לבריות. ער איז זיינער אַ נאָענטער ידיד און וועט ר׳ רפאלן באַקענען מיט אים. ער גלויבט, אַז ס׳וועט

זיך זיכער איינשטעלן צווישן זיי גאָר האַרציקע נאָענטע באַציאונגען. אגב, האָט ער שוין אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם רב מאָזע גע־שריבן וועגן ר׳ רפאלן און זיין אַרבעט צווישן דער פּאַרטריבענער עדה יידן קיין אַסטראַוו.

פון אַלע דיטן זענען געווען באַמיונגען, ר׳ רפאל זאָל מיטפאָרן, נישט לאָזן די בעזשענצעס וואָס פאָרן קיין רוסלאַנד אָן אַ מנהיג. נישט געווען מער קיין שום ספק, אַז זיין גורל איז פאַרבונדן מיט די וואָס ווערן עוואַקואירט. ר׳ רפאל האָט שוין געמוזט איצט אויף גאָר גיך מיטהעלפן איינפּאַקן די נויטיקסטע זאַכן און זיך לאָזן אין דעם וויטן אומבאַקאַנטן וועג, וואָס האָט געפירט די בעזשענצעס צו נייע געשיכט־לעכע גורלות אויף די ברייטע שטחים פון צענטראַל־רוסלאַנד.

עס איז געווען אַ שטאַרק־רירנדיקע געזעגעניש נישט נאָר אין דער משפחה צווישן דעם געבליבענעם טייל מיט דעם עוואַקואירטן פון ר׳ רפאלן, נאָר אויך צווישן אים מיט די אַלע, וואָס זענען פאַרבליבן איבערצוואַרטן אין אַסטראַוו ביז דער דייטש וועט זיי פאַרנעמען און לאָזן צוריקפאָרן אין זייער אַלטן ווינאַרט.

ר׳ רפאל איז געווען זייער באַליבט ביי אַלע שיכטן יידן פון דער אַלטער היים, פון די יאָרן ווען מען איז נאָך געזעסן אויף אַן אָרט, זיך געעלטערט, ווי עס מאַכט זיך, אין צער און אין פרייד. נישט געווען קיין שמחה וווּ ר׳ רפאל זאָל נישט משמח זיין דעם עולם. זיינע ניגונים זענען דאָך נאָכגעזונגען געוואָרן אין וואַרשטאַטן און זמירות. אָבער אַ חוץ זיין נגינה, איז ער דאָך בכלל געווען אַ גאָר ליבלעכער מענטש, געצירנט פון זיין באַליבטן טאָטן, די בעסטע שטריכן און מידות. נישט געבלאָזן פון זיך, געהאַלטן זיך גאָר היימיש מיט אַלע. מען האָט פון קיינעם קיין שלעכט וואָרט נישט געהערט וועגן אים רעדן. און נאָכן גירוש פון שטעטל, זענען די פעדעם געוואָרן נאָך ענגער פאַרבונדן צווישן אים מיט דער עדה בעזשענצעס אין אַסטראַוו.

דער עשאַלאָן מיט די בעזשענצעס שלעפּט זיך...

לאַנגזאַם האָט זיך געשלעפּט דער עשאַלאָן צו מזרח. די באַנליניעס זענען געווען פאַרנומען מיט מיליטערישע טראַנספּאָרטן, וואָס זענען פון מזרח געפאָרן קיין מערב, דעריבער פלעגט דער עשאַלאָן אָפט דאַרפן בלייבן שטיין נישט נאָר אויף די גרויסע קניפּסטאַנציעס, נאָר אויך אויף די גאַנץ קליינע, פאַררוקט ווערן דאָרטן אויף אַ זייטיקער ליניע גאַנצע טעג, ביז עס איז פאַר אים געוואָרן פריי אַ באַנליניע. די

מיליטערישע צוגן זענען געגאַנגען טאָג און נאַכט, געפאָרן צו די פראָנטן, קאָמפּלעטירן די צעקלאַפּטע רוסישע דיוויזיעס, וואָס האָבן געליטן שטאַרקע פאַרלוסטן. עס האָט גאָר נישט גענומען קיין סוף צו די מיליטערישע טראַנספּאָרטן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן צום פראָנט; און פון פראָנט — שוין די צעשמעטערטע אָפּטיילונגען, פאַרווונדעטע זעלנער, אין די אימפּראָוויזירטע לאַזאַרעטן מיט צעהרגעטע, קוים זשיפּענדיקע סאָלדאַטן, שוין געפירט צוריק צו די גרויסע שפּיטאָלן פון הינטערלאַנד.

ענדלעך, ווען עס איז שוין געווען אין גאַנצן פריי אַ באַנליניע, האָט דער עשאַלאָן ערשט אָנגעהויבן רירן זיך, דער געמיט פון די בעזשענצעס ווערט אַ ביסל אויסגעלייטערט פון די געדריקטע שטי־מונגען, צו בלייבן אויף אייביק ערגעץ שטעקן אין אַן עק, אויסגיין — מען ווערט דאָך אפילו נישט וויסן ווו זיי זענען אומגעקומען?

נאָך אַלעמען איז עס דאָך נישט געווען אַזוי שלעכט. אויפן וועג ביים דורכפאָרן ייִדישע שטעט און שטעטלעך, האָט מען באַצייטנס געוווּסט שוין פון דייער אָנקום, דעלעגאַציעס פלעגן ברענגען צום צוג פון כל טוב: עסנוואַרג, מלבושים, בפרט ערב שבת, ווען מען פלעגט שוין ברענגען צו די בעזשענצעס צו פיל עסן. ר׳ רפאל איז דורך די מאָסקווער שליחים באַשטימט געוואָרן צו זיין דער ראש פון אַ בעזשענ־צעס־קאָמיטעט אין צוג, און זיך פאַרנעמען מיט אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט דער רייזע. דאָס האָט באַטייט נישט נאָר פאַרטיילונג פון עסן און באַקליידונג, נאָר אויך באַזאָרגן דעם חינוך פון די ייִנגלעך; פון די רעליגיעזע הצטרכותן ביי די עלטערע, פון אַלע ענינים וואָס וועלן אַרויפשווימען בעתן פאָרן.

ר׳ רפאל האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גוטן אָרגאַניזאַטאָר און דער קאָמיטעט פון צוג איז באַשטאַנען פון פאָרשטייערס אין יעדן וואַגאָן. אויף די לענגערע אָפּשטעלן פלעגן זיין פלענאַרע זיצונגען פון גאַנצן קאָמיטעט צו באַהאַנדלען אַלע לויפנדיקע ענינים. די אסיפות פלעגן פאָרקומען אין דעם וואַגאָן ווו ס׳איז געווען אויך אַ פּראָוויזאָ־רישער בית־התפילה אין די שבתים אויך אין אַנדערע רו־טעג.

טוביהלע פלעגט מיטגענומען ווערן אויף די זיצונגען, מחמת ער האָט געקלעפּט צום טאַטן, נישט געוואָלט פון אים אָפּטרעטן. ער פלעגט מיטן בליק באַטאַפּן דאָס וואָס ער האָט געזען אויפן וועג און כסדר געשטעלט קשיות: פאַרוואָס? בעת די פאַרצויגענע אסיפות, איינשלאָפן און זיך שוין אויפכאַפּן אין זיין וואַגאָן...

די רייזע האָט זיך געצויגן. טעג און נעכט פלעגן זיך דורכוועקס־לען, פונקט ווי דער צוג אויף די באַנשינעס. מען האָט אָנגעהויבן פאַרלירן דעם חשבון: ווי לאַנג פאָרט מען שוין? באַוויזן שוין דורכ־

צושנײַדן אַזוי פֿיל שטעט און שטעטלעך, גובערניעס, געאָגראַפֿישע שטחים, ביז מ'איז אָנגעקומען קײַן מינסק, אין ווײַסרוסלאַנד.

מינסק

ווען דער צוג מיט די בעזשענצעס איז אָנגעקומען קײַן מינסק, האָט מען גלײַך געוווּסט, אַז ער וועט אויף דער גרויסער קניפּ־סטאַנציע זײַער לאַנג שטיין. ער איז טאַקע באַלד איבערגעוועקסלט געוואָרן אויף אַ ווײַטער זײַטיקער ליניע, דער סימן, אַז ער וועט דאָ אַ סך טאָגן און נעכטיקן.

דער עולם איז אַוועק אין שטאָט אַרײַן באַגעגענען זיך מיט ייִדן. געווען איז דאָס אַ פֿרײַטיק, ערב ראש חודש. די שטאָטישע ייִדן וואָס זײַ האָבן באַגעגנט אויפֿן וועג האָבן זיך אויסגעפֿרעגט וועגן די פּראָנטן, די רייזע־באַדינגונגען, און פֿאַרבעטן צו זיך אויף שבת. פֿרײַ־טיקצונאַכטס האָט ר' רפֿאל מקבל שבת געווען אין שיל און אויך שוין געדאַוונט פֿאַרן עמוד דעם שבת ראש חודש. זײַן זאָגן און זינגען איז געפֿאַלן געוואָרן און מען האָט אים פֿאַרגעלייגט צו בלײַבן אין מינסק אויף אַ שטעלע פֿון חזן־שוחט.

ער האָט העפֿלעך אָפּגעזאָגט, דערקלערנדיק, אַז ער פֿאָרט מיט די בעזשענצעס פֿון זײַן שטעטל און וועט זײ נישט פֿאַרלאָזן. ר'וועט מיט זײ פֿאָרן ווײַטער און ווײַנען מיט זײ צוזאַמען. היות דער עשאַלאָן איז געשטאַנען איבער אַ וואָך, האָבן די מינסקער ייִדן אַרויסגעוויזן צו די בעזשענצעס אַ זעלטענע אהבת ישראל, וואָס עס איז געווען דאָך אַזוי אייגן דעם אַמאָליקן רוסישן ייִדנטום. מען האָט די בעזשענצעס פֿאַרבעטן צו זיך און מהנה געווען פֿון אַלדאָס גוטס. מען האָט זיך אַזוי דער־נענטערט און פֿאַרהיימישט, אַז ס'איז געווען שווער אַוועקפֿאָרן פֿון אַזעלכע האַרציקע ייִדן.

צוערשט איז נישט געווען אַזוי לײַכט מיט דער אויסשפּראַך און מיט געוויסע אויסדרוקן, רעגיאָנעלע, וואָס זענען באַנוצט געוואָרן אין דער רייד־שפּראַך אין פֿאַרשידענע געביטן פֿון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע (ווו עס האָט דאָך דעמאָלט געהאַט געלעבט דער רוב מנין פֿון ייִדישן פֿאָלק).

טוביהלע האָט אויפֿגעכאַפּט אַ וואָרט „זאַראַזע" און זיך מיט אים אַרומגעטראָגן ווי מיט אַן אבן טוב. ביסלעכווײַז האָבן די ייִדן פֿון מינסק און די פּליטים פֿון פּוילישן נאַרעוו־געגנט, זיך בעסער פֿאַר־שטאַנען, און נישט נאָר אינעם רעדן נאָר אויך אין דעם ריטעם פֿון זײַער האַרצקלאַפּ. נאָך אַ וואָך זײַן און פֿאַרברענגען אין דער נאָענט־שאַפֿט פֿון מינסקער ייִדן, איז זײַער שווער געווען דאָס אַוועקפֿאָרן פֿון

אַט דער האַרציקער וואַרעמקייט וואָס האָט געשטראָמט פון זייערע הערצער צו די קרבנות פון מלחמה־פּייער.

עס איז געווען אַ שטאַרק־רירנדיקע געזעגענונג מיט די אָרטיקע יידן, וואָס זענען געקומען אויפן וואָקזאַל באַגלייטן דעם עשאַלאָן קיין צענטראַל־רוסלאַנד. מען האָט שוין דאַן געוווּסט, אַז מען פאָרט זיך באַזעצן אין טאַמבאָווער גובערניע. עס זענען אַנגערופן געוואָרן די שטעטלעך, אומבאַקאַנטע נעמען, וואָס מ׳האָט דאָך קיין מאָל אין לעבן נישט געהערט פון זיי. אויך זיך דערוווּסט, אַז נישט אַלע וועלן זיין אין דער זעלבער שטאָט, נאָר ווערן צעטיילט לויט אַ פּלאַן פון יע־קאָ־פּאָ.

דאָס אַלץ האָט ר׳ רפאל געהערט פון מינסקער פאַרטרעטער פון דער יע־קאָ־פּאָ־געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אויספירלעך דורך די טעג פון זייער אויפהאַלט דורכגערעדט מיט אים בנוגע דעם פאַרלויף פון דער רייזע ביז מינסק און האָט געשריבן אַ באַריכט וועגן דעם צו דער צענטראַלע.

ביים דאָן

אַ שטעטל ביים דאָן: לעבעדיאַן

אַ קליין פאַרשלאָפן שטעטל ביים טייך דאָן, נישט ווייט פון דער סטאַנציע אַסטאַפּאָוואָ וווּ עס איז געשטאָרבן גראַף לעוו טאָלסטאָי, בעת ער איז אַנטלאָפן פון זיין פּרוי און היים. דאָס שטעטל האָט גע־הערט צו דער טאַמבאָווער גובערניע, אָבער אין אַ זייט פון די גרע־סערע שטעט. אין דעם שטעטל זענען אויסגעשטיגן נאָר אַ טייל פון די בעזשענצעס. די איבעריקע זענען געפאָרן קיין ליפּעצק, וואָס גע־הערט צו דער זעלבער גובערניע. יע־קאָ־פּאָ האָט צעטיילט די גרויסע צאָל בכדי עס זאָל נישט פאַלן אַ גרויסע לאַסט אויף איין אָרט; אויך צוליב מורא קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך אַנגעהויבן פאַר־שטאַרקן מיטן אָנקום פון די בעזשענצעס.

כאַראַקטעריסטיש, וואָס די צאַרישע אַדמיניסטראַציע האָט זיך געמאַכט פאַרזען בנוגע דעם תחום המושב פאַר יידן אין רוסלאַנד און געלאָזט די בעזשענצעס זיך באַזעצן אין ערטער, וווּ פריער האָט מען דערלויבט צו וווינען יידן נאָר פון דער ערשטער און צווייטער גילדע.

במילא האָבן דאָך אין די שטעטלעך קיין סך רוסישע ייִדן נישט געוווינט.

די אָרטיקע ייִדן האָבן אויסגעזען פּונקט אַזוי ווי די קאַצאַפּן און פאַר די פּוילישע ייִדן האָט עס פון אָנהייב אויסגעזען אויסטערליש. קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט קיין באָרד, אפילו נישט דער אַלטער שוחט זייערער, מיט זיינע גרויסע וואָנצעס, וואָס האָבן באַרעמט זיין איינגעפּאַלענער מויל.

גערעדט האָבן זיי נאָר רוסיש, געציילטע פון זיי האָבן פאַרשטאַנען ייִדיש, אָבער רעדן, נישט קיין וואָרט. אַן אויסנאַם איז געווען די פרוי פון אַ ייִדישן דאָקטער, וואָס האָט געשטאַמט פון קורלאַנד. זי האָט געקענט אַ גוטן ייִדיש, דער מאַן אירער פלעגט אויך אַ ביסל רעדן אויף אַ צעבראָכענעם ייִדיש. ווענן זיי ווען אונדז נאָך אויסקומען אַ סך צו דערציילן.

מען קען זיך פאָרשטעלן, פון דער אַנדערער זייט, וואָס פאַר אַן איינדרוק די פּוילישע ייִדן האָבן געמאַכט אויף די רוסישע, וואָס האָבן קיין מאָל פאַר זייערע אויגן נישט געזען אַזאַ עקזאָטיק: די העוויות, דער גאַנג, די הלבשה, די שפּראַך — אַלץ אַזוי אויסטערליש פרעמד פאַר זיי — איז פאַרטראָגן געוואָרן פּלוצעם דורכן גרויסן מלחמה־שטורעם צו זייערע מקומות.

עס איז געשטאַנען צווישן זיי נישט בלויז אַ שפּראַכלעכע באַריערע — ס׳רוב פּוילישע ייִדן פון דעם עשאַלאָן האָבן געקענט נאָר אַ צעקאַליעטשעטן רוסיש — דערציונג, קולטור און אַ פאַרשידנאַרטיקער דורותדיקער לעבנסשטייגער האָט אָפּגעטיילט דעם פּוילישן ייִד פונעם רוסיש־געבוירענעם. און מען איז דאָך נישט געקומען אין קאָנטאַקט איינער מיטן אַנדערן אין זייערע ווייט־אָפּגעזונדערטע וווינלענדער.

די באַריערעס דאַרף מען האָבן פאַרן אויג אין שייכות פון די צונויפמענטרעפן אין 1915. די פּוילישע און די רוסישע ייִדן האָבן זיך באַגעגנט און זיך נענטער באַקענט איינער מיטן אַנדערן. די רוסישע ייִדן זענען געווען תושבים, די פּוילישע, בעזשענצעס, געטריבענע פון מלחמה־פייער, האָבן זיך געדאַרפט אַקלימאַטיזירן אין זייערע נייע באַדינגונגען. דאָס איז תמיד אַ שווערער פּראָצעס ביי יעדער אויסוואַנדערונג. צי דאָס איז מעבר לים, אָדער אפילו אין דער זעלבער אימפּעריע ווי די רוסישע.

אַ דעלעגאַציע פון די באַלעבאַטים איז אַרויסגעקומען אָפּצוּוואַרטן דעם צוג, לויט די אינסטרוקציעס פון יע־קאָ־פּאָ אין מאָסקווע. געווען אַ וואַרעמע באַגעגעניש, כאָטש דורך וויניק ווערטער, צוליב דער שפּראַכלעכער באַריערע. ס׳איז דאָך אָבער אויך דאָ אַ נשמה־לשון, וואָס שפּרייזט אַריבער אַלע באַריערעס.

נישט געווען קיין גרויסע צאָל יידישע נפשות אין שטעטל — בערך אַ הונדערט — און בעזשענצעס זענען אַראָפּגעקומען אַ פּאָר הונדערט צו באַזעצן זיך אין לעבעדיאַן. געווען איז דאָס אַלץ באַשטימט פון אויבן, פון יע־קאָ־פּאָ. די דעלעגאַציע וואָס איז געקומען מקבל־פּנים זיין איז באַשטאַנען פון דער דיפּלאָמירטער יידישער אינטעליגענץ: דער יידישער דאָקטער מיט זיין פרוי, אַ יידישע דענטיסטקע, אַן אַדוואָקאַט, אַן אָנגעזעענער סוחר (אויך מיט העכערער בילדונג) און דער אַלטער שוחט, וואָס האָט געדאַרפט זיין דער דאָלמעטשער ביים פאַרשטענדיקן זיך. היות ער איז געווען אַ ביסל טויבלעך, האָט דעם דאָקטערס פרוי, וואָס האָט זייער פליסיק גערעדט יידיש, געשאָפן גלייך די בריק צווישןביידע לשונות, ביים דערליידיקן פאָרמאַליטעטן און ביים פירן די בעזשענצעס אין שטאָט אַריין צו די צוגעגרייטע וווי־נונגען פאַר זיי.

אין יעדער וווינונג איז געווען אָנגעגרייט עסנוואַרג, אָבער ס'איז אויך שוין געווען צוגעגרייט אַן אַלגעמיינע סטאָלאָווע, ווו נויטבאַ־דערפטיקע וועלן קענען קומען עסן מיטאָגן. טאַקע אין דער סטאָלאָווע איז פאָרגעקומען דער וואַרעמער קבלת־פּנים, מען האָט געמאַכט אַ „לחיים".

די רוסישע יידן האָבן זיך פריוויליק וואַרעם באַשטייערט צו צאָלן אַ געוויסע מאָנאַטלעכע סומע, איינצוקויפן מעבל, כלים, און געבראַכט אויך זאַכן פון זייער אייגענער באַלעבאַטישקייט. זיי האָבן שוין געהאַט באַקומען אויך פון דער יע־קאָ־פּאָ צענטראַלע ברייטע הילף — געלט און זאַכן — פאַר די בעזשענצעס.

די תושבים האָבן געהאַט צוגעגרייט אַ קאָמיטעט און די בעשזענ־צעס האָבן געדאַרפט אַריינשיקן זייערע פאַרשטייערשאַפט. נאַטירלעך איז ר' רפאל געווען בראש פון דער פּוילישער פאַרשטייערשאַפט, וואָס איז באַשטאַנען פון פינף פערזאָן. דער קאָמיטעט האָט געאַרבעט גאַנץ האַרמאָניש און פּראָיעקטירט אַ טעטיקייט־פּראָגראַם וואָס האָט אַרומ־גענומען חינוך און סאָציאַלע הילף, אַ פּאַכשול צו פּראָדוקטיוויזירן די בעזשענצעס, נישט צו דאַרפן לעבן פון קצבה. זעלבסט־טעטיקייט און קאָאָפּעראַציע זענען געווען די הויפּט־יסודות, ווי די אַלגעמיינע ריכט־ליניע אין דער אַרבעט פון געמיינזאַמען קאָמיטעט.

דער דאָקטער מאַטוויי זאַכאַראָוויטש האָט גענומען אויף זיך די זאָרג פאַר דער געזונטהייט פון די פּוילישע יידן, אַזוי אויך די דענטיסטקע, סאָפיע בערעשקאָוויטש. דאָס זענען געווען גאָר האַרציקע וואַרעמע רוסישע יידן, וואָס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער הילפ־אַרבעט בלב ובנפש. מאַטוויי זאַכאַראָוויטש פלעגט אָפט ביים וויזיטירן די בעזשענצעס, אין זיין געמישטן רוסישן יידיש, מוסרן די וואָס האָבן

נישט אָפּגעהיט די געהעריקע היגיענע אין שטוב. געווען אַ פּאָר פאַלן פון טיפוס און ס'האָט זיך געשאַפן אַ קאָנפליקט ביים נעמען זיי אין שפּיטאָל; נעמענדיק אין אַכט מיט וואָס פאַר אַן אומווילן אַ פּוילישער ייד האָט זיך, אין יענער צייט, צו שפּיטאָלן באַצויגן.

רעדט מיט מיר ייִדיש...

דער דאָקטער מאַטוויי זאַכאַראָוויטש, אַ יונגער מענטש פון אַ יאָר פינף און דרייסיק, איבער זעקס פוס הויך, האָט אויסערלעך נישט געהאַט קיין טיפּישע ייִדישע שטריכן, אויך נישט פאַרמאָגט די זשעדנע־קייט פון יוגנט אָדער שוין די וואַקלעניש פון עלטער, הגם די גרוילעכע פּאַסמעס האָר האָבן אים געמאַכט אויסזען אַ סך עלטער, ווי ער איז פאַקטיש געווען. ער פלעגט גיין אַביסל איינגעבויגן, זיך פאַרענטפערט מיט אַ וויץ, אַז דאָס צוליב אַ געוווינהייט ביי אים זיך איינצובייגן צו די נידעריקע פּאַציענטן ביים עקזאַמינירן. זיך געחכמעט, אַז די הויכע גייען גאָר צום מיליטערישן דאָקטער, אַלעקסעי איוואַנאָוויטש, זייער אַ נידעריקער, און ער מוח זיך גאָר אויף אַ בענקל אַרויפשטעלן ביים עקזאַמינירן...

זיינע גרויע אויגן פלעגן זיך דאַן צעליכטיקן מיט אַן אָנגעצונדן פלעמל. אים איז זייער שווער אָנגעקומען רעדן ייִדיש, אָבער מיט די בעזשענצעס זיך שטאַרק באַמיט צו רעדן אין דעם לשון וואָס זיי האָבן אים גוט געקענט פאַרשטיין. אין מיטן רעדן זיך טייל מאָל אָפּשטעלן, אַ פרעג טאָן מיט אַ רוסישן אויסדרוק: ווי זאָגט מען עס אויף ייִדיש? ווען די איבערזעצונג איז אים געפאַלן געוואָרן פלעגט ער זיך איינחזרן צו פאַרגעדענקען.

ער איז געווען דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט און פלעגט מיט ר' רפאלן אָפט זיך טרעפן אַרומצורעדן לויפנדיקע ענינים, געוויסע אויס־בעסערונגען אויפן געביט פון היגיענע און סאָציאַלער הילף. ר' רפאל איז יעדן טאָג געווען ביי אים אין אָוונט צו געבן אַ „שטונדע" ייִדישע לימודים זיינע צווי ייִנגלעך — אַ צווילינג — לערנען זיי דאַווענען און חומש. זיי לערנען זיך גאָר גוט אין דער רוסישער שול, פלעגט ער באַמערקן, אָבער שטענדיק זענען זיי מיט זייערע רוסישע חברים, קומען אין זייערע שטיבער און...

ער האָט דעם אָפּזאָג נישט פאַרענדיקט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַרויסצוברענגען אַן אויסדרוק וואָס עקבערט אים. כדי אָוועקצופירן פון דעם שמועס וועגן די ייִנגלעך זיינע — גלייך איבערגיין וועגן די בעזשענצעס, זיך אויסגעפרעגט איינצלהייטן פונעם ייִדישן לעבן אין

פוילן, דערציונג, שטיגערישע מינהגים, חסידים, מתנגדים, און אַזעלכע שמועסן פלעגן זיך געווײנטלעך פאַרציען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין צימער איז געווען געמיטלעך, אַ מין סאַמעט־ווייכע שטילקייט, און אין די וואַרעמע טעג, אַן אַנגענעמע קילקייט און שלווה. זײַן גאַר סימפּאַטיש ווײַבל, אַניוטאַ, פלעגט מכבד זײַן טיי מיט וואַרעניע, אַ גוטן צוביס, זי פלעגט זיך רויטלען בײַם אַרײַנברענגען דעם כיבוד אַליין, הגם געהאַט אַן איבערגעגעבענע הויזבאַדינערין און אויך אַ גוווערנאַנטקע צו די קינדער. ווען זי האָט צום ערשטן מאָל בײַם אַרײַנקומען דערלאַנגט איר קליינע הענטל ר׳ רפאלן, איז אויף אַ ווײַל פאַרגעקומען בײַ אים אַ געוויסע צעמישונג. ער האָט געדאַרפט אין זיך עפּעס דורכברעכן אין זײַן גאַנצער טראַדיציאָנעלער אײַנשטעלונג צו קענען געבן אַ האַנט אַ פרוי. מאַטוויי האָט גלײַך באַמערקט אָט די צעמישטקייט, ווען די דענטיסטקע האָט צום ערשטן מאָל אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו ר׳ רפאלן בײַם באַקענען זיך. עס האָט גענומען צײַט בײַ אים, עס דורכצוברעכן. און דאָס נישט נאָר אַ האַנט געבן, אויך קענען קוקן דער פרוי גלײַך אין די אויגן בײַם רעדן מיט איר.

פון אָנהײב, טאַקע אויסגעמיטן מיטן בליק, אַוועקקוקן אין אַ זײַט, און נישט איין מאָל, מסתמא, זיך דערמאָנט פון זײַן אַלטער היים, ווי בן־ציון, דער שאַרפער חסיד פון קאָצק, טאָמער האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט אַ פרוי בײַם דורכגײן פונקט אין פאַדערהויז, פלעגט ער זיך שאַרן בײַ דער וואַנט מיט פאַרמאַכטע אויגן...

דורך דער צײַט האָט זיך ר׳ רפאל אַזוי פאַרהיימישט מיט מאַטוויס פרוי, אַז ער האָט פרײַ מיט איר גערעדט, דערציילט איר חסידישע מעשיות, פאָלקלאָר־ווערטלעך אין וועלכע ער האָט זיך געפּילט אַ בן בית.

מאַטוויי און אַניוטאַ פלעגן שטאַרק ליב האָבן הערן אים דערציילן פונעם חסידישן רײַכן פאָלקלאָר־קוואַל. איר ייִדיש איז געווען פליסיק, אָבער מיט אַן אַקצענט פון קורלאַנד, בעת איר מאַנס איז געווען שטאַמלדיק, און גאַר שטאַרק רוסיפיצירט. ווען זי פלעגט איבערגיין צום מאַן אויף רוסיש, פלעגט ער, אין דער אַנוועזנהייט פון ר׳ רפאלן, זיך בעטן בײַ איר: — אַניטשקאַ, רעדט צו מיר ייִדיש! זי האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט, זיך געוואַנדן צום פוילישן גאַסט, זאָגנדיק: — לערנט איר אים אויס רעדן ייִדיש מיט אײַער שיינעם ליטווישן אַקצענט. מײַן ייִדיש איז דאָך אויך שוין רוסיפיצירט אין דער אויסשפּראַך. אין אײַער מויל קלינגען די ווערטער גאַר אַנדערש.

אַניוטאַ האָט געפירט אַ כשרע ייִדישע קיך, דאָס איז געווען אירס אַ פאַרבאַדינג, בעת זי האָט באַשלאָסן צו פאַרבונדן איר לעבן מיט דעם יונגן שטאַרק־רוסיפיצירטן דאָקטער מאַטוויי זאַכאַראָוויטש, געווען איז ער דעמאָלט זייער ווײַט פון ייִדישקייט און ווי אַ סטודענט אויפן

אוניווערסיטעט, זיך געחברט מיט ראַדיקאַלע סטודענטן און אַטע־איסטן.

נאָך דער חתונה האָבן זיי זיך באַזעצט אין לעבעדיאַן ווו ער האָט באַקומען אַ פּאָסטן אין אָרטיקן שפּיטאָל. דאָס ייִדישקייט אין שטוב איז געווען מער פון מאָגן: ייִדישע מאכלים, בפרט פריטיק צונאַכטס. אָבער זי האָט דאָן אויך פרום געצונדן ליכט, אַזוי ווי איר מאַמע האָט זיך געפירט אין קורלאַנד.

אירע פרומע עלטערן האָבן שטאַרק אַכט געלייגט אויף זייער בת־יחידה, וואָס איז געפאָרן קיין מאָסקווע שטודירן אין אוניווערסיטעט אויף דענטיסטיק, זי זאָל נישט קאַליע ווערן. דער טאַטע אירער איז דעמאָלט מיט איר מיטגעקומען קיין מאָסקווע, איר איינקוואַרטירט צו עסן און וווינען ביים אָרטיקן שוחט, אין אַ געגנט נישט ווייט פון דער הויכשול. זי האָט זיך גאַנץ גוט געפילט אין הויז פונעם שוחט, אין דער ייִדישקייט־אַטמאָספער, וואָס האָט זי באַווירקט, זיך געפילט דאָרט ווי אַן אייגענע.

באַקענענדיק זיך מיט מאַטווייען האָט זי צוגעזאָגט איר טאַטן, אַז זי וועט נאָך דער חתונה ביסלעכווייז ענדערן איר פאַרגויאישטן מאַן. זיך דעמאָלט אָבער אַליין נישט פאָרגעשטעלט, ווי שווער עס וועט איר דאָס אָנקומען אין אַזאַ שטעטל ווי לעבעדיאַן.

נאָכן געבוירן דעם צווילינג, האָט זי שטאַרק געוואָלט זיי זאָלן זיך איבערציען אין אַ גרעסערער שטאָט מיט מער ייִדן, די קינדער אירע זאָלן זיין צווישן ייִדישע קינדער, און באַקומען כאָטש אַ שטיקל ייִדישע דערציונג. דאָס איז געווען איר חלום, איר טרוים. אָבער עס איז ווי מיט טרוימען וואָס לאָזן זיך נישט פאַרווירקלעכן. זי האָט דאָך איר פאַרלאַנג נישט אויפגעגעבן, און, פּלוצעם, דער מלחמה־אויסברוך! דאָס אָנקומען אין לעבעדיאַן פון די פּוילישע בעזשענצעס.

פאַר איר איז עס געווען אַ נס פון הימל. אויפגעהערט שוין טראַכטן פון איבערציען זיך, נאָר פון אַ פאַרענדערטן לעבן שוין אויך דאָ, אין לעבעדיאַן. זי האָט גערעדט מיטן מאַן, אַז ר׳ רפאל זאָל יעדן טאָג געבן אַ „שטונדע" (אַ דייטשמערישקייט, וואָס איז אַריין אין איר ייִדיש).

בכלל האָט זי אויפגעלעבט אין דער אַרבעט וואָס האָט זיך פאַר איר אויפגעעפנט ביים פאַרנעמען זיך מיט די בעזשענצעס; ביים זוכן וווינונגען פאַר זיי, ביים איינקויפן און באַזאָרגן פּראָדוקטן פאַר דער סטאָלאָווע, און פאַר בכבודיקע פאַמיליעס וואָס באַקומען מתן בסתר, שטיל שטיצע.

געווינטלעך האָבן בעלי־מלאכות זיך שנעלער איינגעאָרדנט און נישט געדאַרפט מער אָנקומען צו שטיצע, שווער איז צוגעגאַנגען מיט די וואָס זענען געווען קרעמערס און נישט געקענט זיך נעמען דאָ צו

מסחר. יונגע האָבן זיך נאָך געלערנט אַ פאַך, אָבער מיט עלטערע איז געווען שוין אַ שווערער פּראָבלעם צו קענען זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס.

נעמען שטיצע, האָט אָבער, אויף אַ לענגערער צייט, אַ נישט געזונטע אויסווירקונג אויף די נעמערס. עס איז געווען נויטיק צו געפינען פאַר זיי אַ געוויסע באַשעפטיקונג און דאָס איז געלעגן אויף די שוואַכע פּלייצעס פון דער צאַרטער אַניוטאַן, מיט נאָך עטלעכע מיטגלידער פון קאָמיטעט.

אַ גאַנצן טאָג איז זי געווען פאַרנומען מיט בעזשענצעס, האָט זי זיך אָפּגערוט אין די אָוונטן, זיך געקענט דאַן אין גאַנצן פאַרגעסן, ווען זי איז צו צום פּאַרטעפּיאַן, אַנגעהויבן שפּילן אירע באַליבטע — טשייקאָווסקי און רימסקי־קאָרסאַקאָוו. אירע ווייכע שוואַרצע אויגן פלעגן זיך מיניען ביי די קלאַנגען, ווי זי האָט זיי געפאַנגען, גערעדט צו זיי מיט אירע געפילן און שטימונגען.

זינט ר׳ רפאל איז געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער צו זיי, האָט זיך אין איר עפּעס געטליעט. ער איז נישט נאָר געווען אַן הדרת פּנים, מיט אַזעלכע שמייכלדיקע, טונקל־ברוינע אויגן, וואָס האָבן זיך אָפּט געטוישט אין אַ מין ווייכקאַליר, נאָר אויך אַן אַנגענעמער שמועסער, דערציילער און אַן אינטימער הויז־פריינד. זי האָט זיך אַליין אפשר נישט מודה געווען אין אירע ווייבלעכע געפילן צו אים; ער איז געקומען דאָך צו זיי פון אַן אַנדער וועלט און אַזוי אומגעריכט אַריין אין איר געפילס־וועלט. געצוימט אירע געפילן, אָבער נישט געהאַט קיין קאָנטראָל איבער זיי אין אירע חלומות, טייל מאָל אויך אין טאָג־טרוימען. דאָס האָט איר צערודערט, זי פלעגט אַרומגיין אַ ביסל צע־טומלט, צעשטרייט, זיך נישט געקענט נעמען אין די הענט אַריין, ביים זוכן עפּעס צו דערשטיקן אין זיך.

אין אַזעלכע צעשטרייטע שטימונגען, פלעגט זי אַנקלינגען צום מאַן ער זאָל פון שפּיטאָל קומען פריער אַ היים, און דערווייל אַליין צוגיין צום פּאַרטעפּיאַן און זיך פאַרגעסן בעת אירע פלינקע פינגער זענען שנעל געלאָפן איבער די קלאַווישן און די שטוב פלעגט אַרומגע־נומען ווערן מיט אַ וועלט פון קלאַנגען. זי פלעגט ווערן אַזוי מיטגעריסן פון איר שפּילן, אַז זי האָט נישט געהערט דעם אַריינקום פון מאַן, וואָס האָט שוין אין פּאָדערהויז געהערט איר. פלעגט ער אויף די שפּיץ פינגער אַריינשלייכן זיך אין צימער, געשטאַנען הינטער איר פון אַ דיסטאַנץ.

אינסטינקטיוו, דערשפּירנדיק אַן אָנוועזנדיקייט אין צימער, זיך אויסגעדרייט, זיך צעקושט מיט אים. ביידע זענען זיי געווען מוזיקאַליש באַגאַבט. זי — פּיאַנאָ, ער — פידל. פון צייט צו צייט פאַרבעטן צו זיך פריינד אויף אַ מוזיקאַלישן אָוונט.

מאַטורי זאַכאַראָוויטש האָט נישט געהאַט קיין סך צייט צו שפּילן. נאָר ביי ספּעציעלע געלעגנהייטן זיך צוכאַפּן צום פידל זיינעם. אוונטן מיט געסט זענען געווען זעלטן, אָבער זי פלעגט יעדן טאָג שפּילן, פאַר זיך, פאַרן מאַן, אויך שוין פאַר אַ דריטן — ר׳ רפאלן. ביז זיין קומען קיין לעבעדיאַן האָט ער דאָך קיין מאָל אין לעבן נישט געהערט קיין פּיאַנאָ, נאָר אויף אַ פידעלע שפּילן אויף חתונות, ווי ער האָט אַזוי אָפּט מסדר קידושין געווען. געהאַט אָבער אַ גוטן מוזיקאַלישן אויער און דערשפּירט, אַז דאָס איז עפּעס גאָר אַנדערש פון זיין יידישער נגינה, פון זיין ליטורגיע, סתם מעלאָדיעס וואָס מען פלעגט רופן „מאַראַלישע״.

דעם ערשטן מאָל ביים הערן „גויאישע״ מוזיק, דערצו אַ פרוי שפּילן — דאָס איז דאָך געווען אַזוי וויט פון אים, פון זיין שטרענג־טראַדיציאָנעלן, דורותדיקן שטייגער. אין אָט דער פאַרוואָרפענער רוסי־שער שטאָט האָבן זיך אָנגעהויבן ביי אים אינעווייניקסטע ראַנגלעניש, עפּעס ניי האָט זיך געפורעמט, געריסן, געראַנגלט און באַקעמפט — נישט געקענט זיך אַליין קלאָר מאַכן, וואָס עס קומט פאָר אין אים, אין אָט דער פאַרוואָרפעניש, ווי דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך איבער־געדרייט, צעאַנדערשט, אַלץ אַזוי פרעמד, אַזוי וויט פון דער יידישקייט אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן, און אַריינגעזאַפּט אין זיך מיט דער מאַמעס מילך.

געטראָפן דאָ יידן אָן בערד און פּיאות — און זיי זענען טייערע יידן! וויזן אַרויס אַזוי פיל אהבת ישראל, איבערגעגעבנקייט צו זייערע געפּלאָגטע ברידער, פאַרוואָגלטע אין דעם עק, וואָס הייסט לעבעדיאַן.

תמיד שטאַרק פאַרנומען מיט קהלישע געשעפטן און מיט זיין שחיטה (די בעזשענצעס האָבן נישט געוואָלט עסן פון דער שחיטה פון רוסישן אַלטן שוחט, כאָטש ער פלעגט אָפּט געבן איבערצוקוקן זיין חלף צי עס האָט אַ פּגימה).

אויסער דעם פלעגט נאָך ר׳ רפאל לערנען אַ שיעור מיט עלטערע יידן אַ פּאָר מאָל אין וואָך. נישט געהאַט קיין פרייע צייט פאַר זיין פאַמיליע מיט זעקס קינדער. דער עול איז געלעגן אין גאַנצן אויף זיין ביילטשע, אַ טויגלעכע און גוטע באַלעבאָסטע, וואָס האָט אויף אַלץ געמוזט געפינען צייט. אָבער פון אַלע גוטע ווערטער וואָס זי האָט געהערט וועגן איר מאַן, איז דאָך פון דעם נישט געווען קיין פולע פּרנסה. ר׳ רפאל האָט נישט געוואָלט אפילו דאָס מינדסטע געניסן פון שטיצע, ווי שטומפּיק עס איז נישט דאַן געווען אין שטוב. אויף די טענות פון ווייב פלעגט ער אויפווייזן, אַז ער טאָר פאַר קיין פאַל נישט געניסן, מחמת עס קען ווערן בייזווילליק אויסגעטייטשט און ס׳וועט זיין נאָמען נישט פאַרשאַפן קיין כבוד.

בכלל צו קהלישע געלטער זיך קיין מאָל נישט געוואָלט צורירן.

ער האָט דאָך געדענקט פון דער היים, ווי מען פלעגט דעם און יענעם כלל־טוער גוט באַרעדן, אַז ער האָט נישט קיין ריינע הענט...

מחמת עס איז אים געווען שווער מיט דירה־געלט, האָט ער גערעדט מיט ביילטשען צו פאַרדינגען אַ צימער מיט עסן, וועט עס אויך זיין אַ הילף. זייענדיק אַליין אַ קהלישער מענטש, געהאַלטן, אַז זיינע קינדער דאַרפן עס נישט זיין, מחמת ס'איז אַ שווערער נסיון אַלעמען געפעלן צו ווערן, נישט איינרייסן זיך מיט — — —

מאיר קיידאַנער און אָסיפּ באָריסאָוויטש

צו מאַטוריי און אַניוטאַ זאַכאַראָוויטשן האָט אָנגעהויבן אַריינקומען אַ יונגערמאַן פון ליטע. ער איז געווען אין דעם עשאַלאָן מיט די געקו־מענע בעזשענצעס, זיך ערשט שפּעטער באַוויזן אין לעבעדיאַן און שנעל געוואָרן „פּאַן בראַט" מיט די רוסישע און מיט אַ טייל פּוילישע. ער איז קיין מאָל נישט געווען מיט זיך אַליין. נישט קענענדיק פאַר־טראָגן די איינזאַמקייט אין זיין בחורישן צימער, וואָס ער האָט געהאַט געדונגען ביי אַ רוסישער פאַמיליע, פלעגט ער, אָפט, אומגעריכט, אַריינפאַלן צו דעם און צו יענעם און שוין אָפּזיצן אַן אָוונט מיט דערציילן מעשיות, וויצן. דערציילט פון זיינע רייכע עלטערן אין דער ליטע, אָבער פון זייער עשירות האָט ער נישט געוואָלט געניסן. ער פלעגט זאָגן, אַז רייכקייט מאַכט אַ מענטשן איינזאַם, פאַרגעלטעט. אויב דאָס האַרץ ביי אַ מענטשן הענגט זיך אָן אויף גאָלד, מוז עס אַליין שוין אויך ווערן עפּעס פון דעם קאַלטן מעטאַל, אָן אַ פונק פון מענטשלעכ־קייט, אָן רחמים צום מיטמענטש.

אַ ביסל שפּעטער געענדערט זיין מיינונג, ביים אַריינקומען צו זאַכאַראָוויטשן און זיך צוזען וויפל דער פאַרמעגלעכער ייד לאָזט זיך קאָסטן פאַר די בעזשענצעס, איינגעוזען, אַז נישט אַלע רייכע זענען חזרים... ער פלעגט פון צייט צו צייט זיך טרעפן אין דעם הויז מיט ר' רפאלן, וואָס פלעגט אָבסערווירן דעם יונגערמאַן. ביי אַ שמועס איין מאָל וועגן רייכקייט, צי עס מאַכט טאַקע קאַליע דעם מענטש? אים אָנגעמערקט אויף צוויי העברעישע ווערטער, וואָס האָבן דעם זעלבן מיין: נדבה און מתנה;ביידע מיינען דאָך געשאַנק. דער אונטערשייד איז נאָר: נדבה איז אַ געשאַנק וואָס מען גיט ווען מען מוז, מען קען נישט אָפּזאָגן, אָבער דאָס האַרץ איז דערביי נישטאָ. דער רחמנות, — אַ קאַלטער. אָבער ביי אַ מתנה — איז עס שוין גאָר אַן אַנדער געשאַנק — ס'איז מיטן גאַנצן האַרצן, ווי אין פּסוק שטייט: „בכל לבבך ובכל נפשך".

איז אַוועק אַ שמועס וועגן די גבירים אין דער אַלטער היים. ר'

רפאל האָט דערציילט פון זיין שטעטל ביים נאַרעוו, ווו עס איז געווען אַ גאָר רייכער ייד, נאָר ער האָט נישט געוואָלט געניסן פון זיין עשירות. דאָס ווייב האָט געפירט דאָס גרויסע שניטקראָם, פלעגט ער זיינע טעג און ביז שפּעט ביינאַכט זיין ביים לערנען, פאַרטאָג זיך אַוועקשטעלן ביים טיר פון „שטיבל" נעמען קאָפּיקעס פאַר נויטבאַדערפטיקע. פלעגט פון זיין שטוב אַליין אַוועקטראָגן זאַכן און שפּייז צו בכבודיקע אָרעמעלייט. פרייטיקצונאַכטס פלעגט ער, ווען דאָס ווייב האָט נישט געזען, כאַפּן אַלע גוטע מאַכלים פון טיש, און נאָכן בענטשן אַרויסשאַרן זיך פון שטוב, געהאַט שוין זיינע יינגלעך, וואָס פלעגן עס צעטראָגן, ווו ער האָט זיי געהייסן. די אויסטערלישע התנהגות פון ר' נתנען איז געווען אַ שם דבר אין דעם גאַנצן געגנט.

זיינע פירונגען פלעגן אַרויסרופן שטאַרקע מחלוקת אין שטוב, מחמת, ווי עס טרעפט, איז זיין פלונתטע געווען זייער אַ קאַרגע, און די פירונגען פון איר מאַן האָט איר געקאָסט אַ שטיק געזונט! זיי זענען דאָך געווען צווי באַזונדערע וועלטן, אונטער איין דאַך, און אַזוי אָפּגע־לעבט אַ לעבן ביזן עלטער, בעת זיין נפטר ווערן צו 85 יאָר.

אַ געוויסן טאָג האָט דער ליטוואַק מאיר קיידאַנער מיטגענומען מיט זיך אַ צווייטן יונגנמאַן וועמען ער האָט גערופן אָסיפּ באָריסאָ־וויטש. דער קיידאַנער האָט אים פאָרגעשטעלט אַלס אינזשיניער וואָס איז נישט לאַנג געקומען פון ענגלאַנד.

ביים פאַנאַדעררעדן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז אַ געבוי־רענער אין רוסלאַנד, אויפן וויטן צפון, פאַרן קריג שטודירט אין ענגלאַנד ביי אינזשעניעריע. נאָכן צוריקקומען, באַקומען אַ פּאָסטן אין דעם אומגעגנט פון לעבעדיאַן, צופעליק האָט זיך דער קיידאַנער מיט אים געטראָפן. עס האָט אים צוגעצויגן די ביאָגראַפיע פון אָסיפן, אַז ער איז שוין געווען גרייט צו שמדן זיך צוליב אַ ליבע מיט אַ גלחס אַ טאָכטער.

אָסיפּ באָריסאָוויטש האָט זיך אין ווייטשעפּל אויסגעלערנט רעדן אַ ביסל יידיש. אמת, אַ צעקאַליעטשעטן, פאַרבראָקט מיט ענגלישע ווערטער, וואָס קומט אים, מאירן, אָן שווערן צו צעקייען. פון די ביידע יונגעלייט איז מאיר געווען דער באַרעדעוודיקסטער און פריילעכסטער. ר' רפאל פלעגט אים רופן „דער פריילעכער לונג־און־לעבער". ער האָט געהאַט תמיד אָן אַ שיער מעשיות צו דערציילן, ס'רוב קאָמישע, אָבער אויך געוויסע טראַגישע.

צווישן די לעצטע איז געווען די געשיכטע מיטן קיידאַנער רבס זון, סענדער, וואָס איז אַ מאָל צוזאַמען מיט אים געפאָרן אין אַ וואַגאָן און פון אַן אויבערשטער פּאָליצע איז בעת אַ שטאַרקן שאָקלען זיך פון וואַגאָן, אַראָפּגעפאַלן אַ שווערע וואַליזע אויף אים. באַקומען פון דעם אַ מוח־אָנצינדונג, און אין קורצן אַוועק פון דער וועלט. דאָס גאַנצע

שטעטל האָט מיטגעטרויערט מיט די בני בית פון קיידאַנער רב צוליבן שרעקלעכן אומגליק.

זעענדיק אַז ס'האָט זיך געשאַפן אַ שווערע שטימונג אין הויז נאָכן דערציילן די געשיכטע, האָט מאיר אָנגעהויבן שילדערן זיין שטעטל אין ליטע, ווו אין הויז האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ צוויטער, די דעכער זענען געווען נידעריקע, פלעגן קאָזעס שפּאַצירן איבער זיי.ביים דערציילן, ווי אַ חוצפהדיק הויז טוט אומפאַרשעמט אַרויפקריכן צום שכן, פלעגט מאיר אַרבעטן שטאַרק מיט די הענט — זייער לאַנגע געהאַט — וואָס זענען געווען אין אַ דיספּראָפּאָרציע צו זיין קורצן קערפּער.

זייענדיק אַ צוגעלאָזענער, פלעגט ער אויך פון זיך מאַכן חוזק, דערציילט פון אַ שידוך זיינעם, וואָס עס האָט קאַליע געמאַכט די מאַמע פון דער כלה, זאָגנדיק איר, אַז זי וועט ביי אַזאַ מאַן אויסגיין פון הונגער. וואָס שייך זיין „אַסאַבע", האָט זי געזאָגט, אַז ער וואָלט זיך בעסער אַריינגעפּאַסט אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן. דערביי מסביר געווען פאַר ר' רפאלן, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר אַ זאָאָלאָגישער גאָרטן, וואָס ר' רפאל האָט, נאַטירלעך, קיין מאָל נישט געזען אין לעבן.

די מעלה פון דעם קיידאַנערס מעשיות זענען געווען, וואָס ער האָט נישט באַגלייט זיי מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג, נאָר פּלוצעם אַזוי אָפּהאַקן מיט אַ געלעכטער ביי אַ קאָמישן מאָמענט... אין איינער פון זיינע מעשיות, וואָס האָט פאַראינטערעסירט גאָר שטאַרק ר' רפאלן איז געווען די געשיכטע וועגן דאָס קליינטשיק שטעטעלע, מאַלקין, ווו ס'איז געווען אַ גרויסע קניפּסטאַנציע פון דער באַנליניע, וואָס האָט זיך געצויגן דורך אַזעלכע יידישע שטעט: ביאַליסטאָק, גראָדנע, ווילנע, דווינסק, און אַזוי ביז סאַמע פּעטראָגראַד. אָט די באַנליניע איז געבויט געוואָרן דורך יידישע פּאַדריאַטשיקעס פון פּעטערסבורג און שקלאָוו.

מאַטוויי און אַניוטאַ פלעגן זיך אויך צוהערן מיט גרויס אינטערעס צו זיין דערציילן פון אַ יידישער וועלט, וואָס איז געווען זיי פרעמד, און פאַר מאַטוויי זאַכאַראָוויטשן — עקזאָטיק. אָט די רוסישע יידן, וואָס האָבן זיך ערשט בעת די מלחמה־יאָרן באַגעגנט פון דער נאָענט מיטן פּוילישן ייד, נישט באַנומען, למשל, זיין שאָקלען זיך ביים דאַווענען, בעת אַ רוסישער ייד פלעגט שטיין גלייך ווי אַ ווירע.

ווען מאַטוויי האָט אַמאָל געפרעגט ר' רפאלן וועגן אָט דעם שאָקלען זיך, איז זיין ענטפער געווען, אַז עס שטאַמט נאָך פון בעל־שם־טוב. דער זין פון דעם איז, וואָס דער ייד טרינקט זיך אין אַ ים פון שינאה, עלנטקייט, און ווען אַ מענטש טרינקט זיך, אַרבעט ער מיט אַלע אברים זיך צו ראַטעווען, ער זאָל דערשלאָגן זיך צו דער יבשה — צו דער הילף פון רבש"ע.

דעם געדאַנק האָט ר' רפאל נאָך מער אויסגעברייטערט: וואָס

זענען דען אונדזערע תפילות? אַ קאָמוניקירונג פון ייִד צו זיין באַשע־פער אויבן. ביים דאַוונען קוקט ער זיך אַרום פון אַלע זייטן עס זאָל נישט געשען מיט זיי קיין מיכשול אויפן וועג צום טאַטן אין הימל אַריין.

דער ראַציאָנאַליסט אין מאַטווייען, האָט אים געשטערט צו פאַר־איגענען מיסטיק און טראַנסצענדענטאַליזם. ער האָט אַ צוק געטאָן מיט די פּלייצעס און וועגן דעם מער נישט געפרעגט. ער האָט געוווּסט פון די ליובאַוויטשער חסידים, הגם, זיי פּערזענלעך נישט באַגעגנט. אַ באַקאַנטער האָט אים געהאַט געשיקט אַ מתנה אַ גראַמאָפאָן־פּלאַטע מיט אַ ליד געזונגען ביי ליובאַוויטשער חסידים. דער קידאַנער ליטוואַק האָט טאַקע געוואָלט זי הערן, מחמת אין ליטע האָט ער נישט געהערט. מאַטווי האָט אָנגעשטעלט און ס'האָט זיך דערהערט אַ באַסאָווע שטימע זינגען אַ ליד מיט יידישע און אוקראַינישע ווערטער; אַ געמישט לשון וועגן די אבות. פאַר וואָס גייען זיי נישט בעטן גאָט פאַר אונדז? דער סאָליסט איז געוואָרן אין מיטן, כאָראַל אונטערגעהאַלטן מיט געזאַנג, און צוגעקנאַקט מיט די פינגערס, לעבעדיק, יומטובדיק.

ר' רפאל האָט געהאַט אויף אַ חתונה ביי אַ רוסישן ייִד געהערט אויך זינגען אויף רוסיש וועגן „דוכאָוונאָמו ראַווינו שנייאורסאָן". געזונגען האָט עס סאַמועל כאַימאָוויטש — אַ ריז לויט זיין געשטעל. ער האָט אין זיין אויסזען נישט געהאַט קיין יידישן שטריך. אַלץ אין אים איז געווען פון אַ רוס. און געטרונקען האָט ער — אָן אַ באַדעם! געהאַט אַזאַ ריזיקן בויך, אַז ווען ער האָט זיך אַריינגעדרייט אין אַ געסל האָט צוערשט זיך באַוויזן דער בויך זיינער און די לאַנגע פיס, ערשט נאָך דעם דער ריזיקער קאָפּ וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּיראַמידע: אונטן ברייט און אויבן — מיט אַ שפּיציקן באַרג אַרויף. ווען ער פלעגט זיך צעזינגען אין שאַליאַפּינס „עי אוכניעם" פלעגן אַזש די ווענט אויפציטערן! און אָט דער „קאַצאַפּ" פלעגט אַזוי וועלן הערן דעם אומעטיקן גמרא־ניגון פון ר' רפאלן. ווען ער האָט נאָר פריי צייט געהאַט, פלעגט ער קומען אין אַ פאַרנאַכט צים מנין פון די פוילישע, זיך צוזעצן צום טיש, וווּ ר' רפאל האָט געלערנט מיט די יידן משניות, צי אַן אַנדער שיעור.

די גרויסע אסיפה אין מאָסקווע

מיטן אָנקום פון הונדערטער טויזנטער יידן בעזשענצעס אין צענטראַל־רוסלאַנד, האָט זיך פאַרשטאַרקט דער אַנטיסעמיטיזם אין די געביטן, וווּ ביזן קריג האָבן געהאַט רעכט צו וווינען נאָר פּריווילע־גירטע יידן. לעבן די מלחמה־פראָנטן איז פאַרשפּרייט געווען דער

בילבול פון „יידן שפּיאָנען״. אין רוסישן הינטערלאַנד איז דער פּיזמון פון די אַנטיסעמיטן געווען: „די בעזשענצעס ווילן נישט אַרבעטן, פאַלן צו לאַסט דעם רוסישן פאָלק״, אַזוי האָט געשריבן דער זשורנאַל „סעווערנאַיאַ זאַפּיסקי״.

האָבן רוסישע יידן געגעבן אויף דעם אַ ווירדיקן ענטפער די עצערישע קרייזן. אַ יונגער יידישער אַדוואָקאַט האָט צעשמעטערט די טענות וועגן בעזשענצעס־„פּאַראַזיטן״. דאָס איז געווען כלפּי חוץ. אָבער כלפּי פנים איז געווען זייער נויטיק צו באַהאַנדלען די אַלע פּראָבלעמען אויף אַ גרויסער אסיפה.

אַזאַ צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אויף אַ גאָר ברייטן מאַסשטאַב אין מאָסקווע, מיט דעלעגאַטן פון די בעזשענצעס געשיקט פון יעדער שטאָט, וווּ זיי האָבן זיך באַזעצט. „יע־קאָ־פּאָ״ האָט געהאָט געהאָלפן די בעזשענצעס איינצואָרדענען זיך אין די גובערניעס: טאַמבאָוו, קורסק, טולאַ, וואָראָניעזש, ריאַזאַן, אָרלאָוו, קאַלוגאַ, וולאַדימיר, ניזשני־נאָוו־גאָראָד, מאָסקווע, און נאָך אין אַנדערע גובערניעס, וווּ עס איז, נישט אָפיציעל, געוואָרן אָפּגעשאַפט (אין 1914־1915) דער תחום־המושב פאַר יידן־פּליטים, פאַרטריבענע פון זייערע אַלטע היימען.

די אָרגאַניזאַטאָרן פון צוזאַמענפאָר, מיט די צענטראַלע און לאָקאַלע טוערס פון „יע־קאָ־פּאָ״, האָבן צוגעגרייט ווי געהעריק דעם באָדן פאַר דער גרויסער וויכטיקער אסיפה. עס זענען פון די אַלע גובערניעס געקומען פאָרשטייערס פון די בעזשענצעס און פון אָרטיקע יידן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער הילפסטעטיקייט.

פון לעבעדיאַן זענען דעלעגירט געוואָרן מאַטוויי זאַכאַראָוויטש און ר׳ רפאל. מאַטוויי וואָס האָט געקענט נאָך פון זיינע סטודענטישע יאָרן יעדער ווינקעלע פון מאָסקווע, האָט צוגעזאָגט ר׳ רפאלן, ער וועט אין מאָסקווע באַקענען אים מיטן קאַזיאָנעם רב ר׳ יעקב מאַזע, און בכלל אַכטונג געבן אויף אים נישט פאַרלוירן צו גיין אין מאָסקווע. דאָס איז געווען נישט נויטיק. די צענטראַלע האָט געזאָרגט ס׳זאָל אָפּוואַרטן אויף אַלע וואָקזאַלן די אָנקומענדיקע דעלעגאַטן אין דער געהעריקער צייט, וואָס איז ווי געהעריק אויסגעאַרבעט געוואָרן.

און ווירקלעך איז די צוגרייטונג געווען אַ מוסטערהאַפטע. אַלץ איז געווען פון פריער צוגעגרייט, באַזאָרגט. ווי איינשטייןּ, עסן און צו זיין פּינקטלעך צו די זיצונגען. אויף טריט און שריט האָט מען געהאָלפן די דעלעגאַטן פון דער פּראָווינץ. צו דער דיספּאָזיציע פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט מיט התלהבות די גרויסע רוסיש־יידישע אינטעליגענץ.

ר׳ רפאל האָט ביים אָנקום אויפן וואָקזאַל נאָך געהאַט אַזאַ אָנגע־נעמען סורפּריז, ווען עס איז געקומען אים אָפּוואַרטן דער יונגער

„מאָסקאָוויעץ״ איסאַק זאַכאַראָוויטש. די שימחה איז געווען אַ גרויסע. מען האָט דערמאָנט די באַראַטונגען, און איסאַק האָט זיך שטאַרק אויסגעפרעגט וועגן דעם און יענעם, געזאָגט צו ר׳ רפאלן, אַז ער וועט זיצן אין פּרעזידיום פון דער קאָנפערענץ און וועט איינשטיין ביי הרב יעקב מאַזע. ער האָט אים שוין אַ סך דערציילט פון אָסטראָוו. און כאָטש הרב מאַזע איז אַ „קאַזיאָנער״ ראַבין — איז ער אַ היימישער ייד.

גאָר פּיערלעך איז אויסגעפאַלן די דערעפענונג פון דער גרויסער אסיפה. אין גרויסן זאַל זענען געזעסן הונדערטער דעלעגאַטן און געסט. די באַגעגענישן צווישן די דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך שוין נישט געזען זינט זיי האָבן זיך צעשיידט אויף די נע־ונד־וועגן, זיך באַזעצט אין די פאַרשידענע גובערניעס — דאָס טרעפן זיך אויף דעם צוזאַמענפאָר איז געווען אַ טיפע רירנדיקע איבערלעבונג. פייכטע אויגן, אַ טרער, אַ נאָכפרעגעניש פון די וואָס זענען אַוועק...

בעת די דערעפענונגס־רעדעס, און שפּעטער אין די קאָמיסיעס, איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן די גרויסע יידישע טראַגעדיע אין פּוילן, גאַליציע, ווו יידישע שטעט און שטעטלעך זענען חרוב געוואָרן. דעלעגאַטן פון יע־קאָ־פאָ האָבן דערציילט פון זייער טעטיקייט אויף די פראָנט־געביטן און איצט די הילפאַרבעט אין צענטראַל און אין טיף רוסלאַנד ביים איינאָרדענען די בעזשענצעס.

ר׳ רפאל האָט אין זיין נאָטיץ־בוך פאַרצייכנט געגוי די רעדעס און באַריכטן, באַזונדערס די רעדע פון זיין באַקאַנטן איסאַק, וועלכער ער האָט צווישן אַנדערן אונטערגעשטראָכן דעם יידישן נאַציאָנאַלן חוב, „וואָס ליגט אויף אונדזער דור פאַרן קיום פון פאָלק און פאַרן המשך פון אונדזער געשיכטע, צו דערציען די קינדער פון די בעזשענצעס, אויפצוהאַלטן ביי זיי דאָס צאַנקנדיקע פייערל פון דעם יידישן באַוווסטזיין און פון יידישן וויסן״. פאַר אָט דער הייליקער אַרבעט טראָגט ער אַריין אין קאַסע פון יע־קאָ־פאָ זיינע אָפּגעשפּאָרטע דריי הונדערט רובל. ער האָט מיט נשמה־וואַרעמקייט דורכגעפלאָכטן זיין שטאַרקע רעדע און באַקומען פון די דעלעגאַטן אַ סך אַפּלאָדיסמענטן.

עס זענען געווען קורצע באַריכטן פון דער טעטיקייט אין די פאַרשידענע ווינשטעט, נאַטירלעך, אויך געוויסע טענות, וואָס זענען אומפאַרמיידלעך אין אַזאַ פאַרצווייגטער אַרבעט.

איסאַק האָט געזען אַז ר׳ רפאל זאָל אויך אַרויסטרעטן אויפן פּלענום און זיין רעדע איז געווען געווידמעט יידישן חינוך. געמאַכט פּראַקטישע פאָרשלאָגן ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די אַרבעט אויף די ערטער בכלל, בפרט אויפן פעלד פון דערציונג. געווינטלעך איז זיין רעדע געווען דורכגעפלאָכטן מיט אַ מאמר חז״ל דאָ און דאָרט, אויך מיט פאָלקס־ווערטלעך, וואָס זענען תמיד געווען ביי אים אויף די ליפּן. היות ער האָט אויך געהאַט אַ שיינע אויסשפּראַך און צו דעם — אַליין

אַ הדרת פנים, האָט מען זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו אים און געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער ביי די דעלעגאַטן.

ווײַנענדיק ביי הרב יעקב מאַזע, האָט זיך גליך אין אָנהייב איינ־געשטעלט צווישן זיי גאָר האַרציקע באַציונגען. ביידע, טיפע למדנים און קלוגע ידן, האָבן זיי זיך גאָר נאָענט געהאַלטן. בעת די שבתדיקע סעודות זענען ביים רב געווען אַ סך געסט און ר׳ רפאל האָט זיי מהנה געווען מיט זיין נגינה. ס׳איז געווען אַן אמתער עונג שבת אויף אַן אינטימען צוזאַמענטרעף צווישן רוסישע ידן מיט אַ ייד פון פוילן, וואָס האָט פאַרקערפּערט מיט זיך חסידישע התלהבות און אויך זאַכ־לעכקייט ביי לויפנדיקע ענינים. צו דעם אַ סך געמיט פון שימחת החיים. טאַקע געווען אַ פאַרגעניגן מיט אים צו שמועסן און אונטער־האַלטן זיך ביי אַ גלעזל משקה.

אַ שווידערלעכע טראַגעדיע

די גרויסע אסיפה האָט זיך פייערלעך געשלאָסן. די דעלעגאַטן זענען צוריקגעפאָרן אויף זייערע ערטער צופרידן, פול מיט האָפענונגען צו פאַרבעסערן די באַדינגונגען להבא.

שטאַרק באַגייסטערט איז אויך צוריקגעקומען מאַטווי זאַכאַראָ־וויטש. ער האָט צוזאַמען מיט ר׳ רפאלן אָפּגעגעבן אַ באַריכט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די בעזשענצעס מיט די תושבים, און דאָס לעבן איז זיך ווייטער געפלאָסן מיט דעם רואיקן פּראָווינציעלן ריטעם, ביז עס איז ביי מאַטוויי און אַניוטען געשען דער שרעקלעכער אומגליק מיט די צוויי יינגלעך.

זיי פלעגן זיך חברן מיט די יינגלעך פון דעם מיליטערישן דאָקטער, גאָווראָנסקי, אין דעם זעלבן קלאַס געווען אין שול און נאָך די לימודים פלעגן זיי זיך שפּילן צוזאַמען אין הויז פון דעם דאָקטער. ער פלעגט זיין מער אויף יאַגד ווי אין זיין פּראָפעסיע און זיך גע־שפּיגלט אין זיינע יאַגד־ביקסן. ער פלעגט האַלטן אין איין פּוצן זיי, אָפּט פאַנאַנדערגענומען, גערייניקט, צוריק צוזאַמענגעשטעלט, אָוועק־געלייגט זיי אין שאַפע, צוריק אַרויסגענומען, באַטראַכט זיי, ווי עס טומ אַ פרוי, וואָס קריגט אַ מתנה די שענסטע צירונג.

דעם דאָקטערס יינגלעך פלעגן קוקן אויף די יאַגדביקסן אין דער פאַרשלאָסענער שאַפע מיט נייגער און חשק צו קענען זיי האַלטן אין האַנט. אָבער דער פאָטער האָט זיי קיין מאָל נישט צוגעלאָזט און דער שלאָס אויפן טירל איז געווען אַ זיכערער שומר.

איין מאָל ווען די יינגלעך זענען געקומען פון שול און אַריין אין פאָטערס קאַבינעט האָבן זיי געזען אַז דער פאָטער האָט נישט אַרויס־

גענומען דעם שליסל פון שאַפקע; פאַרגעסן מסתמא ביים יאָגן זיך צום שפּיטאָל. זיין פרוי האָט זיך דעמאָלט געפּאָרעט ביי עפּעס אין גאָרטן. האָבן די יינגלעך פון גאַווראַנסקין אַרויסגענומען אַ ביקס פון שאַפע און אַליאָשקע, דער עלטערער, איז געגאַנגען וויזן זיינע חברים, איליאַן און מיטיאַן, אַז ער קען זיך באַגיין מיטן ביקס פונקט ווי זיין טאַטע.

פאַרוואָס דער ביקס איז געווען אָנגעלאָדן (צי דאָס יינגל זאָל האָבן אַריינגעלייגט אַ קויל) איז געבליבן נישט קלאָר. דער פאַקט איז, וואָס עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַל פון שטוב. ווען זיין מאַמע איז אַריינגעלאָפן האָט זי געזען שוין איליאַן ליגן אין אַ קאַלוזשע בלוט און מיטיאַן לעבן אים אויפן דיל אויסגעצויגן...

זי האָט גלייך געקלונגען צום מאַן. ער איז תיכף געקומען און דערזען די שרעקלעכע טראַגעדיע... געפּרוווט אינסטינקטיוו עפּעס טאָן, ראַטעווען, אָבער ס'איז שוין נישט געווען וואָס... די פּאַטאָלע קויל האָט דורכגעלעכערט דאָס האַרץ ביי מיטיאַן און איליאַן געטראָפן אין קאָפּ. דאָס בלוט איז נאָך געפלאָסן אויף דער פּאָדלאָגע אין דער קאַלוזשע אַרום. די יינגלעך האָבן געוויינט, זיין פרוי אירינאַ האָט היסטעריש געשריגן, זיך געביסן די נעגל, ווי איר טבע אין מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג; געקוקט אויפן מאַן, ווי אויף אַ רוצח.

זי איז בכלל דאָך נישט געווען צופרידן פון זיין יאַגד־ליידנשאַפט און פון זיין שיכורן. בטבע האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ רואיקן מענטש, אָבער ווען ער האָט זיך אָנגעטרונקען — דאָס איז ביי אים געשען אָפט — האָט זי פאַר אים געציטערט... טאָמער האָט זי אים אויסגערעדט אַ וואָרט, פלעגט ער איר שלאָגן מכות רצח, אָנהייבן ברעכן כלים, מאַכן אַן אַוואַנטורע אין שטוב.

אירינאַ פלעגט אין אַזעלכע מאָמענטן האַלטן דאָס מויל פאַרמאַכט, זיך אָפּגענומען ערשט אירס, ווען ער איז שוין געווען ניכטער. דעמאָלט האָט זי געעפנט דאָס מויל, און ער האָט געשוויגן...

ביי דעם וואָס איז איצט געשען ביי זיי אין הויז, איז נישט געווען ביי איר קיין צייט פאַר חשבונות. זי האָט שטאַר געקוקט אויף אים, אַ באַגאַסענע מיט טרערן און אַנגסטן. פונעם אויסדרוק אויף זיין פּנים אַראָפּגעלייענט די האָפענונגסלאָזיקייט. אירע ליפּן האָבן געשעפּטשעט צו זיך אַליין: ווי אַזוי זאָגט מען עס מאַטווייען, אַניוטאַן? וועלן זיי אַזאַ גרויס אומגליק קענען דורכטראָגן? איר וואַנזיניקער בליק האָט געוואַנדערט איבערן צימער, צו אירע יינגלעך, צום מאַן.

ער האָט די טויטע איבערגעדעקט און פאַרקלעמט געזאָגט: —

מיר וועלן ביידע איצט אַריבערגיין צו מאַטוויי זאַכאַראָוויטשן, זיי

צוגרייטן אויפצונעמען דאָס אומגליק... מיר מוזן זיי ברענגען אַהער, זיי דערציילן, וויזן...

שילדערן וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן ביי טאַטע־מאַמע ווען זיי האָבן דערזען זייערע טויטע קינדער, איז אוממעגלעך! די דערשיטערונג — צו שטאַרק, ווערטער זאָלן דאָס קענען אויסדריקן. פאַרשטאַרט איז געשטאַנען אַניוטאַ איבערגעבויגן איבער אירע קינדער, שווער געווען זי אָפּצורייסן.

ווי געווײנטלעך אין אַ שטעטל, איז די טראַגישע נייעס שנעל געוואָרן באַוווּסט. פריינד זענען כסדר געקומען צו זיי אין הויז. ביי קיינעם האָט זיך אָבער נישט געקענט עפענען דאָס מויל מיט אַ וואָרט צו טרייסטן. דער בראָך איז געווען צו גרויס, אַזוי פּלוצלינג, ווי אַ דונער פון הימל...

נאָך דער לוויה, אין וועלכער דער גאַנצער ישוב — און אויך פיל קריסטלעכע פריינד — זענען געוואָרן איינגעהילט אין צער, איז ביי מאַטוויי זאַכאַראָוויטשן אין הויז געווען אַ מנין. ר' רפאל האָט פאַרן עמוד געדאַוונט, די תפילות, דעם „אל מלא רחמים". אין מיטן, אַליין זיך קוים באַהערשט נישט צו ווערן איינגעבראָכן. מאַטוויי, ביים קדיש זאָגן, איז עטלעכע מאָל געבליבן שטיין, זיין שטים באַגאָסן מיט טרערן. דאָך, ווי ס'איז זיך געהאַלטן, אָבער נישט זיין אַניוטאַ, וואָס האָט פאַר זיך אַליין כסדר געשעפּטשעט: פאַרוואָס האָבן זיי פּונקט גענדאַרפט קו־מען צו די גאַוראַנסקיס, ווען ער האָט דעם שליסל פון שאַפע גע־לאָזן?...

מען האָט איר געדאַרפט כסדר מינטערן פון חלשות. ביים אויפ־עפענען די אויגן שטאַר געקוקט אין חלל אַריין, צו אירע פריינד, וואָס האָבן זי געקושט, געגלעט. זי האָט צו זיי געמאַכט מיט די ליפּן, נישט קענענדיק אַרויסברענגען אַ לעבעדיקן קלאַנג.

אין די מאָמענטן האָט זיך געדאַכט אַז זי וועט עס נישט אַריבער־טראָגן. אָבער וויזט אויס אַז דער שוואַכער מענטש ווערט אַ מאָל שטאַרקער פון אייזן, אויסצוטראָגן די טראַגישסטע קלעפּ און זיך נישט צוזאַמענברעכן, ביז אויסגיין... עס געשעט אויך דאָס פאַרקערטע: די שטאַרקסטע מענטשן קענען ווערן בעת אַן אומגעריכטן שוידערלעכן קלאַפּ מער באַווירקט ווי די שוואַכערע. די מענטשלעכע פּסיכיק איז אַזאַ קאָמפּליצירטער מעכאַניזם, וואָס רעאַגירט אַזוי פאַרשידן אין טראַגישע מאָמענטן און איבערלעבונגען.

פאַרשטענדלעך, אַז ר' רפאל, אַ בן־בית ביי זיי אין הויז, איז בעת און נאָך די שבעה־טעג גאָר אַ סך געווען מיט זיי צוזאַמען און ס'איז אויסגעקומען צו רעדן וועגן השארת הנפש. פאַר אים איז דאָך נישט געווען קיין קלער וועגן תחית המתים. מאַטוויי, דער ראַציאָנאַליסט

האָט נישט געקענט גלייבן אין מעטאַפיזיק, ער האָט געזען און געפּאַל־מעסט אַ סך טויטע, און געזאָגט אַז דער טויט פון אַ מענטש איז נישט עפּעס אַנדערש ווי פון אַ בהמה. עס פאַרענדיקט זיך אַ לעבן.

ר׳ רפאל האָט עס געפּרווט אָפּוועגדן, דערווידערט פון אַזאַ צוגאַנג, וואָס איז געווען אין סתירה צו אַלץ פון זיין רעליגיעזן לעבנס־באַנעם — אויף פעסטע טראַדיציאָנעלע יסודות.

נישט קענענדיק באַווירקן מיט איבערצייגונג, האָט ער געפּרווט אַריינרעדן אין אַניוטאַן, אַז די נאָענטסטע בלייבן מיט אונדז, אויך ווען זיי זענען שוין אויפן עולם האמת. זיי קומען אונדז צו חלום, און האָט דאָס אילוסטרירט מיט ביישפּילן פון זיין פאָטער ע״ה. טויטע געשטאַלטן באַווייזן זיך אין אַ פּלוצלונגן אויפבליץ נישט נאָר אין חלומות. פאַראַן מאָמענטן ווען עס קומט אַן אויפשיין פון זכרונות, און זיי קומען נישט פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק, פון געוויסע דערמאָנונגען, עפּיזאָדן, פון אַ בליק, אַ שמייכל; אַ דערמאָנונג און איבערלעבעניש פון קינדס אַ קראַנקייט. דאָס אַלץ מאַכט פילן די לופט און הייבט דעם פּולס פון לעבן ביי די געבליבענע.

כאָטש די רייד האָבן אויסגעזען אין דעם מאָמענט אַן פּעולה, האָבן זיי דאָך אַרויסגערופן ביי די צעוויטיקטע, אַ שטילן נאָכטראַכט, אויב נישט פון קאָפּשפּראַך איז פון האַרצשפּראַך... מאַטוויי און אַניוטאַ האָבן געהאַט גוטע אויערן, און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו ר׳ רפאלס ווערטער, וואָס האָבן צו זיי גראַוויטירט דורך אַן אומגע־זעענער קאָמוניקיר־ליניע פון מוח און האַרץ. דורך דעם גרויסן אומגליק האָבן זיי נאָך שטאַרקער זיך צו אים דערנענטערט. ביידע האָבן זיך אין אים אַזוי געגעוויטיקט, ווי אין לופט צו אָטעמען.

אין אָט דער שווערער צייט האָט ער אויסגעמיטן מיט מאַטווייען צו רעדן וועגן טענות און עוולות, וועלכע מ׳קומט צו אים אויסצוגלייכן צווישן די בעזשענצעס גופא און צווישן די רוסישע מיט זיי. געוויסע דערשיינונגען האָבן אַרויסגערופן שאַרפע רעאַגירונגען פון צדדים, ווי אַ רעזולטאַט פון קצבה וואָס האָט אַ דעמאָראַליזירנדיקע אויסווירקונג. דאָס האָט ביי אים אויך אַרויסגערופן מער ווי אומאַנגענעמלעכקייטן אין אייניקע פאַלן, בפרט אין ענינים פון היגיענע. רוסישע יידן האָבן עס מער אָפּגעהיט, ווי אַ טייל פּוילישע. און ווען עס האָט ווידער פאַסירט טיפוס און דיזענטעריע־קראַנקהייטן ביי אַ בעזשעניץ, איז אויפסניי אַרויפגעשווימען די אַלטע טענות מצד תושבים.

ר׳ רפאל איז געשטאַנען אין צענטער, איז מען צו אים געקומען מיט טענות און קעגן־טענות, מיט קלענערע און גרעסערע עוולות, וואָס האָבן אים פאַרשאַפט אַזוי פיל עגמת נפש. זיין אייגענער מאַטער־יעלער מצב האָט זיך אויך געהאַט פאַרערגערט, דורך אַ ריי סיבות,

איז ער אַליין אַרומגעגאַנגען מיט אַ גאַנץ שווערן געמיט, אָבער נישט געוואָלט עס אַרויסווייזן.

אין אָט דער שווערער צייט, איז גאָר אַרויפגעשווימען אַ נייער אומגליק, און אַזוי פּלוצלונג! אומדערוואַרט איז עס אַרויסגעקומען, ביים גיין פאַרדינגען אַ צימער.

פון אַ מאַן ווערט אַ פרוי...

ר׳ רפאל האָט פאַרנט פון הויז אויסגעציקלט אַ רוסישע מעלדונג „צו פאַרדינגען אַ שיינעם צימער״. די מודעה האָט געהאַנגען אַ לענגערע צייט און קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. איין מאָל, אַ פרייטיק פרי, האָט אַ פרוי אָנגעקלאַפּט, אַ ייִדישע לויטן אויסזען און לשון. געוועזן איז זי אין די מיטעלע יאָרן, אַ שטילע, האַלב־שעמעוודיק אין רעדן. דערציילט זי אַז זי איז געקומען אַהער פון אַן אַנדער שטאָט, ווייט פון דאַנען, זען זיך מיט איר זון, וואָס דינט דאָ אין דער אַרמיי און דאַרף שוין ווערן אָפּגעשיקט צום פראָנט מיט זיין אָפּטיילונג.

אַ מאַמע וואָס וויל זיך געזעגענען מיט איר זון פאַרן גיין אין פייער אַריין, רופט נאַטירלעך אַרויס גרויס רחמנות. בעט זי אַ טובה: מ׳זאָל איר דעם צימער פאַרדינגען אויף אַ צוויי טעג. זי וועט גוט באַלוינען. פאַר איר איז ווערט דאָס גאַנצע געלט, זאָגט זי, צו קענען די צוויי טעג זיין מיט איר קינד אין אַ ייִדישער שטוב, זיין מיט אים אַליין ביז איר צוריקפאָרן.

ר׳ רפאל און ביילטשע האָבן זיך אָפּגעזאָגט נעמען ביי איר געלט. עס איז ביי זיי אַ מצווה. אַליין דאָך טאַטע־מאַמע, ווייסן זיי דאָך דעם צער פון גידול בנים, און אָט גייט דער זון אַוועק צום פראָנט... צוגעשטאַנען שטאַרק צו דער פרוי, זי זאָל מיטן זון מיטהאַלטן מיט זיי שבת, דאָס וועט דאָך זיין זיין לעצטער עונג־שבת פאַרן אַוועקגיין צום פייער־פראָנט.

די פרוי האָט אויף שאלות געענטפערט מיט געצוימטע ווערטער: איר פאָטער איז אַ רב, אָנגערופן די שטאָט; און ס׳איז שווער איר אָנגעקומען ביז זי האָט שוין געפועלט דער זון זאָל קריגן צוויי טעג אורלויב, זען זיך מיט דער מאַמען, פאַרן ווערן אַוועקגעשיקט. ווען דער זון איז גענומען געוואָרן צום מיליטער, דערציילט זי, איז נאָך געווען פאַרן קריג, געוווינט האָבן זיי דעמאָלט אין אַן אַנדער שטאָט, אין וועלכער זי איז טאַקע געפאָרן אָנגעבן די „פּראָשעניעס״ און דאָס צוליב געוויסע טעמים, וואָס זי קען איצט נישט דערציילן.

אירע נישט־דערזאָגטע ווערטער האָבן נישט אַרויסגערופן קיין חשד: „נעבעך אַ צעבראָכן ייִדיש האַרץ״, האָבן מאַן־און־ווייב צווישן

זיך געדעדט, ווען די פרוי האָט געגומען אַ שליסל צו איר צימער, ווו זי וועט שפּעטער ברענגען פון אַן אכסניה אירע וואַליזקעס מיט זאַכן. דאָס האָט אויסגעזען נאָרמאַל, וואָס זי ברענגט פאַרן זון מיטצונעמען צום פּראַנט, דאָס וואָס אַ מאַמע האָט פאַר אים צוגעגרייט אָנצוטאָן, אפשר אויך מיט וואָס צו דערכאַפּן דאָס האַרץ, באַגלייט מיט ברכות און ווונטשן.

פאַרנאַכט איז זי צוריקגעקומען צוזאַמען מיטן זון, וואָס האָט באַקומען זיין אורלויב פון פרייטיק פאַרנאַכט ביז זונטיק פאַרנאַכט. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן וואַליזקעס און אין די אויגן, אומעט און צער.

ווען זיי זענען אַראָפּ פון דער דראָזשקע וואָס האָט זיי געבראַכט, האָבן זיי זיך צוערשט גוט אַרומגעקוקט אין גאַס. נישט געווען קיין לעבעדיקער נפש, נאָר די שטילקייט אַליין. ר׳ רפאל האָט געפרעגט דעם זעלנער, ער וויל אפשר מיטגיין מיט אים דאַווגען? ער האָט אָפּגעזאָגט, ער וועט אין צימער דאַווגען אַליין. זיין מוטער האָט דערביי פרום צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ; זי איז מסכים.

פרייטיק צו נאַכטס ביים טיש, האָט דעם זעלנערס מאַמע אַ סך מאָל געהאַט פייכטע אויגן קוקנדיק אויף איר זון. די בני־בית האָבן עס באַמערקט און העכער געזונגען די זמירות איר אויפצוהייטערן. דער זעלנער האָט צוגעברומט, נישט קענענדיק מיטזינגען דעם ניגון. עס איז געווען געמיטלעכקייט ביים עסן, אַ שבתדיקע מנוחה, און דער פראָנט איז געווען אַזוי ווייט פון דאַנען. אָפּגעבענטשט זענען בײדע געסט גלייך אַוועק צו זיך אין צימער, ווו דער פענצטער האָט אַרויסגעקוקט צום טיפן פרוכטן־סאַד, וואָס האָט זיך געצויגן הינטערן הויז אויף אַ גרעסערן שטח.

דאָס הויז איז אויך פון פאָרנט געווען פאַרשטעלט מיט ביימער און בלומען. אין דער גאַס האָבן אַלע הייזער געהאַט טיפע סעדער מיט פרוכטן הינטן און גערטנער פאָרנט. ווען זיי פלעגן זיך פרילינג צעבליען פלעגט דער גאַנצער אַרום מיט פּערפיום פאַרשמעקן מיט זייער בליעכץ. בעת די פרוי האָט פאַרן דינגען פרייטיק באַקוקט די גאַס און דעם צימער, וואָס זי האָט געגומען, האָט זיך געקענטיקט אַז זי איז צופרידן פון ביידע. אָבער מיט קיין וואָרט נישט אַרויסגעוויזן. מען האָט געזען, אַז זי איז אַן איינגעשלאָסענע אין זיך, זי צורו געלאָזט און שוין נישט געשטעלט איר קיינע שאלות, אַזוי אויך שפּעטער, ווען זי איז שוין געווען כסדר צוזאַמען מיטן זון.

ער האָט שבת אין דער פרי אויך אָפּגעזאָגט מיטצוגיין דאַווגען אין שולכל פון די בעזשענצעס. ער וויל דעם לעצטן שבת זיין מיט דער מאַמען יעדע מינוט. זיי האָבן אַזוי פיל צו זאָגן זיך און ס׳איז זיי יעדער סעקונדע טייער. איז דאָס געווען פאַרשטענדלעך. דעריבער

שוין נישט פאַרצויגן מיטן שבתדיקן עסן, געפּרווט אונטערהאַלטן זיי מיט דערציילן נאָר אַ פּאָר עפּיזאָדן פון דער אַלטער היים, דעם אונ־טערשייד פון דאָרטן און דאָ. דאָס איז געווען פאַר זיי אינטערעסאַנט, אָבער זייער געמיט איז נישט געווען דערביי. גלייך נאָכן עסן זענען זיי אַריין אין זייער צימער.

אַ קינד איז דאָך אָבער נייגעריק, האָט טוביהלע שפּילנדיק אין סאַד נאָכן עסן, באַמערקט, ווי דער פענצטער פון צימער איז געוואָרן פאַרהאָנגען מיט אַ טונקעלער קאָלדרע. האָט ער עס דערציילט דער מאַמען.

„מסתמא האָבן זיי זיך צוגעשפּאַרט, געוואָלט האָבן עס זאָל זיין טונקל אין צימער", האָט די מאַמע אים געענטפערט. זי האָט גאָר נישט געטראַכט פון עפּעס אַנדערש. טוביהלען האָט אָבער ווייטער געאַרט: — פאַר וואָס הערט ער זיי זאָגן תהילים? נאָך מיט אַזאַ וויינענ־דיקן קול?

האָט די מאַמע שוין אָנגעשריגן אויף אים ער זאָל נישט שטיין הינטערן פענצטער. „מען טוט נישט אַזוי, ס'איז נישט שיין!"

טוביהלע פלעגט שבת פאַרנאַכט מיטגיין מיטן טאַטן צום מנין, ווו מען האָט צווישן מנחה און מעריב געגעסן דאָרט שלוש סעודות. ער האָט זייער ליב געהאַט הערן דעם טאַטן זינגען „בני היכלא" מיט אַן אומעטיקן ניגון. די קלאַנגען פון ניגון פלעגן זיך דעמאָלט באַהעפטן מיט די שאָטנס אין דעם גרויסן צימער. אָבער דאָס מאָל האָט ער עפּעס נישט געוואָלט מיטגיין נאָר בלייבן אין שטוב. עס האָט אים געצויגן נאָר צום צימער מיטן זעלנער, ווו דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג איז געווען פאַרשטעלט דער פענצטער. געווען נייגעריק צו זען אינעווייניק, ווען ס'וועט ווערן פינצטער אין דרויסן, און זיי וועלן מאַכן ליכטיק אינע־ווייניק.

זיי האָבן געמאַכט ליכטיק, אָבער די קאָלדרע פון פענצטער נישט אַראָפּגענומען. נישט קוקנדיק אויף דער מאַמעס אָנזאָג, איז ער נישט אָפּגעטראָטן פון זייער פענצטער, געהערט שאַרכן זאַכן. די מאַמע האָט אים הויך גערופן, אַריינצוגיין אין שטוב. ער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק, אַרומגעשלייכט צווישן די ביימער־שאָטנס מען זאָל אים נישט באַמערקן. ווען ס'איז געוואָרן שטאַרק פינצטער, פּלוצלונג, זענען פון דעם צימער אַרויס צווי ווייבער מיט פאַטשיילעס איבערן קאָפּ, און שנעל גלייך אַרויס פון הויף.

ער האָט זיך נאָכגעשלייכט מיט זיין טיפן נייגער: פון וואַנען האָט זיך גענומען אַ צווייטע ייִדענע? די גאַנצע צייט געווען הינטער זייער טיר און פענצטער, נישט געזען עס זאָל עמעץ אַריינגיין צו זיי דורך זייער באַזונדערער טיר. ער האָט דאָך געהאַט אַזוי פיל איצט צו פרעגן, אָבער דערווייל נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון דער פינצטערער גאַס.

די שוואַרצע געדיכטע וואָלקנס האָבן אָנגעזאָגט אויף אַ גרויסן רעגן. קיין איין שטערן אויפן הימל. עס מאַטערט אים: פאַר וואָס האָבן זיי נישט געוואַרט אויף דעם טאַטנס הבדלה מאַכן? אָבער עפּעס וואָס זעט ער: אַ פּירל האָט זיך אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון געסל און גלייך אַרויפגענומען בײדע ווייבער, שנעל זענען זיי פאַרשוווּנדן אין דער טונקלקייט.

אין איין אָטעם אַריינגעפאַלן אין שטוב, דערציילט וואָס ער האָט געזען. די מאַמע איז מיט אים אַריין זען אין צימער, ס'איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן! אויף דער פּאָדלאָגע אָנגעוואָרפן זעלנערישע זאַכן מיטן שווערן שינעל. זי האָט באַמערקט אַ צעטעלע אויפן טישל, מיט ציטערדיקע הענט גענומען לייענען. געשריבן אין רוסיש, האָט די פרוי זיך שטאַרק אַנטשולדיקט פאַר דעם מושב וואָס זיי לאָזן איבער... נישט געווען מעגלעך... די זאַכן מוזן גלייך ווערן פאַרניכטעט! עס טאָר נישט בלייבן קיין סימן... מאָרגן פאַרנאַכט וועלן זיכער קומען די מיליטערישע זשאַנדאַרמען זען פאַר וואָס איר זון איז נישט צוריקגעקומען... אָבער איר ווייסט גאָר נישט! און דאָס איז דאָך דער אמת. גאָט וועט אייך באַצאָלן פאַר דער גרויסער מצווה. אַז ס'וועט דורכגיין כשורה, וועט אַ שיינע מתנה נאָכקומען. לסוף נאָך אַ מאָל אונטערגעשטראָכן: אַלע זאַכן מיטן צעטעלע פאַרברענען גלייך...

שטייענדיק אין גאַנצן אַ צעמישטע האָט ביילטשע דערהערט איר מאַנס טריט. אַריין, ווי געווײנטלעך, מיט זיין ברייטן „גוט וואָך", האָט זי אים אַריינגענומען גלייך אין צימער, דערציילט מיט טרערן, וואָס טוביהלע האָט געזען... אַזאַ אומגליק! ער מוז גלייך אַריבערגיין צו מאַטווייען.

אַ טויט־בלאַסער איז ר' רפאל אַוועק, און ווען מאַטוויי און אַניוטאַ האָבן געעפנט די טיר, האָבן זיי פון פּנים זיינעם און שטים גלייך אַראָפּגעלייענט, אַז ס'איז עפּעס שרעקלעכס געשען. ער האָט דערציילט אַלץ וואָס איז פאַרלאָפן ביי אים אין די צוויי טעג. נישט געווען איצט קיין צייט צו רעדן, נאָר גלייך טאָן. אַ שווערע סכנה הענגט איצט אויף זיין הויזגעזינד...

מאַטוויי האָט גענומען שווערע פּאַקפּאַפּיר, געהייסן ר' רפאלן גיין תיכף שנעל אַ היים דורך אַן אַנדער גאַס, און ער וועט גלייך זיין ביי אים אויפצוראַמען דעם צימער. קיין שפּור טאָר מען נישט לאָזן.

קומענדיק אַ היים האָט ער געפּרוּווט באַרואיקן ביילטשען, אָבער זי האָט דערקענט, און געוויינט... מאַטוויי איז אָנגעקומען, שנעל איינגעפּאַקט אַלע זאַכן אין צוויי פּעק. איינעם האָט ער גלייך מיטגענומען, דעם צווייטן וועט ער נעמען אַ ביסל שפּעטער. דער עיקר, מען זאָל אים נאָר נישט זען! ס'איז גוט וואָס ס'איז איצט אַזוי שטאַרק פאַרוואָלקנט.

ער איז אַוועק. אַ ביסל שפּעטער, גענומען דעם צווייטן פּעקל. דער צימער איז געוואָרן אויפגערוימט ביז אַ פאָדעם. ביים אַוועקגיין געזאָגט, אַז ביידע פּעקלעך וועלן באַלד זיין פאַרברענט. איבערגע־לייענט דאָס געלאָזענע צעטעלע און עס גלייך אונטערגעצונדן. געוואָרנט, אַז ס'וועט נישט דורכגיין אַזוי לייכט מיט דער מיליטערי־שער פּאָליציי. דער עיקר: ער און ביילטשע זאָלן נאָר דערציילן דעם אמת, במילא ווייסן זיי דאָך פון גאָר נישט. יאָ, זיי זענען געוועזן זיכער אַז דער זעלנער איז צוריק אין קאַזאַרמע. זיין מאַמע איז אויך אַוועק־געפאָרן, געבליבן זענען זיי נאָך שולדיק דירה־געלט. זיי זענען אַוועק אומגעזען.

ביי טאַטע־מאַמע איז נאָך אַנטשטאַנען אַ באַזונדער שרעק; טאָמער נעמען זיי אויספרעגן דאָס יינגל? יאָ, מען וועט אים אָנזאָגן אַז ער האָט גאָר נישט געזען, ער ווייסט גאָר נישט. אָבער קען מען זיך אין אַזאַ פאַל פאַרלאָזן אויף אַ קינד?...

געווען אַ טרויעריקע שלאָפלאָזע נאַכט. שרעק האָט געלויערט פון אַלע ווינקעלעך... דער גאַנצער זונטיקדיקער טאָג איז געווען איינגעהילט אין פחד. געוווסט אָבער, אַז מ'טאָר אויף זייערע פּנימער נישט דערקענען, אַז זיי שרעקן זיך. און דאָס וועט זיין דאָס שווערסטע אין זייער באַגעגעניש מיט די מיליציאַנטן. ר' רפאל האָט געגלויבט אין זיין אייגענער רואיקייט אָבער מורא געהאַט פאַר ביילטשען, זי זאָל זיך קענען האַלטן...

פאַרנאַכט זענען געקומען צוויי מיליציאַנטן פון דער אַרמיי: דער זעלנער וואָס האָט אָנגעגעבן דעם אַדרעס האָט פיר בייטאָג געדאַרפט שוין זיין צוריק אין קאַזאַרמע און זיך נישט צוגעשטעלט.

זיי האָבן פאַרשריבן אַלץ וואָס ר' רפאל האָט זיי דערציילט. פאַרן אַוועקגיין געשנישטערט אין יעדן ווינקעלע פון הויז, געזוכט אין סאָד, צי האָט ער זיך דאָרט נישט אויסבאַהאַלטן? ביים אַוועקגיין געזאָגט, זיי וועלן דאָ נאָך אַ מאָל זיין, אויב ער וועט זיך נישט צושטעלן איבער נאַכט. אגב, האָבן זיי באַמערקט, אַז אויף אַלע וועגן וועט מען זוכן דעם דעזערטיר. מען וועט אים דאָך זיכער כאַפּן און דער באַלעבאָס פון הויז וועט דאַרפן זיין אַן עדות פאַרן מיליטערישן געריכט. געוואָלט בעת מעשה עפּעס אַראָפּלייענען פון פּנים ביי מאַן־און־ווייב, אָבער גאָר נישט מער גערעדט און אַוועק.

געגרייט זיך צו אַ צווייטן „וויזיט", און זיי האָבן טאַקע געהאַלטן וואָרט. עס זענען נאָך מיטגעקומען צוויי אַנדערע, און איינער פון זיי האָט גענומען דראָען אַז מען וועט די באַלעבאַטים איינזעצן, זיי האָבן זיכער גוט געוווסט פון דער צוגעגרייטער דעזערציע, געקראָגן דער־פאַר אַ גרויסע סומע פאַר מיטהעלפן... זיי וועלן טייער באַצאָלן!...

געפאַלן נאָך רוסישע „מי שברכס״ביים אויפרייסן די פאָדלאָגעס פון הויז.

געקומען ווידער מיט עטלעכע טעג שפּעטער, שוין נאָך האַלבער נאַכט, ווידער גענישטערט, געדראָט, געשאָלטן. קלאָר געווען, אַז מען האָט אים נישט געכאַפּט, און די רעוויזיעס וועלן דערווייל נישט אויפ־הערן. זיי האָבן זיך טאַקע כסדר איבערגעחזרט, אָבער נישט געקענט געפינען פאַרדעכטיקס אין הויז.

דאָס כסדרדיקע לעבן אין פחד, האָט פאַרצערט די כוחות. פריינד האָבן מורא געהאַט קומען צו זיי.

אַ שמועה איז אויך געווען, אַז פון דער מיליטערישער מאַכט פרעגט מען זיך נאָך ביי די אַנגעזעענסטע רוסישע יידן, וואָס פאַר אַ רעפּוטאַציע עס האָט דער און דער בעזשעניץ... ר׳ רפאל האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען ביי אַלע, אָבער עס איז קריגסצייט, אַ חשד איז דאָ אויף אים, איז בעסער מיט אים נישט צו האָבן איצט קיין שום מגע ומשא. אין די ערטער ווו ער האָט געלערנט קינדער, האָט מען אים געגעבן אָנצוהערן דערווייל נישט קומען. דעריבער האָט ער אויך אויסגעמיטן דאָס הויז פון מאַטווייען, וואָס איז דאָך געווען אַ פאָר יאָר, זיין צווייטע היים.

איז די פרנסה זיינע אַזוי שטאַרק געהאַט געפאַלן, אַז ס׳האָט געפעלט ממש אויף די סאַמע נויטיקסטע באַדערפענישן. מאַטוויי האָט פון דעם געוווסט, געוואָלט אויסבאַרגן, אָבער ר׳ רפאל האָט נישט געוואָלט נעמען, נישט זעענדיק קיין מעגלעכקייט צו קענען אָפּגעבן. די דערוואַרטונג פון ווייטערדיקע אויספאָרשונגען, די רעוויזיעס, האָבן אַ תל געמאַכט פון דער גאַנצער שטוב. דער קלעם איז געווען נישט אויסצוהאַלטן!

מאַטוויי און אַניוטאַ האָבן זיך געבראָכן דעם קאָפּ ווי אַזוי צו העלפן. פּלאַנירט די פאַמיליע זאָל זיך איבערציען אין אַן אַנדער שטאָט, ווו עס געפינען זיך אויך אָט די בעזשענצעס, וואָס קענען אים פון דער אַלטער היים. פון דער אַנדערער זייט, אָבער מורא געהאַט צי דאָס אַוועקפאָרן פון לעבעדיאַן וועט אפשר מער פאַרשטאַרקן דעם חשד אויף אים. אַז די אויספאָרשונג גייט נאָך כסדר אָן, איז געווען זיכער לויט אַלע סימנים. אָבער ס׳איז דאָך אַדורך שוין אַ שטיקל צייט און די פאָרשונגען מיט די רעוויזיעס האָבן גאָר נישט באַוויזן עפּעס קעגן אים. אויב פון אַ צווייטער שטאָט וויל מען אים אַנגאַזשירן אויף אַ בעסערן פּאָסטן (ווי ער האָט אין לעבעדיאַן), פאַרוואָס טאָר ער נישט אָננעמען?

מאַטוויי האָט געהאַט נאָענטע פריינד אין ליפּעצק, פון דער זעל־בער טאַמבאָווער גובערניע און דערוווסט זיך פון זיי, אַז די בעזשענצעס

וואַלטן מיט פאַרגעניגן אויפגענומען אים פאַר חזן־שוחט. היות עס גייט איצט צו די ימים נוראים, און זיי האָבן דאָרט בכלל נישט קיין חזן, וואָלט אַ פלאַן געווען ער זאָל שוין קומען דאָרטן דאווגען דעם ראש השנה און יום־כיפור און דעמאָלט וועט מען אים צונעמען אויף דעם פאָסטן.

מאַטוויי האָט זיך מיישב געווען מיט עטלעכע נאָענטע פריינד און די זענען מסכים געווען, ווי דער בעסטער אויסוועג אין זיין מצב. זיי האָבן נאָך פאַרגעלייגט ער זאָל אַוועקפאָרן נישט שטילערהייט, נאָר די רוסישע יידן מיט די בעזשענצעס זאָלן שפּעטער איינאָרדענען אים אַזאַ אָפּשייד־אָוונט, וואָס וועט זיכער נישט דורכגיין אומבאַמערקט פאַר דער מאַכט. דאָס אַליין וועט צוגעבן פּרעסטיזש זיין רעפּוטאַציע, סיי אָנערקענונג פאַר זיין טיכטיקער אַרבעט לטובת די פּליטים און ווי אַ רעליגיעזער מנהיג בכלל.

דער פלאַן האָט זיך זייער גוט איינגעגעבן. ר׳ רפאל האָט געהאַלטן פון „משנה מקום משנה מזל״, פאַרלירן איז שוין נישט געווען וואָס. ערגער קען שוין נישט זיין. ער איז מיט זיינע צוויי עלטערע יינגלעך געפאָרן קיין ליפּעצק, אויסגעזוכט נאָך עטלעכע יינגלעך מיט זיסע שטימען אויפן אָרט, מיט זיי רעפּעטירט און געדאווגט אין דער דאָר־טיקער גרויסער שיל מיט גרויס אָנזען. מען האָט שטאַרק געריממט זיין „זאָגן״ און נגינה און מיט צופרידנקייט אים אַנגאַזשירט אויף דעם פאָסטן, מיט זייער גוטע אויסזיכטן.

צוריקגעקומען נאָך די ימים נוראים פון ליפּעצק, אין גאָר אַן אַנדער געמיט־צושטאַנד. מען האָט פאַר אים שוין געהאַט אויסגעזוכט דאָרט אַ פיינע וווינונג און געטראָפן אַזוי פיל אַלטע באַקאַנטע. אַ גרעסערע שטאָט, בעסערע אויסזיכטן פאַר די קינדער, פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, וואָס וועט זיך באַפרייען פון דעם קאָשמאַר.

ער האָט עס דערציילט מאַטוויי;ען, וואָס האָט אַ צופרידענער עס אויסגעהערט, אָבער האָט נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו דערציילן אים די לעצטע נייעס פון דער אויספאָרשונג. די מיליטערישע מאַכט האָט אַרעסטירט דעם פויער, וואָס האָט דעם דעזערטיר מיט זיין מאַמען אַוועקגעפירט פון לעבעדיאַן ביז אָסטאַפּאָווע. דער פויער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט נאָר געזען צוויי באַבעס און נישט קיין דעזערטיר־זעלנער. ער האָט זיך אָבער מודה געווען, אַז ער האָט באַ־קומען פאַר זיין וויטער רייזע אַ גאָר גרויסע סומע געלט.

אויף דער פראַגע פון אויספאָרשער, ווער עס האָט אים געדונגען, האָט ער געענטפערט, איינע פון די באַבעס וואָס ער האָט געפירט. די מיליטערישע מיליץ האָט געהאַלטן אַז דער זעלנער אַליין האָט אים באַשטעלט, אָבער צו דעם האָט ער זיך בשום אופן נישט מודה געווען.

די אויספאָרשונג איז ווייטער געבליבן שטיין פאַר אַ בלינדע וואַנט. דאָס איז דערגאַנגען צו מאַטווייען דורך פאַרשידענע אומוועגן. ער האָט אָבער איצט נישט געוואָלט צוריק אַרויסברענגען פאַר ר׳ רפאלן דעם ווייטערדיקן פאַרלויף פון דער געשעעניש, וואָס האָט צוגענומען ביי אים אַזוי פיל געזונט און כוחות.

אָן ר׳ רפאלס וויסן איז אָנגעגאַנגען אַ צוגרייטונג צו אַ גרויסער מלווה־מלכה, ווי אַ געזעגענונג פון דער קהילה פאַר זייער איבערגע־געבענעם מנהיג וועלכער פאָרט זיך באַזעצן אין אַ גרעסער שטאָט מיט מער יידן, נאָך עטלעכע יאָר וווינען אין לעבעדיאַן.

מיט גרויס פייערלעכקייט איז טאַקע אויף דער מלווה־מלכה געזעגנט געוואָרן ר׳ רפאל, צוו זיין באַזעצן זיך אין ליפּעצק. מאַטוויי זאַכאַראָוויטש האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן ישוב. דערציילט מאָמענטן פון דער גרויסער אַסיפה אין מאָסקווע, ווו ר׳ רפאל האָט זיך דערוואָרבן גרויס אָנזען און נייע פריינד. אגב איז דער רב פון ליפּעצק געווען אַ דעלעגאַט צו דעם צוזאַמענפאָר. מאַטוויי האָט אויך דערציילט, אַז אין די ימים־נוראים, בעת ר׳ רפאל איז געווען דאָרטן דער חזן, האָט ער זיך שוין דערוואָרבן נייע פריינד נישט נאָר ביי די בעזשענצעס, נאָר אויך צווישן די רוסישע יידן, וועלכע שאַצן זייער אָפּ די גינציקייט פון זיין באַזעצן זיך ביי זיי אין שטאָט.

אַלס אויסדרוק פון גרויס אָנערקענונג פאַר זיין אַרבעט דאָ, האָבן אַ ריי פריינד צוגעגרייט אַ מתנה, וואָס וועט דאָך זיכער צונוץ קומען אים בעת זיין איבערציען זיך. ער האָט ר׳ רפאלן דערלאַנגט אַ קאָנ־ווערט — אַ שיינע סומע געלט, צו קענען אויפסניי זיך דאָרטן איינאָרדענען.

געווען נאָך שבחים פון אַנדערע אַלטע תושבים, און רירנדיק האָט גערעדט דער אַלטער רוסישער שוחט, וואָס האָט זייער שטאַרק באַ־דויערט זיין בלייבן אויף זיינע עלטערע יאָרן דאָ אָן דער הילף פון ר׳ רפאלן.

דער גרויסער עולם האָט זיך משמח געווען ביז נאָך חצות און זיך האַרציק געזעגנט מיט אים. מאַטוויי האָט טאַקע ריכטיק פאַרויס־געזען, אַז די שימחה וועט נישט אַדורכגיין אומבאַמערקט פאַר די וואָס דאַרפן עס וויסן... די אויספאָרשונג איז שפּעטער געוואָרן אָפּגעשטעלט.

ליפּעצק:

די דירה פון ר׳ רפאלן אין ליפּעצק האָט געהערט צו דער רוסיש־יידישער פאַמיליע סאַפּאָזשניקאָוו. איליאַ סאַפּאָזשניקאָוו, אַ הויכער דאַרער ייד מיט אַן אויסגעפּאַשעטער געלע באָרד, פון די בערד „וואָס לאָזן זיך נישט שפּייען אין קאַשע אַריין״. ער האָט געהאַט גאָלדענע הענט און אין יעדער האַנט זעקס פינגער. דעריבער טאַקע אין רוסיש געהאַט אַ צונאָמען פון זיינע זעקס פינגער. ווען ער האָט פאַר ר׳ רפאלן אויסגעשניצט אַ שופר פאַר די ימים־נוראים — איז עס געווען אַ שופר פון שופר־לאַנד. זיין ספּעציאַליטעט איז געווען אויסצושניצן טאַבאַק־פּושקעלעך — אַנטיקן! מען האָט געזאָגט אַז ער איז געבוירן געוואָרן מיט צווי רעכטע הענט — זיי האָבן אַלץ געקענט מאַכן!

אויף זיין גוטמוטיקן פּנים האָט מען נישט דערקענט די שווערע פאַמיליע־טראַגעדיע וואָס ער האָט דורכגעלעבט, ווען עס זענען דער־טרונקען געוואָרן זיין פרוי און דער זון, ווען ער איז איר געגאַנגען ראַטעווען. די שטורעמדיקע כוואַליעס האָבן בײדע אַוועקגעטראָגן צום אָפּגרונט. געבליבן מיט יונגערע קינדער אויף זיינע הענט, האָט ער זיי אויפגעהאָדעוועט, חתונה געמאַכט, געהאַט אייניקלעך — יינגלעך. געוואָלט האָט ער ר׳ רפאל זאָל מיט זיי לערנען ידישקייט, מחמת זיי ווערן פאַרגויאישט אין דער רוסישער שול און שטענדיק זעט ער זיי מיט נישט־יידישע קינדער זיך חברן נאָך דער שול.

אין ווינטערדיקע שבת־צו־נאַכטסן פלעגט איליאַ זיצן ביי ר׳ רפאלן, אויסטרונקען אַן אַכצן גלעזער „קיפּיאַטאָק״, „אַ ביסל״ דער־וואַרעמט, אָנהייבן דערציילן עפּיזאָדן פון זיין לעבן. זיין טאַטע איז געווען אַ ניקאָלייעווסקער סאָלדאַט, פינף און צוואַנציק יאָר אָפּגעדינט פאַניע אויף דעם ווייטן צפון. נאָך דעם געקומען קיין צענטראַל רוס־לאַנד, זיך באַזעצט אין ליפּעצק, ווו עס האָבן שוין געהאַט געווינט עטלעכע ניקאָלאַיעווסקי אויסגעדינטע זעלנער, וועלכע ער האָט געהאַט באַקענט בעת זיין מיליטערישער דינסט.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען עס זענען קיין ליפּעצק אָנגעקומען אַ גרויסע צאָל בעזשענצעס, האָט ער זיך פון זיי אויסגעלערנט רעדן אַ ביסל ידיש, פריער נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט. ביים הערן נייע יידישע ווערטער, פלעגט ער האַלטן אין איין איבערפרעגן זייער מיין און פאַרצייכנט אין אַ העפטל, וואָס ער האָט געהאַלטן תמיד מיט זיך. ער פרעגט זיך אַפילו ווערטער ביי טוביהלען, וואָס פלעגט יעדער פרייע מינוט אַריינכאַפּן זיך צו אים, זען ווי קונציק זיינע פינגער שניצן אויס זאַכן. אָבער טוביהלע האָט אים די ווערטער נישט געקענט אויסטייטשן, זיי זענען נאָך נישט געווען אין זיין רעדשפּראַך.

ער האָט געהאַט נאָר וואָס אָנגעהויבן גיין אין דער יידישער

שול, ווו מען האָט אַלץ געלערנט אויף יידיש. ר״ פּיוויש דער מלמד, וואָס האָט געשטאַמט פון דער זעלבער שטאָט ווי זיין טאַטע, פלעגט קומען אים לערנען גמרא און איז נישט געווען צופרידן וואָס ער פּטרט אָוועק זיין צייט מיט אַ יינגל, וועמענס קאָפּ איז נישט ביי דער גמרא, נאָר ביי די „גויאישע״ לעקציעס פון דער יידישער שול, ווו די לערערס זענען אַפּיקורסים און לייקענען אין גאָט. זיי זאָגן, אַז ווען אַ מענטש שטאַרבט איז עס אויסגעגאַנגען זיין עלעקטרע. אַט ברענט זי, ס׳איז ליכטיק, און אַט גייט זי אויס . . .

עס ברעכט אויס די מערץ־רעוואָלוציע אויך אין ליפּעצק

דער מילדער פרילינג פון 1917, האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין פעברואַר. געוויינטלעך פלעגן נאָך אין דעם מאָנאַט זיין שאַרפע פרעסט. דעם יאָר האָבן די ביימער גאָר אָנגעהויבן באַצייטנס בליען. די אַקאַציע־ביימער פלעגן פאַרשמעקן די געסלעך. די דופטיקע ריחות האָבן אין די נעכט פאַרכישופט די לופט. מענטשן זענען אַרויס פון די שטיבער, מיט זייערע נאָך פאַרקאָועטע טאָפּלטע פענצטער, כאַפּן פרישע לופט.

אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן אומגלויבלעכע קלאַנגען וועגן פּעטראָגראַד, וועגן צאַר. גענוי האָט מען נישט געוווסט, וואָס דאָרט קומט פאָר. קיין צייטונגען זענען קיין ליפּעצק שוין אַ צייט נישט אָנגעקומען, מ׳האָט איינער דעם אַנדערן פאַרטרויט נאָר שטיל, וואָס האָט אויסגעזען אומגלייבלעך: באשר צוליב די ריזיקע שטרייקן אין דער קרוינשטאָט און אין מאָסקווע, זאָל דער צאַר האָבן אַבדיקירט לטובת זיין זון. די באַנען שטרייקן. און אויפן פראָנט איז שלעכט, מפלות כסדר — אומעטום.

די צערודערונג האָט זיך נאָך אָנגעהויבן מיט מאָנאַטן פריער, ווען עס איז דערמאָרדעט געוואָרן ראַספּוטין, באַצייכנט ווי דער שוואַרצער, בייזער גייסט פון דער צאַרישער דינאַסטיע. געווען איז זיין טויט דער ערשטער שוואַלב, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז די דינאַס־טיע וואַקלט זיך, האַלט ביים אײַנפאַלן . . . אין די פראַסטיקע נעכט זענען געשטאַנען פרויען ביי די בעקערייען אין פּעטראָגראַד, געוואַרט אויף אַ ברויטל. געווען פאַלן פון פאַגראָמירן בעקערייען. הונגער, עפּידעמיעס אויך אין אַנדערע גרויסע שטעט. אָבער אין דער וויטער פּראָווינץ — איז געווען שטיל.

די ידיעות וועגן די געשעענישן אין דער הויפּטשטאָט זענען געננויער אָנגעקומען, ווען מען האָט דערהאַלטן די ערשטע צייטונגען

פון מאָסקווע, וואָס האָבן באַשטעטיקט וועגן דער אַבדיקאַציע פון צאַר לטובת דעם קרוינפּרינץ און גלייך דאַן די נייעס, אַז ס'איז געקומען דער סוף פון דער צאַרישער דינאַסטיע בכלל, אַראָפּ פון דער סצענע.

שנעל האָבן זיך די ידיעות פאַרשפּרייט אין שטעטל. די גאַסן זענען גלייך געוואָרן פול. יידן האָבן זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב, און יונג און אַלט האָט דאַן אַרומגעכאַפּט אַזאַ פריידיק געפיל, אַ יום־טובדיקע שטימונג. ספּאָנטאַנישע פאַרזאַמלונגען אונטערן פרייען הימל, אין לאָקאַלן, מען האָט געהאַלטן נאָר אין איין רעדן. אַלץ האָט גערעדט טאָג און נאַכט. אפילו די ווענט פון די הייזער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אויך די שטיינער אין גאַס, דיביימער אין גאָרטן רעדן וועגן דער מערץ־רעוואָלוציע. פאַרטייען וואָס זענען בעתן צאַרישן רעזשים געווען אונטערערדישע, זענען אַרויס אין גאַס מיט זייערע פענער.

דעם ערשטן מאַי, 1917: אַ לאַנגער צוג מאַרשירט. די „ברידער און שוועסטער" פון בונד; מיטגלידער פון ס.ס.; פון פּועלי־ציון, אַלע אויף דער גאַס. רעדנער פון אַלע פּאַרטייען דונערן וועגן פרייהייט פאַר רוסלאַנד, פאַר אַלע פעלקער, און אויך פאַר יידן. די רעדנער לויבן די צייטווייליקע קערענסקי־רעגירונג, וואָס האָט אָפּגעשאַפט אַלע צאַרישע אַנטי־יידישע געזעצן, אָפּגעשאַפט אַלע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַגרענעצונגען פון צאַריזם.

טוביהלע, אַ יינגל קוים פון אַ יאָר אַכט, האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די דערוואַקסענע. די שול איז דעם 1טן מאַי געשלאָסן, די לע־רערס גייען אין דער מאַי־דעמאָנסטראַציע, און ער גייט מיט די דער־וואַקסענע צו די מיטינגען, הערט זיך צו צו רייד, וואָס ער הייבט נישט אָן באַנעמען; צוליב וואָס מען יובלט אַזוי? געהערט צום וויפלטן מאָל אַז מען האָט אַראָפּגעוואָרפן די צאַרישע דינאַסטיע, פרעגט ער זיך וואָס איז דינאַסטיע? ער פאַרשטייט דאָ נישט אַ סך זאַכן וואָס די עלטערע רעדן, אָבער ער טרעט נישט אָפּ, וויל אומעטום זיין, מיטגיין מיט זיינע עלטערע ברידער און שוועסטער.

ער שטופּט זיך אַדורך דעם גרויסן עולם אין יידישן קלוב, וווּ עס רוישט ווי אין אַ בינשטאָק. אַן עלטערער מענטש — אַ ווייסער קאָפּ האָר, טיף איינגעפאַלענע אויגן, שטייט אויף אַ בענקל און רעדט. הערט ער די אַרומיקע זאָגן, אַז ער איז אָקאָרשט צוריקגעקומען פון סיבירער קאַטאָרגע, ווו ער איז אויף לאַנגע יאָרן פאַרשיקט געווען. ער רעדט זייער הויך, וואַרפט אין עולם פייער־ווערטער, „אונדזער רוסלאַנד ברענט! די וועלט ברענט!" ווען ער שרייט אויס: זעט ווי די גאַס ברענט, קען שוין טוביהלע אין גאַנצן נישט פאַרשטיין: ווו האָט ער געזען די גאַס זאָל ברענען?...

מאָדנע: דער וואָס רעדט אויפן בענקל, ניין, ער רעדט נישט, ער

שרייט אַלע מאָל אויס עפּעס און דער עולם פּאַטשט. מאַדנע: ער האָט ווייכע אויגן און זיינע רייד קלינגען אַזוי פרעמד... דאָס ייִנגל מאַטערט זיינע עלטערע ברידער זיי זאָלן אים זאָגן... און ער לאָזט נישט אָפּ, האַלט אין איין פרעגן; ווערן זיי שוין בייז, וואָרנען, זיי וועלן אים דערפאַר נישט מיטנעמען שוין אין ערגעץ. שווייגט דאָס ייִנגל און פרעגט שוויגנדיק: וואָס האָט געוואָלט דער ייִד וואָס האָט אין מיטן איבערגעריסן דעם אויפן בענקל? פאַר וואָס איז געוואָרן אַזאַ טומל? ער האָט מורא צו פרעגן, קוקט, הערט און זעט, ווי אַ בחור אין אַ לעדערנער קורטקע פירט אַרויס פון קלוב דעם וואָס האָט איבער־געריסן כסדר דעם עלטערן ייִד אויפן בענקל. דאָס ייִנגל הערט אַז דער עלטערער איז דער טאַטע און דער וואָס פירט אים אַרויס אונטערן אָרעם איז זיין זון. ווונדערט עס זיך נאָך מער: פאַר וואָס רופט ער זיין טאַטן מאַטקע? ווי אַזוי טוט מען אַזאַ זאַך? דעם אייגענעם טאַטן רופן מאַטקע? ער פאַרטראַכט זיך: ווען ער וואָלט אַזוי געטאָן מיט זיין טאַטן; רופן אים ביים נאָמען? — שוין פון טראַכטן בלויז ווערט ער רויט, קוקט זיך אַרום אַ באַגאַסענער פון חרפה...

אין דער ייִדישער שול

צווישן די ייִדישע לערער גייט אָן אַ קריגערייַ וועגן העברעיש. אין די עלטערע קלאַסן האָט מען געלערנט דיקדוק, מען האָט אויך גערעדט פון אַ באַלפור־דעקלאַראַציע פאַר ארץ־ישראל. די ציוניסטישע לערערשאַפט וויל מאַכן אַ פאַרזאַמלונג פאַר די קינדער, רעדן וועגן דער גרויסער געשעעניש פאַרן ייִדישן פאָלק. זיי זענען אָבער אין שול ווייניקער ווי די בונדיסטישע און פאָלקיסטישע לערערס, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן די ציוניסטישע און עס טוט זיך אין שול אָפּ גרויסע קריגערייען.

די קינדער שטייען בעת די פּויזעס הינטער דער טיר פון דער קאַנצעלאַריע, הערן זיך צו ווי עס רייסן זיך אַרום די לערערס. די קריגערייען און געשרייען פאַרטויבן ממש! טוביהלע וויל אויך הערן, אָבער די עלטערע קינדער טרייבן אים מיט נאָך אַנדערע יונגע קינדער אַוועק. נאָך צו יונג!... די ווערטער וואָלטן נישט געהאָט אפשר קיין ווירקונג, אָבער מען קריגט אַ שטאַרקן קניפּ אין ווייכן פלייש...

די עלטערע קלאַסן פון דער פאָלקסשול האָבן גערופן אַ פאַרזאַמ־לונג אין אַ פּריוואַטער וווינונג ביי דבורהס עלטערן. זיי זענען פייער־דיקע ציוניסטן, און זייער בת־יחידה, אַ דיקלעכע, פון צענטן קלאַס, האָט אַ מויל, אויף שרויפן. זי איז פון נידעריקן וווקס, אַ ברונעטקע מיט אַ ברייט פּנים, קליינע גראָע אויגן, וואָס פאַרלירן זיך אין דער

פּעטקייט פון פּנים. באַקומען אָבער פּייער, ווען זי צערעדט זיך און דער פּנים צעפּלאַמט זיך פון אירע אייגענע רייד. מען האָט אויף דער פאַרזאַמלונג טוביהלען נישט געוואָלט אַריינלאָזן. איז ער נישט אָפּגע־טראָטן פון פענצטער, וואָס איז געווען האַלב אָפן, הערן וואָס זי זאָגט. זי האָט דערמאָנט כייקינען, דעם שולפאַרוואַלטער, און זאָגט אַז ער איז אַ באַהאַלטענער באָלשעוויק, דעריבער איז ער קעגן העברעיש לערנען אין די העכערע קלאַסן.

טוביהלע האָט שוין דאָס וואָרט באָלשעוויק אַ סך מאָל געהערט, אָבער פאַרשטייט נישט וואָס עס מיינט? — וועסט עלטער ווערן וועסטו פאַרשטיין, — דאָס איז דער ענטפער אויף אַלץ וואָס ער פרעגט די עלטערע. אויך דבורה האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שאַרפן בליק, ווען ער האָט זי געפרעגט וועגן כייקינען, זי האָט זיך צעשריגן: — וועסט אפשר גיין אים דערציילן, אַז איך האָב וועגן אים אַזוי געזאָגט?... געדענק, וואָס וועסט לייזן פון מיר, ווען דו וועסט נאָך אײן מאָל דאָס וואָרט זאָגן...

טוביהלע האָט מורא געהאַט פאַר איר מויל. אים האָט נאָך מער געמאַטערט, וואָס קיינער וויל אים נישט דערציילן פאַרוואָס? — —

דער טומל פון גאַס האָט זיך אַריינגעריסן אין דער שול, געשטערט דאָס לערנען. ווער האָט זיך אין אַזאַ שטורמישער צייט צוגעהערט צום לערער פון געשיכטע? דאָס זעלבע איז געשען ביי אַנדערע לערערס וואָס האָבן פאַרלוירן דעם קאָנטראָל אין קלאַס. לאָזונגען פון גאַס האָבן די עלטערע שילערס אַריינגעבראַכט אין שול, געאַמפּערט וועגן זיי, צווישן די שילערס זענען געווען אַנהענגערס און קעגנערס פון די יידישע פּאַרטייען, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט זייערע קאַנדידאַטן צו דער קאָנסטיטואַנטע.

דאָס איז ווידער געווען אַ ניי וואָרט, וואָס מען האָט כסדר געהערט אויף פאַרזאַמלונגען און גרעסערע מיטינגען. אין דער פּאַלקסשול האָבן זיך אויך אָנגעהויבן באַוויזן בחורים און מיידלעך אין לעדערנע קורט־קעס, מיט קורץ געשוירענע האָר, וואָס האָבן געוואָלט רעדן צו די קינדער וועגן די געשעענישן וואָס קומען פאָר אין לאַנד. קינדער פון ציוניסטישע היימען האָבן פאַרלאַנגט זיי זאָלן רעדן פון דער באַלפור דעקלאַראַציע. איז געוואָרן יענער טומל! דער געפּעכט האָט זיך איי־בערגעטראָגן פון קאָרידאָר אין קלאַס. נישט געווען מעגלעך צו הערן וואָס עס זאָגט דער לערער און אַזוי איז אָנגעגאַנגען ביז דער גלעקל האָט זיך צעקלונגען.

די יינגלעך האָבן ווידער דערציילט פון בית־המדרש, ווו מען פרוווט אַריינברענגען באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע דורך בחורים, וואָס זענען פריער געווען פרומע און געוואָרן באָלשעוויקעס איבער נאַכט. עס דערגייט צו געשלעגן ווען מען וויל זיי אַרויסוואַרפן. אַזאַ

געשיכטע איז פאַרגעקומען מיט יאַנקל קאַזע, וואָס איז פון אַ ישיבה־בחור געוואָרן אַ באָלשעוויק, אַרויפגעשפּרינגען אויף דער בימה און אָנגעהויבן אַגיטירן ווי אַ באָלשעוויק. איז מען שוין היינט מיט קיינעם דאָך מער נישט זיכער, אויב יאַנקל קאַזע...

די באָלשעוויסטישע אָקטאָבער־איבערקערעניש

מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג איז קיין ליפּעצק דערגאַנגען די ידיעה, אַז די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט די „גאַס", ווו עס פלעגן זיך כסדר פאַרזאַמלען אַרבעטער, זעלנער, מאַטראָסן אין פּעטראָגראַד. אַז עס רעדט צו זיי אויף אַ פּשוטער פאָלקסשפּראַך דער פירער פון די באָלשעוויקעס, לענין, אַגיטירט זיי קעגן דער ציטווילעקער רעגי־רונג, אַז זי זאָרגט נישט וועגן ברויט, ערד און שלום.

די אַנאַרכיע אין לאַנד האָט זיך פאַרשטאַרקט מיט יעדן טאָג. אומעטום צערודערונג און אומרו. עס דערשיינען נישט קיין ציטונגען. ווייסט מען גאָר נישט, וואָס די מלוכה־דומע האָט באַשלאָסן וועגן די ברענענדיקע פראַגן.

אין די ווייסע פּעטערבורגער נעכט פאָרן אַרום אויף לאַסט־אויטאָס מיט באַגנעטן אין הענט, רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן און מאַטראָזן. אויף סלופּעס ביי די מויערן ווערן אויפגעקלעפּט פּלאַקאַטן, אויפרופן, מעלדונגען פון אַרבעטער־ראָט. די פּאָליטישע טעטיקייטן קאָכן זיך צוזאַמען מיט דער אַנאַרכיע וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס לאַנד. אין געשעענישן יאָגט דער אַנדערער אין אַ ווירוואַר פון אַ קעסלגרוב. הינטער פּעטראָגראַד האָט זיך אָרגאַניזירט אַ קאָנטראַ־רעוואָלוציאָנערע אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל קאָרנילאָוו.

די אַלע ידיעות זענען געקומען קיין ליפּעצק נישט פון ציטונגען, נאָר פון מויל צו מויל, איבערגעגעבן דורך געקומענע פון מאָסקווע. מען שלינגט די נייעסן פון פּלאַקאַטן, מיטגעבראַכטע פון דאָרטן און מען ווייסט נאָך נישט, אַז אין אַ פינצטערער נאָוועמבער־נאַכט האָבן מאַטראָסן פון דעם קרייצער „אַווראָראַ" באַשאָסן דעם ווינטער־פּאַלאַץ; און אַז אין יאַנואַר, 1918, האָבן זיי פאַנאַנדערגעטריבן די דעלעגאַטן פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט און עס גיסט זיך בלוט אין די גאַסן פון מאָסקווע און פּעטראָגראַד. דאָס פאַנאַנדער־טרייבן די קאָנסטיטוציאָנעלע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט פאַרוואַנדלט רוסלאַנד אין אַ ווולקאַן. מען האָט דערציילט אַז קאָזאַקן מיט קאַלע־דינען בראש מאַרשירן אויף מאָסקווע, נאָכן פאַרכאַפּן דרום־רוסלאַנד.

קיינער האָט שוין נישט געוווסט גענוי וואָס עס טוט זיך אין

לאַנד און וועלכע ידיעות זענען ריכטיקע. וואָס עס איז געווען אָבער זיכער, זענען די גרויסע מפלות אויפן פראָנט, און אַז די זעלנער לויפן פון מערב צו מזרח, און אויפן וועג צינדן אונטער פויערים־סאָלדאַטן, אַנטלאָפענע פון די צעפאַלענע פראָנטן, די פריצישע גיטער, ראַבירן אויס די מאַיאָנטקעס און נעמען זיך צו די ערד.

טאַקע אונטערן צייכן פון די פריצישע שרפות, האָבן די באָלשע־וויקעס פאַרכאַפּט אומעטום די מאַכט־פּאָזיציעס, אומגעוואָרפן די קערענסקי־רעגירונג און דאָס לאַנד איז אַריין אין אַ סטאַדיע פון אַ ווולקאַן, וואָס שפּייט הונגער, און פאַרניכטונג.

די באָלשעוויסטישע פאָלקס־קאָמיסאַרן האָבן פון פּעטראָגראַד (די פריערדיקע הויפּטשטאָט), זיך אַריבערגעטראָגן קיין מאָסקווע און אָנגעהויבן רעגירן איבערן לאַנד דורך אַ קאָמוניסטישער דיקטאַטור. גאַנץ רוסלאַנד איז געשטאַנען אונטערן פייער פון בירגער־קריג, פון חורבן און טעראָר. דער הונגער האָט שוידערלעך געפּייניקט און די קעלט האָט פאַר די אויסגעמאָגערטע מענטשן געטאָן דאָס איבעריקע. מענטשן זענען געפאַלן אין די גאַסן, אויסגעגאַנגען אין די געפרוירענע היזער, נישט געווען מיט וואָס צו דערוואַרעמען דעם קערפּער און די נשמה...

בירגער־קריג, הונגער...

אומעטום, ווו עס זענען אָנגעגאַנגען די קאַמפן צווישן די „רויטע" און „ווייסע", האָט זיך עס גלייך אָפּגערופן אויף דעם צופיר פון שפּייז פון דאָרף אין שטאָט. די נייע סאָוועטישע וואַלוטע איז געווען ווערטלאָז, און פאַר ווערטלאָזע באַנקנאָטן האָט קיינער נישט געוואָלט פאַרקויפן זיין סחורה, אָדער שפּייז־פּראָדוקטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויס־טויש פון איין פּראָדוקט אויף אַ צווייטן: זאַלץ, שוועבעלעך. נאָפט זענען געוואָרן אַ יקר־המציאות, אַזוי אויך נאָדלען, פאָדעם, אָפּגערעדט פון קריגן קויפן מלבושים, שיך.

האָבן די פויערים אין די דערפער זיך אָנגעהויבן פירן מען זאָל קומען צו זיי אויסטוישן איינס פאַרן אַנדערן. דאָס איז צוגעגאַנגען מיט קאַרטאָפל, מעל, ברויט, פּוטער, וואָס די האָבן נישט געוואָלט מער ברענגען אין שטאָט, מורא געהאַט מען זאָל עס נישט קאָנפיסקירן, „באַצאָלן" מיט די ווערטלאָזע באַנקנאָטן.

אין שטאָט פלעגן זיי נאָר קומען צו באַקאַנטע בעלי־מלאכות וואָס האָבן געהאַט אַ ביסל זאַפּאַס, לעדער, שניט־סחורה, אָדער עפּעס איבערצומאַכן. די האָבן טאַקע דעם הונגער אַמווייניקסטן געשפּירט. אַנדערש מיט די וועלכע האָבן נישט פאַרמאָגט וואָס צו געבן די

פויערים פאַר זייערע פּראָדוקטן. האָט מען טאַקע ביי אַזעלכע משפּחות שטאַרק געהונגערט. די צוגעטיילטע ברויט־ראַציע איז געווען נישטיק, נאָר אויף צורייצן נאָך שטאַרקער דעם הונגער.

דאָס איז געווען אין ליפּעצק ביי פּיל יידישע פאַמיליעס, ווו דער הונגער האָט שטאַרק אָנגעשפּאַרט, די שולן פאַרמאַכט, נישט געווען מיט וואָס באַהייצן זיי אום ווינטער. די קינדער האָבן זיך גאָר נישט געוואָלט אויפהייבן פון די בעטן, קיין שיך האָבן זיי דאָך אויך נישט געהאַט אָנצוטאָן... יאָ, מען האָט אַראָפּגעריסן די פּלויטן ביינאַכט, אַזוי אויך די אויסגעליידיקטע קראָמען, און וואָס ס'האָט נאָר געטויגט צום באַהייצן האָט מען עס גלייך צענומען.

ווען דער ווינטער איז אַוועק — אין דעם יאָר האָט ער זיך גראָד לאַנג פאַרצויגן — און די סעדער־פּרוכטן האָבן נאָך אפילו נישט געחלומט פון צייטיק ווערן — האָט מען זיי שוין אַראָפּגעריסן פון די ביימער. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן עפּידעמיע פון דיזענטעריע און טיפוס, און עס האָבן נישט געהאָלפן די וואָרענונגען פון דער סאַני־טאַרער מאַכט.

ביי ר' רפאלן אין שטוב איז די נויט דערגאַנגען צו שווידערלעכע באַדינגונגען. הונגער און קעלט האָבן „גאַסטראָלירט" אין דעם הויז טאָג און נאַכט. פון אָנהויב איז ביילטשע מיטן עלטערן זון אויך אַוועק איבער די דערפער עפּעס אויסטוישן אויף עסנוואַרג. אָבער ס'איז שוין נישט געווען וואָס צו טוישן און מיט סאָוועטישע האַנקנאָטן איז נישט געווען קיין האָפענונג עפּעס צו קריגן.

פּלוצעם איז דערגאַנגען אַ קלאַנג, אַז אין צאַריצין קען מען נאָך פאַר געלט קריגן קויפן פּראָדוקטן. דאָס איז אָבער געווען דאַן אַ גאָר ריזיקאַלישע נסיעה בעת עס האָט געבושעוועט שטאַרק דער בירגער־קריג אין לאַנד. די לאָקאָמאָטיוון האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו הייצן. דער מאַשיניסט פלעגט אין מיטן פאָרן אָפּשטעלן דעם צוג (ער האָט זיך אַליין אָפּגעשטעלט...), געהייסן די פּאַסאַזשירן צו גיין אין וואַלד, אָנהאַקן האָלץ, וואָס איז נאַטירלעך געווען צו נאָס צום ברענען. דאָך האָט מען אויף די אַלע שוועריקייטן נישט געקוקט, מען איז געפאָרן ווו ס'איז נאָר געווען מעגלעך עפּעס צו קריגן.

קיין צאַריצין נאָך עסנוואַרג...

די באַנען זענען דאָך נישט געגאַנגען רעגולער, האָט מען זיך קודם געדאַרפט דערוויסן צי עס גייט זיך פאָרמירן אַ צוג; און ווּהין? נאָך דעם ווי ס'איז געווען שוין זיכער אַז ער וועט דורך באַריסאָג־לעבסק פאָרן קיין צאַריצין, האָט ביילטשע מיטן עלטערן זון באַשלאָסן פאָרן אַהין נאָך פּראָדוקטן.

טוביהלע איז צוגעשטאַנען, ער וויל אויך מיטפאָרן. האָט מען אָנגעשריגן אויף אים! אַזאַ רייזע איז פאַרבונדן מיט סכנות נפשות. דעריבער זאָל ער זיך עס אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. ער האָט מער עס נישט דערמאָנט, נאָר זיך גוט צוגעהערט, ווען מען פאָרט. זיך גאָר פרי אויפגעהויבן, אומבאַמערקט, אַליין אַוועק צום וואָקזאַל און געקויפט פאַר זיך אַ בילעט. ער איז נאָר אַלט געווען קוים צען יאָר! שעהן זיך נישט געוויזן, נאָר פון זיין באַהעלטעניש נאָכגעפאָלגט ווי זיין מאַמע און עלטערער ברודער גייען אַריין אין אַ וואַגאָן פון צוג וואָס גייט אָפּ קיין צאַריצין. פאַרן דריטן קלינג איז ער ערשט אַריין אין דעם וואַגאָן פון אַ צווייטער זייט און ווען דער צוג איז שוין געגאַנגען, זיך באַוויזן...

עס איז אים אָנגעקומען זייער שווער אַדורכצוקריגן זיך צום אָרט, ווו דיין מאַמע איז געזעסן. דער וואַגאָן איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן וואָס זענען געפאָרן מיט זעק קיין צאַריצין. ווען די מאַמע האָט דערזען איר תכשיט, איז זי געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט, אָבער אין וואַגאָן האָט זי נישט געוואָלט די פּאַסאַזשירן זאָלן הערן וועגן וואָס זי רעגט זיך אויף — האָט זי גאָר נישט גערעדט צו טוביהלען, נאָר אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שטרענגן פאַרוואורף, וואָס האָט געמיינט: מיט דיר וועט מען רעדן נישט דאָ... שטיל האָט זי עפּעס געשעפּטשעט צום עלטערן זון, ער זאָל מסתמא זיך נישט גיין איצט אָפּרעכענען מיטן לאַבוז...

די פּאַסאַזשירן זענען געווען אָנגעטאָן אין שמאַטעס. אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, אויף די פיס צעריסענע ווילאַקעס, אַ קאַפּייקע, וואָס האָט שוין נישט געהאַט קיין גאַנצן פאָדעם — עס זאָל שיצן פון קעלט. ביז באָריסאָגלעבסק האָט זיך דער צוג עטלעכע מאָל געמוזט אָפּשטעלן אין וועג און די פּאַסאַזשירן האָבן אין וואַלד אָנגעהאַקט האָלץ פאַרן לאָקאָמאָטיוו. קיין אַנדערע שטערונגען נישט געהאַט. אַנדערש איז אָבער געווען, ווען דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו צאַריצין. די „ווייסע" האָבן באַשאָסן דעם צוג, קוילן, שראַפּנעלן זענען געפאַלן אין איניקע וואַגאָנעס. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד, אָבער אויב נישט פון אַ קויל־שפּליטער זענען געווען אַ סך פאַרוווּנדעטע פון די צעבראָכענע פענצטער. גלאָז איז געווען צעזייט אומעטום. די מהומה — אַן אומגעהויערע! נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט צו געבן דאָ די ערשטע הילף די שווער־געטראָפענע פּאַסאַזשירן. צום גליק זענען אין דעם וואַגאָן, ווו ביילטשע מיט די קינדער זענען געזעסן, נישט געווען קיין שווער־פאַרוווּנדעטע, און דער צוג האָט זיך גאַנץ שנעל דורכגעריסן דורך דעם „ווייסן גאַרטל" פון די שונאים, און זיך געטראָגן קיין צאַריצין.

ביילטשע, צום ערשטן מאָל דאָ, האָט נאָכגעפאָלגט די געניטע

„שפּעקולאַנטן״, וואָס זענען שוין געווען דערפאַרענע פון עטלעכע פריערדיקע באַזוכן, געוווּסט ווו איין וווּ אויס מען קען אַלץ קריגן צו קויפן. און ווירקלעך, ס׳איז אומגלויבלעך געווען פאַר די אייגענע אויגן, ווען מען האָט דערזען וואָס ס׳איז אַלץ דאָ אויפן מאַרק: ווייסע מעל, חלה, ברויט, געווענדזעטע הערינג, הירזש, רייז, פאַרשידענע ווורשטן און אַלערליי פּרוכטן.

נאָכן איינקויפן, האָט מען זיך קודם דערכאַפּט דאָס האַרץ מיט די גוטע זאַכן און געמאַכט דריי זעקלעך. אויך דאָס קליינע ייִנגל האָט אויף זיינע שוואַכע פּלייצעס געטראָגן קעסטלעך הערינג, הירזש, און מיט דעם זיך געלאָזט צוריק צום וואָקזאַל. מען האָט שוין געוווּסט אַז פאַרנאַכט פאָרט דער צוג צוריק.

ווידער אַ פול געפּאַקטער וואַגאָן, איצט נאָך צוגעקומען די אַלע פּעקלעך, פאַרלייגט אומעטום; איבער און אונטער די בענק, צוגעדעקט מיט שמאַטעס פאַר אַ „בייז אויג״.

ביילטשע האָט זיך צוגעהערט וואָס עס רעדן די געניטע פאַרערס: אויף דער גרויסער קניפּסטאַנציע נעבן באַריסאַגלעבסק וועט זיין אַ שטרענגע רעוויזיע. מען וועט אַלץ וואָס ליגט דאָ קאָנפיסקירן. דעריי־בער, בעסער אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער פון לויפנדיקן צוג די פּראָדוקטן, איידער דער צוג שטעלט זיך אָפּ אויפן פעראָן.

זי האָט זיי נאָכגעפאָלגט און אויך אַרויסגעוואָרפן צוויי זעקלעך מיט אירע אַלע פּראָדוקטן. פון דריטן, וואָס דאָס ייִנגל האָט געטראָגן, געלאָזן, מחמת געהערט דאָ רעדן, אַז ביי אַ קינד נעמען זיי אַ מאָל נישט צו דאָס ביסל שפּייז, וואָס ער קען מ׳שטיינס געזאָגט טראָגן אויף זיינע שוואַכע פּלייצקעס. זי האָט צום ייִנגל נאָר שטיל געזאָגט ער זאָל זיך האַלטן וויט פון זיי — ווען זיי אפשר נישט גיין קאָנפיסקירן ביי אַזאַ „שפּעקולאַנט״.

איידער דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַנציע, האָט מען שוין געזען צוויי שפּאַלערן קאַזאַקן שטיין פון ביידע זייטן צוג. זיי האָבן אָפּגעהיט די פּאַסאַזשירן זאָלן נישט אַרויסגיין מיט קיין פּעקלעך. די וואָס האָבן גאָר נישט געהאַט מיט זיך, האָט מען דורכגעלאָזט. די אַנדערע פאַרהאַלטן. טוביהלע איז געבליבן זיצן. די מאַמע מיטן עלטערן ברודער זענען אַרויס פון וואַגאָן, גאָר נישט געטראָגן. געגאַנגען שוין מסתמא אויסזוכן זייערע אַרויסגעוואָרפענע פּעקלעך ערגעץ־ווו אויפן פעלד, לעבן די באַנשינעס. אויך ביי דעם נאָכזוכן נאָכגעפאָלגט די דערפאַרענע, ווו צו גיין עס זאָל נישט אַרויסרופן קיין חשד. נאָכגיין דער באַנליניע איז געווען גלייך פאַרדעכטיקט ביי דער באַן־מיליץ. איז מען געגאַנגען דורך אַ סך הינטערוועגן.

צוויי מיליציאָנערן זענען צוגעקומען צו טוביהלען, וואָס איז

געבליבן ביי זיין פּעקל. מען האָט אים אַריינגענומען אין פּאָליציי־צירקל אויפן וואָקזאַל. די ערשטע שאלה: צי ער פאָרט אַליין? — יאָ. זיי האָבן געעפנט דאָס זעקל, אַרויסגענומען די קעסלעך הערינג, הירזש און אַ חלה. בעת זיי האָבן דעם צודעק אַראָפּגעריסן פון אַ קעסטל, האָט דאָס ייִנגל אַ כאַפּ געטאָן אַ הערינג און די חלה, געוואָלט נעמען עסן. געקראָגן אַ זבענק איבערן האַנט, ער זאָל נישט רירן, עס געהערט צו „קאַזנאַ״. אויסער די פּראָדוקטן האָט מען אים רעווידירט און אָנגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל.

ער האָט מיט הונגעריקע אויגן געקוקט אויפן עסנוואַרג, אָבער נאָך שטאַרקער געפילט דעם ווייטיק פונעם פריערדיקן זבענק. זיך געבעטן צו לאָזן אים עפּעס עסן, ער וועט פון הונגער חלשן. די מיליציאָנערן האָבן צווישן זיך עפּעס גערעדט, געקוקט אויף זיין הילך וואָס האָט אויסגעזען ווי פון די „בעזדאָמני״, פון די היימלאָזע קינדער וואָס זי׳נען געווען אומעטום: אויף די גאַסן, אויף אַלע וועגן און שטעגן. ווייזט אויס, אַז זיין אויסגעדאַרט פּנימל האָט דערוועקט ביי איינעם פון זיי אַ פונק רחמנות. ער האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיקל חלה און הערינג און געגעבן אים.

עטלעכע שעה האָט מען אים אַזוי געהאַלטן אין צירקל. לסוף אים אַרויסגעלאָזט, געוואָרנט, טאָמער וועט מען אים כאַפּן ווי אַ שפּעקולאַנט נאָך אַ מאָל, וועט מען אים איינזעצן אויף יאָרן. היות ער האָט נאָך אַ גאַר ווייטן וועג צו פאָרן ביז ליפּעצק, וועלן זיי אים דאָס מאָל — אַן ערשטלינג נאָך — נישט קאָנפיסקירן אַלץ. איין קעסטל הערינג און די חלה קען ער מיטנעמען. ער זאָל אָבער געדענקען!...

אַרויסגעקומען פון דער פּאָליציי מיטן קעסטל און געבליבן וואַרטן אויפן וואָקזאַל, ביז ס׳וועט זיין אַ צוג אַ היים. דעם ברודער האָט ער שוין אַ גאַנצן טאָג נישט אָנגעזען, נאָר די מאַמע האָט זיך דורכגעשליכט, באַמערקט אים מיטן קעסטל, נישט צוגעגאַנגען, ווי זי האָט מיט אים געהאַט אָפּגערעדט. פאַרנאַכט האָט זיך פאָרמירט אַ צוג, וואָס איז נישט געקומען שוין פון צאַריצין, נאָר פון אָרט. נישט געווען די וואָך ביים צוג און פויערים האָבן זיך מיט עלענבויגנס געשטופּט אין די וואַגאָנעס.

פאַרן אָפּגיין פון צוג האָט טוביהלע דערזען דער מאַמען מיטן ברודער טראָגן צווי פּעקלעך, קלענערע פון די וואָס זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן אויף די שינעס. ער האָט נאָכגעפאָלגט אין וועלכן וואַגאָן זיי גייען אַריין און פון צווייטן אַריינגאַנג מיטן קעסטל זיך אַריינגעשטופּט אינעווייניק פאַרן דריטן קלינג. הינטער אים האָט אַ גרויסע מאַסע זיך נאָך אַלץ געשטופּט אויף די טרעפּ. אינעווייניק איז שוין נישט געווען קיין אָרט אַ פוס צו שטעלן. מען איז געזעסן אויף די דעכער און ווו ס׳איז נאָר געווען אַ שטיקל פּלאַץ.

דער צוג האָט ענדלעך געריִרט פון אָרט. אין עטלעכע טעג אַרום איז מען געווען צוריק אין ליפּעצק, צופרידן פון דער שווערער, סכנות־דיקער רייזע. מען איז דאָך נישט צוריקגעקומען אין גאַנצן מיט ליי־דיקע הענט.

פּאָגראָמען...

אין 1919 האָט איבער דער ברייט און לענג פון רוסלאַנד זיך צעפלאַקערט אַ שוידערלעכער בירגער־קריג. קאָלטשאַק, דעניקין, יודעניטש האָבן אַרומגערינגלט די רויטע אַרמיי. הײַדאַמאַקעס אונטער דער אָנפירונג פון פּעטלורען האָבן געבושעוועט אין אוקראַינע. די יידן וואָס זענען געווען פיינטלעך געשטימט צו דער נייער מאַכט, האָבן צו ערשט זיך געפרייט מיט די נצחונות פון די „ווייסע״, וואָס האָבן געזוכט אַרומצונעמען מיט אַן אייזערנעם רינג דער רויטער אַרמיי אויפן מזרח (קאָלטשאַק); אויף דרום (דעניקין) און ביי פּעטראָגראַד (יודעניטש).

נישט לאַנג האָט געדויערט, ווי ס'זענען אָנגעקומען די טראַגישע ידיעות פון פּאָגראָמען אויף יידן, די שרעקלעכע אכזריותן פון מאַמאַנ־טאָווס קאָזאַקישע באַנדעס. די „באַפרייערס״ האָבן געוויזן זייער פּרצוף און יידיש בלוט האָט זיך הפקרדיק געגאָסן אין אוקראַינע דורך דער שוידערלעכער „הײַדאַמאַשטשינע״ — אין איר נייער אויפלאַגע („באַ־פרייאונג דורך פּאָגראָמען״).

אין ליפּעצק האָט מען נאָך פון דעם נישט געהאַט געהערט. די באַנען האָבן זייער שלעכט פונקציאָנירט, מען איז געווען אָפּגעריסן נישט נאָר פון ווייטערע טיילן אין לאַנד, נאָר אפילו אויך פון אַ גאָר נאָענטן געגנט. אַ געוויסן שבת־צו־נאַכטס איז דער עולם געזעסן ביי אַ מלווה־מלכה, וואָס איז בעת דעם הונגער געווען אַ ספּעציפישע געשעעניש אין שטעטל. די בעלי־מלאכות וואָס פלעגן ווערן באַצאָלט מיט שפּייז־פּראָדוקטן פאַר זייער אַרבעט, פלעגן באַזאָרגן מיט וואָס צו דערכאַפּן דאָס האַרץ אויף אַ מלווה־מלכה.

די אויסגעהונגערטע האָבן שוין אויסגעקוקט דעם שבת־צו־נאַכטס. צו זיי האָט געהערט ר' רפאלס פאַמיליע מיט זעקס קינדער, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק געהונגערט. געווען פיש און פלייש אויף אַ מלווה־מלכה, אויך אַ פלעשל י״ש זיך צו דערוואַרעמען. ר' רפאל פלעגט זינגען די „אליהוס״ און אויף אַ ווייל האָט זיך דער עולם פאַרגעסן אין דער שווערער און טרויעריקער וואָך.

דאָס איז שוין אָנגעגאַנגען ווי אַ טראַדיציע שבת ביי שבת.

אָבער דעם שבת איז געשען, אַז אין מיטן זינגען די „אליהוס״

איז אַריין סאָלאָמאָן זאַלקינד. זיין אַריינקום האָט לכתחילה נישט אַרויסגערופן קיין חידוש, מחמת ער פלעגט אַ מאָל בלייבן שבת הינטערוועגנס און ערשט שבת ביי נאַכט צוריקקומען.

אַ וווּנדער איז אָבער געווען זיין צעטומלטקייט, ווי ס'וואָלט מיט אים עפּעס געשען אויפן וועג. שטיל האָט ער זיך געשטעלט דאַוונען „מעריב". אין מיטן „שמונה עשרי" אויסגעבראָכן אין אַ כריפּען. דער עולם האָט גלייך אויפגעהערט זינגען, פאַרשטיינערט געקוקט אויף אים ביז ער האָט פאַרענדיקט דאָס דאַוונען. ער איז צו צום טיש און אַ קלאַפּ געטאָן: — ידן מען דאַרף זיך ראַטעווען! ס'איז סכנות נפשות. מען שעכט ידן!

געקומען אַ ביסל צו זיך, דערציילט, וואָס ער האָט געהערט אַלץ הינטערוועגנס: שוידערלעכע זאַכן פון די קאָזאַקישע באַנדעס, וועלכע קורסירן שוין אויך אין דעם אומגעגנט. אין האָלדוו האָבן אים טרערן געשטיקט ביים איבערגעבן וועגן די בעסטיאַלישע פּאָגראָמען, פאַר־גוואַלדיקונג פון פרויען און טעכטער אין די אויגן פון זייערע מענער, אָפּגערעדט פון רויבן, אונטערצינדן ידישע הייזער.

זיין דערציילן האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע יללה. אַלטע יידן האָבן געוויינט ווי קליינע קינדער, אָבער גראָד ער האָט זיך קאָנטראָ־לירט און געזאָגט צום עולם: מיר מוזן שיקן אַ דעלעגאַציע צו דער מאַכט מען זאָל עוואַקואירן פון דאַנען די ידן. מען האָט אים דערציילט פון אוקראַאינישע ידן, וואָס זענען געלאָפן קיין וויטעבסק ראַטעווען זיך פון די רוצחים, דאַרפן מיר אויך פאַרלאַנגען מען זאָל עוואַקואירן אַהין.

די מאַכט־אָרגאַנען האָבן שוין געהאַט די ידיעות אויך פון די פּאָגראָמען אויף ידן אין טאַמבאָווער גובערניע, אין שטעטלעך גאָר נישט ווייט פון ליפּעצק. זיי האָבן צוגעזאָגט דעריבער אין אַ פּאָר טעג אַרום צו פאַרמירן אַ צוג קיין וויטעבסק. אַלע בעזשענצעס האָבן זיך גלייך פאַרשריבן אויף פאָרן, אָבער די אָרטיקע ידן — נישט, און סאָלאָמאָן זאַלקינד — צווישן זיי. זייער מאָטיוו איז געווען: מיר זענען דאָ געבוירן געוואָרן, איינגעוואָרצלט מיט משפחות און מיר פאַרלאָזן זיך אויפן רבש"ע, און אויך אויף דער סאָוועטישער מאַכט צו באַשיצן אונדז.

די פּוילישע בעזשענצעס, וואָס האָבן דאָך שוין אַזוי פיל געהאַט דורכגעמאַכט אין די קריגסיאָרן, זענען פּסיכיש געווען מער צוגעגרייט ווייטער צו לויפן. אָבער נישט די אָרטיקע רוסישע ידן.

ווען דער צוג מיט די בעזשענצעס איז שוין געווען גרייט אָפּצו־פאָרן איז אָנגעקומען די ידיעה אַז די „ווייסע" באַנדעס האָבן אויפגע־ריסן די באַנבריק און דער צוג וועט מוזן וואַרטן ביז עס וועט אויפגעשטעלט ווערן אַ פּראָוויזאָרישע בריק. דאָס האָט אָפּגעהאַלטן

דאָס פאַרן אויף אַ ריי טעג און נעכט. די סאַפּיאָרן האָבן טיכטיק געאַרבעט ביז ס'איז מעגלעך געוואָרן צו רירן זיך.

אויפן פעראָן איז געקומען אַ גרויסע צאָל אָרטיקע תושבים געזעגענען זיך מיט די בעזשענצעס. ס'איז געווען שטאַרק רירנדיק ווען זיי האָבן געבראַכט צום צוג שפּייז אַוועקגענומען פון זיך; אויך מלבושים, שיך פּאָר נויטבאַדערפטיקע. ס'איז געווען אַן אויסדרוק פון מיטגעפיל און אומרו פאַרן אייגענעם מאָרגן...

טוביהלע האָט זיך צוגעקוקט ווי דער הויך־געוויקסיקער „ניקאָ־לאַיעוויסקער" איז אַרויפגעפאַלן אויף זיין טאַטנס האַלדז, זיך געהאַלטן אַרומגענומען, נישט אָפּצורייסן זיך. דורך די פּאָר יאָר וווינען ביי אים אין דירה, האָט זיך איינגעשטעלט אַ נאָענטע פריינדשאַפט צווישן דעם רוסיפיצירטן ייד מיט אַ פּוילישן יידן, אמת, אַז דער פּוילישער האָט זיך דורך די פּאָר יאָר אין ליפּעצק דערוואָרבן נישט איינעם, נאָר אַ סך פריינד צווישן די אַלטע רוסישע תושבים. זיי פלעגן זאָגן וועגן אים, אַז ער קומט אַריין אין אַ שטוב ווערט דאָרט ליכטיק...

דער רוסישער ייד וואָס האָט געזען אויך עוולות פון די בעזשענ־צעס, און געהאַט טענות צו ז"ל, האָט אָפּגעשאַצט דעם אופן, ווי ר' רפאל באַמיט זיך עס זאָל נישט ווערן אויפגעבלאָזן יעדע קליינלעכקייט צו אַן ערנסטן שווערן ריס.

געווען אַ ייד אין ליפּעצק מיטן נאָמען מאַטעס אייזנבערג. ער האָט גוט געקענט די פּוילישע ידישקייט, ווייל ער האָט געלערנט אין ליטווישע און פּוילישע ישיבות. אַ געבוירענער אין ווייסרוסלאַנד, האָט זיין פאָטער געוואָלט ער זאָל ווערן אַ רב. ער האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות, אָבער נישט געוואָלט לעבן פון דעם. חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ ליפּעצקער יידן, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרבעריי. דער איידעם איז אַריין אין דעם געשעפט און ביים מישן די פאַרבן פלעגט ער אויך איבערמישן אין געדאַנק דפים גמרא , וואָס ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק. ער איז ביי ר' רפאלן אין שטוב אַ בן־בית געווען, זיי האָבן זיך געהאַלטן ווי די נאָענטסטע לייבלעכע ברידער.

איצט איז ער געשטאַנען אויפן פעראָן און גאָר רירנדיק זיך גע־זעגנט מיט זיין נאָענטן פריינד וועמען ער האָט ליב געהאַט בלב ובנפש. זיין אומעטיקער בליק האָט באַגלייט דעם צוג, וואָס האָט אָנגעהויבן רירן פון אָרט. ער האָט אָפּגעווישט אַ טרער...

לאַנג האָט זיך דער צוג מיט די בעזשענצעס געשלעפּט איבער די וועגן, אָפּט געבליבן שטיין אויף אַ זייטיקער ליניע, אויך צוליב די שלאַכטן וואָס זענען דאַן פאָרגעקומען אין דעם געגנט צווישן די „ווייסע" און דער סאָוועטישער אַרמיי. ווידער געווען אויפגעריסענע באַן־בריקן און מ'האָט געדאַרפט וואַרטן ביז ס'וועט שוין זיין אַ פּראָ־וויזאָריש־אויפגעשטעלטער.

נאָך לאַנגע וואָכן, אָנגעקומען קיין וויטעבסק. כאָטש אויפן וועג איז גיכער געווען מעגלעך צו קויפן געווויסע שפּייז־פּראָדוקטן, ווי אין ליפּעצק, אָבער צוליב דער נישט נאָרמאַלער און נישט היגיענישער דערנערונג, זענען געווען גאָר שווערע פאַלן פון דיזענטעריע־קראַנ־קייטן. אַ פּאָר טויטע זענען פאַרבליבן הינטערוועגנס פאַר וויטעבסק.

קיינער האָט שוין דאָ נישט אָפּגעוואָרט די אָנגעלאָפענע בעזשענ־צעס. נישט געווען די הילפטעטיקייט פון יע־קאָ־פּאָ, ווי אין 1915. אויסגעמאַטערטע זענען די נייע פּליטים אויסגעשטיגן פון די וואַגאָ־נעס, געבליבן אויפן וואָקזאַל וואַרטן ביז די מאַנצבילן וועלן געוואָר ווערן אין שטאָט וווהין דערווייל צו פאַרפאָרן מיט ווייב און קינד און מיט די ביסל בעבעכעס. געווען דעמאָלט אין וויטעבסק אַזוי פיל אַנטלאָפענע יידן פון די אוקראַיִנישע שטעטלעך, אַז ס'איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו געפינען ערגעץ אַ דירה. און ווו איז געווען גרייט דירה־געלט?

האָט מען געפועלט מען זאָל אַריינלאָזן אין די ווייבער־שילן, אויף דערווייל. געווען נאָך דעמאָלט דייער אַ סך בתי־מדרשים אין וויטעבסק, נישט קיין קאָנפיסקירטע נאָך (1919). אַלע כמעט ווייבער־שולן זענען באַזעצט געוואָרן מיט די אָנגעקומענע, וואָס האָבן נישט באַקומען קיין וואַרעמען קבלת־פּנים...

ביי דער דווינע

דאָס לעבן אין וויטעבסק

קומענדיק פון געגנטן, ווו דער הונגער איז געווען אַן אָפּטער „גאַסט" ביי אַ סך משפחות, איז געווען אַן איבעררעאַשונג ביים זען די שוי־פענצטער פון קראָמען אין וויטעבסק, מיט די שענסטע טאָרטן און קוכנס. מען האָט נאָר געדאַרפט האָבן צו דעם אַ סך געלט. די פּרייזן — קאָלאָסאַלע הויכע! הונגעריקע פלעגט מען קענען זען ביי די שוי־פענצטער אַריינקוקן. נאָכגעפאָלגט די וואָס קויפן די אַלע גוטע זאַכן, האָבן געלט גענוג צו צאָלן די געזאַלצענע פּרייזן.

עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן באַלד, אַז ס'איז דאָ אין שטאָט אַ גרויסע אָרעמקייט. מען האָט זי געזען אין די „סטאָלאָוועס", ווו אַן האָבערנער פלעצל איז געווען אַ „מאַלצייט". די נויט איז אין וויטעבסק

נישט געווען קיין קלענערע, ווי אין די אַנדערע שטעט פון יענער צייט.

אויב דאָס איז געווען דער אַלגעמיינער מצב פאַר תושבים, ווי שווערער איז דאָס צוגעפאַלן פאַר נײַ־געקומענע, בפרט די אַנטלאָפענע פון פּאָגראָמען? דאָך האָבן די וואָס האָבן געהאַט נאָך אַ גוטן פּאַך געקענט ווי עס איז זיך ווידער איינאָרדענען אויפסנײַ. דאָס האָט זיך גוט געקענטיקט ביי די בעזשענצעס אַנטלאָפענע פון ליפּעצק, ווי פון די אוקראַאינישע פּאָגראָמען.

ערגער איז געווען דער מצב בײַ אומקוואַליפיצירטע, אָדער בײַ די א״ג דעקלאַסירטע: קליינע סוחרים, וואַיאַזשאָרן און קהלישע פּרנסות. צווישן דער לעצטער קאַטעגאָריע איז געווען ר׳ רפאלס. נישט געווען די מינדסטע האָפענונג צו באַקומען אַ שטעלע — די תושבים פון זיין פּראָפעסיע זענען אַליין געווען אויף גרויסע צרות. ער האָט אָנגעשלאָגן דאָ און דאָרט, און פון דעם האָט זיך אויסגעלאָזט, נאָר צו געבן אַ שיעור אין דער ישיבה און לערנען מיט פרומע בעליבתים אַ צוויי מאָל אין דער וואָך. פון די ביידע, איז ווייט געווען פון פּרנסה האָבן.

געקראָגן פאַר די ימים־נוראים ווו צו דאַוונען אַלס חזן, אָבער נאָר אויף ראש־השנה און יום־כיפור. נישט געווען קיין מעגלעכקייט ער זאָל ביי שחיטה באַקומען אַ פּאָסטן. די אָרעמעלייט האָבן דאָך קיין פליש נישט אָנגעזען, האָט מען דעריבער ווייניקער געשאָכטן, בפרט אויף כשר, וואָס די יעווסעקציע האָט באַקעמפט.

נישט געווען דערווייל קיין האָפענונג ער זאָל זיך קענען איינאָר־דענען אין אַ דירה, געבליבן אין ווייבער־שול ווױנען. פלעגן קומען צו אים געדריקטע יידן פון די ליפּעצקער ער זאָל רעדן מיט בעלי־בתים צו שאַפן אַ הילפקאָמיטעט. ער האָט געפּרוווט, עס האָט זיך נישט איינגעגעבן.

אויך תושבים זענען געווען אין אַ שווערע לאַגע. ביי פאַרמעג־לעכע, האָבן נאָר די וואָס האָבן נאָך באַוויזן אויסצובאַהאַלטן אַ טייל פון זייער סחורה געהאַט דערווייל פון וואָס צו לעבן, נאָר נישט געטאָרט עס עפנטלעך אַרויסווייזן... ווען די נייע מאַכט האָט איבערגענומען זייערע אונטערנעמונגען האָט מען אָנהויב געלאָזן די אייגנטימערס אַרבעטן אַלס אָנגעשטעלטע און געקוקט זיי אויף די הענט...

ר׳ רפאל האָט זיך נענטער באַפריינדעט מיט אייניקע פון זיי, וואָס פלעגן קומען אין דער שיל הערן זיין שיער. ער האָט פאַרשטאַנען ביים רעדן מיט זיי, אַז עס ציטערט אויף זיי די הויט. זיי האָבן אים געראַטן די עלטערע קינדער זאָלן זיך גיין לערנען פאַכן און דאָרט אויך כאַפּן אַ ביס. דער יונגסטער זון, טוביהלע, זאָל אַ האַלבן טאָג גיין אין דער ישיבה (דעם צווייטן האַלבן טאָג איז ער געגאַנגען אין

שול). עס איז געווען אַן אומזיכערע צייט. סאָוועטישע מאַכט איז נאָך נישט געווען גוט באַפעסטיקט.

די צאַרישע וואַלוטע פלעגט נאָך פאַרהאַנדלט ווערן אומלעגאַל. ווער רעדט נאָך אַ גאָלדשטיקל — די בעסטע סחורה צו פאַרקויפן! דאָס איז שטאַרק געוואָרן נאָכגעזוכט. די מאַכט־אָרגאַנען פלעגן געבן שווערע שטראָפן די וועלכע מען האָט געכאַפּט אין דעם מסחר. צווישן די פאַרקויפערס און קויפערס זענען געווען פאַרמיטלערס, צו וועלכע בײדע צדדים האָבן געדאַרפט האָבן דעם פולסטן צוטרוי. די טשעקא פלעגט אונטערשטעלן אירע מענטשן צו כאַפּן שפּעקולאַנטן און שווער באַשטראָפן. פלעגן דעריבער פאַרמיטלערס מוזן האָבן דעם פולסטן צוטרוי בײם פאַרטרויען זיך.

צווישן די רוסישע בית־המדרש־יידן האָט זיך אויסגעטײלט אַ ייד, אַ זייגערמאַכער און אַ גאָלדשמיד — באָריס שאַוראַנסקי. ער איז געוואָרן שטאַרק צוגעבונדן צו ר׳ רפאלן, פלעגט אים פאַרבעטן צו זיך אַ היים. געאַרבעט האָט ער אויף אַ רעגירונגס־פּאָסטן און צו דעם אומלעגאַל נאָך צוהאַנדלען.

טוביהלע פלעגט אים זען רעדן מיטן טאַטן און זיך צוגעקוקט צו זיינע גאָלדענע ברילן. ער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן טוכענעם מאַנטל מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנער. אויפן קאָפּ אַ פּאַקענע היטל — דאָס אַלץ איז נאָך געווען פון זיינע גוטע צייטן, ווען ער האָט געהאַט אַ גרויסן יובילער־געשעפט.

ווערנדיק אַזוי נאָענט מיט ר׳ רפאלן, האָט ער אים דערציילט פון דעם אומלעגאַלן האַנדל, וואָס גייט אַן אין שטאָט. פאַר אַן אָרנטלעכן ייד, אַ פאַרמיטלער, איז דאָ אַ מעגלעכקייט דערבײַ צו פאַרדינען עפּעס אויף חיונה. דער עיקר: פאַרזיכטיקייט! די זיכערקייט מוז זיין אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט, אָן דעם מינדסטן חשד. אויב ער, ר׳ רפאל, האָט אַזעלכע פאַר וועלכע ער קען זיך פאַרטרויען, קען עס זיין אַן ענין. נאָר פריער פאַר אַלץ — גוט זיך אַרומזען!...

צווישן די ליפּעצקער בעזשענצעס איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען יאַנקל דאַרפמאַן. אַ ברייט־פּלייציקער, אַ געשטופּלט פּנים און אַ דיק באָרד וואָס האָט אויסגעזען ווי שמוציקע פעדעם. דיינע געדיכטע ברעמען און קליינע אויגן, פון אַ גרוי־וואַסערדיקן קאָליר, און זיין מורמלען צו זיך אַליין, פלעגן טוביהלען אין ליפּעצק שטאַרק אָפּשרעקן, ווען ער פלעגט דעם ייד זען אין זייער שטוב. ער איז געווען אַ האַלבער פעלדשער אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, אָבער נאָך דעם זיך מיט דעם נישט פאַרנומען, סיידן בײם שטעלן „באַנקעס״, וואָס איז דאָך נישט געווען אין דער אַלטער היים קיין ספּעציאַליטעט. ווער האָט עס נישט געקענט?

אין ליפעצק איז ער געוואָרן אַ מגיד, און אַ ביסל צוגעהאַנדלט. זיין ווייב פלעגט שעכטן געגנדז צו פאַרקויפן, אַזוי צוזאַמענשלאָגן חיונה.

אין וויטעבסק איז ער פון אָנהויב פאַרשווונדן פון האָריזאָנט. מ׳האָט עפּעס נישט געזען אים צווישן די היימישע יידן, בעזשענצעס. מיט אַ מאָל האָט ער זיך צוריק באַוויזן, גלאַט אַזוי אַריינגעקומען צו דעם און יענעם פון די באַקאַנטע, פרעגן זיך וועגן פּרנסה, און אַזוי כלאחר־יד אַ פרעג טאָן אפשר ווייסט ווער ווו ער וואָלט געקענט קויפן פאַר איינעם עטלעכע גאָלדשטיקלעך?

ער האָט דאָס אַיין מאָל אויך אַ פרעג געטאָן ר׳ רפאלן. אויפן אָרט נישט געקראָגן קיין ענטפער, האָט ער זיך אָפּגעטראָגן — אָבער נאָר אויף אַ וויַל. צוריק אַריינגעפאַלן, און ווידער שטיל זיך פאַרטרויט אַז ער איז געוואָרן אַ מעקלער צווישן די וואָס קויפן אָדער פאַרקויפן צאַרישע באַנקנאָטן און גאָלד־מטבעות. אַריינגערעדט אין ר׳ רפאלן צו דערוויסן זיך ביי די בעלי־בתים אין שיל ווער עס וויל...

ר׳ רפאל האָט עס דערציילט שאַוואָראָנסקין. האָט ער זיך אויסגעפרעגט ווער עס איז דער דאָרפמאַן, און צי מען קען טאַקע האָבן צו אים דעם פולסטן צוטרוי, אַז ער איז נישט קיין אונטערגעשיקטער „טשעקאַ״־אַגענט? ר׳ רפאל האָט דאָך אָבער אַזוי גוט געקענט אים נאָך פון זיין שטעטל אין דער אַלטער היים, פון זיינע אַלעקסאַנדער חסידים, און פון ליפעצק, ווי אַן אָפּגעהיטענער ייד, אַ ירא־שמים — קען מען אַזאַ ייד חושד זיין? איז דאָך שוין ענדע וועלט!

נאָכן אַרומרעדן דעם ענין איז געבליבן אַז שאַוואָראָנסקי אַליין זאָל זיך מיט אים נישט טרעפן. די טראַנזאַקציע זאָל דורכגיין דורך דעם פאַרמיטלער. ער האָט געגעבן ר׳ רפאלן אַ געהעריקע סומע צו קויפן די גאָלדשטיקלעך און נאָך אַ מאָל געוואָרנט...

דאָרפמאַן איז אַזוי כסדר געקומען צו ר׳ רפאלן און פאַרגעלייגט וואָס ער האָט אַלץ צו פאַרקויפן. ווען ר׳ רפאל האָט אים ווידער געפרעגט צי ער קען גוט דעם פאַרקויפער? האָט דאָרפמאַן זיך שטאַרק צעבייזערט: — איר קענט דאָך מיך! איך וואָלט זיך דען צוגערירט אויב איך וואָלט נישט געוווּסט זיכער מיט וועמען איך האָב צו טאָן?

זיין טאָן ביים רעדן און זיין שווערן זיך ביים געזונט פון זיין ווייב, אַז ער קען גוט דעם ייד דעם פאַרקויפער און מען דאַרף נישט קלערן און רעדן וועגן דעם — ווענט האָבן אויערן! — נאָר אַן ווערטער דורכפירן די טראַנזאַקציע.

הערנדיק אַזעלכע דיבורים האָט ר׳ רפאל אין זיין תמימות נישט געהאַט שוין קיין שום חשד און אָפּגערעדט דעם פּרייז און די צייט צו קומען מאַרגן מיט דער סחורה.

דאָרפמאַן איז געקומען פּינקטלעך צו דער אָפּגערעדטער צייט, אָנגעהויבן אַרויסשלעפן פון באַהאַלטענע ערטער גאָלדשטיקלעך און

זיי אָוועקגעלייגט אויפן טיש. ר׳ רפאל האָט גענומען אים אויסצאָלן די באַטרעפנדיקע אָפּגערעדטע סומע. אין מיטן ציילן דאָס געלט האָט ער געהערט אַז מען קלאַפּט שטאַרק און מען שרייט הויך פון יענער זייט טיר: עפנט! פּאָליציי איז דאָ! האָט ר׳ רפאל געוואָלט אַראָפּכאַפּן פון טיש דאָס געלט, האָט דאַרפּמאַן געגעבן אים אַ זבענק איבערן האַנט, אַ געשריי געטאָן: רירט נישט דאָס געלט! איך בין פון טשעקאַ! טויט בלאַס האָט ר׳ רפאל געעפנט די פאַרשלאָסענע טיר, עס זענען אַריין צוויי אַגענטן. דאַרפּמאַן האָט אָנגעהויבן הויך רעדן אויף רוסיש צו ר׳ רפאלן, ער זאָל זאָגן פאַר וועמען ער איז דאָס געגאַנגען קויפן? אויף דער טענה, אַז ס׳איז געווען פאַר זיך אַליין און האָט נישט געוווּסט אַז ס׳איז פאַרבאָטן, האָט דאַרפּמאַן אָנגעשריגן אויף אים, ער זאָל נישט זאָגן קיין ליגנט און אַ ווייז געטאָן אויף דער אָרעמקייט דאָ אין שטוב, וווּ ס׳איז נישטאָ אַ טאָג איבערצולעבן. ער איז זיכער געגאַנגען עס איינהאַנדלען פאַר אַ בורזשאָי! דערביי געגעבן אַ רוסישן „מי שברך״ אַלע בורזשאָיען.

די אַגענטן האָבן געלאָזט דאַרפּמאַנען טאָן פאַר זיי די אַרבעט. זיי האָבן געשמידט ר׳ רפאלס הענט און אַרויסגעפירט אים פון שטוב.

אויף די טרעפּ איז אָנגעקומען זיין ביילטשע און אָנגעטראָפן זיך מיט דעם נייעם אומגליק אויף איר קאָפּ. זי האָבן זיך געפרעגט ביי דאַרפּמאַנען ווער זי איז? הערנדיק אַז זי איז נישט געווען קיין מאָל אין שטוב בעת די טראַנזאַקציע־אונטערהאַנדלונגען, האָבן די אַגענטן איר נישט מיטגענומען. זי איז אַריין אין שטוב און דאָרט זיך ערשט פאַנאַדערגעבראָכן... פאַרנאַכט זענען די קינדער געקומען אַ היים און זי האָט אַ פאַרוויינטע דערציילט וואָס ס׳איז געשען. זי האָט געוווּסט פון דעם מסחר. און גוט געקענט דעם ייד וואָס איז געוואָרן אַ טשעקאַ־מענטש.

אַ חודש צייט איז ר׳ רפאל געזעסן אין די קעלערן פון טשעקאַ. מען האָט אים שטאַרק געפּייניקט ער זאָל זאָגן פאַר וועמען ער איז געגאַנגען קויפן. ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס און דעם נאָמען נישט אויסגעגעבן. שאַוראַנסקי האָט זיך דערוווּסט פון אַרעסט גלייך אינעם זעלבן טאָג. געהאַט פאַרבינדונגען מיט איינעם וואָס האָט געאַרבעט אין ביוראָ פון טשעקאַ. ער האָט אינפאָרמירט שאַוראַנסקין, אַז דער ייד גיט נישט אויס.

ווייזט אויס אַז ס׳זענען געווען באַמיונגען, דורך שאַוראַנסקין, און אויפן דרייסיקסטן טאָג פון זיין אַרעסט איז שוין ר׳ רפאל געשטאַנען פאַר אַ טשעקאַ־געריכט און צום ווייפלטן מאָל ווידער איבערגעחזרט, אַז ער האָט נישט געוווּסט פון דעם געזעץ וועגן וואַלוטע און גאָלד. זייענדיק אַן אַנטלאָפענער פון די פּאָגראָמען אין זיין געגנט, האָט ער נישט געהערט פון אַזאַ געזעץ.

ער האָט באַקומען אַן אורטייל צו זיצן, נאָר פאַרהאַנגען אויף אַ צוויי יאָר. געהאַט אַ שטרענגע וואָרענונג: אויב עס וועט זיך ביי אים איבערחזרן וועט זיין אַ גאָר שווערע שטראָף.

צוריק אַ היים, האָבן זיינע טיף איינגעפאַלענע באַקן און דער שווערער אומעט אין די אויגן, קלאָר דערציילט, וואָס ער האָט דורכ־געלעבט. ער האָט אָנגעהויבן ליידן פון פאַרשידענע מיחושן, אָבער אַמשטאַרקסטן האָט אים געמאַטערט: ווי קומט אַ ייד צו פאַרקויפן זיין נשמה?...

ווייניק גערעדט, אָפט אַ פאַרטראַכטער, פאַרשלאָסן אין זיינע רעיונות, פלעגט ער זיך נאָך דער באַפרייאונג שעמען צו ווייזן זיך פאַר זיינע יידן.

טוביהלע איז בעת זיין טאַטנס אַרעסט געוואָרן אַריינגערופן דורך דעם ראש־ישיבה, וואָס האָט זיך ביים יינגל נאָכגעפרעגט וועגן דער שטוב, צי ס'איז דאָ וואָס צו עסן?... פון דער ישיבה־קיך האָט מען מיטן יינגל מיטגעשיקט אַ היים יעדן טאָג געקעכטס און ברויט. צוגע־זאָגט אויף פסח צו באַזאָרגן מצות און פראָדוקטן, כשר לפסח פאַר דער פאַמיליע.

פאַר פסח איז אין דער ישיבה געהאַט פאַרגעקומען אַ גרעסערע אסיפה וועגן הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע, באַזונדערס פאַר די בעזשענצעס. איין ייד, ר׳ נתן רובינשטיין, וואָס האָט געהאַט אַ טבע נאָר אַרויסצוברענגען ספקות ביי יעדער זאַך, איז גלייך אַרויסגע־שפרונגען מיט זיין פעסימיזם: — ביי וועמען וועט מען היינט נעמען „מעות חיטין״? אַלע זענען דאָך פאַרקוועלט...

דער ראש ישיבה ר׳ מתתיהו, וואָס האָט אַרויסגעגלאַנצט מיט זיין גרויסער זילבערנער באָרד, האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט: — מיר וועלן היי־יאָר איינטיילן אונדזערע היגע יידן אין צוויי מחנות: די וואָס קענען נאָך געבן מעות חיטין און די וואָס דאַרפן אָנקומען... די וואָס וועלן נישט געהערן צו די געבערס וועלן געהערן צו די נעמערס... וועלכער ערלעכער ייד וועט קענען זאָגן: כל דכפין ייתא ויאכל? און פאַרמאַכן זיין טיר פאַר די הונגעריקע, פאַר די וואָס האָבן נישט מיט וואָס פסח צו מאַכן?...

דעם פסח האָט טאַקע קיינער פון די בעזשענצעס אין וויטעבסק נישט געהונגערט. ס'איז באַזאָרגט געוואָרן פאַר פסח פאַר פיל משפחות, צווישן זיי אויך ר׳ רפאלס.

נאָך פסח איז צוריק געוועזן די נויט. אָבער עס איז שוין געווען פאַרענדיקט דער בירגער־קריג און די נישט איינגעאָרדנטע בעזשענ־צעס, האָבן אָנגעהויבן טראַכטן צוריקצופאָרן אין זייערע פריערדיקע ווינשטעט פון אוקראַינע און אויך פון טאַמבאָווער גובערניע.

די פראַגע פון צוריקפאָרן איז געווען אַן אינדיווידועלע פאַר

יעדער משפּחה. אַ סך האָבן זיך שוין באַוויזן גאָר גוט איינצואָרדענען אין וויטעבסק, וואָס איז נאָך דאַן געווען אַ שיינע יידישע שטאָט מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג. אמת, די יעווסעקציע האָט שוין פּלאַנירט צו קאָנפיסקירן בתי־מדרשים פאַר קלובן, אָבער עס איז נאָך נישט געוואָרן דורכגעפירט. די יידישע קאָמוניסטן האָבן אַרויסגעגעבן אַ יידישע צייטונג, אויך פלעגן זיי אויפקלעפּן גרויסע מודעות אין די גאַסן, געווען גרעסערע יידישע פאָלקסשולן, און די רעליגיעזע יידן האָבן נאָך געהאַט אַ חוץ די ישיבה אויף דער צווייטער זייט דווינע, אויך אַ סך חדרים און תלמוד־תורות. עס איז געווען נאָך אַ פולסירנדיק שטאַרק יידיש לעבן אויף אַלע געביטן.

דאָס האָט באַווירקט די וואָס האָבן זיך פאַרהעלטנישמעסיק איינגעאָרדנט און שוין מער נישט געטראַכט פון ווייטערדיקן שלעפּן זיך אין די פריערדיקע מקומות. די פאַמיליע פון ר׳ רפאלן האָט זיך דורכגערעדט וועגן דעם נישט איין מאָל און באַשלאָסן יאָ צוריקצופאָרן, אָבער נישט קיין ליפּעצק נאָר קיין לעבעדיאַן, ווו עס זענען שוין געווען עטלעכע משפּחות וואָס זענען אַהין אָוועקגעפאָרן פון וויטעבסק און געשיקט פון דאָרט זייער גוטע גרוסן. עס איז אויך גענומען געוואָרן אין אַכט אַז קיין פּאָגראָם איז דאָרט נישט פאָרגעקומען.

אגב איז געקומען פון דאָרטן צו פאָרן אַ באַקאַנטער ייד, וואָס האָט געהאַט איינגעקויפט אַזאַ סחורה אין וויטעבסק, וואָס איז נישט בנמצא צו קריגן אין לעבעדיאַן. די סחורה איז באַשטאַנען פון נאָדלען, פאָדעם און ענלעכע אַרטיקלען, וואָס זענען דאָרט געווען אַ יקר־המציאות.

דער הויפּט־קלער איז געווען וועגן פאָרן, וואָס איז נאָך אַלץ געווען דורך אַ נישט נאָרמאַלער באַן־קאָמוניקאַציע. אויפן וועג זענען נאָך געווען אָנפאַלן פון כוליגאַנעס וואָס זענען אַליין געווען פאַסאַזשירן אין צוג. דאָס האָט טאַקע געוואָרנט דער באַקאַנטער ייד, אַז אויפן וועג קען מען טרעפן „סורפּריזן" הגם נישט אַזעלכע ווי בעת דעם בירגערקריג.

עס האָבן זיך ווידער צוגערוקט די ימים־נוראים און ר׳ רפאל האָט געהאַט אַ פאַרלייג צו דאַוונען דעם יאָר פאַרן עמוד אין אַ גרעסערער שיל, און אויך בעסער באַצאָלט. מען האָט אים אויך אָפּט גענומען צו זיין דער מוהל, וואָס איז געווען אין וויטעבסק אַ פּראָפעסיע וואָס צאָלט... באַקומען אַ גוטן נאָמען אַלס מוהל און לויט רעקאָמענדאַציעס אויך אפילו גערופן צו מלען קינדער פון נישט־טראַדיציאָנעלע שטיבער און פירונגען. געווען פאַלן, ווען דער טאַטע איז אַ קאָמוניסט, די מוטער — נישט. און זי האָט דורכאויס געוואָלט דאָס קינד זאָל ווערן געמלעט, פלעגט דער פאָטער נישט זיין ביי דער מילה... דאָקטוירים האָבן טייל מאָל אַכטונג געגעבן צי עס גייט צו היגיעניש

(דער עיקר ביי מציצה, דורך אַ גלעזעלע) און זענען געווען צופרידן פון אים.

געהאַט שוין פּריוואַטע לעקציעס פון רעליגיעזע לימודים, ביי קינדער וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין אין תלמוד־תורה און ישיבה.

איז ווידער געווען אַ גרויסער ישוב־הדעת: פאָרן, צי בלייבן דאָ? ביילטשע האָט דורכאויס געוואָלט אַוועק פון וויטעבסק מיט דעם „גוטן" טעם פון אַרעסט. זי האָט פאַרגעלייגט, אַז די פאַמיליע זאָל פאַרלאָזן, נאָר דער מאַן זאָל דערווייל נאָך בלייבן און קענען צושיקן אַרטיקלען צו האַנדלען. אַז מען וועט זיין אין לעבעדיאַן, אַנהייבן האַנדלען, זען וואָס מען זוכט, — וועט זי אים שרייבן איינצוקויפן און מיטנעמען מיט זיך ביים קומען.

אַז ס'איז געוואָרן ענטגילטיק אַזוי באַשלאָסן, האָט די פאַמיליע זיך געגרייט צו דער רייזע צוריק. דער וועג איז געווען נישט נאָר אַ געאָגראַפישער, נאָר אויך אין צייט, אין איבערלעבענישן, דורך ליפּעצק, וויטעבסק. דער ענין פון דזוערטיר בעת דער צאַרישער צייט, האָט איצט שוין אויסגעזען ווי אַ געשעעניש פון אַן אַנדער יאָרהונדערט. וועט מען נאָך אין לעבעדיאַן טרעפן מאַטוויי זאַכאַראָוויטשן און אַנדערע גוט־באַקאַנטע? נישט געווען קיינע ידיעות פון זיי, ווי פון אַנדערע, זינט מען איז אַוועק פון לעבעדיאַן.

נישט מיט קיין לייכט געמיט איז מען אַוועק צום וואָקזאַל. וויטעבסק איז געווען אַ טראַגיש קאַפּיטל ביי דער פאַמיליע, קודם טאַקע צוליבן אַרעסט, אָבער וואָס דערוואַרט אין לעבעדיאַן? ווער קען פאַרויסזען באַדינגונגען? עס האָט אויך אויף ר' רפאלן שטאַרק גע־דריקט, וואָס ביילטשע נעמט דערווייל אויך אויף זיך אַזאַ לאַסט, אַ טאָפּלטן — פאַר זיך און פאַרן מאַן — טאַקע אַ בריה, אָבער אַן אויס־געמאַטערטע פון נישט געהעריקער דערנערונג, ווען זי האָט דעם ביסן פון זיך צוגענומען פאַר די קינדער, אַ שווער געליטענע פון די שלימזלדיקע צופאַלן דורך אַ ידישן דזוערטיר און לעצטנס, דאָס טשעקאַ־יידל...

ר' רפאל איז געשטאַנען לעבן זיין פאַמיליע אויפן פּעראָן אַן אומעטיקער. זיין בלייבן אויף אַ ווייל אין וויטעבסק איז טאַקע איצט אַ נויטווענדיקייט. ביילטשע פאַרט קיין לעבעדיאַן אַן אַ גראָשן ביי דער נשמה. און גראָד איצט וועט ער פון די ימים־נוראים און אַנדערע איינקונפטן שוין קענען אָפּשפּאָרן אַ ביסל געלט אויף איינקויפן סחורה און בעיקר, דאָן אויך שוין וויסן געננוי — וואָס פאַר אַ סחורה איז גאַנגבאַר.

גראָד איצט איז ער אין וויטעבסק שוין נישט קיין פּנים חדשות, מען קען אים שוין גוט אין ברייטערע קרייזן, מען רעספּעקטירט אים; אָבער צו קענען מפרנס זיין די פאַמיליע, אַריינציען זיך אין אַ דירה,

נישט וואַלגערן זיך מער אין ווייבער־שיל — פון דעם איז נאָך ווייט. נישטאָ אויך קיין אויסזיכט ער זאָל קענען זיך אַריינקריגן אויף אַ שטעלע ביי שחיטות. די תושבים ווילן בשום אופן נישט צולאָזן, זיי טענהן אַז זיי האָבן אַליין איצט ווייניקער פּרנסה, ווי קענען זיי נאָך צולאָזן אַ פרישן? איצט די צעשיידונג — בלייבן אַליין אפילו אויף אַ ווייל און בענקען נאָך די נאָענטסטע? ס'וועט דאָך אָבער לאַנג נישט דויערן און מען וועט צוריק זיין אַלע צוזאַמען. מעגלעכקייטן זעען זיך איצט בעסערע, און טאַקע אין לעבעדיאַן.

אין זיין פאַרטראַכטקייט, פאַרטאָן אין שווערע רעיונות, נישט באַמערקט וואָס פאַר אַ מין עולם עס האָט זיך אויפגעזאַמלט אויפן פּעראָן צו פאָרן מיט דער זעלבער באַן.

ווען ער האָט דערזען דעם אומהיימלעכן ערב רב — איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן... ווער ווייסט וואָס פאַר אַ כוליגאַנעס עס פאָרן, ווי אַזוי וועלן זיי זיך באַציען צו ייִדן? ער האָט נישט געזען דאָ קיין איין ייִדישן פּנים, אָפּגעריסענע זעלנער, אָדער אפשר טראָגן זיי נאָר זעלנערישע שינעלן? און די וואָס גייען ציוויל אָנגעטאָן, זייערע בליקן שטעכן דורך. אַ ווילער יונג איז צוגעגאַנגען דאָ צו אים, אַ כאַפּ געטאָן זיין באָרד און מיט אויסגעשטשירעטע ציין כאַכאָטשעט: — טשטאָ, ראַבין? נאָכגעשפּעט ווי ייִדן רעדן... און די פאַרשווינען וועלן זיצן מיט זיין ווייב און קינדער אין זעלבן צוג... אַרויסגעלאָזט אַ שטילן קרעכץ, און אַ טרער...

אָנגעהויבן זיך געזעגענען און נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט...

דער צוג האָט גערירט. טוביהלע האָט געהאַט אַן אָרט ביים פענצטער; אַרויסגעקוקט, געזען דעם טאַטן נאָך שטיין, ביז זיין סילועט איז פאַרשוווּנדן. פייער־פונקען האָט אַרויסגעלאָזט דער לאָקאָמאָטיוו, בעת ס'איז געוואָרן פינצטער. די נאַכט איז אַזוי האַסטיק צוגעפאַלן. דער וואַגאָן איז געוואָרן באַלויכטן פון אַ גאַגנעקל, וואָס האָט געעיפושט. טוביהלע האָט געקוקט אויף דער מאַמען וואָס האָט געהאַט נאַסע אויגן. אין דעם וואַגאָן איז געפּאַקט קאָפּ אויף קאָפּ. זיי זענען די איינציקע ייִדן דאָ, און מען ווינקט זיך איבער זיי. עמיצער האָט אָנגעהויבן פאַרציען אַ לידל וועגן ייִדן און מען העלפט אים אונטער. עס איז געווען אַ פּאָפּולער לידל וועגן די ייִדן־קאָמיסאַרן, וואָס זענען אומעטום דאָ. טוביהלע האָט עס געהערט זינגען אויך אין סטאָלאָווע ביים קויפן זיך אַ האַבערנעם פלעצל און אַ גלאָז טיי.

דער עלטערער ברודער האָט דאַן נישט געקענט איינזיצן און געלאָזט די גלאָז טיי אין מיטן. זיי זענען גלייך אַוועק. איצט וועט ער ווידער הערן דאָס זעלבע לידל וועגן דער „פריילעכער התונה ביים קאָמיסאַר שניאורסאָן און זיין כלה שרה״...

די זינגערס קוקן בעת־מעשה צום ווינקל, ווו עס זיצט פאַרבאַבלט אין אַ פאַטשיילע די ידישע מאַמע מיט די קינדער. דער וואַגאָן צע־זינגט זיך שטאַרקער, וועלכע קאַמיסאַרן זענען אַלץ געקומען צו אַט דער חתונה. עס גייט אַוועק אַ סדרה פון יידן־קאַמיסאַרן מיט אַזעלכע יידישע נעמען: סאָלאָוויטשיק און וואַראַבייטשיק, און מאיר רעבעקאַ פון „טשעקאַ", דאַן ווערן אויסגערעכנט די יידישע מחותנים... און וועגן אַן עפּעלע וואָס קייקלט זיך אין „טשעקאַ" אַריין... ערשט דאַ שיסט דער עולם אַרויס כאָראַל: „עך טי יאַבלאַטשקאַ, קודאַ טי קאַ־טשיטסאַ; פּאַפּאַדיש וו" טשעקאַ, באַלשע ניע וואַטשיטסאַ..." מען לאָזט כסדר נישט אָפּ די יידישע נעמען פון די אַלע קאַמיסאַרן אויף דער יידישער חתונה, מיט דער „טשעקאַ" בתוכם...

ס'איז געוואָרן שווער ביילטשען אויפן האַרצן! ווען זיי נאָכן זינגען זיך נישט נעמען איזדיעקעווען דאָ איבער די עטלעכע יידן אין וואַגאָן? אָבער ס'איז נישט געשען צום גליק קיין אַנפאַל. נאָר די שטע־כיקע בליקן און די אומהיימלעכע פריילעכקייט האָט צוגענומען די רו און דעם שלאָף פון די אויגן. און די נאַכט איז נאָך אַזוי לאַנג — ווען וועט שוין ווערן ליכטיק? קוקט אַזוי ביילטשע אַרויס דורכן פענצטער ביים פרעגן זיך, איינגעהילט אין דעם טונקעלן פחד פון דעם שווערן פינצטערן אַרום...

דער געמיט האָט זיך אין דער פרי אַ ביסל אויסגעלייטערט, כאָטש דאָס פּעקל שפּייז וואָס זי האָט מיטגענומען איז איבער נאַכט פאַרשוווּנדן געוואָרן... נישט קיין נייעס געווען אין יענע צייטן אַזעלכע זאַכן. האָט זי אַראָפּגעשיקט די קינדער אויף די סטאַנציעס צו קויפן עסן — וואָס זיי וועלן נאָר קענען קריגן. אַרויפגעבראַכט האָבן זיי האַרטע געקאָכטע אייער און שוואַרצן ברויט, פאַרטרונקען מיט „קיפּיאַטאָק", אָט די הייסע וואַסער, וואָס טוביהלע פלעגט שוין פאַר־שאַפן אויף יעדער סטאַנציע ווו דער צוג איז נאָר געבליבן שטיין.

אַ טאָג שפּעטער איז געווען צו קויפן געבראָטענע קאַרטאָפל. האָט מען צוויי טעג כסדר געהאַט צו עסן די קאַרטאָפל מיט הייסע וואַסער פאַרטרונקען. און אַזוי איז עס צוגעגאַנגען מיטן פאָרן און איבערזעצן זיך אויף אַ צווייטער באַן ביז זיי זענען ענדלעך דערפאָרן קיין לעבע־דיאַן — דאָס באַקאַנטע שטעטל מיט וועלכער עס איז פאַרבונדן געווען פאַרשידענע זכרונות...

די קינדער מיט דאָס ביסל זאַכן זענען געבליבן אויפן וואָקזאַל און ביילטשע איז געפאָרן אין שטעטל אַריין צו דינגען אַ דירה, און טאַקע געפונען אין דער זעלבער גאַס ווו זיי האָבן פריער געהאַט געוווינט. געכאַפּט אַ פורמאַן מיט וועמען צוריקצופאָרן צום וואָקזאַל און צוריק אין שטעטל, אין דער נייער היים, ווו קינדער זענען אַריין מיט אַ הוראַ!

ס'איז געווען שוין האַרט פאַר יום־טוב און די שטוב איז לידיק. איז זי אַוועק אין מאַרק איינצוקויפן פּראָדוקטן און ס'איז טאַקע געווען אויך לעבעדיקע פיש און עופות.

אויפן וועג געטראָפן אַן אַלטע באַקאַנטע פרוי. זעענדיק ביי ביילטשען לעבעדיקע עופות, האָט זי איר באַלד געזאָגט אַז דער אַלטער שוחט לעבט שוין נישט און זיי קויפן איצט כשר פליייש אין דער נאָענטער שטאָט, יעלעץ, אָרלאָווער גובערניע.

היות אַ פּורל איז געפאָרן דעם זעלבן פרימאָרגן קיין יעלעץ, האָט זי זיך מיטגעכאַפּט, זען וואָס זי קען דאָרט איינקויפן.

ביינאַכט איז זי שוין געווען צוריק אין שטוב מיט אַ שווערן קויש; עופות, חלות, ליכט און אַ באַנקע נאַפט, אויך אַ שיינעם לאָמפּ. אין שטוב איז געוואָרן ליכטיק נאָך לאַנגע שעהן, בעת די קינדער זענען געזעסן אין הויז אין דער פינצטער, מחמת נישט געהאַט מיט וואָס צו באַלייכטן, אויסער מיט לבנה־ליכט.

ראש השנה ביינאַכט זענען די קינדער אַוועק דאַווענען אין שולכל, אַ סך פון די פריערדיקע מתפללים זענען שוין נישט געווען, די צאָל מתפללים אַ גאָר קליינע. ר' רפאלס עלטערער זון האָט געדאַווענט פאַרן עמוד, אין טאַטנס נוסח, און נאָכן דאַווענען האָבן די יידן זיך אויסגעפרעגט, וועגן ליפּעצקער יידן און פון וויטעבסק.

דערציילט וועגן דער שרעק וואָס זיי האָבן דאָ דורכגעלעבט בעת די „ווייסגוואַרדייער" האָבן געווילדעוועט אין דעם געגנט. אָבער נאָר אָפּגעקומען בלויז מיט גרויס שרעק, קיין לעבעדיאַן זענען זיי נישט אַריין. סיי ווי איז אָבער געווען אַ פּאָגראָם־שטימונג און העצע. „גוטע" שכנים האָבן געוואָרט צו קענען ראַבירן יידישע היימען, און זיי האָבן דאָך זיך אָנגעהערט אַ סך וועגן אַנדערע שטעט, ווו עס זענען פאָרגעקומען גרעסערע און קלענערע פּאָגראָמען... האָבן זיי נאָר אומגעדולדיק געוואַרט אויפן אַריינקום פון די „ווייסע".

היות ר' רפאלס בחור האָט געהאַט זייער אַ שיינע שטימע, האָבן די מתפללים אים געבעטן צו דאַווענען ביים עמוד ראש־השנה און יום־כיפור. ער האָט עס אָנגענומען, באַקומען באַצאָלט. אויך סוכות איז ער שוין געווען דער בעל־תפילה, געזונגען, „געזאָגט" אין טאַטנס נוסח.

די יום־טובים זענען אַריבער און ביילטשע האָט אָנגעהויבן זוכן תכלית. דאָס געלט איז שוין אויסגעגאַנגען און ביי וואָס קען מען איצט פאַרדינען?

איז זי אַרויס אין מאַרק מיט אַ ביסל סחורה מיטגעבראַכט פון וויטעבסק. ברייט אַרויסגעלייגט איר גאַלאַנטעריע און גלייך האָבן קונים באַלאַגערט דאָס טישל, געקויפט פון אַלץ וואָס איז נאָר געלעגן צום פאַרקויף. די קינדער האָבן צוגעהאָלפן ביים טישל און ביים

צוברענגען פרישע סחורות פון שטוב. דער מיסחר האָט געברענט אונטער די הענט, אַזאַ אויסכאַפּעניש געווען. פּויערים האָבן פּוטער, אייער, פּרוכטן אויסגעטוישט אויף פּאָדעם, נאָדלען, אײַזערנע קעמלעך. גלייך געשריבן צום מאַן צו באַזאָרגן איר מיט אַ פרישן זאַפּאַס.

אָבער גאָר גיך האָט זי איינגעזען, אַז די אַלע קונים האָבן שוין געענוג און די פרישע סחורה בלייבט שוין ליגן — דאַרף מען דאָך האָבן פרישע אַרטיקלען צו לייזן.

דער מאַן האָט איר ווידער געשריבן וועגן באַגעגענישן מיט יידן פון פּוילן, וואָס זענען פון דאָרטן מיטגעלאָפן מיט דער רויטער אַרמיי. עס איז געווען פּונקט דער צוריקלויף פון דער סאָוועטישער אַרמיי פון די פאַרנומענע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. ר׳ רפאל האָט אויספירלעך געשריבן פון זיינע שמועסן מיט די יידן וואָס זענען פון פּוילן געלאָפן אַזש ביז וויטעבסק און נאָך ווייטער. צווישן זיי האָט ער געטראָפן אַ מעזריטשער ייד, שוין נישט קיין גאָר יונגער, אַ פאַכמאַן פון באַרשטן־אויסאַרבעטונג. ער וואָלט געוואָלט אין וויטעבסק אויפשטעלן אַזאַ פאַבריקל, אַרבעטן פאַר דער רעגירונג. געוואָלט, „איך זאָל אים באַקענען מיט היגע יידן וואָס זאָלן אים העלפן עס דורכפירן. הערנדיק אַז איך פאָר קיין לעבעדיאַן, האָט ער פאַרגעלייגט מיטצופאָרן און מ׳זאָל דאָרטן עס איינאָרדענען״.

ביילטשע האָט געדאַרפט זיך קודם דערוויסן, צי ס׳איז מעגלעך דער קאָאָפּעראַטיוו זאָל אָפּנעמען די פּראָדוקציע און צושטעלן פערדישע און חזיר־האָר אַלס רוישטאָף פאַר די באַרשטן.

הערנדיק אַז דאָס איז מעגלעך, האָט ר׳ רפאל מיטן מעזריטשער (גאָלדפאַרב איז זיין נאָמען געווען), אָנגעהויבן באַזוכן פאַבריקן וואָס אַרבעטן ביי דעם אין וויטעבסק, זיך באַקענט מיט די מאַשינען פאַר אָט דער אַרבעט, און דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט געהאַט שוין אָפּגעשפּאָרט, געקויפט מאַשינען און אויך נייע אַרטיקלען צו פאַרקויפן אויפן מאַרק. צוזאַמען מיט גאָלדפאַרבן זיך געלאָזט קיין לעבעדיאַן.

די באַנען זענען שוין דורך דער צייט געגאַנגען נאָרמאַלער ווי בעת די בני־בית זענען געפאָרן. שוין נישט געווען איצט קיינע געפאַרן. אָנגעקומען אין לעבעדיאַן, די איינגעקויפטע מאַשינען זענען נאָך געווען הינטערוועגנס און געמוזט נאָך וואַרטן אויף זיי. אָבער עס איז שוין געווען וואָס צו טאָן, צוגרייטן צו דער איינריכטונג. דער ייד האָט דערווייל באַקומען אַלץ, כאָטש ער האָט נאָך נישט געהאַט וואָס צו טאָן ביי קיין שום אַרבעט. ר׳ רפאל האָט די איינריכטונג אַליין געמאַכט.

גאָלדפאַרב איז אַ מאָדנער ייד געווען. געהאַט אַזאַ שפּיציקן קאָפּ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַמאָל אַ „היטל״ צוקער אין רוסלאַנד: אונטן ברייט און אויבן שמאָל. וועגן זיינע אויגן פלעגט ער זיך אויסדריקן: — זיי זענען אַזוי אַלט ווי דער יידישער גלות. זיי זענען טאַקע געווען דאָ

אומעטיקע און דאָ — פריילעכע. קליינגעוווקסיק מיט אַ היפּשן בייכל און אַ פּאָר קורצע פיס אויף וועלכע ער האָט געטראָגן לאַנגע יוכטאָווע שטיוול. געהאַלטן זיי אין איין שמירן, צו גלאַנצן — קיין אַנדער אַרבעט האָט ער דאָך דערוויל נישט געהאַט. דער גאַנצער יאָך ביים צוגרייטן איז געלעגן אויף ר׳ רפאלן, וואָס האָט געהאַט צוויי רעכטע הענט, מיט וועלכע ער האָט אַלץ געקענט מאַכן.

דער ייד איז געוואָרן פאַרהיימישט, זיך געהייסן רופן אויף רוסיש ביים ערשטן נאָמען: סעמיאָן. דערציילט האָט ער פון דעם לעבן אין פוילן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, און אויך ווען פוילן איז שוין געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה. געזעדט וועגן דער מלחמה צווישן רוסלאַנד און פוילן און פאָר וואָס זענען אַזוי פיל יידן מיטגע־לאָפן מיט דער רויטער אַרמיי, ווען זי איז געיאָגט געוואָרן צוריק פון אירע פאַרנומענע פּאָזיציעס.

דאָס אַלץ איז געווען אינטערעסאַנט און ניי פאַר די וואָס זענען געווען בעזשענצעס נאָך פון 1915 און פון דאַן אָן נישט געהאַט קיינע ידיעות וואָס איז פאָרגעקומען אין פוילן נאָך זייער אָוועקפאָרן קיין רוסלאַנד. ער האָט דערציילט אויך וועגן דעם שמוגל ביים דייטש, עס זענען פון דעם אויפגעקומען נייע גבירים, אַלטע זענען אַראָפּ, אַלץ האָט זיך געענדערט.

ווי אַזוי מען האָט טויט־מורא פאַר די פּאַליאַקן איצט, האָט ער דערציילט פון דעם פּלאָצקער רב, וואָס האָט געדאַוונט ביי זיך אויפן באַלקאָן אין דער צייט פון דער מלחמה, בעת די סאָוועטישע אַרמיי איז געגאַנגען פאָרויס. האָבן פּאַליאַקן אויף אים אויסגעטראַכט אַ שווינדעלעכן בילבול, אַז ער האָט געגעבן סיגנאַלן דער רויטער אַרמיי. די העוויות זיינע ביים שאָקלען זיך מסתמא בעתן דאַווענען, זענען בייז־וויליק פאַרדרייט געוואָרן, ווי שפּיאָנאַזש אַרבעט. ער איז דערפאַר פאַרמשפּט געוואָרן אומצוקומען. נאָך דער עקזעקוציע, זענען נאָך אַלץ דורך די יידישע פירערס אָנגעגעבן געוואָרן אַפּעלאַציעס צו רעהאַבי־ליטירן דעם רב. אָבער דאָס פּוילישע געריכט האָט זיי כסדר אָפּגע־וואָרפן און אונטערגעהאַלטן דעם שווינדעלעכן אורטייל און בילבול פון מיליטערישן פעלד־געריכט.

ר׳ רפאל איז געווען דערשיטערט פון דער געשיכטע און זיך אַ סך אויסגעפרעגט וועגן דעם און אויך ווער ס׳זענען היינט די מנהיגים פון די פּוילישע יידן אין אומאָפּהענגיקן פּוילן.

עס זענען דערוויל אָנגעקומען די מאַשינען און זיי האָבן זיך בידע גענומען אויפצושטעלן זיי, און דאָס איז נישט צוגעגאַנגען אַזוי איינפאַך: געוויסע טיילן האָבן נישט געטויגט, מען האָט זיי געמוזט איבערמאַכן, צו קענען אַרבעטן אויף זיי ווי ס׳דאַרף צו זיין. און ביי דעם האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז דער „פּאַכמאַן" הייבט גאָר נישט

אָן צו וויסן ביי דער מאַשינעריע, ער איז גאָר נישט געווען קיין מעכאַניק ביי זיי. ווי ער האָט זיך פריער געהאַט פאַרגעשטעלט. גראָד ר׳ רפאל האָט אַליין געדאַרפט אויסגעפינען די פעלערן און געוואָרן דער מעכאַניק ביי זיי!

איינגעאָרדנט שוין די מאַשינען, האָט מען ערשט געדאַרפט באַקומען פון דעם קאָאָפּעראַטיוו רווישטאָף און דאָס איז אויך נישט אָנגעקומען לייכט. מען האָט געמוזט אונטערשמירן... ערגער איז געווען מיט דער קאַלקולאַציע פון פרייז. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט נישט געוואָלט געבן אַ פרייז מען זאָל קענען פון דעם לעבן, און דאָס שוין נאָכן אונטערשמירן...

אָפּגעאַרבעט אַ שווער יאָר, איינגעזען אַז ס׳איז פאַרן טייוול. קיין חיונה וועט שוין פון דעם נישט זיין, און די מאַשינען ווערן אָפּט קאַליע און די האָר איז פון אַ שלעכטער קוואַליטעט — זיך כסדר שטאַרק געמאַטערט, אויסגעריסן געוואָרן ביי אָט דער אַרבעט ביז מען האָט פאַרמאַכט דאָס פאַבריקל אין וועלכער עס איז געוואָרן אַריינגעבראַכט אַזוי פיל געלט, מי און אַרבעט. אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט פון זיך אין וויטעבסק איז אַוועק פאַרן טייוול...

אויפן מאַרק האָט אויך שוין לאַנג נישט געטויגט. מען האָט גאָר נישט געלייזט, נישט פאַר אַלטע אַרטיקלען און נישט פאַר די נייע. מילא, דאָס יידל האָט זיך ביי דער לאַגע שנעל אָפּגעטראָגן פון לעבעדיקן, אָבער אין שטוב האָט מען ווידער אָנגעהויבן צוהונגערן. נישט געווען פאַר וואָס צו קויפן, און עס האָבן אויך שוין אויסגעפעלט שפּייז־פּראָדוקטן אויפן מאַרק... ביטער געווען אויף דער נשמה, און פון גוף איז געפאַלן שטיקער. מען האָט פשוט אַלע געהונגערט, און טאַקע גאָר שטאַרק. אַ פאַרצווייפלונג האָט אַרומגעכאַפּט, נישט זעענדיק קיין אויסוועג פון דער טרויעריקער לאַגע.

טאַקע בעת דער פאַרצווייפלונג איז געקומען די ישועה גאָר פון אַן אומגעריכטער זייט: אַ מודעה, אַז די פּוילישע בירגער וועלן קענען ווערן רעפּאַטריאירט. די וואָס ווילן פאָרן, דאַרפן זיך שוין גיין רעגיסטרירן. אַ שימחה איז געוואָרן אין שטוב. אַ קלייניקייט?!

דער וועג צוריק קיין פּוילן

ווען ר׳ רפאל איז געגאַנגען רעגיסטרירן זיין פאַמיליע אויף רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן, האָט ער זיך גאָר נישט פאָרגעשטעלט קיין שווערע קאָמפּליקאַציעס צו האָבן. מען האָט אָבער פאַרלאַנגט פון אים צוצושטעלן געבורט־מעטריקעס פון זיינע קינדער, אַז זיי זענען אין פּוילן געבוירן געוואָרן.

האָבן נישט געהאָלפן זײַנע טענות, אַז ער איז מיט דער משפּחה אַנטלאָפן זיך ראַטעווען פון אַ ברענענדיקער שטאָט, און ווען עס ברענט אַ שטוב זוכט מען נאָר קודם צו קענען זיין אויסער דער סכנה. געפּועלט נאָר אַ דערלויבעניש פאַר די יינגסטע.

געפאָרן אינטערווענירן וועגן דעם צו אַ העכערער אינסטאַנץ און אויך דאָרט נישט געקענט איבערצייגן דער ביוראָקראַטיע דעם אומזין פון אַזאַ פאָדערונג. לית־ברירה זענען די דריי עלטערע קינדער געבליבן וואַרטן מען זאָל פון פוילן אַרויסשיקן פאַר זיי מעטריקעס. וויסנדיק שוין פון דערפאַרונג ווי לאַנג עס וועט זיך פאַרציען זיין צוריקרייזע, האָט ער איינגעזען באַלד אַז דאָס איז נישט קיין ענין פון עטלעכע וואָכן. אַזוי איז געוואָרן די פאַמיליע צעטיילט: די עלטערן מיט די יונגסטע דריי קינדער פאָרן קיין פוילן. די עלטערע דריי — בלייבן דערווייל, ביז...

ווער האָט דאַן גאָר געקענט פאָראויסזען, אַז די רעפּאַטריאַציע וועט אָפּגעשטעלט ווערן גאָר אין גיכן?

אויפן וואָקזאַל האָבן קיין טרערן נישט געפעלט. אָבער האָפענונג האָט נאָך געטליעט, אַז די פאַמיליע וועט צוריק ווערן גאַנץ.

אַן עמאָציאָנעלער מאָמענט איז געווען, ווען אַן עלטערער ברודער, וואָס האָט באַוויזן קוים דעם זומער אָפּצושפּאָרן פון זיין שכירות אויף אַ פּאָר נייע שיך, האָט זיי נישט אָנגעטאָן, נאָר געמאַכט אַ סורפּריז דעם יונגסטן ברודער, וואָס האָט אויף זיך נישט געהאַט קיין לייטישן מלבוש, אָפּגערעדט שוין פון גאַנצע שיך. דער ברודער האָט אַוועקגע־געבן אים זיינע נייע. דאָס איז געווען אויפן פעראָן ביים געזעגענען זיך.

ביזן דריטן קלינג איז נישט געווען מעגלעך זיך אָפּצורייסן איינער פון אַנדערן. די עלטערן זענען אַריין שוין אין וואַגאָן די לעצטע פון די פּאַסאַזשירן.

ווי אין פריערדיקע נסיעות, האָט אויך דאָס מאָל טוביהלע געהאַט די פּריווילעגיע צו זיצן ביי אַ שטיקל פענצטער אַרויסצוקוקן, ווי די באַן שלינגט די וויאָרסטן. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געלאָזן הינטער זיך געדיכטע שוואַרצע כמאַרעס רויך, ער האָט געפייפט, געקרעכצט און איינגעשלונגען די טעלעגראַפישע סלופּעס אויפן וועג. ס'איז געווען דער גוט־באַקאַנטער רוסישער פּראַכטוואַגאָן, מיט זיינע „באַקוועמ־לעכקייטן", בפרט נאָך אויף אַ לאַנגער רייזע, צו דער פוילישער גרענעץ.

געשטאַנען איז דער צוג מער ווי ער איז געפאָרן און נישט נאָר ביי די גרויסע קניפּסטאַנציעס, ווו ער פלעגט פאַררוקט ווערן אויף אַ זייטיקער ליניע זיך אויסצושטיין ווי לאַנג ביז ער האָט ענדלעך אָנגע־הויבן זיך רירן.

אויך אויף קלענערע סטאַנציעס איז ער געשטאַנען אויפצונעמען נאָך בעזשענצעס אין די זעלבע וואַגאָנען, אָדער ביי אַ גרעסערער צאָל — צושטעלן נאָך אַ וואַגאָן צי צוויי.

זענען טאַקע צוגעקומען אויפן וועג נאָך יידן פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, מען האָט זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב וואָס מען פאָרט שוין צוריק אַ היים.

עס זענען אַריין יידן, וועלכע זענען געווען אין פעטראָגראַד בעת עס איז פאָרגעקומען די מערץ־רעוואָלוציע, דורכגעלעבט דאָס אַראָפּ־וואַרפן די צאַרישע דינאַסטיע. זיי האָבן דערציילט פון יענע היסטאָ־רישע טעג, פון דעם הונגער, פון פלאַטערנדיקע פענער מיט פרייהייט אָנזאָג, וואָס האָבן געהאַנגען אויף אַלע באַלקאָנען אין שטאָט. נישט געווען דאַן קיין ברויט, אָבער דערפאַר איז געווען דער ענטוזיאַזם פון אַ נייעם פרילינג, וואָס איז געקומען אין באַגלייט פון דעם יערלעכן נאַטור־פרילינג. יידן האָבן זיך שטאַרק געפרייט, עס וועלן מער שוין נישט זיין די אַלע באַגרענעצונגען, די גזירות פאַר יידן פון צאַרישן רעזשים.

צווישן די פרישע אַריינגעקומענע בעזשענצעס איז געווען אַ יונ־גערמאַן, וואָס האָט געהאַט דעם זעלבן פאַמיליע־נאָמען ווי דער ערשטער יוסטיץ־קאָמיסאַר אין דער באָלשעוויסטישער רעגירונג — שטיינבערג. ער האָט זיך אָנגעגעבן פאַר זיינס אַ נאָענטער קרוב; דערציילט איינצל־הייטן וועגן דעם יחוס־בריוו פון אָט דעם יידישן געוועזענעם פאָלקס־קאָמיסאַר, וואָס היט אָפּ כשרות, דאַוונט יעדן טאָג, און קען פאַרנאַכט אויף אַ זיצונג פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן צושיקן אַ צעטעלע לעניגען, אַז ער מוז איצט אַרויסגיין פון דער זיצונג דאַוונען (מנחה).

עס איז געווען אינטערעסאַנט פאַר אַלע אין וואַגאָן צו הערן אים דערציילן פון זיין קרוב, וואָס האָט געהערט צו די שפּיצן פון די קאָ־מיסאַרן אין דער באָלשעוויסטישער רעגירונג. און איז אַן אָפּגעהיטער ייד אין פרומקייט. און דאָס ביי אַ רעזשים וואָס לייקנט אין גאָט — דאָס אַליין איז דאָך פּלא־פּלאים פאַר פרומע יידן.

דער דערציילער איז אַליין אויך געווען אַ גאַר סימפּאַטישער יונגערמאַן, מיט אַ שפּיציק בערדל, וואָס האָט באַזוימט זיין אָוואַלן פנים. ביים רעדן פלעגן זיינע שמאָלע נאָזלעכער זיך צעשפּרייטן און זיין טונקל בלאָנד טשופּרינע פלעגט נישט וועלן איינזיצן אונטער דעם קאַפּעלושל זיינעם. ר׳ רפאל האָט קוקנדיק אויף אים זיך דערמאָנט אין דער צייט, ווען דער צוקונפטיקער יידישער באָלשעוויסטישער יוסטיץ־קאָמיסאַר איז נאָך ווי אַ יונגערמאַנטשיק אָנהייב קריג אַראָפּ־געקומען מיט זיינע חברים קיין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק, ווי שליחים פון יע־קאָ־פּאָ. ער האָט אויך געהאַט דאַן אַזאַ טשופּרינע ווי דער יונגער־מאַנטשיק אין וואַגאָן. און ער פלעגט זיך אויך ראַנגלען מיט איר בעת

די זיצונגען, זי זאָל זיצן אויף אַן אָרט אונטער זיין קאַפּעלושל. זעט אויס אַז ס׳איז ביי זיי אַ מין משפחה־פּעלער...

ביים דערציילן פון זיין יחוסדיקן קרוב, האָט ער געהאַט פאַר זיך אַן אוידיטאָריע פון גוטע אויערן, וואָס האָבן זיך גאָר אויפמערקזאַם איינגעהערט אין זיין אופן פון דערציילן: די פּרטים וועגן די צוויי ברידער שטיינבערג, וועלכע דער פאָטער זייערער פלעגט רופן נישט ביי די רוסישע נאָר ביי זייערע יידישע נעמען: איטשע נחמן און אהרן. ווען זיי זענען ביידע געפאָרן אין היידעלבערגער אוניווערסיטעט שטודירן, האָט ער מיטגעשיקט מיט זיי אַ רבין, וואָס זאָל לערנען מיט זיי אויך דאָרטן אַ בלאַט גמרא, די תורה זאָל ביי זיי חלילה נישט ווערן פאַרגעסן...

אַ ייד פון לעבן קיעוו האָט ווידער דערציילט וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין זייער שטעטל בעת עס האָבן געווילדעוועט פּעטלורעס היידאַמאַקן מיט זייערע אַטאַמאַנען. ער האָט דערמאָנט דעם אַטאַמאַן פּאַלטאָראַק און זיינע שוידערלעכע דירעקטיוון צו די אַנדערע אַטאַמאַנען, צו שענדן, רויבן, אומברענגען די יידן פון דעם געגנט. זיי האָבן דורכגעפירט פּאָגראָמען אין זשיטאָמיר, פּראָסקוראָוו, טולטשין, וויניצע און נאָך אין אַנדערע שטעטלעך. דער בירגער־קריג צווישן די „ווייסע" און די „רויטע" האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אומבאַשרייבלעכע רציחות און שענדונגען...

דער יונגערמאַן האָט אָפּגעראַטעוועט פון פאַראומרייניקונג אַ ספר־תורה, וועלכע ער האָט זי מיט זיך איצט אין אַ שוואַרץ סאַמעט מענטעלע, אויסגעהאַפטן מיט גאָלדענע פעדעם. ביים רעדן האָט ער נישט איין מאָל זיך איינגעבראָכן... פאַרלוירן זיין יונגע פרוי מיט דער שוויגער, דערשאָכטן געוואָרן נאָכן פאַראומרייניקן זיי... דריי טעג האָבן די היידאַמאַקעס פּאָגראָמירט די יידישע הייזער. און ווען די יידן האָבן זיך געפּרוּווט אויסבאַהאַלטן אין די קעלערס, האָבן זיי פון דאָרט זיי אַרויסגענומען — וויניק זענען געבליבן לעבן.

די שוידערלעכע בילדער האָבן אַרויסגערופן נאַסע אויגן ביי די יידן און צו פאַרלייכטערן דעם שווערן געמיט האָט ר׳ רפאל פאַרצויגן אַ באַקאַנטן ניגון, וואָס איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורכן עולם אין וואַגאָן. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך גאָר שטאַרק צעפּייפט, אָנגעזאָגט, אַז ער דערנענטערט זיך צו אַ גרויסער וויכטיקער סטאַנציע און פאַרלאַנגזאַמט זיין געלויף אויף די רעלסן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן סילועטן פון אַ ווייטקייט נאָך, ביז מען האָט דערזען אויפשריפטן — אַז דער נאָמען פון דער סטאַנציע איז מינסק — די הויפּט־שטאָט פון ווייס־רוסלאַנד.

מיט אַ זיבן יאָר צוריק געווען אין דער שטאָט ביים לויפן פון מלחמה־פייער קיין רוסלאַנד. איצט שוין אויפן וועג צוריק צו דער

אַלטער הײם בײם נאַרעװ. װעט ער איצט נאָך טרעפֿן אין שטאָט די באַקאַנטע ייִדן פֿון 1915? װער װײסט װאָס די צײַט, אָט די שװערע יאָרן האָבן גורם געװען בעת אַזעלכע גרױסע געשעענישן?... װעמען װעט מען נאָך איצט זען אין דער אַמאָליקער שײנער ייִדישער שטאָט?

מינסק

לױט אַן אָפֿיציעלער אינפֿאָרמאַציע פֿון דער באַנסטאַנציע װעט דער צוג מיט די בעזשענצעס דאָ בלײבן שטײן מער װי עטלעכע טעג אײדער ער װעט אָפּפֿאָרן צו דער פּױלישער גרענעץ. װי אַ קאָנטראַסט צו 1915, איז נישט געקומען קײן שום פֿאַרשטײערשאַפֿט פֿון די מינסקער ייִדן אױפֿן װאָקזאַל. די באַדינגונגען זענען איצט שױן גאָר אַנדערע װי אין יענער צײַט בעת די בעזשענצעס זענען פֿון פּױלן געלאָפֿן קײן רוסלאַנד. איצט, בעת דער צוריקרײַזע האָט זיך דער רעזשים ראַדיקאַל געענדערט, און דאָס לאַנד הײסט שױן: ראַטן־פֿאַרבאַנד...

דאָס אַלץ האָט אָפּגעשפּיגלט זיך פֿאַר די צוריקפֿאָרנדיקע בעזשענצעס װעלכע גײען װידער זען די שטאָט מינסק, שױן אין 1922. קומענדיק פֿון צענטראַל־רוסלאַנד, װוּ ברױט איז געװען אַ לוקסוס, איז דאָס ערשטע װאָס האָט זיך געװאָרפֿן זײ אין די אױגן געװען דאָס װײַסע און געבײטלטע ברױט אין די פֿענצטערס פֿון בעקערײַען. פֿרײַ צו פֿאַרקױפֿן? — האָבן בעזשענצעס זיך שטאַרק געװוּנדערט. אין לעבעדיאַן האָט מען דאָך אַזעלכע ברױטן נישט געזען שױן יאָרן! זענען טאַקע די ייִדן גלײַך אַרײַן אין אײנער פֿון די קראָמען קױפֿן אַ לעבל ברױט. נישט װײַט דערזען אױך אַ רעסטאָראַן, מיט אַ מזוזה אױף דער טיר װאָס האָט שױן יאָרן נישט אָנגעזען קײן פֿאַרב...

עס האָט אױסגעזען װי אַ הײמישער ייִדישער רעסטאָראַן. בײַ אַ טישל זענען געזעסן עלטערע ייִדן. זײער הלבשה נישט קײן בעסערע װי בײַ די בעזשענצעס...

— פֿון װאַנען קומען אַהער ייִדן? — האָט אײנער פֿון זײ אַ פֿרעג געטאָן.

אױסגעזען האָט ער װי אַ טרעגער, ברײטפּלײציק, אײַנגעבױגן אַ ביסל. דער פּנים — טיף צעאַקערט, װען ער האָט געגעבן שלום־עליכם האָט דער האַנט־דרוק זײַנער געלאָזט זיך שטאַרק פֿילן אױף נאָך שפּעטער... מען האָט זיך פֿאַנאַנדערגערעדט, אָבער מיט אַן אינעװײניקסטן צענזאָר, װאָס װײניקער צו אַקצענטירן די שװערע לעבנס־באַדינגונגען. ר׳ רפֿאל האָט זיך אױסגעפֿרעגט װעגן אַ שיל צו

קענען דאַווענען מנחה־מעריב — מחמת די זון האָט זיך שוין געניידערט. די מינסקער האָבן אָנגעוויזן אויף אַ שילכל נישט ווייט פון דאַנען — געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער ווי אַ ביס געטאָן זיך אין צונג און שטיל געבליבן. אַוועק אין דעם שילכל דאַווענען, די בני־בית איבער־געלאָזט אין רעסטאָראַן, און נאָך מעריב דאָ צוריקקומען אויף וועטשערע.

אַן אַלטער שמש, וואָס האָט מער געפּאַנפּעט ווי גערעדט. אַ קורצזיכטיקער, געטראָגן האָט ער ברילן צוגעבונדן מיט אַ שטריקל ביי די אויערן, אין לינקן האָט אַ גלעזל געפעלט. דאָס שילכל איז געווען שטאַרק אָפּגעלאָזן. אַלטע יידן זענען געזעסן, שטיל צווישן זיך גערעדט, געקוקט מיט שטוינונג אויף די עטלעכע פרעמדע יידן וואָס זענען אַריין. ווידער די זעלבע שאלה: פון וואַנען? אַ געלער ייד, וואָס האָט גערעדט זייער גיך, ווי ער וואָלט זיך געיאָגט שוין אַוועקגיין, האָט געפרעגט אויב זיי ווילן דאַווענען מנחה און מעריב, קען מען זיך גלייך שטעלן דאַווענען, ווייל מיט זיי איז שוין דאָ אַ מנין.

אָפּגעדאַוונט, האָט ר׳ רפאל זיך נאָכגעפרעגט וועגן רבנים, שוחטים און פון אַנדערע כלי־קודש אין שטאָט. זיי האָבן דערציילט אַז די דריי רבנים אין שטאָט זענען געהאַט געבליבן אָן פּרנסה נאָך דער אָקטאָבער איבערקערעניש, ווען די יידישע קאָמוניסטן זענען געוואָרן בעלי־דעה־זאָגערס אין שטאָט. זיי טוען באַקעמפן די יידישע אמונה מיט מער אייפער ווי די גויאישע קאָמוניסטן. מען האָט אין מינסק נישט קאָנפיסקירט אַזוי פיל צערקוועס ווי להבדיל בתי־מדרשים, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קלובן.

די מינסקער יידן האָבן זיך איבערגעקוקט צי זיי רעדן שוין נישט צו פיל... דאָס איז קענטיק געווען אויף זייערע פאַרטראַכטע, אומעטיקע פּנימער. דערציילט האָבן זיי, אַז צוויי רבנים וואָס זענען געווען פון פּוילן, האָבן זיך שוין דאָרט צוריקגעקערט מיט עטלעכע חדשים צוריק. געבליבן אין שטאָט איז נאָר איין רב, שוין אַן עלטערער ייד. זיי האָבן אָנגערופן די גאַס, דאָס הויז וווּ ער וווינט. ר׳ רפאל האָט געוואָלט נאָך זיך אויספרעגן, אָבער זעענדיק אַז די יידן רעדן אומווילּיק, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז געזונטער וואָס ווייניקער צו פרעגן זיך. אָפּגעזעגנט מיט זיי און צוריקגעגאַנגען אין רעסטאָראַן. געטראָפן אינעווייניק שוין אַנדערע יידן, זיך אַ ביסל מיט זיי באַקענט און געהערט, אַז מאָרגן וועלן זיי מיט אַנדערע מינסקער יידן קומען צו דער באַן נעמען די בעזשענצעס אויף אַ שפּאַציר אין שטאָט, מען וועט זיך נענטער באַקענען און פאַרברענגען צוזאַמען.

באַלד אין פרימאָרגן זענען שוין מינסקער בעלי־בתים געווען אויפן וואָקזאַל און געשמועסט מיט די בעזשענצעס. זיי האָבן געבראַכט בראָנפן, פאַרבייסעכץ. מען האָט געמאַכט אַ „לחיים״, זיך דערוואָרעמט.

ביים פאַנאַדעררעדן זיך האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איינער פון אָט די מינסקער בעלי־בתים איז געהאַט געווען אַ דעלעגאַט צו דער גרויסער אסיפה אין מאָסקווע, אין 1916. ער האָט געקוקט אויף ר׳ רפאלן און דערקענט אים, מער פון זיין רעדן, ווי פון זיין איצטיקן פנים, מיט די איינגעפאַלענע באַקן, און טיף אַריינגעזעצטע אויגן. זיי האָבן נאָך אָבער אַלץ געהאַט דעם שמייכלדיקן אויסדרוק. אין דער באָרד — שטאַרקע גרוילעכע פאָסן — וואָס פאַר אַ פאַרענדערונג אין זיין אויסזען אין די עטלעכע יאָר!

דעם ייד וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע וואַרעמקייט צו ר׳ רפאלן, האָבן זיי גערופן ר׳ שמואל לאַנדוי. ווען עס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן ביים רעדן וועגן די ידישע קאָמוניסטן, האָט ער אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער... האָט ר׳ רפאל פאַרקערעוועט דעם שמועס אויף אַנדערע רעלסן. עס האָט זיך אָבער שוין נישט געקלעפּט דאָס רעדן.

— לאָמיר איצט שוין גיין אין שטאָט אַריין — האָט זיך לאַנדוי אָפּגערופן — מען וועט די בעזשענצעס פאַרבעטן אין אונדזערע שטיבער אויף מיטאָג, טאָקע אַ היימיש ידיש עסן.

נאָר עטלעכע פון בעזשענצעס פרויען האָבן געוואָלט מיטגיין מיט די יידן אין שטאָט אַריין. ביילטשע איז געבליבן מיט די יינגע קינדער. טוביהלע איז מיטגעגאַנגען מיטן טאַטן, זיך צוגעהערט וואָס מען רעדט כאָטש ער האָט נישט פאַרשטאַנען אַ סך זאַכן וואָס די יידן דערציילן אין אָפּגעהאַקטע ווערטער.

לעבן ר׳ רפאלן איז געגאַנגען לאַנדוי און שטיל אין אים עפּעס אַריינגערעדט, דאָס קינד וואָס גייט דאָ זאָל נישט דערהערן. זיך באַקלאָגט אויפן יונגן דור. די „יעווסעקן" רייסן אָפּ באַלעבאַטישע קינדער פון ידישקייט. ישיבה־בחורים זענען איבער נאַכט געוואָרן עוכרי־ישראל, ר״ל. און אַריינגעוואָרפן ביי דעם אַ פּסוק: „אין בית אשר אין שם מת...". אים האָט נאָך לעת־עתה דער אומגליק נישט געטראָפן, אָבער אויף ווי לאַנג? דער רבש״ע זאָל שומר ומציל זיין. עס ציטערט, זאָגט ער, אויף אים ממש די הויט, די קליפה זאָל זיך אויך נישט אַריינכאַפּן צו אים אין הויז...

מ׳איז צוגעקומען צו זיין הויז. ער האָט ר׳ רפאלן אַריינגעבעטן צו זיך. די אַנדערע מינסקער יידן זענען אַוועק ווייטער צו ווייזן די שטאָט די איבעריקע בעזשענצעס וואָס זענען מיט זיי געגאַנגען.

טוביהלע איז געווען פאַרוווּנדערט, ווען ער איז אַריין אינעווייניק. אויף אַ גלאַנציקער פּאָדלאָגע זענען געלעגן דיוואַנעס, וואָס ער זעט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. ס׳איז אויך געווען אַ פּאַרטעפּיאַן אין שטוב. דער טאַטע האָט אים קורץ געענטפערט ווי עס הייסט, און אים

אָנגעזאָגט ער זאָל דאָ נישט מאַטערן מיט זיין כסדרדיקן זיך אויספרעגן אויף זאַכן.

ר׳ רפאל האָט זיך אויך געחידושט, וואָס אַזאַ גבירישע גרויסע הויז איז נישט געוואָרן נאָך קאָנפיסקירט בעת אין וויטעבסק, און אפילו אין לעבעדיאַן, האָט מען שוין פון דער נייער מאַכט נישט געלאָזן די אַלטע בעלי־בתים וווינען אין אַזאַ רחבות. אָבער פרעגן האָט ער נישט געוואָלט, געטראַכט, אַז דער ייד וועט אפשר אַליין אים זאָגן וועגן דעם.

ר׳ שמואל לאַנדוי איז געווען אַ ליובאַוויטשער חסיד און זיינע קינדער דערצויגן אין דעם גייסט. ביים דערציילן האָט זיך אַרויסגע־וויזן אַז אין דער דירה וווינען איצט דריי משפחות, וואָס זענען צווישן זיך פאַרוואַנדטע. אין איין פאַמיליע איז דאָ אַ זון וואָס איז שוין אַ גרויסע „שישקע" ביי דער סאָוועטישער מאַכט. ר׳ רפאל האָט באַלד אַ טראַכט געטאָן אַז דאָס מוז מסתמא זיין די סיבה וואָס דאָס הויז איז נאָך נישט געוואָרן קאָנפיסקירט פאַר עפּעס אַ גאָר גרויסן קאָמיסאַר.

ס׳איז אין שטוב אַריין אַ טאָכטער פון ר׳ שמואלן, אַ שוואַרצ־חנוודיקע הויך מיידל, וואָס האָט נישט אויסגעזען עלטער ווי אַ יאָר צוואַנציק. אירע שוואַרצע אויגן האָבן נייגעריק געקוקט אויף דעם גאַסט אין שטוב, מיט וועמען זי האָט זיך באַגריסט, אָבער גערעדט האָט זי דער עיקר צום יינגל. צו ערשט אויף רוסיש, הערנדיק אַז ער קען אויך יידיש, איז זי איבערגעגאַנגען אויף „זשאַרגאָן" — אַזוי האָט זי געזאָגט. ביים רעדן, געשמייכלט צו אים, גלעטנדיק זיין קעפּל. ער האָט זיך זייער שטאַרק גערויטלט, געענטפערט אויף אירע פראַגן, אָבער נישט געקענט קוקן איר גלייך אין פנים. זי איז צוגעגאַנגען צום פאָרטעפּיאַן און אים צוגערופן, געפרעגט: — ווילסט איך זאָל פאַר דיר עפּעס שפּילן? זי האָט אָנגערופן אַ נאָמען. זי האָט געשפּילט עפּעס און די קלאַנגען זענען זיך צעגאַנגען איבערן רחבותדיקן צימער. אויפן טיש איז געלעגן אַ שיינער וויסער טישטעך, אַ קאַרעפקע מיט ווין און ליקער. גאָר נישט געגלויבט האָט זיך דעם יינגל, אַז ס׳איז אמתדיק דאָס אַלץ.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש עסן. אין מיטן עסן איז אַריינגע־קומען אַ בחור — זיך פאָרגעשטעלט אַלס שכן. אויסגעזען ווי אַ שגץ, בלאָנד, בלויע אויגן און גערעדט נאָר רוסיש. זיין נאָמען אָנגעגעבן: אַלעקסיי כאַימאָוויטש.

דער נאָמען האָט עדות געזאָגט אַז ער איז אַ ייד, כאָטש נישט לויטן אויסזען. הערנדיק אַז דער ייד (ר׳ רפאל) פאָרט צוריק קיין פוילן, האָט ער זיך צעהיצט, ווי אַזוי קען ער פאָרן אין אַ לאַנד ווו עס הערשן די פוילישע פאַנעס? מיט ברען גערעדט וועגן דער נייער אָרדענונג אין „אונדזער ראַטן־פאַרבאַנד", וואָס האָט באַפרייט אַלע

פעלקער וואָס וווינען דאָ אין לאַנד. אויך די יידן האָבן דערלעבט צו אַזאַ גליק.

ר׳ שמואל לאַנדוי האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופן, געלאָזט אים זיך היצן, און אוודאי האָט ר׳ רפאל מורא געהאַט עפּענען דאָס מויל. ער וואָרפט דאָך אים פאָר הלמאי ער פאָרט אַוועק — איז מעגלעך אים צו ענטפערן, אַז ער וויל וואָס שנעלער פון דער „נייער אָרדענונג״ זיין אויף דער אַנדערער זייט?

אויפן מויל — אַ שלעסל. געוואָרט, דער בחור זאָל זיך אָפּטראָגן. דער בחור האָט אָפּגעזאָגט מיטצוהאַלטן מיט זיי מיטאָג און נאָכן אָפּרעדן זיינס, זעענדיק איין אַז אַלע שוויגן — זיך אַנטשולדיקט און אַוועק.

מיט אומגעדולד האָבן די בעזשענצעס געוואַרט דער צוג זייערער זאָל זיך רירן שוין פון אָרט. ענדלעך איז עס געשען. מען פאָרט צו דער פּוילישער גרענעץ. קיינער פון די מינסקער יידן איז נישט געקו־מען ביים אָפּפאָרן. אויך נישט לאַנדוי. ער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז פאָר אים גלייכער נישט צו זיין דערביי. עס איז נישט געזונט...

טוביהלע האָט עס דערהערט און געמאַטערט דעם טאַטן, ווי אַזוי קען דער ייד זאָגן אַז אויפן וואָקזאַל קומען איז נישט געזונט?

דער טאַטע האָט אים אָפּגעפּטרט, ער וועט אים שוין שפּעטער זאָגן. ווען זיי וועלן שוין זיין אויף דער פּוילישער זייט וועט ער האָבן מער צייט צו ענטפערן אים אויף אַלע זיינע קשיות און ער זאָל איצט מער נישט מאַטערן!

אַנטשוויגן געוואָרן אַן אומצופרידענער. ס׳איז צייט געווען אַריינ־צוגיין אין די וואַגאָנעס און דאָס יינגל האָט ווידער אַרויסגעקוקט דורך אַ ווינקל פון פענצטער, געקוקט אין דער נאַכט אַריין און עס האָט זיך אים גאָר נישט געוואָלט שלאָפן. דאָס וואָרט „גרענעץ״ האָט אים נישט געלאָזט גיין זיך לייגן, כאָטש ער האָט געהערט אַז פון מינסק ביז צום גרענעץ איז נאָך אַ מהלך רב.

ער האָט נישט אויפגעהערט טראַכטן פון דער גרענעץ. זיך פאָר־געשטעלט אַז דאָס מוז זיין אַ גרויסער פּלויט אויף הונדערטער וויאָרסטן און דער פאַרקאַן טיילט אָפּ איין לאַנד פון אַ צווייטן.

גרויס איז דעריבער געווען זיין אַנטוישונג, ווען דער צוג איז ענדלעך געבליבן שטיין אויף אַ ליידיקן פעלד, און דאָס איז די גרענעץ צווישן פּוילן און רוסלאַנד. צווישן די בידע, האָט ער געהערט, איז דאָ אַ ליידיק שטיקל פעלד, וואָס מען רופט „קיינעמס לאַנד״. אָבער ער האָט דאָך נישט געזען קיין שום פאַרקאַן, נאָר עפּעס אַ בודע ביי וועלכער עס זענען געשטאַנען מענטשן מיט ביקסן. אין דער טונקלקייט האָט ער נישט געקענט גוט זען זייערע פּנימער.

די בעזשענצעס האָבן געשלעפּט זייערע פּעק פון די וואַגאָנעס

און געגאַנגען ווייטער אין דער טונקלקייט, ווו זיי האָבן שוין געדאַרפט וואַרטן אויף אַן אַנדער באַן, אַ פּוילישע, וואָס זאָל זיי אַוועקפירן צו דער ערשטער פּוילישער שטאָט, באַראַנאָוויטש. אויף דער רוסישער זייט רופט מען דעם גרענעץ־פּונקט: ניעגאָרעלאָיע. דאָס האָט ער אויפגעכאַפּט בעת ער איז געגאַנגען מיט אַלע צו דער פּוילישער זייט, אויך געטראָגן צוזאַמען מיט די עלטערע אַ פּעקל.

עס איז געווען פאַר אַלע בעזשענצעס אַ שלאָפלאָזע נאַכט, און פאַר זייערע קינדער איז די נאַכט געווען די גרויסע געשעעניש פון זייער לעבן. זיי האָבן נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל דאָס וואָרט גרענעץ, כאָטש זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט עפּעס גאָר אַנדערש ווי דאָס וואָס זיי האָבן געזען. דאָס וואָרט אַליין האָט געהאַט אין זיך אַ מין כישוף־כוח.

רעדנדיק אַזוי צווישן זיך האָבן די קינדער געזען ווי די עלטערע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אָרט ווו עס האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן שיינעס, ווו באַנען קענען פאָרן. דאָ האָט מען געדאַרפט וואַרטן ביז עס וועט קומען אַ באַן זיי אויפנעמען. דאָס וועט אָבער נעמען לאַנגע שעהן. די מאַמעס האָבן דערווייל אויפגעפּאַקט עסן פאַר די קינדער. עס איז געוואָרן ליכטיק, אָבער נאָך אַלץ פאַרטאָג. די טאַטעס האָבן געזאָגט אַז זיי וועלן ערשט עסן אין וואַגאָן, אָנגעהויבן דערווייל זאָגן — „קטורת״.

באַראַנאָוויטש

אָנגעקומען קיין באַראַנאָוויטש נאָכן שלעפּן זיך מיט דעם פּוילישן פּראָכט־צוג. די פּוילישע גרענעץ־וואַך האָט זיך צו די בעזשענצעס נישט באַצויגן פריינדלעך. טוביהלע האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי רעדן, געטראַכט, אַז דאָס זענען שוין די פּוילישע פּאַנעס וואָס ער האָט געהערט זאָגן דעם בחור אין מינסק. געקוקט אויף זייערע אוניפאָרמען פון דער נאָענט. די מאַמע האָט אים צוריק געריפן, געוואָרנט, זיי וועלן בייז ווערן אויף אים. זי האָט אָראָפּגעשלונגען, ווען דאָס יינגל האָט איר דערציילט, אַז זיי האָבן אים גערופן קליינער באָלשעוויק, קאָמוניסט. ער האָט געקענט די ווערטער. אָבער פאַר וואָס זאָגן עס אים די פּוילישע פּאַנעס? ער פאַרשטייט נישט אַזוי פיל זאַכן! און די גרויסע שרייען נאָך אָן אויף אים, ווען ער פרעגט — טאָר מען שוין נישט פרעגן?

שוין געווען אַ שטיק אין טאָג ווען די באַן איז אָנגעקומען קיין באַראַנאָוויטש. די בעזשענצעס זענען גלייך אַריינגענומען געוואָרן אין אַ קאַראַנטין צו דיזענפעקצירן זייערע בעבעכעס און אויך אַלץ וואָס זיי טראָגן אויף זיך, בכדי נישט אַריינצוברענגען פון די באָלשעוויקעס

טיפוס אין פוילן. בעת דעם באַראַנאָוויטשער קאַראַנטין איז געווען עסן איבערגענוג. נאַטירלעך האָבן פרומע ידדן געזאָרגט עס זאָל זיין פאַר זיי כשר עסן. די אָרטיקע ידדן האָבן געבראַכט מכל טוב יעדן טאָג, בפרט שבת. זיי האָבן אויך באַזאָרגט די בעזשענצעס די ערב־שבתדיקע ידישע צייטונגען, „היינט" און „מאָמענט" פון וואַרשע, וואָס האָבן אַנטפּלעקט פאַר די בעזשענצעס גאַר אַן אַנדער ידישע וועלט אין פוילן.

אין רוסלאַנד האָבן ידדן, קעגנער פון נייעם רעזשים, נישט געוואָלט לייענען די יעווסעקישע ידישע בלעטער. זייער נייער אויסלייג פון העברעאיזמען („עמעס"), האָט דאָך אויך אָפּגעשטויסן צו נעמען די צייטונג אין האַנט אַריין, פאַר ידישע לייענערס ביי וועלכע דער טראַדיציאָנעלער העברעישער אויסלייג איז געווען אייגן און נאַטירלעך.

ווען זיי האָבן אין באַראַנאָוויטש דערזען די ידישע צייטונגען פון וואַרשע, האָבן זיי זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון זיי. מען האָט זיך געקוויקט מיט די הומאָריסטישע ביילאַגעס און זיך פאַרטיפט אין די ערנסטע אַרטיקלען, וואָס זענען אין אינהאַלט און פאָרם געווען לגמרי ניי. און טאָקע באַלערנדיק וועגן נאָכמלחמהדיקן ידישן לעבן אין פוילן, און אויך פון דער ידישער וועלט, פון וועלכער זיי אין רוסלאַנד זענען געוואָרן אָפּגעריסן זינט דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש. עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיי גאַר אַן אַנדערע פּאָליטישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּאַנאָראַמע, ווי די וואָס איז געווען זיי אַזוי גוט באַקאַנט ביז דעם אויסברוך פון וועלט־קריג (1914).

און די ענדערונגען זענען דאָך פאָרגעקומען אויף אַלע געביטן פון לעבן. די באַראַנאָוויטשער האָבן דערציילט פון אַמאָליקע ידישע גבירים, וואָס זענען אַראָפּ און פון נייע אויפגעקומענע, וואָס זענען רייך געוואָרן פון שמוגל בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין פוילן. דערציילט פון ידישע פּאָליציאַנטן בעת דער אָקופּאַציע, וואָס האָבן זיך באַצויגן אכזריותדיק. מיט די ברוטאַלסטע מיטלען זיך איזדיעקע־וועט לגבי די שווער־געפרווטע אָרעמאַנסקע ידדן, וועלכע האָבן דורך אומוועגן געפּרווט לינדערן דעם הונגער און נויט זייערן.

פון דעם אַלעם וואָס זיי האָבן זיך אָנגעהערט בעת דער קאַראַנ־טין־צייט אין באַראַנאָוויטש, האָט אין דער פריד אַריינגעגעבן אויך אַ שאָטן פון אומעט אינעם געמיט פון גרויסער דערוואַרטונג...

בעת מען איז צוריקגעפאָרן פון רוסלאַנד אין די שמוציקע וואַגאָ־נעס, און אין די אויערן האָט כסדר אָפּגעהילכט דאָס נודנע איינטאָניקע קלאַפּן פון די רעדער, האָט מען זיך געפּרווט פאַרגעסן אין די טאָג־טרוימען פון אַן אידילישער, איינגעפונדעוועטער, שטיגערישער גע־מיטלעכקייט, וואָס האָט געלעבט אין זייער דמיון בעת די שווערע צייטן פון דער נייערווירקלעכקייט אין רוסלאַנד.

איצט, זייענדיק שוין צוריק אין פוילן — ווי וועט זיך איינשטעלן ביי זיי דאָס נייע לעבן? הערן זיי דאָך עפּעס גאָר נישט קיין גוטע סימנים פון די נייע הערשער אין פוילן, פון „האַלערטשיקעס״ וואָס האָבן פון ייִדן געריסן בערד, און מיטגעריסן אַ שטיק באַק; אויך וועגן זייער אַרויסוואַרפן ייִדן פון די וואַגאָנעס בעת דער צוג איז געפאָרן, און וועגן אַן אינטערנירונגס־לאַגער פאַר ייִדישע אָפיצירן און פון נאָך פיל אַנדערע „בלימעלעך״ שוין אין דער פוילישער אומאָפּהענגיקייט.

צו פאַרטרייבן פון זיך די זלידנע מחשבות, האָט ר. רפאל מיט אויפמערקזאַמקייט געלייענט וועגן די וואַלן צום פוילישן פּאַרלאַמענט („סיים״), וואָס האָבן געדאַרפט פאָרקומען דעם יאָר, און די פרעסע איז פול געווען מיט דעם. אַ נייעס זענען פאַר אים געווען די ייִדישע פּאַרטייען, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין פוילן. די „אגודה״־פּאַרטיי וואָס רעדט אין נאָמען פון די אָרטאָדאָקסישע ייִדן. געטראָפן אין די צייטונגען עפּעס שפּאָגל נייע ווערטער, וואָס ער האָט נישט געקענט נאָך צעקייען, נישט געקענט באַנעמען זייער טייטש און זין.

זייענדיק אַן אַלעקסאַנדער חסיד האָט ער אויך געוואָלט וויסן וועגן מצב און די פאַרהעלטענישן צווישן די צוויי גרעסטע חסידישע דינאַסטיעס אין פוילן, גער און אַלעקסאַנדער.

דער עיקר אָבער, ווי זעט עס איצט אויס אין זיין היימשטעטל ביים נאַרעוו? דאָס ערשטע וואָס ער וועט טאָן, ווי נאָר ער וועט אַהין אָנקומען, איז דאָך צו זען וועגן מעטריקעס פאַר די קינדער אין רוס־לאַנד, וואָס גיכער צו באַזאָרגן זיי! אויך טאַקע שוין האָבן צוגעגרייט אַ שטוב, אַ היים, זיי זאָלן האָבן וווּ אַריינצוקומען. ער הערט אַז מיט דירות איז זייער שווער אין די שטעט און שטעטלעך וואָס זענען פאַר־ברענט געוואָרן בעתן קריג. וועט ער האָבן וווּ צו וווינען? און ווי אַזוי וועט אים קהל אויפנעמען?

נישט געהאַט קיינע ידיעות פון דאָרטן, נישט געטראָפן קיין בן־עיר, און די באַראַנאָוויטשער האָבן אים גאָר נישט געקענט זאָגן. די גרויסע פרייד וואָס ער האָט געהאַט ביים פאַרלאָזן רוסלאַנד האָט זיך פאַרשטאַנט ביי דעם ערשטן אָפּשטעל אויף דער פוילישער זייט. צו דעם אַלעמען שטאַרק געבענקט נאָך די קינדער געלאָזן אין רוסלאַנד, און זיך נישט געקענט צוקוקן צו דעם נאַגנדיקן צער ביי דער מאַמען, הגם ביילטשע האָט עס געדריקט אין זיך נישט וועלנדיק באַווירקן אים מיט איר געמיט צושטאַנד...

ביי דעם אַלעם זענען דאָך די פאָר וואָכן אין באַראַנאָוויטש דורכגעגאַנגען גאַנץ טומלדיק. די שטאָטישע האָבן געהאַלטן אין איין אויספרעגן זיך וועגן דאָרטן. און די בעזשענצעס, נייגעריקע וועגן נייעם פוילן.

— סוף פון ערשטן טייל —

בײַ די וואָרצלען און שטאַמבײמער פון דער גרויסער רוסישער פּראָזע־קונסט אין 19טן יאָרהונדערט

ניקאָליי גאָגאָל — אַ געניאַלער שרײַבער מיט אַ צעשפּאָלטענער נשמה

דער באַוווּסטער ביאָגראַף הענרי טראָיאַט האָט אָנגעשריבן אַ גרויס בוך* — אין כמות און איכות — וועגן דעם באַרימטן רוסישן שרײַבער ניקאָליי גאָגאָל. אין דעם ביאָגראַפישן ווערק זענען פֿאַראַן אַ סך ביז איצט אומבאַקאַנטע מאַטעריאַלן פון גאָגאָלס אַנטדעקטע, נישט פֿאַרעפנטלעכטע בריוו פון זײַן פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע איז צוזאַמען מיט גאָגאָלס טאָגביכער אַ גאָלדגרוב פֿאַר אַ ביאָגראַף.

אײדער מיר טרעטן צו באַהאַנדלען דעם ביאָגראַפישן מאַטעריאַל, עטלעכע ווערטער וועגן דעם ביאָגראַף, וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט זײַנע אַנדערע ביאָגראַפישע ביכער וועגן די גרויסע רוסישע שרײַבערס: פּושקין, לערמאָנטאָוו, טאָלסטאָי — ווערק וואָס ווערן באַטראַכט ווי יסודותדיקע, דורכדרינגלעכע שאַפונגען.

* גאָגאָל — אַ ביאָגראַפיע פון אַ צעטײלטער נשמה / הענרי טראָיאַט, פֿאַרלאַג דזשאָרדזש עלען און אַנווין, לאָנדאָן.

דער מחבר, העברי טראַיאַט, געבוירן אין מאָסקווע (1911) איז מיט זיין פאַמיליע אַוועק פון רוסלאַנד נאָך דעם בירגערקריג.

ער האָט שטודירט יורי אין פאַריז אָבער גראַוויטירט צו ליטע־ראַטור און במשך פון אַ צענדליק יאָר אָנגעשריבן אַ דרייבענדיק ווערק וועגן דער געשיכטע פון אַ רוסישער פאַמיליע אין דער עפּאָכע — די גרויסע האַפענונגען און ביטערע אַנטוישונגען, וואָס באַגלייטן אונדזער יאָרהונדערט.

טראַיאַט האָט געשריבן ביכער אויך וועגן פראַנצויזישן לעבן, אָבער באַרימט איז ער געוואָרן דורך זיינע ביאָגראַפישע ווערק וועגן די גרויסע רוסישע קינסטלער, וואָס ווערן באַצייכנט פון דער קריטיק אַלס מאָנומענטאַלע. דאָס זעט זיך בולטער אין זיין אַלזייטיק פאַרטיפטן בוך וועגן טאָלסטאָין און גאָגאָלן.

ביים לייענען וועגן גאָגאָלס קינדהייט האָב איך געזען ווי גע־וויסע שילדערונגען רופן זיך דורך מיט די וואָס באַשעוויס דער־ציילט פון זיינע קינדער־יאָרן („אין מיין טאַטנס בית־דין־שטוב״).

גאָגאָלס מאַמע האָט אויך בעת זיין פריסטער קינדהייט געמאָלן פאַר אים מיט די שוואַרצסטע פאַרבן דעם גיהנום־פייער, ווי עס האָט געטאָן באַשעוויסעס טאַטע. די גיהנום־בילדער זענען צו גאָגאָלן צוריק געקומען אין חלומות און האַלוצינאַציעס פון די דעמאָנען, וואָס רע־כענען זיך אָפּ מיט די זינדיקע. די טראַגיש־צעשפּאָלטענע נשמה פון גאָגאָלן האָט וואַרצלען מסתמא אין די קאָשמאַר־חלומות פון זיין קינד־הייט, וואָס האָבן צעטרייסלט זיין פּסיכיק.

ניקאָליי וואַסיליעוויטש גאָגאָל איז געבוירן געוואָרן אינעם דערפל וואַסיליעווקע, פּאָלטאַווער גובערניע (1809). זיין טאַטע וואַסילי אַפאַ־נאַסיעוויטש, אַ מינאָרער לאַנד־באַזיצער און אַן אַמאַטאָר־דראַמאַטורג, איז תמיד געווען אין חובות. די אשת חיל איז געווען זיין מאַמע, מאַריאַ איוואַנאָוונאַ — די אַקטיווסטע און די לעבעדיקסטע, אָבער אויך אַ טיף־באַזאָרגטע, וואָס האָט עטלעכע מאָל געמפּלט ביז זי האָט אים געבוירן. ער איז געווען אַ שוואַך קינד, מיט מיחושן, געליטן שטאַרק אויף אַסטמע און אָפּט אין אַ חלשות צושטאַנד. די גאָטפאַרכטיקע מאַמע זיינע האָט אויף איר חשבון אויסגעבויט אַ צערקווע אינעם דערפל, אַ סגולה פאַרן ייִנגעלעס געזונט. און אַ חוץ אים איז שוין געהאַט צו געקומען אַ שוועסטערל און אַ ברודערל, אָבער ער איז געווען דער ליבלינג פון דער פאַמיליע און אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום אים...

זייענדיק נאָך אַ ברעקל, פלעגט אים די מאַמע מיטנעמען אין צערקווע, אָבער דער ווייַרוך האָט דעם קינד נישט געשמעקט און ער פלעגט זיך פילן צופרידענער ווען דער טאַטע פלעגט אים מיט־נעמען אויף די פעלדער, ווו ער פלעגט אַנטציקט ווערן פון גאָלדענעם

ווייך. די אָפּגעבברענטע פּנימער פון די מוזשיקעס, די גערזאַנגען פון די מיידלעך ביים בינדן די סנאָפּעס און די מיריאַדן אינזעקטן, האָבן אָנגעפילט זיין האַרץ מיט פרייד און זונשיין. ווען ער פלעגט אין שטוב, ביים אומקערן זיך דערציילן וואָס ער האָט אַלץ געזען און געהערט, זענען די בני בית געווען שטאַרק איבערראַשט פון דער שאַרפקייט פון זיין אָבסערווירן און פון זיין שוין רייכער וואָקאַבלורע זייענדיק אַזוי יונג נאָך.

אין שטוב איז תמיד געווען לעבעדיק. די מאַמע האָט געקי־ניגט איבער די באַדינער. ביים גיין פלעגט פּאַרקלינגען דער בינטל שליסלען אין איר קעשענע. מיטן פאַלוואַרק האָט זיך פאַרנומען דער מאַן, אָבער אין שטוב איז געווען איר קעניגרייך. אין קיך האָט מען כסדר געבאַקן, געקאָכט און געפּרעגלט, און געסט האָבן קיין מאָל נישט געפעלט, און אַז פלעגט ווערן שטילער אין הויז פלעגן זיי אוועקפאָרן צו נאָענטע פריינד. קליינע לאַנד־באַזיצערס, וואָס האָבן פונקט ווי זיי נישט געהאַט קיין גרויסע צאָלן מוזשיקעס, לייב־איי־גענע צו באַאַרבעטן די פעלדער און באַדינען די שטוב פון באַלעבאָס. עס פלעגן פון צייט צו צייט ביי זיי איינגעאָרדנט ווערן דאַרפישע פאַר־ווײלונגען מיט מאַסקאַראַדן און שפּילערייען, וואָס האָבן פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן.

ווען ניקאָליי גאָגאָל האָבן אָנגעהויבן גיין אין שול (אין פאָל־טאַווע) האָט ער שטאַרק געליטן פון די שולקינדער וואָס פלעגן זיך איבער אים איזדיעקעווען. ער פלעגט אויסקוקן מיזערנע ביז די שולפעריען, ווען ער פלעגט מיט פרייד צוריקפאָרן אַהיים. נישט בע־סער איז אים אויך געווען שפּעטער אין מיטלשול (אין ניעזשין). ער האָט אָבער געגלויבט, אַז זיי דערפילן גאָטס ווילן ביים פּיי־ניקן אים.

גאָר יונג אַרויסגעוויזן ליטעראַרישע נייגונגען און אָנגעשריבן צוויי פּאָעמעס וועלכע ער האָט מיטגענומען קיין סט. פּעטערסבורג, ווו ער איז געפאָרן גלייך נאָכן גראַדואירן פון דער מיטלשול. פושקין איז שוין דעמאָלט געווען שטאַרק באַליבט ביים יונגן דור און גאָגאָל האָט אין דער הויפּטשטאָט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט דעם באַליבטן פּאָעט, צו באַקענען אים פערזענלעך. ער האָט אָבער אים נישט געקענט זען, מחמת דער פּאָעט איז נאָך געלעגן אין בעט. פרעגט ער פושקינס באַדינער: — ער האָט אַוודאי געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט?

— יאָ, ריכטיק, ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געשפּילט אין קאָרטן. האָט געענטפערט דער באַדינער... גאָגאָל האָט באַשלאָסן אָפּצודרוקן זיין פּאָעמע („האַנס"). ווען ס'איז דערשינען האָט די קריטיק בכלל עס פאַרשוויגן. נאָך דעם האָט זיך יאָ באַוויזן אַ קורצע נאָטיץ אין „מאָסקווער טעלעגראַף" און עס לגמרי אַראָפּגעריסן. אַ פאַרצווייפל־

טער האָט גאָגאָל מיט זיין באַדינער צוריקגענומען פון די בוך־גע־שעפטן אַלע געדרוקטע עקזעמפּלאַרן און זיי פאַרברענט. מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט ער ווידער געמאַכט אַן אויטאָ־דאַ־פע איבער זיין ליטעראַרישער לעצטער שאַפונג. אַזוי אַרום האָט זיך זיין ליטעראַרישער סוף צונויפגעטראָפן מיטן אָנהייב.

זיין קנעכט־באַדינער האָט מיט שטוינונג און שרעק אים צוגע־האָלפן אין בײדע פאַלן, זייענדיק געהאָרכזאַם זיין באַלעבאָס, וואָס איז געווען פּאַטאָלאָגיש היפּערסענסיטיוו שוין זיין גאַנץ לעבן. אײ־בעריק צו זאָגן, אַז עס האָט זיך אָפּגערופן אויף זיין געזונט־צושטאַנד און אויף זיינע באַציונגען מיט פריינד און באַקאַנטע.

אַ חוץ די ערשטע אומגעלונגענע ליטעראַרישע פּאָעמעס, האָט גאָגאָל אויך מיטגענומען אין זיין זכרון און געמיט דאָס לעבן פון זיין וואַסילעווקע, די „פּיקניקס״, די יאַרידן אין די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך. אויך זיין באַבעס דערציילן פון קאָזאַקישן לעבן אין אוקראַינע, די „ברודערשאַפט״ פון די זאַפּאַראָזשער קאָזאַקן, איי־דער זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן צו רוסלאַנד. אין די אויערן האָבן אים אָפּגעקלונגען די אוקראַינישע לידער, וועלכע ער פלעגט הערן אין דער היים. די רעגיאָנעלע אוקראַינישע ליטעראַטור איז גראָד געווען דעמאָלט אין דער מאָדע און גאָגאָל האָט באַשלאָסן צו שרייבן דערציילונגען אויף דער טעמאַטיק.

אײדער ער האָט זיך געזעצט שרייבן, האָט ער דורכגעלייענט אַלע ווערק וועגן אוקראַינע, געפאָרשט די לינגוויסטיק און עטנאָגראַפיע פון די דרומדיקע פּראָווינצן און אַפילו אָפּגעגראָבן פון זכרון דעם טאַטנס דילעטאַנטישע קאָמעדיעס פון אוקראַינישן לעבן. זיין מאַמע און די שוועסטערס האָבן אויף זיין בקשה צוגעשיקט אַלטע אוקראַי־נישע קליידער און באַפּוצונגען; ערשט דאַן האָט ער אָנגעהויבן שרייבן זיינע אוקראַינישע דערציילונגען.

„אָוונטן אויף אַ פאַרם״ איז דער טיטל פון זיינע אוקראַינישע דערציילונגען, צווישן וועלכע עס טיילט זיך אויס זיין באַוווּסטע דער־ציילונג „טאַראַס בולבאַ״. ער האָט דאָרט אויך אַ קאַפּיטל פון אַ היס־טאָרישן ראָמאַן (וואָס איז פאַרבליבן, אגב, נישט פאַרענדיקט). אַנ־שטאָט זיין נאָמען האָט ער דאָס קאַפּיטל געחתמעט מיט 4 נולן, באַזירט אויפן פאַקט וואָס אין זיינע נעמען זענען פאַראַן פיר זעראָס. (ניקאָליי גאָגאָל־יאַנאָווסקי). דאָס אויסבאַהאַלטן זיין אידענטישקייט איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. ער האָט זיך געפילט פרעמד אין סט. פעטערסבורג, אומצופרידן מיט זיך, פאַרגלייכנדיק די שטאָט מיט די אוקראַינישע שטעטלעך, פול מיט פרוכטן־סעדער, וואָס האָבן זומער־לעב געפלאַצט פון שפּעדיקייט.

נאָכן אָפּדרוקן זיינע אוקראַינישע דערציילונגען, האָט דער רע־

דאָקטאָר דעלוויג פון דער פּעריאָדישער אויסגאַבע „צפונדיקע בלו־מען" און אַ נאָענטער פריינד פון פּושקינען, רעקאָמענדירט דעם יונגן גאָגאָל צום פּאָעט זשוקאָווסקי, וואָס האָט אים רעקאָמענדירט צום לי־טעראַטור־פּראָפעסאָר און קריטיקער פּלעטניעוו (1792—1865). ביידע זענען פאַרבליבן גאָגאָלס נאָענטע פריינד.

עס האָט דאַן אויסגעבראָכן אין סט. פּעטערסבורג אַן עפּידעמיע פון כאָלערע און גאָגאָל האָט געוואָלט אַוועק פון דער שטאָט. ער האָט באַקומען, לויט רעקאָמענדאַציעס פון זיינע פריינד, אַ לערעריי־אַרבעט ביי דער פאַמיליע פון אַ פּרינצעסין אין פּאַוולאָווסק, אַ צוויי וויאָרסט פון „צאַרסקע סעלאָ".

אין דעם הויז איז תמיד געווען פול מיט באַדינערשאַפט, געסט און סתם אַלטע פרויען וואָס האָבן דאָרט געלעבט אין שאָטן פון די באַלעבאַטים, גרויסע מכניס־אורחים לאַנגע יאָרן. די גרויס פון דער פאַמיליע איז געמאָסטן געוואָרן מיט דער צאָל פּאַראַזיטן וואָס האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן מיט קעסט און וווינונג.

גאָגאָל האָט דאָרט געלערנט דעם זון פון דער פּרינצעסין — אַ גייסטיק אָפּגעשטאַנען ייִנגל — לייענען און שרייבן. ער פלעגט צווישן די לעקציעס פאַרלייענען פאַר די ווייבער, זיינע אוקראַינישע דערציילונגען און די אַלטיטשקע ווייבער פלעגן ביים שטריקן זיך צוהערן צו אים.

ער פלעגט אויך פאַרלייענען אין הויז פון אַלעקסאַנדראַ ראָסעט (1809—1882) וואָס האָט באַצויבערט מיט איר שיינקייט, אינטעליגענץ און שאַרפזין פּושקינען און לערמאָנטאָוון. זיי האָבן איר געווידמעט פּאָעמעס. צוליב באַקוועמלעכקייט האָט זי געהייראָט דעם יונגן דיפּלאָמאַט מ. מ. סמירנאָוו. זי האָט שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָל ביים פאַרעפנטלעכן גאָגאָלס „רעוויזאָר", עס זאָל דורכגיין דער צענזור (וועגן דעם שפּעטער).

גאָגאָל האָט דורך די רעקאָמענדאַציעס באַקומען אַ צוטריט צו דער א"ג הויכער געזעלשאַפט אין סט. פּעטערסבורג. ער פלעגט אין די פאַרנאַכטן אָפט שפּאַצירן אַרום די געסלעך פון פּאַוולאָווסק, צוקו־מען צום פּאַלאַץ פון אימפּעראַטאָר, ווו דער גראָז איז געווען סאַמעט־גרין. מירמלשטיין סטאַטועס, אַזערעס מיט שוואַנען, בריקן, און קינסטלעך־קאָנסטרואירטע חורבות. אַלץ צוזאַמען, מיט דעם פּראַכט־פולן פּאַרק וואָס האָט דעם פּאַלאַץ אַרומגערינגלט, האָט נאַטירלעך געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק אויף דעם כאָכאָל (גאָגאָל).

ער פלעגט אָפּוואַרטן צו טרעפן איינעם אַ נידעריקן מאַן, מיט אַ שטעקן, אַ הויכן הוט, און שנעלע טריט — פּושקין. אויב ער האָט אים געטראָפן האָט ער געוווסט אַז ער האָט דעם טאָג נישט סתם

געפּטרט. צווישן די בײדע האָט זיך געשאַפן און אַנטוויקלט אַן אָפענע פרײַנדשאַפט, געשמועסט וועגן זײערע פּלענער, אַרבעטן.

שפּעטער האָט גאָגאָל געשריבן, אַז פּושקין איז גאָר אַנגע־שטאַנען אויף אים ער זאָל זיך אונטערנעמען עפּעס גרעסערס ווי דערציילונגען. „אויב דו האָסט טאַלאַנט צו זען דעם אינעווייניק און קענען באַוויזן צו צייכנען זיין פּאָרטרעט אין עטלעכע שטריכן, מאַכסטו אים אַ לעבעדיקן". אָפט געפרעגט אים: — פאַר וואָס ער הייבט נישט אָן אַרבעטן אויף אַ גרעסער ווערק? געבראַכט אַ בײשפּיל פון „דאָן קיכאָט" און סערוואַנטעסן. ער האָט אויך געשריבן פריער נאָר קורצע דערציילונגען, ווען ער וואָלט זיך נישט פּאַרמאָסטן צו שאַפן זיין גרויס ווערק וואָלט ער נישט געהאַט די ראַנגע וואָס ער האָט איצט.

די מעשה איז נאָר, וואָס ביי גאָגאָלן האָט מען דאָך קיין מאָל נישט געקאָנט וויסן ווו ס'איז ביי אים וואָר און ווו פאַנטאַזיע? עס איז אויך באַקאַנט, אַז גאָגאָל איז דאָן געווען זײער שעמעוודיק און זשוקאָווסקי (1783—1852) פלעגט דעריבער אָפט צוקומען צו זיי בכדי אונטערצוהאַלטן אַ שמועס.

טשעקאָווע איז וואָס עס דערציילט דער ביאָגראַף טראָיאַט: גאָגאָל האָט געבעטן פּושקינען, אַז ער וואָלט געוואָלט אויף זיין אַדרעס באַקומען די קאָרעספּאָנדענץ, מחמת ער האָט נישט קיין באַשטימטן אַדרעס אין סט. פּעטערסבורג, און פּושקין איז מסכים געווען. דער אמת איז, ער האָט זיך געוואָלט סטאַוויען! זיינע פריינד אין וואַסילעווקע און סט. פּעטערסבורג זאָלן וויסן אַז ער איז פאַר־בראַט מיט פּושקינען. ער האָט טאַקע תיכף מודיע געווען דער מאַמען זי זאָל צו אים שרייבן אויפן אַדרעס פון „צאַרסקאָיע סעלאָ" (ווו פּושקין האָט געוווינט) און נישט פאַרגעסן אויפן קאָנווערט אָנ־צושרייבן: „צו זיין הויכער אידלקייט, אַלעקסאַנדער סערגעעוויטש פּושקין — פאַר נ. וו. גאָגאָל". עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער ווידער געגעבן די זעלבע אינסטרוקציע.

נאָך דער מגיפה איז ער צוריקגעקומען אין דער מעטראָפּאָליע און דורך הויכע רעקאָמענדאַציעס באַקומען דעם הויכן פּאָסטן, ווי פּראָפעסאָר פון געשיכטע אין „פּעטערסבורגער פּאַטריאָטישן אינ־סטיטוט". די ערשטע לעקציע האָט ער זייער גוט צוגעגרייט און פאַר־געבראַכט עס פּאָעטיש — האָט זי שטאַרק אויסגענומען. אָבער ביי די שפּעטערדיקע האָט ער שוין געשטאַמלט און אַרומגעבונדן זיך די באַקן מיט אַ טיכל, אַז ער ליידט אויפן האַלדז און אָפּגעפּטרט די סטודענטן מיט שטאַמלעריי. פאַרשטענדלעך אַז זיי האָבן אויפגע־הערט באַזוכן זיינע לעקציעס. אַנטווישט צוליב זיין דורכפאַל אַלס פּראָפעסאָר; אויך וואָס זיינע פאַרעפנטלעכטע „אַראַבעסקן" האָבן זיך

גאַר שוואַך פאַרקויפט, האָט ער דעריבער געוואָלט וואָס שנעלער אַנטלויפן פון סט. פעטערסבורג.

ער האָט זיך דעריבער אָנגעכאַפּט אין דער אומגינסטיקער רע־פּוטאַציע וואָס סט. פעטערסבורג האָט באַקומען בעת זי איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פון דער אימפּעריע.

געבויט דורך אַ טיראַן פון געניאַליטעט, האָט מען די מעטראָ־פּאָליע קאָנסטרואירט איבער זומפּן און איבער די ביינער פון די שקלאַפן, וועלכע האָבן געפּוילט אין די זומפּן. די נעווא וואָס פלעגט פאַרפלייצן די שטאָט, האָט מיט דעם אויך געשאַפן (לויט פושקינס באַצייכענונג) אַ מין טונקעלע מיטאָלאָגישע נקמה. די געטער איבער די זומפּן האָבן געוואָלט צוריק אָפּנעמען וואָס געהערט צו זיי. זייער קאַמף מיט דעם בראָנדזענעם צאַר (די וויזיע פון פושקינס „בראָנ־דזענעם רייטער") האָבן געוווּנען די מיטאָלאָגישע געטער.

פושקין האָט געהאַלטן אַז ס'איז עפּעס נישט אין אָרדענונג מיט סט. פעטערסבורג — זעענדיק דעם בראָנדזענעם צאַר באַלויכטן מיט עפּעס אַ מיסטעריעזער ענערגיע. אגב האָט די מעטראָפּאָליע אויך באַקומען אַ רעפּוטאַציע פון פרעמדקייט וואָס האָט אָנגעהאַלטן בערך אַ הונדערט יאָר.

די אמתע פרעמדקייט האָט אָבער זיך ערשט געשאַפן ווען גאָגאָל פלעגט גיין איבער די „נעווסקי אַלייען" וואָס האָבן אים אויסגעזען אומרעאַל.

פאַקטיש, באַצייכנט זיין ביאָגראַף טראָיאַט, איז נאָר גאָגאָל גע־ווען נישט רעאַל און עס אילוסטרירט מיט ביישפּילן: אַלס יינגל פלעגט ער גיין אויף דער לינקער זייט פון גאַס. ער האָט געטראָגן דעם רעכטן שוך אויפן לינקן פוס. איז שוין אַ חידוש אַז סט. פעטערסבורג האָט אים אויסגעזען עפּעס קאַפּידרעך? אַלץ איז דאָ געגאַנגען — פאַר־קערט. זאַכן זענען שנעל געגאַנגען צוריק אַנשטאָט פאָרויס. בלאַסע גראָע נעכט אַנשטאָט די שוואַרצע פינצטערע. אַ טיר פון אַ פּריוואַטער שטוב האָט זיך אַליין געעפנט און אַ חזיר איז אַריין, סתם אַזוי זיך...

גאָגאָל שילדערט אַזוי די „נעווסקי אַלעען": „דער דראָזש־קאָזש מיט זיינע שנעלע פערדלעך שיינען צו שטיין אומבאַוועגלעך. די בריק ברעכט זיך איין אין מיטן פון איר בויגן. אַ הויז שטייט פאַרקערט"...

איז ער אַוועקגעפאָרן פון סט. פעטערסבורג, מאַכנדיק אַ תירוץ, (פאַרן רעקטאָר פון דער הויכשול) כלומרשט צוליב זיין שלעכטן גע־זונט וויל ער זיין אין קרים און קאַווקאַז און קומען צו זיך...

איין ביאָגראַף זיינער האַלט אַז ער איז גאָר געפאָרן דעמאָלט

אַהיים אין וואַסילעווקע. מען האָט דאָך קיין מאָל נישט געקענט וויסן ביי אים דעם אמת, ווייל ער פלעגט בלאָפן אויף רעכטס און לינקס. אָט למשל האָט ער געשריבן דער מאַמען אַז ער פאָרט קיין לובעק (1829) און איז באשר געבליבן אין פעטערסבורג. נאָך דער שאָטן זיינער האָט געפירט אַ רעאַלן לעבן — אַ ביכער־לעבן! אָן זיי איז ער געווען אַ געניאַלער אַקטיאָר (נאָר נישט אויף דער בינע). סוף 1829 האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן זיין קאַריערע ווי אַ „טשינאָווניק" און ער איז איבערגעגאַנגען פון איין צוויג צו אַ צווייטן.

שפעטער האָט ער זיך אַליין אַזוי כאַראַקטעריזירט: „איך פיל אַז די שווערע האַנט פון אַלמעכטיקן גאָט ליגט אויף מיר מיט אַ גע־רעכטער שטראָף. ווי שרעקלעך די שטראָף איז! דער משוגענער וואָס איך בין געווען".

אויף וועלכער שטעלע ער זאָל נישט האָבן געווען, האָט ער זי גיך פאַרלאָזן. אָט דער פיבערדיקער אַנטלויפן איז געווען דער ערשטער אַרויסווייז פון זיין פאַרטונקלטער פאַרפאָלגונגס־מאַניע, וועלכער וויסנשאַפט־פּסיכיאַטרס שרייבן צו זיין שטענדיקן דראַנג נאָך אַרומצופאָרן. גלייך פון זיין ערשטער רייזע קיין אויסלאַנד קענטיקט זיך, ווי ער נוצט זיין פאַנטאַזיע אין אַ מין אומפאַרשטענדלעכן קאָמ־פּלעקס, פון אומנויטיקער אָפּנאַרעריי. דאָס זעט מען אין די בריוו זיינע צו דער מאַמען, ווען ער דערציילט איר פון זיין אַוועקפאָרן און בעט ביי איר אַ גרויסע סומע אויף רייזע־קאָסטן. צוליב דעם איז זי טאַקע אַריין אין גרויסע חובות פון וועלכע זי האָט זיך נישט געקענט באַפרייען איר גאַנצן לעבן.

עטלעכע ווערטער וועגן זיין מאַמען, מאַריאַ גאָגאָל. לויט איר התנהגות האָט זי געהאַט ענלעכקייט צו איר זון (אָדער די סקאַלע — פאַרקערט: דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון בוים). אַ מאָדנע פּראָ־ווינציעלע פרוי וואָס פלעגט פאַרוווּנדערן אירע פריינד מיט אירע פאַנטאַסטישע מעשיות וועגן דעם זון. ער איז דער דערפינדער פון די באַנען, פון שיפן — און פון וואָס איר ווילט נאָר אין דער וועלט!

אגב, האָט זי מיט איר מענה־לשון אפילו דעם זון אַרויסגע־בראַכט פון די כלים צוליב אירע אויסטערלישע באַרימערייען. זי האָט וועגן יעדן בוך וואָס איז אַריינגעפאַלן אין איר האַנט — ס׳רוב שלעכטע — זאָגן: איר זון איז דער מחבר. דעריבער האָט ער איר גאָר נישט דערציילט פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט, אויך אין די יאָרן שוין פון זיין וואָקסנדיקן נאָמען אַלס געניאַלער שרייבער.

בכלל איז ער געווען פיינטלעך צו איר, מיט פאַראַכטונג פאַר איר שלימזלדיקער פירונג פון איר פאַלוואַרק; פאַר אירע גוזמאות און נאַרישקייטן, וואָס ער האָט נישט געקענט פאַרגעבן. דאָס קענ־טיקט זיך בולט פון זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט איר, אַ חוץ מיט איין

אויסנאַם, אַ בריוו, אין וועלכן ער דערקלערט די סיבה (אַן אויס־געטראַכטע) פון זיין שנעלן אַוועקפאָרן. ער שרייבט:

„מאַמע! איך ווייס דיינע געפילן ביים לייענען מיין בריוו, וואָס וועט דיר נישט פאַרשאַפן קיין פרייד... דעם אמת זאָגנדיק, טראַכט איך, אַז כ׳האָב דאָך קיין מאָל דיר נישט געגעבן קיין ביסל פרייד... גרויסהאַרציקע מאַמע, זיי מוחל דיין זון, וואָס איז עס נישט ווערט. דאָך נעם איך זיך אָן מיט כוח צו שרייבן דיר און כ׳קען נישט פאַר־שטיין פאַר וואָס די פעדער פאַלט נישט אַרויס פון מיין האַנט. רעיונות, פאַרוואָלקנטע קומען איינע נאָך דער אַנדערער און יעדער פאַרנעמט דעם שכנס פלאַץ. עפּעס אַן אומבאַוווּסטער כוח פאָדערט זיי תיכף אין דער זעלבער צייט אויסצוגיסן זיך פאַר דיר און האַלט זיי צוריק נישט צו אַנטפּלעקן דיר די טיפקייט פון מיין פאַרניכ־טעטער נשמה...” (אַן אויסצוג פון דעם לאַנגן בריוו זיינעם).

אינטערעסאַנט איז זיין רעאַגירן אויף דער מאַמעס היפּער־באַלישע שבחים, אַז ער איז אַ „סופּערמען”, אַ זשעני. אין אַ בריוו צו איר פאַרן קומען אַ היים שרייבט ער: „רעדנדיק וועגן מיינע ווערק, רופסטו מיך זשעני. ווי ס׳זאָל נישט זיין זעט עס מיר אויס מאָדנע. צי קען איך ווערן אָנגערופן אַ זשעני, זייענדיק נאָר אַ פּשוטער, גוטהאַרציקער מענטש, נישט קיין פולער אידיאָט, פאַרמאָגנדיק נאָר ווייניק שכל”.

בעת ער דער מאַמען זי זאָל אין דער אָנוועזנדיקייט פון פרעמדע נישט באַצייכענען אים אַזוי. ס׳איז אָפּשטויסנדיק, באַמערקט ער, ווען מען הערט עלטערן לויבן זייערע קינדער ביזן הימל אַריין.

די מאַמע האָט זיך נישט געמאַכט וויסנדיק פון זיין אָנזאָג און אין זיין באַשיידנקייט געזען דעם ערשטן סימן־מובהק פון אַ זשעני. זי האָט נאָר אויסגעמיטן, בעת ער איז געווען דערביי צו לויבן אים מיט היפּערבאָלן, נאָר ווען ער האָט נישט געהערט איז זי אַרויס מיט יענעם מענה לשון — און נישט נאָר פון זיין ליטע־ראַרישער גענילקייט.

בכדי נישט צו דאַרפן נאָך אַמאָל צוקומען צו אָט דעם ענין, וויל איך ציטירן נאָר אַ פּאָר נאָטיצן פון גאָגאָלס „טאָגבוך פון אַ משוגענעם”. ער שרייבט דאָרט צווישן אַנדערן:

„...איך האָב שוין קיין כוח נישט אויסצוהאַלטן עס לענגער. גאָט, וואָס זיי טוען מיט מיר! זיי גיסן אַרויף אויף מיין קאָפּ קאַלטע וואַסער — — — זיי ווילן מיך נישט זען און הערן! וואָס פאַראַ שלעכטס האָב איך זיי געטאָן? פאַר וואָס פייניקן זיי מיך? וואָס ווילן זיי פון מיין אָרימקייט? וואָס קען איך זיי געבן? איך האָב גאָרנישט, פאַרלאָרן די כוחות, כ׳קען שוין לענגער נישט אויסהאַלטן די גאַנצע פייניקונג. מיין קאָפּ איז אַ פייער, אַלצדינג דרייט זיך פאַר מיינע

אויגן. ראַטעוועט מיך, עמעצער! פירט מיך אַוועק, גיט מיר דריי פערד, פערד, וואָס זאָלן זיין אַזוי פלינק ווי דער שטורעמווינט. רייטער, זעץ זיך אַליין אויף און קלינג אויס דעם געשפּאַן פון גלעקל... פליט פערדעלעך גיך אַרויף און ציט מיך שנעל אַרויס פון דער וועלט — — —איז דאָס מיין היים וואָס שיינט בלויז פון דער ווייטקייט? איז דאָס מיין מאַמע וואָס זיצט דאָרט ביי איר פענצטער? מאַמע טייערע, ראַטעווע דיין אָרימען זון! לאָז אַ טרער איבער דיין צעווייטיקטן קאָפּ, זע ווי זיי פּייניקן אים. דריק צו דעם אָרימען יתום צו דיין האַרץ. נישטאָ פאַר אים קיין פּלאַץ אין דער גאַנצער גרויסער וועלט! ער איז אַ פאַרפאָלגטע באַשעפעניש. טייערע מאַמע, דערבאַרעם זיך אויף דיין קראַנקן קליינעם קינד...״

ווי אַ צוגאָב צו אָט דער באַשיינפּערלעכער פאַרפאָלגונגס־מאַניע, געשטאַלטיקט אין אַ בעלעטריסטישן לבוש, וויל איך דאָ באַמערקן אַז ער איז אויך געווען אַ גרויסער היפּאָכאָנדראַק. אין 1841 האָט ער פאַר אַ קאָנסוליום פון דאָקטוירים אין פּאַריז דערקלערט, אַז זיין מאָגן געפינט זיך אין אַ פאַרקערטער פּאָזיציע.

גאָגאָלס ביאָגראַפן זוכן צו דערקלערן זיינע פּסיכיש־אומנאָרמאַלע נייגונגען מיט די שווערע שוליאָרן זיינע. אין דער עלעמענטאַרער שול ווי אין גימנאַזיע, תמיד אַן אָפּגעזונדערטער. די שילערס האָבן אים געגעבן אַ צונאָמען „מיסטעריעזער ליליפּוט״. ער פלעגט דאַן שוין אויסנוצן אַלע זיינע מיטלען אָפּצונאַרן די לערערס, די שול־חברים, וועגן דיין שלעכטן געזונט. זיינע שטימונגען פלעגן זיך איבערוואַרפן פון איין עקסטרעם צו אַ צווייטן, זייענדיק פּאַטאָלאָגיש היפּערסענסיטיוו צו די שטעכווערטלעך פון די קלאַסן־חברים און לערערס, דאָס וואָס אַ נאָרמאַל ייִנגל פאַרגעסט גיך, האָט עס אים צעפּייניקט נישט נאָר די טעג, אויך אין די נעכט זיינע: שפּירנדיק זיך ווי אין מיטן פון אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן, ווילדע חיות אַרום — האָט ער געזוכט צו ראַטעווען זיך פון זיי.

וואָס שייך היפּאָכאָנדריע, איז זיין טאַטע אויך געווען אַ קרבן פון דער מאַנקאָליע. שטענדיק געזען דעם טויט ביים טיר. ער איז אָבער ווירקלעך קראַנק געוואָרן, געשפּיגן מיט בלוט און יונג געשטאָרבן.

איידער איך גיי צו באַהאַנדלען גאָגאָלס אומשטערבלעכן „רעוויזאָר״, וויל איך נאָך עפּעס זאָגן וועגן זיינע דערציילונגען, דער עיקר וועגן „טאַראַס בולבאַ״. דער סוזשעט איז וועגן דער צייט ווען דער ישוב פון זאַפּאָראָזשער קאָזאַקן איז פאַרמירט געוואָרן אין מיטן פופצנטן יאָרהונדערט אויף די אינדזלען, אין דער נידער פון די דניעפּער סלאָפּעס, ווו זיי האָבן פאַרטיידיקט זייער אומאָפּהענגיקייט קעגן דעם אַריינדרינג פון די פּוילישע באַראָנען.

דאָס וואָס אין די גרענעץ־שטחים האָבן זיך געפונען צווי רעליגיעס, (פּראַוואָסלאַוונע און קאַטוילישע), צוויי ראַסן, האָט כסדר אַרויסגערופן פּראָוואָצירנדיקע מלחמות.

גאָגאָל האָט בײַם שרייבן די דערציילונג געשעפּט אינפאָרמאַציע פון פּילצאַליקע, וויסנשאַפטלעכע און געשיכטלעכע ווערק וועגן אוק־ראַינע. דער הויפּט־מקור זיינער איז אָבער געווען פון פאָלקס־לעגענדעס, באַנדוראַ־שפּילערס, פון לידער געזאַמלטע דורך אַ ריי באַוווּסטע נעמען (סרעזשעווסקי, מאַקסימאָוויטש, טסערטעלעוו).

ער האָט ווייניק אַכט געלייגט אויף געשיכטלעכער אַקוראַטקייט, און זיין כראָנאָלאָגיע איז ווייט פון פּינקטלעכקייט. שילדערן פאַקטן, אַ וואָרע פּרעזענטירונג פון זיי, האָט אים נישט אינטערעסירט, נאָר געשטאַלטיקן די פּסיכיק פון זיינע כאַראַקטערן און אַרויסברענגען מאָלערישע בילדלעכקייט פון זייער מיליע.

זיינע ביאָגראַפן מערקן אָן דאָ די השפּעה פון וואָלטער סקאָטס ראָמאַנען, וואָס זענען דאַן געווען שטאַרק אין דער מאָדע אין רוס־לאַנד. גאָגאָל האָט אָבער סקאָטן איבערגעשטיגן אין די גוואַלדטאַטן און אין דער שפע פון פאַרבן. מיר טרעפן אָן די באַרבאַרישקייט פון מינהגים, טאָרטורן, שיכרות, אָרגיעס, און שחיטות אויף ייִדן. היות די אייגענע העמד איז דאָך אָמנאָענטסטן, ווילט זיך באַמערקן דאָ, ווי אַזוי גאָגאָל שילדערט די ווילדע מעשים פון זיינע העלדן לגבי ייִדן און זיי זענען ווילד־אכזריותדיקע בעת דעם אוקראַינישן פּאָגראָם אויף ייִדן (ווי די געשיכטע חזרט זיך איבער!).

ווי באַציט זיך צו דעם גאָגאָל? ער לאַכט פון די ייִדישע קרבנות בעת מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַדיין. דער איינדרוק איז דאָס ער לאַכט צוזאַמען מיט די פּאָגראָמשטשיקעס פון די ייִדישע העוויות...

צווישן די טיפּן אין „טאַראַס בולבאַ" טיילט זיך אויס אַסטאַפּ, דער קעמפער פון איין שטיק, אָן שום בויגעוודיקייט, און צוטריטלעכקייט.

מער קאָמפּליצירט איז אַנדריי, וואָס פאַרראַט די זאַפּאָראָזשן צוליב זיין ליבע צו אַ פּוילישער פּרוי. מיט איין ווונק קנעט זי אויס פון אים, צו ווערן קאָרומפּירט און אויסשרייען בקול רם: „וואָס איז מיין טאַטע, מיינע חברים? מיין לאַנד פאַר מיר — איז זי!" ...דאָס קלינגט ווי אַ מעלאָדראַמאַטישער טאָן פון מחבר, וועלכער וויל אויפצווינגען אַנדרעען צו פאַרראַטן און פאַרלייקענען זיין גלויבן, זיין געבורט און לאַנד.

דער ייִד, יאַנקל, בעת ער ברענגט די שרעקלעכע נייעס צום אַלטן טאַראַס בולבאַ, באַמערקט גאַנץ ביטער מיטן זאָג: „ווען אַ מאַן איז

פאַרליבט איז ער נישט מער ווערט ווי אַ צעוויקטע פּאַדעשוועו; דריי עס, און עס וועט זיך בייגן פון אַלע זייטן".

די כאַראַקטעריזאַציע פון טאַראַס בולבאַ — דער טאַטע וואָס זוכט צו באַשטראָפן זיין זון, דעם פאַררעטער און רענעגאַט — איז שאַרף געצייכנט, אין זיין וויטאַליטעט, לאָיאַלקייט און אומקאָמפּראָ־מיסלעכקייט. מיט זיין אייגענער האַנט דערהרגעט ער דעם זון, כאַפּט זיך געהיים אַריבער קיין וואַרשע בייצווזין ביי די טאָרטורן פון זיין צווייטן זון, אָזאַפּ, וועלכן דער שונא האָט געכאַפּט. לסוף פאַרטשוועקעוועט ער זיך אליין צו צו אַ בוים און פאַרברענט זיך לעבעדי־קערהייט, מיט אַן אויסגעשריי, צוצוגעבן קוראַזש דער צעפּאַלענער גרופּע.

די דערציילונג וואָס איז אויסגעווייקט אין בלוט פון אָנהייב ביזן סוף, איז דאָך באַהויכט מיט אַ געוויסן אָפּטימיזם, אַז די ליידן פון די אַלע העלדן־קרבנות זענען נישט געגאַנגען לאיבוד, עס איז געווען אַ געשיכטלעכע נויטווענדיקייט פאַר דער צוקונפט, וואָס איז דאָ דער אַפּאָטעאָז.

וועל איך זיך נישט שוין אָפּשטעלן אויף די אַנדערע דערציילונגען אין גאָגאָלס צווי בענד „אַראַבעסקן" (1835), ווי „נעווסקי פּראָספּעקט", „טאָגבוך פון אַ משוגענעם", „דער פּאָרטרעט"; און אויך נישט אויף זיינע דערציילונגען פון אַ צווייטן ווערק אין צווי בענד, אין וועלכע, אַ חוץ „טאַראַס בולבאַ", האָבן מיר נאָך די דערציילונגען „מחלוקתן צווישן די צווי איוואַנס", „לאַנד־אייגנטימער פון דער אַלטער וועלט", כדי תיכף איבערצוגיין צום דראַמאַטישן פאַרלויף פון די געשעענישן אַרום גאָגאָלס וועלט־באַרימטן „רעוויזאָר".

„דער רעוויזאָר"

אַלע קריטיקער און ביאָגראַפן פון גאָגאָלס לעבן און שאַפן באַ־טאָנען, אַז ער איז געווען גרויס נאָר אין „רעוויזאָר", אין „שינעל" און אין ערשטן באַנד „טויטע נשמות". מיר וועלן טאַקע אין ווייטער־דיקע בלעטלעך בעיקר אַנאַליזירן אָט די דאָזיקע שאַפונגען און וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן („אויף טיש און אויף בענק") אַרום זיי.

די טעמע זיינע, האָט גאָגאָל אַליין דערקלערט, האָט ער נישט צוגעטראַכט. „איך האָב קיין מאָל נישט געשאַפן עפּעס פון מיין אייגענער פאַנטאַזיע. אַזאַ פעיקייט האָב איך קיין מאָל נישט געהאַט, האָט גאָגאָל געזאָגט. מיר איז געלונגען ווען כ'האָב געקענט בויען אויף רעאַליטעט, אויסנוצן אינפאָרמאַציעס וואָס איך האָב באַקומען".

דאָס באַשטעטיקן אויך זיינע ביאָגראַפן. ער האָט די טעמעס גע־

נומען פון דעם טראַדיציאָנעלן פֿאָלקלאָר און עס אַרומגעפּוצט אויף זײַן אופן.

ווען דער מורא פֿאַר אַ רעוויזאָר אין אַלטן רוסלאַנד ווען אילוס־טרירן דער אינטערעסאַנטער עפּיזאָד מיט דעם ראַדיקאַלן רוסישן עמיגראַנט, טשערנישעווסקי, וואָס איז געהיים אַוועקגעפֿאָרן קיין רוסלאַנד צו דער ווייטער געגנט פֿון יאַקוטסק און זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר אַ מיטגליד פֿון אַ „געאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט". נאַטשאַלסטוואָ האָט אים אָנגענומען פֿאַר אַ רעוויזאָר וואָס פֿאָרט אַרום אינקאָגניטאָ (פּונקט אַזוי ווי ס׳איז געשען מיט גאָגאָלס „רעוויזאָר"). אַ דאַנק דעם האָט ער (טשערנישעווסקי) באַוויזן אַרויסצופֿירן פֿון דאָרטן אַ פֿאַרשיקטן אויף סיביר. זעען מיר, אַז ליטעראַטור און לעבן האָבן אַ נאָענטע שייכות.

אין אַ בריוו צו פּושקינען האָט גאָגאָל געבעטן אַ טעמע פֿאַר אַ קאָמעדיע. פּושקין האָט געלאַכט פֿון אים. אַ טעמע פֿאַר אַ קאָמעדיע? יאָ, ער האָט עפּעס פֿאַרצייכנט בײַ זיך, און פֿון אַ נאָטיץ אַרויסגע־לייענט עטלעכע שורות: אַ געוויסער קריפּין איז געקומען אין אַ פּראָ־ווינץ־שטעטל אויף אַ יאַריד און על פּי טעות נעמט אים אָן דער שוואַכקעפּיקער ראש העיר פֿאַר אַ רעוויזאָר. און די מעשה איז דאָך טאַקע געשען מיט פּאַול סוויניִן, דעם רעדאַקטאָר פֿון אַ זשורנאַל, וואָס איז געפֿאָרן קיין בעסעראַביע. פּלוצעם איז פֿאַרשפּרייט גע־וואָרן דער קלאַנג אַז אַ רעגירונגס־רעוויזאָר איז אַראָפּגעקומען רע־ווידירן. מען האָט אים גלייך אויפֿגענומען מיט אָפֿענע אָרעמס. דער ראש העיר און די פֿרויען האָבן אים געוווילט, זיך פֿאָטאָגראַפֿירט מיט דעם מענטש פֿון די „הויכע פֿענצטער"... ער ווידער האָט געזען די קאָמעדיע, און האָט אויפֿגענומען מענטשן מיט פּעטיציעס.

דאָס איז נישט געווען עפּעס אַן איינמאָליקער פּאַרס. ער האָט זיך אָפֿט איבערגעחזרט. און פּושקין אַליין איז אויך געוואָרן אַרײַנ־געצויגן אויף אַן ענלעכן אופֿן, ווען ער איז דורכגעפֿאָרן ניזשני נאָוואָגאָראָד אין 1833. דער גובערנאַטאָר איז געווען אינפֿאָרמירט אַז ס׳קומט אַ קוריער פֿון דער מעטראָפּאָליע מיט אַ געהיימער מיסיע. די ווײַב פֿון דעם ראש העיר האָט תיכף מיט אים אָנגעהויבן פֿליר־טעווען און זי לייגט אים פֿאַר גלייך איר טאָכטער פֿאַר אַ כלה.

ווען גאָגאָל האָט געהערט די מעשה, האָט ער געטראַכט, אַז דאָס איז דאָך טאַקע די בעסטע טעמע פֿאַר אַ קאָמעדיע: אַ פֿאַר־שטעלטער קומט, און די אידיאָטן גלייבן אים! די אַדמיניסטראַציע ווערט אויסגעחוזקט, אירע פֿעלערן אַרויסגעבראַכט אין דער עפֿנטלעכקייט.

אויף זײַן בקשה האָט אים פּושקין געגעבן די רעכט אויסצו־נוצן די טעמע. אגב, האָט ער שוין געהאַט געלייענט בײַ אַנדערע

שרייבערס וואָס האָבן אַזאַ טעמע באַאַרבעט, אָבער זיי האָבן נישט אַרויסגערופן ביי אים דעם שאַפערישן פונק, ווי פּושקין האָט עס באַוויזן. ער האָט מיט פיבער זיך אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און די סצענקעס האָבן זיך אים עפּעס אַליין געשריבן. עס זענען אַרויס־געקומען כאַראַקטערן אין דעם פיבער פון שאַפן מיט וועלכן ער איז געוואָרן אַרומגעכאַפּט און געשריבן אָן אויפהער.

סוף יאָר, 1835, איז דער מאַנוסקריפּט פאַרטיק געוואָרן מיט די אַלע ענדערונגען וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק אַריינצופירן.

ביים פּאָעט זשוקאָווסקי האָט ער עס פאָרגעלייענט פאַר אַ גרופּע פריינד, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען פּושקין. באַלד ביי דער ערשטער סצענקע זענען שוין געווען סאַלוועס געלעכטער פון די אַנ־וועזנדיקע. גאָגאָל האָט דעם מאַנוסקריפּט אויך פאָרגעלייענט אין אַנדערע שטיבער און אומעטום מיט גרויס דערפאָלג. אָבער אויף די ליפּן פון די אַלע איז געווען איין שאלה: די קאָמעדיע וואָס חוזקט אויס די פּראָווינציעלע באַאַמטע, ווער דער צענזאָר עס טאַקע דורכלאָזן פאַרעפנטלעכן און עס שטעלן אויף דער בינע?

עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן און פּושקין האָט פאַר־געלייגט אַז די שיינע אַלעקסאַנדראַ סמירנאָווו, וואָס איז שטאַרק נושא חן ביים אימפּעראַטאָר זאָל מיט אים רעדן, ווי זי האָט עס געטאָן מיט הצלחה פאַר זיין „באָריס גאָדונאָוו". האָט דאָך דער זעלבער אימפּעראַטאָר ניקאָליי דורכגעלאָזט אַ ווערק וואָס איז בעת דער הער־שאַפט פון זיין פאָטער פאַרווערט געוואָרן? איז דאָך מעגלעך אַז ער וועט האָבן די אַמביציע אַרויסצוווייזן זיין ליבעראַליזם אויך אַ צווייט מאָל? און איך וויל דאָ אונטערשטרייכן אַז די אַנוועזנדיקע פון אָט דער גרופּע ליטעראַרישע „קאָנספּיראַטאָרן" זענען געווען קרוב למלכות. דעם פּאָעט זשוקאָווסקי האָט דער אימפּעראַטאָר (ניקאָ־ליי דער ערשטער) אָנפאַרטרויט די דערציונג פון זיין זון, גרויספירשט אַלעקסאַנדער, (שפּעטער: — אַלעקסאַנדער דער צווייטער). פּרינץ וויאַזשעמסקי איז אויך געווען אָנגעזען ביים פּאַלאַץ, בפרט, די בילד־שיינע אַלעקסאַנדראַ סמירנאָוו, וואָס איז געווען ביי דער קעניגין די אָנגעזעענסטע „דאַמע פון האָנאָר". אַלע זענען מסכים געווען זי זאָל אין נאָמען פון מחבר בעטן ביים אימפּעראַטאָר די „גרינע ליכט" פאַר דער קאָמעדיע און זי האָט טאַקע מיט הצלחה באַוויזן אַרויסצוקריגן אַן „הכשר" ביים אימפּעראַטאָר צו דרוקן און עס שטעלן אויף דער בינע. זי האָט אַרגומענטירט, אַז אויך מאָליערס „טאַרטוף" וואָלט נישט געשטעלט געוואָרן, ווען נישט די „אויפקלע־רערישע פּראָטעקציע" (ביי לואיס דעם 14־טן). זי האָט אונטערגע־שטראָכן דעם גוטן נאָמען וועלכן די מאָנאַרכן האָבן געלאָזן נאָך זיך ווי אַפּיטרופּסים פון ליטעראַטור און קונסט.

דער אימפעראַטאָר האָט אויסגעהערט מיט אַ שמייכל אירע אַרגומענטן און הגם די שרייבערס זענען בכלל געווען ביי אים בבחינת אַגיטאַטאָרן וועלכע מען דאַרף האַלטן אין צוים, האָט ער אָבער נישט געקענט ביישטיין איר שטיפערישן שמייכל, געקוקט אין אירע ברע־נענדיקע אויגן און ס'איז אים שווער געווען איר אָפּצוזאָגן. ער האָט איר צוגעזאָגט דעם ענין צו באַטראַכטן.

געווען איז ער דאָך אין אַלע זיינע רמ״ח אברים אַ מיליטערמאַן, מיט אַ ליידנשאַפט צו דיסציפּלין. זיין טרוים איז געווען יעדער רוס זאָל זיין אין אַן אוניפאָרם, פיזיש און מאָראַליש. ליטעראַטור האָט ער באַטראַכט נאָר פאַר אַן אומשולדיקער צייטפאַרטרייב און די בעסטע ביכער זענען ביי אים געווען די פון וועלכע מען דאַרף נישט טראַכטן. די פראַגע איז נאָר געווען: וועט ער דעם „רעוויזאָר״ באַ־טראַכטן פאַר אַ צייטפאַרטרייב אָדער פאַר אַ שעדלעכע קאָמעדיע?

דער פירשט ווייעלגאָרסקי האָט פאַרן אימפעראַטאָר פאַרגע־לייענט די פּיעסע און די ביאָגראַפן זענען נישט זיכער בנוגע דער דערלויבעניש פון צאַר, וואָס האָט אים טאַקע באַוויגן געבן די „גרינע ליכט״ צו דרוקן און עס שטעלן אויף דער בינע? די צענזאָרן זענען געווען מער ווי איבערראַשט פון דער אומדערוואַרטעטער דערלוי־בעניש. פאַר זיי, ווי פאַר גאָגאָלס ביאָגראַפן, איז פאַרבליבן נישט קלאָר צי דער צאַר האָט טאַקע פאַרזען די סכנה וואָס לויערט פון דער בייסיקער סאַטירע אויף דער קאָרופּציע פון דער אַדמיניסטראַ־ציע; אָדער ער האָט געטראַכט אַז דער מאַיעסטעט פון דער צענט־ראַלער רעגירונג וועט גאָר נישט געמינערט ווערן דורך וואַרפן אַ ביסל שאַרפע פּיילן אויף אַ פּאָר פּראָווינציעלע באַאַמטע.

און אפשר האָט ער גאָר די גאַנצע זאַך באַטראַכט נאָר פאַר אַ מין פּאַיאַצישקייט — אַן אומשולדיקע לצנות פון אַ וואָדעוויל כאַראַקטער, פון וועלכן ער האָט שטאַרק געהאַלטן. די קריטיקער זענען מער גענויגט צו דער השערה, אַז דער צאַר האָט נאָר געזען אין „רעוויזאָר״ אַבסורדאַלע סיטואַציעס וואָס צילן מען זאָל כאַ־כאַטשען, געבן אַ געזונטן לאַך. און געגלויבט האָט ער, אַז אַזוי לאַנג ווי מענטשן לאַכן דאַרף מען פאַר זיי נישט מורא האָבן...

אַרויסווייזנדיק אַ זשעסט פון זיין אַמוזירנדיקער גוטהאַרציקייט, האָט ער גאָר אויסגעדריקט זיין גרויסע צופרידנקייט פון אָט דער קאָמעדיע.

גלייך האָבן זיך פאַר איר געעפנט אַלע טויערן, געהייסן נאָר אויסשטרייכן אַ פּאָר אומבאַדייטנדיקע מאָמענטן: נישט דערמאָנען וועגן אַן אַנגעהויבענער קירכע וואָס איז געבליבן אומפאַרענדיקט; אויך נישט דעם „אָרדן פון וולאַדימיר״ נאָך וועלכן די ריכטער האָבן געבענקט; און נישט דעם אָפיצירס ווייב וואָס איז על פּי טעות

געשמיסן געוואָרן. ווייטער זעט ער נישט קיינע פעלערן. ס'איז וויציק געשריבן מיט באַוווּנדערונג. אין אַ זייט: אַ צושריפט צו דער צענזורע: „אויטאָריזירט". באַפוילן תיכף אָנצוהייבן די פּראָבעס אין „אַלעקסאַנדער טעאַטער".

אין דעם אַנסאַמבל צו שפּילן דעם „רעוויזאָר" זענען אַריין די בעסטע אַקטיאָרן. דאָס גופא האָט שוין פאַרזיכערט דעם דערפאָלג. דער טעאַטער־דירעקטאָר האָט זיך געזאָרגט וואָס די אַקטיאָרן, — זיי זענען אַזוי זיכער מיט זיך, אַז זיי לאָזן זיך גאָרנישט עפּעס אָנווייזן. ער האָט נאָר געלאָזט זיי וויסן זיין אומצופרידנקייט מיט דעם באַפעל אויפצופירן אַ פּיעסע איבער וועמענס אויסוואַל ער האָט נישט געהאַט קיין דעה, און ר'זעט שוין פאָרויס געוויסע קאָנסעקווענצן פון אַט דער אויפפירונג.

אויך די אַקטיאָרן האָבן זיך געלערנט זייערע ראָלן אומוויליק, און גאָגאָל האָט זיך געזאָרגט זיי זאָלן נישט פאַרוואַנדלען די שפּיל אין פאַיאַצישקייט.

זייענדיק אַליין גוט באַהאַוונט אין דער „קונסט" פון ליגנערן (זייַנע בריוו צו דער מאַמע באַווייזן זיין „עקספּערטיז" אין אָט דער ספּעציאַליטעט...), האָט ער אין דער כאַראַקטער־ראָל פון כלעסטיאַקאָוו אַריינגעגעבן זיינע אייגענע נייגונגען אָפּצונאַרן דעם מיטמענטש ביז אומזין.

אָבער די געלונגענע קאָמבינירונג פון אַ מין גראָטעסקער פאַנטאַסמאַגאָריע און מעכאַנישער פּערפעקציע האָט אין טעקסט אַריינגעבראַכט אַזאַ אוניקאַלע, אָריגינעלע קוואַליטעט.

שפּעטער האָט גאָגאָל אַזוי געשריבן וועגן זיינע כוונות ביים אויספורעמען די קאָמעדיע: „צוזאַמענגענעמען אַלץ וואָס איז איבלדיק אין רוסלאַנד פון מיין צייט. אַריינדרינגען אין די ערטער און באַדינגונגען אין וועלכע מען דערוואַרט פון אַ מענטשן ער זאָל אַרויסווייזן די העכסטע מאָס יושר, און טאַקע אויך האָבן אַ געזונטן געלעכטער".

די פּרעמיערע פון „רעוויזאָר"

דעם 19טן אַפּריל, 1836 איז פאָרגעקומען די פּרעמיערע פון רעוויזאָר אין דעם פּרעסטיזש־טעאַטער וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען אַלעקסאַנדער. דער צאַר מיט זיין גאַנצער סוויטע זענען געזעסן אין דער קעניגלעכער לאָזשע. אין דער ערשטער ריי — די מיניסטאָרן, וועלכע האָבן אַפּלאָדירט ווי נאָר דער אימפּעראַטאָר, אָנגעטאָן אין זיין מיליטערישן אוניפאָרם, באַהאַנגען און דעקאָרירט מיט אַלע שטערנמעדאַלן, האָט זיי געגעבן אַ סיגנאַל.

הינטער די מיניסטאָרן — די הויכע אַריסטאָקראַטיע, הויכע באַאַמטע, און אַזוי ווייטער לויטן „טשין". ווען גאָגאָל האָט דערזען די הויכע געזעלשאַפט אויבן אָן, האָט ער דאָך פאַרשטאַנען, אַז זיי וועט עס נישט שמעקן — די עליטע וועט זיך פילן שטאַרק געטראָפן פון דער סאַטירע — טאָ צו וועלכן טייוול האָט ער עס בכלל געדאַרפט שרייבן? ער האָט דערשפירט זייער שינאה צום מחבר, און ס'איז געשען דאָס פאַר וועלכעס ער האָט זיך אָמשטאַרקסטן געשראָקן: די „גאַליאַרקע" האָט געקייכט פון געלעכטער, אָבער אונטן האָבן די שררים אפילו נישט באַוועגט קיין מוסקול. טאַקע נאָר צוליבן אימפּעראַטאָר האָבן זיי מיט ציינקריצעניש זיך אָפּגעהאַלטן אַרויסצוווייזן זייער פאַראַכטונג צום מחבר, מחמת וויזן אומצופרידנקייט וואָלט עס דאָך געגאַנגען אויפן חשבון פון אימפּעראַטאָר וואָס האָט געגעבן זיין אויטאָריטעט צו דער שפּיל.

וואָרשיינלעך האָט אויך דער צאַר געטראַכט: האָט ער מיט זיין הסכמה נישט געמאַכט קיין טעות? ער וואָלט אפשר נישט געדאַרפט ביי דעם דאָ זיצן, אָבער ניין, ער איז אַ לאָיאַלער מענטש, און האָט געלאַכט הויך, געפּאַטשט מיט זיינע גאָר לאַנגע הענט. לית ברירה האָבן אויך די אַלע שררים און זייערע פרויען אַפּלאָדירט, אָבער שוין אַלעמאָל שוואַכער בעתן גאַנג פון דער פּיעסע.

פיר שעה האָט געדויערט די פאָרשטעלונג און איינער וואָס איז בייגעווען אויף דער פּרעמיערע (אַנענקאָוו) האָט שפּעטער געשריבן, אַז בעת דעם ערשטן אַקט האָט מען אויף די פּנימער פון געקליבענעם עולם נישט געקענט נאָך אַרויסלייענען וואָס עס טראַכט די סאַמע „סמעטענע". די צעמישונג האָט זיך ערשט אָנגעהויבן ביי די ווייטערדיקע אַקטן. ביים פערטן אַקט איז עס שוין געוואָרן טראַנספאָרמירט אין פולשטענדיקן צאָרן, וואָס איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן ביים פינפטן אַקט. די „הויכע געזעלשאַפט" פונעם טעאַטערעולם איז שוין געקומען צום אויספיר אַז די פּיעסע איז נאָר אַן אַבסורדאַלע רשעות — ממש אַ בילבול און אַ געמיינער פאַרס! אַן ענלעכן אורטייל האָט מען געשעפּטשעט ביי די רייען פון די בענקלעך: „אַ פאַרס, נישט ווערט דעם נאָמען קונסט"; די אַטמאָספער איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַן אומדערטרעגלעכער באַליידיקונג פון אַדלקלאַס, פון באַאַמטע און סוחרים.

ביים לעצטן פאָרהאַנג־רוף האָבן גאָגאָלס פריינד, וואָס האָבן בכוונה זיך צעשפּרייט איבערן טעאַטער־זאַל, אָנגעהויבן רופן: מחבר!! אָבער גאָגאָל איז שוין לאַנג געהאַט אַנטלאָפן פון טעאַטער־זאַל, געטריבן פון דער אויפגעשטורעמטער שינאה וואָס ער האָט געהאַט אַריינגעאָטעמט מיט בײדע נאָזלעכער. נאָך קיין מאָל נישט געהאַט דורכגעלעבט אַזאַ שטאַרקע פאַראַכטונג, און פון אַזאַ גרויסער צאָל

מענטשן, ווי דאָ אויף דער פּרעמיערע! ער האָט אַרומגעוואַנדערט איבער די גאַסן ביז פּאַרטאָג, דאַן אַריין צו זיין פריינד פּראָקאָוויטש, וואָס האָט אים געפּרוווט אַ ביסל אויפהייטערן, ווייזנדיק אַ געדרוקטע קאָפּיע פון „רעוויזאָר״, וואָס איז דעם טאָג אַרויס צום פאַרקויף. גאָגאָל האָט זיך בוך אַ שלידער געטאָן אויף דער ערד און אויסגעקרעכצט: ווען איינער צי צווי וואָלטן מיך געשאָלטן קען מען נאָך אויסהאַלטן; אָבער ווען דער גאַנצער טעאַטער־זאַל, ביזן לעצטן...

די וויטערדיקע פאַרשטעלונגען האָבן באַשטעטיקט זיין פאַרגעפיל. געווען אַן אויסכאַפּעניש פון בילעטן. מען האָט זיי פאַרקויפט אויפן „שוואַרצן מאַרק״, פאַר געזאַלצענע פּרייזן. אָבער די קאָנטראָווערסיע אַרום דער פּיעסע האָט וואָס אַמאָל זיך נאָך שטאַרקער צעפלאַקערט צווישן די צווי מחנות: פון די קאָנסערוואַטיווע קרייזן איז געקומען קעגן דעם מחבר די שווערע באַשולדיקונג, אַז ער האָט געוואָלט אונטערגראָבן דעם עטאַבלירטן סדר פון דער אימפּעריע. קיין שום זאַך איז פאַר אים נישט הייליק, מחמת אין האַרצן איז ער אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער האָט בלויז געחוזקט פון פּראָווינציעלע באַאַמטע. אָבער פאַקטיש האָט ער דורך זייער מאַסקע אַטאַקירט די וויכטיקסטע מענטשן פון דער רוסישער אימפּעריע.

בלויז אין די ליבעראַלע קרייזן האָט מען געלויבט דעם מחבר פאַר זיך געוואַגטקייט אַרויסצושטעלן אדם־נאַקעט די קאָרומפּירטקייט פון צאַרישן רעזשים.

גאָגאָלן האָט אָבער מער אָפּגעשראָגן די לויבוווערטער, ווי די שינאה פונעם קאָנסערוואַטיוון לאַגער. ער האָט נישט געוואָלט ווערן אידענטיפיצירט מיט די ליבעראַלע קרייזן, פאַרקערט, צום האַרצן זענען אים גאָר נאָענט געווען די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן. דאָס וואָס זיי האָבן געזען אין דער קאָמעדיע האָט ער אַפילו אין זינען נישט געהאַט אַרויסצוברענגען, און אוודאי נישט געוואָלט זיי וויי־טאָן. ער איז געווען דעם צאַרס אַ מענטש מיט לייב און לעבן און די מאָנאַרכיע איז פאַר אים געווען די איינציקע מעגלעכע רעגירונג אין רוסלאַנד. ער האָט הייליק געגלויבט אין לייבאייגנטום, אין אַלע שטאַפּלען פון דער אַדמיניסטראַציע און קיינעם פון זיי נישט געוואָלט אַראָפּרייסן.

אוודאי וואָלט בעסער געווען ווען די מלוכה־מענטשן זאָלן זיין אַ ביסעלע ערלעכער, אָבער די אינסטיטוציעס זענען גוטע, נאָר צייטנווייז זענען געווויסע אירע באַדינערס נישט פון די בעסטע. ער האָט דאָך אָבער ביים שרייבן גאָר נישט געטראַכט פון פּאָליטיק — פאַר

וואָס זעען זיי עס נישט? און עס ברענט אַ פייער אַרום אים און מיט יעדן טאָג אַלץ שטאַרקער, וואָס ווערט אים פאַרניכטן..

דעם פייער האָט געהאָלפן צעפלאַקערן אַ געוויסער גרויסער האַזאַרדניק, פירשט פיאָדאָר איוואַנאָוויטש טאָלסטאָי. אין אַלע סאַ־לאָנען, ווו ער איז געווען אַ בן־בית, פלעגט ער זאָגן, אַז די פאַר־שטעלונג איז אַ דם־שונא פון רוסלאַנד. מען וואָלט דעם מחבר גע־דאַרפט שמידן אין קייטן, פאַרשיקן אים קיין סיביר. וועגן אָט דער וואַקכאַנאַליע קעגן גאָגאָלן שרייבט דעמאָלט וויראָזשעמסקי צו טור־גענעוון, אַז „יעדער איינער וויל דאָ זיין מער מאָנאַרכיסטיש ווי דער מאָנאַרך גופא. די אויפרעגונג קעגן רעוויזאָר — קענסט זיך גאָר נישט פאָרשטעלן דעם אַבסורד־אורטייל, וואָס אָט די פיעסע האָט אַרויסגערופן ביים העכערן שיכט: די שאלה איז: צי וואָלט אַזאַ שטאָט געקענט עקזיסטירן אין רוסלאַנד? און פאַרוואָס וויזט ער נישט כאָטש איין אָרנטלעכן מענטש? איז שוין טאָקע ביי אונדז נישטאָ אַזאַ?...”

ווי ס׳איז דער שטייגער אין דער פרעסע, לאָזן די זשורנאַליסטן נישט דורך אַזאַ געלעגנהייט און זיי גיסן כסדר נאָך צו אויל צום פלאַקערנדיקן פייער. פון דעם אַלעם האָט גאָגאָל נישט געקענט קומען צו זיך, בפרט, וואָס די פריידענקערס האָבן אים נאָך אַרויפגענומען אויף זייער וואָגן...

אַממיינסטן האָט ער געציטערט נישט צו פאַרלירן דעם חסד פון אימפעראַטאָר. ער האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון שטוב, זיך אויסבאַהאַלטן אין זיין קליינעם צימער, ווו אים האָט אויסגעדאַכט אַז מיליאָנען רוסן פאַרנעמען זיך איצט בלויז מיט אים, די וואָס טרעטן אויף אים און די וואָס ליבן אים און טוען אים דערמיט אַ בערישע טובה...

ער פאַרצייכנט דאַן זיין געמיט־צושטאַנד: „כ׳פיל זיך מאָדנע אומ־באַקוועם! כ׳בין אַזוי דעפרעסט, טרויעריק, פאַרביטערט. מיין ווערק גופא איז מיר אַליין איצט אַפשטויסנדיק, פרעמד, אומנאַטירלעך. די הויפטראָל טויג נישט. בעת כ׳האָב געזען די אויפפירונג איז מיר נישט אָנגעגאַנגען דער אַפלאָז. כ׳האָב מורא געהאַט פאַר איין ריכטער, וואָס איז דאָרט געווען — פאַר זיך גופא. געמאַכט זיך שטאַרקע פאַרווורפן, זייענדיק אַזוי אומצופרידן פון מיין אַרבעט, אַממיינסטן האָט מיך געאַרט וואָס דאָבטשינסקי און באָבטשינסקי זענען אַרויס־געקומען קאַריקאַטורן... כ׳וואָלט אַנטלאָפן ווו דער פעפער וואַקסט, גאָט ווייסט”.

ווען ער האָט זיך טאָקע געגרייט גיך אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד, איז אומגעריכט פושקין אַריינגעקומען טרעפנדיק אים אויסאָרטירן זיינע פאַפירן.

פושקין איז אויך געווען אין אַ געדריקטער שטימונג. אין דעם יאָר האָט זיין בילדשיינע פרוי געבוירן אים אַ מיידעלע. אין שטאַט האָבן אָבער קורסירט נישט קיין שיינע מעשיות, אַז זיין נאַטאַליע האָט געהאַט אינטימע עסקים מיט אַ געוויסן פראַנצויזישן אימיגראַנט, דזשאָרדזש דהאַנטעס. גאָגאָל האָט נאַטירלעך געוווּסט פון די פליאַט־קעס, אָבער אויסגעמיטן מיט פושקינען צו רעדן וועגן פערזענלעכע ענינים. ער האָט אים נאָר דערציילט די סיבות פון זיין גרייטן זיך אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד.

פושקין זייענדיק אליין קראַנק אויף סט. פעטערסבורג, האָט צוגעגעבן קוראַזש גאָגאָלן, וואָס גייט זיך אַרויסרייסן פון דעם זומפּ.

דערווייל האָט גאָגאָל אַרויסגענומען אַ מאַנוסקריפּט און אָנגע־הויבן פאַרלייענען פאַר פושקינען דעם אָנהייב פון זיינע „טויטע נשמות". ביז האַלבע נאַכט האָט זיך פאַרצויגן דאָס לייענען און ביים סוף זאָל פושקין דאַן האָבן אַ זאָג געטאָן מיט אומעט: — גאָט מײַ־נער, ווי טרויעריק עס איז אונדזער רוסלאַנד. פושקין וואָס האָט גוט געקענט, מלפני ולפנים, רוסלאַנד, האָט אין דעם סוּחשעט געזען אין וואָס פאַר אַן אָפּשרעקנדיקע פאַרמען די שאַטנס פון פינצטערניש קענען פאַר אונדז געוויזן ווערן דורך אַ קינסטלערישער מאַסקע.

ביים שיין פון צאַנקנדיקן ליכטל זענען געזעסן פנים אל פנים צוויי מענטשן, געקוקט אויף די פאַרפאַקטע וואַליזעס. איינער פאַר־זאָרגט צוליב די קורסירנדיקע קלאַנגען וועגן זיין פרוי, דורך גיפ־טיקע מיילער פון זיין קרענצל; דער צווייטער איז פראַוואָצירט געוואָרן דורך דעם גרויסן טומל אַרום זיין פיעסע, וואָס דערגייט אים די יאָרן.

ביי זיינע 37 יאָר איז שוין פושקין מיד געווען פון לעבן און פון שרייבן, זיין קאָלעגע, מיט 10 יאָר ייִנגער, האָט געזוכט צו אַנט־לויפן פון רוסלאַנד, פון זיך אַליין. פאַרטאָג האָבן בידע אומעטיקע קינסטלערס זיך צעשיידט שוין אויף אייביק. פושקין, אַ ביסל איינ־געבויגן מיט אַ שטעקן אין האַנט, האָט זיך אַרויסגעשלייכט און פאַר־שוווּנדן אין די שאַטנס. גאָגאָל האָט פאַרן אָפּפאָר שוין נישט געוואָלט אים נאָך אַמאָל טרעפן; און ס'רוב פון זיינע פריינד, האָבן דאָך נישט אָנגעהויבן צו וויסן פון זיין רייזע קיין אויסלאַנד.

פון מאָסקווע זענען צו אים געקומען בקשות ער זאָל בייזיין די לעצ־טע רעפּעטיציעס און די פּרעמיערע פון „רעוויזאָר". ר'האָט אפילו נישט געוואָלט מער הערן וועגן דער פיעסע מיט די אויפפירונגען און נאָכ־קלאַנגען. ס'איז אים נימאס געוואָרן דאָס לעבן און דעם טומל אַרום זיך פון וועלכן ער האָט זיך געפּרוּווט ראַטעווען אויף אַ שטיקל צייט.

זייענדיק אין אויסלאַנד איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה, אַז פושקין איז דערשאָסן געוואָרן אויף טויט בעת זיין דועל מיט דהאַנ־טעסן (29טער יאַנואַר, 1837). צווישן זיינע פריינד האָט מען אַרום־

גערעדט די אַנאָנימע בריוו, די ליבע־אינטריגעס פון אַריסטאָקראַ־טישע קאָנספּיראַציעס. געזאָגט האָט מען, אַז פּושקין איז געגאַנגען צום דועל פאַרטיידיקן זיין ווייבס כבוד, און דורך צווייִ קנאַלן איז דער זשעני געפאַלן אַ טויטער.

פריינד האָבן געזיפצט, געפרעגט: ווי אַזוי האָט גאָט געקענט דערלאָזן, אַז אָט דער פראַנצויזישער „טערקישער האָן" זאָל ווערן דער אינסטרומענט פון פּושקינס טראַגישן טויט? איז עס געווען יושר־דיק, אַז דער ליבלינג פון פאָלק זאָל גאָר אומקומען דורך דער האַנט פון אַ פרעמדן, וואָס האָט זיך דורך זיינע פאַרבינדונגען אַריינגעריסן אין דער אימפּעריאַלער אַרמיי?

אײדער איך גיי אַוועק פון „רעוויזאָר" ווילט זיך נאָך זאָגן עט־לעכע ווערטער וועגן אָט דער פּיעסע אין אַ היסטאָרישער פּערספּעק־טיוו. מיר איז אויסגעקומען צו זען דעם „רעוויזאָר" אין פאַרשידענע אויפפירונגען אין פוילן און אויסטראַליע. פאַרשטענדלעך, אַז עס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ שאַרפע סאַטירע אויף די פאַקטישע באַדינ־גונגען אין רוסלאַנד, הגם דער מחבר האָט די רעוואָלוציאָנערע אַלוזיעס געפּרוּווט אָפּשלאָגן, אַנווייזנדיק בלויז אויף איין פּאָזיטיוון כאַראַקטער אין דער פּיעסע: געלעכטער!

יעדער פּשוטער מענטש האָט אָבער געזען אין דעם סאָציאַלע סאַטירע וועגן דער אָפענער קאָרופּציע אין רוסלאַנד. אָבער נישט דער סוזשעט איז דאָ פון גרויס ווּכטיקייט נאָר דעם קינסטלערס כוח אויס־צוזייגן דעם קווי־פּראָ־קוואָ ביזן לעצטן טראָפּן און שאַפן אַ וואָר נישט פון אימיטירן בלוט און פלייש נאָר פון פאַנטאַזיע. אַוודאי האָט כאַבאַר תמיד געבליט אין רוסלאַנד, ווי בכלל אומעטום אויפן קאָנטינענט און מחוץ.

פון דער אַנדערער זייט, האָבן דאָך זיכער עקזיסטירט אין יעדער רוסישער שטאָט ערגערע פאַרשוינען ווי די פון דער קאָמעדיע, וואָרום ווען מען באַטראַכט דעם סוזשעט אין אַ שקעלעט־פאָרם, איז עס אַ לעכערלעכע מעשה: אַ צוגערייזטער יונגערמאַן בלייבט שטעקן אין אַ שטעטל פאַרשפּילנדיק זיין גאַנצע געלט אין קאָרטן. דאָס שטעטל איז פול מיט פּאָליטיקערס, וועלכע ער נוצט געשיקט אויס צונויפצוקלייבן געלט פאַר אים, מאַכנדיק זיי גלייבן אַז ער איז פון די „הויכע פענצטער" געשיקט געוואָרן דורכצופירן אַן אינ־ספּעקציע. נאָכן אויסנוצן זיי, פאַרליבט ער זיך נאָך אין אַ טאָכ־טער פון שטאָט־הויפּט, טרינקט זיין וויין און נעמט: פון די ריכ־טערס, דאָקטוירים, לאַנד־אייגנטימערס, סוחרים און פון כלערליי אַדמיניסטראַטאָרן — אַ פעטן כאַבאַר. ער פאַרלאָזט דאָס שטעטל פּונקט איידער עס קומט אָן דער אמתער אינספּעקטאָר.

איך האָב פריער נאָך אָנגעוויזן אויף די אַלע מקורות פון ענלעכע אויטענטישע פּאַסירונגען (אין שקעלעט־פאָרם) ווי אין גאַגאָלס „רע־וויזאָר". עס געהערט שוין אָבער צו דער מענטשלעכער טבע, צופרידן זיין, ווען מען ווייסט, אַז די געשיכטע באַזירט זיך אויף אַן אמתער מעשה, וואָס איז ערגעץ פאָרגעקומען. דער דאָזיקער פאַקט (וואָס איז פון קינסטלערישן שטאַנדפונקט אומוויכטיק, טיילמאָל פאַלש) וואַרצלט אין דעם, וואָס מיר רעפלעקטירן זיך אַליין בעסער, ווען מיר דער־וויסן זיך, אַז דער שרייבער, פונקט ווי מיר, האָט עס באַזירט אויף פאַק־טאָלאָגיע. דאַן האָבן מיר עפּעס גאָר אַן אַנדער איינשטעל צו זיין „פיקשן" אַרום דער מעשה.

פונקט ווי קליינע קינדער, האָבן מיר אויך די באַוווּנדערונג פון וואָר, ווען אויף די ליפּן הענגט די שאלה „איז עס טאַקע אין דערווירקלעכקייט אַזוי געשען"? צופרידן און זיכערער פילט זיך דאָס קינד (און דער דערוואַקסענער) אַז „ס'איז נישט קיין אויסגע־טראַכטע זאַך".

עס דערמאָנט זיך לעאָ פוּיכטוואַנגערס דעפיניציע וועגן דעם כוח פון אַ קונסטווערק; ער זאָגט עס וועגן די ווערק פון יאָזעפוס פלאַ־וויוס: „די מענטשן וועלכע ער האָט באַשריבן אין זיין געשיכטע, זענען נישט פון אַ רעאַלער וועלט. זיי שפּילן אויף אַ בינע, וואָס ער האָט פאַר זיי אויפגעבויט. זיי זענען סטיליזירטע באַשעפענישן פון לופט... און אויב מיר זעען אין זיי מענטשן פון פלייש און בלוט, וואָס גייען אַרום אויף דער ערד, און אָטעמען און לעבן, באַווייזט עס דעם כוח פונעם קינסטלערס יצירה".

אָט די דעפיניציע איז ווי צוגעשניטן פאַר גאָגאָלן, דעם מייס־טער פון אַזעלכע ווערק ווי דער „רעוויזאָר", „טויטע נשמות" און דער „שינעל".

אַ ביאָגראַף זיינער האָט אפילו באַמערקט, אַז גאָגאָל האָט נאָך געהאַט די פּריווילעגיע פון גוטע שרייבערס צו שאַפן זיך זיין לייע־נער, און צוגעגעבן, אַז ער האָט זיך נישט אַזוי אויסגעצייכנט אין שאַפן פּאָרטרעטן, ווי אין באַנוצן זיך מיט אַ שפּיגל (שרייבעריש) און געלעבט ווי אַ קינסטלער אין זיין אייגענער שפּיגלוועלט.

אַ באַזונדער קאַפּיטל זענען זיינע נאָכוויינישן בעת די פאַר־שווינען פון זיין שפּיגלוועלט זענען פון דער בינע אַרויס אין גאַס און געוואָרן קאָנטראָווערסאַלע פיגורן, און ס'האָבן זיך געשאַפן צדדים אַרום זיי, צו דער גרויסער קרענקונג פון זייער באַשאַפער. יאָ, ער האָט עס גאָר שטאַרק דורכגעקרענקט, און עס ווערט געהאַלטן, אַז דאָס איז געווען דער אָנהייב פון זיין פאַרפאַלגונגס־מאַניע, וואָס האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזט, נאָר באַגלייט (אין פאַרשידענע פאָרמען) ביזן סוף פון זיין לעבן.

דערביי האָט ער נאָך אָפּגעטאָן די ערגסטע זאַך וואָס אַ שריי־בער קען זיך אַליין אָפּטאָן, ווען ער גייט אַריין אין די שיך פון פאַרענטפערן זיך. ער האָט אָנגעהויבן פאַרטיידיקן זיך מיט דער־קלערונגען אין דרוק אויף פונקטן פון דער קאָמעדיע, אויף וועלכע קריטיקערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט. מיט דעם האָט ער ווי צוגעגעבן אַ געוויסן עפּילאָג וואָס טוט גאָר אַריינטייטשן, אַז דער אמתער רעווי־זאָר וואָס באַווייזט זיך אין לעצטן אַקט איז דער געוויסן פון מענטש. ווידער די אַנדערע כאַראַקטערן זענען נאָר דיליידנשאַפטן פון אונ־דזערע נשמות.

אַזאַ אינטערפּרעטאַציע, זאָגט וולאַדימיר נאַבאָקאָוו, איז אַן אומ־גלויבלעכער פאַקט ביי אַ שרייבער, וואָס פאַרדרייט דעם זין פון זיין אייגן ווערק, און ווערט גאָר אַליין אַ מיספאַרשטייעניש. נאַבאָקאָוו באַנוצט זייער אַ שאַרף וואָרט לגבי גאָגאָלן, זאָגנדיק, אַז זייענדיק אַליין אַ קראַנקע באַשעפעניש, זעט זיין דערקלערונג אויס, אַ שווינדל „פּראַקטיצירט פון אַ משוגענעם״.

„טויטע נשמות״

אין גאָגאָלס צייטן האָט אַן ערד־אייגנטימער אין רוסלאַנד גע־קויפט, פאַרקויפט, אָדער פאַרמשכנט פויערים. „פּונקט ווי בהמות״, האָט מען געציילט לויט די קעפּ און גערופן „נשמות״. דער וואָס האָט נאָר געהאַט אַ 100 „נשמות״ האָט געהייסן אַ קליינער פּריץ און די רעגירונג וואָס האָט געהאַט אַ קאָנטראָל איבער זיין צאָל פון לייב־אייגנטום האָט גענומען פון זיי אַ געוויסן שטייער ביים פּריץ, לויט דער לעצטער ציילונג.

אויב איינער פון זיינע פויערים איז געשטאָרבן, האָט ער נאָך אַלץ פיגורירט אַלס לעבעדיקער און געדאַרפט פאַר אים צאָלן שטיי־ערן ביז דער נאָענטסטער ציילונג, מחמת די טויטע „נשמה״ האָט נאָך אָפיציעל אַלץ פיגורירט אויף דער ליסטע פון די לעבעדיקע. די „אומשטערבלעכקייט״ פון אָט די טויטע האָט געקאָנט אָנהאַלטן גאַנצע סעזאָנען און פאַר דער צייט זענען נאָך אַלץ געווען אַבליגאַ־טאָריש די שטייערן פאַר זיי.

אויף דעם גרונט האָט גאָגאָל קאָנסטרואירט זיינע „טויטע נשמות״. זיין הויפּטהעלד, טשיטשיקאָוו, אונטערהאַנדלט מיט די פּרי־צים, אַז ער וועט באַצאָלן די שטייערן פון די אקומילירטע „טויטע נשמות״ פאַר אַ געוויסן „באָנוס״. דער מיסחר האָט געלוינט ביידע צדדים מחמת די פּריצים האָבן זיך באַפרייט פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל.

אָבער וואָס פאַר אַ פאַרדינסט האָט דאָ דער אויסקויפער, טשי־

טשיקאָוו? ער האָט נאָך דעם, ווי ער האָט איינגעהאַנדלט אַ געגוגנדיקע צאַל פון זיינע שפּאַטבייליקע טויטע נשמות — צוזאַמען זיי פאַר־משכונט פאַר לעבעדיקע גוטע פּויערים, אַזוי ווי זיי האָבן נאָך אַלץ פיגורירט לויט די אָפיציעלע רעגירונגס־דאָקומענטן, וואָס האָט דאָך דערלויבט דעם משא ומתן מיט די לעבעדיקע „נשמות״, דאָס מיינט: מיט די מענטשלעכע וועזנס.

ביי דעם מיסחר איז גאָר פּיקאַנט געווען די שטעלונג פון דער קירכע וואָס האַלט, אַז ס׳זענען בכלל נישטאָ קיין טויטע נשמות, אַז זיי זענען אומשטערבלעך קענען זיי דאָך נישט זיין קיין טויטע...

דער משא ומתן מיט טויטע נשמות — ווי אַבסטראַקטע נעמען אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, קען דאָך נישט זיין קיין אָביעקט פון עטיק, און גאָגאָל גופא האָט דערקלערט אַז די טעמע און דער אויסקויפער פון די פיקטיווע לעבעדיקע נשמות, איז ביי אים געווען גאָר אַ מיטל צו פאַרווילן און אריינפירן דעם לייענער צו אַבסורדאַלע פּראָווינ־ציעלע פּריצים. און געוואָלט האָט ער פון דעם מאַכן אַן עפּיק פונעם פּראָווינציעלן שפּיגל אין רוסלאַנד. אָבער וואָס מער ער האָט אריינ־געטראַכט אין דעם ענין אַלץ מער טיפקייט האָט ער אויסגעפונען.

ער האָט לכתחילה אליין גאָר ווייניק געקענט די רוסישע פּראָווינץ, מחמת ביי זיינע 19 יאָר שוין געלעבט אין סט. פּעטער־סבורג, אין מאָסקווע, צי גאָר אין אויסלאַנד. אָבער ער האָט געהערט דערציילן פאַרשידענע געשיכטעס אַרום דעם משא ומתן, און צוזאַמען פון דעם וואָס ער אַליין האָט געוווּסט — פון דער קאָמבינאַציע געזוכט צו שאַפן אַן איבערצייגנדיק בילד וועגן דער וועלט פון לייבאייגנטום און פּראָווינציעלע ביוראָקראַטן...

אייגנטלעך האָט ער דאָך שוין אין „רעוויזאָר״ אַרויסגעשפּיגלט די פּראָווינציעלע ביוראָקראַטיע, די כאַבאַרניקעס פון כל־המינים, אָבער אין „טויטע נשמות״ האָט ער דערזען די זעלבע פאַרשווינען פון אַן אַנדער אַספּעקט — מיט לייב און לעבן פאַרקאָכט אין זייער נישטיקייט, איפּגעבלאָזנקייט, פאַלשקייט, שמוץ און שאַכער־מאַכער.

און פּונקט ווי אין „רעוויזאָר״ ווערט דער געמויזעכץ צערודערט בעת עס האָט זיך באַוויזן אַ מיסטעריעזע פיגור, וואָס זיי האָבן אָנגענומען פאַר אַ ספּאָדעק, איז אויך דאָ שאַפט ער אַ צערודערונג בעת עס באַוויזט זיך אַן איינקויפער פון די טויטע. דאָרט הייסט דער פאַרשוין: „כלעסטיאַקאָוו״ און דאָ — טשיטשיקאָוו. דער ערשטער מיט זיין טעאַטראַלן עלעמענט פאָדערט פון די פּראָטאַגאָניסטן זיי זאָלן קומען צו אים, בעת טשיטשיקאָוו גייט אַליין צו יעדן פּריצל באַזונדער, אָבער ר׳איז פּונקט ווי כלעסטיאַקאָוו אַ בלאָפער וואָס נאַרט אָפּ די מענטשן, וועלכע קומען מיט אים אין באַרירונג. זיי אונטער־

שיידן זיך נאָר אין זייער כאַראַקטער־ראָל פון די באַזונדערע טעמאַ־טישע סוזשעטן, און אויך אין די כאַראַקטעריזאַציע־שטריכן. דער ערשטער — אַ לייכטער פּאַסאַזשיר, דער צווייטער — פּראַקטיש.

ביי בײדע פאַרשוינען איז דאָס אַבסורדאַלע ממש ביי דער האַנט. אָבער דער מיסחר מיט די טויטע וועט דאָ פאַרלאַנגען, אַז זיין טשיטשיקאָוו זאָל זיין עפּעס מער ווי אַ געוויינטלעכער שווינדלער. וואָלט ער געהאַנדלט מיט לעבעדיקע סחורה (לעבעדיקע מוזשיקעס) איז עס געווען, אָבער טויטע — דאָ דאַרף ער שוין ביי די טראַנזאַקציעס אַריינברענגען אַ ביסל אַ פילאָזאָפישן אומרו, וואָס גרענעצט זיך מיט טויט און לעבן. דאָס חוזקדיקע פון דעם גאַנצן ענין דאַרף מאָמענטנווייז אָפּטרעטן ביים גיין פון שטוב צו שטוב אַרומזוכן זיין סחורה — די טויטע נשמות.

ביים שרייבן האָט גאָגאָל געפילט אַז ער איז נישט תמיד דער באַלעבאָס איבער זיין העלד, וואָס רייסט אים מיט אין דער אַקציע און ער (גאָגאָל) לאָזט זיך פון אים פירן. אינטערעסאַנט וועט דאָ זיין צו ברענגען פון גאָגאָלס אַ בריוו צו אַ פריינד בעת ער האָט דאָס ווערק געשאַפן. ער שרייבט: „במשך פון יאָרן איז מיין ציל געווען אַז די וואָס וועלן לייענען מיין ווערק זאָלן זיך האַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק פון טיוול״.

אָבער דער טיוול וואָס גאָגאָל האָט דאָ אין זינען קען שוין נישט זיין אין אַ דימענסיע פון לוציפער, וואָס ספּעציאַליזירט זיך אין טראַגישע גרויסע מאַקאַברישע ענינים. דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ קליי־נעם טיוול, וואָס גרייפט נישט אָן די מעכטיקע נאָר די קליינע. זיינע קליענטן זענען שוין נישט די מערדערס אָדער הייליקע, נאָר אומבאַ־דייטנדיקע פאַרשוינען, וועמענס אויסערלעכקייט זעט אויס ווי „יע־דער פון אונדז״, און זיי רעדן אַזוי ווי מיר. זיי געהערן נישט צום הויפּט־צענטער, נאָר גיכער צו דער פּעריפעריע. דעריבער רופן זיי נישט אַרויס קיין ספּעציעלן פאַרדאַכט אין זייער ספּעציפישקייט.

אויב לוציפער זוכט זיינע קרבנות צוליב געווינען זייערע נשמות, איז דאָ אַ גאַנץ פּראַקטישער ענין: פאַרדינען געלט. דער מאַטעריאַ־ליסטישער אינטערעס לייגט אַרויף אויף טשיטשיקאָוו דעם חותם פון דעם צעך־אַפּעריסט — דאָס געמיינע אינעם מענטש, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום זאַך, אויב ער קען נאָר פון דעם עפּעס געניסן. אין דער אַקציע איז דער דעמאָן דאָ בצורת אדם, גאָר נישט עלעגאַנט, נישט יונג, אָבער אויך נישט צעכראַסטעט און עובר בטל.

מיטן מאָמענט ווען טשיטשיקאָוו דינגט פאַר זיך אָן אָרט אין דער אכסניא פון שטעטל און קאָנטאַקטירט די לאָקאַלע פּריצים פון אַרום, מוז ער צו יעדן איינעם רעדן אין אַ לשון וואָס איז אייגן דעם געררו־

פענעם בעל דבר. ביי יעדער טעמע דאַרף ער זיך „פּילן ביי זיך אין דער היים“, צי עס האַנדלט זיך וועגן געריכטס־ענינים, אָדער גאָר וועגן הינט און פערד, ווו ער דאַרף אַריינוואַרפן אַ פּאָר באַמער־קונגען וואָס זאָלן דאָ זיין אויפן אָרט. דאָס איז שוין פאַרבונדן מיט אַ מענטאַלער גימנאַסטיק ביים צוגרייטן זיין מאַקאַברישן מיסחר. אינ־טערעסאַנט איז אויך דער אָפּרוף פון זיינע סוחרים מיט וועלכע ער אונטערהאַנדלט.

צו ערשט איז ער פאַר זיי אַ סורפּריז. זיי ווילן דעם ענין איבער־קלערן. אויך אַ ביסל פאַרדעכטיק, נישט עפּעס צוליב אוממאָראַליש־קייט אין דעם מיסחר, נאָר צוליבן פאַרגעלייגטן פּרייז... נאָר אַזאַ ווי מאַנילאָוו קלערט איבער צי די טראַנזאַקציע איז נישט קעגן די געזעצן פון לאַנד און טשיטשיקאָוו מוז אים פאַרזיכערן נישט מורא צו האָבן פאַר קאָמפּליקאַציעס.

אגב האָט דאָך די אינסטיטוציע פון לייב־אייגנטום זיי אַלע צוגע־גרייט אַז אַלצדינג בנוגע פּויערים קען פאַרקויפט ווערן, דער קערפּער צוזאַמען מיט דער נשמה. זיי זענען גאָר קיין שום שלעכטס נישט וואָס דער מיסחר ציט אַריין אין שקלאַפעריי אויך שוין די פון קבר. עס איז לאָגיק וואָס איז דערפירט צום אַבסורדאַלן — מאַכן אַ ליסטע פון די געשטאָרבענע פּויערים און דעם פּרייז פאַר יעדן קאָפּ — אַ קליינע סומע —וואָס גייט אויך אריין אין דעם אַבסורדאַלן קרענצל.

מיטן וווּקס פון דער צאָל מתים וואַקסט דער אָפּטימיזם ביי טשי־טשיקאָוון, וואָס קויפט זיי אָפּ פאַר אַ שמעק טאַבאַק. ער איז זיכער צו קענען פאַרמשכנען זיי אין דער מלוכה־באַנק און אַריינקריגן אַ פאַרמעגן, דורך וועלכן ער וועט קענען פאַרנעמען אַן אָרט אין דער געזעלשאַפט; ער חלומט פון קאַרעטעס און פּאַלאַצן...

לאָמיר נאָך אַמאָל אונטערשטרייכן, אַז אין אַ לאַנד ווו ס'איז לעגאַל צו פאַרקויפן לעבעדיקע מענטשן, קען מען דען פאַראורטיילן ביים פאַרקויפן טויטע נשמות? אין סך־הכל ווערט עס רעדוצירט נאָר צו אַריטמעטיק פון פּרייז און שטיק, טראַנספערירט פון איין רעכנבוך צו אַ צווייטן.

לאָמיר דעם ענין זען אויך אויף אַ צווייטער פּלאַן: די לאַנד־אייגנטימער וואָס פאַרקויפן טויטע נשמות זענען דאָך אויך אַליין שוין טויטע נשמות; כאָטש זיי רעדן, עסן, שלאָפן און „באַוועגן זיך ווי לעבעדיקע, איז עס נאָר איבערפלעכלעך, מחמת עס שיינט אַז זייער קערפּער איז שוין אָן אַ נשמה“ (גאָגאָל).

איצט די צוגעקליבענע נעמען. למשל, סאָבאַקעוויטש (פון רוסיש סאָבאַקאַ: הונט). הגם ער, דער בעל דבר, איז אין אַ פּריווילעגירטער פּאָזיציע — אַ באַלעבאָס איבער מענטשלעכע לעבנס, און איז איינ־

צייטיק, אַ כיטרער, וויל כאַטש קריגן פאַר יעדן טויטן אַ הונדערט רובל. זיי זענען ווערט, מחמת ער רעכנט אויס זייערע געוועזענע פּראָ־פעסיעס און אַרבעטסזאַמקייט. דערביי האָט ער אַ מויל ווי אויף שרויפן און הערט נישט אויף צו לויבן די מעלות פון זיין סחורה.

ווען טשיטשיקאָוו קומט שוין ענדלעך צום וואָרט, זאָגט ער: וואָס טויגן די אויסגערעכנטע מעלות, אַז זיי זענען שוין טויטע? ער גיט נאָך צו אַ רוסיש ווערטל — „אַ טויטער קען שוין קיין פּאַרקאָן נישט אונטערשפּאַרן". אָבער דער כיטרער סאָבאַקעוויטש גיט גלייך אַזאַ ענטפער: — אוודאי זענען זיי שוין טויטע. און די וואָס לעבן נאָך יאָ, טויגן דען צו עפּעס? קענסט זיי אָנרופן: פליגן.

אויב מאַנילאָוו רעדט נאָך אַ ביסל פילאָזאָפיש וועגן דעם מיסחר („ווי אַזוי קען איך נעמען געלט פאַר נשמות וואָס האָבן אויפגעהערט זייער עקזיסטענץ?"), איז די אַלטע יידענע — קאָראָבאָטשקאַ — שוין מיט ביידע פיס אויף דער ערד. זי שיינט אויסצוזען אַ ביסל אידיאָ־טיש, אָבער איז שטאַרק פאַרדעכטיק אויפן סוחר: „טויטע נשמות?", פרעגט זי. ווילסט טאַקע זיי צוריק אויסגראָבן פון דער ערד? איך האָב באמת פריער קיין מאָל נישט פאַרקויפט קיין טויטע מענטשן. כ'האָב מורא געהאַט... זוכסטו נישט מיך אָצונאַרן? — — — ביסט עפּעס זייער מאָדנע. זאָג וויפל זענען זיי ווערט? איך מיין, זיי זענען נאָר שטויב, נישט מער, פאַרשטייסט, — נישט מער ווי שטויב. דעם אמת געזאָגט, כ'בין דאָך נאָר אַן אָרימע, אומדערפאַרענע אלמנה. כ'וועל נאָך אפשר בעסער וואַרטן, טאָמער וועלן קומען אַנדערע קונים, כ'וועל קענען פאַרגלייכן די פרייזן. דאָך, נאָך אַלע באַוואָרעניש פאַרקויפט זי אַלע טויטע פון איר פאַרמעגן, באַקומט אַ סיגנאַציע פון פופצן רובל און טשיטשיקאָוו מאַכט פון זיי אַ ליסטע.

עס דעפילירן דורך פאַרן לייענער איינער נאָכן אַנדערן אָט די לייב־אייגנטימערס, יעדער מיט זיין ספּעציפישן כאַראַקטער און פירונג מיט זיינע מוזשיקעס.

אָט איז פּליושקין, אַ קאַרגער הונט, געלאָזט די מוזשיקעס זיינע הונגערן, אַליין אויך פאַרגעסן ווי רייך ער איז. דער אויסזיכט צו פאַרקויפן טויטע נשמות דערפרייט אים, ס'איז אים צום האַרצן אַזאַ מיסחר. ער דינגט זיך שטאַרק מיט טשיטשיקאָוון און לסוף פאַר־קויפט ער אים נישט נאָר די טויטע, נאָר אויך די לעבעדיקע אַנט־לאָפענע פויערים, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס ערגעץ און קיין שום מאַכט קען זיי נישט געפינען. אויך אַזעלכע זענען פאַר טשיטשיקאָוון אַ סחורה, אַזוי לאַנג ווי ער דאַרף זיי נישט געבן עסן און זייערע נעמען פיגורירן נאָך אַלץ אין די פּאַפּירן פון דער לעצטער ציילונג.

פאַרענדיקט אַ טאָג מיסחר, שלאָפט זיך טשיטשיקאָוו רואיק מיט

דעם געשעפט וואָס ער האָט באַוויזן צו מאַכן דורכן טאָג, און אין דער פרי מאַכט ער מיט פרייד זיין ליסטע, ווי ער וואָלט צוגעגרייט אַ מייסטערווערק!

גאָגאָל באַמערקט דאָ: „איבערקוקנדיק זיין ליסטע פון אָט די מוזשיקעס, וועלכע זענען אַמאָל געווען אמתע פויערים, געאַרבעט, גע־שיכורט, פון באַלעבאָס געגנבעט, און די ערלעכע — יעדער פון זיי האָט דאָך געהאַט זיין אייגענעם כאַראַקטער. איבערגעלייענט זייערע נעמען האָט ער צו זיי צאַרט אָפּגעזיפצט, מיינע טייערע פריינד, וויפל זייט איר? וואָס האָט איר געטאָן ביים לעבן? ווי אַזוי האָט איר געלעבט?״

זייענדיק איצט בראש פון אַ לעגיאָן, האָט ער זיך נישט באַ־טראַכט אין עפּעס שולדיק. וואָס פאַראַ שלעכטס האָט ער זיי געטאָן? דעם געשעפט פירט ער ווי אַן ערנטלעכער בירגער, לויט די געזעצן פון די אָפּיציעלע דאָקומענטן. אויב די אַדמיניסטראַציע נעמט זיי אָן פאַר לעבעדיקע — זענען זיי דאָך.

דער ענין פון לעבן און טויט איז פאַר טשיטשיקאָוון נישט געווען דער צענזוס פון גאָט, נאָר פון דער ציווילער אַדמיניסטראַציע, אַן ענין פון ליסטעס אין דער בוכהאַלטעריע. סוף־כל־סוף איז דאָ די גרענעץ פון זיין און נישט־זיין אַ פאַרנעפּלטע, האָט ער מיט אַ שמייכל קאָנסאָלידירט זיין נצחון און געווען צופרידן פון די געשעעניש. ער דערמאָנט זיך די רייד פון דער קאָראָבאָטשקאַ, וואָס איז נאָך דעם געקומען אין שטאָט דערוויסן זיך דעם איצטיקן פרייז אין דער געגנט פאַר טויטע נשמות. האָט זי נישט פאַרהאַנדלט זיי צו ביליק?...

פון דעם האָבן שוין אָנגעהויבן בייזע צינגער פּלאַפּלען, באַ־אַמטע וווּנדערן זיך, ערנטלעכע פרויען האָבן שוין געקוקט מיט חשד אויף טשיטשיקאָוון, פירט ער נישט עפּעס דאָ אַ טונקעלען געשעפט? ס'האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפֿקומען מענטשן אין שטיבער, ווו מ'האָט זיי שוין יאָרן נישט געזען. אַ חשד און פּאַניק האָט עפּעס אַרומגע־כאַפּט די מענטשלעכע מוחות, זיי פּרוּוון פאַרשטיין...

אָבער די אַלע אויספאָרשונגען, שרייבט גאָגאָל, האָבן גאָרנישט געקענט אויפווייזן וועגן טשיטשיקאָוון. דאָך מוז ער פאַרט עפּעס זיין — — דאַרף ער אַרעסטירט ווערן? זיצן אין תפיסה פאַר זיינע געמיינע כוונות? אָדער אפשר איז ער גאָר דער, וואָס קען אַרעס־טירן „זיי אַלע אַריינוואַרפן אין טורמע אַלס פאַרדעכטיקע״? טשיטשי־קאָוו וואָס האָט דורכגעטאָשט אַזוי פיל ליסטעס, קאָמפּראָמיטירט אַזוי פיל לאַנד־אייגנטימערס און צום נאַר־געמאַכט אַזוי פיל באַאַמטע, לאָכט זיי אַלעמען אויס. ער איז איצט אַן אויפגעבלאָזענער מענטש, וועלכער שוועבט אין דער לופטן און האָט גורם געווען אַזאַ נעפּל אין

די מוחות: איז ער אַ שונא פון דער מענטשלעכער ראַסע, אָדער ער אַרבעט פאַר דער מענטשהייט? צי גאָר אַ מלוכה־קוריער מיט אַ געהיימער מיסיע?... השערות קורסירן אַרום: איז ער נישט אַמאָל נאַפּאָלעאָן וואָס איז אַנטלאָפן פון סט. העלענא, אָדער גאָר דער אַנטיקריסט?

עס איז געוואָרן אַרום אים אַ גרויסער טאַראַראַם און טירן הייבן זיך אָן פאַר אים פּאַרמאַכן. דערשפּירנדיק דעם שטורעם, מאַכט ער פּליטה, ווי עס האָט געטאָן כלעסטיאַקאָוו, דער כלומרשטער רעוויזאָר.

גאָגאָל פאַרענדיקט זיין טייוולאַנישע שפּיל פון די טויטע מוזשיקעס, מיט אַ לירישער נאָטקע וועגן אָט דעם טשיטשיקאָוו, וועלכער יאָגט זיך איבער די רוסישע וועגן „און דו, רוסלאַנד, וווּנדערסט זיך וואָס איז דער זין פון זיין שטאַרקן געיעג?”

און גאָגאָל זאָגט: „נאָך אַלעמען קענען דען מענטשן מיט זייערע געזעצן באַשטראָפן דעם טייוולס שליח!”... אינטערלודיעס און דיגרעסיעס פון מחבר פילן אויס אָן אַכטל פונעם ווערק. דאָס זענען געמישטע צווישנשפּילן פון מעדיטירונגען און פּאָעטישע אימאַזשן, ווי, למשל, דער פּאָעטישער הימן וואָס פאַרגלייכט רוסלאַנד מיט דעם געשפּאַן פון דער זיך־יאָגנדיקער טראָיקאַ, וואָס פירט דעם אַפעריסט „איבער די רוסישע וועגן אין אַ שטאַרקן געיעג מיט אַזאַ מיסטעריעזן כוח, וואָס איז נאָך נישט געווען”.

די רוסישע קריטיק האָט אויפגענומען גאָגאָלס „טויטע נשמות” מיט צעטיילטע מיינונגען. הערצען האָט אין זיין טאָגבוך (יוני, 1848) עס באַגריסט, ווי „אַ ביטערער אָנווייז אויף דעם היינטיקן רוסלאַנד. אָבער, ס'איז דאָ האָפנונג... זיינע פּאַרטרעטן — דאָס זענען אונדז, אין דער פּולקייט. אין טשיטשיקאָווס וועלט הערשט אָן אומעט”.

אָבער בולגאַרין האָט שוין געשריבן אַז „גאָגאָל האָט געמאַכט אַ קאַריקאַטור פון דער רוסישערווירקלעכקייט”.

פון דער אַנדערער זייט האָט בעלינסקי עס באַצייכנט ווי אַן אומשטערבלעך מייסטערווערק, אין דער קאָנצעפּציע און דורכפירונג אויפן סאָציאַלן, היסטאָרישן און געזעלשאַפטלעכן פּלאַן.

יעדער האָט געפונען אין דעם בוך דאָס וואָס ער האָט געוואָלט האָבן: אַן אָנגריף אויף לייב־אייגנטום, אָדער אַ קאָשמאַר־וויזיע וואָס האָט נישט קיין שום גרונט אין דער רעאַליטעט, במילא — אַ טיפע באַליידיקונג אויפן פאָטערלאַנד און זיין מאַיעסטעט־רעגירונג. די קאָנסערוואַטיוון, סלאַוואָפילן פון איין זייט, און די אייראָפּעער — פון דער צווייטער, האָבן זיך אַרומגעקריגט וועגן דעם ווערק.

גאָגאָל האָט אויך גענומען אַ וואָרט און דערקלערט, אַז ביים שרייבן האָט ער נישט געהאַט קיינע מאָראַליזירנדיקע כוונות. זיין

ציל איז געווען צו לאַכן פון זיך אַליין, אונטערצובעטן אַן אויסגע־טראַכטן מענטש מיט זיינע אייגענע פעלערן.

מיט דעם האָט ער זיכער געזאָגט די וואָר, מחמת ער האָט אין די פאַרשוידענע פראַזשעקטירט זיינעם אייגענע מינוסן. זיי זענען געווען זיין שעיר לעזזל פאַר די זינד פון זיין פערסאָנאַליטעט. איי־נעם האָט ער געגעבן — חשק צו ליגנערן אויף טיש און אויף בענק, אַ צווייטן — היפּאָקריזיע; אַ דריטן, תאווה צו באַרימען זיך, גרויסע אויגן אויף אַלץ. זיכער האָט ער אויסגעבאָרגט אויך די זינד פון זיינע פריינד און באַקאַנטע, און וואַרשיינלעך האָט ער מער געגישטערט אַרום זיך ווי אין זיך, דאָס וואָס קומט פאַר אין אים גופא. אָבער אַלע צוזאַמען האָבן צווישן זיך די געמיינזאַמע פעלערן, שווערע און לייכטע, לעטאַרגישע און פאַרפּוילטע.

שרייבנדיק וועגן די „טויטע נשמות" באַמערקט גאָגאָל: „קיינער פון מיינע לייענערס האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין פאַרדאַכט, אַז ווען זיי לאַכן פון מיינע העלדן לאַכן זיי פון מיר. דער אמת איז אַז כ׳פאַרמאָג נישט אַזאַ חסרון וואָס זאָל פאַרשטעלן דאָס איבעריקע פון מיר, פונקט ווי כ׳האָב נישט גאָר אַזעלכע גלאַנצפולע מעלות, וואָס זאָלן קענען צוגעבן אַ גרעסערע דימענסיע מיין פערזאָן. וואָס איך פאַרמאָג אָבער יאָ איז אַ פולע קאָלעקציע פון יעדער מעגלעכער פּאַסקודסטוואָ, אָבער אַלץ אין קליינע מאָסן... גאָט האָט מיר געגעבן אַזאַ פערסאָנאַליטעט, ווו ס׳איז דאָ פון אַלץ צו ביסלעך...".

דאָס איז גאָגאָלס אַ מין אַפּאָלאָגעטיק, געשריבן נאָך דעם ווי די קריטיק האָט זיינע „טויטע נשמות" באַהאַנדלט פּראָ און קאָנטראָ; מיט שטאַרק לויבן און שטאַרק אַראָפּרייסעריש. דער אמת איז, אַז נאָכן פאַרענדיקן זיין ווערק האָט שוין גאָגאָל אַליין נישט געוווּסט, וואָס ער האָט מיט דעם געמיינט צו זאָגן.

געטראַכט האָט ער אויסצולאַכן דעם טיזול, לסוף גאָר גע־פייערט זיין נצחון; געוואָלט לכתחילה נאָר גלאָריפיצירן די גרויסקייט פון רוסלאַנד, אָבער אַרויסגעשטעלט גאָר אַ קאַטאַלאָג פון באַנאַלי־טעטן און קליינלעכקייטן, וואָס טוען באַפלעקערן זיין ווערק. ער האָט באַטאַנט זיין רעכט צו געבן אַנוויזונגען זיינע ברידער, אָבער זיך אַזוי פאַרדרייט, אַז זיי לאַכן גאָר אָנשטאָט צו באַגראָבן זיך פאַר חרפּה.

אגב איז אויך אינטערעסאַנט צו זען וואָס עס האָט זיך אָפּגע־טאָן ביי דער צענזור פאַרן דרוקן דעם מאַנוסקריפּט. איינער פון די צענזאָרן האָט ביים בלעטערן אַרויסגעציפּט עטלעכע זאַצן אין וועלכע אַן אייגנטימער בויט זיך אין אַ מאָדערנעם סטיל אַ פּאַלאַץ, „דער אימפּעראַטאָר בויט זיך דאָך אויך אַ פּאַלאַץ אין מאָסקווע", האָט אַ זאָג

געטאָן דער צענזאָר, קאַטשענאָווסקי. דאָס איז געגוג געווען דאָס כוך זאָל פאַרבאָטן ווערן.

גאָגאָל האָט געחלשט ווען ער האָט עס דערהערט, נישט דער־וואָרט אַזאַ ברוטאַלן פסק־דין. נאָך אַ ריי ענדערונגען איז ענדלעך דערלויבט געוואָרן עס זאָל דערשיינען אין דרוק זיין בוך, אויף וועלכן ער האָט אָוועקגעגעבן אַזוי פיל יאָרן אַרבעט. ווען עס האָט זיך שפּע־טער אַנגעהויבן דער טומל און מען האָט אים נישט געוואָלט אפילו באַצייכנען ווי אַ רוסישן שרייבער, אַן אָרנטלעכער בירגער פון אימפּע־ראַטאָר, איז ער שנעל אַוועק קיין אויסלאַנד נישט צו הערן די באַליי־דיקונגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן צו אים פון די באַשולדיקערס. דיסטאַנץ האָט אָבער נישט געקענט פאַרהיטן פון די אַטאַקעס אויף אים, נאָר קלעפּ האָט ער לייכטער געקענט פאַרטראָגן אין אויסלאַנד, ווי זיין אין צענטער פון טומל.

ער האָט דערהאַלטן די אַרטיקלען וועגן אים, פיינטלעכע און לויבנדיקע. געטראַכט אַז ער דאַרף איצט זיך גרייטן, און ממש גע־פילט די נויטווענדיקייט אויסצובריייטערן דעם פאַרנעם און די ריכ־טונג פון דעם ווערק. אויב ביז איצט האָט ער געמאָלן דעם גיהנום פון רוסישן לעבן מיט זיין גאַנצן שווידער, וועט ער איצט מאָלן די גוט באַלאַנסירטע נשמות, זייערע אידעלע אַספּיראַציעס וואָס זאָלן אויספילן דעם צווייטן באַנד. אין דריטן וועט ער שוין די לייע־נערס אַריינפירן גלייך צום ליכט פון גן־עדן, ארויסהייבן די פּאָזי־טיווע טיפּן, די אידעלע מענטשן, דעם רוס — פון מאָרגן.

געקומען קיין מינכען צו זוכן אינספּיראַציע פאַר די קומענדיקע בענד און צוליב די שלעכטע וועטערן פאַרקערעוועט קיין איטאַליע.

אין סט. פּעטערסבורג האָט מען דאַן געשפּילט גאָגאָלס קאָמעדיע „הייראַט" (1842), וואָס איז געוואָרן זייער שלעכט אויפגענומען. ער האָט אויף איר געאַרבעט אַ ניין יאָר, איבערגעשריבן אין פאַרשידענע ווערסיעס, רעווידירט סצענקעס, צוגעגעבן נאָך כאַראַקטער־טיפּן, אונ־טערצובעטן די פאַבולע וואָס באַשטייט פון אַ וואַקלדיקן חתן־בחור, וואָס ווערט מאַנעווורירט דורך זיינע פריינד חתונה צו האָבן, אַנטלויפט ער אין דער לעצטער מינוט און לאָזט זיך נישט פאַרנאַרן אין זייער צוגעגרייטער נעץ.

ער האָט איבערצייגט דאָס מיידל אַז זי וועט געפינען אַ בע־סערן שידוך, ווי מיט אים. אָבער ער אַליין לעבט דורך ספקות צי דאַרף ער בכלל חתונה האָבן און „זיין גאַנץ לעבן, זיין גאַנצע עק־זיסטענץ זאָל זיין צוגעבונדן צו עמעצן, און נאָכדעם גאָרנישט, קיין חרטה, קיין אַנטלויפן פון דעם עסק. ניין, דאָס איז נישט פאַר אים".

ער איז טאַקע אַנטלאָפן דורכן פענצטער און גאַלאָפּירט אין אַ דראָזש־קע, ווי כלעסטיאַקאָוו („רעוויזאָר") און טשיטשיקאָוו („טויטע נשמות").

עס איז אַ סיטואַציע־פּיעסע אָן אַ פאַקטישער אַקציע. פאַראַן נאָר די סאָציאַלע מיליע אין וועלכער ער פירט אַריין זיינע קאָמישע טיפּן און מיט דעם געעפנט אַ טירעלע פאַר דער סאָציאַלער קאָמעדיע אין רוסלאַנד. די חתנים וואָס פאַראַדירן פאַר דאָס מיידל (וואָס וויל שטאַרק חתונה האָבן), אַגאַפיאַ, וועלן מיר טרעפן שפּעטער אין טשעכאָווס דערציילונגען אין אַ 50 יאָר אַרום. אויך אין גאָנטשאַראָווס „אָבלאָמאָוו" באַגעגענען מיר אָט דעם אומדעצידירטן טיפּ. וואָס רעפּרעזענטירט די ביידע: די שוואַכע כאַראַקטערן, און זייער סביבה.

גאָגאָלס קאָמעדיע „דער „האַזאַרדניק" איז אויך טעמאַטיש גע־בויט נאָר אויף אַ וויץ, וואָס איז אָבער פאַרבונדן מיט אַן אַנאָנימער רוסישער קאָמעדיע, באַשריבן פון דעם בעל דבר גופא.

אַ געוויסער שטשעפּקין דערציילט דעם מחבר אַן אַנעקדאָט וועגן איינעם וואָס האָט געוואָלט אָפּנאַרן די שפּילערס, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר שטאַרק נאַיווע. אַרויסגעוויזן האָט זיך גאָר אַז ער אַליין איז דאָ אַריינגעפאַלן אין אַ נעץ פון דורכגעטריבענע אָפּע־ריסטן, „עקספּערטן", וואָס קענען די מלאכה בעסער פון אים. לייגט ער זיי פאַר צו מאַכן שותפות דאָס „געשעפט".

כאַראַקטעריסטיש איז גאָגאָלס אָבצעסיע מיט שווינדלערס — אַ טעמע צו וועלכע ער קערט זיך אָפּט אום אין פאַרשידענע וואַר־יאַציעס. און גראָד זענען זיי ביי אים טריאומפירנדיקע שווינדלערס. איינער איז אַ געמאַכטער רעוויזאָר, אַ צווייטער פירט מסחר מיט טויטע, אַ דריטער באַשווינדלט אין קאָרטן און דער סוף פּסוק — ווי דער אָפּעריסט מאַכט פּליטה. „די קאָטש מיטן פערד האָבן שוין געהאַט געוואָרט אונטן, נאָך מיט אַ האַלבער שעה צוריק".

די דאָזיקע קאָמעדיעס זענען געשאַפן מיטן צוועק דער עולם זאָל האָבן פון וואָס צו לאַכן. אָבער גאָגאָל האָט געפילט אַז קאָ־מעדיע, געלעכטער, דאַרף זיין אין תוך גאָר באַדייטונגספולער ווי דער אויבערפלעכלעכער קיצל. עס דאַרף אַרויסרייסן זיך פון דעם מענטשנס אינעווייניקסטער נאַטור, פון דעם אָרט וואָס האַלט פריש דעם אייביקן קוואַל. דער געלעכטער וואָס גייט אַריין אין האַרץ פון זאַכן. און גאָגאָל האָט דאָך גוט געוווּסט, אַז אויך דער מענטש, וואָס האָט שוין פאַר קיין זאַך נישט קיין מורא ציטערט פאַר געלעכטער. דאָס האָט ער מסתמא אין זינען געהאַט ביים „רעוויזאָר" און ביי „טויטע נשמות". אָבער האָט ער גאַנץ קלאָר אַליין באַטאָנט דעם כוח פון פרישן געלעכטער.

„דער שינעל״

מיר האָבן ביז איצט אויספירלעך באַהאַנדלט די פּריילעכע קאָמעדיעס פון גאָגאָלס סאַטירישער פּעדער. להיפּוך צו זיי איז „דער שינעל״ די רירנדיקסטע און חריפותדיקע; אויך די טיפסטע פון אַלע זיינע קורצע שאַפונגען. עס האָט אַ הומאַנישן באַריר, אַן אומעטיקן הומאָר און אַ מיסטעריעזע קוואַליטעט, וואָס באַאומרואיקט. וואַרשיינלעך האָט דאָסטאָיעווסקי פון איר געקראָגן די אינספּיראַציע פאַר זיינע אָרימע, דערנידעריקטע מענטשן, פאַרשפּיגלט אין זיינע פאַרשידענע גרויסע און קלענערע נאָוועלן. ער טוט ערגעץ אַ זאָג וועגן זיך און זיינע מיטצייטלערס: מיר זענען אַלע געקומען פון גאָגאָלס „דער שינעל״.

דער סוזשעט איז באַזירט אויף אַן אמתער פּאַסירונג, וועגן וועלכער גאָגאָלס פריינד האָבן אים געהאַט דערציילט. דער פאַקט איז געשען מיט אַ שלימזלדיקן קליינעם באַאַמטן, וואָס האָט נאָך שווערע קרבנות זיך געקענט דערלויבן צו קויפן אַ יעגערביקס און ביים ערשטן מאָל גיין אויף יאַגד האָט ער אים פאַרלוירן און אריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכער פאַרצווייפלונג. זיינע פריינד האָבן דאַן באַשלאָסן צונויפלייגן די סומע און קויפן אים אַן אַנדער יעגער־ביקס.

איז דאָ אַ געלעגנהייט צו זען ווי אַזוי גאָגאָל האָט טראַנספאָרמירט די געשיכטע עס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין זיין אינדיווידועלן סטיל: אַנשטאָט אַ יעגערביקס — אַ צו גרויסער לוקסוס פאַר אַן אָרימאַן — אַ מאַנטל וואָס איז דאָך אַ לעבנס נויטווענדיקייט אום ווינטער. דער העלד פאַרלירט נישט דעם אויבערמאַנטל — זיין טייערסטער פאַרמעג — נאָר מען גנבעט אים צו. ער האָט אָבער נישט געהאַט די גוטהאַרציקע פריינד צו דערבאַרעמען זיך אויף אים, פאַרקערט. ער טרעפט זיך אָן אויף אייזיקער גלייכגילטיקייט פון אַלע זייטן צו וועלכע ער ווענדט זיך אין זיין עת צרה. ער קומט שוין נישט צו זיך פון זיין שווערן פאַרלוסט, שטאַרבט אַוועק דערשלאָגן.

גאָגאָל האָט די געשעעניש פאַרלענגערט דורך סורעאַליזם, באַהויכט מיטן איבערנאַטירלעכן עלעמענט, אַזוי אַרום איז דאָס אָריגינעלע געוואָרן מער גרויזאַם אין דער אומרעאַלער דימענסיע. דער העלד זיינער וואָס הייסט דאָ אַקאַקי אַקאַקעוויטש בּושמאַטשקין (אין רוסיש מיינט בּושמאַק: אַ קאַרפּעט צום טרעטן, צי שטעקשיך. דער אַבסורדאַלער נאָמען סימבאַליזירט דאָ וואָס יעדער איינער קען טרעטן אויף אַקאַקי אַקאַקעוויטשן, דעם בלאַסן, קליינעם באַאַמטן, וואָס זעט אויס „צו קומען אויף דער וועלט פּליכעוואַט און אַן אַן אוניפאָרם״). אַזאַ איינער ווערט דאָך א שעיר לעזזל ביי זיינע קאָלעגן, וואָס לאַכן פון אים אָפּ, רייצן זיך מיט אים, ער זאָל ווערן אוי־

סער זיך. אָבער ער קען קוים שוואַך פּראָטעסטירן, בעטן זיך ביי זיי אויפצוהערן. ער זאָגט: „וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך אייך געטאָן?"

די באַדייטונג פון דער דערציילונג איז דאָך אין דער סטרוקטור, אין סטיל פונעם טראַנסצענדענטאַלן אַנעקדאָט אַרום דעם גאַנצן פאַר־לויף פון דעם „שינעל", וואָס ווערט דער גרויסער טרוים פון אַ מענטשנס לעבן; די איבערלעבונגען זיינע ערב דער געשעעניש, ווען ער טרענירט זיך צו דעם הויכן איבערנאַטירלעכן שפּרונג אין זיין לעבן, ווי שוין דאָס אָנטאָן דעם שינעל מיינט אויסטאָן זיך פון זיין אייגענעם שאָטן.

באַלד אין אָנהייב פון דער דערציילונג, אין אַזעלכע דוכט זיך, אומשולדיקע פּרטים, ווי זיין גיין אויף די שפּיץ פינגער איבער די גאַסן צו שוינען זיינע שיך, אָדער זיין פאַרלירן זיך אין מיטן פון אַ גאַס צי פון אַ זאַץ. די דעטאַלן לייזן זיך אויף שפּעטערביים סוף פון דער דערציילונג, ווען מיר זענען שוין ביי דעם נאָך אַלעמען: דעם שינעל האָט מען אים צוגעגנבעט גלייך אין דער ערשטער נאַכט ווי ער האָט אים אָנגעטאָן; פון צרות שטאַרבט ער אַוועק, און זיין שאָטן וואַנדערט אַרום און פאַרפאַלגט די שטאָט. אָט דער מעטאַפיזישער עלעמענט, ווען דער שאָטן זיינער יאָגט זיך איבער די גאַסן פון סט. פּעטערסבורג צו זוכן דעם צוגעגנבעטן שינעל. און לסוף, ווען דער הויכער באַאַמטער זאָגט זיך אָפּ צו העלפן אים אין אַזאַ אומגליק — דוכט זיך אַ געוויינטלעכע געשעעניש — ווערט פאַרוואַנדלט אין אַזאַ שטאַרקער טראַנסצענדענטאַלער שילדערונג:

„די וויכטיקע פּערזענלעכקייט איז שיער נישט געשטאָרבן פון שרעק (נאָך דער באַגעגעניש מיטן שאָטן). אין זיין בּיורא איז ער געוווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. ווער עס האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף זיין טעמפּעראַמענט האָט געמוזט אַ ציטער טאָן... אָבער אין דעם מאָמענט האָט ער דערשפּירט אַזאַ שרעק, ווי ער וואָלט דערוואַרט אָן אָנפאַל... ער האָט אַפילו אַ געשריי געטאָן צום קוטשער, צו־פירן אים אַהיים און פאָרן ווי משוגע. דער קוטשער האָט אַ שמיץ געטאָן די פערדלעך און די קאָטש איז געפלויגן ווי אַ פייל־בויגן. די וויכטיקע פּערזאָן איז שוין געווען ביים בריקל פון זיין הויז, בלאַס, ציטערנדיק, אָן אַ מאַנטל. אַריין אין שלאָפצימער און פון דאָרט נישט אַרויס די גאַנצע צרהדיקע נאַכט. אין דער פרי האָט זיין טאָכטער גלייך צו אים געזאָגט: 'פּאַפּאַ, זעסט אויס אַזוי בלאַס היינט'. אָבער ער האָט געשוויגן, נישט דערציילט וואָס ס'איז אים באַפאַלן..."

וויכטיק איז דאָך אין אָט דער שילדערונג, וואָס אַקאַקי אַקאַקע־וויטשס שאָטן עקזיסטירט דאָך בלויז אויף דער שטאַרקייט, וואָס

עס פעלט דער מאַנטל. די מאַסקע פון אַט דעם שאָטן (די גאַנצע רעַ־אַליטעט איז דאָך דאָ אַ מאַסקע), וואָס זוכט אַרום דעם פאַרלוירענעם אוצר, און טוט אויס ביי דעם נאַכט־לעמפּל די מאַנטלען פון די אַלע פאַרבייגייערס, ביז ער טרעפט אָן דעם זעלבן „וויכטיקן״ פּערזאָן וואָס האָט אַוועקגעגנבעט דעם מאַנטל. נאָך דער באַגעגעניש געשעט שוין מיט זיין „עקסעלענץ״ דאָס וואָס מיר זעען אין דער ציטירטער שיל־דערונג (שטאַרק דאָ פאַרקורצט).

ביי מיר האָט אַקאַקי אַקאַקעוויטש זיך דורכגערופן מיט פּרצעס „באַנטשע שוויג״, אין דעם זין, וואָס זיי זענען בײדע שוצלאָזע באַשע־פעניש, וועלכע קיינער האָט קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן אַ ביסל וואַרעמקייט, נישט געלייגט אויף זיי די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט. בײדע זענען אַוועק שטיל פון דער וועלט.

נאָר אַנדערש גייט עס אָבער צו ביי בײדע נאָכן טויט. דאָס סוררע־אַליסטישע באַקומט אַן אַנדער דימענסיע ביי גאָגאָלן, ווען ער גייט אַריבער פון רעאַליזם צום מעטאַפיזישן. דאָס שדל פון דעם קליי־נעם באַאַמטן פאַרפאָלגט דעם מענטשלעכן אַרום. צווישן זיין לעבן און טויט איז דאָך פאַקטיש נישטאָ אַזאַ גרויסער אונטערשייד. ער איז דאָך פאַרן שטאַרבן געווען נאָר אַ שטיקל ביוראָקראַטישער אוי־טאָמאַט און גיכער איז זיין לעבן נאָך איינער פון די „טויטע נשמות״, ווי פון די לעבעדיקע.

אָבער מען דאַרף אים זען אין צוויי דימענסיעס, אין אַ רעאַלער, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט פון אַ דער־נידעריקט מענטשלעך באַשעפעניש, וואָס קומט אין אַ קאָליזיע מיט אַ קליינקעפּלדיקן בעל־גאווהניק, דעם פאַררייסענעם בעל־גוף פון אַ ביסל אַ העכערן טשינאָווניק.

די אַנדערע דימענסיע — די איראַציאָנעלע — פון אַן אידיי וואָס האָט דעם העלד אָנגעצונדן מיט אַ מין מיסטישער ליידנשאַפט, וועלכע האָט אין דער דערציילונג דעם לבוש פון אַ אַ שינעל. לאָמיר אויף אַ סעקונדע זען די אידיי פון אַזאַ אָדער אַנדערן כאַראַקטער צו וועלכע מענטשן שטרעבן, רייסן זיך צו דערגרייכן. אין זייערע אויגן זעט עס אויס אַ גרויסע זאַך, בעת פאַקטיש ציען זיי צו אַ שינעל...

בײם פאַרשן גאָגאָלס פּערזענלעכן לעבן און שאַפן, איז מיר נישט איין מאָל געקומען די מחשבה, אַז ער גופא איז אַ ספּעציפישע ווערסיע פונעם גורל וואָס איז געווען אַזוי בשותפותדיק צו אַזוי פיל ראָמאַנטיקער: זיי זענען געשטאָרבן ווען די וויזיע איז פון זיי געהאָט אַוועק. די טראַגעדיע פון זיין לעבן — דאָס באַקומען און פאַרלירן דעם מאַנטל — ווי אַן אַספּעקט פון גאָגאָלס קינסטלערישן שאַפן.

אַזאַ טיפּ ווי אַקאַקי און זיין מ׳שטיינסגעזאָגטע עקזיסטענץ אויף דער וועלט, פון אים איז געוואָרן דאָך שפּעטער דאָסטאָיעווסקיס מאַר־

מעלאַדאַוו (דערמאַנט זיך די סצענקע מיט אים אין „פאַרברעכן און שטראָף", דער עלעגאַנטער אָנפּנימדיקער טיפּ, וואָס איז „ספּעציעל גאָרנישט") און גאָגאָלס פּריץ, מאַנילאָוו, („טויטע נשמות") ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סווידריגאַלאָוו („פאַרברעכן און שטראָף").

אין דער וועלט זענען דאָך קיינער נישט קיין יחידים, און ווי אַקאַקי אַקאַקעוויטש ווערן די פאַרניכטעט ביים פּרוּוון באַקומען אַ הע־כערן זין פאַר זייער לעבן. דער שינעל ווי אַ סימבאָל, אַ שטרעבונג צו עפּעס, וואָס איז פּאָזיטיוו, דערהויבן אין דער מענטשלעכער עקזיס־טענץ, פאַרשווינדט אין דער דערגרייכונג בעת עס הייבט זיך אָן די טראַגיק...

גאָגאָלס קאָרעספּאָנדענץ

אין די לעצטע ביאָגראַפישע ווערק וועגן גאָגאָלן ווערט א סך פּלאַץ אָפּגעגעבן זיין פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ מיט זיינע פריינד. אַט די בריוו זענען זייער אינטערעסאַנט, מחמת זיי פּראָזשעקטירן גאָגאָלן דעם מענטש, וואָס איז געווען ווי באַקאַנט זייער אומסימפּאַטיש און ווי מיר וועלן עס דאָ בולטער אילוסטרירן.

איך האָלט פאַר נויטיק זיך לענגער אָפּצושטעלן אויף זיי; אויך אויף זיינע „געקליבענע אויסצוגן פון קאָרעספּאָנדענץ מיט מיינע פריינד", וואָס ער אַליין האָט נאָך פאַרעפנטלעכט ביים לעבן און אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם ביי זיינע ליבראַלע פריינד אַרום זיינע מיינונגען און באַטראַכטונגען וועגן פאַרשידענע ענינים.

אַמשאַרפסטן האָט ער אָפּגעשניטן ביי פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש פּלעטניעוו, וועלכער האָט פאַר גאָגאָלן אַ סך געטאָן פון ערשטן טאָג אָן זינט דער 19־יאָריקער גאָגאָל איז פון דאָרף זיינעם געקומען קיין סט. פּעטערסבורג.

קודם עטלעכע ווערטער וועגן דעם קריטיקער און פּאָעט פּלעט־ניעוו (1792—1865).

ער איז געווען פּראָפעסאָר פון רוסישער ליטעראַטור אין סט. פּע־טערסבורגער אוניווערזיטעט (שפּעטער, דעקאַן פון דעם אוניווערזי־טעט). ער האָט אויך געלערנט רוסישע ליטעראַטור מיט די קינדער און הויזגעזינד פון דער קעניגלעכער פאַמיליע, בפרט מיט דעם קרוינ־פּרינץ. נאָך פּושקינס טויט האָט ער רעדאַגירט דעם ליטעראַרישן זשורנאַל דער „מיטצייטלער", און זייענדיק אויך אינספּעקטאָר פון „פּאַטריאָטישן אינסטיטוט", האָט ער דעם יונגן גאָגאָל רעקאָמענדירט אַלס לערער, אַ פּאָסטן צו וועלכן ער האָט נישט געטויגט, אָבער פון אים מאַטעריעל אַ סך געוואָסן.

צו דעם פלעטניעוו (ווי צו אַנדערע פריינד זיינע און פּראָטע־זשירערס), האָט גאָגאָל אָנגעהויבן פּרעדיקן מוסר וועגן „מאָראַלישער היגיענע" און וועגן „אויפּפּענען זיך"...

פילנדיק זיך שטאַרק געטראָפן, האָט פלעטניעוו אים אַזוי אָפּ־געענטפערט: „...ווער ביסטו? ווי אַ מענטש, אַראָגאַנט, עגאָאיסטיש, אַ פאַרדעכטיק באַשעפעניש וואָס וועט צוליב באַרימטקייט אַלצדינג טאָן. ווידער ווי אַ פריינד — ווער ביסטו? דו קענסט דען האָבן פריינד? אויב וואָלסט זיי יאָ געהאַט, וואָלטן זיי דיר שוין לאַנג געזאָגט דאָס וואָס דו לייענסט איצט פון מיר.

האָסט צוויי סאָרטן פריינד: די וואָס האָבן דיך באמת ליב פאַר דיין טאַלאַנט; האָבן נאָך נישט תופס געווען „עפּעס" פון דיין אייגענעם איך, און זיי זענען: זשוקאָווסקי; (באַמערקונג: זשוקאָווסקי, אַ פּאָעט און איבערזעצער, איז געווען דער דערציער פון דעם קרוינפּרינץ, אַלעקסאַנדער דער ערשטער, און אויך געוווינט אין קעניגלעכן ווינטער־פּאַלאַץ. ער האָט געהאַט איינפלוס אויפן אימפּעראַטאָר, אינטערווענירט ביי אַ סך געלעגנהייטן לטובת פּושקינען און גאָגאָלן — י. ק.); די סמירנאָווס, די באַלאַבינס, און אַזאַ פריינד איז דיר אויך געווען פּושקין.

די אַנדערע פריינד דיינע פון דער מאָסקווער „ברודערשאַפט", ווי פּאָגאָדין, אַקסאַקאָוו; די סלאַוואָפילן, זיי ווילן האָבן אויף זייער זייט אַ געניאַלן מענטש, וועלכן זיי קענען אָנשיכורן מיט לויבווערטער ביז צום הימל...

פלעטניעוו גיט דערביי אַ שניידנדיקע קריטיק קעגן די דער־מאָנטע, וואָס האָבן „פיינט דעם אמת און די אויפקלערונג". ער דער־מאָנט זייער סוחרישקייט, פאַרטאָן אין האַנדל און אויפבוי, בעיקר בלויז אין זייערע פּערזענלעכע געשעפטן. „און דו, פרעגט ער גאָגאָלן, וואָס גייסט מישפּטן יעדן איינעם — גלייבסט אין זייער סעקטאַנטישקייט, צוליב זיי האָסטו מיך פאַרראַטן, אויסטורישנדיק מיינע ריינע געפילן און 'שוויגנדיקער סימפּאַטיע' אויף זייערע באַמבאַסטישע, גע־שמאַקלאָזע אויסרופן און פאַרטויבנדיקן אַפּלאָז... ביסט אריין צו מיר אין הויז ווי צו אַ שענק און ביסט אַוועק צו זיי" . . .

ער רעדט אויך וועגן זיין שרייבן, ווי אַ „ברילִיאַנטישער שאַפע־רישער טאַלאַנט, וואָס האָט אַרויסבאַקומען אַ די סודות פון שפּראַך, פון קונסט; אַ קענען טיף אַריינקוקן אין מענטש און נאַטור און אַרויס־ציען די קאָמישע אַפעקטן פון די סיטואַציעס". אָבער נאָך דעם שבח, גיט ער צו אַז ער איז מאַנאַטאָן, און ווען ער גייט איבער פון קאָמישן צום ערנסטן, דערגייט ער ביז געשמאַקלאָזיקייט; אָדער באָמ־באַסטישקייט, ביז צום אַבסורדאַלן. ער פאַרענדיקט די אַטאַקע קעגן גאָגאָלן מיט דעם, אַז ער האָט די פעיקייט צו פאַרבלענדן די קינסט־לער־אַנאַלפאַבעטן און אַמעראַצים...

איך האָב געגעבן נאָר פאַרקורצטע אויסצוגן, צו ווייזן אַ קריטישע אָפּשאַצונג און בעיקר פון גאַגאַלן דעם מענטש.

פיקאַנט איז וואָס גאַגאַל האָט אויפגענומען דעם שאַרפן בריוו מיט אַ געמיש פון פאַרדרוס און... פאַרגעניגן. ער ענטפערט אים הכנעהדיק, באַדאַנקט פאַר דער „מתנה" און באַטאַנט, אַז זייענדיק אין גאַנצן מסכים, דאָס ער האָט זייער אַ סך שווידערלעכע חסרונות, וויל ער דאָך אים ענטפערן פונקט ביי פונקט. נאָכן באַרעכטיקן זיך אין אַ לענגערן בריוו, גיט ער צו: היות ער האָט גורם געווען זיינע פריינד אַזוי פיל זאָרג, „וועל איך זיך אַליין באַשטראָפן דורך זיך אָפּזאָגן נאָכן טויט פון יעטוועדער געלט פאַר מיינע ביכער... מיין נשמה פאַרלאַנגט דעם קרבן... דעריבער וועל איך אין מאָסקווע און פעטערסבורג אָוועקגעבן דאָס געלט צו אָרימע, פאַרדינטע סטודענטן".

באַמערקט וועגן דעם ברייטן זשעסט איינער פון זיינע ביאָגראַפן, אַז נישט נאָר וואָס ער האָט דערביי פאַרגעסן אין זיין מאַמען און זיינע שוועסטערס, נאָר אַפילו אויך וועגן פערזענלעכע הצטרכותן, וועלכע ער האָט תמיד גערעכנט אויף די פריינד. זיי דאַרפן פאַר אים זאָרגן און אויסהאַלטן, און דאָס איז פונקט צוגעפּאַסט „צו דער מאָראַל פון זיין טשיטשיקאָוו"...

די ענטפערס וואָס גאַגאַל האָט באַקומען פון זיינע פריינד אין מאָסקווע און פעטערסבורג, זענען אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס זיי שטעמפּלען זיין ברייטן „זשעסט" וועלכן ער זאָגט צו נאָך זיין טויט, דערוואַרטנדיק, זיי זאָלן אים שוין איצט „לויבן פאַר זיין גוטהאַרציקייט".

אָבער דערווייל בעט ער ביי זיינע פריינד פרישע געלט... שעווירעוו (1806—1864) פּראָפעסאָר פון מאָסקווער אוניווערזיטעט, וועלכער האָט גאַגאַלן אַ סך געהאָלפן, שרייבט אים ער זאָל פריער אָפּצאָלן דעם חוב אַקסאַקאָוון, וועלכער געפינט זיך איצט אין זייער אַ שווערער לאַגע. און איידער ער גייט ווערן אַ פילאַנטראָפּ, זאָל ער זיין מאַמען און שוועסטערס פריער פאַרזאָרגן.

נישט באַקומענדיק קיין געלט פון זיי, האָט ער זיך געוואָנדן צו מרס. סמירנאָוו, וואָס איז געווען זייער רייך. צו ערשט גייט אין זיין בריוו צו איר אַ לאַנגע רעליגיעזע דיסערטאַציע, ביז ער קומט צו צו תכלית: „האָסט דאָך אָפּט גערעדט מיט מיר וועגן געלט. כ'האָב זיך איצט דעצידירט צו ווענדן זיך צו דיר. היות ס'איז דיר אָנגענעם צו העלפן מיר, בעט איך אַ הלוואה צווישן דריי און זעקס טויזנט רובל".

אין איר ענטפער שרייבט זי: „טראָגסט אחריות פאַר דיין מוטער און שוועסטערס, וואָס זענען פון דיר אָפּהענגיק. דיין פליכט איז דעריבער קודם זיי צו העלפן". ענטפערט ער איר גלייך אָפּ, אַז

ביי זיין מאַמען איז געלט אַ געלעכערטער זאַך. אויב פּלעטניעוו וויל, זאָל ער פון זיין געלט געבן און ער וועט זיך מיט אים שוין אויסרעכענען...

פּיקאַנט איז אויך זיין צוואה אין 5 פּונקטן, און דער לעצטער איז: „איך בעט אַז נאָך מיין טויט זאָל מען נישט לויבן און נישט אַראָפּרייסן מיינע ווערק אין צייטונגען און זשורנאַלן"...

פון די פיל קוריאָזן, וואָס זיינע ביאָגראַפן ציטירן, זעט מען בולטער ווי דין ס'איז די וועגטל פון געניאַליטעט ביז אַבסורדאַלקייט און טיפּשות. דאָס קענטיקט זיך בולט פון זיינע בריוו צו פאַרשידענע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געקענט דעצידירן „צי ער איז משוגע אָדער ער שפּילט דעם נאַר". אָט וואָגט ער שרייבן צום קריטיקער פּאָגאָדין, וועמענס פרוי איז אָקאָרשט געשטאָרבן און ער איז כולו טרערן און צער: „יעזוס וועט דיך העלפן צו ווערן אַן אַדלמענטש, וואָס דו ביסט עס נישט דורך דיין דערציונג אָדער נייגונג — זי, די טויטע, רעדט דורך מיר"...

גאָגאָל האָט שטאַרק עקספּלואַטירט דאָס הויז פון די פּאָגאָדינס, ווו ער איז אַ סך מאָל געווען אַ לענגערער צייט מיט „קעסט"... די וויזיטן האָבן זיך ס'רוב געענדיקט מיט שטורעמס, וואָס גאָגאָל האָט אים „באַצאָלט" פאַר דער גאַסטפריינדלעכקייט... אָבער ער האָט אויסגענוצט פּאָגאָדינס נאָמען, ווי אַ היסטאָריקער, אַרכעאָלאָג, פּראָפעסאָר פון מאָסקווער אוניווערזיטעט, רעדאַקטאָר פון אַ ריי אויסגאַבעס — ווען עס האָט אים גענוצט. דער ציטירטער בריוו (בעת ער האָט פאַרלוירן די פרוי) איז אָבער אוניקאַל אין דער קאָרעספּאָנדענץ פון „רחמים" ביי גאָגאָלן.

אונדז וועט באַלד אויסקומען נאָך מער זיך אָפּצושטעלן אויף זיינע בריוו — שוין די וואָס ער האָט אַליין פאַרעפנטלעכט אונטערן טיטל „געקליבענע אויסצוגן".

עס איז צוגעגאַנגען זייער שווער מיט דער צענזור, מחמת אַ טייל פון זיי פאַרנעמט זיך מיט ענינים פון דער אָרטאָדאָקסאַלער קירכע. צוליב דעם איז עס שוין ווייניק געווען די הסכמה פון מלוכה־צענזאָר. עס האָט אויך געדאַרפט באַקומען אַ הכשר פונעם צענזאָר פון דער קירכלעכער היעראַרכיע, און זי האָט אַ סך געשטראָכן פון אַ ריי בריוו. פון אַנדערע, גאַנצע טיילן אויסגעמעקט, רעפּראַזירט, געשניטן. אַזוי אַרום איז פון גאָגאָלס מאַנוסקריפּט פאַרבליבן נאָר אַ דריטל, וואָס איז דורכגעגאַנגעןביידע צענזורן...

אינטערעסאַנט, אַז דער אימפּעראַטאָר האָט נישט געטרויט אַפילו אַזאַ אולטראַ־פּאַטריאָט ווי גאָגאָל, מחמת עס איז געפעדלעך דערלויבן אַ שרייבער צו דיסקוטירן פּאָליטישע, סאָציאַלע און רעלי־

גיעזע ענינים — דאָס איז געווען זיין שיטה־דירעקטיוו צו די צענזאָרן.

נאָכן פאַרעפנטלעכן אין אַ בוך זיינע „געקליבענע אויסצוגן", האָט מען ערשט בולטער דערזען וואָס פאַר אַ פאַרפאַלענער גרויסער רעאַק־ציאָנער גאָגאָל איז! ער שרייבט: „אין עטלעכע צענדליק יאָר אַרום וועסטו זען ווי אייראָפּע קומט קויפן ביי אונדז חכמה — — אַ סחורה וואָס מ'קען נישט געפינען אויף די אייראָפּעישע מערק". אָדער — „וואָס טיפער מיר קוקן אַריין אין דער טעטיקייט פון דער אַדמיני־סטראַציע אַלץ מער באַוווּנדערן מיר די חכמה פון אירע גרינדערס. מען פילט אַז גאָט אַליין, דורך אונדז אומגעזען, בויט דורך די הענט פון די מאָנאַרכן. אַלץ איז פּערפעקט, אַלץ גענוגנדיק פאַר זיך גופא". ער גיט נאָך צו: אַ מלוכה אָן אַן אַבסאָלוטן מאָנאַרך איז ווי אַן אָר־קעסטער אָן אַ דיריגענט...

גאָגאָל האָט געגעבן גרויסע שבחים דער רוסישער אַריסטאָ־קראַטיע, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אירע הויכע קוואַליטעטן אין 1812 (די נאַפּאָלעאָנישע מלחמה). ער גיט אויך גוטע עצות די לאַנד־אייגנ־טימערס, באַאַמטע און בכלל קריסטן. ליבט שטאַרק די פּריצים וועל־כע ער באַטראַכט פאַר „גאָטס אַגענטן, שווער־אַרבעטנדיקע. זיי האָבן אַקציעס אין גן־עדן און קריגן קאָמיסיאָן אין ערדישער וואַלוטע"...

באַמערקט וועגן דעם זיין ביאָגראַף הענרי טראָיאַט, אַז ער האָט מסתמא ביים שרייבן די שורות הנאה געהאַט פון אַ וויזיע, ווי אַ פּריץ שטייט אויף זיין וועראַנדע, אַרום אים פאַרזאַמלטע קנעכט־מוזשיקעס, אין זיין האַנט אַ באַנקנאָט, אַ קנאַקעדיקן, נעבן אים אַ ברענענדיק ליכט און אַ טעסטאַמענט. ער צינדט אונטער דעם באַנקנאָט ביי אַ שפּאַנונג פון די מוזשיקעס.

דער צענזאָר האָט אָבער דעם אָפּזאַץ געשטראָכן, מחמת ער וויל פאַרברענען מלוכהש געלט... פּונקט אַזוי ווי דיך „רעוויזאָר" פאַר־אורטיילט דאָס שעדיקן מלוכהש פאַרמעגן דורך אויפגערעגטע פּראָפע־סאָרן פון געשיכטע אין אַלטערטום. איז דאָך בעסער דער מוזשיק זאָל בכלל נישט וויסן שוין אויך פון אַנדערע ביכער. ער פּראָפּאַגירט דעם פּריץ, אַ חוץ דעם טעסטאַמענט ווי אַ דערציאונגס־סיסטעם, זאָל ער מיטנעמען דעם דאָרפישן פּאָפּ (גלח) אומעטום. „מאַך אים פאַר דיין פאַרוואַלטער"...

נישט קיין חידוש וואָס די „אויסצוגן" האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם קעגן גאָגאָלן. געלויבט האָט אים נאָר די עליטע. די ליבע־ראַלן האָבן אים באַשולדיקט אין גלאָריפיצירן דעם ברוטאַלן אָפּגע־לעבטן אַבסאָלוטיזם. זיינע נאָענטסטע פריינד האָבן נישט געוווּסט ווי אַזוי אים צו באַטראַכטן: איז עס משוגעת, היפּאָקריזיע, אָדער פּשוטע טפּשות? זיין פריינד אַקסאַקאָוו האָט אים דאַן געשריבן: אויב

די פּובליקאַציע פון די „אויסצוגן" איז געווען איינע פון דיינע וויצן, איז דיר געלונגען דאָס, וואָס האָט זיך קיינעם פון אונדז נישט גע־חלומט . . .

„דו האָסט באַלידיקט גאָט און מענטשן צוגלייך".

ווי תמיד ביי אים, אין זיין מאַזאָכיסטישער ניינונג — וואָס שווע־רער די קלעפּ, אַלץ מער האָט ער געוואָלט באַקומען. געבעטן שע־וויראָון צו באַזאָרגן אים אַלע אַרויסזאָגונגען וועגן זיין בוך, ביי יעדן שטאָפּל פון דער געזעלשאַפט, אַפילו פון דער באַדינערשאַפט. ווי זיין שטייגער, האָט ער רעאַגירט מיט ביידע: הכנעה און שטאָלץ. קודם זיך מודה געווען אויף דיינע פעלערן, אָבער נאָך דעם זיי גלייך באַ־רעכטיקט. אַראָגאַנץ איז דאָך אים תמיד געווען אַזוי אייגן גלייך ביים אָפּקלאַפּן זיך על־חטא און אָנהייבן ווייטער פּרעדיקן מוסר.

ער שרייבט אַזוי צו זשוקאָווסקין: מיין בוך זע איך האָט אָפּגע־קלונגען ווי אַ פּאַטש אין פּנים צו מיינע פריינד און צום פּובליקום. עס איז נאָך מער ווייטיקדיקער די זאַך, וואָס דאָס האָט מיך גע־טראָפן. ס'איז מיר געווען ווי נאָכגיין נאָך אַ חלום מיט אַ געפיל פון אַ פאַרשולדיקטן יינגל.

מיינט איר דאָך אַז ער האָט זיך אָוועקגעלייגט אַליין אויפן בענקל? אַ נעכטיקער טאָג. זיין סוף פּסוק איז: „ס'איז דאָך אַ נוצלעך בוך", און ער בעט העלפן אים פאַרקויפן וואָס מער קאָפּיעס.

מער טשיקאַווע שרייבט ער צום קריטיקער ניקאָליי פּאַוולאָוו: „...ס'האָט זיך נישט געפונען קיין פריינד וואָס זאָל מיך פאַרהיטן, כאָטש איך מיין, אַז אַפילו עס וואָלט זיך יאָ אָפּגעפונען אַזאַ פריינד, וואָלט איך זיך אויך צו אים נישט צוגעהערט".

דאָס זענען גאַנץ קלאָרע דיבורים. ער איז פאַרבליבן פאַר־עקשנט, אַז ס'איז אַ נוצלעך בוך און ס'איז געווען גאָטס ווילן (ער האָט זיך אָן גאָט נישט גערירט...) ער זאָל עס אַרויסגעבן און ער האָט פון גאָט אַלע קוואַליפיקאַציעס צו געבן אינסטרוקציעס דעם מיטמענטש.

געווען איז ער אין אויסלאַנד ווען עס האָט זיך געקאָכט מיט זיין פּראָוואָצירנדיק בוך. ער פלעגט באַקומען די צייטונגען און זשור־נאַלן מיט אויסגעשטראָכענע שורות וועגן אים. די שאַרפסטע פיילן האָט ער באַקומען פון בעלינסקין (1811־1848), וואָס האָט אים דאָך פריער געהאַט מקרב געווען, אַרויסגעהויבן די ווערק זיינע מיט אַזוי פיל לויב און דערמוטיקונג.

איצט איז בעלינסקי געווען אויסער זיך פון די „אויסצוגן". ער האָט שאַרף רעאַגירט אויף זיי אין צווויי בריוו צו גאָגאָלן. אוודאי האָט גאָגאָלן נישט געשמעקט די אַטאַקע וואָס עס ווערט געפירט קעגן אים אויף פאַרשידענע פראָנטן, און ער ענטפערט בעלינסקין מיט אַזאַ

געמאַכטער תמימות: ווי אַזוי איז דאָס, וואָס יעדער איינער אין רוס־לאַנד איז אין כעס אויף מיר? איך זע אַז די מערבניקעס, די מזרחניקעס און נייטראַלע — אַלע אַן אויסנאַם זענען צאַרנדיק קעגן מיר — — קלאַפּ איך זיך על־חטא.

אָבער גלייך קריכט אַרויס דער זיך־אַליין־לויבנדיקער מוכיח, אַ נביא, וואָס האָט זיך איינגעהילט אין אַ מאַנטל פון אַ מאַרטירער, נישט צו שווינען זיך ביים זאָגן זיין אמת.

בעלינסקי איז געווען שווער קראַנק (אויף טובערקולאָז) און זיך קורירט אין זאַלצברוין (שלעזיע), ווען עס איז צו אים דערגאַנגען גאָגאָלס בריוו. שפּירנדיק ווי עס דערנענטערט זיך ראַשיק דער טויט, האָט ער געוואָלט אין זיין ענטפער קלאָר מאַכן די אידייען פאַר וועלכע ער האָט זיך געראַנגלט זיין גאַנץ לעבן: זיין האַס צום דעספּאָטיזם; אומצוטרוי צו דער קירכע; האָפענונגען אויף אַ וויסנשאַפטלעכן און סאָציאַלן פּראָגרעס, אין אַן אילומינירטער רעפּובליק, אין וועלכער אַלע מענטשן וועלן זיין גלייך.

גאָגאָלס זיך־באַרעכטיקונג קעגן די אַלע וואָס האָבן אים אַטאַקירט, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די שאַרפקייט פון אַט דעם גרויסן קריטיקער קעגן דעם בוך. כדאי דאָ צו באַמערקן אַז דער רוסישער צענזאָר האָט קוים דורכגעלאָזט אַ קליינעם טייל פון זיין אַרטיקל. היות ער איז דאָך געווען אין אויסלאַנד, האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך אים אָנגעזאַמלט אויפן האַרצן:

— וואָס? גאָגאָל פאַרשטייט נישט הלמאי מענטשן זענען אַזוי אויפגעצאַרנט קעגן אים? איך וועל עס אים אויפקלערן (האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיין פריינד אַנענקאָוו) און אָנגעהויבן שרייבן זיין לאַנגן בריוו.

זיין פּנים איז געווען שוין איינגעפאַלן, די הויט בלאַס, נאָר פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט דער פלאַם פון צאָרן. ער איז געזעסן ביים טישל מיט אַ שאַל אַרום די אַקסלען און געשריבן דעם בריוו. נאָכן פאַרענדיקן, ווען אַנענקאָוו האָט אים דורכגעלייענט, איז ער געוואָרן אַלאַרמירט פון דער שאַרפקייט, פאַרביסנקייט פון סטיל. געבעטן נישט צו שיקן אים.

בעלינסקי האָט נישט נאָכגעגעבן. אויף דער טענה, אַז ער באַליידיקט גאָגאָלן; האָט ער געענטפערט: איך קען אים גאָר נישט באַליידיקן אַזוי טיף ווי ער האָט מיך באַליידיקט, פאַרניכטעט מיין צוטרוי אין אים.

ווען גאָגאָל האָט באַקומען דעם בריוו איז ער גלייך ביי די ערשטע שורות געבליבן ווי פאַרשטיינערט. זיך אָנגעטאָן אַ כוח צו

לייענען, דורך איבערהיפּן אַ ריי זאַצן, אַזוי איז ער דורכגעגאַנגען דעם בריוו ביז צום סוף.

איך ציטיר דאָ נאָר געוויסע אויסצוגן פון בעלינסקיס בריוו, וואָס איז אַ נאָבעלער דאָקומענט פון אַ ספּיריטועלער אַטאַקע קעגן צאַריסטישן דעספּאָטיזם. געננג צו זאָגן, אַז בלויז פאַר פאַרשפּרייטן דעם בריוו איז מען געוואָרן פאַרשיקט אין סיביר אויף קאַטאָרגע.

איז לאָמיר הערן וואָס בעלינסקי שרייבט צו גאָגאָלן: „...יאָ, כ'האָב דיך ליב געהאַט מיט דער ליבשאַפט פון אַ מענטשן וואָס איז צוגעבונדן צו זיין לאַנד און האָט וואַרעמע געפילן פאַר דעם מענטש וואָס איז געווען זיין האָפנונג, האָנאָר און גלאָריע; ווי איינער פון די גרויסע מדריכים פון עוואָלוציע, וויסן און פּראָגרעס.

„איך קען נישט אַרויסברענגען וויפל צאָרן דיין בוך האָט אַרויס־גערופן אין יעדן נאָבעלן האַרץ. ווי אַ קינסטלער קענסטו זייער גוט רוסלאַנד פון דער טיף, אָבער נישט ווי אַ דענקער — אַ ראָל, וועלכער האָסט זיך אַזוי קאַטאַסטראָפאַל צוגעשאַנצט אין דיין משו־גענעם בוך. האָסט שוין דאָך לאַנג געהאַט די טבע צו קוקן אויף רוסלאַנד פון דיין געהויבענער דערווייטערטקייט! יעדער איינער וויסט דאָך ווי לייכט עס איז צו זען זאַכן — ווי אַזוי איינער וויל — פון דערווייטנס (גאָגאָל איז אַ צענדליק מאָל געווען אין אויסלאַנד און לענגער דאָרט פאַרבראַכט — י. ק.). אַזוי אַרום האָסטו קיין מאָל נישט געזען רוסלאַנד אָן קוקן צו מיסטיציזם, אַסקעטיזם און פרומ־קייט — ווי צו אָן אויסלייזונג! — — — זי נויטיקט זיך נישט אין פּרעדיקן (דרשות הערט זי איבערגענוג; תפילות זאָגט זי אויך גע־נוג...). וואָס זי נויטיקט זיך איז: מענטשן זאָלן אָנהייבן אָנען פון מענטשלעכער ווירדע... די שאַרפסטע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען היינט פאַר איר איז אָפּצושאַפן לייבאייגנטום, קערפּערלעכע באַשטראָפונג"...

„אין אָט דער צייט האָט זיך אַ גרויסער שרייבער אויסגעקליבן צו שרייבן אַ בוך, אין וועלכן ער ווייזט אָן אַ באַרבאַרישן לאַנד־אייגנטימער, אין נאָמען פון יעזוסן און דער קירכע, ווי אַזוי ער זאָל מאַכן מער געלט פון זיינע מוזשיקעס, זיי מער דערנידעריקן... ווען דו וואָלסט געמאַכט אַן אַטענטאַט אויף מיין לעבן, וואָלט איך דיך אַזוי נישט פיינט געהאַט בתכלית השינאה, ווי כ'פיל צו דיר פאַר די זייער האַרבע שורות וואָס דו האָסט געשריבן.

„איז אַזאַ בוך דער רעזולטאַט פון אַ שווערן אינעווייניקסטן גע־ראַנגל און געטלעכער דורכלייכטונג פון דער נשמה? אוממעגלעך! איז אָדער דו ביסט קראַנק און דאַרפסט היילן זיך, אָדער — איך וואַג אַליין נישט צו זאָגן וואָס איך טראַכט!... פּרעדיקער פון קאַנטשיק, אַפּאָסטאָל פון איגנאָראַנץ, טשעמפּיאָן פון אָבסקוראַנטיזם, באַזיגער

פון באַרבאַריזם — וואָס גייסטו טאָן? קוק אויף דיינע פּיס, זע ווי דו שטייסט ביים ראַנד פון אַן אָפּגרונט...

„ווי אַזוי האָט געקענט דער מחבר פון רעוויזאָר און פון טויטע נשמות זינגען הלל גדול פאַרן רוסישן קלער, און נאָך העכער — פאַרן קאַטוילישן פּריסטנטום? דיינע הימנס און לויב פאַר די מאַכט־אָרגאַ־נען זענען אָפּגים באַקוועם פאַר די נויטן, ערדישע, פון זייער איבער־געגעבענעם מחבר (אַן אָנמערק וועגן דער פינאַנציעלער הילף וואָס ער קריגט פון די אַריסטאָקראַטן און פאַר דעם צאָלט ער זיי אָפּ... — אָט די אַלוזיע האָט שטאַרק געטראָפן גאָגאָלן אין פּינטל — י. ק.)

„נישט קיין ווונדער, וואָס מען האָט גערעדט אין גאַנץ סט. פּעטערסבורג, אַז דו האָסט דעם בוך געשריבן מיט דער האָפנונג באַשטימט צו ווערן אַלס דערציער פון דעם קרוינפּרינץ יורש...

„נישט קיין חידוש וואָס דיין בוך האָט דיך דערנידעריקט אין די אויגן פון פּובליקום, סיי ווי אַ שרייבער און נאָך וויכטיקער — ווי אַ מענטש!

„אין דער ליטעראַטור, טראָץ דעם טיראַנישן צענזאָר, איז נאָך אַלץ פאַראַן עפּעס לעבן, אַ פּראָגרעסבאַוועגונג ביי אונדז! דאָס פּובליקום קוקט אַרויף צו דער רוסישער ליטעראַטור, ווי צום איינציקן וועגווייזער, פאַרטיידיקער, רעטער פון דער רוסישער אויטאָקראַטיע און אָרטאָדאָקסיע. איך וועל דעריבער פאַרגעבן אַ שרייבער פאַר אָנשרייבן אַ שלעכט בוך, אָבער איך וועל קיין מאָל נישט מוחל זיין, ווען ער וועט אָנשרייבן אַ פאַרניכטנדיקן ווערק. אויב דו האָסט ליב רוסלאַנד דאַרפסטו זיך פאַראייניקן מיט מיר, זיך פרייען צוליבן דורכפאַל פון דיין בוך. מתפלל זיין איז מעגלעך אומעטום, און די מענטשן וואָס זוכן יעזוסן אין ירושלים טוען עס דערפאַר וואָס זיי האָבן אים קיין מאָל נישט געפונען אין זייער הארצן, אָדער זיי האָבן אים דאָרטן פאַרלוירן.

„ס'איז נישט קיין נייעס דיין פּרעדיקן; אָנצוהייבן מיט הכנעה־דיקייט און דאָן, — — דער וואָס פּאַטשט דיך שכנס פּנים רופט אַרויס צאָרן. אָבער דער וואָס קלאַפּט זיך צו אָפּט אַליין... רופט אַרויס פאַראַכטונג. ס'איז נישט ריכטיק דיין זאָגן אַז דעם אמת פון דער קריסטלעכער דאָקטרינע קען מען געפינען אין דיין בוך. וואָס ס'איז יאָ אָבער זיכער איז דער קרענקלעכער פּחד פאַרן טויט, פאַר דעם טייוול און גיהנום"...

אַ שאַרפן בריוו האָט גאָגאָל באַקומען אויך פון זיין גוטן פריינד אַקסאַקאָוו (1791—1859), אַ פּאָעט, טעאַטער־קריטיקער און איבערזעצער פון מאָליערן. צווישן אַנדערן האָט אַקסאַקאָוו געזאָגט אים קליפּ און קלאָר וואָס ער טראַכט וועגן זיין שעדלעכן בוך.

גאָגאָל האָט געענטפערט בידע פון זיינע שאַרפסטע קריטיקער. עס האָבן אים געערגערט די ווערטער וואָס אַקסאַקאָוו האָט אים געשריבן: „האָסט זיך אַליין מיט דעם בוך געגעבן אַ שווידערלעכן קלאַפּ. דעריבער האָב איך דיך אַזוי שאַרף אַטאַקירט, ווי איך וואָלט אַטאַקירט יעדן איינעם וואָס וואָלט דיך אַזוי באַפאַלן".

גאָגאָל האָט זיך מודה געווען אַז אים האָבן אינטערעסירט טאַקע נאָר די, וואָס האָבן אים פינאַנציעל געהאָלפן. ער זאָגט גאַנץ קאַלטבלוטיק צו אַקסאַקאָוון: „איך האָב טאַקע געזאָרגט פאַר דיר ווייניקער, ווי דו פאַר מיר. — — איך בין אפשר נישט מסוגל צו האָסן, אָבער אויב מחמת אינטערעסן געפעלט מיר דער מענטש בעסער פון אַן אַנדערן... וואָס קען איך צו דעם טאָן? זעסט וואָס פאַר אַ באַשעפעניש אַ מענטש איז? זיין פערזענלעכער אינטערעס איז דאָס וואָס רעכנט זיך..."

צו פאַרענדיקן דעם ענין קאָרעספּאָנדענץ, וויל איך נאָר צוגעבן אַז דורך דעם שאַרפן בריוו־אויסטויש איז געוואָרן, צייטווייליק, איבערגעריסן די פערזענלעכע באַציאונגען מיט אַט די פריינד זיינע.

עולה רגל קיין ירושלים

גאָגאָל האָט זיך געגרייט אָנשרייבן אַן המשך פון זיינע „טויטע נשמות" אין אַ צווייטן באַנד, שאַפן עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל אויסנעמען ביי דער קירכע. נאַטירלעך האָט ער געגאַרט עס זאָל גלייכצייטיק אויך באַפרידיקן דעם קינסטלער אין אים, אפשר שוין אויך גאָגאָלן דעם מאַנאַך, ווי עס זענען געווען אַמאָל די באַרימטע איטאַליענישע גרויסע מאָלערס.

ער האָט זיך געגרייט עולה רגל זיין קיין ירושלים, צו באַקומען דאָרט אינספּיראַציע, אַ געטלעכע אָנווייזונג, שטאַרקייט און שעפערישע פאַנטאַזיע פאַר אַזאַ ווערק. עטלעכע יאָר האָט ער די נסיעה כסדר אָפּגעלייגט צוליב זיין פיזישער שוואַכקייט („מיין גייסט איז נאָך נישט גרייט צו דעם, גאָט וויל נאָך נישט, דעריבער די מניעות וואָס ער מאַכט מיר"). אין 1848 האָט ער זיך ענדלעך דעצידירט אָנצוהייבן די שווערע נסיעה פאַר אים. ער האָט זיך דורכגעשריבן מיט אַן איידעלער אַלטער פרוי, שערעמאַטאָוו, וועלכער ער האָט באַטראַכט פאַר זיין „גייסטיקער מאַמע", וועגן תפילות פאַר זיין צעטרייסלטער נשמה.

ביים געזעגענען זיך מיט איר הינטער מאָסקווע, איז געשען מיט אים אַזאַ קוריאָז וואָס איז נאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר גאָגאָלן. נאָכן אַרומנעמען זיך מיט איר האָט אים די פּאָליצײ געהייסן ווייזן

זיינע פּאַפּירן פון דער רייזע, אַ באַאַמטער האָט געוואָלט וויסן ווער פון ווי עס פאָרט? „אָט די קליינע אַלטע פרוי" האָט גאָגאָל געענט־פערט און זיך אריינגעזעצט אין קאַטש איבערלאָזנדיק דער פרוי שע־רעמאַטאַוו אין דער אומבאַקוועמער לאַגע צו קאָרעגירן...

ער האָט די נסיעה קיין ירושלים דורכגעמאַכט דורך קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל און אָוועקגעפאָרן צוריק אַ צעבראָכענער, אַן אַנטוישטער. די „הייליקע ערטער" האָבן ווייניק געהאָלפן זיין צעשפּאָלטענע נשמה, ווי די בעדער אין דייטשלאַנד האָבן ווייניק געהאָלפן זיין קערפּער.

אַראָפּגייענדיק אויף צוריקוועגס פון דער שיף אין אָדעס האָט ער צו זיך געזאָגט, אַז נאָך אַלעמען איז רוסלאַנד דאָס איינציקע הייליקע קריסטלעכע לאַנד. אָבער זיין הימלאַנד האָט אים איצט אויך נישט אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס.

נישט געפינענדיק קיין רו ביי דער פאַמיליע דינער אין דערפל, איז ער צוריקגעפאָרן קיין סט. פּעטערסבורג. דורך דער צייט שוין דורך אַ בריוו געהאַט זיך איבערגעבעטן מיט זיינע צעקריגטע פריינד, מיט אַקסאַקאָוון (מאָסקווע) און פּאָגאָדינען (פּעטערסבורג), וועמען ער האָט אַזוי שטאַרק פאַרזענלעך באַליידיקט, געחוזקט פון אים, מאַכנדיק צו קליינגעלט זיין הויז־פריינדשאַפט אין וועלכער ער, גאָגאָל, האָט זיך געפילט און געפירט מעשה באַלעבאָס, ווי אַלע וואָלטן אים געווען בעלי חובות און ער טוט זיי אַ טובה. זיינע פריינד האָבן געדאַרפט זיין די באַדינערס. זייערע הייזער — זיין האָטעל.

פּאָגאָדין האָט אים ווידער פריינדלעך אויפגענומען, נאָר פאַר־צייכנט אין זיין טאָגבוך, אַז „מענטשן באַטייטן גאָרנישט פאַר אים", הגם ווי האָבן אים באַהאַנדלט אַזוי קייזערלעך, איז דעם צעפּיעש־טשעטן גאָגאָלן אפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען ער זאָל עס אָפּ־שאַצן. פאַרקערט, ער האָט געגלויבט אַז ער טוט זיי אַן אַ כבוד וואָס ער שטייט איין ביי זיי. די פריינד דאַרפן וויסן ווי אַזוי זיך אויפפירן. בכלל איז געווען אוממעגלעך אַ שמועס צו טאָן מיט אים און דערגיין אַ טאָלק. אַ מענטש וואָס האָט בשום אופן נישט געקענט זאָגן דעם אמת. בעת ער איז געפאָרן קיין אוקראַינע, געזאָגט אַז ער פאָרט קיין רוים, אָדער פאַרקערט. אין מסיבות פלעגט ער ממש פאַר־שעמען זיינע פריינד מיט די אַבסורדן וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט. ווידער פריוואַט פאַזירט, ווי ער וואָלט געווען אַ נביא פון הימל.

אָט פאַלט אים איין גאָר צו מאַכן אַן עפנטלעכן גאָטדינסט אין זיינע צימערן. דער ריח פון ווייהרויך צעשפּרייט זיך איבערן הויז. פּאָגאָדין האָט דאַן פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך „אָרטאָדאָקסיע און אויטאָקראַטיע זענען אַריין אין מיין הויז. גאָגאָל האָט אָקאָרשט אַ מעסע געזונגען, צוגרייטנדיק זיין אַרויפגיין אויפן טראָן". גלחים

דורכפאַרנדיקע קיין מאָסקווע זענען צו אים געקומען און געוואָרן זיינע ספּיריטועלע וועגווייזערס. דער פאַנאַטישער פּריעסט מעטהיו האָט אים געהייסן זיך אָפּזאָגן פון ליטעראַטור און צוגרייטן זיין נשמה פאַר יענער וועלט. פּאָגאָדין פלעגט מיט וויטיק זיך צוזען ווי גאָגאָל פאַלט אַרונטער זייער איינפלוס. ער פלעגט צוריקקומען פון באַזוכן אין הערמיטעדזש אָפּטינאַ און זאָגן אַז די באַוווינער פון דעם מאָנאַסטיר געפינען זיך שוין אין מיטן וועג, צווישן הימל און ערד.

צווישן די באַזוכן האָט ער געאַרבעט אויפן צווייטן טייל „טויטע נשמות”, וואָס איז אים געגאַנגען זייער שווער. ער האָט, לויט זיין אויסדרוק „געדאַרפט אַרויסציען מיט צוואַנגען פון זיין קאָפּ די ווערטער”... די פראַגמענטן וואָס זענען יאָ פאַרבליבן פון זיין צווייטן מאַנוסקריפּט־באַנד זענען עדות פון גאָגאָלס פאַרצווייפלטן פּרווו צו דערפירן דעם נאַראַטיוו צו אַ געוויסן ניוואָ פון פּערפעקציע.

סוף יאַנואַר, 1852, האָט אים באַזוכט זיינס אַן אוקראַאינישער פריינד, דער ליטעראַטור און געשיכטע־פּראָפעסאָר, באָדיאַנסקי. פרעגט ער אַזוי גאָגאָלן אויף וואָס ער אַרבעט איצט? —איך ׳סקריבל׳ נאָר איצט, און קוק איבער קאָרעקטורן פון מיינע אַלטע ביכער, האָט גאָגאָל געענטפערט, און געזאָגט עס ווי ער וואָלט געגאַנגען פון אַ לוויה... דער פלוצלינגער טויט פון אַ פריינד האָט אַרויסגערופן אין אים דעם פאַרגעפיל פון זיין אייגענעם באַלדיקן טויט. האָט אים ווער געפרעגט: וואָס ציטערסטו אַזוי פאַרן טויט? דאַרפסט נאָר גלייבן אין גאָטס רחמנות — פאַרשווינדט גלייך דער פּחד. „דאָס וואָלט מען געדאַרפט אַ פרעג טאָן ביי די וואָס זענען דאָרט געווען”, האָט גאָגאָל געענטפערט...

די ביאָגראַפן פאַרצייכענען אַז ס׳איז געווען ביי אים אַן אָמביוואַלענטע באַציאונג צום טויט. ער האָט פון איין זייט געבענקט נאָך דעם און פון דער צווייטער — מורא געהאַט זיך צו לייגן אין בעט טאָמער וועט ער שוין צוריק נישט קענען אויפשטיין...

פאַרן שטאַרבן האָט ער גענומען דעם מאַנוסקריפּט פונעם צווייטן טייל „טויטע נשמות”. אויך קאַפּיטלען שוין פון דריטן טייל, און נאָך אַנדערע מאַטעריאַלן און זיי צוזאַמען אַריינגעוואָרפן אין ברענענדיקן פייער צו קענען קומען פאַר גאָט ריין. דער פלאַם האָט קודם אַרומגעכאַפּט די ברעגעס פון די פּאַפּירן. זיין באַדינער־ייִנגל האָט אַנגעהויבן וויינען, געבעטן זיין באַלעבאָס אַרויסנעמען די פּאַפּירן פון פייער. גאָגאָל האָט זיך נישט צוגעהערט...

✶

„גאָגאָל איז טויט", האָט טורגעניעוו געשריבן אין אַ טרויער־אַרטיקל. וועלכע רוסישע נשמה וועט נישט ווערן געטראָפן פון אָט די דריי ווערטער?

דעם פּאָליציי־שעף איז אָבער דער אַרטיקל נישט געפאַלן געוואָרן, מחמת ער האָט גאָגאָלן אַריינגענומען אין דער חברותא פון פּושקין, לערמאָנטאָוו און אַנדערע גרויסע נעמען פון דער רוסישער ליטעראַרישער וועלט. דער פּאָליציי־שעף האָט צוגעשטעלט אַ באַריכט, אין וועלכן ער האָט פאַרדעכטיקט טורגענעוון, ווי „דער אַקטיוּוסטער אַגענט פון אַלע צרות וועלכע מיר טרעפן אין דער אימפּעריע".

ער האָט פאַרגעלייגט צו האַלטן טורגענעוון אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. אָבער דער אימפּעראַטאָר, ניקאָליי, האָט געהאַלטן אַז עס איז נישט גענוג. ער פאַרדינט אַ האַרבערע שטראָף פאַר זיין אופן פון שרייבן, און באַפוילן: — איין חודש אַרעסט, נאָך דעם, אַרויסשיקן אים פון זיין פאָלוואַרק. פאַר דער אַדמיניסטראַציע איז געשטאַנען די פראַגע וועגן דערלויבן פאַרעפנטלעכן גאָגאָלס „געזאַמלטע ווערק". די צענזור האָט באַשלאָסן אָפּצוואַרפן יעדוועדער שורה וואָס טראָגט גאָגאָלס אונטערשריפט.

דריי יאָר האָבן די פריינד זיינע זיך געאַמפּערט מיט די צענזאָרן צו קריגן אַ דערלויבעניש די אַרויסצוגעבן. עס האָט זיך דאָך געהאַנדלט וועגן געדרוקטע שוין זאַכן. אָבער זוכט לאָגיק ביי זיי.

אין אַ געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו

מיר האָבן זיך אויספירלעך אָפּגעשטעלט און אַנאַליזירט גאָגאָלן דעם מענטש — מיט אַלע זיינע בראַדעוועקעס... ווען מיר באַטראַכטן אים און זיין שאַפן פון אַ פּערספּעקטיוו, זעט זיך בולט, ווי ער האָט געלאָזן אין גאַנג אַ כוח, אַ באַוועגונג אין דער רוסישער ליטעראַטור וואָס קיין שום שטערונג פון דער אַדמיניסטראַציע האָט עס נישט געקענט אָפּשטעלן. אַלע רוסישע שרייבערס נאָך אים, האָבן שוין קאָמבינירט אין פאַרשידענע וואַריאַנטן און פּראָפּאָרציעס די צוויי עלעמענטן פון דער רוסישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט: איינער ליכטיק, און דער צווייטער — פינצטער.

זיי זענען געוואָרן עמבריאָנען פון פאַרשידנאַרטיקע אינאָוואַציעס און רעזערוואָרן פון אידייען און כאַראַקטערן, וואָס באַפעלקערן די רייכע רוסישע שאַפונגען. אין די ווערק פון דאָסטאָיעווסקין און טאָלסטאָי, און ביי די העלדן פון טורגענעוו, סאַלטיקאָוו־שטשעדרין,

טשעכאָוו, גאָרקי, און אַנדערע, קענטיקט זיך דער נאָכפאָלג פון די כאַראַקטערן אין „רעוויזאָר", „טויטע נשמות", אָדער „דער שינעל".

גאָגאָלס איינפלוס האָט באַווירקט און געפורעמט דעם גרויסן אויפ־שוווּנג אין דער רוסישער ליטעראַטור. דער מענטש וואָס האָט ביים לעבן זיך געהאַלטן אין איין באַקלאָגן אַז מ'האָט אים נישט ליב, איז נאָך זיין טויט טאָפּלט טייערער געוואָרן זיינע לאַנדסלייט, פאַר דעם וואָס ער אַליין האָט געשאַפן, און פאַר דער אינספּיראַציע זיינער פאַר די וואָס האָבן שפּעטער, שוין נאָך אים געשריבן. אינטערעסאַנט איז וואָס די ביאָגראַפן פאַרצייכענען פון פאָלק, די לעגענדעס וואָס האָבן קורסירט וועגן אים „זינט ער איז אַוועק קיין ירושלים מתפּלל זיין פאַר אונדז"...

די עקזאַלטאַציע ביי זיין מאַמען און שוועסטער פאַר זיין אַנדענק איז נאַטירלעך געווען אין לשער: „דער צאַר אַליין האָט מיין זון געקענט", האָט זיין מאַמע אַרויסגערעדט זיין נאָמען מיט יראת הכבוד און באַוווּנדערונג. אגב, די וואָס האָבן געזען זיין מאַמען, האָבן באַ־וווּנדערט איר יוגנטלעכקייט און פול מיט לעבן, בעת איר זון איז עפּעס באַלד געבוירן געוואָרן אַלט, און זיין פיזישע אָפּשטויסנקייט, קראַנקייטן, און היפּאָכאָנדרע־נאַטור, האָבן מסתמא צושטייער געגעבן זיין דראַנג צו דערגרייכן עפּעס פון גרויסער באַדייטונג. דורך זיין גאַנץ לעבן האָט ער נאָר מורא געהאַט צו שטאַרבן אָן איבערלאָזן אַ שפּור...

ווי אַ קינסטלער, האָט ער פאַרקערפּערט אין זיינע העלדן אוני־ווערסאַלע אמתן פון מענטשלעכער דערפאַרונג. דערביי אַליין, אין זיין פערזענלעכן לעבן, זעלטן געזאָגט דעם אמת. הגם, כמעט אַ העלפט פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין אויסלאַנד, איז אָבער רוסלאַנד געווען פאַר אים די קאַנווע פאַר אַלע זיינע שאַפונגען. ער האָט קורץ געלעבט, נאָר 43 יאָר, פונקט ווי שרייבערס פון זיין דור זענען יונג אַוועק (פון דועלן), פושקין, לערמאָנטאָוו.

ווען מען זעט די באַבסקע מיטלען מיט וועלכע די דאָקטוירים זענען געגאַנגען היילן אים בעת זיין קערפּערלעכער אויסשעפּונג פון זיין פּריוואַטן הונגער־שטרייק קעגן טייוול „קעגנצושטעלן זיך אים", בעת זיין מעלאַנכאָלישן צושטאַנד — זעט מען ערשט ווי אָפּגע־שטאַנען עס איז געווען די מעדיציניש היילונג אין זיין צייט, מיט די אַלע קאָנסוליומס פון די דאָקטוירים, וואָס האָבן אים געהיילט מיט פּיאַווקעס... (אגב, די דאָקטוירים אין רוסלאַנד זענען דאַן געווען צווייטראַנגיקע דייטשע און פראַנצויזישע).

אין סך־הכל איז ער דאָך געווען אַ געניאַל מאָדנע קראַנקע באַשעפעניש, מיט אַזוי פיל סתירות און נשמה־ריסן פון זיין פּסיכי־שער טראַגישער צעשפּאָלטנקייט. זיין מוזע איז געווען: דער אַבסורד,

אין אַזוי פיל ניואַנסן, ווי ס'איז די טראַגיק און דאָס קאָמישע אין לעבן. די אַבסורדאַלקייט פון אַקאַקי אַקאַקאָוויטש באַשמאַטשקין („שינעל״), פון טשיטשיקאָוו („טויטע נשמות״) ווי פון „רעוויזאָר״ און אַנדערע זיינע דערציילונגען — זענען דאָך אַן אָפּשפּיגלונג נישט בלויז פון יחידים און זייערע אַבסורדאַלע סיטואַציעס. איז דאָך די גאַנצע וועלט אין וועלכער מיר לעבן אַזוי אַבסורדאַל מיט דעם גאַנצן טראַגיזם און אומזין.

אַ פּאָסט סקריפּטום

דאָנאַלד פאַנגערס בוך „די קרעאַציע פון ניקאָליי גאָגאָל״ איז אַ גוט באַלאַנסירטע אַרבעט, און מחמת דער מחבר שיינט צו זיין בטבע גוטהאַרציק צו אַלע אַנדערע, וואָס האָבן אַנאַליזירט גאָגאָלס שאַפן, פאַררופט ער זיך אויף זיי, צאָלט אָפּ די צינזן וואָס עס קומט זיי און נאָך דעם פאַרטיידיקט ער זיין צוגאַנג און עקספּערטיז, וואָס איז אין תוך אַ טיף דורכדרינגענדיקע און אפשר דאָס בעסטע, וואָס איז דער־שינען וועגן גאָגאָלן מחוץ די גרענעצן פון רוסלאַנד.

זיין הויפּט־הנחה איז, אַז גאָגאָל האָט אַלץ, וואָס ער האָט דער־גרייכט, צו פאַרדאַנקען פּושקינען. פון אים האָט ער גענומען טעמעס, כאַראַקטערן, באַהאַנדלונג, און אויך אפילו די אידיי און דעם אופן צו זיין אַ שרייבער.

דער פּריצייטיקער טויט ביי זיי ביידע איז גאָר געקומען צוליב קעגנזעצלעכע סיבות. בעת פּושקין איז געשטאָרבן אין אַן אויסערלעכן געראַנגל (דועל: 1837), איז גאָגאָל יונג אַוועק פון דער וועלט צוליב אַן אינערלעכן צוזאַמענברוך. און די סיבות, צוליב וועלכע ער איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן, ווערן אַרויסגעבראַכט אין דעם בוך דורך אַ פאַרטיפטער באַהאַנדלונג.

דער מחבר מאַכט קודם אַ שטיקל עקסקורסיע אַרום דעם רענע־סאַנס פון דער רוסישער ליטעראַטור אינעם 19־טן יאָרהונדערט, פּנים אל פּנים מיט דעם אייראָפּעאישן שטראָם, וואָס איז דעמאָלט געפלאָסן אין דער ריכטונג פון ראָמאַנטיזם.

און נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט: אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, דייטש־לאַנד איז דער שרייבער, דער קינסטלער געווען די שטים, דער מענטש, די פּערזענלעכקייט. זיין זשעני האָט פאַרקערפּערט זיין לאַנד (למשל, געטע), אָדער דעם גייסט פון זיין צייט (בייראָן). בעת אין אייראָפּע איז מעגלעך געווען צו דערקענען די אויטענטישקייט פון די מחברים, פאַרשפּיגלט אין דער עפּאָכע, ווי די שטים פון דער דיכטערישער פּערזענלעכקייט, האָבן אָבער די רוסישע שרייבער געהאַט דעם קאָר־

דינאַלן פּראָבלעם, ווי אַזוי צו זיך אויטענטיש און דערביי אויך קענען קאָפּירן די אייראָפּעאישע מוסטערן אויף אַ מעגלעכן אופן. מיט אַנדערע ווערטער: ווי אַזוי צו קענען זיין זיך אַליין, מיט דעם חותם פון אַבסאָלוטער אויטענטישקייט. אָט דער האַרבער פּראָבלעם האָט שטאַרק געעגבערט גאָגאָלן און אים יונג דערפירט צום קבר.

זיינע לייענער האָבן פון אים דערוואַרט גרויסע זאַכן, און ער האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס מען וויל פון אים צו זיין אַ נביא און געזעצגעבער — ראָלן, וועלכע ער איז לויט זיין טאַלאַנט און טעמפּע־ראַמענט נישט געווען צוגעפּאַסט.

פּושקין האָט נישט געקענט ביישטיין זיינע פּיינט, אָבער גאָגאָל — זיינע פאַרברענטע חסידים. אין זיין עפּאָכע זענען אַלע מאָדערנע זאַכן געקומען פון דייטשלאַנד, און זיינע רוסישע פאַרערער און ליבער האָבן אין אים געוואָלט זען אַ רוסישע קאָפּיע פון דעם דייטשן פּאָעט און דראַמאַטורג, שילער (1759־1805), צו פאַרשפּיגלען אין זיין שאַפן דאָס שיינע און דאָס דערהויבענע.

אגב, האָט נאָך דער יונגער גאָגאָל, קומענדיק קיין סט. פּעטערס־בורג זיך איינגעשאַפּט גלייך אַ קאָמפּלעט פון שילערס ווערק און שילער איז געוואָרן זיין אָפּגאָט (זע די בריוו צו זיין מאַמען). דער מחבר באַמערקט, אַז גאָגאָל און דער קריטיקער בעלינסקי (1811־1848) זענען געווען די צוויי גרויסע דייטשע ראָמאַנטיקער אין רוסלאַנד. בעלינסקי האָט דאָך אָבער פאַראורטיילט גאָגאָלן פאַר נישט קענען פאַרקערפּערן אין זיין שאַפן דעם גייסט פון פּראָגרעס און באַוווּסט־זיניקייט.

גאָגאָל האָט אין זיין גאַנצן לעבן געזוכט אידענטיטעט, און אידענטיטעט האָט פיל פּנימער, דורך וועלכע עס איז בכוח זיך צו מאַניפעסטירן.

ביי טשאַרלס דיקענס קען מען זען אידענטיטעט פאַרבונדן מיט היפּאָקריזיע, אָפּנאַרעריי, און אויך אין פאַרשידענע גראָטעסק־אופנים. ווען דער העלד טראַכט: „קיינער פון זיי ווייסט דאָך נישט ווער איך ביןווירקלעך״, טרעפט ער צו דעם לייענער, וואָס דערקענט אין דעם — זיך אַליין. גאָגאָלס רעוויזאָר ווייסט דאָך אַליין, אַז ער איז דאָס נישט, אָבער וויכטיק איז, אַז מ׳האַלט אים פאַר אַזאַ. מען קען אין פּרצעס „דער משוגענער בטלן״ און אין גאָגאָלס העלד פּאָפּריטשין זען דעם חוט השווה, ווען דער לעצטער פאַראַדירט אין זיינע מחשבות און זאָגט: „אפשר ווייס איך טאַקע אליין נישט ווער איך בין?״

אין מיין בוך „פאַרטרעטן און פּראָפּילן״ האָב איך אָנגעמערקט אויף טראַיאַטס ביאָגראַפיש ווערק וועגן גאָגאָלן און זיינע קאָמפּלעקסן, וואָס האָבן דאָמינירט אין זיין קורץ לעבן. דער שטאַרקסטער פון זיי

איז געווען: פּחד, אין פאַרשידענע פאָרמען, און דאָס האָט געלייגט אַ חותם אויף זיינע האַנדלונגען און מחשבות.

דאָנאַלד פאַנגער האַלט ווידער, אַז אַ טייל פון זיינע פּראָבלעמען איז געווען, וואָס ער האָט זיינע לייענער דערפירט צו זען אין אים אַן אָפּגאָט אין אַ ריי דימענסיעס, וועלכע ער האָט לחלוטין נישט געקענט דערפילן. די טענדענצן פון זיין אייגענעם טאַלאַנט האָבן דעריבער באַווירקט זיין פסיכישן גלייכגעוויכט.

זיין אָבצעסיע איז אויך געווען דער באַקאַנטער רוסישער „פּאָש־לאָסט״ — די באַנאַליטעט פון זיך־צופרידענעם, אין וועמענס לעבן עס קומט גאָר נישט פאָר וואָס מ׳זאָל קענען אָנרופן: לעבן, באַוווּסטזיין. מיט זיין שאַרפער סאַטירישער פען האָט ער אַטאַקירט אָט די פאַר־שווינען אין זיינע קאָמעדיעס און דערציילונגען. ער האָט אָבער מיט זיין שאַרף דורכדרינגענדיק אויג געזען אויך די, ביי וועלכע עס בליצט אויף אַ געוויסע וויזיע — אפילו אין אַ לבוש פון אַ שינעל — דער נאָמען פון גאָגאָלס דערציילונג, וועלכע איז לעצטנס דראַמאַטיזירט געוואָרן.

גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר גאָגאָלן, אַז דאָס קומען צום לעבן פונעם העלד, גייט פּאַראַלעל מיטן קומען צום לעבן פון דער דערציי־לונג גופא. און דאָס לעבן האָט דאָך נאָר אַ כזית פרייד און אַ ים מיט טרויער, אומעט. זיין דערציילונג „די צוויי איוואַנס״ פאַרענדיקט זיך מיט אַזאַ אָפּשלוס: „ס׳איז אומעטיק אויף דער וועלט, דזשענטלמען״. און דער אומעט איז ביי זיינע העלדן אַ פּאַראַליזירנדיקער, אין די האָפענונגען, ווונטשן און באַטאַנונגען.

עס וואָלט אפשר כדאי געווען צו פאַרגלייכן נאַמבערגס מהיכא־תיתא־דיקע העלדן און גאָגאָלס טיפּן מיט דייער „אַלץ איינס״ און „ווי ס׳זאָל נישט זיין״. נאַמבערגס „אַ שאָטן איז דעם מענטשנס לעבן״ האָט אַ לייבלעכן צווילינג־ברודער ביי גאָגאָלן.

שאָסטאַקאָוויטשעס מעמואַרן — און גאָגאָל

בערך מיט אַ יאָר צוריק האָבן אויסטראַלישע טאָג־צייטונגען געדרוקט קאַפּיטלעך פון דעם בוך, און היות עס איז געווען די צייט פון זומער־פּעריען, האָבן די אָפּגעקליבן נאָר די, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן פאַר פּיקאַנטע צום לייענען. איך האָב זיי נאָך דעמאָלט געלייענט און — מיט מאַנאַטן שפּעטער — אַליין מעיין געווען אין דעם בוך. ווען איך האָב פאַרענדיקט דאָס לייענען, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק איליאַ ערענבורגס שורות פון זיינע מעמואַרן, ווו ער שרייבט: „איך האָב זיך געראַנגלט אין מיינע ווערק מיט זיך. עס זענען

געפֿאַלן קלעפּ, געווען דורכפֿאַלן, צער, ספקות. געמוזט זיך ראַנגלען צו דערהאַלטן דעם גלויבן אין מענטש. דאָס איז מיין דערפֿאַרונג פֿון וועלכער איך פּרוּוו עפּעס איבערצוגעבן״...

גיי איך דאָ נישט אַריין אין דעם אומהיימלעכן שאָטן, וואָס איז געפֿאַלן אויף ערענבורגן — עס איז אַ באַזונדערע טעמע, אָבער דער זין פֿון דער ציטאַטע פֿראַזשעקטירט שאָסטאַקאָוויטשעס מעמואַרן־בוך. ער הייבט אָן מיט די ווערטער, אַז ער שרייבט נישט וועגן זיך, נאָר וועגן אַנדערע מענטשן. ער באַמערקט ביי דעם בייסיק, אַז אַנדערע מענטשן וועלן שרייבן וועגן אונדז און „נאַטירלעך וועלן זיי ליגנערן — אָבער דאָס איז זייער געשעפֿט״. איז נישט קיין ווּנדער זיין זאָג: „טראַכטסטו נישט, אַז געשיכטע איז פּאַקטיש אַ הור?״...

אָבער דאָס, וואָס ער טוט דערציילן, איז דאָך די געשיכטע, נישט פֿון אַ יחיד — מעג ער זיין סטאַלין, ווּעמען ער לייכט אַדורך פֿון אינעווייניק דורך אַ ריי עפּיזאָדן — נאָר פֿון אַ דור, פֿון אַן עפּאָכע אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, וואָס איז אויסגעווייקט אין ימים בלוט און טרערן. וויפֿיל מיר זאָלן נישט האָבן געלייענט שוין פֿון אָט דער שוידערלעכער צייט, באַווייזט נאָך אַלץ יעדעס נייע בוך, אויב ס׳איז ווערט דעם נאָמען, צוצוגעבן און אַנטפּלעקן אַן אַנדערע דימענסיע, אַ שטריך, אַ בילדל, אַן אויסקלאַנג פֿון דער טראַגישער וואָר.

די וואָר האָט אויך געהאַט טראַגי־קאָמישע עלעמענטן און שאָס־טאַקאָוויטש האָט זיי אַריינגענומען אין זיינע מעמואַרן, דער קאָמיזם זאָל אפשר פֿאַרלייכטערן דעם לייענערס געמיט ביי אַ בוך, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט אַזוי פֿיל ביטערנישן, אַנטוישונגען, צער, אומעט.

און ווייל איך האָב אויבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם נייעם ביאָגראַפֿישן בוך וועגן גאָגאָלן, וויל איך דאָ ברענגען וועגן גאָגאָלן אַזאַ קאָמישן עפּיזאָד, וואָס שאָסטאַקאָוויטש דערציילט מיט הומאָר אין זיינע מעמואַרן.

ביים סוף פֿון די דרייסיקער יאָרן האָט מען אויסגעגראָבן גאָגאָלס קבר — און גאָגאָל איז גאָר נישטאָ אין דער טרומנע! ווי אין חומש שטייט: והילד איננו! האָבן אין לענינגראַד אָנגעהויבן קורסירן פֿאַר־שידענע קלאַנגען. זיך אפֿילו געוויצלט אויפֿן חשבון פֿון דער לאַגע אין לאַנד, אַז ס׳איז שוין אַזוי שלעכט, וואָס אפֿילו גאָגאָל האָט שוין געמאַכט פּליטה, נישט געקענט שוין מער אויסהאַלטן!

נאַטירלעך, אַז מלכות האָט אָנגעהויבן פֿאָרשן, זוכן — ווּ האָט ער אָפּגעצויגן? וואָס באַטייט עס טאַקע? מען האָט אָפּגעצוימט דעם פּלאַץ און ביים זוכן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער בר־מנן איז נישט וויט געלעגן פֿון זיין קבר, נאָר מ׳האָט געפֿונען גאָגאָלן — אָן אַ קאָפּ! דערנעבן איז געלעגן זיין קאָפּ. אַז מען האָט אויסגעפֿאָרשט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ פּשוטע מעשה: ביי גאָגאָלס עפּעס אַ וויכטיקע דאַטע

האָט מען באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ מאָנומענט, און געמאַכט אים פֿון ציגל. זענען ציגל אַרויפגעפאַלן אויף דער טרומנע, זי גוט איינגע־בראָכן, אַראָפּגעהאַקט דעם דעקל. משמעות, אַז עס זענען געפאַלן אַזוי פיל שווערע ציגל אויף גאָגאָלס קאָפּ, אַז ס'האָט אים אָפּגעריסן פֿון קערפּער און בידע זענען אַרויסגעשלידערט געוואָרן פֿון קבר.

שאָסטאַקאָוויטש גיט צו אַ מאָראַל צו דער מעשה: וואָרף נישט צופיל ציגל אויף די קברים פֿון גרויסע מענטשן. אַפילו די מתים געפעלט עס נישט. און אויב דו גיסט שוין יאָ עפּעס לייגן אויף אַ קבר, גראָב נישט צו טיף אַרום, עס וועט אַזוי בעסער זיין פאַר אים...

ביבליאָגראַפיע

דאָנאַלד פאַנגער: „די קרעאַציע פֿון ניקאָליי גאָגאָל".

מאַריאַ איוואַנאָוונאַ גאָגאָל־יאַנאָווסקי: „אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן" און „גאָגאָלס בריוו".

וולאַדימיר נאַבאָקאָוו: „ניקאָליי גאָגאָל".

נ. גאָגאָל: „געקליבענע אויסצוגן פֿון קאָרעספּאָנדענץ מיט פריינד".

י. ס. טורגענעוו: „זכרונות פֿון לעבן און ליטעראַטור".

טאָגבוך פֿון מרס. סמירנאָוו; „ביאָגראַפיע".

„בריוו פֿון וו. ג. בעלינסקי צו גאָגאָלן".

נ. גאָגאָל: „ווידוי פֿון אַ מחבר".

הענרי טראָיאַט: „גאָגאָל, די ביאָגראַפיע פֿון אַ צעטיילטער נשמה".

נ. וו. בערג: „זכרונות פֿון גאָגאָלן".

מ. פּ. פּאָגאָדין: „גאָגאָל אין מיין פּאַטערס הויז"; „גאָגאָל געזען דורך זיינע מיטציייטלערס".

„ליטעראַרישע זכרונות": פֿון פּ. וו. אַנעקסאָוו; ס. ט. אַקסאַקאָוו; א. י. פּאַנאַעוו.

פֿון שאָסטאַקאָוויטשעס מעמואַרן.

פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי — 100 יאָר נאָך זיין טויט



ווען פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקין — דעם קינסטלער, דעם מענטש — איז פאַראַן אַ גאַנץ רייכע ליטעראַטור, וואָס באַשטייט פון קריטישע ביאָגראַפיעס, און צווישן זיי אַזעלכע אויסגעצייכנטע, ווי פון טראָיאַט, קאַרר, מאָכולסקי, אָנצורופן נאָר עטלעכע. מחוץ ביאָגראַפישע ווערק, זענען דאָך פאַראַן אַזוי פיל מעמואַרן־ביכער און סתם רעמיניסצענצן פון מיטצייטלערס, וואָס וואַרפן אויך אַ געוויסע שיין אויף זיין לעבן און שאַפן, באַגלייט מיט אַזאַ אומזיכערקייט, מיט דעפּרעסיעס און שטאַרקע פיזישע מיחושן, באַזונדערס זיינע עפּילעפּסיע־אַטאַקעס, צוליב וועלכע ער פלעגט (בפרט אין זיין שפּעטערדיקן שאַפן) מוזן איבעררייסן דאָס שרייבן אויף אַ קורצער צי לענגערער צייט.

בכלל איז זיין לעבן באַגלייט געווען פון אַן אינערלעכן שטאַרקן אומרו — צוליב חובות (אַ חוץ זיינע לעצטע פּאָר יאָר) און צוליב דעם, וואָס ער איז כסדר געווען אין אַ פּסיכישן און פיזישן כאַאָס, מיט נייגונגען פון אַ היפּאָכאָנדראַק און זעלבסט־רחמנות. נישט זייענדיק אַליין זיכער אין זיין ליטעראַרישער קראַפט, וואָרנט ער וועגן דעם זיינע לייענער, כאָטש ס׳איז שווער צו באַשטימען צי ער האָט עס טאַקע געמיינט ערנסט, מחמת ער האָט זיך צייטנווייז געוויצלט.

ווען דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן, איז שוין צייט אונטערצושטרייכן, אַז ער האָט ביי דעם אַלעם דאָך געשאַפן גרויסע ווערק, גרויסע קונסט, אין וועלכע ער ווייזט אַרויס אַזאַ שטאַרקע דורכדרינ־

גונגס־קראַפט,ווירטואָזיטעט, אַרכיטעקטור, שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס זיגמונד פרויד און זיינע תלמידים האָבן פאַר זייערע פסיכאָ־אַנאַליטישע טעאָריעס געטראָפן אין זיינע ווערק אַ גאָלדגרוב; ווי ער וואָלט טאַקע געווען זייערס אַ פאָרגייער, וואָס איז געטראָטן אויף די טונקעלע וועגן פונעם אונטערבאַוווסטזיין, פון די אינסטינקטן, פאַר־שפיגלט אין זיינע גרויסע, שלימותדיק־גאַנצע ווערק און צעבראָכענע העלדן.

לאָמיר אויך באַטאָנען, אַז ווען ער שילדערט די באַדייטונג פון עפּילעפּסיע אין „אידיאָט״, איז דער כאַראַקטער־טיפּ פון פּרינץ מיש־קין נישט בלויז ליטעראַטור, נאָר אויך אַ צייכענונג פון זיך גופא (כידוע איז אַ קינסטלערישע צייכענונג נישט קיין פאָטאָגראַפיע); פון זיין אייגענעם פּרווו צו דערגרונטעווען דעם פולן מהות פון זיין עפּי־לעפּסיע־דערפאַרונג.

אין די לעצטע יאָרן איז געוואָרן אַ שטאַרק פּאָפּולער שלאָגוואָרט: וואָרצלען! אין ביכער, אין פילמען שטעלט מען זיך היינט אַזוי פיל אָפּ אויף די „רוטס״ (וואָרצלען), ווי אַ שליסל צום כאַראַקטער־טיפּ און זיין לעבן.

ווען מיר אויך דאָ אָנהייבן פון דאָסטאָיעווסקיס שורש, וואָס איז גוט דאָקומענטירט און באַשריבן געוואָרן אין פיל ביכער וועגן אים, אויף וועלכע מיר טוען זיך שטיצן אין דער אַרבעט.

פיאָדאָר מיכאַילאָוויטש דאָסטאָיעווסקי איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע, אין אַ שפּיטאָל פאַר די אָרימע, דעם 30סטן אָקטאָבער, 1821. זיין פאָטער איז דאָרט געווען דער דאָקטער־איינוווינער.

זיין קינדהייט איז ווייט געווען צו זיין אַ גליקלעכע. זיין פאָטער, אַ „הייסגעבאָדענער״, האָט נישט איין מאָל זיך אָפּגעריסן אויפן קינד און בכלל לייכט געקענט עקספּלאָדירן. אגב איז ער אומגעבראַכט געוואָרן דורך זיינע אייגענע קנעכט (1839). געשען איז עס אין זיין אייגענעם גוט — טשערמאַשניאַ, טולער גובערניע.

די מוטער, אַן אויסערגעוויינטלעך גוטע נשמה; צאַרט און עמ־פינדלעך — די גוטסקייט אַליין. געהאַט האָט זי אויך אַ מוזיקאַלישן און ליטעראַרישן טאַלאַנט ,פון וועלכן איר זון האָט געירשנט.

אין די ברידער קאַראַמאַזאָוו, ווען דאָסטאָיעווסקי שילדערט אַליאַ־שאַ קאַראַמאַזאָווס מאַמע, קענטיקט זיך אין איר זיין אייגענע (וואָס איז געשטאָרבן ווען ער איז שוין אַלט געווען אַ זיבעצן יאָר).

ער האָט דורכגעמאַכט אַ קורס אין אַ מיליטערישן אינזשיניערן־אינסטיטוט אין פּעטערסבורג. נאָכן פאַרענדיקן, אַוועק אין ציוויל און אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע. איידער ער האָט גענומען שרייבן אייגנס, האָט ער איבערגעזעצט באַלזאַקס אַ ראָמאַן אין רוסיש און נאָך דעם אָנגעהויבן אַרבעטן אויף זיין ראָמאַן אָרימע מענטשן.

ווען עס איז דערשינען זיין ערשטלינג, האָט דער באַרימטער רוסישער קריטיקער בעלינסקי עס געריסמט און אים באַצייכנט פאַר אַ גרויסן שרייבער (1845). אין זעלבן יאָר זיך באַגעגנט מיט טורגע־נעוון און זיי זענען אַריין אין דער ליטעראַרישער גרופּע אַרום בעלינסקין און נעקראַסאָוון.

טורגענעוו, איוואַן סערגייעוויטש (1818־1883), וואָס האָט אויך דעמאָלט געהאַלטן נאָך ביי זיינע ערשטע טריט פון זיין ליטעראַרישן וועג, האָט זיך באַגעגנט מיט דאָסטאָיעווסקין צום ערשטן מאָל. ווי צוויי יונגע אויפגייענדיקע טאַלאַנטן, וועלכע האָבן שפּעטער גרויס געמאַכט די רוסישע ליטעראַטור (צוזאַמען מיט טאָלסטאָיען, גאָגאָלן און זייערע גרויסע פּאָעטישע פאָרגייער — פּושקין און לערמאָנטאָוו).

ביידע יונגע שרייבער זענען אַקצעפּטירט געוואָרן ווי גלייכע — אומאָפּהענגיק פון דעם אונטערשייד אין זייער אָפּשטאַם — אין דעם איינפלוסרייכן ראַדיקאַלן קרייז „היינטצייטלער". די פריינדשאַפט האָט אָבער שפּעטער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַרקער שינאה צווישן דאָס־טאָיעווסקין און טורגענעוון. מיר וועלן צו דעם צוקומען אַ ביסל שפּעטער.

בעת טורגענעווס קאַריערע האָט זיך צעבליט, איז דאָסטאָ־יעווסקיס פאַרקורצט געוואָרן צוליב זיין אַרעסט און פאַרשיקונג קיין סיביר אויף שווערער קאַטאָרגע־אַרבעט. די געשיכטע זיינע איז גוט באַוווּסט, אָבער עס וועט נישט שאַטן, ווען מען וועט זי אָפּרישן.

דער יונגער דאָסטאָיעווסקי האָט זיך באַקענט אין 1846 מיט אַ ראַדיקאַלער גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון מיכאַיל פּעטראַשעווסקי, וואָס האָט שטודירט די ווערק פון די פראַנצויזישע אוטאָפּישע סאָציאַ־ליסטן.

ווייזט אויס, אַז אין דעם קרייזל זענען אויך געווען אַזעלכע, ווי דוראָוו און ספּעשנעוו, וואָס האָבן נישט געוואָלט זיך באַגנוגענען נאָר מיט שטודירן און זיי האָבן אויך געמאַכט פּלענער ווי אַזוי צו פאַרכאַפּן די מאַכט. זיי באַאיינפלוסן אויך דאָסטאָיעווסקין און שאַפן אַ געהיימע דרוקעריי. דאָס גייט אַזוי אָן ביז די גרופּע פון פּעטראַשעווסקין ווערט אַרעסטירט און געמשפּט ווי פּאָליטישע פאַרברעכער. דער אורטייל: טויט־שטראָף!

עס האָט דאָסטאָיעווסקין נישט געהאָלפן זיין טענה, אַז זיין אָנ־טייל אין דער גרופּע איז נאָר געווען ווי אַ פאַרלייענער אויפן קרייז (אגב, איז ער געווען טאַקע אַן אימפּרעסיווער פאַרלייענער אויפן קרייזל). ער איז צוזאַמען מיט די איבעריקע דורכגעגאַנגען די צוגריי־טונגען צו זייער עקזעקוציע, און אַ פינף מינוט פאַרן אויספירן, האָט אַ ספּעציעלער שטאַפעט פון צאַר זיי אַראָפּגענומען פון דער תליה.

איניקע ביאָגראַפן מיינען, אַז ס׳איז אַלץ צוגעגאַנגען ווי אַ צו־געגרייטע אינסצעניזאַציע מצד דעם צאַר און זיינע יועצים, צו קענען וויזן די „ליטזעליקייט״ פון צאַר.

אָבער ווי עס זאָל האָבן געווען, דער פאַקט איז: דאָסטאָיעווסקי איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף פיר יאָר שווערער קאַטאָרגע־אַרבעט אין סיביר. אין אָמסק, ווו ער איז פאַרשיקט געוואָרן, האָבן זיך אָנגע־הויבן ביי אים די עפּילעפּטישע אָנפאַלן אין 1853. אַ יאָר שפּעטער האָט זיך פאַרענדיקט זיין שווערע קאַטאָרגע־אַרבעט און ער ווערט אַוועקגעשיקט אַלס זעלנער נעבן דער מאָנגאָלישער גרענעץ. ערשט אין 1859 דערלויבט מען אים צו באַפרייען זיך פון מיליטער־דינסט און אומקערן זיך צום ציווילן לעבן.

ער קומט צוריק קיין פּעטערסבורג און הייבט אָן ווידער זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. אין 1860 ווערט פאַרעפנטלעכט דער ערשטער קאַפּיטל פון זיין ווערק „נאָטיצן פון טויטנהויז״. צוזאַמען מיט זיין ברודער רעדאַגירט ער צוויי אויסגאַבעס: „די עפּאָכע״ און „ציַיט״, ווו ער הייבט אָן דרוקן אין המשכים זיין ווערק „דערנידעריקטע און באַ־לידיקטע״.

ער איז שוין דעמאָלט מיט אַ פאַמיליע (אין 1857 חתונה געהאַט מיט אַן אלמנה און באַקומט אַ שטיפזון). אין אָנהייב די זעכציקער יאָרן ליבט ער זיך מיט פּאָלינאַ סוסלאָוואַ, פאָרט מיט איר אַוועק אין אויסלאַנד, פאַרברענגט אין די קאַסינאָס פון וויסבאַדען, באַדען־באַדען, האַמבורג און ווערט אַ פאַרברענטער האַזאַרד־שפּילער.

ווערט דאָ אויפן אָרט זיין אונטערצושטרייכן, אַז זיין ווערק „דער האַזאַרד־שפּילער״ האָט טאַקע פיל אויטאָביאָגראַפישע סימבאָלן. עס שפּיגלט טאַקע אָפּ זיין לײדנשאַפט ווי אַ פאַרברענטער רולעטקע־שפּילער. און נאָך דאַרף באַמערקט ווערן, אַז בעת ער האָט אַזוי גע־הוליעט, געשפּילט און פאַרשפּילט, איז זיין ווייב געלעגן אויפן טויטן־בעט, אַן אויסגייענדיקע פון טובערקולאָז.

אין אויסלאַנד, זייענדיק אין חובות, האָט ער זיך געטראָפן מיט טורגענעוון און געבעטן אַ הלוואה, אַ הונדערטער. „איך וועל קענען צוריקצאָלן עס אין דריי וואָכן אַרום״, האָט ער פאַרזיכערט. ער האָט נאָר באַקומען אַ העלפט פון טורגענעוון און נישט געקענט עס צוריק־צאָלן ביז אַ צען יאָר שפּעטער.

די באַציאונגען צווישן די ביידע שרייבער זענען נאָך דעמאָלט געווען גאַנץ פריינדלעכע. ווען דאָסטאָיעווסקי האָט אָנגעהויבן רעדאַ־גירן די פריער דערמאָנטע זשורנאַלן, האָט ער ביי טורגענעוון געבעטן אַ דערציילונג, וואָס זאָל צוגעבן גלאַנץ זיין אויסגאַבע. ער האָט עס באַקומען און גערימט ביזן הימל אַריין, ווי אַ הערלעכע מוזיקאַ־לישע קאָמפּאָזיציע. אָבער אין אַ צייט אַרום, ווען ער האָט אָנגעהויבן

זיין „אידעאָלאָגישע" מחלוקה מיט טורגענעוון, האָט ער שוין אָט די זעלבע דערציילונג גאָר אַנדערש קוואַליפיצירט... אגב, איז אָט די קריגעריי צווישן בײדע גרויסע שרייבער אַ גאָר באַרימטער עפּיזאָד אין דער רוסישער ליטעראַטור־געשיכטע.

אַ שאָד וואָס דאָסטאָיעווסקי גופא, אָט דער גרויסער קינסטלער, וואָס האָט געקענט אַזוי טיף אַריינדרינגען אין די חדרי־חדרים, אין די פאַרבאָרגנסטע קעמערלעך פון דער מענטשלעכער פסיכיק, האָט דעם „אידעאָלאָגישן" עפּיזאָד אַליין בעלעטריסטיש נישט באַאַרבעט און געקענט פון אים גאָר שאַפן נאָך אַ גרויס מייסטערווערק. אמת איז, אַז די וועגן פון די בײדע זענען אַוועק אין קעגנזײַטלעכע ריכטונגען. טורגענעוו, אָט דער גרויסער ראָמאַניסט און דראַמאַטורג פונעם 19טן יאָרהונדערט, איז אין גייסט געווען שוין אַ קאָסמאָפּאָליט; אין פּאָליטיק — אַ ליבעראַל; אויך אַן אַנהענגער פון דעם לעבנס־נוסח אין מערב, וואָס האָט דעמאָלט געמיינט: אייראָפּע.

דאָסטאָיעווסקי איז פון אַן אוטאָפּישן סאָציאַליסט מגולגל געוואָרן אין אַ סלאַוואָפילישן רעאַקציאָנער (אַפּנים, אַז דאָס האָט זיך געבונדן בשעתו מיט אַנטיסעמיטישע טענדענצן, ווי עס איז היינט הינטער דער קאָמוניסטישער מאָסקע).

צום אידעאָלאָגישן טיפן אונטערשייד איז נאָך צוגעקומען דער עפּיזאָד מיט דער הלוואה. מיר האַלטן נאָך ביי דער צייט, ווען עס זענען צווישן זיי נאָך געווען פאַרמעלע, פריינדלעכע באַציאונגען. ווען דאָסטאָיעווסקי איז געפאָרן פאַרוואַרן זיין א״ג „האָניק־חודש" מיט דער צווייטער פרוי (פינף און צוואַנציק יאָר יינגער פון אים), אַננאַ גריגאָריעוונאַ, האָט ער אין באַדען זיך דערוווּסט, אַז טורגענעוו איז דאָ אין שטאָט. פּירט זיך, לויטן מינהג, אַז דאָסטאָיעווסקי זאָל אים אָפּשטאַטן אַ וויזיט, און אין אַזאַ פאַל דערמאָנט מען נישט קיין חובות...

נאָטירלעך האָט טורגענעוו געדאַרפט צוריקצאָלן מיט אַ באַזוך, האָט ער, אפשר טאַקע בכיוון, אויסגעקליבן אַזאַ טאָג, ווען דאָסטאָיעווסקי נעמט נישט אויף קיין געסט...

וועגן דעם האָט דאָסטאָיעווסקי געשריבן אַ לאַנגן בריוו צו זיין פריינד מאַיקאָוו, אין וועלכן ער רעדט אויס אויף טורגענעוון, וואָס איז נאָר דאָ אין קאָרט... ער איז אַ פאַרברענטער אַטעאיסט, האַלט זיך מער פאַר אַ דייטש, ווי אַ רוס, און נאָך און נאָך אַזעלכע „רעוועלאַציעס". וואָס האָבן אָנגעהויבן קורסירן אין דער פּעטערסבורגער ליטעראַרישער קיבעצאַרניע.

אויב דאָס איז נאָך געווען ווינציק, איז אַ קאָפּיע פון דעם בריוו צו מאַיקאָוו אַנאָנים געשיקט געוואָרן צום רעדאַקטאָר פון היסטאָרישער איבערזיכט, און דער עיקר פון „אַנאָנים" איז געווען דאָס סאַמע „געדיכטע" פון דאָסטאָיעווסקיס בריוו.

טורגענעוו האָט זיך דערוווּסט פון דער מעשה־נורא און חושד געווען דאָסטאָיעווסקין, אַז ער איז דער שולדיקער בעל־דבר אונטער דעם „אַנאַנים״ (פאַקטיש איז דער חשד דאָ אויף אַן אַנדערן, אויף סטראַכאַוון); און עס האָט זיך פון די פונקען געשאַפן אַ שריפה אין די פליאַטקאַרסקע קרייזן, מיט צדדים פון פּראָ און קאָנטראַ.

צו דער געשיכטע גייט נאָך צו אַ ליטעראַרישער אונטערשלאַק, מיט אַ טונקעלן צופּאַרב. עס איז דערשינען דאָסטאָיעווסקיס ווערק „דער באַזעסענער״, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ גאַנץ בולט דאָס־טאָיעווסקיס אַנגעהעריקייט שוין צום רעאַקציאָנערן לאַגער, פאַראור־טיילנדיק דעם רעוואָלוציאָנערן טעראָר, ווי אַ פּרוכט פונעם ליבעראַ־ליזם פון אַ פריערדיקער גענעראַציע. אין דעם בוך איז אויך דאָ אַ פּאָרטרעט פון אַ שרייבער מיטן נאָמען קאַרמאַזינאָוו („פּינקאַ״), וואָס איז אַ מין אכזריותדיקע שוידערלעכע קאַריקאַטור אויף טורגענעוון.

אפנים, בכדי צו געבן „אַ גוטע וואָג״, האָט דאָסטאָיעווסקי די זעלבע דערציילונג פון טורגענעוון („דער אָפּדוכט״), וואָס ער האָט געדרוקט אין זיין זשורנאַל און געליבט אַזוי אין הימל אַריין, גע־מאַכט איצט אַ פּאַראָדיע פון איר... און צו אַ „פולער מאָס״ אָנגע־מערקט, אַז דער קאַרמאַזינאָוו (טורגענעוו) איז טאַקע אַ געהיימער סימפּאַטיקער פון די טעראָריסטן.

דאָס האָט שוין טורגענעוון אין גאַנצן אַרויסגעפירט פון די כלים, און ער האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַ שטעכיקן אַריינזאָג: ... „ווי איך הער, האָט דאָסטאָיעווסקי געמאַכט אַ (געמיינע) קאַריקאַטור פון מיר — נו, זאָל ער זיך ווילן... מיט אַ פינף יאָר צוריק איז ער געקומען מיך זען אין באַדען נישט (חלילה) מיר צוריקצאָלן דאָס, וואָס איך האָב אים געבאָרגט, נאָר צו באַליידיקן מיך צוליב מיין לעצטן ראָמאַן „רויך״ (דאָ קומט מיינס אַ קאָמענטאַר: רויך האָט באַקומען זייער אַ שלעכטע קריטיק. עס איז געווען אַ פּיאַסקאָ פאַרן מחבר. אויף דעם וואָגן האָט זיך טאַקע אויך אַרויפגעכאַפּט דאָסטאָיעווסקי — בעת זיין „דיאַלאָג״ מיט טורגענעוון. ער האָט געשריבן אַזוי, אַז ער האָט אָנ־געטראָפן אויף טורגענעווס עמפּינדלעכסטן אָרט. און הערט: („רויך״) „איז אַ בילבול אויפן רוסישן פאָלק און עס פאַרדינט מען זאָל עס עפנטלעך פאַרברענען״. נישט אומזיסט, אַפנים, האָט ער אין „די ברידער קאַראַמאַזאָוו״ אַזוי אַרײַנגעלאָזט זיך בנוגע דעם — גרויס־אינקוויזיטאָר! די אינקוויזיציע איז דאָך אַזוי אַקטיוו געווען אין פאַר־ברענען „טריפהגע״ ביכער און מענטשן!).

קומען מיר צו טורגענעווס ענטפער וועגן דאָסטאָיעווסקין. ער דערמאָנט דעם „קוואָטש״, וואָס ער האָט דעמאָלט געהערט פון זיין מויל און נישט רעאַגירט אויף דעם. אָבער: „וואָס הער איך איצט? — אַז כ׳האָב (אין „רויך״) אויסגעדריקט אַלע סאָרטן קרימינעלע מיי־

נונגען... עס וואָלט פשוט געדאַרפט זיין אַ 'לייבל'־פּראָצעס, ווען דאָסטאָיעווסקי גופא וואָלט טאַקע נישט געווען משוגע — וועגן דעם האָב איך נישט דעם מינדסטן ספק — און וואַרשיינלעך לײַדט ער פון האַלוצינאַציעס״...

איך האָב זיך באַריכות אָפּגעשטעלט אויף דעם „פריינדלעכן ווערטער־אויסטויש״ צווישן די צוויי ריזן פון דער רוסישער ליטעראַטור, מחמת עס איז אַ מעשה מיט אַ מוסר־השכל, וואָס חזרט זיך איבער שוין נישט אַזוי ביי די ריזן, נאָר ביי קאַרליקעס...

און אפשר — צוליב מער פעפער און זאַלץ צום געקעכץ — איז דאָ נויטיק אויך צוצוגעבן, אַז בעת עס איז געהאַט דערשינען טורגעניעווס „פאָטערס און זין״ און באַקומען זייער אַ שלעכטע קריטיק ביים רעאַקציאָנערן און אויך ביים ראַדיקאַלן לאַגער, האָט גראָד דאָסטאָיעווסקי דעמאָלט (1862) געשריבן צו טורגעניעוון און געלויבט דאָס בוך ווי אַ גרויס מייסטערווערק. טורגעניעוו האָט אים דעמאָלט אויך געענטפערט מיט „פרייד און באַוווּנדערונג, וואָס דו האָסט מיט אַזאַ סענסיטיוויטעט אויפגענומען וואָס כ׳האָב געפּרוּווט אַרויסברענגען דורך (דעם העלד) באַזאַראָוון״.

האָבן מיר געזען ווי אַזוי די פריינדלעכע באַציאונגען צווישן טורגעניעוון און דאָסטאָיעווסקין האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין זייער היפּוך. און ווי עס דערציילן זייערע מיטצייטלער, האָבן זיי זיך ערשט צוריק דערנעענטערט אַ האַלב יאָר פאַר דאָסטאָיעווסקיס טויט, בעת די עמאָציאָנעל־אָנגעלאָדענע פּושקין־פייערונגען ביים אויפגעשטעלטן פּושקין־דענקמאָל, ווו דאָסטאָיעווסקי האָט געהאַלטן זיין באַוווּסטע רעדע ביים דענקמאָל (1880).

וויל איך באַמערקן, אַז זיין רעדע וואָס האָט אָפּגעקלונגען איבערן לאַנד מיט איר אינהאַלט און פאָרם, האָט אויך געהאַט שאַרפע קריטיקער. און איינער פון זיי, אַלעקסאַנדער גראַדאָווסקי, יורי־פּראָפעסאָר פון פעטערסבורגער אוניווערסיטעט און אויך אַ קריטיקער, האָט אָנגעוויזן, אַז דאָסטאָיעווסקי האָט די פייערונגען אויסגענוצט אַרויסצוברענגען זיינע סלאַוואָפילישע טעאָריעס; זיין ראָמאַנטישע גלאָריפיצירונג פונעם רוסישן פאָלק אַלס דער טרעגער פון אייביקן אמת.

האָבן מיר שוין פריער געהאַט אָנגעמערקט די טראַנספאָרמאַציע פון דאָסטאָיעווסקין צו אַ רעאַקציאָנערן סלאַוואָפיל. און אַזעלכע איבערגעקערטע האָבן נישט געפעלט אין רוסלאַנד אינעם 19טן יאָרהונדערט (און זיי פעלן נישט אין 20טן יאָרהונדערט אויך).

געווען, למשל, אַ באַוווּסטער פילאָזאָף, היסטאָריקער, באָטאַניקער, יאַקאָוולעוויטש דאַנילעווסקי (1822־1885), וואָס איז פּונקט ווי דאָסטאָיעווסקי, פון אַן אוטאָפּישן סאָציאַליסט מגולגל געוואָרן אין

אַ רעאַקציאָנערן מיליטאַנטישן פּאַנסלאַוויסט. אַן עדות איז זיין בוך „רוסלאַנד און איראָפּע״, וואָס ווערט דאָך באַטראַכט פאַר דעם קאַ־טעכיזם פונעם פּאַנסלאַוויזם, וועגן דער דעקאַדענץ פון מערב און דעם אויפשטייג פון סלאַוויזם, מיט רוסלאַנד בראש; און קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווי די מעטראָפּאָליע פונעם פּאַנסלאַוויסטישן רענעסאַנס. אַ השערה, אַז אָסוואַלד שפּענגלער איז פון דעם ווערק באַווירקט געוואָרן ביים אַרויסברענגען זיין באַוווּסטן בוך „דער אונטערגאַנג דעס אַבענד־לאַנדעס״.

*

אין דאָסטאָיעווסקיס ווערק פאַרנעמט אַ באַדייטנדיקן אָרט דער פּערזענלעכער אונטערבאַוווּסטזיין, וואָס ווערט פּראָזשעקטירט אין האַ־לוצינאַציעס און קאָשמאַרן.

ס. י. יונג האָט, ווי באַוווּסט, אַדאַפּטירט דעם טערמין שאָטן, און מיר זעען טאָקע ווי ער באַגלייט דאָסטאָיעווסקיס העלדן פון זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען.

איז אפשר נישט נויטיק צו דערמאָנען, אַז אַ ראָמאַן, ווי דאָס לעבן, באַשטייט נישט בלויז פון אויסגעפורעמטע, רעאַליזירטע מעגלעכקייטן, נאָר אויך פון די פּאָטענציעלע נישט רעאַליזירטע, וועלכע באַווירקן די געשטאַלטיקונג פונעם מענטש. גייט אַרום אַ מענטש אין דער „באַגלייטונג״ פון זיין שאָטן, וואָס פירט מיט אים אַן „אינערלעכן דיאַלאָג״.

כמעט ביי אַלע הויפּט־כאַראַקטערן פון דאָסטאָיעווסקיס ווערק מאַניפעסטירט זיך אַ מין טאָפּלטקייט. נעמען מיר „פאַרברעכן און שטראָף״ (1866), ווען ראַסקאָלניקאָוו טראַכט צו דערהרגענען די אַלטע מכשפהדיקע פּראָצענטניצע. עס זעט דאָך אויס לכתחילה, אַז ער אַליין איז פולשטענדיק איבערצייגט אין דער אוממעגלעכקייט אויסצופירן זיין פּלאַן. לסוף, ווען ער באַגייט שוין דעם פאַרברעכן, איז עס ווי אויטאָמאַטיש, עפּעס וואָס איז געשען מחוץ זיין קאָנטראָל און מאַכט איבער זיינע באַגאַנגענע מעשים. דעריבער ווערט ביי דאָסטאָיעווסקין דער פאַרברעכן פאַרבונדן מיט די צוויי עלעמענטן: אומנאָרמאַלע פּסי־כאָלאָגיע און קרימינעלע פּאַטאָלאָגיע.

ראַסקאָלניקאָוו ווערט קאָנפראָנטירט צום ערשטן מאָל מיט זיין שאָטן, סווידריגאַילאָוו, וועלכער ווערט אַ מין שטעכעניש אין ראַסקאָל־ניקאָווס בויך. אויף אַ מין זשעדנעם אופן וואַרפט סווידריגאַילאָוו אָפּ ראַסקאָלניקאָווס פאַרבאָרגנסטע מחשבות. און ביי די סאַמע הויכפּונקטן, בעת ראַסקאָלניקאָווס קרייץ־פאַרהער, זעען מיר אים ווי ער ווערט פּלוצלינג אַזוי אומרואיק — צו זען סווידריגאַילאָוו ווי אַמגיכסטן! וואָס

פאַר אַ האַפענונג ער קען דערוואַרטן פון אים, האָט ער אַליין נישט געוווּסט, אָבער דער מענטש האָט געהאַט איבער אים אַזאַ קראַפט, אַזאַ מאַכט . . . „אין די טיפסטע טיפענישן פון זיין האַרץ האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער דאַרף אים „האָבן צוליב עפּעס" („פאַרברעכן און שטראָף").

דער מחבר שילדערט, ווי זיין הויפּט־העלד פילט זיך אויף אַ מיסטעריעזן אופן אַריינגעצויגן, צוגעבונדן צו זיין „קאָנטראַפּאַרט", מחמת סווידריגאַילאָוו פאַרקערפּערט די מאַטעריאַליזאַציע פון ראַס־קאָלניקאָווס נישט דעפינירטע שרעק, וואָס רופט זיך, אגב, אויך איבער מיט דאָסטאָיעווסקיס דעפּרעסיע־שטימונגען אין יענער צייט: עס איז געווען גאָר אַן אַנדערער געדאַנק, וואָס האָט פאַרפאָלגט ראַסקאָלני־קאָוון און עס האָט אים שרעקלעך געמאַטערט. „כאָטש ער האָט אים געפרוווט אָפּשטופּן פון זיך, האָט ער זיך אָבער נישט געקענט העלפן, טראַכטנדיק צייטנווייז, אַז סווידריגאַילאָוו פאָלגט אים נאָך אומעטום, און אַז ער האָט אַנטדעקט זיין סוד".

גייט אַזוי אָן די באַשרייבונג ווי אַזוי ראַסקאָלניקאָוו טרעפט זיין „בעל־דבר" ביי אַ רעסטאָראַן־פענצטער און באַמערקט אים זיצן טרינ־קען טיי. עס איז אַ סצענקע, וואָס פּאַסט פּאַר פראַנץ קאַפקאַן: ...„ער איז געווען שרעקלעך איבערראַשט פונעם צופאַל. סווידריגאַילאָוו האָט שווייגנדיק געקוקט אויף אים... נישט געוואָלט מ׳זאָל אים זען... ס׳האָט אים דערמאָנט אין דער סצענע, ווען זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין ראַסקאָלניקאָווס צימער... קיינער פון זיי האָט נישט גע־ווּוּסט, אַז איינער אָבסערווירט דעם אַנדערן. לסוף האָט סווידריגאַילאָוו אויסגעבראָכן אין אַ הויכן געלעכטער: — נו, קום אַריין, אויב דו ווילסט. איך בין דאָ! האָט ער געשריגן דורכן פענצטער" (דאָרט).

איך האָב געבראַכט אַ גרעסערן אויסצוג פון דער קאָנפראָנטאַ־ציע צווישן אַ מענטש (ראַסקאָלניקאָוו) מיט זיין אונטערבאַוווּסטזיין, געשטאַלטיקט אין דעם אויסגעדאַכטן סווידריגאַילאָוו.

אין זיינע אַנדערע ראָמאַנען, למשל, אין „אידיאָט", איז עס ראָ־גאָזשין — די טאָפּלגעשטאַלט פון פּרינץ מישקין, בעת אין „די אָרימע מענטשן" האָט עס די פאָרם פון אַן אינערלעכן דיאַלאָג (און אין „די ברידער קאַראַמאַזאָוו" זענען עס די קאָשמאַרן און האַלוציגאַציעס פון איוואַן קאַראַמאַזאָוו).

ווען דאָסטאָיעווסקי איז נאָך געווען אין זיינע צוואַנציקער יאָרן און געשטעלט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט, האָט ער שוין עקס־פּערימענטירט מיט אָט דער צעשפּאַלטנקייט פון דעם מענטשלעכן „איך", ווי מיר זעען עס אין זיין „טאָפּלקייט" (1846).

ווי די דאָסטאָיעווסקי־ביאָגראַפן ווייזן אָן, האָט ער שוין דאַן

שטאַרק געליטן פון דעפּרעסיעס און עס האָט נאָך אים צוגעשפּילט וואָס ער איז בכלל פון זיין נאַטור געווען אַ היפּאָכאָנדראַק און ביידע עלעמענטן האָבן באַווירקט זיין שאַפן בעת ער האָט אויסגעפורעמט זיינע טיפּן און געשטאַלטן.

דאָסטאָיעווסקיס ביאָגראַפן פרעגן: צוליב וואָס האָט ער זיך אַזוי פיל באַנוצט מיט דעם דעטעקטיוו־זשאַנער? מסתמא אויך צוליב שפּאַנונג, אָבער מער נאָך ווייל עס האָט אים געגעבן אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן פאַר דער עקספּרעסיע פון דער פּערסאָנאַליטעט פון זיינע העלדן, פון זייערע פּירונגען, פון קאָנפליקטן ביי זיך און די ריסן וואָס זיי שאַפן ביי אַנדערע.

דאָסטאָיעווסקי איז געווען דירעקט אַנגאַזשירט אין די אַלע סתירות פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ אין זיין צייט; און די רוסישע געזעלשאַפט איז געווען דעמאָלט שטאַרק פראַגמענטירט. אין דער סאָציאַלער מיליע פון זיין וועלט איז געווען אַן עקסטרעמער פּלוראַליזם מיט פּילזייטיקע קאָנפליקטן, פון וועלכע ער האָט געזוכט צו שאַפן, קינסטלעריש, אַ געוויסע קאָעקזיסטענץ.

ער איז נישט געווען קיין פילאָזאָף, ער האָט אָבער גענוצט דעם מאַטעריאַל און די אידייען פון פילאָזאָפיע צו קאָנסטרואירן די ספּיריטועלע, די מענטאַלע וועלטן פון זיינע העלדן. צוויי אידייען באַטייטן צוויי פּערסאָנאַזשן; קאָנפליקטן צווישן צוויי יחידים, ווי צווישן אידייען (אין דער מיט) פון אַן איינצלנעם באַוווּסטזיין.

די אָביעקטיווע קאָנפליקטן פון זיין דור און צייט, האָט ער אין זיין שאַפן אַוועקגעשטעלט אויף דער פלאַך פון פּערזענלעכע ליידן. נאָר אין אַזאַ דימענסיע איז פאַר אים מעגלעך געווען צו זיין דער אָביעקטיווער אָבסערוואַטאָר פון די אַלע כוחות, וואָס נורטעווען אין די פינצטערסטע ווינקעלעך פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, ביז ווען אין אַ געוויסן טאָג רייסן זיי זיך אַרויס אויפן אויבערפלאַך און וואַרפן זיך אַריין אין דער עקזיסטענץ.

דאָסטאָיעווסקיס פּערסאָנאַזשן שאַפן טייל מאָל דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען באַשעפענישן פון פאַרשידענע וועלטן און די ווערן ווי אַריינגעוואָרפן אין אַ וועלט, וווּ זיי מוזן הויזן צוזאַמען, לעבן אונטער איין דאַך.

וואָס שייך די קאָנפליקטן גופא, ווערט אין יעדן פון זיי פאַרזייט דער קערן פון אַ פאַרברעכן, אַ פאַקטיש־דורכגעפירטן, צי נאָר אַ פּראָיעקטירטן. זיי געשעען אין באַדינגונגען, וווּ איין טייל פון דער מענטשלעכער פּערסאָנאַליטעט איז מכריע דעם אַנדערן, וואָס ווירקט אויך מיט אַן אייגענער אינדיווידועלער עקזיסטענץ.

מערקווירדיק איז דער אופן, ווי אין „פאַרברעכן און שטראָף״ זוכט דער קרימינעלער אויספאָרשער פון ראַסקאָלניקאָוון אים אויפ־

צווינגען ער זאָל זיך אויפעפענען פאַר אים. דאָס דריקט ער אַזוי אויף דעם אונטערדריקטן עלעמענט — די „צווייטע שטים" פון ראַסקאָל־ניקאָווס אינערלעכן דיאַלאָג, און דאָס טאַקע טוט דאָך אונטערגראָבן די צוגעגרייטע אַליבי פון ראַסקאָלניקאָוון.

אַט „די צווייטע שטים" טרעפן מיר אויך ביי איוואַן קאַראַ־מאַזאָוו — אין דעם אינערלעכן דיאַלאָג צווישן די צוויי העלפטן פון זיין פערסאָנאַליטעט, וואָס רופן אַרויס די פאָרם־געשטאַלט פון גרויס־אינקוויזיטאָר. די אומקלאָרקייט אינעם פינאַל ווייזט טאַקע בולט אָן דעם דואַליזם פון זיין נאַטור.

ווידער אין דער סצענע, ווען איוואַן קאַראַמאַזאָוו ווערט געפּייניקט פון זיינע טייוול־האַלוצינאַציעס, אַנטפּלעקט זיך שוין בולטער דאָסטאָיעווסקיס טעכניק אַרויסצוברענגען דעם ענדגילטיקן זין סיי פון איוואַנס ווערטער און סיי פון דעם טייוולס סאַרקאַזם. אין דעם תוכן גופא איז צווישן זיי נישטאָ קיין חילוק, עס איז אָבער יאָ דאָ אין טאָן, אין די ניואַנסן. און אָט דאָס טאַקע שאַפט דעם אונטערשייד צווישן די ביידע.

אַ גאָר וויכטיקער פאַקטאָר אין דאָסטאָיעווסקיס שאַפן פאַרנעמט דער עלעמענט: שרעק. נישט פאַראַן ביי אים קיין איין באַדייטנדיקער העלד, וואָס זאָל פון דעם זיין אומבאַרירט.

יעדער פון אונדז ווייסט זייער גוט די ראָל פון שרעק אינעם מענטשלעכן לעבן. זייער ריכטיק איז באַטאָנט געוואָרן, אַז קיין שום גרויס־אינקוויזיטאָר האָט נישט פאַרמאָגט אין זיין אַרסענאַל אַזעלכע שרעקלעכע עינויים, ווי עס האָט שרעק. נאַטירלעך איז איר אויס־ווירקונג צום שטאַרקסטן אין מאָמענטן, ווען דער מענטש איז אָמ־שוואַכסטן. דער ראַפינירטסטער פּראָקוראָר וואָלט אָן דער מיטהילף פון שרעק נישט געקענט אַזוי כאַפּן אויף דער „ווענדקע" דעם באַשול־דיקטן. און דאָס קענטיקט זיך דאָך ווי אַ הויפּט־פאַקטאָר אין שפּיאָ־נאַזש־פּראָצעסן, ווי אויך אין פיל אַנדערע.

אַוודאי איז וויכטיק דער ווי אַזוי די נעץ ווערט אויסגעשפּרייט צו כאַפּן דעם פאַרדעכטיקטן און אַטאַקירן דעם קרבן ער זאָל פון דער נעץ זיך נישט קענען אַרויסראַטעווען. מיר זעען עס בעת ראַסקאָל־ניקאָוו טרעפט זיך פּנים אל פּנים מיט זיין אויספאָרשער און אויך, ווען ער „טרעפט זיך" מיט זיין אינעווייניקסטן אויספאָרשער, סוויד־ריגאַילאָוו.

עס איז דאָך שוין וועגן דער קאָנצעפּציע פון שרעק זייער אַ סך געשריבן געוואָרן אין אַלע צייטן, בפרט אין אונדזער עפּאָכע. כ׳וועל דעריבער נישט מאריך זיין דאָ אויף דער אויסווירקונג פון שרעק אויף דאָסטאָיעווסקיס העלדן.

וואָס עס איבערראַשט אונדז יאָ, זענען דאָסטאָיעווסקיס אַנט־

דעקונגען אין קעניגרייך־פּסיכאָלאָגיע, די פאַקטאָרן וואָס זענען בשעתו לחלוטין געווען אומבאַקאַנט. ער האָט זיי דורכגעדרינגען און פּראָזשעקטירט אין דער געשפּאַלטענער פּערסאָנאַליטעט, און באַוויזן צו באַקליידן די קאָנצעפּציעס פון שרעק, האַלוציניאַציעס, שולד און זעלבסט־שטראָף, אין בלוט און פלייש־געשטאַלטן, וועלכע טוען פּי־גורירן מיט אַן אייגן רעכט צו פּסקנען וועגן גוט און שלעכט, וועגן דער מעטאַפיזיק פון מאָראַל, ווו עטיק איז קאָנפראָנטירט מיט עסטעטיק.

אין די „בדידער קאַראַמאַזאָוו" איז דאָ אַ סצענקע פון אַ מאָנאַס־טיר, ווו עס טרעפן זיך צוויי קאָנטראַסטן: פאָטערל זאָסימאַ, צדיק און הייליקער אין אַ מענטשלעך געשטאַלט, מיט דעם אַלטן בעל־עבירהניק און בופאָן פיאָדאָר קאַראַמאַזאָוו. ער פרעגט זאָסימאַן: — וואָס זאָל איך טאָן צו האָבן אייביק לעבן?

ענטפערט אים זאָסימאַ: — דו האָסט דאָך שוין פון אַ לאַנגער צייט געוווּסט וואָס דו מוזט טאָן און פאַרמאָגסט גענוג שכל: לאָז זיך זיך נישט אַריין אין שיכרות... אין די אָרגיעס פון סענסועלער תאווה; ועל כולם — זאָג נישט קיין ליגנס — זאָג צו זיך אַליין נישט קיין ליגנס! דער מענטש וואָס ליגנערט זיך אַליין און הערט זיך צו צו זיינע אייגענע ליגנס, דערגייט צו דעם, אַז ער אַליין קען שוין נישט אונטערשיידן צווישן דעם אמת אין זיך און אַרום זיך. ער פאַרלירט דעם רעספּעקט צו זיך און צו אַנדערע.

— וואָס ענטפערט אויף דעם דער אַלטער נואַפניק און לץ? „איך וועל זיך רעכענען מיט דעם... איך האָב מיין גאַנץ לעבן ליגנס געזאָגט, יעדן טאָג, יעדע שעה. איך בין אליין דער — ליגן פון אמת. ווירקלעך, כ'בין דער טאַטע פון ליגנס"...

וועלן מיר נישט אַריינגיין אין די אַלע מעדיטאַציעס און אימ־פּליקאַציעס אַרום „דערציילן דעם אמת", וואָס מיר טרעפן אין זיינע ווערק. דאָס וואָרע וואָרט איז פאַר זיך גופא אַזוי לעבעדיק, ווי דאָס לעבן גופא. עס האָט זיין שורש און אומוועג לויט דער ספּעציפישער סיטואַציע.

דאָס באַציט זיך אויך צו דעם פּראָבלעם: גאָט, וואָס פאַרנעמט דאָך אַזאַ וויכטיקן אָרט אין „די ברידער קאַראַמאַזאָוו", ווי אויך אין אַנדערע שאַפונגען זיינע. אין „טייוולאָנים", למשל, קומט פאַר אַ באַ־רימטע קאָנפראָנטאַציע צווישן טיכאָן און סטאַווראָגין, וואָס פאַר־שפּיגלט דאָסטאָיעווסקיס פאַרטונקלטע טאָפּלקייטן.

טיכאָן, אַ באַגרענעצטער מענטש, מיט ספקות, פעלערן, שוואַכ־קייטן. סטאַווראָגין פּראָוואָצירט אים דורך דעם פאָלגנדיקן דיאַלאָג:

— גלייבסטו אין גאָט? — האָט סטאַווראָגין מיט סאַרקאַזם אַ פרעג געטאָן.

— איך גלייב.

— עס ווערט געזאָגט, אַז אויב דו האָסט אמונה, קענסטו באַפעלן אַ באַרג זאָל זיך אָפּרוקן און ער וועט דיך פאָלגן. כ׳בין טשעקאַווע צו וויסן צי דו וואָלסט געקענט אַ באַרג באַוועגן ?

— אויב גאָט וועט ווען, וועל איך עס קענען טאָן, — האָט טיכאָן שטיל געענטפערט...

— מיך אינטערעסירט נישט צי גאָט גופא קען אים באַוועגן. וואָס איז מכוח דיר? אויב דו וועסט עס קאָנען באַווייזן, וועל איך דיך באַלוינען, אָנהייבן גלייבן אין גאָט.

— מעגלעך, אַז כ׳וואָלט געקענט...

— מעגלעך, איז אַ שיינער אופן פון זאָגן. פאַרוואָס ביסטו אין ספק ?

— מיין אמונה איז נישט פערפעקט...

— וואָס מיינסטו צו זאָגן, אַז אויך דיין אמונה איז אַ וואַקלדיקע ?

— יאָ...

אָט דער פּראָוואָצירנדיקער דיאַלאָג פאַרענדיקט זיך מיט דעם וואָס טיכאָן, אין זיין באַגרענעצטקייט, ווערט באַזיגט, אויף אַ וויל, פון סטאַווראָגינס סאַרקאַזם. ער בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ און שעפּטשעט: לאָז מיך נישט ווערן פאַרשעמט, גאָט.

וואָס דאָסטאָיעווסקי האָט אין זענען געהאַט דאָ, איז צו ווייזן, הגם ביידע רעדן רוסיש, רעדן זיי אָבער אויף צוויי באַזונדערע לשונות. ביי סטאַווראָגינען איז עס ראַציאָנאַל, בעת ביי טיכאָנען — מעטאַפיזיק.

ענלעכס אין „די ברידער קאַראַמאַזאָוו״ — צווישן איוואַן און זיין יונגערן ברודער אַליאָשאַ (נאָר מיט 4 יאָר יינגער). געוויסע קריטיקער האַלטן אָבער, אַז דאָסטאָיעווסקי, דער פרומער קריסט, דער פאַנאַטישער סלאַוואָפיל, איז מער גינציק צו איוואַן קאַראַמאַזאָווס פילאָזאָפיע, וואָס קומט ביי אים אַרויס פיל שטאַרקער, ווי די פאַרטידיקונגס־פּאָזיציע, אויף וועלכער ער שטעלט אַוועק אַליאָשאַן און זאָסימאַן. וועט דאָ זיכער זיין אויפן אָרט צו דערציילן, אַז דער באַוווסטער רעאַקציאָנער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ אומגעהויערע ווירקונג אויף דער רעגירונגס־פּאָליטיק במשך דער הערשאַפט פון צוויי צאַרן, מיר מיינען: קאָנסטאַנטין פּאָבעדאָנאָסצעוו (1827—1907), וועלכער האָט אָנגעהאַלטן אַ נאָענטע פריינדשאַפט מיט דאָסטאָיעווסקין. ער האָט שאַרף קריטיקירט דעם קאַפּיטל „פּראָ און קאָנטראַ״ (אין „די ברידער קאַראַמאַזאָוו״) און האָט געראָטן דעם מחבר ער זאָל די „בונטאַרישע״ זייטלעך אין פּייער אַריינוואַרפן. און נאָך בעסער וואָלט געווען דאָס גאַנצע ווערק נישט צו פאַרעפנטלעכן...

אַחוץ איוואַנס ראַציאָנאַל־פּילאָזאָפיע און אַליאָשאַס אומשולדי־קע קריסטלעכקייט, איז דאָך נאָך פאַראַן דער דריטער ברודער, דמיטרי, וואָס געהערט, אין תוך, מער צו אונדזער צייט מיט זיין לעבן און אויסזיכט. אגב, איז ער אויך בולטער פאַרטרעטירט, ווי זיינע צוויי ברידער.

ווי באַוווסט, איז זיין נאָמען גופא אַן אָפּשטאַם פון דער ערד־געטין (דעמעטער). זיין פאַרגעניגן איז: תאווה — דאָס פאַרגעניגן פון פליייש... ער איז אַראָפּ אין דעם סאַמע נידער פון זינד און דערגרייכט דעם אָפּגרונט, בכדי... צו געפינען צוריק זיין וועג צו תחית־המתים.

ער וואַרפט אָפּ אידייען, עטיק. נישטאָ קיין פאַרברעכן און שולד, און ער האָט שוין אויך בייגעקומען די קאָנצעפּציע פון שרעק. בעת זיין פּראָצעס נעמט דער קרייצפאַרהער אָן גאַר אַן אַנדער ווענדונג ווי ביי ראַסקאָלניקאָוון, וואָס האָט זיך אַליין געזען ווי אַ שולדיקן מענטש. ער (דמיטרי), זעט דעם בן־אדם, וואָס הייבט אָן מיט דעם אידעאַל פון סדום... און דאָס מענטשלעכע האַרץ איז דאָס שלאַכט־פעלד, ווו עס קעמפן גאָט און טיוול... און „אויב זיי וועלן גאָט פאַרטרייבן פון דער וועלט, וועלן מיר אים באַהאַלטן אין דעם אונטערגרונט".

דער גרויס־אינקוויזיטאָר וויל „העלפן" און „ראַטעווען" די מאַסן פון דער מענטשהייט דורך באַפרייען זיי פון דעם „שווערן יאָך" פון פרייהייט... און פרייהייט איז דאָך אין דעם ווערק נישט בלויז אַ באַשטאַנדטייל פון דער טעמאַטיק, נאָר דער ראָמאַן גופא, זיין נשמה און תוכן.

דמיטרי, וואָס זעט זיך „וויזיאָנעריש" אַליין שוין אין קייטן ערגעץ אין אַ סיבירער פאַרשיקונגס־לאַגער, פאַרמאָגט שוין אין זיך אַזאַ אינעווייניקסטע פרייהייט, מחמת ער האָט באַזיגט דעם פּחד־געפיל: „כ'פיל, אַז כ'האָב איצט שוין אַזאַ כוח, אַז כ'קען שוין אַלץ דורכטראָגן, יעדע ליידן, און צו קענען זאָגן, פאַר זיך אַליין איבערחזרן אין יעדן מאָמענט; איך עקזיסטיר! אין טויזנט אַגאָניעס — איך עקזיסטיר!" (דערמאָנט זיך ה. לייוויקס — איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער...).

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט דאָ מער אויף די ברידער איוואַן און דמיטרי, הגם עס שיינען גאָר צו זיין דעם מחברס וויכטיקסטע מחשבות (ווי מיר זעען עס אין זיינע נאָטיצביכער) אַרום אַליאָשאַן און פאָטערל זאָסימאַ, וואָס האָט איבערגעפורעמט אַליאָשאַס גאַנצע וועלט און וועזן...

מיר איז איצט געוועזן באַזונדערס אינטערעסאַנט נאָך אַ מאָל איבערצולייענען, אַז אַליאָשאַס וויזיע פון אַלץ, וואָס איז יסודותדיק אין

לעבן איז: זכרון. יעדער פּרט, ווי אומבאַדייטנדיק ער זאָל נישט אויסזען, דאַרף איינגעהיט ווערן אינעם זכרון. אָט די פּרטים פורעמען אויס די פּערסאָנאַליטעט — און דאָס איז די וואָר.

ווען זיינע יונגע פריינד זענען צוזאַמענגעבראָכן, נאָכן פאַר־לירן אילושקען, שטייט אַליאָשאַ ביים קבר פון קינד, ברענגט נישט קיין טרייסטווערטער, נאָר זיין פילאָזאָפיע פון געדענקען: ...„לאָמיר געדענקען זיין אָרון, זיין פּנים, זיינע קליינע שיך, מלבושים“... דער הייליקער זכרון, פּרעזערווירט פון דער קינדהייט, איז וואַרשיינלעך די בעסטע דערציאונג פון אַלץ, אויב אַ מענטש טראָגט אין זיך זיין גאַנץ לעבן אָט די דעראינערונגען...

לאָמיר דאָ דערמאָנען, אַז דאָסטאָיעווסקי אַליין האָט פאַרלוירן אַ יונג קינד און אַליאָשאַ פאַרקערפּערט דאָ דעם מחברס דעראינע־רונג...

זיין העלד אַליאָשאַ איז אויך נאָר אַלט געווען אַ 4 יאָר ווען די מוטער איז אים געשטאָרבן, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט פאַר־געסן איר פּנים, אירע צערטלעכקייטן. אַזעלכע דערמאָנונגען פון יינגסטן עלטער האַלטן אָן שוין און בלייבן אויפן גאַנצן לעבן, ווי פלעקן פון ליכט און פינצטערניש...

מיר וועלן זיך נאָך צו דער טעמע אומקערן ביי מאַרסעל פּרוסט.

„דער אידיאָט“

דאָסטאָיעווסקי האָט געשריבן דאָס ווערק זייענדיק אין אויסלאַנד (זשענעווע), ליידנדיק פון עפּילעפּטישע אַטאַקעס כמעט יעדן טאָג; און אויך פון פינאַנציעלע שוועריקייטן. אין אַזאַ צושטאַנד האָט ער געטראַכט, אַז דאָס ווערק וועט זיין אַ מפּיל־קינד. ער האָט געהאַט אַ טעות. נישט נאָר וואָס דאָס ווערק איז נישט געווען קיין פיאַסקאָ, נאָר פאַרקערט: פאַראַן אַפילו צווישן זיינע קריטיקערס, וואָס האַלטן, אַז „דער אידיאָט“ איז זיין גרעסטע ווערק.

קען מען ווענגן דעם דיסקוטירן, מחמת ווען מען איז גוט מעיין זעט מען, אַז עס באַשטייט פון דריי באַזונדערע — און שלעכט צו־נויפגעשטיקעוועטע סעקציעס, ווו אין יעדערער פון זיי באַווייזט זיך גאָר אַן אַנדער פירשט מישקין — ווי מיר וועלן עס באַלד זען.

די ערשטע סעקציע הייבט זיך אָן אין באַנוואַגאָן ווען פירשט מישקין קערט זיך אום צוריק קיין פּעטערסבורג נאָך אַ לאַנגער פּסיכיאַטרישער קוראַציע אין אויסלאַנד. די סעקציע פאַרענדיקט זיך ווען נאַסטאַסיאַ פאַרברענט די געלט־באַנקנאָטן מיט וועלכע ראָגאָ־זשין האָט איר געפּרוווט אָפּקויפן.

דאָס איז דער ערשטער טייל פונעם בוך.

די צווייטע סעקציע נעמט שוין אַרום דעם צווייטן און דריטן טייל פון ראָמאַן און די אַפּשלוס־סצענע פון פערטן טייל. מען קען אפילו זאָגן, אַז אין דער סעקציע זענען פּראָזשעקטירט אַלע פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישע באַשטאַנדטיילן פון דעם ראָמאַן, אָבער ווייט־נישט מיט דער קינסטלערישער שלימות, ווי מיר זעען עס בעת די קאָש־מאַרן און האַלוצינאַציעס פון „פאַרברעכן און שטראָף".

אין דער צווייטער סעקציע איז נאַסטאַסיאַ שוין אַוועקגערוקט געוואָרן אין הינטערגרונט, בעת אין פאָדערגרונט איז אַרויסגעקומען אַגלאַיאַ. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי דאָסטאָיעווסקי וואָלט דאָ גאָר אָנגעהויבן אַ נייעם ראָמאַן מיט אַ נייעם כאַראַקטער־טיפּ. עס מערקט זיך אויך ווי איר פריערדיקער דורכדרינגענדיקער ציניזם איז פאַר־טוישט געוואָרן אויף עפּעס אַנדערש. אמת, אַז זי חוזקט ווייטער אָפּ פון פירשט מישקין, אָבער זי האַלט זיך שוין נישט אַזוי פון דער־ווייטנס און ווערט אפילו אַ קאָפּעטשקע איבערמענטשלעך.

אויך מישקין איז עפּעס ווי פאַרענדערט געוואָרן איבער נאַכט, ס'איז אַוועק פון אים זיין תמימות און שאַרם, וואָס האָט אים פריער באַגלייט. ער איז געוואָרן אַ הילפלאָזער קרבן פון אַזעלכע איראַ־ציאָנעלע סתירות, און איז כולו אריינגעטאָן אין זיין אַבסאַרבירנ־דיקן חלום. עפּעס זעט ער גאָר אויס ווי ער וואָלט טראַנספּאָרמירט געוואָרן אין אַ פאַרזויערטן פּאַראַנאָישן אינזיכיסט. ער ווערט אָנגע־גריפן פון אַלע זייטן: מען פאַרלאַנגט פון אים צו רעדן פשוט, וואָס ער קען נאָר ביי אַ העכערן מאָטיוו. מען חוזקט אָפּ פון זיין בולטער איגנאָראַנץ אין די אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער נאַטור און עס פאַרטשעפּעט אים אַפילו קעלער וועגן איידלקייט פון געדאַנק, אַז „דאָס עקזיסטירט נאָר אין טרוים".

ווידער די פּאָעמע וואָס האָט אָנגעשריבן אַגלאַיאַ וועגן פירשט מישקין, אַז ער איז אין שטאַנד אָנצוגיין זיין גאַנץ לעבן מיט זיין אידעאַל און דאָס איז נישט שכיח ביי די געוויינטלעכע מענטשן. אָבער אין וואָס עס באַשטייט זיין לעבנס־אידעאַל זאָגט זי נישט בולט ארויס אין דער פּאָעמע, נאָר מען שטויסט זיך אָן, אַז ס'איז פאַרבונדן מיט אַ געוויסער וויזיע פון עסטעטיק, פון ריינער שיינקייט.

אַ קאָמענטאַר וועגן דעם איז אגב דאָ אין אַ בריוו פון דאָסטאָ־יעווסקין צו זיין פּלימעניצע אַרום זיין אידיי פון דעם ווערק. ער שרייבט איר: — דער הויפּטציל איז געווען צו געשטאַלטיקן אַ מענטש פון אַן אויסגעצייכנטער שיינקייט... אַלע אייראָפּעישע שרייבערס האָבן עס נישט באַוויזן אַרויסצוברענגען, מחמת שיינקייט איז אַן אי־דעאַל איבער אַ קאָנצעפּציע, וואָס איז נאָך נישט פּרעציזירט און אויס־געאַרבעט. אַלע פּרוּוון האָבן זיך דערווייל נישט איינגעגעבן נאָך.

אין דער קריסטלעכער ליטעראַטור איז נאָר דאָן קיכאָט אַממייסטן פּערפעקט אַרויסגעקומען, אָבער ער איז נאָר אַזוי אויסגעפורעמט שלמותדיק מחמת ער איז גלייכצייטיק אַ קאָמישע פיגור...

וויל איך נאָך צו דעם צוגעבן, אַז אין דאָסטאָיעווסקיס נאָטיץ־בוך איז פאַרצייכנט וועגן פירשט מישקין צו זיין גאָר אַ מין יעזוס־פיגור, און דאָס חזרט ער איבער אין אַ ריי ערטער.

אין אַגלאַיאַס פּאָעמע זאָגט זיך אויך וועגן פירשט מישקין, אַז ער איז אַ דאָן קיכאָט, נאָר אַן ערנסטער, נישט קיין קאָמישער. און זי גיט צו: בעת כ'האָב אים נישט פאַרשטאַנען האָב איך געלאַכט פון אים, אָבער איצט האָב איך אים ליב, אָט דעם „אָרעמען ריטער", כ'רעספּעקטיר זיינע האַנדלונגען. און נאָך אַ צוגאָב פון דאָסטאָיעווסקיס נאָטיצבוך, אַז פירשט מישקין און אַגלאַיאַ עפּאַנטשינאַ דערגאַנצן זיך איינער דעם אַנדערן ווי צוויי העלפטן פון אַ קאָמפּאָזיציאָנעלער פּערסאָנאַליטעט.

קומען מיר צום פירשט מישקין נומער צוויי (צווייטע סעקציע) און מיר לייענען: ... „ער (מישקין) האָט אָנגעהויבן זיך אַליין באַשול־דיקן אין זיינע סתירותדיקע טענדענצן. פון איין זייט — צו דעם עקסטרעם פון אַ פולשטענדיק זינלאָזן צוטרוי צו זיינע מיטמענטשן; און פון דער צווייטער — (צו זען זיי) פאַרדאָרבן און אומפאַרשעמט..."

ווען קעלער פרעגט אָפּ זיין ערלעכקייט, איז ער זיך טאַקע מודה אין טאָפּלטע מאָטיוון, וואָס זענען אַממייסטן שווער צו באַ־קעמפן. ער זאָגט: „איך האָב געפרווט, און נאָר איין גאָט ווייסט פון וואַנען זיי קומען אָט די אידייען, וואָס דו באַצייכנסט ווי פאַר־דאָרבענע. איך האָב פאַקטיש איצט מער מורא, ווי ווען ס'איז, פאַר אָט די טאָפּלטע מאָטיוון".

שילדערט אַזוי דאָסטאָיעווסקי מישקינס אַרומשלייכן אין פּאַרק זוכנדיק די גרינע באַנק ווו אַגלאַיאַ האָט אים צוגעזאָגט אָפּצוואַרטן. און ער טראַכט בעת מעשה וועגן זיינע טעג אין דער שווייץ, ווען ער האָט אויף די בערג געקלעטערט בעת די זוניקע פרימאָרגנס ביי די שיינקייטן פון אַרום: „ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט אויסגע־צויגן זיינע אָרעמס צום שיינעם ענדלאָזן בלוי פון האָריזאָנט און געוויינט. וואָס אים האָט געפּייניקט איז געווען דער געדאַנק, אַז ער איז אַ פרעמדער צו דעם אַלעם, און ער שטייט מחוץ דעם הער־לעכן פעסטיוואַל... אַלץ (אַרום) האָט געוווסט זיין אייגענעם וועג און אים ליב געהאַט. מיט אַ געזאַנג אַוועק און מיט אַ געזאַנג צוריק־געקומען. נאָר ער, וואָס ווייסט גאָר נישט, פאַרשטייט גאָר נישט, נישט די מענטשן, נישט די ווערטער און נישט די שטים פון דער נאַטור. ער איז אַ פרעמדער און געפינט זיך מחוץ למחנה..."

די לעצטע (און דריטע) סעקציע פון ראָמאַן איז שוין נישט

דראַמאַטיש און איז נאָר טעכניש אויף דעם ניוואָ פון די ערשטע צוויי סעקציעס. עס איז פאַרשווונדן געוואָרן דער גלאַמאַריזירטער פירשט מישקין (מיט זיינע נאַטיצביכלעך) פון וועמען אַלע האָבן אָפּגעלאַכט. אויף זיין אָרט איז דאָ אַ מישקין וואָס געפעלט שוין אַלעמען און אַפילו אַגלאַיאַ שלינגט דיין יעדן וואָרט.

פאַראַן אין דער סעקציע לאַנגע טיראַדעס וועגן דעם רוימישן קאַטאָליציזם און וועגן „פשטות פון הארץ" וואָס איז אין דעם נאַראַטיוו גאָר נישט איבערצייגנדיק, און איז בכלל אַ מין פרעמדער קערפּער. עס איז ווי אַ מין אַנטי־קלימאַקס פון וועלכן עס ראַטעוועט זיך ערשט דער נאַראַטיוו דורך אַן איבעררייס: ווען מיר געפינען זיך פלוצלינג צוריק מיט דעם פאַנטאַסטישן מישקין און מיט ראַגאַזשינען נאָכן ריטואַל־מאָרד איבער נאַסטאַסיאַן.

אָבער טראָץ דער פראַגמענטאַרישקייט פון דער מישקין־פיגור איז ער דאָך ווי אַ כאַראַקטער־געשטאַלט אַ שטאַרק דורכדרינגענדיקע און מיר זעען טאַקע אין אים דעם מישקין וועלכן דאָסטאָיעווסקי האָט געוואָלט שאַפן.

אַגב זענען פאַראַן ענלעכקייטן צווישן דעם מחבר און זיין באַשאַף. ביידע זענען דאָך עפּילעפּטיקערס, און עס איז טאַקע דאָ דער איינדרוק, אַז אין געוויסע הינזיכטן האָט דאָסטאָיעווסקי בעסער באַנומען עפּילעפּסיע, ווי די אַלע דיפּלאָמירטע פּסיכאָלאָגן, און דערפאַר וואָס ער אַליין האָט פון דעם געליטן, האָט ער עס געפאָרשט פון דער ערשטער האַנט, אַזוי צו זאָגן.

מיר איז אויסגעקומען צו לייענען ווי אַזוי ניקאָליי סטראַכאָוו באַשרייבט דאָסטאָיעווסקיס צושטאַנד פאַר אַן עפּילעפּסיע־אַטאַקע און עס איז דאָך אַזוי ענלעך צו מישקינס גרויסער אַטאַקע.

דאָסטאָיעווסקי לאָזט נישט דורך אין זיין שילדערונג קיין איין פּרט בעת מישקינס גאָר שטאַרקער אַטאַקע. די עפּילעפּסיע־סינדראָמע איז געשילדערט פון אַ סוביעקטיוון און פון אַ פיזישן שטאַנדפּונקט, וואָס איז אָבער אויך כולל: די עמאָציאָנעלע, פּסיכישע, מאָראַלישע און מעטאַפיזישע עלעמענטן, וואָס זענען פונדאַמענטאַל אין דער גאַנצער אומאָרדענונג ווי אין אַ מין מעטאַפיזישער טאָטאַליטעט.

הערן מיר, אַז מישקין איז א קרבן פון אַ משמעותדיקער רעאַלער וועלט און ער איז אומגליקלעך, מחמת ער האָט נאָר אַ צוטריט צו טעאָריעס וועגן לעבן אָבער נישט צום לעבן גופא. זיכער איז מישקינס וועלט נאָר זיין אייגענע אידיי און ער רעפּרעזענטירט זיין אייגענעם אומדערגרייכבאַרן אידעאַל.

אַזוי זענען אויך אין אַ געוויסן זין, דורכגעלויכטן פון אינעווייניק אַ סך אַנדערע פּערסאָנאַזשן וואָס באַפעלקערן דעם גאַנצן ראָמאַן שטח. זיי זענען מישקינס פּראָזשעקטירונגען (בפרט אין דער

צווייטער סעקציע וואָס מיר האָבן אויבן באַהאַנדלט), ווו זיי שיינען צו ווינען אין זיין קאָשמאַר־וועלט. די מעטאַפּיזישע אומבאַקוועמלעכ־קייטן רופן אַרויס ביי מישקינען צעשטערונגען פון אַן עטישן כאַ־ראַקטער, און ער איז דאָך אַליין מודה, אַז ער ליידט פון אַ ספּעציעלער אָבצעסיע צו זוכן טאָפּלמאָטיוון הינטער יעדער טאַט און כוונה. ער באַשולדיקט זיך אין אומאויפריכטיקייט און אין זיין כסדר אין אַ צושטאַנד פון קידער־ווידער מיט דער וועלט פון רעאַליטעט. און דאָס רופט אַרויס ביי אים פּסיכישע האַלוצינאַציעס, אָבצעסיעס, פאַר־בונדן מיט אַ פאַרנעפּלטן אומרו.

דאָסטאָיעווסקי האָט באַוויזן אין דעם ווערק צו שאַפן אַ סינ־טעז, אַן אַמאַלגאַם פון די אַלע. עלעמענטן, וועלכע ער האָט פאַר־וועבט אין דער קאַנווע, וואָס נעמט אַרום זיין וועלט, אַפילו די שיל־דערונג פון אַ געוויטער איז דאָך אויך אַן אַנדייט אויף אַ ספּעציפי־שער פיזישער אַנאַלאָגיע פון אַן עפּילעפּטישן קלימאַקס. און עס איז אויך פאַרשטענדלעך פאַרוואָס דאָסטאָיעווסקי האָט עס אויסגעקליבן פאַר א סימבאָל. ער גייט נאָך ווייטער אין דער אַנאַלאָגיע, — צו זען עס ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם גאַנצן קאָסמאָס ארום מישקינס קריזיס־וועלט.

די עפּילעפּטישע פאַרשונג איז דאָך זיכער פון דאָסטאָיעווסקיס אייגענעם לעבן. אַזוי אויך די דראַמאַטיזירטע סצענע וואָס מישקין שילדערט בעת דער עקזעקוציע פון די 21 פערזאָן (פון פּעטראַ־שעווסקיס גרופּע). די דראַמאַטיזאַציע האָט דאָסטאָיעווסקי געשריבן אַ צוואַנציק יאָר נאָך דער אויטענטישער געשעעניש.

אין דעם ווערק איז אויך פאַרוועבט דער פּראָבלעם פון תחית־המתים, וואָס מיר טרעפן אין דאָסטאָיעווסקיס ווערק אָפט אין פאַר־שידענע אופנים. אין „דער אידיאָט" לייגט דער מחבר אריין אין מויל פון זיין העלד טערענטיוו די שאלה: — ווי אַזוי קענסטו ביי־קומען די געזעצן (פון טויט), ווען ער אַפילו (יעזוס) — האָט נישט געקענט? און אויב יעזוס איז געווען אַ דורכפאַל, וואָס פאַר אַ האָפענונג בלייבט שוין פאַרן געווינטלעכן בן־אדם בייצוקומען דעם מלאך־המוות? און צי בלייבט ער דען נישט דער איינציקער הערשער אויף דער ערד?...

די באַנייאונג פון לעבן איז אַ מאָטיוו, וואָס חזרט זיך אויך אָפט איבער אין זיין שאַפן. ווען דאָסטאָיעווסקי האָט דורכגעמאַכט סיבירער קאַטאָרגע, האָט ער נאַטירלעך זייער גוט געוווסט וואָס דאָס מיינט אין דעם קלימאַט פון „טויטן־הויז"... ביים אָפּפאַל פון דער געזעלשאַפט האָט ער אַנטדעקט אַ ניי לעבן. ער האָט דעם אָפּ־פאַל אידעאַליזירט, אַז פון אים קומען אַרויס די אמתע מענטשן פון רוסלאַנד. אַנדערש איז ווען דאָסטאָיעווסקי גייט אַריבער פון אַ מעטאַ־

פיזישן תחית־המתים צו אַן אַלעגאָרישן, ווי מיר זעען עס אין דעם עפּילאָג צו „פאַרברעכן און שטראָף“ ווען דאָס לעבן גיט ראַסקאָל־ניקאָוון אַ נייעם צוזאָג פון רעגענעראַציע. ער שרייבט: — „דאָ הייבט זיך אָן אַ נייע געשיכטע, די געשיכטע פון אַ בהדרגהדיקער באַנייאונג פון אַ מענטש — די געשיכטע פון אַ שטופּנווייזער רעגענערירונג, פון זיין בהדרגהדיקן טראַנזיט פון איין וועלט צו אַן אַנדערער“.

אינעם זעלבן ווערק איז אויך דאָ אַ סימבאָלישער אַנדייט וועגן מאַרמעלאַדאָווס טויט, וואָס ווערט באַגלייט פון אַן אויפשפּראָץ פון אַ ניי לעבן. דער אַלעגאָרישער תחית המתים איז שוין דאָ במקום דעם מעטאַפיזישן.

איך האָב דערמאָנט ווי דאָסטאָיעווסקי קערט זיך אום צו דער געשיכטע פון זיין טויט־אורטייל בעתן פּראָצעס — דאָס וואַרטן אויף דער עקזעקוציע!

אין „אידיאָט“ האַלט מישקין וועגן דער געשעעניש אַזאַ רעדע: „...דאָס אומברענגען אַ מענטשן צוליב אַ מאָרד איז אַ פּילפאַכיק גרעסער פאַרברעכן ווי דער פאַר וועלכן ער ווערט באַשטראָפט. די עקזעקוציע איז מער שרעקלעך ווי דערהרגעט צו ווערן דורך אַ באַנ־דיט אויף די וועגן. אפשר געפינט זיך דאָ אַ מענטש וואָס איז פאַר־משפּט געוואָרן צום טויט, דורכגעמאַכט אַלע טאָרטורן און דעמאָלט האָט מען אים געשאָנקען דאָס לעבן. און ער וואָלט געקענט דערציילן!...

אַננאַ גריגאָריעוונאַ

אין איר בוך וועגן איר מאַן פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי, דערציילט אַננאַ גריגאָריעוונאַ, ווי אַזוי זי איז געוואָרן זיין (צווייטע) פרוי.

דאָסטאָיעווסקי האָט דעמאָלט פּונקט געאַרבעט איבער זיין „דער האַזאַרדשפּילער“ און בכדי צו קענען צושטעלן דעם מאַנוסקריפּט צו דער אָפּגעמאַכטער צייט האָט ער זיך גענויטיקט אין אַ סטענאָ־גראַפיסטקע־סעקרעטאַרין. אַננאַ האָט זיך דאַן געלערנט סטענאָגראַפיע, וואָס איז נאָך געווען אין רוסלאַנד אַ נייעס אין יענער צייט און זי איז רעקאָמענדירט געוואָרן צו דאָסטאָיעווסקין. ווען זי איז צום ערשטן מאָל געקומען צו אים וועגן פּאָסטן, האָט איר דאָס הויז, די טרעפּ און בכלל דער גאַנצער אָרט דערמאָנט אין דאָסטאָיעוו־סקיס שילדערונגען פון דעם הויז, ווו עס געלעבט ראַסקאָלניקאָוו („פאַרברעכן און שטראָף“).

געווען איז זי אַן אינגעלייענטע אין דער רוסישער ליטעראַטור און מיט נאַיווער התפּעלות אַרויפגעקוקט צו דאָסטאָיעווסקין. עס האָט

נישט לאַנג געדויערט און ער האָט איר פאַרגעלייגט חתונה צו האָבן מיט אים. זי האָט זיך גלייך אָנגעכאַפּט אין דעם, און צו זיין טאָפּלטן מזל איז זי אויך געווען פון אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע און געבראַכט אים כסדר געלט. ער האָט זי געמונטערט צו טאָן עס וואָס אָפּטער... עס איז געווען פאַר אים אַ גאָלדענער שידוך: — ווייב, סעקרעטאַרין־סטענאָגראַפּיסטין, פינאַנציעלע ראַטגעבערין, פאַרוואַלטערין — אַלץ אין איין פּערזאָן!

ווי דערמאָנט שוין, האָט דאָסטאָיעווסקי זיך אויך געליבט (אפילו נאָך דער חתונה מיט אַננאַן) מיט דער שרייבערין אַפּאָלינאַריאַ סוסלאָוואַ, מיט וועלכער ער איז ארומגעפאָרן אין אייראָפּע איבער די קאַסינאָס און פאַרשפּילט ביז דער העמד... אַננאַ האָט וועגן דעם געוווסט און געווען שטאַרק איפערזיכטיק אויף זיין געליבטער. הגם אין איר בוך וועגן דאָסטאָיעווסקין דערמאָנט זי אַפילו נישט מיט קיין וואָרט וועגן דעם, אָבער אין איר פּריוואַטן טאָגבוך (וואָס זי האָט געפירט די ערשטע צייט נאָך דער חתונה), האָט זי פאַרצייכנט אַ דערהאַלטענעם בריוו פון סוסלאָוואַן בעת דאָסטאָיעווסקי איז נישט געווען אין שטאָט. זי האָט דעם בריוו געעפנט, איבערגעלייענט, צוריק פאַרקלעפּט און אָוועקגעגעבן אים. ביים לייענען האָבן זיך אים, שרייבט זי, געביטן די קאָלירן פון פּנים. מיט אַ תמעוואַטער מינע האָט זי אים אַ פרעג געטאָן: וואָס שרייבט סאָניעטשקע (דאָסטאָיעווסקיס פּלימעניצע)? — ס׳איז נישט פון איר, האָט ער מיט אַ גרימאַסע־שמייכל געענטפערט. געווען איז עס בלויז עטלעכע חדשים נאָך איר חתונה, און צום ערשטן מאָל פון איר זיין אין אייראָפּע (דער „האָניק־חודש" מיט אים) און אַ שוואַנגערנדיקע...

ווען מען פאַרגלייכט איר אינטימען טאָגבוך, און די רעמיניס־צענצן וועגן דאָסטאָיעווסקין, געשריבן מיטן ציל: פּובליקאַציע — זעט מען בולט די קאָסמעטיק, מיט אַן אויג פאַר דאָסטאָיעווסקיס חסידים...

וואָס שייך די סוסלאָוואַ איז זי שפּעטער פאַרשוווּנדן געוואָרן פון זיין פּערזענלעכן האָריזאָנט. זי ווערט אָבער באַטראַכט ווי דער פּראָ־טאָטיפּ פון דער גאַלעריע „גיהנום"־פרויען אין זיינע ווערק.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פּיקאַנטן עפּיזאָד, נאָר מחמת דער גוזמא וואָס כ׳האָב באַמערקט פון מיינונגען אין דער רו־סישער ליטעראַטור, צו עקזאַלטירן אים ווי „אַ צדיק אין זיין אינע־ווייניקסטן געראַנגל־פּראָצעס צווישן גוט און שלעכט".

פונקט אַזוי איז דער היפּוכדיקער אַבסורדאַלער שטות צו באַ־צייכענען דעם מחבר פון פאַרברעכן און שטראָף; נאָטיצן פון טויטן־הויז; פון אידיאָט — און אחרון אחרון — פון די ברידער קאַראַמאַזאָוו — ווי אַ משוגענער, אַ מאַניאַק, אַ פאַררעטער... און מיט אַזעלכע

עפּיטעטן האָבן געווייסע שרייבער אים „מכבד״ געווען. עס איז שוין דערגאַנגען צו אַזאַ וואַקכאַנאַליע קעגן אים, אַז מען האָט פאַרבעטן אַן עולם צו אַן אויסשטעלונג, וווּ ס׳איז געווען פּעטראַוס אַ פּאָרטרעט פון דאָסטאָיעווסקין, ווי „אַ בולטער באַווייז אַז ער איז אַ לונאַטיקער און געהערט צו אַ משוגעים־הויז״ (זע די „רעמיניסצענצן וועגן דאָס־טאָיעווסקין״). שוין מער זאַכלעך איז די מיינונג פון מיכאַלאָווסקין, וואָס האָט אים באַצייכנט, ווי „אַ גרויזאַמער טאַלאַנט״. עס איז אָבער אויך שווין צו דראַסטיש צו קענען פאַרגלייכן די דערשיינונג דאָסטאָ־יעווסקי צו דעם פענאָמען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור — מאַרקיז דע סיידי.

צווישן אָט די אַלע עקסטרעמע מיינונגען; סיי פון די וואָס האָבן אים אַרויפגעשטעלט אויף דעם פּיעדעסטאַל פון נביא און צדיק, וועל־כער טוט פאַרקערפּערן מיט זיין לעבנסווערק די העכסטע הומאַניש־קייט; און סיי די וואָס האָבן אים אַזוי ברוטאַל אַראָפּגעריסן, געזען אין זיין שאַפן בלויז אַ צעשטערערישן טאַלאַנט — איז דער אמת, ווי תמיד, אין דער מיט פון די אַנגעמערקטע עקסטרעמע פּאָלוסן.

בלתי ספק איז זיין געניאַלער טאַלאַנט און דערצו די באַדינגונ־גען אין וועלכע עס איז אים אויסגעקומען צו שאַפן זיין לעבנסווערק; זיין כולו־געראַנגל — מיט זיך און מיט דער געזעלשאַפט — און פון אַ לעבן לאַנג זיך פאַרנעמען מיט פּראָבלעמען פון רעליגיעזן גלויבן — פּראָבלעמען מיט וועלכע ער האָט זיך געראַנגלט ביזן לעצטן אָטעם זיינעם.

דערציילט זיין פרוי, ווי ער האָט פאַרטראַכט צו שאַפן אַ גרויסן נייעם ראָמאַן, אַ פילאָזאָפישן, וועגן אַ רוס, וואָס האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין גאָט און נאָכן אַרומזוכן אַ נייעם גלויבן ביי די אַטעאיסטן, ביי די סלאַוון און ביי די אייראָפּעער, קערט ער זיך אום צוריק צו יעזוסן און צום רוסישן לאַנד.

פון אָט דער פאַרטראַכטונג איז דורך אַ ריי טראַנספאָרמאַציעס אַרויסגעקומען זיין דאָס לעבן פון אַ גרויסן זינדיקן. דאָסטאָיעווסקי האָט דאָס ווערק טאַקע באַטראַכט ווי זיין אייגענעם מתוודה זיין זיך, אין אַ שפּעטערישער פאָרם. אגב איז ביסלעכווייז אויך געענדערט גע־וואָרן דער טיטל וואָס הייסט שוין: דער באַנומענער.

ווי עס דערציילן זיינע פריינד האָט דאָסטאָיעווסקי פּלאַנירט אויסצונוצן זיין העלד אַליאָשאַ קאַראַמאַזאָוו אויך אויף אַ נייעם קאַ־ראַמאַזאָוו־ראָמאַן און מען פאַררופט זיך אויף אַננאַ גריגאָריעוונאַס דערקלערונגען וועגן אָט דעם פּאָטענציעלן ראָמאַן. איך וועל דאָ נאָר ציטירן די שרייבערין ג. האָפמאַן, אַז „ס׳איז געווען דעם מחברס פּלאַן פאַר אַליאָשאַן ער זאָל אַרויסגיין אין דער וועלט און נעמען אויף זיך אירע זינד און פּיין, דאָס זאָל האָבן געווען אין פּאָטערל זאָסימאַס

צוואה פאַר אים!...״ נאָך אַ דורכגעמאַכטן לאַנגן שטורמישן פּעריאָד, אין וועלכן ער האָט פאַרלאָזט זיין פאַרהייראַטער פרוי, ליזאַ, און אַרומגעוואַנדערט מיט דער זינדיקער שיינער גרושענקאַ, וועלכע רופט אַרויס אין אים די „קאַראַמאַזאָוו־סענסואַליטעט״ — ווערט ער צוריק אַ בעל־תשובה און גייט צוריק אין מאָנאַסטיר אַריין, קומט דאָרט צו זיך — נאָך די אַלע ספקות, נעגאַציעס און זיך־פיניקונג.

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז ביים לייענען צום ערשטן מאָל אין די ברידער קאַראַמאַזאָוו וועגן אַליאָשאַן מיט אַ פופציק יאָר צוריק, און איצט, ביים צווייטן מאָל לייענען, האָב איך ערשט טיפער דערשפּירט, וואָס דער העלד האָט באַטייט פאַר דאָסטאָיעווסקין; אויך אַפילו דער צוגעקליבענער נאָמען, וואָס איז געווען אַ לעבעדיקע ווונד ביים מחבר.

דאָסטאָיעווסקיס פרוי, אַ מאַמע, וואָס האָט פאַרלוירן אַזוי פּלוצ־לינג איר יונג זונעלע ,ציטירט אין אירע „נאָטיצן״ דעם פּאָטער זאָסימאַס באַמערקונגען צו דער „פּיקשן״ מאַמען (אין דעם ווערק), וואָס טרייסט אַזוי שטאַרק ביים טויט פון איר זונעלע:

— איך וועל מתפּלל זיין פאַר דער רו פון דיין קליין יינגעלעס נשמה — זאָגט צו איר זאָסימאַ — ווי האָט ער געהייסן?

— אַלעקסעי, פּאָטערל.

— אַ זיסער נאָמען, נאָך אַלעקסעיִן דעם גאָטפּאַרכטיקן מענטש.

— יאָ, פּאָטערל, אַלעקסעי דער מענטש פון גאָט.

— סאַר־אַ־צדיק ער איז געווען. איך וועל מתפּלל זיין פאַר דיין מאַנס געזונט...

ביי דעם האָט דאָסטאָיעווסקי אויך אַריינגעפלאָכטן די טראַגיק פון צעבראָכענע הימען — דורך צעשיידטע עלטערן — איינגעהילט עס אין אַ מעטאַפיזיש־רעליגיעזן לבוש ביים טויט פון אַ קינד. זאָסימאַ זאָגט צו איר:

— עס איז געווען אַ זינד וואָס דו האָסט אים (דעם מאַן) פאַר־לאָזן. דיין קליינער זון וועט זען פון הימל, אַז דו האָסט פאַרלאָזן זיין טאַטן און ער וועט וויינען איבער דיר... וואָרום ווי אַזוי וועט ער קענען אַריינקומען אין דיין הויז, ווען דו זאָגסט אַז דיין הויז איז דיר פאַרהאַסט? און צו וועמען וועט ער גיין אויב ער וועט נישט קענען געפינען אייך צוזאַמען, זיין טאַטן און זיין מאַמען?... גיי צו דיין מאַן, מוטערל, גיי שוין, דעם טאָג״.

שווימט דאָ צוריק אַרויף די פראַגע פון אַ רעאַלן תחית־המתים. ווען קאָליאַ ווײַנט אויס די שאלה פאַר אַליאָשאַן און פרעגט אים:

— קאַראַמאַזאָוו, איז עס אמת וואָס מ'האָט אונדז געלערנט אין קירכע, אַז מיר וועלן האָבן תחית־המתים?... מיר וועלן זען צוריק איינער דעם אַנדערן און דערציילן זיך מיט פרייד וואָס איז געשען?

אַליאָשאַ וויל מיט דעם פּאָזיטיוון ענטפער — אויך צו זיך אַליין

זאָגן, ביים פּרווון איבערציַיגן אַנדערע. אָבער זאָסימאַ, וואָס לעבט מיט דעם צער פון דער פאַראָבלטער מאַמע; און דער פאַרלוסט איז דאָך אַזאַ גרויסער, אַז זי וועט דאָך תמיד שפּירן לעבעדיק די אַנוועזנדיקייט פון איר קינד, ווי ער וואָלט זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן און זי זעט אים נישט. די פּרטים וואָס זי דערמאָנט וועגן אים זענען די אַממיינסטן קאָנקרעטע, און די מאַמעשע ליבשאַפט באַלעבט דאָך כסדר דעם אימאַזש פון איר טויט קינד, און אַט די קאָנקרעטיזירט־קייט פון איר וויזיע גרענעצט זיך שוין מיט דאָס ניסימדיקע — נאָר אָן דעם מעטאַפיזישן נס! ביי דעם שווימט טאַקע אַרויס די פראַגע פון פאַרגעדענקען וואָס רופט זיך איבער מיט דאָסטאָיעווסקיס אָפטן מיסטישן רעאַליזם אין זיינע שאַפונגען.

איידער עס איז נאָך דערשינען דאָסטאָיעווסקיס לעצטער ראָמאַן („די ברידער קאַראַמאַזאָווס״) האָט ער אין זיין „טאָגבוך פון אַ שרייַ־בער״ זיך אָפּגעשטעלט אויף צוויי געשיכטעס. די ערשטע „די אידעלע באַשעפעניש״ וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַלעגאָריע: אַ משל מיט אַ נמשל. דער נאַראַטאָר דערציילט וועגן זיין פרוי וואָס איז באַ־גאַנגען זעלבסטמאָרד, דורך אַרויסשפּרינגען פון אַ הויכן פענצטער. דער קרבן — אַ יונגע פרוי — איז דערפירט געוואָרן דורך אַ דאָמי־נירנדיקן מאַן צו נעמען זיך דאָס לעבן. איר מאַן, אַן אייגנטימער פון אַ לאָמבאַרד זוכט זיך צו באַרעכטיקן מיט ווערטלאָזע רייד, זאָגנ־דיק וועגן זיך: „איך קען רעדן אָן ווערטער, איך האָב מיין גאַנץ לעבן גערעדט ווערטערלאָז, דורכגעלעבט אַלע מיינע טראַגעדיעס און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט... אַזוי בין איך טאַקע אַנגעגאַנגען מיט איר אַ שווייגנדיקער ביז נעכטן.

„פאַרוואָס איך האָב געשוויגן? יאָ, ווייל כ'בין אַ שטאָלצער מענטש. איך האָב געוואָלט זי זאָל עס אַליין אויסגעפינען, אָן מיין הילף, און נישט דורך הערן די מעשיות פון אַלערליי זשוליקעס. איך האָב געוואָלט זי זאָל עס אַליין אַנטדעקן, אַז דער מענטש פאַרשטייט זיינע דרכים...״

די „טעכניק״ האָט גורם געווען דעם דערוואַרטעטן רעזולטאַט, מחמת אַלע אַרגומענטן און די טענות פון איר האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ וואַנט פון שווייגן. אַלס רעזולטאַט זענען אירע שמייכלען גע־וואָרן חוזקדיק־ביטערע. זי האָט געזוכט אַ וועג אים ליב צו האָבן, אָבער ער האָט זי נישט צוגעלאָזט. אַזוי עפנט דער מחבר אַ טירעלע צו דער פסיכיק פון אַ לאָמבאַרד־אייגנטימער, וואָס איז אַליין אויך אַ קרבן פון זיין יוגנטלעכן לעבן, ווען ער האָט געזוכט ליבע צו דער וועלט, אָבער זי האָט אים קאַלטבלוטיק אָפּגעוואָרפן!

בכדי אָפּצוטאָן דער וועלט — איז ער געוואָרן אַן אייגנטימער פון אַ לאָמבאַרד, וואָס האָט אים געוויזן אַ געוויסע לעבנס־סטרוק־

טור... זייענדיק אַן אויסגעשלאָסענער פון דער וועלט, פון דער געזעל־שאַפט, בכלל פון מין מענטש; דערוויטערט פון אַ נאָרמאַלער, געזונ־טער מענטשלעכער קאָמוניקירונג, האָט ער נאָר געקענט רעדן צו זיך אַליין און איז אין דעם סיסטעם אריינגעוואַקסן: „מענטשן זענען אַליין אין דער וועלט. דאָס איז אַזוי שרעקלעך... אַלץ איז טויט. טויטע מענטשן אומעטום... אַלץ אַרום זיי איז שטילקייט — צו דעם איז די ערד"...

אָט די פּסיכאָלאָגישע דערציילונג פון די איבערגעריסענע קאָ־מוניקיר־וועגן איז דאָך אין אַלע צייטן אַן אַקטועלע טעמע. איך האָב ביי אַן אַנדער געלעגנהייט — אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן טשעכאָוון — זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויף דעם, און איך וואָלט געקענט פון דער טעגלעכער כראָניק אין דעם לאַנד ווו כ'וווין — און פון אַנדע וועלט־טיילן — צושטעלן גענוג ביישפּילן צו אילוסטרירן מיט די היינט־צייטיקע לעבנס־דרכים, וואָס בעטן זיך ביי דער ליטעראַטור צו שאַפן די פאַרבינדונג צווישן אָט דער טעמאַטיק — (און באַהאַנדלונג) — מיט בעלעטריסטיש־עסטעטישע פאָרמען און טראַדיציעס. אָבער איך גיי דאָ איצט איבער צו זיין צווייטער געשיכטע וואָס כ'האָב געלייענט אין זיין „טאָגבוך פון אַ שרייבער".

„דער חלום פון אַ חוזקדיקן מענטש" — איז אויך אַן אַלעגאָ־רישע דערציילונג, וועגן אַ מענטש וואָס טראַכט צו באַגיין זעלבסט־מאָרד. עס חלומט זיך אים אַז ער איז געשטאָרבן, באַגראָבן; ער שטייט אויף פון קבר און שוועבט אַוועק אין די הימלישע ספערעס צו אַ פּלאַ־נעט, וואָס איז אַן אידענטישער צווילינג — פון דעם פּלאַנעט ערד. די באַוווינער דאָרט זענען מענטשן אין אַ צושטאַנד פון אַזאַ פול־שטענדיקער ריינער אומשולד. זייער לעבנס־דרך זעט אויס צו זיין אידענטיש מיטן גן־עדן. נאָר דער חוזקדיקער מענטש באַווייזט זיי אָבער לסוף צו קאָרומפּירן.

מיר דערוויסן זיך, אַז זייערע זינד האָבן גאָר נישט קיין שייכות צו די וואָס אָדם הראשון איז באַגאַנגען אין גן־עדן – נאָר ס'איז די קראַנקייט און די זינד פון „אוניווערסאַלער האַרמאָניע": — זיי האָבן זיך אויסגעלערנט זאָגן ליגנס און דערשאַצט די „שיינקייט" פון אַ ליגן. זייער גיך האָבן זיי איבערגענומען די ברכות און קללות פונעם מאָדערנעם אייראָפּעישן מענטש, און פאַרוואָרפן זייערע פריערדיקע ווערטן...

בעט זיי דער חוזק־מאַן זיי זאָלן אים באַשטראָפן דערפאַר וואָס ער האָט זיי רואינירט. לאַכן זיי פון אים און זאָגן: — „ביסטו משוגע? זיי ווייזן אים אַפילו וואָס פאַר אַ נוצן עס האָט זיי געבראַכט, ווייזנדיק זיי די אמתע ליכט..."

דאָסטאָיעווסקי האָט שטאַרק אַכט געלייגט אויף דער ריינער

קינדערישער אומשולד וואָס דאַרף אָפּגעהיט ווערן פאַר יעדן פּרייז. דאָס פאַרעקשנטע שוויגן און די ווילדע ליגנס זענען די צוויי עקס־טרעמען פון די בײדע דערציילונגען, וואָס באַוועגן זיך אויף די פלאַכן פון וואָר און טרוים. דאָס אַרײנבערענגען פאַלשקייטן און דאָס טשעפּן זיך צום נאַטירלעכן וואָרט און טאָט, באַטראַכט ער ווי די קללה פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, וואָס האָט דערפירט צו אַ פראַגמענטירטן לעבנס־צושטאַנד.

מערקווירדיק איז וואָס דאָסטאָיעווסקיס הויפּט־ראָמאַנען זענען כולו אַרום אויסגעוואָרצלטקייט. מעג די טעמאַטיק זיין וועגן אַלץ וואָס שפּילט זיך אָפּ אונטער דער זון, הויערט איבער דעם די טראַגיק פון דעם אויסגעוואָרצלטן מענטש.

מיר איז געהאַט אויסגעקומען צו לייענען אין ווײַ סימאָנס בוך: „די נויטיקייט פון וואָרצלען”, אין וועלכן זי דעפינירט אַז „אַ מענטש־לעך וועזן האָט וואָרצלען — דורך זיין נאַטירלעכן, רעאַלן, אַקטיוון אָנטייל אינעם לעבן פון אַ קיבוץ, וועלכער האָט אײנגעהאַלטן אין אַ לעבעדיקער פאָרם, אי די ספּעציפישע אוצרות פונעם עבר, אי גע־וויסע דערוואַרטונגען פון עתיד”.

די אַקטיווע מיטבאַטייליקונג איז אַ נאַטירלעכע, אינעם זין, וואָס עס קומט פאַר אויטאָמאַטיש דורך די באַדינגונגען פון געבורט, אָרט, באַשעפטיקונג און סאָציאַלער סביבה.

און דאָ קומט אַן אינטערעסאַנטער באַמערק פון דער מחברין. אַז יעדער מענטש נויטיקט זיך אין טאָפּלטע וואָרצלען: גענעטישע, און אינטעלעקטועל־עטישע, דורך דער סביבה אין זיין גייסטיקן לעבן, פון וועלכער ער איז אַ נאַטירלעכער טייל. אָט פון די טאָפּלטע וואָרצלען איז אומבאַדינגט נויטיק צו ציען יניקה, אויב מ'וויל נישט דערלאָזן צו דער קללה פון אויסגעוואָרצלטקייט.

וולאַדימיר סאָלאָוויעווס אײַנפלוסן אויף דאָסטאָיעווסקין

אין 1971 זענען אין מאָסקווע דערשינען (אין אַ צווייטער פולע־רער אויפלאַגע) די זכרונות פון דאָסטאָיעווסקיס פרוי, אַננאַ גרי־גאָריעוונא (וואָס זענען לעצטנס געוואָרן איבערגעזעצט אין ענגליש דורך ביטריס סטילמאַן). הגם עס קענטיקט זיך שטאַרק אין אירע רעמיניסצענצן, אַז זי האָט באַנוצט אַ היפּש ביסל „קאָסמעטיק” אין די שילדערונגען, דאָך זענען זיי אַן אומגעהויערער צושטייער פאַר דאָס־טאָיעווסקיס ביאָגראַפן און קריטיקערס.

איך האָב שוין פריער זיך אָפּגעשטעלט אויף איר פּריוואַטן טאָג־בוך וואָס זי האָט געפירט דעם ערשטן יאָר נאָך איר חתונה און גע־שריבן שוין אָן „רעטושירונג". זי האָט מסתמא זיך גאָר נישט פאַר־געשטעלט, אַז ער וועט אויך פאַרעפנטלעכט ווערן.

אָבער איצט נאָר וועגן אירע זכרונות, בפרט די מענטשן וואָס האָבן דאָסטאָיעווסקין באַאיינפלוסט, פון וועלכע עס טיילט זיך אויס די גאָר־מערקווירדיקע געשטאַלט פונעם רוסישן פילאָזאָף און מיס־טיקער וולאַדימיר סאָלאָוויעוו. סיי ער און סיי נ. פ. פיאָדאָראָוו, האָבן דאָסטאָיעווסקין ממש באַצויבערט, און מען קען אויך דאָך באַ־מערקן, אַז פיאָדאָראָווס איינפלוס אויף „די ברידער קאַראַמאַזאָוו" און אויך אויף אַנדערע שאַפונגען פון דאָסטאָיעווסקין, ווערט דער־מאָנט כמעט דורך אַלע פון דאָסטאָיעווסקיס קריטיקערס.

ווען דאָסטאָיעווסקי האָט באַקענט וולאַדימיר סאָלאָוויעוון איז ער אַלט געווען 21 יאָר, אָבער שוין שטאַרק באַרימט ווי אַ ברילִיאַנ־טישער, אָריגינעלער פילאָזאָף.

געווען איז עס אין 1873 ווען דאָסטאָיעווסקי האָט צום ערשטן מאָל מיט אים זיך באַגעגנט אין דעם סאַלאָן פון פירשטין טאָלסטאָיאַ, און איז גלייך ארונטערגעפאַלן אונטער זיין מאַגנעטישער ווירקונג. פון דעם אופן ווי עס שילדערן סאָלאָוויעוון זיינע מיטצייטלערס, איז ער ווירקלעך געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער אוניקאַלער אינטעלעקט, און איז בכלל דאַן ממש געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן. זיינע לעקציעס אין די גרעסטע זאַלן אין פּעטערסבורג זענען כסדר געווען אויסגעפילט איבער די ברעגעס.

דאָסטאָיעווסקי האָט אין אים געזען זיין פּראָטאָטיפּ פאַר אי־וואַן קאַראַמאַזאָוו, „דעם מענטש פון אידייען". אגב וויל איך באַ־מערקן, אַז בעת דאָסטאָיעווסקי האָט געשריבן אָט דעם (לעצטן) גרויסן ווערק איז אים פּלוצלונג געשטאָרבן זיין יונג זונעלע אַליאָשע. דאָס איז געווען אַזאַ שווערער קלאַפּ פון וועלכן ער איז קיינמאָל צו זיך שוין נישט געקומען.

זוכנדיק צוריקצושטעלן זיין גלייכגעוויכט איז ער אַוועק אויף עטלעכע טעג אין אַ באַרימטן מאָנאַסטיר און אויך באַוווירקט סאָלאָ־וויעוון ער זאָל מיט אים מיטגיין. דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיטן פאָטער אַמבראָזיוס, וואָס איז געוואָרן דער פּראָטאָטיפּ אין דאָסטאָ־יעווסקיס ראָמאַן פאַרן פאָטער זאָסימאַ. די קאָנווערסאַציע צווישן פאָטער מיט סאָלאָוויעוון, און דער אַלגעמיינער איינדרוק פון אָט די בידע פיגורן איז אָפּגעשפיגלט אין אַליאָשאַ קאַראַמאַזאָווס וויזיע. די אַפעקציע אינעם ראָמאַן צווישן זאָסימאַן און אַליאָשאַן איז אויך אַן אָפּשפּיגלונג פון דאָסטאָיעווסקיס אַפעקטיווער באַציאונג צו סאָלאָ־

וויעזון, וועמענס אידייען זענען דאָסטאָיעווסקין גאָר נאָענט געוואָרן און זיי זענען טאַקע קרובים מיט איוואַן קאַראַמאַזאָווס אידייען.

דער גלאַנצפולער דיאַלעקטיקער איוואַן קאַראַמאַזאָוו, וואָס פאַרקערפּערט אַזאַ סוגעסטיווע פאָרמאַליסטישע לאָגיק און אַזאַ שטרענג־ראַציאָנעלע עטיק, איז דאָך מיט זיין גאַנצער רעליגיעזער פילאָזאָפיע און סאָציאַליסטישער אוטאָפּיע פּאַקטיש אַ רעפּליקע פון סאָלאָוויעוון. דערמאָנט זיך נאָר ווי איוואַן קאַראַמאַזאָוו זאָגט קינות אויף דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע: „ווערטפול זענען די טויטע וואָס ליגן דאָרט. יעטוועדער שטיין רעדט דאָך פון אַזאַ ברענענדיקן לעבן אין עבר; באַגלייט מיט אַזאַ ליידנשאַפטלעכן גלויבן אין זייער אַרבעט, זייער אמת, זייער וויסנשאַפט, געראַנגל... איך וואָלט גע־פאַלן אויף דער ערד, געקושט אָט די שטיינער און געוויינט איבער זיי".

סאָלאָוויעוו האָט אויך אַנטוויקלט אַן אייגענע סלאַוואָפילישע קאָנצעפּציע פון אַ דריטע וועלט אידיי; מאָסקווע זאָל ווערן „די דריטע רוים". דאָס איז געווען דער תמצית פון זיינס אַ שריפטלעכער אַרבעט „די דריי כוחות" און אויך דער תוכן פון זיינע לעקציעס וואָס האָבן צוגעצויגן טויזנטער.

די וויכוחים צווישן איוואַן קאַראַמאַזאָוו און די מאָנאַכן זענען, פאַרשטענדלעך, נישט קיין בוכשטעבלעכע קאָפּיע פון סאָלאָוויעווס סכעמעס, אָבער דער יסוד איז דער זעלבער.

עס דאַרף ביי דער געלעגנהייט דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אין מערץ, 1881, באַלד נאָכן אַטענטאַט אויף דעם צאַר, אַלעקסאַנדער דער 2טער, האָט סאָלאָוויעוו זיך געוואָנדן מיט אַ מעמאָראַנדום צום יורש פון טראָן אַרויסצוּווייזן קריסטלעכע מחילה צום מערדער פון זיין פאָטער. ער האָט אויך דאַן געגעבן לעקציעס וועגן פאַרברעכנס און פאַרברעכערס.

כדאי דאָ צוצוגעבן דעם פינאַל פון זיין לעבן, בעת ער האָט אוועק־געגעבן אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט און געלעבט אַליין אין דער גרעסטער דחקות; זיך צוריקגעצויגן פון פילאָזאָפיע און פון זיין וויזיע וועגן אַן אוניווערסאַלער מלוכה. ער האָט אָבער ווייטער גע־קעמפט פאַר דער היינט־פּאָפּולערער שיטה — עקומעניזם. אַ סך אַרומגערייזט איבער דער וועלט, און זייענדיק אין מצרים שיער נישט אומגעקומען דורך אַ בעדואינער. געווען איז ער אויך זייער אַן אָפטער גאַסט אינעם לייענזאַל פון בריטישן מוזעאום.

זיין לעבן און זיין שאַפן געהערן צו די מערקווירדיקסטע אין דער רוסישער ליטעראַטור. דאָך פעלט אַ באַמערקונג פון זיינס אַ ביאָ־גראַף, אַז אין אונדזער צייט וואָלט ער מסתמא באַקומען פּסיכיאַט־

רישע באַהאַנדלונג צוליב זיינע וויזיעס... אָבער אין דעמאָלטיקן רוס־לאַנד זענען דאָך וויזיעס געווען שטאַרק אַקטועל.

דאָסטאָיעווסקיס ביאָגראַפן דערמאָנען אַ גאַלעריע פון רוסישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אים געהאָלפן. אַזוי למשל האָט דער פּאַרזיצער פון פּעטערסבורגער געריכט, אַנאַטאָלי קאָני, אים דער־לויבט נישט נאָר בייצוווינען געריכטס־פּראָצעסן, נאָר אויך וויזיטירן און שמועסן מיט פאַרברעכערס. ער האָט אַ סך געהאָלפן דאָסטאָ־יעווסקין מיט ראַט און טאַט ביים שרייבן די געריכטס־סצענעס אין זיינע ווערק.

כדאַי צו פאַרגלייכן די געריכט־פּאַרזיצערס פון צאַרישן רוסלאַנד מיט די פון באָלשעוויסטישן. דער זעלבער אַנאַטאָלי קאָני האָט באַ־ווירקט דאָס געריכט זאָל באַפרייען דער באַוווּסטער רעוואָלוציאָנערין ווערא זאַסוליטש (1878).

אַן אַנדערע הויכע פיגור פון צאַרישן געריכט־וועזן — דער הויפּט מיליטערישער פּראָקוראָר, וואָס איז אַליין געווען לאָיאַל צום רעזשים, אָבער זיין פרוי, אַננאַ פּאַוולאָווא, איז גאָר געווען דירעקט נאָענט מיט די פירערס פון דער פּאָליטישער אָפּאָזיציע צום צאַרישן רעזשים. זי האָט אין איר וווינונג אויסבאַהאַלטן אומלעגאַלע ליטע־ראַטור, און ס׳איז דאָקומענטירט אירס אַ בריוו צום מאַן, ווו זי שרייבט: „איך האָס די איצטיקע רעגירונג... די באַנדע גנבים וואָס מאַכן אַ תל פון רוסלאַנד". משמעות, אַז זי האָט גאָר אויך אויסבאַ־האַלטן די פריער־דערמאָנטע ווערא זאַסוליטש נאָך איר פּראָצעס, איידער זי איז אַוועק אין אונטערגרונט.

און ס׳איז דאָך מערקווירדיק ווי דער זעלבער דאָסטאָיעווסקי וואָס האָט אין זיינע שריפטן נישט איין מאָל אויפגערעגט דעם ראַדי־קאַלן לייענער דורך זיין שאָוויניזם, פּאַנסלאַוויזם און קסענאָפאָביע, האָט גראַד אָנגעהאַלטן מיט אַננאַן נאָענטע פריינדלעכע באַציאונגען, כאָטש ער האָט געוווּסט פון איר ראַדיקאַליזם. ער האָט זיך נאָר וועגן איר אויסגעדריקט, אַז זי האָט „אַן אינטעליגענט האַרץ". אגב איז נאָך דאָסטאָיעווסקיס טויט די נאָענטע פריינדשאַפט צווישן די צוויי פאַמיליעס ווייטער אָנגעהאַלטן געוואָרן.

דאָס וואָס איך האָב געלייענט וועגן אַננאַ פּאַוולאָווא, וועגן איר טעטיקייט פון פילאַנטראָפּיע, און אויך ווי אַ פירערין פון דער רוסי־שער פרויען־באַוועגונג, באַווייזט אַז זי איז ווירקלעך געווען אַן אוי־סערגעוויינטלעך־אינטערעסאַנטע געזעלשאַפטלעכע פיגור. במשך פון איר לעבן (1837—1912) האָט זי מיט איר טעטיקייט אַריינגעשריבן אַ גאַר הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון העראָישע פרויען אין דער צאַרישער אימפּעריע.

אגב איז די ערשטע פרוי פּראָפעסאָרין אין דער וועלט געווען די רוסין סאָפּיאַ קאָוואַלעווסקאַיאַ (1850—1891). איר שוועסטער אַננאַ וואַסעלעיעוונאַ, אַ צוזאַגנדיקע שרייבערין, וואָס האָט זיך געדרוקט אין דאָסטאָיעווסקיס זשורנאַל „די עפּאָכע״, האָט אָפּגעוואָרפן זיין פאָרשלאָג חתונה צו האָבן מיט אים, דעם דאַן־שוין זייער באַרימטן דאָסטאָיעווסקין. זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם ראַדיקאַל טשאַרלס דזשאַקלאַרד און זי מיטן מאַן האָבן אָנטייל גענומען אין די קאַמפן פון דער פּאַריזער קאָמונע (1871).

אַ גאַנץ רייכע גאַלעריע פרויען, וואָס האָבן אויף אַזאַ צי אַנדער אופן געהאַט אַ שייכות מיט דאָסטאָיעווסקין ווערן ברייטער דערמאָנט אין די ביאָגראַפישע און קריטישע ווערק וועגן אים. עס איז פאַר־בונדן אויך מיט דער פראַגע, ווי אַזוי האָט ער זיך באַצויגן, צו דעם וואָס מען רופט היינט „וואָמענס ליבריישן״?

פון זיינע ווערק זעט מען די פּאַראַדיע וואָס ער מאַכט טיילמאָל וועגן די א״ג „ניהיליסטישע פרויען״. און עס מערקט זיך אפילו אין זייער שרייבן, אַז העכערע בילדונג און פרויען־קאַריערעס גייען האַנט ביי האַנט מיט פיזישער אָפּשטויסנקייט, מיט סאָציאַלער גראָב־קייט, צי גאָר מיט סעקסועלער אויסגעלאַסנקייט.

פון דער צווייטער זייט האָט ער דאָך אַליין אָנגעהאַלטן גאָר נאָענטע פערזענלעכע באַציונגען, און אַ רעספּעקטירטע קעגנזייטיקע פריינדשאַפט, מיט הויך געבילדעטע און אינטעליגענטע פרויען וואָס האָבן געהאַט ליבעראַלע און ראַדיקאַלע אָנשויאונגען. ער האָט דאָך זיך אפילו משתדל געווען פאַר זיי בעת פּאָליטישע באַשולדיקונגען.

טאַקע פון די שתדלנותן דאַטירט זיך זיין נאָענטע פריינדשאַפט מיט דעם אולטראַ־רעאַקציאָנערן פּאָבעדאָנאָסטצעוו, וואָס איז געווען אַ לערער ביים צאַרס זין, און הויפּט־פּראָקוראָר פון „הייליקן סינאָד״ (די העכסטע קירכע־אויטאָריטעט אין צאַרישן רוסלאַנד).

ווען מיר ווילן אָביעקטיוו כאַראַקטעריזירן דאָסטאָיעווסקין, דעם מענטש און דעם שרייבער (און איך באַמי זיך עס), לאָזט ער זיך נישט אַריינפּאַסן אין איין־קאָליריקע באַשטימטע שטריכן און פאַרבן, נאָר טאַקע אין אַ סך געמישטע. נישט איין מאָל זעען מיר דאָך ווי אויגן פאַרענדערן זייער קאָליר און מיניען זיך פון גרין אויף גראָ, צי אויף אַנדערע ניואַנסן פון פאַרבן, און דאָס באַציט זיך נישט נאָר צו מענטשלעכע אויגן, נאָר צום מענטשלעכן גאַנצן וועזן.

דער רעאַקציאָנערער דאָסטאָיעווסקי האָט געהאַלטן אַ וועלט פון דער באַוווּסטער שרייבערין אין פראַנקרייך, דזשאָרדזש סאַנד. ער האָט אויף רוסיש איבערגעזעצט אירע נאָוועלן און געזאָגט וועגן איר, אַז „פון אַלע פרויען אין דער וועלט איז נאָר דאָ איין פרוי־שרייבערין וואָס איז ווערט דעם נאָמען״. נאָך איר טויט האָט ער געשריבן,

אַז (זי) „איז געווען נישט נאָר אַ דענקערין, נאָר אויך איינע פון די ווייטזיכטיקסטע נביאים — לגבי אַ גליקלעכער צוקונפט — אויב די מענטשהייט וועט וועלן נאָר אָננעמען אירע אידייען".

אָבער פון דער אַנדערער זייט איז דען נישט באַקאַנט ווי אַזוי רוסישע שרייבערס (און נישט נאָר רוסישע) האָבן פאַראורטיילט איר שרייבן צוליב דער „צעשטערערישער" ווירקונג פון „אירע אידייען און סעקסועלע מיינונגען?"

אָדער נעמען מיר אַזאַ ענין: אויף דער וועלט־אויסשטעלונג איז פאַריז, אין 1867, האָט אַ פוילישער עמיגראַנט בערעזאָווסקי געפּרווּט מאַכן אַן אַטענטאַט אויף דעם צאַר, אַלעקסאַנדער דער 2טער. ער איז דערפאַר פאַרמשפּט געוואָרן אויף לעבנס־תפיסה און שווערער אַרבעט. די גאַנצע יורידישע פּראָפעסיע פון פאַריז האָט זיך געשטעלט צו בערעזאָווסקיס פאַרטיידיקונג, מאָטיווירנדיק עס ווי אַ נקמה־אַקט צוליב רוסלאַנדס ראָל אין דער פאַנאַנדערטיילונג פון פוילן. און גראַד דאָסטאָיעווסקי, וואָס האָט זיך אַזוי קעגנגעשטעלט טויט־שטראָף, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפער טיראַדע קעגן די פאַריזער אַדוואָקאַטן! דאָ שפּרינגט אַרויס שוין דער רעאַקציאָנער־סלאַוואָפיל, וואָס שרייבט (אין אַ בריוו צו זיין פריינד מאַיקאָוו, וועגן דער פאַרטיידיקונג־דעמאָנסטראַציע פון די פאַריזער אַדוואָקאַטן), אַז „דאָס האָט נאָך מער געשטאַרקט מיין אַלטן געפיל, וואָס פאַר אַ מעלה עס איז פאַר אונדז, אין אַ געוויסער מאָס, וואָס איראָפּע קען אונדז נישט".

איך וואָלט געקענט אַזוי אָנגעבן איין אילוסטראַציע נאָך אַ צווייטער, אָבער ס'איז דאָך איבעריק. פאַר דאָסטאָיעווסקין, דעם פאַנאַטישן רוסאָפיל, איז די קלענסטע רעפאָרם פון רוסלאַנד געשטאַנען מיט הונדערט קעפּ העכער, ווי די פאַרגעשריטנסטע אין דער מערב־וועלט. די יורידישע רעפאָרמען אין די צאַרישע געריכטן (עפנט־לעכע פאַרן עולם, און מיט אַ זשורי און פאַרטיידיקער) האָט דאָס־טאָיעווסקי אויפגענומען מיט אַזאַ התפעלות, אַז ער האָט אַזש די נייע „פּאַזשאַנדקעס" אין די געריכטן פאַרשפּיגלט אין די ראָמאַנען „דער אידיאָט", „די ברידער קאַראַמאַזאָוו" און אויך אין „טאָגבוך פון אַ שרייבער".

ווי אַ פאַרברענטער פּאַנסלאַוויסט האָט דאָסטאָיעווסקי ביים אויס־ברוך פון רוסיש־טערקישן קריג זיך געשטעלט אויף אַ קעגנזעצ־לעכער פּאָזיציע פון די ליבעראַלן און ראַדיקאַלן אין זיין צייט, וואָס זענען געווען קעגן רוסלאַנדס מלחמה מיט טערקיי. דאַקעגן האָט דאָסטאָיעווסקי געזען אין דעם די ערשטע שריט צו דערפילן רוס־לאַנדס „היסטאָרישע שליחות" (און גורל) צו פאַראייניקן קודם כל אַלע סלאַווישע פעלקער און דאַן די גאַנצע מענטשהייט.

הגם ער רעדט מיט שיינע פראַזן וועגן פאַרברידערונג פון אַלע מענטשן, איז געווען אָבער צו לייענען זיין „טאָגבוך פון אַ שרייבער" און ספעציעל פון מערץ, 1877, ווו ער רעדט וועגן יידן, ביי וועלכע ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך זיינע פייגנבלעטלעך וועגן „אוניווערסאַלער ליבע"... און נישט קיין אַנדערער ווי זיין פאַרערער און יונגער פריינד, וולאַדימיר סאָלאָוויעוו האָט באַצייכנט זיינע פאַראורטיילן קעגן יידן, אַז דאָס „שאַפט אַן אוממעגלעכקייט עס צו פאַרבינדן מיט אוניווערסאַלער ליבע..."

איז דאָ אפשר אויפן אָרט כ'זאָל ציטירן פון דאָסטאָיעווסקיס „שמעקעוודיקן" בוקעט פון אַנטיסעמיטישע פאַראורטיילן. ער שרייבט: „...אויף וויפל איך ווייס איז אין דער גאַנצער וועלט נישטאָ אַזאַ פאָלק (ווי דער „יידישער"), וואָס זאָל כסדר האַלטן אין איין באַקלאָגן זיך אויף זיין גורל".

ער באַנוצט דעם טערמין פאַר יידן: „יידישער" און זאָגט וועגן זיי, אַז בעת זיי באַקלאָגן זיך אומאויפהערלעך וועגן זייער דערנידערונג, פאַרטירערשאַפט און ליידן „וואָלט מען געקענט מיינען, אַז נישט זיי זענען די הערשער פון אייראָפּע, וואָס פירן אָן, לכל הפּחות, מיט דער בערזע, און דעריבער מיט דער פּאָליטיק, מיט די אינערלעכע ענינים, מיט דער מאָראַל פון די מלוכות..."

ער נעמט אַריין אין קרענצל פון יידן אַפילו דיזראַעלין און זאָגט וועגן אים: „...לאָרד ביקאָנספילד, אַפילו ווען ער האָט שוין אפשר לאַנג פאַרגעסן זיין אָפּשטאַם פון די שפּאַנישע 'יידישערס' (כאָטש ס'איז זיכער, באַטאָנט דאָסטאָיעווסקי, אַז ער האָט עס נישט פאַרגעסן), אָבער אין דעם לעצטן יאָר ווען ער האָט אָנגעפירט מיט דער ענגלישער קאָנסערוואַטיווער פּאָליטיק, טיילווייז, לויט מיין מיינונג, פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַ ייד... און איך קען לגמרי נישט גלייבן די געשרייען פון די יידן, אַז זיי ווערן אונטערדריקט, דערנידעריקט..."

ביים לייענען אָט די וויטערדיקע נאַקעטע אַנטיסעמיטישע שורות שפּירט אַ יידישער לייענער ווי דער גיפטיקער שלאַנג פון אַנטיסעמיטיזם שלענגלט זיך אַריין דורך אַלע שפּאַרונקעס — אויך ליטעראַרישע — בכדי אַריינצולאָזן זיין גיפט, וועלכן מען געפינט גלייך אין אַזאַ שרייבעכץ: „...ווען עס וואָלטן אַנשטאָט דריי מיליאָן יידן אין רוסלאַנד געווען אַכציק מיליאָן און דריי מיליאָן גויים, ווי אַזוי וואָלטן זיי באַהאַנדלט די קריסטן? וואָלטן זיי דען דערלויבט פריי מתפלל צו זיין? געגעבן זיי גלייכע רעכט? צי וואָלטן זיי דען נישט פאַרוואַנדלט (די קריסטן) אין קנעכט? צי וואָלטן זיי נישט אָפּגעשונדן פון זיי די הויט? און וואָלטן זיי דען נישט אומגעבראַכט (די גויים) ביזן לעצטן, ווי זיי האָבן עס געטאָן אין די אוראַלטע צייטן, בעת זייער אוראַל-

טער געשיכטע? — — און (דערפאַר) אויב מ׳האָט זיי (די יידן) נישט ליב זענען אין דעם שולדיק נישט קיין אַנדערע נאָר די יידן אַליין״...

ביים לייענען איצט אָט די גיפטיקע שורות פון דאָסטאָיעווסקיס פעדער זענען אין געדאַנק געקומען אַסאָציאַציעס מיט אַזעלכע נע־מען, ווי שטרייכער, ראָזענבערג, געבעלס, און די פּרוכט פון... אוישוויץ עט קאָמפּאַני.

און טאַקע אויך די פאַרגיפטעטע היינטצייטיקע סאָוועטישע אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור — סיי פאַרן אינערלעכן געברויך, און אויך אויף עקספּאָרט, ציט דעם „יחוס־בריוו״ פון אַ וועלט באַרימטן דאָסטאָיעווסקין. פון אים דאַך אויך געירשנט די פּאַנסלאַווישע עקס־פּאַנסיע, נאָר איינגעהילט אין אַן אַנדער מענטעלע, אַ רויטס — צו העלפן באַפרייען...

נישט קיין וווּנדער וואָס אַזאַ הומאַניסט, ווי סאָלאָוויעוו, האָט זיך שפּעטער אָפּגעקערט פון זיין פריערדיקער שיטה (סלאַוואָפיליזם) און האָט וועגן דאָסטאָיעווסקין באַמערקט, אַז זיין „פאָרמולע פון אַ רוסישן און קריסטלעכן אידעאַל, וואָס דאַרף זיין אוניווערסאַל צו ברענגען אויף דער וועלט איינהייטלעכקייט און שלום — האָט דאָך קודם כל געדאַרפט אָפּוואַרפן זיינע אייגענע טיף־איינגעוואָרצלטע פאָר־אורטיילן און פּרימיטיווע נאַציאָנאַליסטישע אינסטינקטן״.

וואָס שייך זיין שאַפן זענען צווישן די רוסישע קריטיקערס געווען גרויסע חלוקי דעות אין דער אָפּשאַצונג פון דאָסטאָיעווסקין, און פון זיינע גרויסע ווערק. אַפילו קריטיקערס פון אַ באַדייטנדיקן נאָמען (למשל, וו. וו. טשוקאָ), האָבן וועגן אַזאַ קינסטלערישן ראָמאַן, ווי „די ברידער קאַראַמאַזאָוו״ געקענט שרייבן: „...דער ראָמאַן ליכטיקט מיט אַ שטאַרקן טאַלאַנט אָבער נאָר אויף געוויסע זייטלעך און ערטער. ווי אַ גאַנצקייט באַשטייט עס פון פאַרשידענע אַבסורדן...״ אויב דאָס איז נאָך ווייניק, גיט ער נאָך צו צו אַ פול מעסטל, אַז (דאָס ווערק) „מיט זיין לענג און איבערחזרונגען איז נודנע ביז טרערן״.

ווייזט אויס, אַז דאָסטאָיעווסקי אַליין איז באַווירקט געוואָרן פון אַזעלכע אָפּשאַצונגען, הגם, ער האָט זיינע נעגאַטיווע קריטיקערס באַטראַכט ווי „שונאים״, און נאָך אַ געמישטער קריטיק וועגן זיין בוך „דער אידיאָט״, האָט ער זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס „איך וועל תמיד געשטיצט נישט דורך די קריטיקערס, נאָר דורכן עולם. וואָרום ווער פון מיינע קריטיקערס איז דען דערגאַנגען ביזן סוף פון „אידיאָט״ — צו אַ סצענע וואָס איז אוניקאַל אין דער ליטעראַטור?״ (ציטירט פון זיין „נאָטיצבוך״, 1876).

דאָך האָב איך געלייענט אין זיינע בריוו צו פריינד, ווען ער שרייבט צו סטראַכאָוון: „דו האָסט אָנגעמערקט מיין הויפּט־חסרון (איבערחזרונגען פון טעמעס). יאָ, איך האָב געליטן פון דעם און

כ׳לייד נאָך ווייטער... איך האָב דאָך אַלץ זיך נאָך נישט אויסגע־לערנט צו קאָנטראָלירן מיינע מיטלען, — — עס פעלט האַרמאָניע און פּראָפּאָרציע... נאָך ערגער, וואָס איך ווער אַליין מיטגעריסן פון אַ פּאַטעטישן דראַנג״.

דאָסטאָיעווסקיס באַציאונג צו יידן

מיין אָפּהאַנדלונג וועגן דאָסטאָיעווסקין שטיצט זיך גאָר אַ סך אויף אַ ריי לעצטנס דערשינענע ביכער. צווישן זיי איז אויך דאָ דאָס בוך פון דייוויד י. גאָלדשטיין אונטערן טיטל „דאָסטאָיעווסקי און די יידן״.

ער באַהאַנדלט די שאלה הלמאי אין דאָסטאָיעווסקיס בעלעטריס־טישע שאַפונגען זענען יידישע טיפּן כמעט נישטאָ? אין זיין „טויטן הויז״ גיט ער שוין יאָ אַ יידישן טיפּ, איסאַי פאָמיש, איינער פון די קאַטאָרזשניקעס איבער וועמען זיינע חברים האָבן פון וואָס זיך צו פאַרווילן. איבעריק צו זאָגן דעם איינדרוק וואָס עס מאַכט...

דערמאָנט זיך די סצענקע ווען ער לייגט תפילין, וואָס זעען אויס ביי די קאַטאָרזשניקעס ווי אַ האָרן אויסגעוואַקסן פון שטערן, און דאָס פאַרשאַפט דאָך זיי אַלע (דעם מחבר בתוכם) „הומאָר״ צו ווילן זיך.

אויף אַן אַדער אָרט חוזקט אָפּ דער מחבר ווי אַזוי אַ ייד רעדט רוסיש. יידן זעען אויס ביי אים קאָמישע ברואים, ווען ער דערמאָנט זיי שוין ערגעץ־ווו אין זיינע קינסטלערישע ווערק.

אָבער דאָסטאָיעווסקי איז געווען אויך שטאַרק אַנגאַזשירט אין דער פובליציסטיק, ווי אַ שאַרפער פּאָלעמיקער, בריוו־שרייבער און אויך פון טאָגביכער, וואָס זענען געוואָרן פאַרעפנטלעכט. אין זיי רעדט שוין דאָסטאָיעווסקי וועגן יידן מיט די „באַקנציינער״ פון אַ פּולבלוטיקן אַנטיסעמיט. מיר וועלן ווידער נאָר ציטירן אַ פּאָר „בלימעלעך״ פון זיין טאָגבוך:

„דער ייד און זיין באַנק זענען איצט די הערשערס איבער אַלץ: איבער אייראָפּע, דערציונג, ציוויליזאַציע, סאָציאַליזם, וואָס ער וועט נוצן אויסצוראָטן דעם קריסטנטום און פאַרניכטן די ציוויליזאַציע. בלייבן וועט דאַן נאָר אַנאַרכיע און מער גאָר נישט. דער ייד וועט שטיין בראש פון אַלצדינג. בעת ער וועט פּרעדיקן סאָציאַליזם, וועט ער זיך האַלטן צוזאַמען מיט זיינע אייגענע, און נאָכדעם ווי ער וועט מאַכן אַ תל פון אייראָפּעס עשירות, וועט דעם יידנס באַנק נאָך אַלץ בלייבן. דער אַנטיקריסט וועט קומען און שטיין אין דער שפּיץ פון דער אַנאַרכיע״...

ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז געשריבן האָט ער עס מיט 100 יאָר צוריק (1880) און מיר לייענען עס שוין נאָך דעם פּלאַנעט אוישוויץ; טאַקע אין אונדזער צייט, ווען עס גייט אַן אַזוי איבער דער וועלט די נעאָ־נאַציסטישע ווילדע העצע־פּראָפּאַגאַנדע קעגן יידן, וואָס האָבן „אויסגעטראַכט" דעם האָלאָקאָסט...

זעענדיק די געדונגענע (אָדער „אידעאָלאָגישע") פאַרסמטע פּע־דערס, וואָס טראָגן פאַנאַנדער דעם נעאָ־נאַציזם אויף הילכיקע טראָמ־פּייטערס, עס זאָל דערגיין צו אַלע קאָנטינענטן אונטער דעם פּרעס־טיזש־מענטעלע פון די פּראָפעסאָרישע טאָגעס מיט אַ כלומרשט „וויסנשאַפטלעכער" פּאַדשעווקע — קומט טאַקע אַרויסן אויפן גע־דאַנק וועגן דער ראָל פון די פאַרזייטע אַנטיסעמיטישע קערנער, בפרט פון אַזעלכע גייסטיקע ריזן, ווי דאָסטאָיעווסקי און אַנדערע גרויסע נעמען פון דער וועלט־ליטעראַטור.

איך האָב ביים שרייבן מיין אָפּהאַנדלונג וועגן דאָסטאָיעווסקין אין פּערספּעקטיוו — 100 יאָר נאָך זיין טויט — געהאַט טאַקע פאַרן אויג, נישט נאָר דעם גרויסן וועלט־באַרימטן קינסטלער, נאָר אויך דעם מענטש, וואָס קען זינקען אין זיין געפאַלנקייט און פאַרשאַפט ווייט נישט קיין כבוד זיין אַנדער עגאָ...

דאָ קומט אויף די האַרבע שאלה: צי דאַרפן און צי קענען דען ווערן פּסול צוליב זיינע פּובליציסטישע סמען אויך די גרויסע קינסטלע־רישע ווערטן פון זיין שאַפן?

ביים שרייבן די שורות הער איך פון ראַדיאָ־ידיעות וועגן אַ שטור־רעם פון פּראָטעסטן אין ישראל ביים שפּילן וואַגנערס מוזיק, — וועלכער איז בשעתו געווען אַ גרויסער אַנטיסעמיט און אויך היטלערס ליבלינג אויף קאָנצערטן.

די פּראָטעסטן, ווי שטאַרק עמאָציאָנירט זיי זאָלן נישט זיין, האָבן נאַטירלעך זייער באַגרינדעטן ראַציאָנאַל.

צוריקקומענדיק צו דאָסטאָיעווסקין און זיין אַנטיסעמיטיזם, האָב איך מעדיטירט ביים לייענען דייוויד גאָלדשטיינס בוך, ווו דער מחבר לאָזט נישט דורך קיין איין שריפט פון דאָסטאָיעווסקיס פּען, און ציטירט מיט טיפן באַדויער, אַלע פּובליציסטישע אַנטיסעמיטישע אויסברוכן, וואָס דערגייען צו אַ מין קרעסצענדאָ אין דעם לעצטן צענדליק יאָר פון זיין לעבן.

אין דעם אַפּטייל „בירגער" דאַטירט, מאַי 1873, שרייבט דאָס־טאָיעווסקי וועגן ייִד, דעם „בלוטזויגער", אַ מין וואַמפּיר וואָס טרינקט יענעמס בלוט. ער זעט יידן („יידס") זיך אָנטרינקען מיטן בלוט פון (רוסישן) פאָלק צו נערן זיין אויסגעלאַסנקייט־ („זנות") ציל — — די אינטערנאַציאָנאַלע יידישע „קאָנספּיראַציע" מיט איר „טומאהדיקע סכעמע" פון צווילינג־צוויג: קאַפּיטאַליזם־סאָציאַליזם.

אַט די שוין כמעט קלאַסיש־אַנטיסעמיטישע, פּאַטאַלאָגיש־קראַנקע פאַנטאַזיע דאַרף שוין נישט זוכן אַפילו קיין שום ראַציאָנאַל פאַר די לאָגישע סתירות פון אַזעלכע בולטע קעגנזאַצן. די פאַרצייכע־נונגען זענען דאָך פון אַ פּאַראַנאָיד־מוח, וואָס זעט שוין אַרום זיך די פינצטערניש וואָס גייט פאַלן אויפן קריסטנטום צוליב דעם ידישן „אַנטיקריסט״...

לאָמיר דאָ דערמאָנען, אַז דער באַוווּסטער רוסישער רעאַקציאָ־נער און צורר היהודים פּאָבעדאָנאָסצעוו, וואָס איז געווען דאָסטאָ־יעווסקיס בוזעם־פריינד אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, האָט גע־האַט שוין אויסגעאַרבעט אַזאַ פאָרמולע ווי אַזוי צו „לייזן״ די יידן־פראַגע:

„איין דריטל וועט עמיגרירן, אַ דריטל וועט זיך שמדן און אַ דריטל וועט אומקומען״...

דאָסטאָיעווסקי, וואָס האָט זיך פּובליציסטיש אַזוי שטאַרק פאַר־נומען מיט דער יידנפראַגע, האָט וואַרשיינלעך נישט געזוכט אַזאַ „ענטגילטיקע לייזונג״. זיין אַנטיסעמיטיזם איז מער אַרויסגעוואַקסן, לויט די מיינונגען פון דינע ביאָגראַפן, פון זיין פאַרשיכורן זיך מיט דער מעסיאַניסטישער שליחות, וואָס ער האָט צוגעשריבן דעם רוסישן פאָלק, דער וועלכער דאַרף ווערן דער באַפרייענדיקער כוח אין דער געשיכטע.

ער האָט דאָך זיכער געוווּסט אַז משיחיזם געהערט צו דער יידי־שער ירושה („אין דעם טאָג ווען ס׳איז חרוב געוואָרן דער בית־המקדש איז געבוירן געוואָרן די וויזיע פון משיחן״), אָבער ס׳איז נישט אַזוי קלאָר צי דאָסטאָיעווסקי האָט טאַקע באַטראַכט די יידן אַלס ערנסטע קאָנקורענטן פאַר דער משיחישער קרוין. די השערה איז נאָר, אַז אין זיין אונטערבאַוווּסטזיין זענען די יידן געווען כולו אַנטי־משיחיש און בכלל נישט קיין פאָלק, גיכער אַ מין אַרמיי פון לעגיאָנען אַנטיקריסטן מיט אַ גיריק־פאַרניכטנדיקער קראַפט, וואָס איז לויט אים געלעגן אינעם יידישן בלוט. און דאָס איז דאָס געווען ביי אים אַן אומהיילבאַרע אָבצעסיע.

שטעלט אָבער דייוויד גאָלדשטיין די אינטערעסאַנטע פראַגע: פאַר וואָס איז טאַקע אַט די זאָאָלאָגישע אָבצעסיע נישט אַריין בולט אין זיין קינסטלערישן שאַפן? האָט מען דאָך געקענט דערוואַרטן ער זאָל אויך שאַפן אַ מין שיילאָק־טיפּ?

איז אָבער פאַר אים אויך וואַרשיינלעך און זייער כאַראַקטעריסטיש, זיין ענטפער אויף דער פראַגע פון אַליאָשאַן (אין „ברידער קאַראַמאַ־זאָוו״) צי ס׳איז אמת, אַז יידן הרגענען קריסטלעכע קינדער זייער בלוט צו נוצן ביי ריטואַל?

ביי אַן עלילת־דם וואָס האָט נאָך געקענט גורם זיין דעם ביייליס־

פּראַצעס 33 יאָר נאָך דאָסטאָיעווסקיס טויט, קען דאָסטאָיעווסקי נאָך אַרויסרופֿן אַזאַ גרויסמוטיקייט פֿון קינסטלערישער ערלעכקייט, צו זאָגן אַליאָשאַן: „איך ווייס נישט". און אָט דער „איך ווייס נישט" איז מסתמא אויך געווען די סיבה וואָס ער האָט אפֿילו נישט געפּרוּווט געשטאַלטיקן זיין אַנטיסעמיטישע אַבצעסיע אין פּולבלוטיקע יידישע שיילאָקס.

אין אָנהייב פֿון זיין ליטעראַרישער קאַריערע האָט ער נאָך געטראַכט אָנצושרייבן אַ דראַמע מיטן נאָמען „דער ייד יאַנקל", הגם ער האָט נאָך אַליין קיין שום ייד נישט געקענט ביז ער האָט אַזאַ איינעם אָנגעטראָפֿן אויף קאַטאָרגע. אין זיינע אויגן איז דאָך דער ייד געווען קנעכטיש־הכנעהדיק און בכלל אַ קאָמישער טיפּ. און דאָס איז דאָך געווען אין הסכם מיט דער ליטעראַרישער טראַדיציע אין רוסלאַנד פֿונעם 19טן יאָרהונדערט.

ווען ער איז צוריקגעקומען קיין פּעטערסבורג פֿון קאַטאָרגע־פֿאַרשיקונג (1859) איז ער נאָך געווען פֿאַרבונדן מיט די מעסיקע קרייזן פֿון דער סלאַוואָפֿילישער באַוועגונג און גרייט געווען, אין אַ געוויסער מאָס, צו אַרגומענטירן קעגן דעם וויטריאָל־אַנטיסעמיטיזם פֿון די עקסטרעמיסטן. ערשט נאָך דעם איז ביי אים פֿאָרגעקומען די פֿאַרענדערונג, און מיט דעם — זיין קסענאָפֿאָביע, איינשליסנדיק זיין יידנהאַס.

דער פּעריאָד פֿון זיין אַרומפֿאָרן איבער מערב־אייראָפּע (1867־1871) איז, לויט גאָלדשטיינען געווען די קריטישסטע צייט אינעם טראַנזיט פֿון זיין דענקען צו זען אין מערב: דעגענעראַציע; און אויף מזרח — דורכן רוסישן פֿאָלק און דער רוסישער קירכע — דעם מעסיאַניזם. ער האָט ממש געאָטעמט מיט אָט דער אַפּאָקאַליפּטישער וויזיע, וואָס האָט געליגט אַ חותם אויף דעם צעפּייניקטן און צווייטייטשיקן רוסישן זשעני.

גאָלדשטיין האָט אין זיין בוך נאָכגעפֿאָלגט דעם גאַנג פֿון דאָסטאָיעווסקיס קינסטלערישן שאַפֿן, באַגלייט מיט די דרויסנדיקע אַנטיסעמיטישע אויסדרוקן וועגן יידן אין דאָסטאָיעווסקיס פּובליציסטיק.

פֿון גאָלדשטיינס גרינטלעכן אַנאַליז הערט מען דעם אָפּקלאַנג פֿון אַ טיפֿער ליטעראַרישער ליבע און פֿון אַזאַ גרויזאַמער אַנטוישונג אין דעם פֿאַרגעטערטן רוסישן גאון. עס הענגט דעריבער איבערן בוך די האַרבע ווייטיקדיקע שאלה. ווי אַזוי האָט ער געקענט, אַזאַ גרויסער שרייבער זיך אַליין קאָמפּראָמיטירן דורך אַזעלכע געמיינע ווערטער און געדאַנקען זיינע וועגן יידן?

אויף דעם האָט גאָלדשטיין נאָר דעם גוט־באַקאַנטן ענטפֿער וועגן דעם אונטערשייד (אין לעבן) צווישן דעם מענטש און דעם קינסטלער. דאָס באַטייט: דאָסטאָיעווסקי האָט נאָר אָנגעהאַלטן זיין קינסטלערישע

גרויסקייט אין זיינע מייסטערהאַפטע בעלעטריסטישע ווערק. אָבער אין זיין פּריוואַטן לעבן און אין די פּאָליטישע פּובליציסטישע אַקטי־וויטעטן איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער דאָסטאָיעווסקי...

זיינע בעלעטריסטיש־אויסגעפורעמטע פיגורן זענען טאַקע פאַר־בונדן מיט זיינע אינעווייניקסטע קאָנפליקטן, באַהאַלטענע, טיף־פאַר־באָרגענע תאוות, פּחד, שינאה.

זיינע הויכע דערגרייכונגען ווי אַ ראָמאַניסט טאָרן אָבער פאַר אונדז נישט ווערן פאַרבלאַסט צוליב זיין פּערזענלעכן איינשמירן זיך אין אַזאַ העסלעכער בלאָטע, אין וועלכער ער איז טאַקע געזונקען אַזוי טיף...

נאָר דער קינסטלער אין אים איז געשטאַנען אויף אַ גאָר הויך־באַרגיקן פעסטן באָדן אונטער זיינע פיס. דאָרט האָט ער דערגרייכט די הויכפּונקטן וואָס האָבן דאָך פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון דורות לייענערס. און זייער צאָל: ממש אַ סך לעגיאָנען איבער גאָרער וועלט.

און אַרומגענומען האָט ער זיינע פּערסאָנאַזשן, אָנהייבנדיק פון די העכסטע סובלימירטע ביז די סאַמע ווילד־גראָטעסקע פיגורן, פון פיל פאַרשידענע סאָציאַלע הינטערגרונטן, אידעאָלאָגיעס; אויסטער־לישע טעמפּעראַמענטן מכל המינים, פאַרקערפּערט אין די דיפירענ־צירטע אינעווייניקסטע לעבנס פון זיינע פילצאָליקע כאַראַקטערן.

ווען ער האָט געשאַפן קונסט האָט זיין אינעווייניקסטער „צענזאָר" בכלל נישט אַדורכגעלאָזט קיינע פון די אָבצעסיעס קעגן יידן. אמת, אַז זיי האָבן זיך יאָ מאָמענטוויז „אַדורכגעליטשט" דעם אויג פון „צענ־זאָר", אָבער טאַקע נאָר אויף אַן אויגנבליק.

אַזוי, למשל, איז געשען מיט אַן עפּיזאָד וועגן אַ יידישן פייער־לעשער (אין „פאַרברעכן און שטראָף").

דייוויד גאָלדשטיין וויזט אָן, אַז אין פּעטערסבורג איז נישט געווען קיין שום יידישער פייערלעשער אינעם 19טן יאָרהונדערט. לויט אים איז דער עפּיזאָד מער סוגעסטיוו פון עפּעס וואָס איז נישט רעאַל, נאָר גאָר דער פינאַל פון סווידריגאַילאָווס האַלוצינאַציעס.

וועל איך דאָ דערמאָנען, אַז אין דעם ראָמאַן לעבט סווידריגאַילאָוו דורך אַ נאַכט פון שוידערלעכע חלומות און פיבערדיקע האַלוצינאַציעס. פאַרטאָג גייט ער אַרויס פון זיין האָטעל־צימער און שלייכט זיך דורך איבער די ליידיקע גאַסן, איבער וועלכע עס הענגט אַ שטאַרקער נעפּל. ביי אים אין קעשענע אין אַ פּיסטויל צו נעמען זיך דאָס לעבן. ביי דעם טרעפט ער אָן דעם יידישן פייערלעשער וואָס פרעגט אים, מיט אַ שטאַרקן יידישן אַקצענט, וווהין ער גייט? סווידריגאַילאָוו ענטפערט: צו פרעמדע לענדער — קיין אַמעריקע. אין דעם מאָמענט האָט ער אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און צוגעלייגט אים צום שטערן. דער

יידישער פּייערלעשער שרייט דאַן אויס אַן אויפגעטרייסלטער: „ניין, נישט דאָ! דאָ איז נישט דער אָרט!".

ווי געזאָגט, איז אַזאַ ייד נישט געווען בנימצא דאַן אין פּעטערסבורג און האָט אפשר גיכער אַ שייכות צו דאָסטאָיעווסקיס אייגענע האַלוצינאַציעס. לויט גאָלדשטיינען איז עס אַריין אין ראָמאַן ווי אומבאַמערקט פון זיין אינעווייניקסטן „צענזאָר", דורכשלייכנדיק זיך ווי אַ מין ביזאַרער עדות.

ביי דאָסטאָיעווסקין זענען דאָך יידן געווען אַ מיראַזש. דעריבער האָט ער זיי נישט אַריינגעפּאַסט אין זיינע ראָמאַנען. ערשט אין דער פּובליציסטיק האָט ער געקענט ארויסווייזן זיין א"ג „אידעאָלאָגישע" בלינדקייט, וואָס ער ברענגט צום אויסדרוק אין זיין פּאָלעמיק. אָבער זיין קינסטלערישע אינטואיציע האָט אים שטרענג פאַרבאָטן זיין בלינדע שינאה צו פּראָקטיצירן אויך אין אַ בעלעטריסטישער אויסשטאַטונג. די יידן אין זיינע אַרטיקלען זענען דאָך בלויז אַבסטראַקטע פיגורן, אָן בלוט און פלייש, און אָן אַ רעאַלן אייגענעם אינעווייניקסטן לעבן, ווי עס זענען יאָ זיינע גרויסע בעלעטריסטישע געשטאַלטן.

אפנים אַז ס'איז פאַר אים נישט מעגלעך געווען צו קענען אַריבערוואַרפן אַ בריקל צווישן מיראַזש און רעאַליטעט און דאָס קענטיקט זיך אויך אין זיינע בריוו צו די יידישע קאָרעספּאָנדענטן, בריוו וואָס זענען פול מיט אַזוי פיל אינעווייניקסטע סתירות. אָט רעדט ער צו זיי מיט אָנשטענדיקייט און באַהאַנדלט זיי ווי מענטשלעכע וועזנס און אין זעלבן אָטעם וואַרפט ער זיך איבער צו די אַבסורדאַלסטע גענעראַליזאַציעס וועגן יידן און וועגן זייער „אָפּשטויסנדיקער" אַנדערשקייט.

וויל איך זאָגן אַז די ליטעראַרישע געשיכטע פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט, ווי אויך פון פריערדיקע, אילוסטרירט מיט ביזאַרע פאַקטן, אַז קונסט גיט נאָך נישט קיין אימוניטעט קעגן שוידערלעכע געמיינקייטן פון אַזאַ צי אַנדערער באַפאַרבונג.

וואָס איז געשען מיט די גרויסע נעמען וואָס האָבן געדינט מיט זייער פעדער דעם פאַשיזם און היטלעריזם? מיר האָבן אַ גאַנץ טרויעריקע דערפאַרונג פון די עזרא פאָונדס...

איך האָב ברייטער זיך אָפּגעשטעלט אויף דייוויד גאָלדשטיינס בוך וועגן דאָסטאָיעווסקיס באַציונג צו יידן. און עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס ער הייבט אָן זיין בוך מיט אַפירמאַציע פאַר דעם גרויסן קינסטלער, מיט באַוווּנדערונג פאַר זיין ברילאַנטישקייט און ערשט דאַן הייבט ער אָן דעם אַנזאַמל פון דאָקומענטאַרע באַווייזן וועגן דאָסטאָיעווסקיס אַנטיסעמיטיזם און זיין שאַרפע פאַראורטיילונג.

אַן אַנדער באַוווּסטער דאָסטאָיעווסקי־ביאָגראַף, פּראָפּ. פראַנק,

שטעלט זיך אַפּ מער אויף דאָסטאָיעווסקיס אַמביוואַלענטע אַרויסזאָגונגען און זיין טעמפּעראַמענט און ער גיט וועגן דעם אַזאַ כאַראַקטעריסטיק: „מען טאָר נישט אַרויסלאָזן פון אויג, אַז דער אומרואיקער, צעפּייניקטער, אומגלויבלעך זיך־שנעל פאַרענדערטער דאָסטאָיעווסקי, וועמענס העלדן דריקן אָפּט אויס די מיינונגען, פאַר וועלכע ער אַליין האָט אַמשטאַרקסטן אַזוי מורא געהאַט, זיי זאָלן נישט רעדוצירט ווערן צו איין שטאַנדפּונקט״.

פראַנק באַטאָנט אַז דער זעלבער דאָסטאָיעווסקי וואָס איז געווען אַזוי לײַדנשאַפטלעך אַנטיסעמיטיש, האָט אינצייטיק צוליב זיין אַנטיסעמיטיזם געטראָגן אַ שולדגעפיל באַזירט אויף זיין קריסטלעכן פּרינציפּ. און „עס איז נישט באַוויזן געוואָרן, שרײַבט ער, אַז זיין חרטה־געפיל זאָל זיין ווייניקער אויטענטיש באַגלייבט״ (ווי זיין אַנטיסעמיטישער גיפטיקער אָנפאַל).

גאָלדשטיין האָט אָבער נישט קיין צוטרוי צו אָט די זשעסטן פון חרטה און טאָלעראַנץ וואָס קומען צוליב דעם (קריסטלעכן) מחילה־פּרינציפּ. ער באַטראַכט די נאָר ווי טאַקטישע מאַנעוורען צוליב געוויסע רעטאָרישע נויטווענדיקייטן ביי אַ ספּעציפישער עסיי, וואָס האָט זיך דאָ און דאָרט געמוזט צוימען צוליב דעם געגעבענעם זשורנאַל, ווו עס איז געוואָרן אָפּגעדרוקט.

אגב האָט דער פּראָפעסאָר יוסף פראַנק אויך אָנגעשריבן די הקדמה צו גאָלדשטיינס בוך, אין וועלכער ער ברענגט אַרויס זיין אויבנדערמאָנטע מיינונג, וואָס באַטײַט דאָך אַ געוויסע רעוויזיע אין דעם צענטראַלן אַרגומענט פון דעם ווערק.

קלאָר איז אַז דיוויד גאָלדשטיינס אַקומולירטע דאָקומענטאַציע פון דאָסטאָיעווסקיס געפילן לגבי ייִדן קען נישט ווערן אָפּגעלייקנט. (אַזוי אויך דער אויספיר פון זיין אַנאַליז, אַז אָט די אימאַזשן זענען אַרויסגעקומען פון אַ מוח, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך מיראַזשן און פון די באַווירקט געווען צו שרייבן וועגן ייִדן מיט אַזאַ אויסגעלאַסענער שפּראַך), ווי מיר זעען עס אַפילו פון די ווייניקע ציטאַטן, וועלכע כ׳האָב געבראַכט אין דער אָפּהאַנדלונג.

אַ דאָסטאָיעווסקי עפּיזאָד

צווישן די פאַרצייכענונגען פון ליובאָוו דאָסטאָיעווסקאַיאַ וועגן איר פאָטער („דאָסטאָיעווסקי — אַ פאָרשונג״) געפינט זיך פאָלגנדער עפּיזאָד: ער האָט געהאַט אָפּגעקליבן פאַרצולייענען דעם קאַפּיטל פון „די ברידער קאַראַמאַזאָוו״, בעת פאָטערל זאָסימאַ נעמט אויף די אָרימע פרוי, וואָס איז עולה רגל געווען צו זען אים . . .

אין דעם קאַפּיטל, ווי שוין דערמאָנט פריער, האָט דאָסטאָיעווסקי פאַרצייכנט זיין אייגענעם צער... ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן דעם טויט פון זיין קינד אַליאָשאַ.

אויף איינעם פון די פאַרלייען־אָוונטן איז אַנוועזנדיק געווען די קרוינפּרינצעסין, מאַריאַ פיאָדאָראָווּנאַ — די צוקונפטיקע אימפּע־ראַטאָרין פון רוסלאַנד. ווען ער האָט פאַרענדיקט לייענען איז זי צו־געגאַנגען צו די פרויען וואָס האָבן אָרגאַניזירט דעם אָוונט, און גע־זאָגט, אַז זי וואָלט געוואָלט האָבן אַ וואָרט מיט מיין פאָטער. האָבן די פרויען זיך געאיילט אַנטקעגנצוקומען איר בקשה, כאָטש נישט מיט קיין גרויסער צופרידנקייט. זיי האָבן געוווסט פון דאָסטאָיעווסקיס פאַרדאַכט ביי אַזאַ פאַרלאַנג און זיי האָבן מורא געהאַט ער זאָל זיך נישט וועלן אַרויסדרייען דורך זיינעם אַ מאַנעוור. זענען זיי צוגע־גאַנגען צו דאָסטאָיעווסקין מיט אַ מין מיסטעריעזן אויסדרוק אויף זייערע פּנימער און געזאָגט אים: — אַ געוויסע זייער אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט וואָלט געוואָלט כאַפּן מיט אים אַ שמועס וועגן דעם וואָס ער האָט פאַרגעלייענט.

— ווער איז די אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט? — האָט דאָס־טאָיעווסקי געפרעגט אָן איבעררעאַשטער.

— וועסט שוין אַליין זען. זי איז אויסערגעוויינטלעך אינטערע־סאַנט... קום מיט אונדז גלייך! — האָבן די פרויען אים געזאָגט און אַריינגעפירט אין אַ קליינעם בודואַר, פאַרמאַכט הינטער אים די טיר.

דאָסטאָיעווסקי איז געווען פאַרוווּנדערט פון אַזאַ מיסטעריעזער מעשה. דער קליינער צימער איז וועלכע ער האָט זיך געפונען איז געווען טונקל באַלויכטן דורך אַ לאָמפּ מיט אַ שיק. אַ יונגע פרוי איז געזעסן באַשיידן ביי א טישל. געווען איז עס שוין אין דעם פעריאָד פון זיין לעבן ווען דאָסטאָיעווסקי האָט שוין נישט געקוקט אויף יונגע פרויען. האָט ער זיך גענייגט פאַר איר, ווי איינער בייגט זיך פאַר אַ פרעמדער פרוי, וואָס ער טרעפט אין דעם הויז פון אַ פריינד. היות ער איז געווען זיכער, אַז מ׳גייט אים דאָ אָפּטאָן עפּעס אַ „שפּיצל״, איז ער גלייך אַרויס פון צימער דורך אַ צווייטער טיר...

אָן ספק, אַז ער האָט געוווּסט דאָס די קרוינפּרינצעסין איז געווען אויפן אָוונט. מעגלעך, אַז ער האָט געטראַכט, אַז זי איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען, אָדער ער האָט פאַרגעסן, צוליב זיין געוויינטלעכער פאַרחושטקייט, אַז זי איז גאָר געווען.

ווען ער איז אַרויס אין זאַל איז ער גלייך געוואָרן אַרומגע־רינגלט פון מענטשן און אַריינגעצויגן אין אַ דיסקוסיע, און באַלד אין גאַנצן שוין געהאַט פאַרגעסן וועגן דעם „וויץ״.

א ביסל שפּעטער האָבן די יונגע פרויען, וואָס האָבן אים פריער אַריינגעפירט אין דעם קליינעם בודואַר, מיט נייגיר געפרעגט: — וואָס האָט זי דיר געזאָגט?

— ווער? — האָט ער שוין זיי געפרעגט מיט פאַרווּנדערונג.

— ווער? — טאַקע די קרוינפּרינצעסין!

אגב, ווי עס גיבן איבער זיינע מיטצייטלערס איז דאָסטאָיעווסקי געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער גוטער פאַרלייענער. ער פלעגט מיט־רייסן דעם עולם.

ס. וו. פאַוולאָווא, די פרוי פון וועלט־באַרימטן פּסיכאָלאָג (איוואַן פאַוולאָוו), וואָס האָט בייגעוווינט זיין פאַרלייענען אויף „די פּעטערס־בורגער פּעדאַגאָגישע קורסן״ (1879) שילדערט אַזוי דעם איינדרוק פון אַ סעאַנס:

„פּלוצעם האָב איך געהערט אַ הויכע שטים און קוקנדיק אויף דער בינע האָב איך געזען דעם נביא... דאָסטאָיעווסקיס געזיכט איז געוואָרן טראַנספאָרמירט. זיינע אויגן האָבן אַרויסגעלאָזט בליצן, וואָס האָבן אַדורכגעדרונגען די הערצער פון די מענטשן. זיין פּנים האָט געשיינט מיט אַן אינספּירירטן כוח פון די הויכקייטן...

„איך האָב געהאַלטן אין איין זאָגן צו זיך, יאָ. ער האָט אָנגע־צונדן אין מענטשלעכע הערצער צו דינען דעם אמת און די גערעכטיקייט״.

ווען מען פלעגט רעדן מיט דאָסטאָיעווסקין וועגן דעם כוח פון זיין פאַרלייענען, פלעגט ער זאָגן: „איר מיינט כ׳לייען מיט מיין שטים? איך לייען מיט מיינע נערוון!״

דאָסטאָיעווסקיס הספּד וועגן נעקראַסאָוון

נישט קיין הספּד־רעדע האָט דאָסטאָיעווסקי געהאַלטן נאָך נעק־ראַסאָווס טויט (1877), נאָר ער האָט פאַרצייכנט אין זיין „טאָגבוך פון אַ שרייבער״ די מחשבות און געפילן זיינע אין טאָג פון זיין טויט. ער שרייבט: „איך האָב אין דעם טאָג נישט געקענט אַרבעטן. גע־נומען אויפסניי לייענען זיינע דריי בענד, אָנגעהויבן פון ערשטן זייטל, געלייענט אַ גאַנצע נאַכט, ביז אין דער פרי, און אויפסניי דורכ־געלעבט די דאָזיקע דרייסיק יאָר...

איך האָב געלייענט אין פּאָעמע נאָך דער אַנדערער און מיין גאַנץ לעבן איז שנעל דורכגעגאַנגען פאַר מיינע אויגן. איך האָב דערקענט די פּאָעמעס, וואָס כ׳האָב צו ערשט געלייענט אין סיביר נאָכן אָפּדינען די פיר יאָר שווערע קאַטאָרגע, ווען כ׳בין באַפרייט

געוואָרן פון טורמע, און ענדלעך באַקומען אַ דערלויבעניש צו קענען נעמען אַ בוך אין דער האַנט...

„מיט איין וואָרט — כ׳האָב ווירקלעך דורכגעלייענט אין דער נאַכט צווי דריטל פון אַלץ וואָס נעקראַסאָוו האָט געשריבן, און כ׳האָב פאַרשטאַנען בוכשטעבלעך, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, וואָס נעקראַסאָוו האָט באַדייט פאַר מיר, ווי אַ פּאָעט נאַטירלעך...

„מיר האָבן זיך זעלטן געטראָפן, און נאָר איין מאָל לגמרי אָן רעזערווירטקייט און מיט וואַרעמע געפילן גלייך ביי אונדזער באַקאַנטשאַפט. אונדזער קעגנזייטיקע אינטימיטעט האָט אָנגעהאַלטן נאָר אַ פּאָר מאָנאַטן, צוליב מיספאַרשטייענישן, אויסערלעכע אומשטענדן, און דאָס אַריינמישן זיך פון גוטע מענטשן...

„נאָך דעם — — כאָטש מיר זענען כסדר נישט מסכים געווען... זיך געזאָגט מאָדנע זאַכן ווען מיר האָבן זיך פון צייט צו צייט געטראָפן — דאָך, ווי עפּעס וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אונדזער יוגנט (אין 1845) האָט אָנגעהאַלטן אין אונדזערע לעבנס; ווי עס וואָלט זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן איבערגעריסן, וואָס עס איז נישט מעגלעך געווען. כאָטש צייטנווייז האָבן מיר איינער דעם אַנדערן נישט געזען דורך יאָרן און יאָרן.

„איין מאָל, כ׳מיין אין 1863, האָט ער מיר געגעבן אַ קליינעם באַנד פון זיינע פּאָעמעס, אָנגעוויזן אויף איינער פון זיי, די אומגליקלעכע און צו מיר געזאָגט: — ווען כ׳האָב עס געשריבן האָב איך געטראַכט וועגן דיר, (וועגן מיין לעבן אויף סיביר). דאָס איז געשריבן געוואָרן וועגן דיר״.

אָט דער טרויער־מאמר פון דאָסטאָיעווסקין איז, אין אַ געוויסן זין, אַ ליטעראַרישער אַנאַליז פון נעקראַסאָוון וועמען ער האָט אַוועקגעשטעלט גלייך נאָך פּושקינען און לערמאָנטאָוון, אין דער היעראַרכיע פון די רוסישע פּאָעטן.

ער האָט אויך געפּרוווט געבן אַ פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג פון די סתירות אין נעקראַסאָווס פּערסאָנאַליטעט און פירונגען (נעקראַסאָוון האָט מען געהאַט באַשולדיקט אין „עבירות״ און שאַרפער מסחר־פּראַקטיק).

✶

ביים סוף ווויל איך דערמאָנען אַז ס׳איז 100 יאָר זינט דאָסטאָיעווסקיס טויט (1881).

אין די שבחים וואָס מען האָט געשריבן נאָך זיין טויט, איז אויך געווען טאָלסטאָיס אַ בריוו צו סטראַכאָוון, ווו ער שרייבט: „איך האָב אים קיין מאָל נישט געזען, נישט געהאַט מיט אים קיינע

באַציונגען. דאָך ווען ער איז געשטאָרבן, האָב איך פּלוצעם באַנומען, אַז ער איז געווען דער נאָענטסטער, דער דייער טייערסטער מענטש, דעם מענטש, וואָס כ'האָב אַממיינסטן געדאַרפט... אַ געוויסער טייל פון דער־אָ שטיצע איז פון מיר אָוועקגענומען געוואָרן, כ'האָב זיך דערפילט פאַרלוירן; און דאַן איז מיר קלאָר געוואָרן ווי טייער ער איז מיר געווען און כ'האָב געוויינט"...

ביבליאָגראַפיע

„דאָסטאָיעווסקיס נאָטיצביכער" — רעדאַקטירט דורך עדוואַרד וואַסיאָלעק.

„דער נישט פאַרעפנטלעכטער דאָסטאָיעווסקי" — רעדאַקטירט דורך קאַרל פּראָפּע און ען אַרבאָר.

„טאָגבוך פון אַ שרייבער" — איבערגעזעצט דורך באָריס בראַסאָל (ניו־יאָרק, 1949).

„דאָסטאָיעווסקיס בריוו צו זיין פרוי" — איבערגעזעצט דורך עליזאַבעט היל און דאָריס מודי.

„בריוו פון דאָסטאָיעווסקין צו זיין פאַמיליע און פריינד — איבערזעצערין: קאָנבערן מעין.

„בריוו און רעמינעסצענצן" — רעדאַקטירט דורך ס. ס. קאָטעליאַנסקי און מידלטאָן מאַררי.

„דער האַזאַרדשפּילער", מיטן „טאָגבוך פון פּאָלינאַ סוסלאָוואַ". רעדאַקטירט דורך עדוואַרד וואַסיאָלעק.

„טאָגבוך פון דאָסטאָיעווסקיס פרוי, אַננאַ דאָסטאָיעווסקאַיאַ, פון דייטש: מאַדזשע פּעמבערטאָן.

אויך אירע: „רעמיניסצענצן" (בעת דעם ערשטן יאָר פון איר חתונה מיט דאָסטאָיעווסקי).

יאַרמאָלינסקי אברהם: „דאָסטאָיעווסקי, זיין לעבן און קונסט".

„דאָסטאָיעווסקי: עסייען און פּערספּעקטיוון", פון ראָבערט לאָרד.

לעאָניד גראָסמאַן: „דאָסטאָיעווסקיס סטיל".

מ. מ. באַכטין: „פּראָבלעמען אין דאָסטאָיעווסקיס ווערק".

דייוויד י. גאָלדשטיין: „דאָסטאָיעווסקי און די יידן".

אַנטאָן פּאַוולאָוויטש טשעכאָוו — פּערספּעקטיוו



אַנטאָן טשעכאָוו (1860־1904) געהערט צו די גרויסע מייסטערס וועלכע דער שטויב פון צייט האָט נישט פאַרדעקט. מען לייענט זיינע דערציילונגען, מען שפּילט זיינע פּיעסן און עס דערשיינען כסדר נישט סתם געלעגנהייט־אַרטיקלען וועגן אים, נאָר אויך גאַנץ וואָגיקע ווערק. נייע ביאָגראַפיעס מיט פרי־שע צוגאָבן, וואָס קומען לעצטנס אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין אַ דאַנק די בריוו זיינע, וועלכע מען האָט פון די „איבערשטע פּענצ־טער" אין ראָטן־פאַרבאַנד געגעבן „די גרינע ליכט". טשעכאָוו האָט אַ גאָר גרויסע קאָרעספּאָנדענץ גע־פירט און די סאָוועטישע צענזור האָט נאָך עד־היום נישט אַלע בריוו געלאָזט פאַרעפנטלעכן, ווי עס שטעלן פעסט זיינע ביאָגראַפן. דאָך זענען צוגעקומען אַ סך נייע מאַ־טעריאַלן, אויף וועלכע עס שטיצט זיך מיין אַרבעט.

מייסטער־דערציילער

די סוזשעטן פון זיינע דערציילונגען זענען אויפן פאָן פון זייער צייט, און אויפן אויבערפלאַך קענען זיי אויסזען פאַרעלטערט. אָבער ווי מיר וועלן באַלד קענען זען פון אונדזער אַנאַליז און די כאַראַקטע־ריזאַציעס, אז זיי האָבן אַלצייטיקע פּראָבלעמען פון קאָנפליקטן און ריסן אין די מאַן־און־פרוי באַציאונגען פאַר און נאָך דער חתונה.

זיכער איז אַ גאַר וויטער מהלך פון דער פרוי אין רוסלאַנד אין טשעכאָווס צייטן ביז דער „ווּמענס ליבריישן״. דאָך איז כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז די קעניגין יעקאַטערינאַ די צווייטע האָט שוין געהאַט איניצירט סיסטעמאַטישע בילדונג פאַר רוסישע פרויען. עס האָט זיך אָבער דער ענין נישט גערירט פון אָרט. ביז 1870, איז אפילו נאָך אויפן געדאַנק נישט געקומען וועגן העכערע בילדונג פאַר רוסישע פרויען. דער קאָנווענציאָנעלער דרוק אויף דער פרוי, איר ראָל אין לעבן, איז נישט געווען צו קאָנקורירן מיטן מאַן אין די פראָפעסיעס. איר אָרט איז געווען אין שטובווירטשאַפט; פאַר די העכערע קלאַסן — לערנען זיך געזעלשאַפטלעכע מאַניערן, וואָס איז פאַר אַ פרוי דאַן געווען וויכטיקער ווי אינטעלעקטועלע אַוואַנסירונג. דאָס איז געווען דער כלל.

אַוודאי זענען געווען אויסנאַמען (למשל, טשעכאָווס שוועסטער, מאַריאַ), אָבער זיי זענען נאָר געווען פאַראײנצלטע פאַלן, במילא נישט מאָסגעבנדיק פאַר דעם סאָציאַלן און אינדיווידועלן לעבן אין רוסלאַנד בימי טשעכאָוו.

די חתונה־אינסטיטוציע איז געווען פונדאַמענטאַל. פיל וויכ־טיקער פאַר דער פרוי ווי פאַרן מאַן. מסתמא דערפאַר וואָס די אַליינ־קייט, איינזאַמקייט איז פאַר איר געווען אַ סך מער דעפּרעסיוו ווי פאַרן מאַן (מיר רעדן אַלץ בדרך כלל און ווידער נישט וועגן די אויסנאַמען). וועל איך דאָ דערמאָנען טשעכאָווס דראַמע „דריי שוועסטערס״, אין וועלכער די ראָמאַנטישע העלדין, אירינאַ, האָט אומגערן חתונה געהאַט מיטן טוזענבאַכן, און אַלגאַ זאָגט איר, אַז זי וואָלט אויך געטאָן דאָס זעלבע און מיט יעדן איינעם, אַפילו אַן אַלמן, אויב אַ בכבודיקער. אָבער וועגן דער דראַמע — שפּעטער.

טשעכאָוו האָט אין זיין שאַפן ארויסגעהויבן די בענקשאַפט נאָך אַ שענערן, מער ווערטפולן אויסלעבן זיך ביי זיינע קאָמפּליצירטע פרויען־טיפּן. ער האָט געשטאַלטיקט און געפורעמט זייער אומרו, די פערמענטאַציע פון זייער אומרואיקן גייסט, וואָס האָט זיך דאַן געקענ־טיקט שוין אין דער רוסישער געזעלשאַפט. ווי אַזוי די איינזאַמקייט פון דער אומפאַרהייראַטער פרוי האָט געדריקט אויף איר פסיכיק, איז געשילדערט אין זיין דערציילונג „די קאַרעטע״. און עס רעדט זיך שוין וועגן אַ געבילדעטער פרוי, אַ שול־פאַרוואַלטערין, וואָס טרוימט צו פאַרבינדן זיך מיט דעם רייכן גוטבאַזיצער, און עס זעט איר אויס גאַר נאַריש זיין לעבן אַליין — און זי אַליין, בעת זיי ביידע זענען אין דער געגנט די איינציקע געבילדעטע מענטשן. שוין דאָס טראַכטן פון דעם פילט איר האַרץ אָן מיט פרייד, ענטוזיאַזם און עס קומט דאַן צו איר אַ זיסע דעראינערונג, בעת זי איז אַ קינד נאָך געווען, אין דער היים מיט די עלטערן:

„צום ערשטן מאָל — — — שטייט איצט פאַר איר לעבעדיק דאָס בילד, דער אויסזען פון דער מאַמען, פון טאַטן און די ברידער, די וווינונג אין מאָסקווע, די אַקוואַריע מיט די קליינע פישעלעך. זי האָט, עפּעס, פּלוצעם, דערהערט פּיאַנאָ־קלאַנגען און דעם טאַטנס שטים; האָט דערשפּירט וואָס זי איז געווען אין יענע טעג — יונג, שיין, עלעגאַנט, אין אַ וואַרעמען ליכטיקן צימער, אינעם קרייז פון דער פאַמיליע... אַ פרייד און גליקזעליקייט האָט איר אַרומגענומען פון דער זיסער דערמאָנונג. זי האָט מיט די פינגער געפּרעסט די ווינקלען פון איר שטערן אין צופרידנקייט און מיט אַ צאַרטער באַדויערנדיקער שטים אויסגעשריגן: מאַמע!"

ליבע פאַרנעמט אַ צענטראַלן אָרט אין טשעכאָווס שאַפן. ער האָט זי פּאָעטיש דערהויבן, אידעאַליזירט און עס געשאַנקען זיינע ראָמאַנטישע העלדינס, וואָס ראַנגלען זיך טראַגיש מיט אָט דעם פּראָבלעם, ווען עס פאַרשווינדט פון אים די פּאָעזיע... חתונה (אויך אָן ליבע) איז דער עיקר נאָר צו באַפרייען זיך פון דער איינזאַמקייט, אַליינקייט און איזאָלירטקייט.

אין דער דערציילונג „מיין ווייב" איז דער פאַרלאַנג צו רעדן און זען זיין ווייב דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, ווי אין דעם אַפּאָזאַץ: „...יעדער איינער וואָס האָט אַ ווינטער געלעבט אויפן לאַנד און געקענט די לאַנגע אומעטיקע אָוונטן, ווען אַפילו די הינט ווערט נימאס צו בילן, און דער וואַנט־זייגער ווערט מיד אויסצוקלאַפּן די צייט... אין אַזעלכע נעכט האָט אים (אַ. סאַרינען) געמוטשעט דער געדאַנק פון זיין וואַכנדיקן באַוווסטזיין... אָן אומרואיקער פלעגט ער אַרומשפּאַנען, געפּרווט אָט דעם נאַגנדיקן געפיל צו דערווייטערן פון זיך און אָנגעהויבן טראַכטן וואָס פאַר אַ פרייד עס וואָלט אים איצט פאַרשאַפט צו הערן דעם קלאַנג פון אַ פרויס שטים, אין אָן אָנגענעמען וואַרעמען צימער, זי זאָל מיר אַפילו זאָגן ווי שלעכט איך בין צו איר!"

אויב חתונה אָן ליבע איז פאַרבונדן מיט דער קללה פון אַ נאַגנדיקער איינזאַמקייט, און טשעכאָוו אילוסטרירט עס אין פיל זיינע דערציילונגען, איז אָבער דורך ליבע — אַ ברכה פון אויבן. עס איז ביי אים פאַראַן אַזאַ מין געצוימטער אוממיטלבאַרער פּאַטאָס, ווען ער שילדערט אָן אידעאַליזירטע ליבע, אַ פּאָעטיזירטע און דערהויבענע ביי בײדע פּאַרטנערן.

ווען זי ווערט אָבער גרויזאַם און צעשטערעריש, איז עס נישט די שולד פון ליבע, נאָר פון די מענטשן מיט זייער אומפּערפעקציע. זיי דאַרפן ערשט ווערן דערוואַקסן צו אָן אידעאַלער ליבע. דער מחבר האָט אַזאַ זאָג: „ווען דו האָסט עמעצן ליב אַנטדעקסטו רייכקייטן אין זיך אַליין. אַ קוואַליקן, אָן־באַדעם־ברונעם פון גוטסקייט, צאַרטקייט.

דו קענסט זיך אַליין נישט צוגלייבן, אַז דו ביסט נאָך טאַקע פעיק אויף אַזאַ ליבשאַפט".

מען קען מאַכן אַ פאַרגלייך ווי אַזוי ליבע זעט אויס ביי טאָלסטאָין און ביי טשעכאָוון. דעם אונטערשייד קען מען זען, למשל, אין „קריג און פרידן", ווען די פריערדיקע פאַטעטיזירטע העלדין נאַטאַשאַ ראָס־טאָווא ווערט שוין אַ יידענע, פול מיט טענות און תרעומות צו אַלע אַרום איר.

איר מאַן, פיער, בונטעוועט זיך קעגן אַט דער טראַנספאָרמאַציע ביי זיין פריערדיקער ראָמאַנטיש־מידל, וואָס גייט איצט אַרום און קלינגט מיט די שליסלען פון איר באַלעבאַטישער האָב־און־גוטס הער־שאַפט. ס'איז דאָ אַ מאָמענט ווי ער שרייט אויס: „איך מוז זיך ראַטע־ווען! און שוין דעם טאָג! אָדער איך וועל אַראָפּ פון זינען". (אגב, שרייט עס אויך אויס דער ליטעראַטור־לערער אין טשעכאָווס אַ דער־ציילונג). אויך אין „אַננאַ קאַרענינאַ" איז עס דער זעלבער קאָנפליקט. נאָר דאָ איז שוין זי וואָס וויל נישט דערלאָזן, אַז אירע באַציונגען מיט ווראָנסקין זאָלן זיך אויסלאָזן אין דער שאַבלאָנער באַלעבעסל־דיקייט.

אָבער דאָ קומט דער אונטערשייד צווישן טאָלסטאָין און טשע־כאָוון, וואָס קלאָמערט זיך אין אַ פאַטעטיזירטן ליבע־אידעאַל, און די וויזיע דאָמינירט דאָך ביי זיינע ראָמאַנטישע העלדינס אין אַלע זייערע ראַנגלענישן און ריסן; בעת ביי טאָלסטאָין איז די פאַמיליע די דאָמי־נירנדיקע קאָנצעפּציע פון ליבע. דאָס האַלט ער מוז מען אָנערקענען, צי עס געפעלט יאָ אָדער נישט. און ווער עס וויל זיך קלאָמערן אין זיין פאַטעטיזירטן ליבע־אידעאַל מוז פאַרענדיקן ווי קיטי...

צו אילוסטרירן טשעכאָווס ליבע־קאָנצעפּציע, וועלן מיר נעמען די ווערטער, וואָס ער לייגט אריין אין מויל פון זיין העלד אַליעכין, וועלכער פילאָזאָפירט זייער אַ סך וועגן ליבע (אונטער דעם טיטל). ער זאָגט: „ווען מיר ליבן עמעצן הייבן מיר אָן זיך אַליין פרעגן: פירן מיר זיך אויף שכלדיק אָדער נאַריש? און צו וואָס וועט עס קענען דערגיין? — — איך וויס נישט צי ס'איז גוט אַזוי אָדער שלעכט, כ'וויס נאָר איינס, אַז דאָס איז אַנגאַזשירטקייט". דערציילט אַליעכין פון זיין ליבע צו אַ פאַרהייראַטער פרוי און זי האָט אים אויך ליב גע־האַט. עס איז אָבער צעשטערט געוואָרן צוליב אירע קאָנווענציאָנעלע פליכטן צו איר מאַן און פאַמיליע.

כאָטש אין דער דערציילונג שיינט, אַז מען דאַרף נישט לאָזן זיך פירן פון די שטערונגען נאָר פאָלגן דעם דיקטאַט פון האַרץ, זעט זיך נישט אַז די העלדן זאָלן טאַקע זיין בכוח צו רעוואָלטירן קעגן קאָנ־ווענציאָנעלע פירונגען. ווי מיר זעען, האָט אונדזער היינטיקע צייט דורכגעפירט, אין דער הינזיכט, אַ גוואַלדיקע איבערקערעניש און

דערגאַנגען צו אַן עקסטרעם, וואָס טשעכאָוס העלדן האָבן זיך גאָר נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס קען באמת געשען אַזוי ראַדיקאַל.

ספקות וועגן ליבע אין איר אידעאַלער פאָרם איז שוין אויך קענטיק ביי טשעכאָוס אַליעכין, וואָס איז שוין נישט אַזוי זיכער צי ליבע קען אים טאָקע ברענגען גליק, בעת עס איז דאָך אויך גורם אַזוי פיל אומגליקלעכקייט ביי נישט ווייניק געליבטע. טשעכאָוו ציט נישט דעם געדאַנק צו דער קאָנסעקווענץ און פרעגט נישט: וואָס פאַר אַ ווערט האָט שוין אַזאַ ליבע אויב אין איר געפינען זיך שוין די קערנער פון צעשטערונג, ווען פון דער גליקלעכער האָפענונג ווערט — טרויער?

זיינע ראָמאַנטישע העלדינס ווערן מיטגעריסן פון דער פּאָעזיע פון ליבע און די פּראָזע געפינט זיך אין שאָטן, נישט קאָליע צו מאַכן דעם שיינעם אויסגעטרוימטן אידעאַל...

זיכער דאַרף מען טשעכאָוון זען אויפן פאָן פון זיין צייט מיט איר ראָמאַנטיזם. די קאָנצעפּציע פון ליבע איז אין גאַנג פון זיין שאַפן שוין דערגאַנגען צו אַ מין מיסטישער און עטערישער באַנעמונג פון אַ צוקונפט־סימפאָניע. כדאַי דאָ צו אונטערשטרייכן, אַז ווען די אַקטריסע ווערא קאָמיסאַזשעווסקאַיאַ האָט מיט גרויס טאַלאַנט אויסגעשפּילט די ראָל פון נינאַ (אין טשעכאָוס „די מעווע״), האָט זי געשאַפן טאָקע דעם וויזיאָנערישן טיפּ פון זיין ראָמאַנטישער העלדין. אירע לאַנגע שיינע האָר, אירע פאַרחלומטע אויגן און נאָך אַנדערע פּרויאישע חנען, האָבן געשטימט מיט טשעכאָוס קאָנצעפּציע און זי האָט אַרויסגערופן ענטוזיאַזם ביים אויסשפּילן איר ראָל.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף זיינע ראָמאַנטישע פּערסאָנאַזשן, אָבער ער האָט דאָך אויך געשטאַלטיקט די אַנטי־ראָמאַנטישע, וואָס פאַרנעמען אויך אַ גאַנץ באַדייטנדיקן אָרט אין זיין שאַפן. ווי אַן אילוסטראַציע וועלן מיר נעמען צוויי דערציילונגען „דער דועל״ און „דריי יאָר״. אין „דועל״ זענען פאַראַן צוויי קאָנפליקטן: איינער צווישן לאַיעווסקין און זיין געליבטער; דער צווייטער צווישן לאַיעווסקין און זאָלאַג פאָן קאָרען — אַ קאָנסערוואַטיווער טיפּ, וואָס קוקט קרום און שטאַרק בייז אויף די פאַרהעלטענישן צווישן לאַיעווסקין און זיין געליבטער, מחמת ער איז קעגן סעקס־באַציאונגען מחוץ דער חתונה־אינסטיטוציע.

דער קאָנפליקט מיטן זאָלאַג דערפירט אַזש צו אַ דועל. די נאַכט פריער איז ביי לאַיעווסקין אַ שלאָפלאָזע. זיין געליבטע איז גאָר דאָן נישטאָ מיט אים, פאַרברענגט מיט אַן אַנדערן, און דאָס איז דער צווייטער קאָנפליקט זיינער, צוליב וועלכן עס ווערט איבערגעריסן פון צייט צו צייט זיין קאָמוניקאַציע מיט איר.

פאַרטאָג, ווען לאַיעווסקי גייט שוין צום דועל, טרעפט ער זיין

געליבטע, נאַדיעזשדאַ פּיאָדאָראָוונאַ, וואָס גייט איצט פון אַן אַנדערן... די מורא פאַרן טויט באַווירקט אים מיט איר זיך איבערצובעטן: „...ער האָט געגלעט אירע האָר, געקוקט איר אין פּנים אַריין. ערשט איצט איינגעזען, אַז די אוממאָראַלישע, פאַסקודנע פּרוי — איז די איינציקע וואָס קיינער קען נישט פאַרטרעטן, די איין־איינציקע וואָס בלייבט אים נאָענט". אין פינאַל פון דער דערציילונג גייט שוין לאַיעווסקי אַרום מיט אַ נייעם אויסדרוק אויפן פּנים, ווי ער וואָלט שוין אויפ־געשטאַנען איצט פון טויט צוריק צום לעבן. דער געדאַנק אַז ער האָט געקענט געהרגעט ווערן אין דעם דועל, באַווירקט אים ער זאָל ענ־דערן זיינע דרכים. ער שטעלט אין צוריק די קאָמוניקאַציע מיט זיין געליבטער און לעגיטימירט זיין נייע ערע דורך אַ קאָנווענציאָנעלער חתונה מיט איר.

אין דער צווייטער דערציילונג, „דריי יאָר", הייבט זיך עס אָן מיט לאַפּאַטעוון, וועלכער וואַרט אויף זיין מיידל, יוליאַ. ער גייט מיט איר חתונה האָבן. יוליאַ האָט אים נישט ליב. ער ווייסט עס און באַשטייט אויפן שידוך. אין דער סביבה פון זיינע פריינד דיסקוטירט מען צי מען קען אויך זיין גליקלעך מיט אַ פרוי אָן ליבע. עס ווערט אַפילו געוואָרפן אַ געדאַנק, אַז אַ ליידנשאַפטלעכע ליבע איז גאָר אַ פּסיכישע קראַנקייט, און מען וואַרפט פאַר לאַפּאַטעוון אַז זיין ליבע איז אויס־שליסלעך סעקסועלע תאווה. פון אָנהייב דוכט זיך, אַז יוליאַ גייט נאָר אין אויפן שידוך צוליב זיין געלט — אָבער דאָס איז אַ טעות. שפּע־טער זעט ער אין, אַז אויך ער האָט געמאַכט אַ טעות...

אַ צייט איז אַדורך. עס האָט זיך צווישן מאַן און ווייב איינגע־שטעלט אַ געוויסע דערנענטערונג און זי דערקלערט עס צו איר פריינד, איוואַן יאַרטצעוו: „ווייסט דאָך, אַז איך האָב מיט אים נישט חתונה געהאַט אויס ליבע. איך בין געווען דאַן נאַריש און זיך גע־פילט אומגליקלעך. געטראַכט, אַז כ׳האָב רואיִנירט אונדזער ביידנס לעבן, ביז כ׳האָב איינגעזען אַז ליבע איז גאָר נישט אַזוי וויכטיק...

— אויב נישט ליבע, וואָס פאַר אַ געפילן האָסטו פאַר דיין מאַן? וואָס בינדט דיך מיט אים, פאַרוואָס לעבסטו מיט אים?

— איך ווייס נישט. איך מיין עס איז שוין געוואָרן געוווינהייט. איך רעספּעקטיר אים. עס ווערט מיר אומעטיק ווען ער איז אַ לענ־גערע צייט מיט מיר נישטאָ. אָבער עס איז נישט ליבע... ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש און אינטעליגענט. דאָס איז גענוג פאַר מיר צו זיין גליקלעך". זי האָט זיך אויפגעשטעלט, „זי איז פולער געוואָרן — האָט ער געטראַכט — איר גאַנג איז איצט שוין גיכער פון אַ ווייבל". מיטן בליק נאָכגעפאָלגט אירע באַוועגונגען און לסוף זיך אָפּגערופן: „אַלצאיינס, עס טויג נישט אָן ליבע. מיר רעדן און לייענען וועגן ליבע און טוען גאָר נישט ליב צו באַקומען. דאָס איז נישט גוט".

— נאַרישקייט, איוואַן גאַורילאַוויטש — האָט יוליאַ אַ זאָג געטאָן — נישט אין דעם שטעקט דאָס גליק".

זעען מיר אַז יוליאַ האָט שוין אַקצעפּטירט די פּראָזע פון לעבן. שוין אויך אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט די פּאָעטיזירטע ליבע־קאָנ־צעפּציע; און פּונקט ווי נאַטאַשאַ, האָט זי שוין אויך נישט די באַ־זונדערע פּיזישע שטריכן פון דער ראָמאַנטישער העלדין.

מיט דריי יאָר שפּעטער — אַ פאַרקערטע סצענאַריע: יוליאַ איז איצט שוין גרייט צו געבן אים אויך די אַפעקציע פון ליבע, אָבער עס איז שוין צו שפּעט. מיר זעען עס אין דער סצענקע, בעת זי איז אויף דאַטשע און וואַרט אויפן מאַן, וואָס איז כסדר אין שטאָט, קומט נאָר אויף באַזוכן:

— פאַר וואָס ביסטו אַזוי לאַנג דאָ נישט געווען שוין? — פרעגט זי אַנגעמענדיק זיין האַנט — גאַנצע טעג בין איך געזעסן און דיך אָפּגעוואַרט. איך בענק. דו פעלסט מיר דאָ. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ גלעט געטאָן זיינע האָר, זיין פּנים, זיינע פּלייצעס. איך האָב דיך ליב, וויסטו? — זי איז רויט געוואָרן ביים זאָגן עס — ביסט מיר זייער טייער, אַז ביסט שוין ענדלעך דאָ, קען איך קוקן אויף דיר. כ'קען דיר נישט זאָגן ווי גליקלעך איך בין איצט. נו, גוט. לאָמיר רעדן. דערציייל מיר עפּעס?

ווען ער האָט איצט געהערט פון איר אַז זי ליבט אים, האָט ער שוין אָבער געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט מיר איר חתונה געהאַט מיט אַ צען יאָר צוריק. ער האָט געוואָלט עסן. זי האָט אים אַרומ־גענומען. איר ווידן קלייד האָט געקיצלט זיין פּנים. ער האָט פאַר־זיכטיק אָפּגערוקט איר האַנט, זיך אויפגעהויבן און אַן אַ וואָרט אַוועק... דאָס וואָס זי האָט אים איצט געקענט שוין געבן, האָט נישט געקענט פאַרטרעטן די פּאָעזיע פון ליבע...

דער פינאַל פון „דריי יאָר" איז ענלעך צו דעם „דועל". דער אידעאַל איז געוואָרן פּראָזאַיש. עס האָט פאַרלוירן דעם פריערדיקן גלאַנץ. דאָס לעבן וועט אפשר ביי זיי אַזוי ווייטער אָנגיין, אָבער אַן דערוואַרטונג שוין, וואָס פאַר אַ גליק די צוקונפט קען זיי ברענגען.

די בילדער שיינען אויפן איבערפלאַך צו זיין ווי אַרויסגענומען פון אַן אַלטן פאַמיליע־אַלבום. אָבער זיי פאַרמאָגן ביים לייענען אַ סוגעסטיוון כוח. די טעמע איז דאָך אַן אַלצייטיקע און ביים לייענען איז מיר געקומען אויפן געדאַנק אַ בילדל פון יעקב פרידמאַנס בוך „געזען אויף אַ ווייל", ווען דאָס דערוואַרטעטע קומט שוין צו שפּעט... דעריבער די תרעומות פון מאַן צו איר: — פאַר וואָס איז זי נישט געקומען בעת עס האָט נאָך געזומערט גאָלד אין אירע צעפּ? — האָט זי נישט געוווּסט אַז צעפּ בייטן זיך פון גאָלד אויף פליכעוואַטע גרוי?...

איניקע פון טשעכאָווס ביאָגראַפן רוקן אַרויס דעם געדאַנק, אַז

דער גורל האָט אים גופא פאַרהיט פון אַנטוישונג, מחמת זיין פאַר־היראַט לעבן האָט געדויערט נאָר עטלעכע יאָר, און אויך אין די יאָרן, צוליב זיין קראַנקייט, געלעבט אין נישט נאָרמאַלע באַדינגונגען: זי אין מאָסקווע, ער — אין יאַלטאַ (קרים). דעריבער די ספּעקולאַטיווע שאלה: ווען ער וואָלט געהאַט אַריכת ימים און נישט געשטאָרבן ביי זיינע פיר און פערציק יאָר — פיר יאָר נאָך זיין חתונה האָבן מיט אָלגאַ קניפּער — און זי וואָלט לאַנגע יאָרן נאָך געווען ביי זיין זייט — צי וואָלט זיין ליבע־אידעאַל אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, ווי אַ קאָנטינואירנדיקער פּראָצעס פון לעבן?

היות איך גיב אַ באַזונדער קאַפּיטל אָפּ — מיר וועלן שפּעטער צוקומען צו אים — וועגן זייערע באַציאונגען, וועלן מיר זיך נישט פאַרנעמען מיט געבן אַן ענטפער אויף ספּעקולאַטיווע פראַגן. בפרט, ווען מיר האַלטן איצט ביי דער פּרשה פון זיינע דערציילונגען — אַ לעגיאָן אין אַזאַ קורצער צייט — און זיי זענען אויך נישט מסתמא אַרויסגעקומען בלויז פון זיין שעפערישער פאַנטאַזיע, נאָר אויך באַ־זירט אויף זיינע אָבסערוואַציעס בעת זיין מעדיצינישער פּראַקטיק און בכלל באַציאונגען מיט מענטשן, וועלכע ער האָט אַזוי קענען געלערנט דורך זיין שאַרפן אויג און אויער.

אַ געוויסע אויטענטישקייט, און אפשר טאַקע אויטאָביאָגראַפישע סימבאָלן קען מען זיך משער זיין אין זיין דערציילונג „אַ דאָקטערס וויזיט״. דער אַרויסגערופענער דאָקטער באַטראַכט אַ מיידל און זעט נישט אין ביים עקזאַמינירן עס זאָל ביי איר זיין עפּעס נישט אין אָרדע־נונג אָרגאַניש. אין דעם ברענגט מען אַריין אין דעם צימער אַ לאָמפּ און זי פאַרמרוזשעט ביים ליכט די אויגן. זי נעמט דעם קאָפּ אַריין אין אירע הענט און ברעכט אויס אין אַ געוויין. דער דאָקטער, קאָ־ראַלעוו, פאַרגעסט אויף אַ ווייל אירע קליינע אויגן, די גראָבע שטריכן פון איר אונטערשטן טייל פּנים. ער זעט איצט אַ געזיכט פול מיט ליידן און אַזאַ הכנעהדיקייט פון איר טרויעריקן בליק, וואָס זאָגט מער ווי מיט ווערטער. ער זוכט איר נישט צו היילן מיט פּילן, נאָר מיט עטלעכע פריינדלעכע ווערטער. ער זעט, אַז זי דאַרף חתונה האָבן...

ביי אַן אַנדער שרייבער וואָלט פון דעם אַרויסגעקומען אַ סענ־טימענטאַלע און מעלאָדראַמאַטישע געשיכטע, אָבער נישט ביי טשע־כאָוון. די העלדין געהערט נישט צו דיינע פּאָעטיזירטע פּערסאָנאַזשן, וועלכע ער האָט אַרויפגעשטעלט אויף אַ הויכן פּיעדעסטאַל. נאָר אויף אַן אויגנבליק האָט זי באַקומען ביים דאָקטער אַ פעמיניסטישן חן. ער איז אָבער גאַנץ ערדיש און זעט אין אין וואָס זי נויטיקט זיך איצט אין איר לעבן.

עס איז דאָ אַ גאַנץ היפּשע ליטעראַטור וועגן טשעכאָוון און זיינע באַציאונגען מיט פרויען. מיר ווייסן אַז ער האָט געהאַט גאָר אַ

שטאַרקן דערפֿאָלג ביים שיינעם מין, ווי מען זעט עס פֿון די מעמואַרן געשריבן פֿון פּרויען. אגב, האָבן מסתמא איניקע געמאַכט פֿון זיינס אַ פֿלירט מיט זיי — „אַ גאַנצן צימעס". דאָס איז אַ באַזונדער ענין. אַוודאי האָט די יונגע אַקטריסע, קאַמיסאַרזשעווסקאַיאַ, וואָס האָט אַזוי פּרעכטיק אויסגעשפּילט איר ראָל אין „די מעווע", אַרויסגערופֿן ביים מחבר אַ „ווייכן פּונקט". אויס דאַנקבאַרקייט טאָקע פֿאַר איר קרעאַציע איז ער אַנטקעגנגעקומען איר בקשה אָנצושרייבן פֿאַר איר אַ נייע פּיעסע, און וועלכער זי זאָל האָבן אַ קרוינראָל. ער האָט דאָן געשאַפֿן איינע פֿון זיינע בעסטע דראַמעס צו וועלכער מיר וועלן צוקומען ביים קאַפּיטל — דער דראַמאַטורג.

איצט, ווען מיר רעדן וועגן זיינע דערציילונגען און די אידעאַלי־זירטע ראָמאַנטישע העלדינס זיינע, זענען זיכער זיי געווען אים מער צום האַרצן, ווי די אַפּגעלאָזענע ווייבער, שוין נאָך דער חתונה, ווען האָר הייבן אָן ווערן גרויער, און דער קערפּער הייבט אָן וועלקן — אַזוי דאָך אויך זייער לעבן. אין דער שוין דערמאָנטער דערציילונג „דער דועל", בעת לאַיעווסקי און נאַדיעזשדאַ האָבן ענדלעך שוין אָנ־געהויבן אַ נייעם לעבן —איז דער פֿריערדיקער שאַרם שוין אַוועק. ער טרינקט, זי שפּילט אין קאָרטן, שאַפֿט זיך נייע פֿאַרבינ־דונגען און גייט אַוועק אויף נישט קיין שיינע וועגן... עס וואַקסט אויס אַ וואַנט צווישן מאַן און ווייב.

לאָמיר כאַפּן אַ בליק אויף אַזאַ דערציילונג („אַ וויזיט ביי אַ פֿריינד"): פּאָדגאָרין האָט זיך בעת זיינע סטודענטישע יאָרן געליבט אין נאַדיאַן. אָבער איר נישט פּראָפּאָנירט, אַפֿילו קיין רמז און קיין זשעסט נישט געמאַכט וואָס זאָלן דערציילן איר וועגן זיינע געפֿילן. איר עלטערע שוועסטער, טאַטיאַנאַ, פֿאַרבעט אים צו זיך אין הויז. ער איז נאָך אַלץ אַ בחור, האָט אָבער צו טאָן מיט פֿרויען נאָר פֿון צווייפּלהאַפֿטער אויפֿפֿירונג. ער טרעפֿט זיך צוריק מיט נאַדיאַן און איז עפּעס נישט צופֿרידן פֿון איר אומנאַטירלעכער האַלטונג. איר האַלדז זעט זיך אויס צו ווייס, ער וויל זי אויסמיידן.

אין אַ געוויסער נאַכט זענען זיי אַליין אויף אַ שפּאַציר. זי דער־וואַרט ביים שיין פֿון דער לבנה צו הערן פֿון אים צאַרטע ווערטער, אָבער ער וואָלט בעסער איצט געוואָלט אַז אַנדער פֿרוי זאָל שטיין דאָ, זי זאָל אים זאָגן עפּעס אינטערעסאַנט, אַפֿילו אָן אַ שייכות צו ליבע, צו גליק. און אויב שוין יאָ וועגן ליבע — זאָל עס כאָטש זיין אַ ניי וואָרט, אַ קלוג וואָרט וועגן לעבן.

אין דער שילדערונג, ווי אין אַנדערע, הערן מיר דעם אָפּקלאַנג פֿון טריט, וואָס קלאַפּן אויס דעם אומעט, די אַליינקייט פֿון די אומ־צופֿרידענע אין לעבן. האָבן איניקע קריטיקער געפּרוווט אויסטייטשן עס ווי אַן אויסדרוק פֿון טשעכאָווס פּערזענלעכע איבערלעבונגען און

שטימונגען. ווייסן זיי דאָך אַז טשעכאָוו איז ווייט נישט פאַדגאָרין און אַזאַ נאַדיאַ געהערט אויך נישט צו די פרויען וואָס זענען דורכגע־גאַנגען אין זיין לעבן.

בכלל האָט טשעכאָוו דאָך נישט ליב געהאַט זיך צו דראַמאַטי־זירן, אין דערציילונגען, ווי אין דראַמע, הגם דאָ און דאָרט קענטיקן זיך אויטאָביאָגראַפישע סימבאָלן. עס איז אָבער אינטערעסאַנט צו זען, ווי אַזוי טשעכאָוו האָט באַטראַכט דעם קאָנטראַסט פון עלטער לגבי די פרויען פון זיין פריוואַטן לעבן. אמת, ער שרייבט נישט דירעקט וועגן זיך, נאָר אין שייכות מיט עמיל זאָלאָס ראָמאַן „דאָק־טער לע פּאַסקאַל". אין דעם ראָמאַן איז געשילדערט אַ ליבע צווישן אַ מיידל אין עלטער פון 25 יאָר מיט איר פעטער, 59 יאָר אַלט. פאַר־גלייכט עס טשעכאָוו צו דער באַקאַנטער תנ"ך־געשיכטע פון אַבישגן מיט דוד המלך. אגב, טוט עס אויך עמיל זאָלאַ דערמאָנענדיק, בעת קלאַ־טילדע ווערט דעם דאָקטערס געליבטע. אָבער טשעכאָוו שרייבט אַזוי וועגן דעם אונטערשייד פון יאָרן צווישן אַבישגן און אַלטן קעניג: „איך פיל מיטלייד מיט אַבישגן, וואָס האָט נישט פאַרפאַסט קיין קאַ־פּיטלעך תהילים. איר ראָל איז נאָר געווען צו דערוואַרעמען דעם אַלטנס ביינער. נישט מער... וואַרשיינלעך איז זי געווען אין גאַנץ אויגן מער ריין און שיין, ווי דער מענטש וואָס האָט פון אוריה החיתי צוגענומען זיין ווייב... אַבישג איז געווען יונג, איז דאָך נאַטירלעך, אַז זי האָט געוואָלט יוגנט... און די סצענאַריע פון אַן אַלטן קעניג וואָס חלשט אין די אָרעמס פון אַ יונג מיידל, איז פּונקט ווי אַ מעלאָן וואָס איז געקאַפּט געוואָרן דורכן פראָסט בעת עס וויל נאָך רייף ווערן. יעדער מין גרינס האָט דאָך זיין צייט..."

ד"ר פּאַסקאַל איז געווען אַ מענטש מיט געוויסן און געזאָרגט וועגן זיין פלימעניצעס צוקונפט, האָט ער דעריבער קעגן איר ווילן און נישט געקוקט אויף זיין אַגאָניע, איר אָוועקגעשיקט. ווי עס איז באַקאַנט, איז עמיל זאָלאָס ראָמאַן, אין אַ געוויסער מאָס, אַ זיך־פּאָרטרעט, מחמת אין סוף פון זיינע פערציקער יאָרן האָט ער זיך אַליין פאַרליבט אין אַ צוואַנציק יאָריק מיידל.

טשעכאָוו איז אויך געווען אַרומגערינגלט פון יונגע פרויען און איינע פון זיי האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין זיין לעבן, און נישט צוליבן קאָנטראַסט פון עלטער איז צווישן זיי נישט דערגאַנגען צו אַן ערנסטער פאַרבינדונג. די מיט וועלכער ער האָט יאָ חתונה געהאַט איז דאָך אויך געווען יונגער פון אים מיט אַ צען יאָר.

אגב, ווען טשעכאָוו באַנוצט די אַדיעקטיוון „ריין און שיין" מיינט עס די ראָמאַנטישע דערהויבנקייט, וואָס נעמט אַרום די פּאָעזיע פון לעבן. ריינקייט אין ליבע איז דאָ נישט קיין אַלוזיע אויף סעקסועלער צניעות, נאָר פון דער קינדישער ריינקייט פון אומשולד, און דאָס

אַלץ וואָס איז נאָך נישט געוואָרן וווּלגאַריזירט. דאָס איז ביי טשע־כאָוון אויך כולל: גראָבהויטיקייט, צינישקייט וועלכע ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן אין זיין פּערזענלעכן לעבן.

ווען איך האָב געלייענט איצט נאָך אַמאָל זיינע דערציילונגען, איז עס ווייטער געווען באַגלייט מיט אַ געפיל פון מעלאַנכאָליע, וואָס גייט נאָך דעם לייענער. עפּעס וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען און וועט זיך שוין מער נישט אומקערן. אָט דער עפּעס באַוועלטיקט זיין פּאַ־בולע און נאָגט אַזוי שטאַרק זיינע העלדן. כאָטש נישט תמיד איז עס אויסגעדריקט אין ווערטער, טוט עס אָבער באַווירקן דורך שטימונג, דורך געשאַפענער אַטמאָספער וואָס באַוועלטיקט דעם סוזשעט אויף אַ מין פאַרנעפּלטן אופן.

אַמשטאַרקסטן לעבן עס דורך זיינע אידעאַליזירטע ראָמאַנטישע העלדינס פון זיינע דערציילונגען און דראַמעס. ראָמאַנטיק מיינט דאָ: טרוים, וויזיע, פאַנטאַזיע — די פּאָעטיזירטע זייט פון ליבע און פון לעבן גופא. ווען עס קומט אָבער צו אַ קאָנפראָנטאַציע צווישן דער פּאָעזיע און פּראָזע פון לעבן... און די „שער" קענטיקט זיך דאָך סיי אין זיינע דערציילונגען און סיי אין זיינע דראַמעס. למשל, אין „דריי שוועס־טערס", ווען אַנדרעי פּאָזאָראָוו טוט זיך דערקלערן נאַטאַשאַן אין ליבע. ער זעצט זי אַרויף אויף אַ מין פּיעדעסטאַל און הילט זי אַרום מיט אַזאַ עטעריש־ראָמאַנטישער לופט — און ווי ווייט זי איז פון דעם אין דער ווירקלעכקייט! חוזקט זי טאַקע אָפּ פון זיין כניאָקישער פאַר־שטעלונג וועגן איר ערדישן וועזן. די פּראָזע איז דאָ הימל־ווייט פון דער פּאָעזיע...

ענלעכס איז אין דער פּיעסע „דער קאַרשנסאָד" צווישן דעם פּוריטאַנישן סטודענט טראָפימאָוו און דער ערדיש־זינדיקער ראַנעוו־סקאַיאַ. אויך זי חוזקט אָפּ פון זיין כניאָקישקייט און דערפירט אים אַראָפּצופאַלן פון זיין אָלימפּישער הויך צו זיין רעאַלער אַבסורד־פּאָזיציע אין לעבן. מיר וועלן נאָטירלעך צו די דראַמעס זיינע נאָך צוקומען און דערווייל זיך אָפּשטעלן אויף זיין דערציילונג „די דאַמע מיטן הינטל".

די געשילדערטע ליבע דאָ קען באַטראַכט ווערן ווי די אידעאַלע, וואָס טשעכאָוו האָט וויזיאָנירט און געקוקט אויף איר ווי אויף אונטער אַ גלאָז ,נישט אָנצורירן מיט די הענט... די לעצטע סצענקע קומט טאַקע פאַר הינטער אַ פענצטער, בעת אַננאַ סערגעעוונאַ וויינט, ווען איר געליבטער, גוראָוו, גייט אַוועק. אַפנים אַז טשעכאָוו האָט דאָ גע־וואָלט דעם לייענער פאַרהיטן פון צאַפּן ביי אים טרערן, קומט עס דעריבער פאָר הינטער די שויבן.

לאָמיר זען דעם סוזשעט: גוראָוו, אַ פאַרהייראַטער, אַ טאַטע פון דריי קינדער, פון דער פּראָפעסיע אַ באַנק־אָנגעשטעלטער, הייבט זיך

אַן אינטערעסירן מיט אַן אומבאַקאַנטער פרוי, אַננאַ סערגעעוונאַ, בעת זי האָט מיט עמעצן גערעדט. עס פאַסצינירט אים דער אופן פון איר לאַכן און בכלל איר אויסזען; שטריכן וואָס קוקן אויס אין זיינע אויגן גאָר אידעאַלע. אויף איר פנים — אַ קינדערשע פרייד; אירע ווייכע האָר, דער זיסער הכנעהדיקער שמייכל און אַלץ פון איר ווען שאַפט די שלימות פון ריינקייט און שיינקייט — אַ יסודותדיקע קוואַליטעט אין טשעכאָווס ראָמאַנטישע העלדינס.

ווי ס'רוב פון די העלדן זיינע וואָס האָבן יונג חתונה, האָט אויך גוראָוו נישט מצליח געווען מיטן שידוך. ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַן אינטעלעקטואַל; זי ווידער, אַ חוץ וואָס אַ סך עלטער פון אים, האָט זיך געבלאָזן ווי אַ סנאָב, געהאַלטן זיך גרויס מיט איר נישטי־קייט —דער טיפּ וואָס טשעכאָוו האָט נישט געקענט פאַרטראָגן. זי האָט אַפילו אויך זייער סעקסועלן לעבן באַהאַנדלט אויף אַן אופן עס זאָל קאַליע מאַכן זיין הנאה. האָט ער זיך געזוכט זייטיקע „נאַשערייען" און אויך פון זיי שנעל אַוועק. די זייטיקע פרויען, שיינע, אָבער קאַלטע און מיט דער אַנטשלאָסנקייט אַרויסצורייסן פון לעבן וואָס עס לאָזט זיך נאָר און דורך אַלע מיטלען. איז ער אַוועק פון זיי — ווען זיי זענען אים נימאס געוואָרן — מיט האַס און פאַראַכטונג.

אמת, ער האָט געהאַט אויך ליבע־באַציאונגען מיט פרויען פון וועלכע ער איז יאָ געווען צופרידן, אָבער דאָס זענען נאָר געווען, ווי מעטעאָרן, וואָס באַווייזן זיך פּלוצים און טוען פאַרשווינדן אין חלל אַריין. קיין קאָמפּלעקס־פּראָבלעמען האָבן זיי אין זיין לעבן נישט גע־שאַפן. געהאַט אויך ביטערע דערפאַרונגען, וואָס האָבן אים געלערנט, אַז אַ פאַרבינדונג מיט אַ פרוי קען זיך אָנהייבן גאָר אָנגענעם, אָבער אין גאַנג דערגייט עס צו פאַרקערטן עקסטרעם.

דאָך זעט אויס אַז ער האָט אַן פרויען, זייטיקע, נישט געקענט לעבן. און כאָטש זייער צאָל איז געווען אַ באַגרענעצטע, מחמת ס'רוב מיט פרויען פון אומצופרידענע חתונות, וואָס האָבן געזוכט אין אַ שטיקל ראָמאַנטישער אַוואַנטורע זיך אָפּצורעכענען און אָפּצוטאָן דעם מאַן ער זאָל געדענקען... און די גאַלעריע איז געווען ביז איצט גוראָווס נאָענטקייט מיט פרויען.

באַגעגנט, צופעליק, די אַננאַ סערגעעוונאַ און ווי תמיד ביי אַ נייער באַקאַנטשאַפט, זיך פאַרהאַלטן צו איר מיט אַ געוויסן רעזערוו, ביז זיי האָבן זיך דערנענטערט און ס'איז דאָ אַ סצענקע, זיי ליגן אין בעט, זיך געליבט, זי וויינט נאָך דעם אויף איר קאָרומפּירטקייט און ער נעמט גאָר דאַן עסן אַ שטיקל אַרבוז, ווי קיינמאָל גאָר נישט.

טשעכאָוו וויל אָבער נישט פאַרביליקן זייער ליבע, וואָס וואַקסט אויס צו אַ גאָר אידעאַלער, אַזאַ ווי דער מחבר האָט געטרוימט צו זען אין לעבן אַן דער פּראָזאַישער פאַדשעווקע. מער נאָך: דורכן איינ־

פלוס פון זייער ליבע לייזט זיך אויף זיין פריערדיקע עגאָצענטריש־קייט און ער הייבט אָן קוקן מיט פּאַראַכטונג אויף זיין פריערדיקן לעבן, אויף די אַלע זייטיקע פּאַסירונגען, וואָס האָבן נישט געלאָזן קיין וואַרצלען. ער פילט זיך גליקלעך. געטראָפן אַ פרוי וואָס איז געווען זיין חלום. איר פּשוטער צוגאַנג צום לעבן, איר נאַיוויטעט, וואָס האָט די פרישקייט פון קינדערשער אומשולד, אַן אויפריכטיקע מיט אַן נאַיוור־תמימותדיקן חלום אייביק צו זיין געליבט! דאָס אַלץ וואָס זי האָט ווידער איצט אין אים געטראָפן, באַמערקט דער נאַראַטאָר, האָט איר יונגער געמאַכט מיט פיל יאָרן.

שפּעטער וועט זי זיך מסתמא אָנשלאָגן אין די שאַרסטקייטן פון דער פּראָזע מיט וועלכער דאָס לעבן וועט איר „מכבד״ זיין און דאָס זעט מען דאָך אין אַ ריי דערציילונגען. עס ענדערן זיך די דעקאָראַ־ציעס, דער גרים און די קאָסטיומען, אָבער אין סוף פון די סצענאַריעס בלייבט דאָך דער צעשטערטער טרזים ;אַ חלום, וואָס איז צונישט געוואָרן און געבראַכט נאָך אַזעלכע צעשמעטערנדיקע (פּראָזאַישע) קלעפּ; דיסאינטעגראַציע, פּאַנאַנדערפּאַל און פאַרוואָרפן אין אַ זייטיק געסל וואָס דערדריקט און שטיקט...

אָבער אין דער דערציילונג דערגייט עס נישט צו דעם. אַננאַ איז אַוועקגעפאָרן אין איר היימשטאָט. גוראָוו פאָרט צו איר און טרעפט זי אין טעאַטער און ער זעט איר איצט דורך רעאַליסטישע אויגן: אַ קליינע פרוי, וואָס טיילט זיך מיט גאָר מערקווירדיקס נישט אויס, שטייט זי אַזוי מיט אַ לאָרנעטע אין האַנט. די ראָמאַנטיש־אידעאַלי־זירטע העלדין איז אַריין אין בלוט און פליייש. דאָך ליבט ער זי ווײ־טער אַזוי ווי זי שטייט און גייט, הגם שוין נישט איצט אין די טער־מינען, ווען ער האָט מיט איר פאַרבראַכט ביים ים אין אָרעאַנדאַ. אויף דעם הערלעכן הינטערגרונט פון דער נאַטור־שיינקייט איז זי דאָרט געווען פאַר אים דער טאָגטרוים פון (מחברס) פּאָעטיזירטן אידעאַל. אויך איצט פילט זי אויס זיין גאַנץ לעבן. „זי איז זיין פרייד און טרויער, דאָס פולע גליק וואָס ער האָט פאַרלאַנגט אויך איצט ביי די קלאַנגען פון אַ שלעכטן אָרקעסטער״.

גוראָוו מוזיצירט, טרוימט, מעדיטירט. ער האָט פאַרזוכט גליק, ליבע איז געוואָרן אַן ערדישער ענין מיט אָפענע קאָמוניקאַציע־וועגן צווישן בײדע. להיפוך צו לאַיעווסקין און לאַפּאַטעוון האָט גוראָוו יאָ געפונען די פּאָעטיזירטע ליבע, וועלכע דער מחבר האָט אַזוי באַזונ־גען. אמת, אַז ביידע זענען צוליב זייערע הייראַטן און פאַמיליע־פאַר־בינדונגען נישט פריי און מען זעט נישט ווי זאָלן וועלן איבעררייסן מיטן קאָנווענציאָנעלן (ווי עס פירט זיך היינט), דעריבער מוזן זיי דאָך פירן אַ טאָפּלטע עקזיסטענץ. גוראָוו האַלט עס פאַר אַ מעלה אָט דאָס וואָס קומט פאַר אין געהיים.

אינטערעסאַנט: ווען טשעכאָוו האָט די דערציילונג אַריינגעגעבן צום דרוקן, האָט אים דער רעדאַקטאָר, סוואָרין, זיינס אַ נאָענטער פריינד, געפרעגט הלמאי ער זוכט נישט קיין ראַדיקאַלן אויפליז צו פאַרענטפערן דעם פּראָבלעם? טשעכאָוו האָט אים געענטפערט אַז די אויפגאַבע פון דעם שרייבער איז נאָר אָוועקצושטעלן דעם פּראָבלעם, אָבער נישט צו זוכן אַ לייזונג. געבראַכט ראיות פון פּושקינען, פון טאָלסטאָין, און סיי אין יעווגעני אָנעגין, סיי אין אַננאַ קאַרענינאַ איז אויך קיין פּראָבלעם נישט געלייזט געוואָרן, און די שאַפונגען זענען פאַרבליבן מיט אַלע זייערע גוטע קוואַליטעטן.

איך האָב די דערציילונג „די דאַמע מיטן הינטל" ברייטער באַהאַנדלט, מחמת אין קיין שום אַנדער שאַפונג זיינער, האָט טשעכאָוו נישט פּרוּבירט פּאַרוועבט אין די סוזשעטן אַזוי פיל מחשבות, שטימונג, געפילס־איבערלעבונגען, וואָס זאָלן קענען באַטראַכט ווערן ווי אַ מין סך־הכל פון זיין צוגאַנג. אויך דעם זינלעכן קאָמענטאַר, וועלכן ער האָט פאַרשפּיגלט אויף אַזאַ דורכדרינגלעכן אופן אין דער דערציילונג.

היות ער האָט זי געשאַפן אין יאַלטאַ, ווען ער האָט מיט אָלגאַ קניפּער פאַרבראַכט צוזאַמען, האָט דעריבער אַ קריטיקער באַמערקט, אַז טשעכאָוו האָט זי מער געשריבן פון האַרצן ווי פון קאָפּ. מער נאָך: עס זענען פּרטים פון זיין פּערזענלעכער געשיכטע, בעלעטריזירט געוואָרן הינטער דער מאַסקע פון די צווי העלדן.

איז אַ ביסל שווער צו געפינען די ענלעכקייט צווישן מחבר און זיינע העלדן, וועלכע דער קריטיקער זוכט דאַ צו אידענטיפיצירן. אַוודאי, אַז מען וויל אַריינטייטשן קען מען זיכער שוין עפּעס אויסזוכן אין די פּערזענלעכע באַציאונגען צו פרויען. למשל, טשעכאָוו, ווי גוראָוו, האָט פריער אויך אויסגעמיטן צו ווערן אַריינגעצויגן צו נאָענט מיט דער אָדער אַנדער „סימפּאַטיע". מיר וויסן עס פון זיין פּערזענלעכער געשיכטע מיט ליקאַ, צי מיט אַווילאָוואַ — אָנצורופן נאָר אַ פּאָר נעמען. און עס דערציילן דאָך זיינע ביאָגראַפן, ווי נאָר ער האָט געפילט, אַז עס ווערט צו נאָענט, האָט ער זיך צוריקגעצויגן און פאַרהאַלטן זיך אין רעזערוו. אין עטלעכע פאַלן אַרויסגעפאַלן פון אַנהאַלטן אַפילו פריינדשאַפט.

דאָס אַלץ ביז ער האָט נישט אָנגעטראָפן אויף זיין אמתער באַשערטער. טשעכאָוו איז דאַן געווען אין זעלבן עלטער ווי בעת גוראָוו האָט זיך פאַרבונדן מיט אַננאַ. און גוראָווס בעקאַנטשאַפט צו איר בעת זי פאַרט אָוועק צו איר היימשטאָט רופט זיך באַשר אויך איבער מיט טשעכאָווס בעקאַנטשאַפט בעת אָלגאַ קניפּער איז פון אים אָוועקגעפאָרן צוריק קיין מאָסקווע. דערמיט ענדיקט זיך די גאַנצע אידענטישקייט פון מחבר מיט זיינע פּערסאָנאַזשן.

עס איז אינטערעסאַנט צו זען די פאַרשידענע ענדערונגען, וואָס

דער מחבר האָט אַריינגעבראַכט ביים איבערמאַכן דעם פינאַל פון דער דערציילונג. צו ערשט האָט ער געשריבן: „עס האָט זיי בײדע (אַננאַ און גוראָוון) אויסגעבעסערט״. נישט געווען צופרידן פון דעם צו שטאַרקן מאָראַלישן אַקצענט, האָט ער איבערגעמאַכט פון „אויסגע־בעסערט״ אויף „געענדערט״. ברענגען די ביאָגראַפן ציטאַטן פון דער סאָוועטישער קריטיק מיט אַזאַ מאַרקסיסטישער אויסטייטשונג פון דער דערציילונג. באשר גוראָווס ווידערגעבורט ווייזט, אַז עכטע ליבע ביים פשוטן פאָלק האָט אַן אומגעהויערע מאָראַלישע קראַפט („עס האָט זיי ביידע געענדערט״).

פאַקטיש איז דאָ נישטאָ קיין שום מאָראַלישע פּאַדשעווקע, נאָר בלויז אַט דעם אַקצענט וואָס ליבע האָט באַטייט פאַר די פערסאָנאַזשן, וואָס רעפּרעזענטירן דאָ נישט קיין שום שיכט און קלאַס, נאָר זיך אַליין, ווי אַן אינדיווידועלער ענין פון צווי מענטשן, וואָס קענען גע־הערן צו פאַרשידענע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. טשעכאָוון איז דאָך נאָר געגאַנגען אַרויסצוהייבן זיין אויסגעטרוימטע אידעאַלע ליבע, וואָס האָט אַפילו אויף אין זיין צייט מער אַרומגעשוועבט אין דער וועלט פון טרוים, ווי אינעם רעאַלן לעבן. ער האָט פאַרטראַכט אַנצושרייבן אַ פּיעסע, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען זיין ראָמאַנטישן טרוים אויף אַן אָרי־גינעלער פלאַך, און וועגן דעם האָט דערציילט זיין נאָענטער פריינד, דער באַוווּסטער רעזשיסער סטאַניסלאַווסקי.

דער סוזשעט האָט געזאָלט זיין וועגן צווי פריינד, ביידע יונגע מענער, וואָס האָבן זיך פאַרליבט אין דער זעלבער מיידל. דאָס האָט אַרויסגערופן קאָמפּליקאַציעס, צוליב ליבע און איפערזוכט, און זייערע באַציאונגען. האָבן זיי באַשלאָסן אַוועקצופאָרן מיט אַ שיף ווייט אַוועק צום נאָרדפּאָל. דער לעצטער אַקט האָט זיך געדאַרפט פאַרענדיקן מיט אַ גרויסער שיף אויף דער בינע, אַריינגעפּרעסט אין אייז און די ביידע פריינד זעען אַן אימאַזש, וואָס גליטשט זיך איבערן אייז און דאָס זאָל זיין דער שאָטן פון זייער געליבטער, וואָס איז אין דער צווישנצייט ערגעצוו געשטאָרבן, ווייט אַוועק אין זייער לאַנד.

סטאַניסלאַווסקי האָט אַפילו געהאַלטן, אַז די פּיעסע איז נישט אין טשעכאָווס גייסט און סטיל, אָבער זיין ליבע־אידעאַל איז דאָך געווען אַזאַ פאַטאַ מאָרגאַנאַ, וואָס שוועבט מער אין די הימלען ווי אויף דער זינדיקער ערד.

ווען מען ליינט וואָס די טשעכאָוו־ביאָגראַפן און קריטיקערס שרייבן וועגן אים, זעט מען ערשט ווי סתירהדיק עס קענען זיין נישט נאָר ליטעראַריש־קריטישע אָפּשאַצונגען, נאָר אויך אַפילו ביאָגראַ־פישע באַהויפּטונגען פון פאַקטן. למשל, זייטצעף שרייבט, אַז טשעכאָוו האָט אָפט געטוישט זיינע פריינד.

האָב איך ביי אַנדערע פון זיינע ביאָגראַפן און אויך אין מעמואַרן

געלייענט פּונקט דאָס פאַרקערטע. מענטשן וואָס האָבן אים געקענט פון גאָר נאָענט דערציילן, וואָס פאַר אַ גוטער חבר ער איז געווען צו די וואָס זענען אים געווען סימפּאַטיש. ער האָט שטענדיק געהאַט געסט ביי זיך, וואָס האָבן געגאָסן פון זיין קעסט אויף זיינע זומער־ווינונגען. היות ער איז פון דער נאַטור געווען שטאַרק געצוימט נישט אַרויסצוווייזן זיינע געפילן אַפילו פאַר די וואָס זענען אים נאָענט געווען, האָט זיך געקענט שאַפן דער איינדרוק פון עפּעס אַן אומחן אויף די פריינד זיינע. דערציילן דאָך זיינע מקורבים, אַז ער האָט קראַנקערהייט זיך קיין מאָל נישט באַוויזן פאַר קיינעם אַן אויס־געטוענער. שטענדיק אַריינגעקומען אָנגעטאָן. דער עסטעט האָט דאָ־מינירט איבערן קראַנקן.

זיינע מיטצייטלערס דערציילן זייער סך וועגן זיין שעמעוודיקייט און פאַרשלאָסנקייט אַפילו מיט זיינע נאָענטסטע. זיין עלטערער ברו־דער, אַלעקסאַנדער, האָט אין אַ בריוו צו אים אויך אַרויסגערוקט די זעלבע טענה: „ביסט עקשנותדיק פאַרטאָן אין זיך, האַלסט זיך אַזוי פאַרשלאָסן, אַז כ׳וויס גאָר קיין זאַך נישט וועגן דיר". אויך אַנדערע דערציילן פון זיין האַלטונג און אָפּגעזונדערטקייט פון זיינע באַקאַנטע און נאָענטע. דעריבער האָט אים גאָרקי אויסגעמוסרט: „ביסט קאַל־טער נאָך פון טיוול אַליין".

טשעכאָוו האָט נאַטירלעך געוווּסט פון אָט די טענות צו אים און ער ענטפערט אַזוי אין אַ בריוו צו זיין פריינד, דעם רוסישער נע־מיראָוויטש־דאַנטשענקאָ: — פרעגסט פאַרוואָס מיר האָבן אַזוי זעלטן אַן ערנסטן שמועס?... ווילסט טאַקע מיר זאָלן דיסקוטירן אונדזערע פּריוואַטע לעבנס? יאָ, דאָס קען טאַקע זיין אַמאָל אינטערעסאַנט און אויף דער טעמע קענען מיר אַמאָל כאַפּן אַ שמועס. אָבער מיר וועלן זיך פילן אומבאַקוועם און געצוימט דורך אינסטינקט און זיך־פאַרהי־טונג, און מיר וועלן אפשר געהיים און אומאויפריכטיק וועלן עפּעס פאַר־הוילן, מורא האָבנדיק אַז אונדזער שמועס קען נאָך אונטערגעהערט ווערן דורך אַ נישט־ציוויליזירטן עסקימאָס. מיר געפעלן אים עפּעס נישט און ער אונדז אויך נישט. וואָס שייך מיר פּערזענלעך, האָב איך מורא אַז מיין פריינד סערדזשענקאָ וועט וועגן מיר רעדן אין יעדער שטוב און אויך אין באַנוואַגאַן... צי האָב איך געהאַט אַן ענין מיט נ בעת ז איז אין מיר פאַרליבט".

די טשעכאָוו־ביאָגראַפן אין דער מערב־וועלט ווילן טשעכאָוון זען אין בלוט און פלייש, מיט אַלע זיינע שטאַרקייטן און שוואַכקייטן און נישט אַ מין הייליקן, וואָס ער איז עס נישט געווען. ער איז אָבער יאָ געווען, לויט טאָלסטאָיס באַצייכענונג, שטיל און באַשיידן ווי אַ יונגע פרוי. לויט טשעכאָווס פריינד, איז שטאַרק בולט געווען זיין איינ־זאַמקייט — אַ שטריך פון זיין נאַטור — געלעבט האָט ער דאָך יאָרן

לאַנג אין איזאָלירטקייט פון גרויסשטאָטישן טומל צוליב זיין טובערקולאָז־קראַנקייט. אָבער אויף די מסיבות איז ער גראָד געווען פול מיט לעבן, געהאַט גרויס דערפאָלג ביי פרויען און מיט די נענטערע, געטריבן קאַטאָוועס בעל־פּה און בכתב. לייען איך זיינס אַ בריוול צו דער פרוי קיסעלעוואַ, ווו ער שרייבט בזה הלשון: „...דאַרפסט מיט מיר מאַכן אַ רייזע אַזש קיין אויסטראַליע. אויב מסכים, האָב מיט מיר 'לאונטש'... טעלעגראַפיר צו מיר 'יאָ'. וועט דאָך דער טעלעגראַפיסט מיינען אַז כ'האָב דיר פאַרגעלייגט מיין האַנט און האַרץ. אָבער וואָס גייט אונדז בידע אָן, וואָס די וועלט וועט מיינען?"...

מיט דער זעלבער קיסעלעוואַ אין אַזאַ קאַטאָוועס: „...ביסט נישט שעקספּיר, נישט טשעכאָוו, כאָטש דו טרוימסט (אָ, ווי גוט כ'קען אייערע מאַכינאַציעס). צו געבן מיין נאָמען אַ געוויסן טאָג דיין טאָכטער, און זאָלסט קענען פאַרעפּנטלעכן זיין ווערק אין איר נאָמען. זיך חתמענען אָנשטאָט קיסעלעוואַ — טשעכאָוו. אָבער דאָס וועט דיר נישט געלונגען".

טשעכאָווס עפּיסטאָלאַרער בריוו־נוסח צו נאָענטע אים פרויען איז בולט אין זיינע בריוו, וואָס זענען פאַרעפּנטלעכט געוואָרן (דורך אָט די פרויען) אין די שפּעטערדיקע יאָרן. ער שרייבט, למשל, צו דער רעדאַקטאָרשע פון סעווערני וויעסטניק, א. עווריעיוואַ, אַז „די צייט איז רייף פאַר אַ ראָמאַן (איך מיין נאַטירלעך נישט אין בחורישן זין"). צו טאַניאַ קופּערניק חתמעט ער זיך אונטער „מיט אַ מיליאָן קושן" (נישט ווייניקער!). מיט עטלעכע יאָר שפּעטער צו איר: „ווי פריער זידט עס ביי מיר מיט לידנשאַפטן, אָבער כ'באַקעמף זיי מיט דערפאָלג". אַזוי טרייבט ער לצנות מיט עלטערע און יונגערע פרויען. זיינע ביאָגראַפן ציטירן די בריוו גאַנץ אויספירלעך צו כאַראַקטעריזירן די פערסאָנאַליטעט זיינע. איז שוין צייט מיר זאָלן דאָ זיך אָפּשטעלן אויף זיין ביאָגראַפיע, און איך וועל עס מאַכן גאַנץ סקיצירט:

אַנטאָן פּאַוולאָוויטש טשעכאָוו איז געבוירן געוואָרן אין טאַגאַנראָג (1860). להיפּוך צו טאָלסטאָין אָדער טורגעניעוון, האָט ער נישט געשטאַמט פון אדל. זיין זיידע איז נאָך געווען אַ קנעכט, געהערט צום לייבאייגנטום פון אַ גוטבאַזיצער. ווי באַוווּסט זענען די רוסישע פּויערים באַפרייט געוואָרן פון לייבאייגנטום ערשט אין 1861. אָבער זיין זיידע איז נאָך פאַר דער דאַטע באַפרייט געוואָרן אַ דאַנק זיינע אַדמיניסטראַטיווע פעיקייטן. ער האָט זיך אַזוי ווייט אַרויפגעאַרבעט, אַז ער האָט שוין זיין משפחה באַוויזן אויסצוקויפן פון דעם לאַנד־אייגנטימער. און דער פּריץ איז, ווייזט אויס, געווען אַ מענטש מיט אַ האַרץ, האָט ער איין טאָכטער באַפרייט אָן אויסקויף־געלט, מחמת פאַר איר האָט פון זיידנס קאַפּיטאַל שוין נישט געקלעקט.

טשעכאָווס פאָטער, פּאַוועל יעגאָראָוויטש, האָט אויך מצליח גע־

ווען אין מסחר, אָבער זיינע נייגונגען זענען געווען מער צו ליטעראַ־
טור, מוזיק און קונסט, וואָס האָבן אים אָפּגעצויגן פון מאַטעריעלע
תכלית־זאַכן. ער האָט צוליב דעם באַנקראָטירט און צוליב די בעלי־
חובות צַנטלאָפן פון שטעטל — קיין מאָסקווע. אין דער שטוב זייער
האָט געהערשט אַ דחקות און דאָס האָט געלייגט אַ חותם אויף אַנטאָן
טשעכאָווס כאַראַקטער און אויף זיין שפּעטערדיקן שאַפן — דער טי־
פּער הומאַניזם וואָס טורעמט איבער זיין שאַפן.

אַ ביאָגראַף האָט פאַרצייכנט נאָך פון טשעכאָווס שוליאָרן אַזאַ
כאַראַקטעריסטישן פאַל: אין דער טאַגאַנראָגער גימנאַזיע, וווּ טשע־
כאָוו האָט זיך געלערנט, איז געשען אַ סקאַנדאַל. אַ ידישער גימנאַ־
זיסט פון אַכטן קלאַס האָט אַראָפּגעלאָזט אַ הילכיקן פּאַטש אַ קריסט־
לעכן קלאַס־חבר פאַרן עפּיטעט „ייד". די שולמאַכט האָט אויסגע־
שלאָסן דעם ידישן סטודענט פון גימנאַזיע. טשעכאָוו איז דאַן געווען
אין 7טן קלאַס נאָך, אָבער הערנדיק פון דער געשיכטע, איז ער
ווי אַ באָמבע, אַן אויפגעצאָרנטער אַריינגעפאַלן אין קלאַסצימער און
דערקלערט, אַז מ'טאָר עס נישט דורכלאָזן. ער האָט איבערצייגט דעם
קלאַס צו פאַרשטרייקן אַלס פּראָטעסט קעגן דער אַדמיניסטראַציע,
ביז דער ידישער סטודענט וועט צוריק נישט אַריינגענומען ווערן
אין זיין קלאַס. די שול־מאַכט האָט זיך דערשראָקן פאַרן פּראָטעסט
און צוריקגעצויגן דאָס אויסשליסן אים פון שול. אָט דער עפּיזאָד
זאָגט שוין אַ סך וועגן די פאַרמירנדיקע יאָרן פון יונגן טשעכאָוו,
דעם גימנאַזיסט נאָך.

איך האָב שוין דערמאָנט דעם דלות אין דער טשעכאָוו־משפחה,
וואָס איז געווען נישט קיין קליינע. אַנטאָן איז געוואָרן דער שפּייזער
אירער נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ פּראַקטיצירנדיקער דאָקטער.
נישט זייענדיק אַלט נאָך קיין צוואַנציק יאָר, שוין געטראָגן דעם
פּרנסה־עול פאַר דער שטוב. צוליב שווערער מאַטעריעלער
לאַגע, אָנגעהויבן שרייבן פאַר זשורנאַלן און טאָקע שנעל, צו פאַר־
דינען עפּעס מער פון זיין שרייבעריי.

דאָסטאָיעווסקי, ווי באַקאַנט, האָט געשריבן אין ענלעכע שווע־
ריקייטן. דער אונטערשייד איז געווען, וואָס דאָסטאָיעווסקי האָט גע־
שריבן גרויסע ראָמאַנען און זיי כסדר אויסגעברייטערט צו פאַרדינען
מער קאָפּיקעס פאַר יעדן צוגעקומענעם זייטל. טשעכאָוו האָט אין די
יאָרן פון דער שטוב־דחקות געשריבן פאַר ביליקע זשורנאַלן, פלאַכע
הומאָרעסקעס פון אַ גאַנץ ביליקן וואָדעוויל־כאַראַקטער. די באַלע־
באַטים פון די אויסגאַבעס האָבן פאַרלאַנגט וואָס ווייניקער שורות,
צו דאַרפן אים וואָס ווייניקער באַצאָלן פאַר דער סחורה. פאַקטיש
איז עס אַרויסגעקומען לטובה פאַר זיין שפּעטערדיקער קינסטלע־
רישער פּערפעקציע און זיין געצוימטער שורה. אָבער בעת זיינע

שרייבערישע לערניאָרן האָט ער געמוזט אַרבעטן זייער פּלינק און שרייבן קורץ.

ווייזט אויס, אַז אויך גרויסע קינסטלער מיט אַ באַרימטן וועלט־נאָמען מוזן אויך פֿריער דורכמאַכן זייערע לערניאָרן ביז זייער שאַפֿן ווערט רייף און דערגייט צו אַ הויכער קוואַליטעט. טשעכאָוו האָט עס, פֿאַרהעלנישטמעסיק, גאַנץ יונג נאָך דערגרייכט אין זיינע בריליאַנטישע קורצע דערציילונגען. די ביאָגראַפֿן דערציילן פֿון טשע־כאָווס פּלינקייט אין שרייבן דורך אַזאַ עפּיזאָד. קאָראָלענקאָ איז גע־ווען געהאַט ביי אים צו גאַסט. אויפֿהייבנדיק אַן אַשבעכער האָט טשעכאָוו אַ זאָג געטאָן צו אים: „אויב דו ווילסט קען שוין מאָרגן זיין פֿאַרטיק אַ דערציילונג מיטן טיטל „דער אַשבעכער". און אַזוי איז טאַקע געווען. אין דער כאַראַקטעריזאַציע פֿון טשעכאָווס שאַפֿן דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז זיין צוגאַנג צו דער ליטעראַטור איז געווען: דער שרייבער דאַרף זיין דער אַבסאָלוטער און וואָרער אמת; און דער אומפּאַרטייאישער עדות פֿון דעם וואָס ער זעט, פֿילט און וויזיאָ־נירט אַרום דעם מענטשלעכן לעבן.

טשעכאָוו האָט זיך טאַקע באַמיט צו זיין גאַנץ אָביעקטיוו ביים שילדערן זיינע פּאַרשוינען און טיפֿן פֿונעם רוסישן לעבן אין זיין צייט. ער האָט זיי נישט געמישפּט, נאָר געגעבן אַ שטילן זיפֿץ איבער זייער לעבן. אינעם זיפֿץ האָט געשטעקט איינזען פֿאַר די פּאַרשוינען, וואָס ווייסן נישט, אַז מען דאַרף רעספּעקטירן מענטשלעכע ווירדע און נישט אונטערגעבן זיך אָן שום ווידערשטאַנד צו אַ מין האָפֿע־נונגסלאָזן פֿאַטאַליזם. טאַקע די מענטשן וואָס לעבן ווי פֿיש, שפּירן גאָר נישט, גלויבן אין גאָר נישט נאָר אינעם אונטערגעבן זיך דעם פּחד...

גאָרקי, זיין בן־גיל, וואָס האָט טשעכאָוון דאָך געקענט לפֿנים ולפֿני, האָט באַמערקט, אַז קיינער פֿאַר אים (טשעכאָוון) האָט נישט געוויזן די מענטשן דורך אַזאַ אוממיטלבאַרער, אומברחמנותדיקער וואָר — דאָס בילד פֿון זייער שוידערלעכן און חרפּהדיקן לעבן. און מען דאַרף בעיקר זען דעם פּאָרטרעט טשעכאָוו אויף דער ליטע־ראַרישער סצענע אין רוסלאַנד ביים סוף פֿון נייַנצנטן יאָרהונדערט, בעת ער איז געוואָרן דער עד ראיה און די שטים פֿון די באַעוולטע, אומבאַהאָלפֿענע קליינע מענטשן, איבער וועלכע עס האָט געהערשט דער פּויסט, דער ווילקיר פֿון יעדן „קנעפּל" מיט אַ ביסל מאַכט.

דער אונטעראָפֿיציר פּרישיביעוו (אַ טיטל פֿון טשעכאָווס אַ דער־ציילונג) איזדיעקעוועט זיך אַזוי אומברחמנותדיק איבער די שוואַ־כערע פֿון אים, קליינע מענטשן, און אַליין ציטערט ער אימת מוות פֿאַר יעדן „קנעפּל" העכער פֿון אים. טשעכאָוו האָט מיט זיין סאַטירישער בייטש אַ שמיץ געטאָן איבערן קאַרק פֿון אָט די פּאַסקודנע פּרישי־

ביעווס, איבער זייער ווילקיר־הערשאַפט איוף דעם שוצלאָזן מענטש. דורך זיי איז פאַרן פאָלק געוואָרן אַלץ פאַרבאָטן. וואָס שייך פריי־היט, שטייט דען טאַקע „ערגעץ פאַרשריבן אַזאַ געזעץ, אַז מענטשן דאַרפן האָבן פרייהייט?״...

די סאַטירישע פאַרב אין טשעכאָווס דערציילונגען, האָט אָפּגע־שפּיגלט, פּערזאָניפיצירט, חוצפּהדיקע טעמפּקייט, די שטאַרקע פינצ־טערניש, וואָס האָט איינגעהילט און אַרומגענומען רוסלאַנד אין די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט נאָכן אַטענטאַט איבערן צאַר, אַלעקסאַנדער דער צווייטער. עס איז גוט באַקאַנט דער שוידערלעכער פּעריאָד אינעם צאַרישן רוסלאַנד בעת יענער צייט. ער איז אין דעם לאַנד נאָר איבערגעשטיגן געוואָרן בעתן גרויזאַמען סטאַלין־טעראָר. אָבער דער באַוווּסטער רוסישער רעאַקציאָנער פּאָביעדאָנאָסצעוו, האָט ווי אַ גרויזאַמער דעספּאָט אויך אויפגעשווידערט דעם ליבעראַלן טייל פון צאַרישן רוסלאַנד מיט זיין שוידערלעכן בלוטבאָד איבער דער באַוועגונג פון נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ. און ווי תמיד, נאָך אַ דערשטיקטער פרייהייטס־באַוועגונג, קומט אַ דעפּרעסיע, יאוש־שטימונגען, וואָס דערפירן צו אַלקאָהאָליזם, זעלבסטמאָרדן, ווי אַן אַנטריניקונג פון די דעפּרעסיווע שטימונגען.

טאַקע אין דער ביטערער צייט איז טשעכאָוו געוואָרן דער פּיי־זאַזשיסט פון דער רוסישער פאָלקס־נשמה. און ער האָט אָפּגעהיט זיין אני־מאמין — באַשריבן און אָפּשפּיגלען די ריינע וואָר פון רוסישן פאָלק, וואָס איז אין גרעסטן טייל געווען אַ פּויערים־פאָלק. זיין שטודירן מעדיצין איז אויך דאַן געווען אויף דער ליניע פון דער ליבעראַלער רוסישער אינטעליגענץ צו טראָגן הילף דעם ליידנדיקן רוסישן פאָלק. טראָגן צו אים בילדונג, אויפקלערונג מיט אידעאַליזם און זיך־אָפּפערונג.

אין זיין שאַפן האָט טשעכאָוו אָבער נישט געזוכט צו אידעאַ־ליזירן דאָס רוסישע פּויערטום, נאָר אים שילדערן אַזוי ווי ער איז, מיט אַלע זיינע שאַטנזייטן, דאָס שיכורן, גנבענען, אויסגעלאַסנקייט, ער האָט דאָס אַלץ אָבסערווירט און באַהאַנדלט יעדן פּונקט פון דער סאָציאַלער סקאַלע אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם. איך האָב שוין דערמאָנט דעם אָרט וואָס מענטשלעכע איזאָלירטקייט פאַרנעמט אין אַ ריי דערציילונגען. דער „מבין אדם לחברו״, די באַציאונגען צווישן איין מענטש מיטן אַנדערן פאַרנעמען די צענטראַליטעט אין זיין שאַפן.

און ווען מען האָט נישט פאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן, רעדט דער אַלטער דראָזשקאַרזש צום פערד, דערציילט אים פון זיין וויטיק, נאָכן פאַרלירן זיין זון („אין צער״).

אין דער דערציילונג „איוואַנאָוו״ לייגט דער מחבר אריין אין מויל פון זיין העלד קעגן דעם הויפּט־קריטיקער זיינעם, דר. לוואָוו:

„ניין דאָקטער, יעדער איינער פון אונדז האָט צופיל רעדעלעך, שרייפּעלעך, צי קענען אורטיילן עמעצן — דורך איין צי צוויי אוי־סערלעכע סימנים״.

אונדזער אַלט־יידישער „על תשליכנו לעת זיקנה״ באַקומט אַזאַ אויסדרוק ביים סוף פון אַ מענטשלעך לעבן, וואָס איז פריער באַרימט געווען און איצט...

„אין מיטן פון מיין לעקציע הייבט מיך אָן שטיקן אַ ביין אין האַלדז. מיינע אויגן הייבן מיך אָן שטעכן... איך וויל דעמאָלט אויס־שרייען הויך, אַז מיך, אַ באַרימטן מענטש, האָט דער גורל אַזוי פאַר־משפּט גרויזאַם צום טויט. אין אַ 6 חדשים אַרום וועט שוין אויף מיין אָרט אָן אַנדערער האַלטן אַ לעקציע — — איך האָב אין די מאָמענטן געוואָלט אַז דער גאַנצער עולם זאָל דערשפּירן דאָס שווי־דערלעכע און אויפשפּרינגען פון די ערטער, אַרויסלויפן אין פּאַניק און יאָמערן פון צער און פאַרצווייפלונג. ס׳איז אַזוי שווער דורכצוגיין אַזעלכע מאָמענטן״ („אַ טרויעריקע געשיכטע״).

טשעכאָוו, דער טיפער מענטשנקענער און דער מעדיקער, פירט דורך כירורגישע „אָפּעראַציעס״ דורך קינסטלערישע שאַפונגען. קלינישע באַהאַנדלונגען פון זיינע פּערסאָנאַזשן, אין זייערע פּסי־כישע צי פיזישע קראַנקייטן, ביי וועלכע דער מחבר איז טיף אַנגאַ־זשירט („טיפוס״, „דער נערוון־צוזאַמענברוך״, „די פּאַרטיע״ און אַנדערע).

אַ קריטיקער האָט געהאַט באַצייכנט טשעכאָוון פאַר אַ „פּרויענ־פיינט״. איך האָב אַ פאַרקערטן איינדרוק, אַז ער שילדערט פרויען (די איינזאַמע, איזאָלירטע, דעפּרעסיווע) מיט מער סימפּאַטיע — — אויך קינסטלעריש מער איבערצייגנדיקע — ווי זיינע מענער־טיפּן אין דעם זעלבן מצב. ער איז עפּעס מער תופס זייער פּיין און פּראָב־לעמאַטיק, און אין דעם קאָנטעקסט זענען זיי שוין גאָר נישט פּאָע־טיזירט, נאָר פּאַטעטיש געשילדערט.

אַ מאַן האָט אָפּגעלעבט מיט אַ ווייב אַ קימאַ־לן פון אַ האַלבן יאָרהונדערט און נאָך איר לוויה דערשפּירט ער איצט „טיפן צער״ דערפאַר וואָס ער האָט זי ביים לעבן נישט גוט געקענט („ראָטשילדס פידל״).

איך האָב שוין פריער באַהאַנדלט זיינע מענער און פרויען־טיפּן אין זייער איינזאַמקייט און דאָס פאַרנעמט דאָך אַזאַ צענטראַלן אָרט אין זיין שאַפן. אָט איז אַננאַ אַקימאָוונאַ, אַ דערדריקטע פון איר איינזאַמקייט, מיט מער שאַרפקייט בעת אַ יום־טוב, ווען זי האָט קלאָר געזען „אַז איר שיינקייט, געזונט, עשירות זענען ווערטלאָז״... זי האָט געפילט, אַ האַלב לעבן וואָלט זי אַוועקגעגעבן, אַ האַלב פאַר־מעגן, צו וויסן, אַז ס׳איז דאָ עמעץ וואָס ליבט איר און איז צו איר

דער נאָענטסטער פון אַלע אויף דער ערד. דער געדאַנק גופא האָט שוין אַרויסגערופן אַזאַ דערפרייענדיקער דערהויבנקייט, אינטימקייט. דער יוגנט־אינסטינקט און געזונט האָבן אונטערגעזאָגט, אַז די עכטע פּאָעזיע פון לעבן וועט נאָך ערשט דאַרפן קומען...״ („אַ פּרויס קעניגרייך״). אָבער דעפּרעסיע האָט ס׳רוב אַ דאָמינירנדיקע אויס־ווירקונג איבער די איינזאַמע; אויף דער וואָס פילט, „די וועלט קען זיך באַגיין אָן איר. קיינער דאַרף איר נישט״...

ווען מען פאַרטיפט זיך אין טשעכאָווס פּילקאַליריקן, רייכן טיפּאַזש און סוזשעטיק, זעט מען, אַז ער איז אויך געווען דער דע־מאָקראַטיזאַטאָר פון דער רוסישער ליטעראַטור. ביים אָנהייב זיינעם האָט נאָך דער דאַרף דאָמינירט און באַגלייט זיין טיפּאָלאָגיע, אָבער ביסלעכווייז האָט זיך זיין דיאַפּאַזאָן גאָר שטאַרק אויסגעברייטערט מיט אַ שטאָטישן עלעמענט, בעיקר קליינע באַאַמטע, מיליטערלייט און אויך פון דער אינטעליגענץ, נאָר נישט די טיפן פונעם פּריצישן קלאַס, פון אַריסטאָקראַטישן אַדלשיכט, אַט די אויבערשטע פון שטויסל, וואָס זענען אַזוי גאָר ברייט פאַרטראָטן ביי די גרויסע מייס־טערס פון דער רוסישער ליטעראַטור אינעם 19טן יאָרהונדערט.

אין זיין צייט האָט טשעכאָוו געהאַט אַ וויכוח מיט זייענע קריי־טיקערס בנוגע זיין טיפּאַזש און סוזשעטיק. וואָס שייך העלדן, האָט טשעכאָוו זיי געענטפערט, אַז בדרך כלל מענטשן פאָרן נישט צום נאָרדפּאָל צו טאָן דאָס וואָס זיי טוען דאָרט. געווייינטלעך עסן זיי קרויט, קריגן זיך מיט זייערע ווייבער און אויך אין דעם זענען פאַראַן דראַ־מאַטישע מאָמענטן פאַרן שרייבער צו באַהאַנדלען (כ׳ציטיר פון זכרון).

להיפּוך זיינע גרויסע פאָרגייערס און בן־גילס האָט טשעכאָוו זיך געשטעלט מיטן פּנים צום קליינעם מענטש, צו וויזן אונדז זיין באַעוולטקייט אין לעבן; שילדערן זיין ווערן דערנידעריקט און פאַרקליינלעכט דורך די אוממענטשלעכע אויפפירונגען צום מיט־מענטש, בפרט צו דער פרוי. ער האָט אָרגאַניש נישט געקענט פאַר־טראָגן דעם זיך־צופרידענעם פּיליסטער מיט זיין נישטיקן לעבן, אָן בענקשאַפט, אָן שטרעבונג צו עפּעס בעסערס, שענערס, דערהויבנס.

צו זיין עלטערן ברודער אַלעקסאַנדער, האָט ער געהאַט גע־שריבן, אַפּצוהיטן לכל הפּחות דאָס ביסעלע פּאָעזיע פון לעבן, אויב די פּראָזע איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן... די פּאָעזיע פון לעבן איז געווען פאַר אים דער פּינקלדיקער שטערן צו וועלכן ער האָט אַרויפגעקוקט, באַזונגען אין זיינע דערציילונגען און דראַמעס. ער האָט זיין שאַפן נישט באַטראַכט פאַר אַ מין קאָסמעטיק אָדער פאַרווייילונג.

אין שייכות מיט זיין דערציילונג „שליים״, האָט ער אָנגעמערקט,

אַז זיין שרייבערישע פליכט איז אויך „איינצושמירן זיין פאַנטאַזיע מיט דעם שמוץ פון לעבן״.

אָבער גאָרקי דערציילט אַז אין טשעכאָוס אָנוועזנהייט האָט זיך ביי יעדן איינעם דערוועקט אַ פאַרלאַנג צו זיין ריינער און פשוטער. גאָרקיס פאַרצייכענונגען וועגן טשעכאָוון מאַכן אונדז פילן שטאַרקער טשעכאָוס הומאַניזם, בעת ער פלעגט אָנהייבן פאַנטאַזירן וועגן רוסלאַנד. ער פלעגט אין מיטן פון זיין רעדן אָפּהאַקן, שטיל ווערן, זיך שטאַרק צעהוסט און מיט אַ ווינקל פון אויג געקוקט אויף גאָרקין און צאַרט געשמייכלט. זיין צויבערדיק שמייכל האָט אַזוי שטאַרק צוגעצויגן צו אים, באַצווינגען זיך צוהערן צו זיינע טרוימען וועגן אַ בעסערער צוקונפט. אין מיטן רעדן, איבעררייסן און אַ זאָג טאָן: אונדזער רוסלאַנד איז אַן אַבסורד, אַזאַ אומבאַהאָלפן לאַנד. דאַן פלעגט אַ שאָטן פון אומעט אַרומנעמען זיינע שיינע קלוגע אויגן און די קליינע קנייטשן ארום האָט זיי געמאַכט מער מעדיטירנדיק. פּלוצעם גאָר אַ זאָג געטאָן צו גאָרקין: פאַר דיין געדולד מיך אויסצוהערן וועל איך דיך מכבד זיין מיט אַ גלעזל טיי. פון זיין אומעטיקן שמייכל, באַמערקט גאָרקי, הערט מען טרוימען. דורכן שמייכל אַ גלאַנץ טאָן מיט זיין אידעלער סענסיוויטעט און ליבלעכער באַשיידנקייט.

זיין באַציאונג צו יידן

מיר האָבן פריער דערמאָנט ווי אַזוי דער יונגער טשעכאָוו האָט נאָך אין זיינע סטודענטישע יאָרן אַזוי מוטיק זיך איינגעשטעלט פאַר אַ יידישן סטודענט, וואָס האָט ווירדיק פאַרטיידיקט זיין יידישן כבוד און צו ליב דעם אויסגעשלאָסן געוואָרן פון גימנאַזיע.

מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער איז פאַרגעקומען דער טרויעריק־באַרימטער דרייפוס־פּראָצעס, וואָס האָט געהאַט אויפגערודערט די ליבעראַלע וועלט. טשעכאָוו איז דאַן געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער רוסישער צייטונג „נאָוואַיאַ ווּרעמיאַ״, וווּ עס האָבן זיך געדרוקט זיינע דערציילונגען. דער רעדאַקטאָר און דער פאַרלעגער, סוּוואָרין, איז געווען טשעכאָוס אַ נאָענטער פריינד, און צוליב דער שטעלונג פון דער צייטונג צו דרייפוסן, האָט טשעכאָוו איבערגעריסן זיין פריינדשאַפט מיטן רעדאַקטאָר און זיין מיטאַרבעט מיט דער צייטונג, וואָס איז געווען אַ רעאַקציאָנערע. טשעכאָוו האָט צו אַ פריינד וועגן דעם געשריבן: „ווי נאָר ביי אונדז איז עפּעס נישט אין אָרדענונג, נעמען מיר גלייך אויסזוכן שולדיקע מחוץ אונדזער אייגענעם לאַגער. אַמאָל זענען עס די יידן און אַמאָל די פריימויערער (מאַסאָנען)״.

דער ליטעראַטור־קריטיקער, פּיאָטר ביטסילי, שרייבט וועגן טשעכאָווס באַציונג צו יידן: „...טשעכאָוו וויזט אונדז פּשוט דעם ייד אַזוי ווי ער איז. טשעכאָוו איז איינער פון די געציילטע וואָס האָט באַטראַכט די ידישע מיסטעריע און געפונען צו איר אַ שליסל. דער ידישער סטעראַטיפּ, באַמערקט ביטסילי, איז אין דער ליטעראַטור ס׳רוב אַ פּחדנותדיק באַשעפעניש, אַ געלטגיריקער, פאַררעטעריש און בכלל אַ שלעכטס־טוער. און ווידער ווי אַן אַלטערנאַטיוו, איז ער באַצייכנט ווי אַ גייסטיקער פירער וואָס פירט אַרויס די מענטשהייט פון פינצטערניש צו ליכט און דערפאַר באַצאָלט ער צו ווערן אַ קרבן פון די אַנגענומענע פאַראורטיילן און אַמעראַצעס. דער ייד איז געווען אַ פאַרשלאָסן בוך פאַרן פּשוטן מענטש. און דערפאַר וואָס ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין דעם געוויינטלעכן ייד, האָט ער זיך אים פאַרגעשטעלט לויט זיין פאַנטאַסטישער קלישעמעסיקער כאַראַקטעריזאַציע״.

דער קריטיקער גלויבט, אַז דער מאַנגל אין ענלעכקייט צווישן ייד און גוי האָט זיינע וואָרצלען אין דעם, וואָס דער ייד איז אַ וואַנדערער. אפילו ווען ער איז שוין אַ „געסעטלטער״ אין דער מיט פון די אַרומיקע פעלקער „לעבט ער נאָך אַלץ ביי זיך אין שטוב, ווי ער וואָלט געווען אין אַ האָטעל״...

ווי מיר זעען פון דער לענגערער ציטאַטע, איז נאָך אַלץ גאַנגבאַר דער אַלטער שאַבלאָן וועגן ייד דעם וועלטוואַנדערער, אייביק אויפן וואַנדערוועג, אויסצוואַנדערן אפילו פון זיך אליין... עס דערמאָנט זיך אַ פּאָלעמיק צווישן גלאַטשטיינען און גריגאָרי אַראַנסאָנען וועגן אַנטיסעמיטיזם אין דער רוסישער ליטעראַטור. גלאַטשטיין האָט אין זיינס א מאמר זיך פאַררופן אויף אַ רוסיש־ידישן זאַמלבוך „יעווריסקאַיאַ ליעטאָפּיס״ (ידישער כראָניק, אָדער פּנקס), וואָס איז נאָך דערשינען אין פּעטראָגראַד אין 1923, איינער פון די מיטאַרבעטער איז געווען נאָך דאַן (אינעם ערשטן באַנד) דער פּובליציסט דוד זאַסלאַווסקי. ער האָט דאָרט אַן אַרבעט וועגן „ידן אין דער רוסישער ליטעראַטור״, און וויזט אָן, אַז די גרויסע רוסישע שרייבער זענען געווען אַנטיסעמיטן און האָבן „יעדער אויף זיין שטייגער פיינט געהאַט יידן״.

איך האָב דאָ נישט זאַסלאַווסקיס אַרבעט און פאַרלאָז זיך אויף גלאַטשטיינען, וועלכער טוט באַמערקן, אַז דאָס איז אַ גוט דאָקומענטירטע אָפּהאַנדלונג; און זאַסלאַווסקי האָט דאָך גוט געקענט די רוסישע ליטעראַטור פון וועלכער ער ברענגט זיינע ציטאַטן. ער באַרירט אין דעם זאַמלבוך דעם פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם, אָנווייזנדיק, אַז אפילו די ליבעראַלע רוסישע שרייבערס, ווי גאָרקי און קאָראָלענקאָ, האָבן נאָר פּובליציסטיש פאַרטיידיקט יידן, אָבער אין

דער ליטעראַטור, „אין דער קינסטלערישער לאַבאָראַטאָריע״ האָט מען זיי נישט אַריינגעלאָזט.

וועגן דאָסטאָיעווסקיס אַנטיסעמיטיזם שטעל איך זיך אָפּ אויף אַן אַנדער אָרט. דאָ וועל איך נאָר דערמאָנען זאַסלאַווסקיס פאַררופן זיך אויף גאָגאָלס „טאַראַס בולבאַ״, דעם אופן ווי ער שילדערט די יידישע קרבנות בעת אַן אוקראַיִנישן פּאָגראָם, ווען די פּאָגראָמ־שטשיקעס וואַרפן יידן אין וואַסער אַריין, לאָכן זיי נאָך אָפּ פון די קרבנות, און דער מחבר איז אויך אַ מיטבאַטייליקטער אין דעם מאַ־קאַברישן געלעכטער.

זיינע טענות זענען אויך צו דעם אייראָפּעיזירטן טורגעניעוו, וואָס שרייבט וועגן אַ יידן וועלכן מען הענגט אויף אַז „ער איז אַבסאָלוט געווען קאָמיש, נישט געקוקט אויף דעם גאַנצן פּחד פון זיין צו־שטאַנד״. די הויפּט־הנחות פון זאַסלאַווסקיס באַשולדיקונג קעגן די רוסישע שרייבערס זענען: אַז יידן ווערן געשילדערט אין דער רוסי־שער ליטעראַטור אָדער ווי קאָמישע ברואים, אַ שטאָף פאַר הומאָר; אָדער ווי ביי פּושקינען — אַלס שפּיאָנען און פאַררעטער, צושטע־לער פון לעבעדיקער סחורה, אפילו פון דער אייגענער טאָכטער.

פאַר די אַלע פון מיין דור, וואָס האָבן זיך דערצויגן אויף די ווערק פון די גרויסע רוסישע מייסטערס, צו וועלכע מיר האָבן דאָך אַרויפגעקוקט מיט אַזאַ פאַרערונג — איז זאַסלאַווסקיס באַשולדי־קונגס־אַקט גאַנץ שווער אַראָפּצושלינגען. האָט טאַקע גריגאָרי אַראָנסאָן גאַנץ פּאָלעמיש אָפּגעענטפערט גלאַטשטיינען מיט אַן אַרטיקל „די רוסישע ליטעראַטור פון יידישן קוקווינקל״.

גיי איך נישט אַריין אינעם תוך פון דער פּאָלעמיק אַרום דעם פערזאָן דוד זאַסלאַווסקי, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער הויפּט־פּובלי־ציסט פון די קאָמוניסטישע צייטונגען „פּראַוודאַ״ און „איזוועסטיאַ״.

די פראַגע איז דאָך: צי זאַסלאַווסקי האָט באַגרינדעט מיט דאָ־קומענטאַציע זיינע טענות, אָדער ער האָט זיי אויסגעזויגן פון פינגער? אָבער דאָס איז אַ גאַנץ ברייטע טעמע, וואָס איז נאָר דאָ באַרירט דורך מיר, ווי אַ נויטיקע דיגרעסיע, לגבי טשעכאָוון.

אים האָט זאַסלאַווסקי אַרויסגעהויבן מיט גוטע ווערטער. ער זאָגט: „ער (טשעכאָוו) האָט געזען אין יידנטום, אַ גרויסע אָרגאַנישע קראַפט, וואָס פון איר קען מען זיך נישט באַפרייען ווען עס ווילט זיך״.

וויל איך צו דעם צוגעבן, אַז טשעכאָוו האָט נישט פאַרטראָגן די יידישע זיך־פאַרלייקענערס, די יידישע האַלבע צי גאַנצע אַסימי־לאַטאָרן. און טשעכאָוו האָט יאָ אַריינגענומען אין זיין שאַפן יידישע טיפּן — געציילטע — און זיי געשילדערט אַזוי ווי זיי זענען. גראָד זענען זיי געווען אומסימפּאַטישע. למשל אין זיין דראַמע „פּלאַטאָנאָוו״ איז דאָ אַ יידישער טאַטע מיט אַ זון, וואָס איז אַ סטודענט אויף

וואַקאַציע. דער פּאָטער זיינער אַבראַם וועגנעראָוויטש, אַ רייכער ייד, אַן אייגנטימער פון עטלעכע זעכציק שענקען, אויך אַ פּראָצענטניק — און דער יידישער פּראָצענטניק איז דאָך עפּעס אַ שם־דבר אין דער וועלט־ליטעראַטור! דאָך איז דער טיפּ נישט פאַרוואַנדלט אין אַ קאַריקאַטור, ווי ס׳איז געווײנטלעך. זיכער האָט טשעכאָוו נישט גע־האַט צו אַזעלכע פאַרשוינען קיין וואַרעם געפיל, אָבער ער שילדערט אים מענטשלעך, מיט ווירדע.

אפילו ווען דער רוס פּלאַטאָנאָוו פאַרטשעפּעט אים אויף אַ לייכטן אופן, ענטפערט אים אַבראַם אָפּ מיט מענטשלעכער ווירדע: דו דאַרפסט מיר נישט געבן קיין לעקציעס. דו ביסט דער לעצטער מענטש, וואָס דאַרף זיך נעמען אָט די פריהייט. איך קען אמתדיק זאָג אַז איך בין אַ נוצלעכער בירגער. איך בין אַ טאַטע. אָבער וואָס ביסטו? אַ באַנק־ראָטשיק? אַ קאָרומפּירטער, וואָס טוט פאַראַדירן אין מלבושים פון אַ קרייצצוגלער? ווען פּלאַטאָנאָוו וואַרפט אים צו נאָך אַ באַליידי־קונג באַקומט ער אַן ענלעכן צוריק, און עס קומט פאַר אַן אויס־טויש פון קעגנזייטיקע אַריינזאָגענישן. דער נאָמען ייד איז נאָך נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן. דאָס קומט פאַר נאָך דעם פון אַן אַנדערן רוס, פונעם יונגן דאָקטער, ניקאָלאַס טרילעצקי, וואָס וויל באַרגן ביים יידן געלט אַן געבן אַ פאַרזיכערונג פאַר דער הלוואה. ער באַקומט עס און דער קריסט וואָס באַקומט די הלוואה וויצלט זיך אויף אַן אַנטיסעמיטישן אופן וועגן דעם יידנס שמוציקן הוט, און פאַר וואָס מיט אַזאַ (צילינדער) קויפט ער זיך נישט איין קיין טיטל פון אַ באַראָן.

טשעכאָוו שילדערט יידישע פאַרשוינען, וואָס זענען אונדז נישט צום האַרצן, אָבער קיין אַנדערע האָט ער נישט געקענט, און גע־שריבן האָט ער נאָר דאָס וואָס ער האָט געקענט דורכלייכטן פון אינעווייניק. אָבער אפילו אַזעלכע טיפּן האָט ער געשטאַלטיקט מיט מער איינזען, ווי לגבי די רוסישע טיפּן, וואָס פרוּוון זיך איזדיע־קעווען איבער די צו וועלכע זיי דאַרפן אָנקומען נאָך הילף.

דער יונגער יידישער סטודענט, איסאַק וועגנעראָוויטש, אין זיין וואָרט־געפּעכט מיט פּלאַטאָנאָוון, וואַרפט אים גאַנץ סאַרקאַסטיש צו וועגן זיין זיך־צופרידענעם אויסזען, וואָס מיינט, אַז אַפילו די לבנה און דיביימער (עדות פונעם וואָרט־געפּעכט) קוקן נישט אויף אונדז (יידן) אַזוי גינציק, ווי אויף אים. צו אַ יידן, מיינט ער, זאָגן זיי: „לויף צו דיין שמוציקער קראָם!"

ווידער אין דער פּיעסע „איוואַנאָוו" איז דאָ אַ יידישע געשמדטע פרוי, וואָס האָט געהאַט פריער געהייסן שרה אַבראַמסאָן און איצט: אַננאַ איוואַנאָוונאַ. אָבער דאָס „טוישן דעם רענדל" האָט נישט גע־האָלפן צו פאַרווישן די אַנטיפּאַטיע צו איר מצד איר מאַנס פּעטער,

וועלכער מאַכט נאָך איר רוסיש רעדן מיט אַ יידישע אַקצענט. זי איז אויך מיט איר מאַן גופא אין קאָנפליקט, מחמת זיין פּאַרברענגען מיט אַנדערע פרויען. באַקלאָגט זי זיך אויף דעם קרבן וואָס זי האָט געבראַכט, אויפגעגעבן איר רעליגיע, אירע עלטערן, בעת ער זעט אויס האָט נאָר מיט איר חתונה געהאַט צוליב דער האָפענונג, אַז אירע עלטערן וועלן זיך מוחן מיט אים איבערבעטן און אים געבן אַ נדן.

גיי איך נישט נאָכפאָלגן אַנדערע יידישע מאָמענטן אין טשעכאָוס שאַפן, וואָס זענען זייער ווייניק אין צאָל, מחמת ער האָט נישט געוואָלט פון דרויסן אריינצונעמען יידישע טיפּן, וועלכע ער האָט נישט געקענט פון אינעווייניק.

אגב איז דאָ אַ שמועה ביי אייניקע פון זיינע ביאָגראַפן, אַז ער אַליין האָט שוין געהאַלטן ביים חתונה האָבן מיט אַ יידיש מיידל, איר נאָמען זאָל האָבן געווען דוניא עפראָס. באשר צוליב רעליגיעזע מאָטיוון איז עס נישט צושטאַנד געקומען. עס איז אָבער מטושטשדיק דער ענין, מחמת עס שטיצט זיך נאָר אויף טשעכאָווס אַן אַנמערק אין אַ בריוו צו זיין פּעטערסבורגער פריינד, בילִיבין. היות אין זיין קאָרעספּאָנדענץ איז תמיד אויך געווען קאַטאָוועס, איז מעגלעך, אַז די עפראָס האָט געהערט צו דעם סאָרט.

וואָס שייך ידן אין זיין פּריוואַטן לעבן, זענען פאַראַן זייער אַ סך ביישפּילן פון זיין גאָר פריינדלעכער באַציונג בעת ער האָט געלעבט אין יאַלטאַ און געהאָלפן ידן מיט לעגאַלע און אומלעגאַלע מיטלען צו קענען זיך קורירן דאָרט און וווינען מיט אָדער אָן לעגאַלער ווינרעכט. זיין טיפער הומאַניזם — אַ הויפּטשטריך פון זיין פּערסאָנאַליטעט — האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין דער פולער מאָס, ווי מיר זעען עס דורך זיין באַציונג צו ידן, אין לעבן ווי אין זיין שאַפן.

דער דראַמאַטורג

אין דראַמע האָט טשעכאָוו אָנגעהויבן עקספּערימענטירן ביי זיינע צוואָנציק יאָר (1880). זיין ערשטע דראַמע האָט נאָך אפילו קיין נאָמען פון אים נישט באַקומען, מחמת ער האָט געהאַלטן אַז ס׳איז נישט קיין צייטיקע פּרוכט און וועט אויף דער בינע נישט אויפגעפירט ווערן. יאָרן נאָך זיין טויט איז עס יאָ געוואָרן אויפגעפירט אין אַ ריי אייראָפּעיִשע לענדער, אונטער דעם נאָמען „פּלאַטאָנאָוו״ (דער נאָמען פונעם הויפּט־העלד). עס איז געשטעלט געוואָרן אין דייטשלאַנד (1928); פּאַריז (1956); אין טשעכיע (1929). אין ענגלאַנד האָט רעקס העריסאָן געשפּילט די הויפּטראָל פון פּלאַטאָנאָוון (1960). עס ווערט פון די

ביאָגראַפֿן נישט דערמאָנט מען זאָל עס האָבן אויך אויפֿגעפֿירט אין רוסלאַנד.

נאָך אַן איבעררייס פֿון אַ פֿינף יאָר איז דערשינען זיין דראַמע „איוואַנאָוו", און ס'איז אויך נישטאָ קיין אינפֿאָרמאַציע פֿון שפּילן איר אויף דער בינע. דאָס זענען טשעכאָווס לערניאָרן אין דראַמע שאַפֿן, היות ער האָט נישט געהאַלטן פֿון זיינע דראַמאַטורגישע מעג־לעכקייטן, האָט ער כמעט אַ צענדליק יאָר נישט פֿאַרנומען זיך מיט דעם זשאַנער.

אין 1896 איז דערשינען זיין דראַמע „די מעווע". אין אַ בריוו צו זיין רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער, סוואָרין, האָט ער אַליין כאַראַק־טעריזירט זיין פּיעסע, ווי „אַ סך רייד וועגן ליטעראַטור, ווייניק אַקציע און אַ פֿינף טאָן ליבע". טשעכאָוו האָט געוואָלט וואָס גיכער זען אַן אויפֿפֿירונג פֿון דער דראַמע, און נישט קענענדיק עס דערגרייכן אין מאָסקווע, האָט ער עס איבערגעגעבן אַ רעזשיסער פֿון אַ דריטראַנ־גיקן טעאַטער אין פּעטערסבורג.

די באַזוכער פֿון דעם טעאַטער זענען געוווינט געווען צו זען אויף דער בינע ביליקע מאַכערייקעס צו פֿאַרווילן. די פּרימאַדאָנע איז געווען אַן אַקטריסע, לעווקיעוואַ — אַ ליבלינג פֿון דעם נידע־ריקן טעאַטער־באַזוכער. אין די מעווע האָט זי נישט געהאַט פֿאַר זיך קיין ראָל (געוויינטלעך געשפּילט ראָלן פֿון מיטליאָריקע פֿרויען און מיט אירע קאָמישע העוויות אַרויסרופֿן סאַלוועס געלעכטער). דער רע־זשיסער האָט טשעכאָווס פּיעסע נישט גענומען ערנסט אויף די פּראָבעס. זי „אָפּגעבאַקן אויף אַ קאַלטן אויוון" (האָט אַ קריטיקער באַמערקט), און נאָך אַ צען טעג פּראָבעס איז שוין געווען די פּרעמיערע — אַ בענעפֿיט־פֿאָרשטעלונג מיט גאָר הויכע פּרייזן.

דער טעאַטער איז ביי דער פּרעמיערע געווען געפּאַקט מיט אַן עולם, וואָס האָט מסתמא פֿון טשעכאָוון קיין מאָל נישט געהערט, אויב יאָ, איז נאָך אפֿשר פֿון די צייטן, ווען ער האָט געשריבן מאַכע־רייקעס פֿון אַ וואָדעוויל־כאַראַקטער. דאָס וואָס איז פֿאָרגעקומען אויף דער פּרעמיערע, האָט אַן אַנווערזנדיקער געשריבן, איז געווען איין גרויסער סקאַנדאַל, אַן אַ פּרעצעדענט אין דער געשיכטע פֿון רוסישן טעאַטער.

באַלד אין אָנהייב פֿון ערשטן אַקט, האָט זיך איבערן זאַל דורכ־געטראָגן אַ פֿייפֿעריי, אַ זשומעריי פֿון ערגסטן מין! די ערשטע רייען האָבן זיך מיט דער פֿלייצע אויסגעדרייט צו דער בינע און דעמאָנ־סטראַטיוו אָנגעהויבן פֿייפֿן, לאַכן אויפֿן קול, און טומלדיק רעדן איינער צום אַנדערן. דער טומל איז אַזוי געשטיגן, אַז מען האָט שוין נישט געהערט וואָס מ'רעדט אויף דער בינע. ביים צווייטן אַקט איז דער טומל אין זאַל שטאַרקער געוואָרן. ביים דריטן אַקט, אין

אַ סצענקע ווען טרעפּליעוו קומט אַריין מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ (נאָך זיין פּרוּוון באַגיין זעלבסטמאָרד) — דאָס האָט ביים פּרי־מיטיוון עולם אַרויסגערופן אַ קאַצנמוזיק און אַ שטורעם מיט פאַר־קייכן זיך פון געלעכטער.

טשעכאָוו, זעענדיק וואָס עס קומט פאָר, איז אוועק הינטער די קוליסן, אין אַ זייטיקן צימער, ווו ער איז געזעסן ביזן סוף פון דער פאָרשטעלונג, און נאָך דעם גלייך אַוועק פון טעאַטער. ער האָט אין זיין טיפער דערשלאָגנקייט געוואַנדערט איבער די גאַסן פון פּעטערסבורג ביז פאַרטאָג.

זיין שוועסטער, מאַשאַ, וואָס איז פון מאָסקווע ספּעציעל געקומען צו פאָרן צו דער פּרעמיערע און געזען דעם בראָך, און נאָך דעם דאָס פאַרפאַלן ווערן פון איר ברודער, האָט זי מורא געהאַט (ווי טשעכאָוו האָט שפּעטער באַמערקט) צי ער איז נישט באַגאַנגען קיין זעלבסט־מאָרד.

טשעכאָוו האָט אויפצומאָרגנס גלייך זיך אָפּגעטראָגן פון פּע־טערסבורג צו זיין היים אין מעליכאָוואָ. כאָטש זיינע פריינד האָבן אים מיט טעלעגראַמעס געפּרוּווט טרייסטן, אַז די ווייטערדיקע פאָר־שטעלונגען האָבן יאָ געהאַט דערפאָלג, האָט ער אָבער פון די פּרעסע־רעצענזיעס געזען די מפּלה, אַ שאַרפע נעגאַטיווע קריטיק, וואָס האָט די פּיעסע אַראָפּגעריסן.

צו זיין פריינד סוּוואָרין האָט טשעכאָוו דאַן געשריבן, אַז ער וועט צו קיין דראַמע זיך מער נישט צורירן אַפילו ער זאָל נאָך לעבן אַ זיבן הונדערט יאָר.

אָבער מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער האָט דער רעזשיסער פונעם ניי־געגרינדעטן מאָסקווער קונסט־טעאַטער, נעמיראָוו־דאַנטשענקאָ, באַשלאָסן אָנצוהייבן דעם טעאַטער־סעזאָן מיט אָט דער זעלבער פּיעסע, וואָס האָט געהאַט אַזאַ פיאַסקאָ אין פּעטערסבורג. טשעכאָוו איז דאַן געווען שוין שווער קראַנק (טובערקולאָז) און געוווינט אין יאַלטאַ (קרים), בעת דעם ווינטער־סעזאָן. האָט ער זיך געשראָקן פאַר אַ נייעם פיאַסקאָ און טעלעגראַפיש געבעטן דעם רעזשיסער נישט צו שטעלן די פּיעסע. אויך זיין שוועסטער מאַשאַ האָט אַפּעלירט וועגן דעם, נישט איבערחזרן די קאַטאַסטראָפע, וואָס וועט טשעכאָוון אָוועקהרגענען.

אָבער נעמיראָוו־דאַנטשענקאָ האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן און באַטאָנט, אַז דאָס איז די איינציקע מאָדערנע פּיעסע מיט וועלכער ער קען אָנהייבן דעם ניי־געגרינדעטן טעאַטער און דעם אָנהייב סעזאָן. ער האָט די פּיעסע גוט איינגעשטודירט מיטן אַנסאַמבל (26 פּראָבעס). אויף אַן אופן וואָס איז געווען ניי און עקספּערימענטאַל אינעם רוסישן טע־אַטער, און זיך געגרייט צו דער פּרעמיערע.

סטאַניסלאַווסקי וואָס האָט מיטגעשפּילט אין דער פּיעסע, האָט אין זיינע זכרונות באַשריבן די גוואַלדיקע שפּאַנונג ביי די אַקטיאָרן הינטער די קוליסן אין טאָג פון דער פּרעמיערע, אידער דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. ער שרייבט: „שטייענדיק הינטער די קוליסן, האָבן מיר אין זיך געהערט אַן אינעווייניקסטע שטים, וואָס האָט שטיל, בעטנדיק, געשעפּטשעט: 'שפּיל גוט, שפּיל אויסגעצייכנט. דערגרייך דערפאָלג און אַ גרויסן טריאומף! אויב דו וועסט עס נישט קענען דערגרייכן, געדענק פון אַ דערהאַלטענער טעלעגראַמע, אַז דיין באַליבטער מחבר גייט שטאַרבן, געפאַלן אַ קרבן פון דיינע הענט. דו וועסט דאַן זיין דער תלין זיינער...״ (סטאַניסלאַווסקי, „מיין לעבן אין קונסט״, ז״ז 293־294).

אויף דער בינע, ביים שפּילן זיין ראָל, האָט סטאַניסלאַווסקי באַקומען אַ נערוועזן קורטש אין אַ פוס. זיינע קאָלעגן פון אַנסאַמבל האָבן גענומען הינטער די קוליסן וואַלעריע־קראָפּליעס (צו באַרואיקן די נערוון)... און פונקט איז אויך געשען, אַז ביים פאַלן פון פאָרהאַנג נאָכן ערשטן אַקט, איז גאָר אין זאַל געווען אַ טויטע שטילקייט. האָבן די אַקטיאָרן געמיינט, אַז ס'איז יענער בראָך! די אַגאַניע האָט גאָר געדויערט סעקונדן, אָבער פאַר זייערע געשפּאַנטע נערוון זענען אָט די סעקונדן געווען אַן אייביקייט; און פּלוצעם — אַ שטורעם־אויסברוך פון אַפּלאָדיסמענטן און פון אַן ענטוזיאַזם אין זאַל, וואָס האָט די אַקטיאָרן דערפירט דורך טרערן צו פרייד... אויפן פאַרלאַנג פון טעאַטער־עולם האָט דאַנטשענקאָ גלייך טעלעגראַפירט צו טשעכאָוון קיין יאַלטאַ, וועגן אויסערגעווייינטלעכן דערפאָלג פון דער פּרעמיערע. ווירקלעך האָט דער ענטוזיאַזם שוין אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט פון שפּילן, און ביים סוף פון דער פאָרשטעלונג — אַן אַ שיער פאָרהאַנגרופן דורך אַן אומאויפהערלעכן אַפּלאָז . . .

ס'איז געווען איינציציטיק אַן אויסדרוק פון מאָסקווער טעאַטער־עולם צו שיקן אַ רפואה שלימה דעם מחבר פון דער פּיעסע. און טאַקע אויך פאַרן נחת־רוח וואָס זיי האָבן געהאַט. די פּרעסע האָט אויף צו מאָרגנס געגעבן אַ גאָר גוטן אָפּרוף פון די רעצענזענטן — פון אַלע אָן אויסנאַם. טשעכאָוו האָט באַקומען גראַטולאַציעס פון אַלע גרויסע נעמען אין דער קונסט, צווישן זיי אויך פון פיאָדאָר שאַליאַפּין. טשעכאָוו האָט אויס דאַנקבאַרקייט דעם רעזשיסער געשיקט אַ מעדאַליאָן מיט אַ צושריפט: — האָסט מיין מעווע געגעבן לעבן! דאַנטשענקאָ האָט מער נאָך אויפגעטאָן. ער האָט מיט שטעלן די פּיעסע, טשעכאָוון צוריקגעבראַכט צום טעאַטער, וואָס האָט שפּעטער פון אים באַקומען אַזעלכע אומשטערבלעכע דראַמעס ווי „דריי שוועסטערס״; „דער קאַרשנסאָד״; „אָנקל וואַניאַ״, פּיעסן, וואָס גייען נישט אַראָפּ פון דער בינע.

איך האָב מיט אַ כוונה געבראַכט אַן אויספירלעכע באַשרייבונג

פון אזעלכע צוויי פאַרשידענע פּרעמיערעס פון דער זעלבער פּיעסע, מחמת עס איז אַ מעשה מיט אַ מאָראַל, פון וועלכער מען קען אַ סך לערנען אויך ביי אַנדערע געשעענישן. לאָמיר דאָ אויך אונטערשטרייכן, אַז די פּיעסע גופא האָט גרויסע פעלערן. עס פעלט אין איר אַן אויטענטיש־דראַמאַטיזירטע געשיכטע, ווי טשעכאָוו האָט עס באַוויזן צו געשטאַלטיקן אין זיינע שפּעטערדיקע דראַמעס. עס פעלט דער „אימפּאַקט" אויפן צושויער, דער שטאַרקער שטויס און דעם מאַגנעטישן כוח, וואָס מיר פילן ביי זיינע אַנדערע, שטאַרקע דראַמעס.

אין „די מעווע"" איז דאָ צופיל רייד. און טשעכאָווס טעאַטראַלע דערגרייכונגען זענען גראַד מיט ווינציק רייד. דאָס נישט דערעדט וואָרט באַקומט ביי אים דראַמאַטישע אַנגעלאָדנקייט, מער סימבאָליק און געשפּאַנטקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש אין זיין דראַמאַטורגיע. אגב, אין טשעכאָווס אַ דראַמע שפּילן אויך מיט די שווייג־פּויזעס, וואָס שאַפן שטימונג, האַלטן דעם צושויער אין שפּאַנונג.

ווען אַלץ איז שוין דאָ געזאָגט געוואָרן, וואָס עס פעלט אין „די מעווע", דאַרף אָבער אויך ווערן אונטערגעשטראָכן, אַז די פּיעסע איז געווען דער אָנזאָג פון אַ נייעם נוסח, וואָס ער האָט אריינגעבראַכט אין רעפּערטואַר פונעם טעאַטער בכלל און בפרט אינעם רוסישן טעאַטער. טשעכאָוו האָט געוואָלט מען זאָל אין טעאַטער נישט „גיין אויף שטאָלצן", נישט רעדן „טעאַטראַליש", נאָר אַזוי ווי מען רעדט פשוט אין שטוב און אין גאַס. דאָס איז ווירקלעך געווען ניי אין דער דראַמאַטישער טעכניק, וואָס האָט אויף דער סצענע געשאַפן דעם אויסזען, און די לופט, פון שטוב און גאַס. זיין דעוויז איז געווען: נאַטירלעכקייט און פשטות.

אַ פּאָר ווערטער וועגן דער אַקציע פון דער פּיעסע. נינאַ זאַרעטשנאַיאַ איז אַ יונגע פּאָטענציעלע בינע־קינסטלערין. זי איז אַן אומדערפאַרענע אין לעבן, און מיט אַזאַ נאַיוויטעט, וואָס קענטיקט זיך אין די פראַגן וועלכע זי שטעלט טרעפּליעוון. ער איז נאָך דערווייל נאָר אַ פּאָטענציעלער דראַמאַטורג און מיט דעם הייבט זיך אָן די פּיעסע. אָבער אין פערטן אַקט — אין דער אַקציע נאָר אַן אונטערשייד פון צוויי יאָר — איז זאַרעטשנאַיאַ שוין אַ שטאַרק דערפאַרענע אין לעבן, וואָס האָט זיך צו איר באַוויזן נישט פון דער זוניקער זייט... מיר הערן, אַז זי איז אַנטלאָפן פון דער היים, צו זען די גרויסע שיינע וועלט, אין וועלכער זי האָט זיך, דורך דער פאַרלאָפענער צייט, אַזוי ביטער אַנטוישט...

אין לעצטן אַקט טרעפט מען זי אין דער סטודיע פון טרעפּליעוון, ווו זי אַקצענטירט און פאַרגלייכט איר לעבנס־גורל מיט דעם פון דער מעווע (פון דעם — דער נאָמען פון דער פּיעסע). איז אוודאי

נישט וויכטיק צי דער פאַרגליך שטימט אויף הונדערט פּראָצענט. אָדער גאָר סימבאָליש מיט דעם, וואָס סיי זי און סיי די מעווע האָבן זיך געריסן צו באַפרייען זיך פון דער שטיג אין וועלכער דאָס לעבן האָט זיי פאַרשפּאַרט. די פראַגע איז דעריבער וואָס איז בעסער געווען פאַרן פויגל, די שטיג צי זיין טויט? אמת, זי איז געבליבן לעבן, און אויך טרעפּליעוו האָט קענען געלערנט, ווי שווער עס קומט אָן זיך אַליין צו דערשיסן (ער איז נאָר פאַרווּנדעט געוואָרן ביים פּרווון באַגיין זעלבסטמאָרד). אים זעט מען נאָר מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ, בעת די מעווע איז דאָך יאָ דערשאָסן געוואָרן אויף טויט.

אָן אַנאַלאָגיע קען אָבער אויך זיין נאָר סימבאָליש. ווי אַנדערש קען עס דען זיין ביים פאַרגלייכן דעם גורל פון אַ מענטש מיט אַ פויגל? דער עיקר וואָס דאָמינירט אין דער פּיעסע, איז דאָך די דיסאילוזיע, וואָס באַוועלטיקט די הויפּט־העלדן. און מיר טרעפן אין טשעכאָווס שאַפן זייער אָפט דעם מאָטיוו פון אַנטוישונג. איז דען אַ חילוק ווער עס מישט זיך אריין אין דעם לעבנס־פּראָצעס פון דעם העלד אָדער העלדין, דער טויט, צי אַן אַנדער סיבה — און אַ חלום ווערט צע־שטערט, אַן אילוזיע צעטראָטן און דערשטיקט... און אפילו די מאָ־מענטן פון גליק. ווי לאַנג האַלטן זיי אָן? בעת דאָס פאַרקערטע — דער אָפּגרונט ווינקט מיט אייביקייט...

איך גלויב, אַז פאַרן היינטיקן טעאַטער־באַזוכער שיינט טשע־כאָווס אַ מאָנאָלאָג צו זיין נישט מאָדערן. אָבער נאָך די אַלע גיל־גולים וואָס דער טעאַטער האָט דורכגעמאַכט אין דעם היינטיקן יאָר־הונדערט איז זייער ריכטיק די באַצייכענונג, וואָס אַ טעאַטראַל האָט געגעבן טשעכאָווס פּיעסן. פאַראַן אין זיי, שרייבט ער: „די פאַרווּנ־דעטע שיינקייט און די טריאומפירנדיקע האָפענונג". אמת, אין „די מעווע" איז נאָר בולט די פאַרווּנדעטע שיינקייט, אָבער אין זיינע אַנדערע דראַמעס הערט מען שוין הויך דעם אָנזאָג פון האָפענונג אויף די קומענדיקע בעסערע צייטן.

פאַראַן אייביקע אמתן, אַריינגעוועבט אין דער קאַנווע פון טשעכאָווס אַ דראַמע. עס האָט זיך מיר איינגעקאַרבט דער זאַג: „ווען דו נעמסט גליק שטיקלעכוויז און פאַרלירסט עס שטופּענווייז, ווערסטו אויך פאַרהאַרטעוועט דורך די שלעכטע איבערלעבונגען און שטי־מונגען". בכלל איז דאָך טשעכאָווס אַ פּיעסע, אַ פאַעמע געפורעמט מיט אַ דראַמאַטישער טעכניק צו קענען ווערן אויסגעשפּילט אויף דער בינע. נישטאָ ביי אים דער געמיש פון קאָמעדיע מיט טראַגעדיע. עס ווערט נאָר אַן איבערגאַנג פון שווערע מאָמענטן צו ליריש־ווייכערע. זיין הויפּט־כוח ליגט אין די שטימונגען, ליריש־באַהויכטע, ווי „מוזיק פון זיין גרינטלעכן און אידעלן הומאַניזם".

כאַראַקטעריסטיש וואָס טשעכאָוו האָט נישט תמיד מסכים געווען

מיט דער אינטערפּרעטאַציע פון זיינע העלדן אויף דער בינע. ער האָט דאָס געשריבן צו זיין רוסישן רעזשיסער און אַקטיאָר נעמי־ראָוויטש־דאַנטשענקאָ. טשעכאָוו האָט אָבער גאָר אַ סך צו פאַרדאַנקען דעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער, וואָס האָט אַזוי פיל אַכט געלייגט נישט בלויז אויף די גרויסע ראָלן, נאָר אויך ביים איינשטודירן די מינדסטע ראָלן, וואָס האָבן בייגעשטייערט צו דער אַטמאָספער — וואָס איז דאָך די פּאָעטישע פּוענטע פון טשעכאָווס דראַמעס און דערציילונגען.

און אויב מען זוכט צו דערקלערן פאַר וואָס טשעכאָווס דראַמען ווערן נאָך כסדר געשפּילט היינט אויף אַלע וועלטבינעס און מיט אַזאַ אויפמערק פון די צושויערס, איז מסתמא, וואָס טשעכאָווס בענקשאַפט נאָך העכערס, שענערס, נאָך עפּעס נשמה־יתירהדיקס פאַרן לעבן — דאָס קלינגט דאָך אָפּ אין יעדער צייט און דור.

כאָטש „די מעווע" האָט נישט די פולקייט פון זיינע שפּעטערדיקע דראַמעס, פאַרמאָגט זי אָבער קוואַליטעטן און מאָטיוואַציעס, וואָס דערנענטערן זיך מער צו דער אייראָפּעאישער דראַמע. דעריבער פאַרנעמט זי אַזאַ אָרט אינעם בעסערן אינטערנאַציאָנאַלן טעאַטער־רעפּערטואַר. טשעכאָוו האָט פאַרטרעטירט די מענטשלעכע סצענע אָן פאַרביטערונג, ביי דעם גאַנצן פּעסימיזם און ביי אַלע פרוסטראַציעס אין נינאַס און טרעפּליעווס קאַריערעס (וואָס טרייבן אים צו נעמען זיך דאָס לעבן). עס האָט זיך מיר איינגעקריצט טרעפּליעווס אַ זאָג: „ס'איז לייכט, דאָקטער, צו זיין אַ פילאָזאָף אויפן פּאַפּיר, און ווי שווער עס איז אין לעבן". און נינאַ דערמאָנט אַ שטעלע ביי טורגענעוון, וואָס שילדערט אַ געוויסע נאַכט, און „גליקלעך איז דער וואָס געפינט זיך אין אַזאַ נאַכט אונטער אַן אייגענעם דאַך, און ער האָט אַ וואַרעמען ווינקל..." זי דערמאָנט זיך, ווי גליקלעך זי איז געווען אַלס קינד. זי האָט געזונגען, געטרוימט צו ווערן אַמאָל באַרימט... אָבער דאָס לעבן איז ברוטאַל! זאָגט זי צו טרעפּליעוון: „דו ביסט אַן אויטאָר. איך — אַן אַקטריסע, מיר בידע זענען אריין אין דעם קעסל־גרוב...".

נישט שייך זיך אָפּצושטעלן דאָ לענגער אויף דעם סוזשעט, פּערלדיקע רייד, וואָס פאַרגעדענקען זיך (בפרט, ווען איך האָב אָקאָרשט גאָר לעצטנס, נאָך אַ מאָל געזען די פּיעסע אין אַ סאָוועטישער אויפפירונג). . .

אין זיין נאָטיצבוך האָט טשעכאָוו אַזוי פאַרצייכנט וועגן דער דראַמע: „טאָגן פּאַפּיר באַדעקט ביים שרייבן. (באַקומען) אַן אַקאַדעמיע־פּריז. טראָץ אַלעמען אַ פראַגע: פאַר וועמען? צוליב וואָס שרייב איך? פאַרן עולם? איז אָבער זיכער אַז דער עולם דאַרף מיך האָבן?..."

בלתי ספק, אַז די „מעווע" האָט אויטאָביאָגראַפישע סימבאָלן (טשעכאָוו איז פאַרקערפּערט אין קאָנסטאַנטין טרעפּליעוו). אָבער סימבאָלן ענלעכע קען מען אויך זען אין „אָנקל וואַניאַ". אָט איז, למשל, דאָרט דאָ אַ דאָקטער, מיכאַיל אַסטראָף, אַ פאַרברענטער בוימפלאַנצער, און דאָס איז אויך געווען טשעכאָוו. פּונקט ווי זיין העלד האָט אויך זיין מחבר געשפּירט „ווען מיינע אויערן הערן דעם מורמל פון יונגן וואַלד, וואָס כ'האָב געפלאַנצט מיט מיינע אייגענע הענט, פיל איך ווי אין אַ טויזנט יאָר אַרום וועט מענטש זיין גליקלעך, און איך וועל האָבן עפּעס צו שטייער געגעבן צו דעם"...

נאָך זייענדיק אַ גימנאַזיסט, האָט שוין טשעכאָוו געפלאַנצט אַ קליינעם סאָד מיט ווינשלביימער. און ער פלעגט אַזוי ליב האָבן צו זיצן אין זיין שאָטן...

שפּעטער, אין מעליכאָווע, האָט טשעכאָוו געפלאַנצט אַ טויזנט קאַרשנביימער און נאָך פיל אַנדערע מיניםביימער. ער איז בכלל געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער נאַטור, וועלכער ער האָט אַזוי הערלעך געשילדערט און באַזונגען אין זיין גרעסערער דערציילונג „די וויסטע". אויך אין דער דערציילונג „אַן אָנפאַל"... טשעכאָוו האָט אין דער פּאָעזיע פון נאַטור־פּייזאַזש געזוכט אַ ביסל צו פאַרשענערן די העסלעכע פּראָזע פון דעם אַרומיקן לעבן, וואָס ער האָט געזען און קענען געלערנט. ביימער פלאַנצן איז פאַר אים געווען די נשמה־יתירה, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פאַרן בידנעם דערשלאָגענעם מענטש. נישט קיין וווּנדער, וואָס ער האָט אין אויסהאַקן די וועלדער געזען די אַרבעט פון כאָס, וואָס פאַרניכטעט דאָס לעצטע ביסל שיינקייט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין לעבן.

דאָס איז געווען זיין ציל ביים שרייבן די דראַמע פון „קאַרשנסאָד". אויך אין „דריי שוועסטערס" איז אַריינגעפלאָכטן דאָס פאַרניכטן ביימער דורך דער גיפטיקער, נאַטאַשאַ, די פרוי פון אַנדרעי פּאָזאָראָוו.

איך האָב שוין דערמאָנט די שטימונג אין לאַנד בעת דער שוואַרצער שאָטן פון פּאָבעדאָנאָסצעוון האָט זיך צעלייגט איבער רוסלאַנד אין יענע יאָרן. טשעכאָוו האָט אָבער זיינע דערציילונגען און דראַמעס נישט געוואָלט לאָזן אָן אַ שטראַל ליכט. די פאַרגאַנגענהייט — אַ טרויעריקע. די קעגנוואַרט — אַ שוואַרצע. די צוקונפט מוז דאָך האָבן שטראַל פון האָפענונג אויב מענטש און וועלט ווילן האָבן אַ קיום.

דעריבער, ווען אין „אָנקל וואַניאַ" ווערן די העלדן איוואַן וואַניצקי און זיין פּלימעניצע אַזוי שווער באַעוולט, אַזוי אומגליקלעך און ביטער אַנטוישט — טרייסט זיי דער דאָקטאָר אַסטראָף, אַז ס'וועט קומען אַ בעסערע צייט „די וואָס וועלן לעבן אין הונדערט

צי צווי הונדערט יאָר נאָך אונדז, וועלן אונדז פֿאַראַכטן דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן אונדזערע לעבנס פֿאַרטאָכליעוועט, געלעבט אַזוי נאַריש, געשמאַקלאָז. זיי וועלן אפֿשר יאָ געפֿינען דעם וועג צו זיין גליקלעך. אָבער פֿאַר דיר און מיר איז פֿאַראַן איין האָפֿענונג: ווען מיר וועלן רוען אין אונדזערע קבֿרים וועלן אפֿשר צו אונדז אויך דערגייען די זעאונגען — אונדזערע (היינטיקע) טרוימען.

אויך סאָניאַ (אָנקל וואַניאַס פּלימעניצע) וויל נישט אָוועקגיין פֿון דער סצענע אַ רעזיגנירטע. געפּטרט איר לעבן פֿאַר אַ מיראַזש. איז דען וויכטיק דער נאָמען פֿון דעם צי אַנדערן מיראַזש, צוליב וועלכן מענטשן מאַכן אַ תּל פֿון זייער געזונט און יאָרן?... סאָניאַ מאַכט שלום מיט איר מצבֿ און דריקט אויס איר בטחון אין אַ שענערער צוקונפֿט אין וועלכער זי — און איר מחבר — האָבן אַזוי שטאַרק געזוכט צו פֿאַראַנקערן.

להיפּך צו טרעפּליעוו וואָס זוכט צו פֿאַרקירצן זיינע יאָרן („די מעווע״) רופֿט סאָניאַ צום לעבן. זי זאָגט צום פֿעטער: „מיר, אָנקל וואַניאַ, וועלן לעבן און נסיונותדיק דורכטראָגן וואָס דער גורל וואַרפֿט אונדז אָן... מיר וועלן זיך אויך מיען פֿאַר אַנדערע״. אויך זי וויל גלייבן, אַז זי וועט שפּעטער אויף די איצטיקע אומגליקן קוקן מיט אַ שמייכל.

טשעכאָוו האָט אין האַרצן געטראָגן אַ שטילן זיפֿץ, אַ מיטגעפֿיל צו די, וועלכע ער האָט געזען אין די אַלע שרעקלעכע און חרפּהדיקע בילדער פֿאַר דעם נאָמען מענטש. דערפֿאַר ווייעט אין זיינע דערציילונגען און דראַמעס אַזאַ אומעט, אַ מעלאַנכאָליע פֿון אַ שפּעטן האַרבסט, ווען אַלץ אַרום איז אַזוי אומהיימלעך, הילפֿלאָז, איינזאַם, אומבאַוועגלעך. ער האָט אָבער בשום אופֿן נישט געוואָלט זיינע העלדן זאָלן פֿאַרלירן דאָס לעצטע וואָס איז זיי נאָך געבליבן: האָפֿענונג אויף אַ ליכטיקערן מאָרגן. דאָס איז געווען זיין צוקונפֿט־מוזיק אויפֿן פֿאָן פֿון דער הערשנדיקער טרויעריקער ווירקלעכקייט.

און טרויעריק איז דאָך אויך אין דער סצענאַריע פֿון „די דריי שוועסטערס״. זיי זענען אַלע אומגליקלעך. די סיבה? זייער פֿאָטער — אַ רוסישער גענעראַל — ווערט פֿון מאָסקווע אַוועקגעשיקט אין אַ פֿאַרוואָרפֿענער פּראָווינץ־שטאָט. אין מוזן פֿאַרלאָזן די שטאָט פֿון זייער קינדהייט און יוגנט, געפֿינט זיך דער וואָרצל פֿון זייער אומצופֿרידן לעבן.

די עלטסטע פֿון די שוועסטערס, אָלגאַ, פֿילט זיך אַ דעגראַדירטע אויף איר לערער־פּאָסטן אין דער פּראָווינציעלער גימנאַזיע, קעגן איר ווילן ווערט זי באַשטימט אַלס פֿאַרוואַלטערין פֿון דער מיטלשול, בעת איר נשמה יתירה איז אין מאָסקווע וואָס סימבאָליזירט פֿאַר איר

און אירע שוועסטערס — די בענקשאַפֿט נאָך שיינקייט, דערהויבנקייט, נאָך דאָס ביסעלע פּאָעזיע פֿון לעבן.

די מיטלסטע, מאַשאַ, אַ הויך־געבילדעטע און אַ גרויסע חכמה, האָט זיך באַנאַרישט און חתונה געהאַט, ביי אירע זיבעצן יאָר, מיט אַ פּנימלאָזן גימנאַזיע־לערער, אַ נאַרישער פּראָווינציאַל, וואָס האָלט אין איין ציטירן לאַטיינישע שפּריכווערטער. ווי ס׳רוב נאַראָנים האָלט ער שטאַרק פֿון זיין חכמה... מאַשאַ, איינזעענדיק אַז זי איז אַריינגעפֿאַלן— פֿאַרליבט זיך אין אַ פּאָלקאָווניק, ווערמענס פּולק איז פֿריער איינגעשטאַנען אין מאָסקווע, און ער געדענקט נאָך אָט די דריי שוועסטערס, ווען זיי זענען קליינע קינדער געווען. ווען ער מיטן פּולק מוזן פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל, פֿאַלט זי צוריק אַריין אין טרויעריקן לעבן.

די יונגסטע, אירינאַ, אין איר האָט זיך פֿאַרליבט דער באַראָן טוזענבאַך — אויך נישט קיין גרויסער בר־דעת. כאָטש אַ גלייכגילטיקע צו אים, גייט זי דאָך זיך פֿאַרבינדן מיט אים צוליב דער האָפֿענונג, אַז זיי וועלן פֿון דאַנען קענען אַוועקפֿאָרן און דאָרטן אַרבעטן צוזאַמען... דער גורל „נעמט אַ וואָרט" און אין טאָג פֿון זייער חתונה, פֿאַלט ער אין אַ דועל.

זיי האָבן אַ ברודער, אַנדרעי. ער טרוימט צו מאַכן אַ וויסנשאַפֿטלעכע קאַריערע. פֿאַרבינדט ער זיך מיט אַ נאַרישער מרשעת און זי מאַכט אַ סוף צו זיינע חלומות. ער בלייבט שוין אַ נאַמענלאָזער באַאַמטער אין שטעטל.

זיין גיפֿטיקע ווייב, נאַטאַשאַ, וואָס ווייסט צומאָל נישט ווי אַזוי זיך צו קליידן, צו האַלטן זיך מיט מענטשן, ווייזט נאָך דער חתונה אַרויס אירע שאַרפֿע נעגל. זי באַלעבאַטעוועט און שאַלטעוועט מיטן הויז, וואַרפֿט די אַלטע ניאַניע אַרויס פֿון שטוב און שטופּט אַפֿילו אַרויס די דריי שוועסטער פֿון הויז. אין זיין געפֿאַלנקייט ווערט אַנדרעי אַ פֿאַרלוירענער קאָרטנשפּילער, פֿאַרשפּילט כסדר און פֿאַרזעצט אַפֿילו דאָס הויז וואָס געהערט אויך צו זיינע שוועסטערס.

ווי מיר זעען פֿון דער סצענאַריע פֿעלט ,נישט אין דער פֿאַמיליע קיין צער. מאַשאַ איז די העראָאישסטע פֿון אַלע און זי פֿאַרקערפּערט די גייסטיקע ווערטן, ווי טשעכאָוו האָט זיי געזען. ער האָט די ראָל פֿון מאַשאַן געשאַפֿן ספּעציעל פֿאַר אָלגאַ קניפּער און אייניקע שטריכן פֿון איר אַריינגעגעבן אין דער קרעאַציע. מאַשאַ האָלט אַ שטאַרקע טיראַדע קעגן דער וווּלגאַריטעט פֿון נאַטאַשאַן און זי איז אין דער ראָל די פֿאַרקערפּערונג פֿון טשעכאָווס אידעאַליזירטער ליבע־וויזיע, וועגן וועלכער מיר האָבן זיך שוין אָפּגעשטעלט אין שייכות מיט זיינע דערציילונגען.

איך האָב שוין דערמאָנט נאַטאַשאַס פֿאַרניכטונג פֿון די ביימער

אַרום זייער הויז, און דאָס האָט דאָך ביי טשעכאָוון באַטייט די פאַר־ניכטונג פון אַלץ וואָס סימבאַליזירט די דורותדיקע ווערטן. געטריי זיין קרעדאָ גיט טשעכאָוו אריין ביים סוף פון דער אַקציע יוניק־באַהויכטע ווערטער אַרויסגעבראַכט דורך אירינאַן.

אין סאַמע פינאַל איז דאָ אַ ליריש־רירנדיקע סצענקע, ווען אָלגאַ נעמט אַרום בידע שוועסטערס ביי אַ געדעמפטן מוזיקאַלישן אַקאָמ־פאַנימענט, און זי זאָגט צו זיי: „די מוזיק שפּילט... עס ווילט זיך אַזוי שטאַרק לעבן...” מיר הערן פון איר די שוין־באַקאַנטע רייד, וואָס עס וועט זיין נאָך אונדז — ווען מיר וועלן שוין דאָ נישט זיין... אפשר וועט מען דערמאָנען אונדז, אַט די וואָס לעבן איצט אַזוי טרויעריק... און גלייך ענדערט זיך ביי איר די שטימונג און זי רופט אויס: „אָ, ליבע שוועסטערס. אונדזער לעבן איז נאָך אויך נישט געענדיקט! מיר וועלן לעבן... מיר וועלן אפילו געוואָר ווערן צוליב וואָס מיר לעבן און פאַר וואָס מיר לידן... און גלייך איז דאָ אַ שאלה אויף אירע ליפּן: ווען מיר זאָלן טאַקע וויסן?” — — — טשעכאָוו האָט אָבער נישט געקענט געבן קיין גאַראַנטיע, נאָר סיי זיי, און זיך, בלויז טרייסטן מיט גלויבן און האָפענונג אויף בעסערע צייטן.

איך האָב פריער באַמערקט אַז טשעכאָווס ד׳ראַמעס זענען ווי פּאָעמעס. וויל איך צוגעבן, אַז זיי זענען אויך מוזיקאַלישע קאָמפּאָ־זיציעס, אויסגעשפּילט מיט פאַרשידענע אינסטרומענטן. אין די „מעווע” הערט זיך מער אַ יוגנטלעכע ראָמאַנטיק־מעלאָדיע, באַווירצט מיט אַ לייכטן הומאָר און בשמים, וואָס גיבן אַריין שאַרם אין דער אַקציע. אין „דריי שוועסטערס” קענטיקט זיך שטאַרקער שוין די מייס־טערשאַפט פון טשעכאָווס דראַמאַטישער טעכניק, און בפרט די דער־מאָנטע שטימונג־פּויזעס, צו שאַפן אַטמאָספער וועלכע באַגלייט די אַקציע און שוישפּיל.

קומען מיר צו דער לעצטער דראַמע „דער קאַרשנסאָד”, דער לייטמאָטיוו איז די ברוטאַלע פאַרניכטונג (דורך די געלט־גיריקע פאַרשוינען, די לאָפּאַכינס) פון דורותדיקע ווערטן, וועלכע האָבן פאַר־שענערט דאָס לעבן. דער קאַרשן־סאָד וואָס האָט געהערט צו דער לייכטזיניקער, פאַרשווענדערישער, ליובאָוו ראַיעווסקאַיאַ, אַ פאַרשול־דיקטע איבערן קאָפּ מיט חובות, ווערט איבערגענומען פון יערמאָלעי לאָפּאַכין, דער אויפגעקומענער סוחר, וואָס וויל דעם סאָד אויסהאַקן און דעם פּלאַץ פאַרצעלירן.

טשעכאָוו וויל אָבער אויך ביי דעם גייציקן לאָפּאַכין געפינען אַ טיפערן מאָטיוו, ווי בלויז זיין געלט־גערירקייט. דעריבער ביים קויפן דעם קאַרשן־סאָד, זאָגט לאָפּאַכין מיט גרויס פּאַטאָס: — יער־מאָלעי, אַט דער געשלאָגענער האַלבער אַנאַלפאַבעט, וואָס פלעגט אַ באָרוועסער אַרומלויפן אום ווינטער — איך האָב געקויפט דעם

גוט, ווו מיין טאַטע און זיידע זענען קנעכט געווען, ווו מען האָט מיך אַפּילו אין קיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן... מוזיקערס שפּילט... יעדע־רער זאָל קומען זען, ווי יערמאָלעי לאָפּאַכין וועט פּאַכען מיט אַ האַק אין קאַרשן־סאַד, ווו די ביימער וועלן פאַלן אויף דער ערד...

איז אָבער אויך דאָ אַ צווייטע זייט פון דער מטבע, אַרויסגע־בראַכט דורך פּראָפּימאָון. ער זאָגט: פון יעדן קאַרש אין סאַד, פון אַן איינציקן צווייג און בלאַט, האָבן מענטשלעכע וועזנס אויף דיר געקוקט. אין דען טאַקע מעגלעך, דו זאָלסט נישט הערן זייערע שטימען?...

מיר וויסן דאָך ווי טשעכאָוו האָט שטאַרק געפּייניקט דער וואַנדאַליזם פון אויסהאַקן ביימער. ער גיט אַריין אין מויל פון זיין העלדין ראַיעווסקאַיאַ, די ווערטער: — איך בין דאָ געבוירן געוואָרן, מיינע עלטערן האָבן דאָ געלעבט, אַזוי אויך מיין זיידע. איך קען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן מיין לעבן אָן דעם קאַרשן־סאַד. אויב ער מוז פאַרקויפט ווערן, פאַרקויפט מיך צוזאַמען מיט אים!

אין דער דראַמע האָט טשעכאָוו אויך אַריינגעפּלאַכטן אַ טיראַדע קעגן דער רוסישער אינטעליגענץ. ער באַשולדיקט זי אין גאָר נישט טאָן, נאָר בלויז רעדן וועגן וויסנשאַפט, קונסט, וואָס זי פאַרשטייט אַליין גאַנץ ווייניק. „זיי שרייבן אין זייערע ראָמאַנען וועגן זאַכן וואָס זענען נישטאָ, און דאָס וואָס איז יאָ דאָ — שמוץ, ווולגאַריטעט — פאַרשווייגן זיי. זיי געפעלן מיר נישט. איך האָב מורא פאַר זייערע ערנסטע שמועסן”. דער מחבר זאָגט דורך דער ראַיעווסקאַיאַ: „...דאַרפסט נישט זען קיין פאַרשטעלונגען, נאָר זען זיך אַליין, ווי גרוי עס זענען אונדזערע לעבנס”...

נישט געקוקט אויף דער אַנדערשקייט פון סוזשעט און כאַראַק־טערן, זענען דאָך אין דער דראַמע דאָ די זעלביקע תוכיקע עלעמענטן ווי אין די אַנדערע דראַמעס און דערציילונגען זיינע. אוודאי איז פאַ־ראַן אַ גרויסער אונטערשייד פון דראַמע ביז דערציילונג, און נישט בלויז אין דער דראַמאַטישער טעכניק און קאָנסטרוקציע; אויך אין די סיטואַציעס, פאַסירונגען ביי די צענטראַלע פיגורן, וואָס טוען באַגלייטן דעם גאַנג פון דער גאַנצער סצענאַריע.

און לאָמיר נאָך אַ מאָל אונטערשטרייכן, אַז ס'איז גאָר נישט קיין צופאַל וואָס טשעכאָווס דראַמעס גייען נישט אַראָפּ פונעם רעפּער־טואַר אין מאָדערנעם טעאַטער. וואָלט טשעכאָוו נישט געווען דער גוטער דראַמאַטורג פער עקסעלאַנץ, וואָלטן זיינע פּיעסן זיך באַדעקט מיט שטויב, ווי ס'איז דאָך געשען מיט אַזוי פיל דראַמע־שרייבערס, אַלטע און נייע. וויל איך אונטערשטרייכן: נאָך דער דראַמע פון אַבסורד און פאַרלוירנקייט, יאוש און פאַרלוירענע האָפענונג, איז די טשעכאָוו־

דראַמע אַן אָפּפרישונג! זיין אָפּטימיסטישער טאָן און גלויבן, אַז טראָץ אַלעמען, גייט דאָך די מענטשהייט פאָרויס, צו אַ מער פּערפעקציע פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ (ער האָט דאָך דאַן נישט געוווּסט פון אוישוויץ...), און דעריבער פּירט ער אויס אַלעגאָריש: — דאָ איז די לבנה. דאָ קומט זי. קומט תמיד נענטער און נענטער. איך הער איצט אירע פוסטריט. און אויב מיר וועלן זי נישט זען, — — — וועלן אַנדערע זען. — — —

וויל איך נאָר לסוף צוגעבן אין וואָס פאַר אַ באַדינגונגען טשע־כאָוו האָט געשריבן און פאַרענדיקט זיין לעצטע דראַמע — דער קאַרשנ־סאַד. געווען זענען דאַן די לעצטע חדשים פון זיין לעבן. זיין צושטאַנד, גאָר סכנותדיק. און נישט געקוקט אויף זיין שווערן מצב, איז ער געזעסן ביים טישל, און צווישן איין בלוט־אָנפאַל און אַ צווייטן, גע־שריבן שורות, אפילו שוין מיט אַ האַנט וואָס איז געווען קאַלט. עס זענען געווען טעג פון זיין קראַנקייט ווען ער האָט אפילו נישט גע־קענט אָנשרייבן קיין פּאָר שורות. דער מאַנוסקריפּט איז געלעגן ביי אים אויפן טישל לאַנגע וואָכן און ער האָט זיך צו אים נישט געקענט צורירן, נאָר בלויז קוקן פון דערווייטנס אויפן אומפאַרענדיקטן מאַ־נוסקריפּט. ער האָט געשפּירט ווי עס גייען אים אויס די כוחות און ער קען אפילו קיין וואָרט צום כתב־יד שוין נישט צוגעבן.

דאָך האָט ער נאָך מיט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען באַ־וויזן צו פאַרענדיקן די פּיעסע, גובר געווען זיינע פיזישע און פּסי־כישע שטערונגען און נאָך פאַרענדיקט צום טערמין וואָס ער האָט זיך געשטעלט. דאָס ווייזט וואָס פאַר אַ שטאַרקער ווילנסקראַפט עס האָט געלעבט אין דעם מענטש; וואָס פאַר אַ שעפערישער ווילנסקראַפט ער האָט געמוזט פאַרמאָגן צו קענען פאַרענדיקן די דראַמע גאַנץ קורץ פאַר זיין טויט. אַז ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר די גרעסטע שוועריקייטן, ווען ער האָט זיך געשטעלט אַ ציל, האָט מען דאָך געזען בעת זיין רייזע קיין סאַכאַלין. אַזוי אויך שפּעטער, פאַר זיין טויט שוין, ביי דער קאָמפּאָזיציע פון „קאַרשנסאַד“.

פרויען אין טשעכאָווס לעבן

לעצטנס איז דערשינען אַ ניי ביאָגראַפיש בוך וועגן אַנטאָן טשעכאָוו, אין וועלכן עס זענען דאָ נייע מאַטעריאַלן פון פּריוואַטע אַרכיוון, וואָס זענען פריער נישט געווען צוטריטלעך פאַר טשעכאָווס ביאָגראַפן.

פאַר פאָרשערס זענען פּריוואַטע בריוו־קאָלעקציעס ממש אַ גאָלד־גרוב. פון פּריוואַטע בריוו קען מען אָפט זען דעם מענטש אונטער

דער מאָסקע; ווי ווייט דער מענטש איז געווען פון דעם אָרעאָל אין וועלכן ער איז געווען עפנטלעך איינגעהילט, דורך די געשאַפענע לעגענדעס און מיטאָסן, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אַרום אַן אויסגעקלונגענעם נאָמען... פאַרשערס־ביאָגראַפן ווילן בעיקר זען דעם מענטש נישט אין עפנטלעכער פּאָזירונג, נאָר אין שטוב־פּאַנ־טאָפל, אָן שמינקע און אָן רעטושירונג, אין זיין פּריוואַטן לעבן.

די נייע מאַטעריאַלן אין דער טשעכאָוו־ביאָגראַפיע, וואַרפן מער ליכט אויף זיין פּערזענלעכן לעבן און די ראָל, וואָס פרויען האָבן געשפּילט אין דעם קורצן שפּאַן פון זיין עקזיסטענץ. ווי באַוווּסט האָט טשעכאָוו געהאַט אַ סך דערפאָלג ביי פרויען. פון די פּאַטאָס אין די ביאָגראַפישע ווערק, קענטיקט זיך שטאַרק דער הדרת־פּנימדיקער מענטש, מיט שמייכלדיקע אויגן, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ מאַגנעטישן כוח אויף פרויען, זיי האָבן געזוכט זיין געזעלשאַפט און אונטערהאַלטונג.

וואָס שייך אינטימע באַציונגען מיט פרויען, איז באַקאַנט זיין ליבע מיט דער שיינער, יונגער אַקטריסע, לידיאַ יאַוואָרסקאַיאַ. גע־קומען איז זי קיין מאָסקווע מיט דעם טעאַטראַלן אַנסאַמבל „קאָרש־טעאַטער" און זיך באַקענט מיט טשעכאָוון. געווען איז זי שוין אַ געגטע פון איר ערשטן מאַן. עס איז כאַראַקטעריסטיש וואָס פון די „איבערשטע פענצטער" אין רוסלאַנד האָט מען אַלע אירע בריוו צו טשעכאָוון אַרויסגעלאָזט אויף דער ליכטיקער שייך, אָבער פון אים צו איר — נאָר איין אײנציקן בריוו! ווי מיר וועלן באַלד זען פון אַ בריוו־אויסטויש צווישן אַ טשעכאָוו־ביאָגראַפין און די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען, איז עס פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטן ציל וועלכע בריוו זיינע מען קען פאַרעפנטלעכן און וועלכע נישט. דאָס באַציט זיך אויך צו דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן טשעכאָוון מיט דער יאַוואָר־סקאַיאַ. זי שרייבט צו אים בריוו וועלנדיק פעסטשטעלן אויף זיכער זיין באַציונג צו איר. זי בעט ביי אים אַ פּיעסע פאַר אַ בענעפיט־אויפפירונג, אָדער בעת אירס אַ פאַרקילונג, ער זאָל איר ברענגען אַ מעדיצין אין שטוב: „עס וועט דיך אָפּוואַרטן... אַלץ וואָס דו ווילסט נאָר, בפרט איך אַליין... אָן שפּאַס. כ׳בעט דיך שטאַרק, קום צו גיין". דאַטע: 1894. איר נאָענטקייט מיט טשעכאָוון, דער ערנסטער כאַראַק־טער פון זייערע באַציונגען ווערט בולטער פון אירס אַ בריוו, אין וועלכן זי שטעלט אַוועק אויפן „שאַרף פון מעסער" צו באַשליסן וועגן חתונה האָבן מיט איר.

מיט אַ פּאָר מאָנאַטן שפּעטער, איז שוין געווען נאָך אַלעמען... זיי האָבן די קאָרעספּאָנדענץ צווישן זיך איבערגעריסן. איר טרופּע איז פון מאָסקווע אַוועקגעפאָרן אויף אַ טורנעע. ער האָט נישט געוואָלט מיטפאָרן.

באַקאַנט איז זיין ליבע מיט אַ צווייטער לידיאַ, אַ פאַרהייראַטע פרוי, אַ יונגע שרייבערין, לידיאַ אַווילאָוואַ. זי האָט גאַנץ אויספיר־לעך אין אירע מעמואַרן באַשריבן זייערע באַציאונגען, דאָקומענטירט מיט אַ דרייסיק בריוו פון טשעכאָוון.

צווישן די ביאָגראַפן זענען דאָ מיינונגס־פאַרשידנהייטן בנוגע זיינע באַציאונגען צו איר. בעת, למשל, מאַגאַרשאַק, גלויבט אַז ער האָט פון איר געוואָלט אַוועק און צוליב דעם זיין נסיעה קיין סאַכאַ־לין, האַלטן אַנדערע, אַז ער האָט גאָר נישט געדאַרפט פון איר זיך אָפּצוטשעפּען, מחמת ער איז גאָר נישט געווען צוגעטשעפּעט... אמת, אַז זי האָט זיך נאָך אים נאָכגעיאָגט און פון זיינע אומשולדיקע לייכטע פלירטן „געמאַכט אַ גאַנצן צימעס”. אין אירע מעמואַרן (1943) קענ־טיקט זיך טאַקע מער פלירט (פון זיין זייט), ווי אַן ערנסטע באַציונג צו פאַרבינדן זיך מיט איר.

וויל איך דאָ באַמערקן, אַז טשעכאָוו באַשרייבט אין זיינס אַ דער־ציילונג וועגן בחורים, וואָס מיידן אויס צו ווערן אויף ערנסט אַריינ־געצויגן מיט מיידלעך מיט וועלכע זיי פלירטעווען. ווייזט אויס, אַז ס'איז אין דער שילדערונג פאַראַן עפּעס אויטאָביאָגראַפיש פון זיין פערזענלעכער דערפאַרונג. די שרייבערין מאַריאַ קיסעלעוואַ, וואָס האָט אָבסערווירט טשעכאָוון בעת אַזעלכע אויסמיידונגען, האָט אין אַ בריוו צו אים גאַנץ סאַרקאַסטיש געשריבן וועגן אָט דער „טעכ־ניק” זיינער. איך ציטיר: „צייטנווייז שטעל איך זיך פאָר דיין טרעפן זיך מיט אַ יונג מיידל. דיינע אויגן — די דאַזיקע אויגן! — ווי אין דיינע פאָטאָגראַפיעס, אַדורכדרינגנדיקע, און דאָס דאַזיקע מיידל ווערט פשוט פון זיי פאַרלוירן. זי שפּירט אַ ליאַדע מינוט וועט זי אַרויפ־פאַלן דיר אויפן האַלדז... אָבער דו ביסט דאָך שעמעוודיק, און דו ווייסט עס, איז איינס צוויי ווערט דיין פנים פאַרענדערט... עס באַ־ווייזט זיך אַן אומרואיקער אויסזען און דו גייסט אַוועק שרייבן. די זעלבע געשיכטע חזרט זיך איבער מיט אַנדערע מיידלעך און דער קרבן ווערט צוגעפירט צום העכסטן מאָמענט פון ליבע און פאַר־צווייפלונג, און זי ווערט נישט געזונט צוליב עפּעס אַן אינטערעסאַנ־טער קראַנקייט...”

צו דער שילדערונג קען איך צוגעבן, פון אַן אַנדער קוועלע, וועגן די יאָרן בעת ער האָט געלעבט אין יאַלטאַ (קרים), פלעגן אויף דער „פּראָמענאַדע” אים נאָכפאָלגן מיידלעך. אין טשעכאָוו־אַרכיוו געפינען זיך בריוו, גאַנץ פאַטעטישע, למשל פון איינער אַ פּיאַניסטין, פאַרליבט אין אים איבער די אויערן און זי שרייבט אים: „. . . דער געדאַנק אַז דיך גייען נישט אָן מיינע ליידן מאַכט מיך פשוט משוגע . . . אַמווינציקסטן, פרעטענדיר כאָטש, אַז כ'זע דיר אויס סימפּאַטיש . . .

כ׳זאָל זיך אַליין מיט דעם זיך קענען אָפּנאַרן... וואָס פאַר אַ שאָדן קען עס דיר ברענגען?... אַנדערש וועל איך נישט קענען לעבן״.

דאָס זענען די קוריאָזן פון זיין דערפאַלג ביים שיינעם מין. אָבער גאָר אַנדערש איז עס צוגעגאַנגען מיט די דערמאָנטע שוין ביידע לידיאָס.

און איצט צו דער דריטער לידיאַ, בעסער באַקאַנט מיטן נאָמען ליקאַ מיזינאָוואַ. געווען איז זי פון די גאָר נאָענטסטע פרויען אין טשעכאָווס לעבן. אַ זעלטענע שיינהייט, וואָס פלעגט ציען צו זיך דעם אויפמערק, ווען זי פלעגט דורכגיין די גאַס. אַ שטאַרק באַהע־מישער טיפּ, וואָס האָט געקענט אריינגעבן אַ סך לעבעדיקייט אין יעדער קאָמפּאַניע. זי איז נאָר אַלט געווען אַ ניינצן יאָר ווען זי האָט אים באַקענט. און טשעכאָוו — מיט צען יאָר עלטער. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש וואָס אַלע אַן אויסנאַם זיינע ביאָגראַפן, באַ־האַנדלען איר מיט אַ סך מער סימפּאַטיע, ווי דער פרוי מיט וועל־כער ער האָט חתונה געהאַט (אָלגאַ קניפּער).

ליקאַ איז געווען אַן אָפטע ארייַנגייערין צו די טשעכאָווס. מאַשאַ האָט זי זייער גערן געהאַט און טשעכאָוו גופא האָט זיך זייער גוט גע־פילט אין איר געזעלשאַפט. ער האָט דאָך ליב געהאַט שיינע יונגע פרויען. איר פיזישע אַטראַקציע, זי האָט אויך גאָר שיין געזונגען, געטאַנצט און פלעגט אַריינברענגען אויפגעהייטערטקייט אינעם פּראָ־ווינצער הויז פון מאַשא און אַנטאָן טשעכאָוו. ער האָט ארויסגעוויזן אַן אינטערעס אין איר לעבן, אָבער ווייטער פון דעם איז עס נישט געגאַנגען.

דער קאַפּיטל ליקאַ אין טשעכאָווס לעבן ווערט גאַנץ באַרי־כותדיק באַהאַנדלט דורך די טשעכאָוו־ביאָגראַפן. זיי שטעלן זיך אָפּ אויף פּרטים און זוכן די הויפּט־סיבות פאַר וואָס ער האָט מיט איר זיך נישט געוואָלט פאַרבינדן. מאַשא האָט עס מאָטיווירט מיט ליקאָס נישט באַלאַנסירטקייט, אַריינצופאַלן אין שטימונגען פון איין עקסטרעם צו אַ צווייטן, פון חי—געלעבט צו אַ פּלוצלונגער דעפּרעסיע. אויסער דעם, האָט זי אַ סך געריכערט, געטרונקען און פלעגט איבערכאַפּן די מאָס ביז צו וווּלגאַריטעט. מעגלעך טאַקע, אַז ער האָט דערפאַר מורא געהאַט עס זאָל נישט גורם זיין אַ צעשטערונג פון זיין פּסיכישן גלייכגעוויכט און שטערן זיין ליטעראַרישע אַרבעט, וואָס איז פאַר אים געווען וויכטיקער ווי זיין לעבן.

נויטיק צו באַמערקן, אַז ליקאַ האָט ביי איר גאַנצער באַהע־מישקייט אויך געטראַכט וועגן תכלית־זאַכן. דאָס קענטיקט זיך גלייך פון זייער ערשטן בריוו־אויסטויש.

אויף דעם אָרט זאָל דערלויבט זיין די דיגרעסיע, אַז ווייט נישט אַלע בריוו וואָס זי האָט געשריבן צו טשעכאָוון, האָבן באַוויזן

(צוליב „די הויכע פענצטער״) צו דערזען די ליכטיקע שיין. עס איז פשוט פיקאַנט צו לייענען, וואָס עס האָט געשריבן דר. ווירדזשיניאַ סמיט, איינע פון די טשעכאָוו־ביאָגראַפן (אין ענגליש), צו דעם מאַנוסקריפּט־דעפּאַרטמענט פון דער לענין־ביבליאָטעק אין מאָסקווע מען זאָל איר געבן אַ פולע אָפּשריפט פון לידיאַ (ליקאַ) סטאַכאָיעוונאַ מיזינאָוואַס בריוו צו טשעכאָוון. דערביי האָט זי אונטערגעשטראָכן, אַז דער מאַנוסקריפּט־דעפּאַרטמענט האָט נאָר פאַרעפנטלעכט אַ טייל פון לידיאַס בריוו, אויך זיי נאָר סקיצירט.

אויף דעם איז געקומען דער ענטפער: „דאָס וואָס איז געוואָרן דורכגעלאָזט איז נוצלאָז״. די דערמאָנטע ביאָגראַפין געהערט אָבער נישט צו די, וואָס „לאָזן זיך שפּייען אין קאַשע אַריין״ האָט זי זיי אָפּגעענטפערט גאַנץ שאַרף: „דאָס איז פאַר מיר צו באַשטימען, וואָס עס איז יאָ נוצלעך און וואָס נישט״. דאָס איז אַ דיגרעסיע, און מיר קערן זיך צוריק אום צו דעם בריוו־אויסטויש צווישן ליקאַן און טשעכאָוון. עס וואַרפט זיך אין די אויגן די דיספּראָפּאָרציע צווישן דעם טאָן פון זיינע בריוו און פון אירע. זי האָט, פאַרשטייט זיך, געפילט, אַז אין זייערע פאַרהעלטענישן איז, אינעם עמאָציאָנעלן זין, נישטאָ קיין קעגנזייטיקייט. דאָס קענטיקט זיך גאָר בולט פון זיינע בריוו צו ליקאָן.

האָט זי זיך געוואָלט איינרעדן, אַז דורך אירע גאָר אָפטע באַזוכן ביי די טשעכאָווס (אין זייער פּראָווינצער ווינונג) וועט ער ווערן צו איר מער צוגעבונדן. זי פלעגט דערליידיקן זיינע שליחותן קיין מאָסקווע, צוריקברענגען אַ ביסל נייעס פון דאָרטן, און אַ ביסל פּליאָטקעס. דאָס אַלץ איז טאַקע געווען גוט און ווויל, אָבער עמאָציאָנעל איז ער נישט געוואָרן מיט איר אינטימער. אייניקע פון זיינע ביאָגראַפן מיינען, אַז זי האָט געמאַכט דעם פעלער פון צופיל זיך אויפעפענען פאַר אים. וואָס עס זאָל נישט האָבן געווען די סיבה, דאָס אָדער עפּעס אַנדערש, דער פאַקט איז, וואָס זי האָט זיך ענדלעך איבערצייגט, אַז קיין ליבע און פאַרבינדונג מיט אים וועט נישט זיין — אפשר אויך אים אָפּצוטאָן — האָט זי זיך פאַרפלאָנטערט אין אַן אוּמאָנטורע־ליבע מיט אַ פאַרהייראַטן מאַן, מיט דעם שרייבער פּאַטאַפּענקאָ (דורכאויס געוואָלט האָבן לעבן זיך אַ שרייבער!). פאַרברענגט מיט אים אין אויסלאַנד, פאַרשוואַנגערט — און ער האָט זיך גאַנץ שנעל אָפּגעטראָגן פון איר.

דאָס מיידעלע וואָס זי האָט געבוירן איז ביי צוויי יאָר געשטאָרבן. אָבער איר לעבן אין אויסלאַנד, אַ פאַרלאָזענע, אַן אייניקע אַליין, אָן פריינד און באַקאַנטע, אַ טראַגישע איינזאַמקייט, אין די שווערסטע באַדינגונגען — דאָס איז געווען דער שוידערלעכסטער קאַפּיטל פון איר לעבן.

זי איז צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד אַ באַלאַדענע מיט פּרוס־טראַציעס און דעפּרעסיע, פון וועלכע ס'איז איר אַנגעקומען גאַנץ שווער זיך צו באַפרייען צוליב איר נאָך אַלץ לײַדנשאַפטלעכער באַ־ציִונג צו טשעכאָוון. זיי פלעגן זיך טרעפן, גאַנץ פרײַנדלעך, אָבער צוריקגעהאַלטן. זי האָט אין אַ בריוו צו אים אַזוי כאַראַקטעריזירט זיין באַציִונג צו איר: „...האָסט תמיד מורא געהאַט פאַר מיין (ליבע) און נאָך אײדער דו האָסט געהאַט אַ סיבה — ביסטו אַנטלאָפן...".

ווי וויכטיק איר לעבנס־געשיכטע און כאַראַקטער ווערט אָפּגע־שאַצט אין רוסלאַנד, קען מען זען פון אַזאַ זאַג ביי לעאָניד גראָסמאַן: „איר ביאָגראַפיע האָט פאַר אונדז אַ גרויסע באַדייטונג ווי אַ היס־טאָרישער דאָקומענט פון דעם ספּיריטועלן קריזיס ביי אַ גאַנצער גענעראַציע". אפשר איז אין דעם זאָג דאָ אַ גוזמא, אָבער פון דעם אָרט וואָס די טשעכאָוו־ביאָגראַפן גיבן איר אָפּ אויף צענדליקער זייטן מיט אויספירלעכע פרטים, באַווייזט דעם שטאַרקן אינטערעס צו אירע בריוו — אַ גאַנצער לעגיאָן — געשריבן צו טשעכאָוון.

דיינע (שפּאַרזאַמע) ענטפערס, מיט שפּאַטיקע שטעכווערטלעך, אַריינזאָגענישן, באַמערקונגען פון אַ לייכטן אַמוזירן זיך, אָבער אויך באַלערנדיקע. אויף דיינער אַ באַמערקונג צו איר — האָסט פאַרוואָרפן אַ שטריק אַרום מיין האַלדז, ענטפערט זי: — אוי, וואָלט איך גע־וואָלט ענגער פאַרציִען דעם שטריק (ווען כ'וואָלט נאָר געקענט), אָבער דאָס איז שוין נישט פאַר מיינע כוחות. (אגב, אין דער זעלבער סיטואַציע איז דאָך אויך מסתמא געווען די יאַוואָרסקאַיאַ). רירנדיק איז אירס אַ בריוו, וואָס זי פאַרענדיקט מיט: „דאָס מיידל וואָס דו האָסט אַוועקגעוואָרפן . . . אָדער אין אַן אַנדער אָרט: — ווער האָט פאַר־נומען מיין אָרט ? . . . נאָך פיינלעכער: — העלף מיר! פאַרבעט מיך נישט, און זע מיך נישט מער. פאַר דיר איז עס מסתמא נישט קיין וואַזשנער ענין, אָבער מיך קען עס העלפן דיך צו פאַרגעסן... מיין שטאַרקסטער פאַרלאַנג איז איצט זיך אויסצוהיילן פון דעם מצב אין וועלכע איך געפין זיך". אַזוי איין בריוו נאָכן אַנדערן פיינלעך און גאַנץ אָפן.

שרייבט טאַקע לעאָניד גראָסמאַן, אַז טשעכאָוו האָט דורך איבער־געבן ליקאַן צו פּאָטאַפּענקאָן „פאַרלוירן די וויכטיקסטע זאַך: לעבן". אגב, ווייזן אַן די טשעכאָוו־ביאָגראַפן אַז ליקאַ איז פאַרקערפּערט דורך נינאַ זאַרעטשנאַיאַ („די מעוועֶ"), און אַז מען קען אַ סך ענ־לעכקייט זען אין די כאַראַקטעריזירטע פּערסאַנאַזשן און געשעענישן מיט די פּאַסירונגען פון ליקאַס לעבן. (למשל, טשעכאָוו — טרעפּ־ליעוו; פּאָטאַפּענקאָ — גריגאָרין). ליקאַ גופא האָט וועגן דעם גע־שריבן צו טשעכאָוון: „יעדער איינער זאָגט דאָ אַז — — — „די מעוועֶ" איז גענומען פון מיין לעבן". נאַטירלעך איז ליטעראַטור נישט

קיין קאַפּיטעלע פון לעבן און דעריבער איז „די מעווע״ נישט קיין פּאָ־טאָגראַפישע אָפּשפּיגלונג פון די אויטענטישע נעמען. און דער ליב־האָבער טרעפּליעוו, וואָס ווערט אָפּגעוואָרפן פון נינאַן, לאָזט זיך נישט אידענטיפיצירן מיט טשעכאָוון, ווען כאָטש איז דאָך אין זיינע פּאַר־העלטענישן מיט ליקאַן זיכער נישט געווען דער אָפּגעוואָרפענער צד. אָגב האָט ליקאַ אין טשעכאָווס לעבן פאַרנומען אַ פּיל וויכטיקערן אָרט ווי עס האָט נינאַ אין דער דראַמע. און נאָך עפּעס: טשעכאָוו האָט דאָך אַ סך דערציילונגען פון אומגליקלעכע ליבעס און ליקאַ האָט אים, לכל הדעות, נישט אינספּירירט אין דער טעמאַטיק און באַהאַנדלונג. מעגלעך אַז די פּיעסע, ווי די אַנדערע פון טשעכאָוון, האָט נישט אַזוי פאַרשפּיגלט אַ דראַמאַטיזאַציע פון אַן אויטענטישער לעבנס־געשיכטע, ווי פון אַן אידיי, אַ קאָנצעפּציע פון טשעכאָווס דראַמאַטישער טעכניק, פאַרקערפּערט אין זיינע דראַמעס.

אָלגאַ קניפּער

טשעכאָוו האָט זיך באַקענט מיט דער אַקטריסע פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער, אָלגאַ לעאָנאַרדאָוונאַ קניפּער, אויף אַ פּראָבע פון „די מעווע״. זי איז אַלט געווען קנאַפּע דרייסיק יאָר. ער — מיט אַ צען יאָר עלטער. ער איז שוין דאַן געווען ערנסט קראַנק און פלעגט צוליב זיין געזונט־צושטאַנד קומען קיין מאָסקווע נאָר צו ספּעציעלע געלעגנהייטן. איך האָב שוין באַמערקט ביי די „פּרוּוען אין טשע־כאָווס לעבן״, אַז אויך לגבי די וואָס זענען מיט אים געוואָרן נענ־טער, האָט ער אויך נישט געוואָלט זיי זאָלן אים האַלטן פאַר אַ קאַנ־דידאַט אויף חתונה האָבן. פון דעם האָט זיך ביי זיי געשאַפן דער איינ־דרוק, אַז די חתונה־אינסטיטוציע האָט זיך עפּעס צו אים נישט צוגעקלעפּט.

אָבער אָלגאַ קניפּער האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג און נישט זייענדיק שוין קיין יונג מיידל, האָט זי געטראַכט וועגן תכלית... היות ער האָט דאָך געוווינט מחוץ מאָסקווע, האָבן זיי פון אָנהייב קאָרעספּאָנדירט אין אַ לייכטן טאָן, אָבער מיט אַקצענטן פון אַן ערנ־סטער פאַרבינדונג. זיי האָבן זיך געטראָפן אין יאַלטאַ, אינטים געוואָרן, און צוזאַמען צוריקגעפאָרן קיין מאָסקווע. בעת דער רייזע האָבן זיי באַשלאָסן חתונה צו האָבן.

פּיקאַנט איז צו לייענען אירס אַ בריוו צו אים מיט אַ חודש שפּעטער. משמעות, אַ קלאַנג איז געווען אַז ער גייט גאָר מיט אַן אַנדערער זיך פאַרבינדן, שרייבט זי אים: „כ׳האָב געהערט אַז דו גייסט מיט עמעצן חתונה האָבן, איז מזל טוב! האָסט הייסט עס נישט

אויסגעהאַלטן, טייערער שרייבער... סאַרקאַסטיש גיט זי צו, אַז סיי ווי וועט זי קומען און צעשטערן עס. „מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגעמאַכט צווישן זיך"...

זי איז אַוועקגעפאָרן צו אים קיין יאַלטאַ, געלעבט מיט אים, אָבער געוואָלט, אַז זייערע באַציונגען זאָלן ווערן לעגיטימירט אין דער קירכע. ביי דעם פּרט האָט טשעכאָוו זיך אָנגעטראָגן אויף שוועריקייטן מצד זיין שוועסטער, מאַשאַ (מאַריאַ). איר איבערגעגעבנקייט צום ברודער איז געווען אין לשער. זי איז פון אָנהייב געווען צופרידן פון זיין באַקאַנשאַפט מיט אָלגאַ קניפּער, אָבער נישט חתונה האָבן מיט איר.

די טשעכאָוו־ביאָגראַפן האַלטן, אַז דאָס איז נישט געווען עגאָצענטריש מצד מאַשאַן. עס איז בלתי ספק געווען איר טיפע זאָרג פאַרן ברודערס געזונט־צושטאַנד. ער מוז צוליבן זיין געזונט לעבן אין יאַלטאַ. אָלגאַ, צוליבן טעאַטער — אין מאָסקווע. וועלן דאָך מוזן זיין רייזעס פון אים קיין מאָסקווע, במילא, מיטן טעאַטער־לעבן, הוליאַנקעס, און מיט דעם גאַנצן טומל ארום. סיי דער מאָסקווער קלימאַט, און דער אַקטיאַרישער בפרט, קען אים אַוועקהרגענען. אגב, איז דאָס אויך געווען די מיינונג פון טשעכאָווס דאָקטאָר, אַלטשולער. ער איז אויך געווען קעגן דעם שידוך.

טשעכאָוו פאַרויסזעענדיק דער שוועסטערס רעאַקציע האָט באַשלאָסן זיין חתונה מיט אָלגאַן זאָל פאַרקומען געהיים. צו מאַשאַן זאָל עס שוין דערגיין לאחר המעשה. ווען מאַשאַ האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, איז איר דערוואַרטעטע רעאַקציע געווען מיט היסטעריע און אַ שווערער דעפּרעסיע. עס האָט נישט געהאָלפן די דערקלערונג פון טשעכאָוון, אַז זיי האָבן דאָך נישט געקענט כסדר „לעבן אין זינד"... און זי האָט צוליב איר משפחה געמוזט האָבן די ברכה פון דער קירכע...

מאַשאַ האָט שרעקלעך איבערגעלעבט די געשעעניש, און איך האַלט פאַר נויטיק זיך לענגער אָפּצושטעלן אויף דעם קאָמפּליצירטן פּסיכאָלאָגישן פּראָבלעם.

לאָמיר באַטראַכטן דעם סובטעלן ענין: פון דער פאַמיליע טשעכאָוו טיילן זיך אויס די צוויי יונגערע קינדער, אַנטאָן און מאַשאַ (מאַריאַ). עס פאַרבינדט זיי שפּעטער אויך אַ גייסטיקע נאָענטקייט. ער — אַ באַרימטער שרייבער. זי אַ הויך־געבילדעטע, וואָס פירט אָן מיט אַ קורס פון העכערער בילדונג פאַר פרויען. מאַשאַ איז מקריב איר פּערזענלעכן לעבן פאַרן ווייל פון איר באַליבטן ברודער, וואָס נויטיקט זיך אין איר אויפזיכט איבער זיין געזונט־צושטאַנד.

אויסער זיין געזונט, איז אפשר אויך געווען, אין איר אונטערבאַוווּסטזיין, די מורא, אַז אויב איר ברודער וועט חתונה האָבן, וועט

זי אָנווערן די פּאָזיציע, וואָס זי האָט אין איר ברודערס לעבן, ווי זייך־אומעטום־באַגלייטערין. בעת ער איז געפאָרן אויף זיין געפּער־לעכער נסיעה קיין סאַכאַלין, און מאַשאַ האָט נאַטירלעך שוין נישט געקאָנט מיט אים מיטפאָרן, האָט ער אויך זיך שטאַרק גע־זאָרגט, ווי זי וועט לײדן צוליב זיין אָפּוועזנדיקייט. און ווען כ׳רעד וועגן אונטערבאַוווסטזיין, מיין איך דערמיט צו אונטערשטרייכן, אַז מאַשאַ וואָלט אויך געליטן ווען טשעכאָוו האָט חתונה מיט וועמען ס׳איז, מחמת עס וואָלט צוגענומען עפּעס פון איר אייגנטום...

יאָ, מאַשאַ האָט שרעקלעך איבערגעלעבט די געשעעניש, אָבער עס האָט נישט געקענט פאַרמינערן איר איבערגעגעבנקייט און נאָ־ענטקייט צו טשעכאָוון. עס האָט זיך פאַרבעסערט אויך אירע באַצי־אונגען מיט דער שוועגערין, דערביי איז כסדר צווישן די צוויי פרויען אײנע געווען איפּערזיכטיק אויף דער אַנדערער. צו ווע־מען פון זיי איז אַנטאָן מער צוגעבונדן? תמיד גרייט צו באַליידיקן זיך אײנע אויף דער אַנדערער. איך טראַכט נישט איין מאָל, וואָס פאַר אַ שונדאָווניק עס איז דער לץ אינעם מענטשלעכן לעבן. וואָס פאַר אַ שפּיצלעך ער טוט אָפּ זײנע „קליענטן״, שאַפט אַזעלכע קור־יאָזן, ווי מיר זעען עס דאָ אין דער געשיכטע: מאַשאַ האָט אַ „האַנט״ אין טשעכאָווס באַקאַנטשאַפט מיט אָלגאַן. זי באַשטייט אָלגאַ זאָל זיין דעם ברודערס געליבטע, אָבער נישט ווערן זיין אָפיציעלע ווייב. ווען דאָס איז יאָ געשען, באַמיט זיך טשעכאָוו די בײדע פרויען זאָלן זיך איבערבעטן און ער פועלט עס. מאַשאַ שרייבט דאַן צו איר שוועגערין אַזאַ בריוול: „נו, מיין טייערע אָלעטשקאַ, נאָר דיר איז געלונגען חתונה צו האָבן מיט מיין ברודער! ווי פּעסט דער מענטש איז געשטאַנען, ווי ער האָט זיך קעגנגעשטעלט די קאַנדידאַטקעס, ביז דער גורל האָט אים אַ כאַפּ געטאָן און דאָס איז דער פינאַל פון דעם ענין. יאָ, אייער חתונה־צערעמאָניאַל האָט מיך געטראָפן ווי אַ שווידערלעכע זאַך — אַזאַ אַנשטרענג פאַר אַנטאָנען. ער איז דאָך אַ קראַנקער מענטש. איך האָב צום וויפלטן מאָל זיך אַליין געפרעגט: צו וואָס האָסטו עס באַדאַרפט? אוי, האָב איך פון דעם געליטן, ווען דו מיין טייערע וואָלסט געוווּסט! אָבער איצט, ווען ס׳איז שוין גע־שען, איז אַלץ אָפּהענגיק פון דיר. איך האָף אַז דו וועסט זיין מיט מיר נאָענט און בלייבן אָט דאָס וואָס ביסט תמיד געווען פאַר מיר...״

ווייסן מיר נישט וואָס אָלגאַ האָט אַרויסגעלייענט צווישן די שורות פון מאַשאַס בריוו. וואָס מיר ווייסן יאָ איז: אַז די מיטציײט־לערס פון טשעכאָוון האָבן צו אָלגאַן אַרויסגעוויזן זייער אָפענע אַנטיפּאַטיע! זי האָט, נאַטירלעך, געוווּסט עס און מאָטיווירט (אין אירע בריוו צו טשעכאָוון אין יאַלטאַ) מיט בײזווילֵיקער נישט־פאַר־גינערישקייט. באַמערקט וועגן דעם די ביאָגראַפין, ווירדזשיניאַ

סמיט, אַז דאָס וואָס מען האָט דעמאָלט געשריבן וועגן אַלגאַן, וואָלט היינט געווען אַ געוונגנדיקער מאָטיוו פאַר אַ „לייבל"־פּראָצעס.

איך האָב שוין באַטאָנט, אַז טשעכאָווס מיטצייטלערס און קרי־טיקערס האָבן אַרויסגעוויזן מער סימפּאַטיע פאַר ליקאַן, ווי צו אַלגאַן. אָבער ס׳רוב איז דאָס שוין געהאַט געשריבן געוואָרן בעת ליקאַ האָט שוין נישט געלעבט (זי איז געשטאָרבן, פאַרהעלטנישמעסיק, יונג, אין 1937), איר לעבנס־געשיכטע איז גוט באַקאַנט און באַאַרבעט אין פאַר־שידענע וואַריאַציעס. אַלגאַ טשעכאָוו האָט דערלעבט ביזן טיפן עלטער פון נייַנציק יאָר (געשטאָרבן אין 1959) און אירע (זי האָט געזאָגט „נישט פאַרגינערס") קריטיקערס האָבן איר כסדר אַרויפ־גענומען „אויפן טיש".

אודאי, ווען מען הייבט אָן „בודק חמץ זיין" די קאָרעספּאָנדענץ צווישן מאַן־און־ווייב און מען זוכט מיט ליכט צווישן די שורות, וועט מען שוין עפּעס אויסגראָבן געוויסע סימנים פון רייבונגען, שפּאַ־נונגען, טענות, אויב נישט וועגן ערנסטע איז וועגן טריוויאַלע זאַכן. אַט למשל, זענען טשעכאָווס טענות צו איר, אַז זי האָט אים נישט געשיקט (פון מאָסקווע) דעם געהעריקן שרייב־פּאַפּיר, אָדער אַ שלעכטן טינט. איז ריכטיק, אַז ביז זייער חתונה האָט מען אין זייערע בריוו נישט באַהאַנדלט אַזעלכע פּרטים. אָבער מאַכן פון דעם דעם אויס־פיר, אַז ער איז געווען אומגליקלעך נאָך דער חתונה מיט איר — איז עס, לפי דעתי, צופיל אויסגעצויגן. זיינע שטימונגען האָבן מער געהאַט צו טאָן, וואָס אויך נאָך דער חתונה האָט ער געמוזט וויטער לעבן אַליין און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ געוויסע צערייצטקייט אין זיין געמיט.

האָבן אירע קריטיקערס שאַרפע טענות אַרויסגערוקט, אַז זי האָט נאָר געהאַט אין זינען איר אייגענער קאַריערע און נישט ווי געהעריק געזאָרגט פאַר זיין געזונט, ווי עס טוט געוויינטלעך אַ גוטע איבער־געגעבענע ווייב. זי האָט זיך פאַרטיידיקט אַז טשעכאָוו וואָלט סיי ווי נישט איינגעגאַנגען אויף דעם, און מיר וועלן שמועסן נאָך וועגן דעם אין שייכות מיט דער לעצטנס־דערשינענער ביאָגראַפיע וועגן אַלגאַ טשעכאָוו, (אַ העלפט פון דעם ביאָגראַפישן בוך איז אָפּגעגעבן די פיר יאָר פון איר צוזאַמענלעבן מיט טשעכאָוון).

ווען מיר רעדן וועגן זיין לעבן אין יאַלטאַ, דאַרף מען געדענקען ווי פיינט ער האָט געהאַט די שטאָט במשך פון די אַלע יאָרן וואָס ער האָט געמוזט דאָרט לעבן. פונקט ווי אַ שוליינגל קוקט שוין אויס זיינע וואַקאַציעס, פריי ווערן פון שול און אָוועקפאָרן, אַזוי האָט טשעכאָוו אויסגעקוקט דעם מאָמענט צו פאָרן קיין מאָסקווע און זיך דאָרט אָפּרישן אַ ביסל. דאָס מיינט: ער וואָלט סיי ווי געבענקט נאָך מאָסקווע אַפילו דאָרט זאָל אויף אים נישט וואַרטן זיין געליבטע

(אַלגאַ). זיין בענקשאַפט נאָכן מאָסקווער לעבן אין קאָנטראַסט צו דער מאָנאָטאָנער יאַלטאַ, קען מען זען פאַרקערפּערט אויך אין דער דראַמע „דריי שוועסטערס" און דעם פּאַטעטישן אויסגעשריי: „קיין מאָסקווע!"

ווען מען לייענט טשעכאָווס בריוו צו אַלגאַן די ערשטע חדשים נאָך זייער חתונה זעט מען אַז זיי זענען פול מיט פרייד, כאָטש עס קומט אים דאָך אויס וויטער — צוליב זיין קראַנקייט — זיין מיט איר צעשיידט. ער שרייבט איר: „כ'האָב איצט אַלץ. איך פיל דיין אַנוועזנדיקייט טאָג און נאַכט". נאַטירלעך, האָט ער מגזם געווען ביים זאָגן „איך האָב איצט אַלץ". די געצוווּנגענע סעפּאַראַציע האָט גורם געווען אַ געפיל פון אַן אומגליקלעך לעבן, און ער האָט זיך זיכער אָפּגעגעבן פון דעם אַ חשבון הנפש, דורך די עטלעכע יאָר פון זיין געמיינזאַמען לעבן מיט אַלגאַן.

די קאָרעספּאָנדענץ מיט איר ווייזט, אַז יאַלטאַ איז ביי אים געווען אַ מין תפיסה אַפּיצן, בעת אַלגאַ אין מאָסקווע האָבן באַטייט — חי־געלעבט! די אַקטיאָרישע הוליאַנקעס דאָרטן האָט זיין לעבן דאָ געמאַכט אויסזען נאָך מער מיזערנע, ווי אין דער ווירקלעכקייט.

זי ווידער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז זי טוט אים און זיך אַן עוולה אין גלאָמאָריזירן דאָס מאָסקווער לעבן אין אירע בריוו. מיט קנאה שרייבט ער איר: „וואָס פאַר אַ פריילעך לעבן דו האָסט און וואָס פאַר אַ פאַסקודנעם לעבן איך פיר". אַלגאַס שאַרפע קריטיקערס צע־לייגן דאָס אויף טעלערלעך און טשעפּען זיך צו אירע בריוו, וואָס זענען אָן באַטייט אינעם לעבן ביי געוויינטלעכע פאַר פעלקער, אָבער נישט ביי אויסגעקלונגענע נעמען.

ווען איך האָב געלייענט די שטעכיקע באַמערקונגען, פון אירע קריטיקערס (ווי שוין דערמאָנט, איז אין אונדזער צייט וואָלט דאָס געקענט זיין קעגן זיי אַ לייבל־פּראָצעס), נייגעריקע אויגן און אויערן, צוגעשפּיצטע צום שליסללאָך אויפצוכאַפּן יעדע קרומע מינע, אַ שאַרף וואָרט, וואָס פלינקע רעפּאָרטערן פאַר סענסאַציאָנעלע צייטונגען פּראַק־טיצירן אין זייער פּראָפעסיע. ווייזט אויס, אַז עס געהערט נישט בלויז צום צעך פון רעפּאָרטערן פון צווייפלהאַפטע פּרעסע־אָרגאַנען, נאָר אויך צו געוויסע קריטיקערס, וואָס טוען עס דורך ליטעראַרישע פאַרגרעסער־גלעזער...

איבעריק צו אונטערשטרייכן, אַז כ'בין דאָ נישט קיין געדונ־גענער פאַרטיידיקער פון אַלגאַ טשעכאָוו קעגן אירע באַשולדיקערס. זי איז געווען בלתי ספק אַ גאָר גרויסע בינע־קינסטלערין, אָבער אינטעלעקטועל נישט רייף. מען זעט עס פון אירע בריוו און זי באַ־מערקט אַליין: „איך שרייב דאָ פונקט ווי אַ שולמיידל". צו דעם קענטיקט זיך אין איר כאַראַקטער אַ געוויסע פּסיכישע אומבאַלאַנ־סירטקייט. זי פלעגט אין אירע שטימונגען זיך אָפט איבערוואַרפן פון

איך עקסטרעם צום צוויטן. פון אַ שטאַרקער מלא ושמחה קענען פלוצעם אַריינפאַלן אין אַ שטאַרקער דעפּרעסיע (מאָדנע, ווי עס רופט זיך איבער מיט ליקאָס אויפפירונג). זי פלעגט זיך זאָרגן ביי די מינדסטע קלייניקייטן אויף אַן איבערגעטריבענעם אופן, ווי די וועלט וואָלט איר אונטערגעגאַנגען.

טשעכאָוו האָט דאָס פון אָנהייב אויפגענומען, ווי מען נעמט אויף פון אַ קינד זיין אומשולד אין לעבן. ער האָט דאָך אין זיך שאַפן אַזוי שטאַרק אידעאַליזירט אָט די ריינע קינדערשע אומשולד, וואָס ער האָט געוואָלט זען ביי זיינע ראָמאַנטישע העלדינס. אינטערעסאַנט איז צו פאַרגלייכן ווי אַזוי זיינע דערציילונגען און דראַמעס שטימען מיט זיין פּערזענלעכן לעבן. זיינע ביאָגראַפן שטעלן זיך טאַקע אָפּ אויף דעם, צו ווייזן די „שער" צווישן זיינע ליטעראַרישע קאָנצעפּציעס און פּראַקטישן לעבן.

די מעשה איז, וואָס בעת זיינע ווערק זענען אָפּן פאַר אַן אינ־ספּעקציע פאַר יעדן פאָרשער, זענען זיינע פּערזענלעכע לעבנס־באַ־ציִונגען, בפרט מיט פרויען, פאַרבליבן אונטער אַ געוויסן שלייער. דער עיקר דערפאַר, וואָס זיינע בריוו זענען פאַרבליבן נאָך אַלץ, מער ווייניק, אונטער אַ צענזור פון די „איבערשטע פענצטער". די וואָס זענען יאָ דערשינען האָבן אויך געוויסע קאָנטראַדיקציעס בנוגע זיין פּערסאָנאַליטעט. דעריבער אויך חלוקי דעות צווישן זיינע קריטיקערס.

אין זיינע דערציילונגען פאַרנעמען דאָך אַזאַ גרויסן אָרט די פאַרהעלטענישן צווישן מענער און זייערע פרויען, פאַר און נאָך דער חתונה. מען קען עס באַצייכענען ווי: דער קאָנטראַסט צווישן טרוים און רעאַליטעט אינעם חתונה לעבן. עס איז דאָ אַ כינעזיש ווערטל וואָס טוט באַצייכענען חתונה, ווי אַ פעסטונג אין אַ באַלאַגערונג... דער וואָס איז אינעווייניק וויל אַרויס. די פון אויסנווייניק — ווילן אַריין. אַן אויסטראַלישער פּסיכאָלאָג האָט אויף דער זעל־בער טעמע געגעבן אַזאַ דעפיניציע: — חתונה איז אַ „סוויטשבאָ־אַרד" וואָס פאַרבינדט, און יעדער צד דאַרף זאָרגן און היטן אַן אָפענע קאָמוניקאַציע־ליניע. בפרט, ווען עס מאַכט זיך אַ „פאַנטשער".

דאָס ברענגט אונדז צו די „פאַנטשערס" אין טשעכאָווס באַצי־אונגען מיט אַלגאַן... פון זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט פרויען קענטיקט זיך, אַז ער האָט זעלטן מיט וועמען פון זיי דורכגעלופּטערט ליטע־ראַרישע ענינים פון זיין צייט. געוויינטלעך זענען זיינע בריוו נאָר וועגן געזונט זיינעם, וועטער, אָדער וועגן זיינע ליטעראַרישע פּלע־נער אין אַ פּאָר אָנמערקונגען. טייל מאָל, אויך אַ פּאָר — פליאַט־קעלעך אויפגעכאַפּטע... נאָר מיט אַ פּאָר פרויען, וועמענס ליטעראַרישע מיינונגען האָבן אים אינטערעסירט, און ער האָט זיך מיט זיי גע־

רעכנט. למשל, מאַריאַ קיסעלעוואַ; עלענאַ שאַוראַוואַ — מיט זיי האָט ער זיך שוין יאָ דורכגערעדט וועגן ליטעראַרישע פּראָבלעמען.

צוריקקערנדיק זיך צו די „פּאַנטשערס" (אין טשעכאָווס באַ־ציונגען) איז נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף קאַרזוועי פּריטשערס ביאָ־גראַפיע וועגן אָלגאַ קניפּער־טשעכאָוו. דער ביאָגראַף ווייזט אָן אויף די צאַרטסטע בריוו פון מאַן צו איר, אָבער ער האָט זיך קיין מאָל מיט איר נישט געטיילט אין ענינים וואָס האָבן אַ שייכות געהאַט צו זיין אינטע־לעקטועלער וועלט. זיין אינעווייניקסטע גייסטיקע וועלט איז פאַר איר געווען כמעט פאַרשלאָסן, און זי האָט פון דעם גאַר שטאַרק גע־ליטן! זי האָט זיך באַטראַכט נישט נאָר פאַר אַ שוישפּילערין, נאָר אויך ווי איינע פון דער רוסישער אינטעליגענץ (כאָטש זי האָט גע־שטאַמט פון דייטשע אבות, אָבער אַליין שוין געווען אַ פולשטענדיקע רוסין, פונעם בורזשואַזן אינטעלעקטועלן קלאַס). דעריבער האָט זי דעם מאַן נישט געקענט שענקען, וואָס ער האָט זיך פון איר אינטע־לעקטועל געהאַלטן אָפּגעזונדערט און פאַר קיין פאַל זיך נישט גע־וואָלט אויפעפענען...

איך וועל נישט געבן דאָ קיין ציטאַטן פון אָלגאַס בריוו, ווו זי באַקלאָגט זיך — און מיט אַ קריגערישן טאָן — אַרום איין און דער זעלבער טענה, וואָס זי חזרט איבער אין וואַריאַציעס. („זיי אָפן מיט מיר וועגן אַלצדינג. שרייב מיר אַלץ אַרויס. האָב נישט מורא, איך קען אַלצדינג פאַרשטיין. קענסטו מיך? אָדער דו ליבסט, נישט קענענ־דיק מיך..."). אויך דאָס וואָס איז ביי טשעכאָוון געווען פאַרבונדן מיט זיין צוריקגעהאַלטענער נאַטור, האָט זי אויסגעטייטשט שלעכט („איך האָב מורא אַז דו באַטראַכסט מיך פאַר אַן אומנויטיקן באַלאַסט אין דיין לעבן...").

אויף דעם ענטפערט ער איר ליבלעך: („איך הער נישט אויף אפילו קיין איין מינוט צו טראַכטן וועגן דיר"). אָבער אַזעלכע רייד גיבן איר נישט קיין באַפרידיקונג. זי וויל אים האָבן פאַר זיך אינגאַנצן, נישט בלויז עמאָציאָנעל, נאָר אויך אינטעלעקטועל צו זיין מיט איר אינטים אָפן. זי קען אָבער נישט באַגרייפן, אַז ער קען מיט איר ניט זיין אין גאַנצן אָפן, מחמת ער וויל נישט דער שוואַרצער שאָטן פון זיין פאַרויספילנדיקן, גאָר נאָענטן טויט, זאָל אַריין אין זיינע בריוו צו איר. זיכער האָט ער, ווי אַ מעדיקער, געהאַט די פולע אַנונג ווי ווייניק צייט עס איז אים נאָך געבליבן, דעריבער וויל ער זי זאָל וואָס שנעלער האָבן מיט אים אַ קינד — אַ לעבעדיקער זכר זאָל בלייבן... בעת די געשפּאַנטע באַציונגען צווישן זיי, האָט זי אים געגעבן אַ שאַרפע וואַרנונג, אַז זי וועט אַוועקגיין פון אים. בעט ער זיך ביי איר: „...גיי נישט אַוועק פון מיר אַזוי גיך, איידער די האָסט

מיר געבוירן אַ קליין יינגעלע צי אַ מידעלע. ווען דאָס וועט שוין זיין וועסטו דאַן קענען טאָן וואָס דו וועסט וועלן...

אַן אייגן קינד

די ביאָגראַפן ווייזן אָן, אַז טשעכאָוו האָט נאָך פאַר זיין חתונה מיט אָלגאַן נישט געהאַט קיינע אילוזיעס בנוגע זיין גיכן טויט. אין אַ בריוול צו איר שרייבט ער איראַניש: „...ווייזט אויס, אַז ער (אַ גע־וויסער ווישניעווסקי, אָלגאַס אַ באַקאַנטער) רעכנט אויס וואָס דו וועסט גאָר אין גיכן שוין זיין אַן אלמנה... זאָג אים, צו להכעיס, אַז כ׳לאָז איבער אַ צוואה, וואָס פאַרווערט דיך חתונה צו האָבן״. ער פּרוּווט אויך מיט לייכטן הומאָר מאַכן דעם אָנשטעל פון זיין גוטן געמיט בעת זיין פאַרצערנדיקער קראַנקייט (—מיין געזונט זעט אויס שוין צו זיין פון אַ זקן... וועסט אַזוי אַרום אין מיר באַקומען נישט קיין מאַן, נאָר גלייך אַ זיידן״).

וואָס מען לייענט אָבער אויך ארויס פון זיינע בריוו איז זיין ווילן נישט צו לעבן ווי אַן אינוואַליד וואָס „זיפּט מיט אַן עסלעפל דאָס לעבן״. איז דעריבער פאַרשטענדלעך פאַר וואָס ער האָט וואָס גיכער געוואָלט נאָך דערלעבן, צו האָלטן אַן אייגן קינד אויף זיינע הענט. גלייך נאָך זייער חתונה געוואָלט זי זאָל תיכף פאַרשוואַנגערן און זיי אַמוזירן זיך, ווי ס׳איז דער שטייגער,ביים זוכן שוין אַ נאָמען פאַר דאָס נאָך נישט געבוירענע קינד. היות אָלגאַ שטאַמט פון דייטשן, איז זיין המצאה אָנצורופן אים (ביי אַ יינגל) „דער קליינער האַלבער דייטש״...

אָלגאַ האָט געמפלט און טשעכאָוו האָט דאָס צוגעשריבן אירע אַקטיאָרישע הוליאַנקעס. שרייבט ער צו איר: „איך האָב גאָר נישט קעגן דעם דו זאָלסט ווערן באַרימט און פאַרדינען אַ פּערציק טויזנט רובל, — אָבער קודם — זאָלסטו געבוירן מיר אַ קינד. אין איר ענטפער פאַרזיכערט זי אַז זי קען גלייך אויפסניי פאַרשוואַנגערן.

זי מפּלט אָבער אויך ביים צווייטן מאָל. באַשולדיקט ער זי ווייטער אין דעם אופן ווי זי פירט זיך און גיט צו אָט די־טיף־רירנדיקע ווערטער: „מיר מיט דיר איז נאָר פאַרבליבן אַ קורצע צייט צוזאַמען לעבן. אונדזער יוגנט (אויב דו קענסט עס אַזוי באַצייכענען) וועט אַדורכגיין אין אַ יאָר צוויי דריי אַרום. דעריבער מוזן מיר זיך צו־איילן, איינשפּאַנען זיך, ביז עפּעס וועט ארויסקומען״. דער עפּעס מיינט אַ קינד, אָבער ער איז שוין דאַן אַליין געווען רעזיגנירט עס זאָל נאָך קענען געשען (1903).

אָלגאַ האָט נאָך אַלץ נישט געוואָלט אויפגעבן די האָפענונג און

כסדר וועגן דעם גערעדט. זי שרייבט: — טייערער, ווילסט האָבן אַ קינד, איך וויל עס אויך. איך פאַרזיכער דיר. די דאַטע פון בריוו: מערץ 1904. עטלעכע מאָנאַטן שפּעטער האָט שוין טשעכאָוו נישט געלעבט!

מערקווירדיק ווי אַ פּאָר טעג פאַר זיין טויט, האָט ער נאָך מיט אָלגאַן גערעדט וועגן אַט דאָס קליינטשיק מיידעלע וואָס וועט ביי זיי געבוירן ווערן. אָלגאַ האָט אין אין א בריוו „צו אים" (געשריבן שוין נאָך זיין טויט) באַמערקט: „ווי טרויעריק עס איז מיין האַרץ, אַז ס׳בלייבט נישט קיין קינד... דו וואָלסט דאָך עס אַזוי ליב געהאַט..." נאָך איידער זיי זענען אַרויסגעפאָרן קיין דייטשלאַנד האָט ער איר געשריבן: „מיר האָבןביידע געמאַכט אַ בשותפותדיקן פעלער. מיר האָבן ביידע חתונה געהאַט צו שפּעט".

✶

זיין דאָקטער, אַלטשולער, האָט אים געראָטן צו פאָרן קיין דייטשלאַנד אויף קוראַציע. אַ בערלינער ספּעציאַליסט האָט אים עקזאַמינירט (אין טשעכאָווס צימער) און איז אָן אַ וואָרט אַוועק. אָלגאַ איז דערביי געווען און פאַרשטאַנען דעם צושטאַנד זיינעם... זי איז נאָך מיט אים געפאָרן קיין באַדענווײלער (לעבן דער פראַנצויזישער גרעניץ). דעם 29טן יוני האָט ער געקראָגן אַ האַרצאַטאַקע. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זיך אויפגעכאַפּט אַרום איינס ביינאַכט, געהייסן איר רופן גלייך אַ דאָקטער. אָבער עס האָט גענומען צייט ביז ער איז געקומען.

אָלגאַ האָט זיך צוגעקוקט ווי ער גייט אויס פאַר אירע אויגן. ער איז נאָך אַלץ געווען ביים באַוווסטזיין, ווען זי האָט געוואָלט צולייגן אייז צו זיין האַרץ, „מען לייגט נישט קיין אייז אַרויף אויף אַ ליידיק האַרץ", האָט ער נאָך באַוויזן זאָגן ביז דער דאָקטער איז אַריינגעקומען. ער האָט אים גלייך געמאַכט איינשפּריצונגען (פון קאַמפער), געגעבן שאַמפּיין צו טרינקען, צו. סטימולירן דעם אָרגאַניזם צוריק צום לעבן. ער האָט דעם שאַמפּיין אויסגעטרונקען און זיך נאָך אָפּגערופן צו איר, אַז ער האָט אַזאַ גוטן שאַמפּיין לאַנגע צייטן שוין נישט געטרונקען. זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען אין דייטש: „איך שטאַרב" — זיך אויסגעדרייט און אַרום דריי ביינאַכט שוין געווען טויט. די דאַטע ערשטער יולי, 1904.

דעם אָרון האָט מען אָפּגעשיקט קיין פּעטערבורג אין אַ וואַגאָן אויף וועלכן עס איז געווען אַן אויפשריפט: „פרישע אויסטערס". דאָס האָט זיך מאַקאַבריש אַריינגעפּאַסט צו טשעכאָווס שרייבערישן אָנהייב בעת זיין וואָדעוויל־זשאַנער...

אַלגאַ און מאַשאַ — נאָך טשעכאָווס טויט

נאָך טשעכאָווס טויט האָט אַלגאַ געשריבן בריוו „צו אים" אין וועלכע זי האָט זיך פון האַרצן אַראָפּגערעדט וועגן אַלץ וואָס האָט איר געדריקט זינט זי האָט מיט אַנטאָנען חתונה געהאַט. אין צענטער פון אירע אָנגעשטרענגטע באַציאונגען מיט מאַשאַן, באַמערקט אַלגאַ, איז געווען וואָס: „זי האָט תמיד געפילט אַז כ'האָב פון איר צוגענומען ביידע: דיך און דאָס הויז. זי האָט זיך באַטראַכט ווי אַ מאַר־טירערין און זיך אויפגעפירט ווי אַזאַ. שוין פון דעם ערשטן טאָג ווען כ'בין מיט דיר געקומען פון אופאַ קיין יאַלטאַ, איז אַלץ גע־גאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ... ווי איך האָב געליטן! און אַלץ דער־פאַר וואָס מיר האָבן געהאַט אַ קירכלעכע צערעמאָניע". די דאַטע אונטער דעם בריוו: אויגוסט, 1904.

ווען מען לייענט מאַשאַס בריוו, געשריבן אין אַן עפּיסטאָלאַרן נוסח, קענטיקט זיך ווידער אירע געמישטע געפילן צו אַלגאַן. צאָרן, און אויך ווען זיך מיט איר איבערבעטן. מעגלעך אַז ס'איז אַ גוזמא די באַמערקונג פון טשעכאָווס אַ ביאָגראַף, אַז אַ ריס צווישן די ביידע פרויען וואָלט טשעכאָוון אָוועקגעהרגעט. ער האָט אָבער זיכער געגאַרט אײַנצושטעלן צווישן זיי גוטע באַציונגען און מיט גרויס טאַקט געזוכט באַרויקן זײַן שוועסטער. היות עס האָבן קורסירט קלאַנ־גען, אַז אַלגאַ האָט מיט אים חתונה געהאַט צוליב מאַטעריעלע טעמים (ער האָט שוין דאַן פאַרדינט אַ סך פון זײַנע ביכער), פאַרזיכערט ער מאַשאַן, אַז אַלגאַ קען זיך זייער גוט אויסהאַלטן פון אירע פאַרדינסטן און זי איז אומאָפּהענגיק פינאַנסיעל. ער מאָטיווירט זײַן קירכלעכע חתונה־צערעמאָניע, מיט דעם, וואָס איר פאַמיליע איז „אַן אָרנטלעכע, דאָס הייסט, אַ בכבודיקע". ער האָט דאַן געהאַט אַ קוראַציע אין „אַק־סענאָוואָ", געטרונקען דאָרט פערד־מילך. פאַרבעט ער דער שוועס־טער זי זאָל צו אים אַריבערקומען. היות ער איז דאָרט געווען מיט אַלגאַן, איז צו זײַן זאַלבעדריט, האָט מאַשאַ נישט געוואָלט.

צום גליק פאַר ביידע פרויען, וואָס האָבן דאָך אַזוי שטאַרק געטרויערט נאָך טשעכאָווס טויט, האָט זייער פרײַנדשאַפט איבער־געוווּנדן דעם קריזיס און עס האָט זיך אײַנגעשטעלט צווישן זיי די בעסטע נאָענטשאַפט. צוליב איר טעאַטראַלער טעטיקייט, האָט אַלגאַ געלעבט אין מאָסקווע און מאַשאַ — אין יאַלטאַ, ווו זי איז געוואָרן דער אַפּיטראָפּוס איבערן טשעכאָוו־מוזיי און אַרכיוו. זי האָט אויך דערלעבט ביז אַ טיפן עלטער, וואָס איז נישט געווען שכיח אין דער טשעכאָוו־פאַמיליע. אין אויגוסט 1948, האָט זי געשריבן צו אַלגאַן, אַז זי איז איצט געוואָרן פינף און אַכציק יאָר אַלט, און „איך טראַכט אַז כ'האָב נישט געלעבט אומזיסט. טייל וויַיז עס אָוועק־

געגעבן מיין טייערן ברודער". דער קרבן איז געווען איר פער־זענלעך לעבן.

אין אירע זכרונות שרייבט מאשא: — איך האב געשפירט, אז איך האב א ציל — מאכן אנטאנס לעבן לייכטער אויף יעדן אופן, טאן אלץ וואס איך קען נאר איינצושפארן אים אומנויטיקע עגמת־נפש. דארף מען צו די שורות אויך צוגעבן וואס עס דערציילט דער שריי־בער ק. ג. פאוטאווסקי וועגן מאשאס ליבע מיט דעם בארימטן קינסט־לער און טשעכאווס נאענטער פריינד — לעוויטאן.

ער האט איר פראפאנירט חתונה צו האבן מיט אים, און זי האט שטארק זיך געררוידלט ביים דערציילן עס. זי האט זיך וועגן דעם בא־ראטן מיטן ברודער און פון זיין אומקלארן ענטפער האט זי גע־דרינגען נישט צו אקצעפטירן.

א צווייטע חתונה־פראפאזיציע האט זי געהאט אויך פון זייערס א פאמיליע־פריינד א. י. סמאגין. ווידער זיך מישב געווען מיט טשע־כאוון. ער האט נישט געזאגט יא צי ניין, נאר ארומגעגאנגען עטלעכע טעג אין שטוב א רעזערווירטער, כסדר אומעטיק. האט זי עס אויס־געטייטשט ווי אומצופרידנקייט אויב זי וועט אקצעפטירן. דעריבער האט זי אויך סמאגינען אפגעזאגט, און דערפאר באקומען פון אים א גאנץ שארפן אריינזאג... אבער זי אליין איז גראד געווען צופרידן פון איר דעציזיע, מחמת „מיין ליבשאפט פאר מיין ברודער האט געליזט דעם ענין". קיינער האט נישט געוווּסט די סיבה פון איר אפ־זאגן זיך חתונה צו האבן מיטן ערשטן ווי מיטן צווייטן, וואס האבן איר פראפאנירט (מעגלעך, אז זי האט אויך געהאט נאך אנדערע פראפאזיציעס, וואס זענען געבליבן אומבאקאנט).

איר ברודער אנטאן האט נאטירלעך נישט געקענט איר אפ־צאלן מיט דער זעלבער מאס געטריישאפט און קרבן. ער איז צו איר געווען זייער גוט. געצאלט פאר איר העכערער אויסבילדונג און ווען ער איז געווען אין אויסלאנד, צי ערגעץ־ווּ אנדערש אן איר, האט ער צו איר מער געשריבן ווי צו טאטע־מאמע. אגב, איז זי געווען די פארמיטלערין צווישן אנטאנען און די עלטערן, זי האט פארגלעט מיספארשטייענישן. עס זענען ווירקלעך געווען גאר הארציקע, קעגנ־זייטיקע גייסטיקע אספיראציעס און לאגיאריקע פאמיליאריטעט, וואס האט ביידע יונגערע קינדער אויסגעטיילט פון די עלטערע ברידער.

כאראקטעריסטיש איז וואס עס שרייבט צו אנטאנען דער עלטע־רער ברודער אין שייכות מיט זיין באציונג צו מאשאן: „...זי האט מורא פאר דיר, קוקט דיר אין די אויגן אריין, מיט אזא הכנעה־דיקייט און פארערונג... דיין באציונג צו איר איז אבער נישט קיין גוטע" שטימט עס מסתמא אין באצוג צו אירע פערזענלעכע עמא־

ציאַנעלע נויטן, געדריקטע שטימונגען, דעפּרעסיע און אומעט נאָך זיין חתונה מיט אַלגאַן. זי האָט זיך באַקלאָגט צו אַנטאָנען אויף איר געדריקטקייט פון געמיט, און הערט זיך ענטפער: „איך געפין אויך איין, אַז לעבן אַליין איז נודנע און דעפּרעסיוו״.

צי האָט ער טאַקע נישט געזען זיין שולד, וואָס זי איז גע־בליבן אַליין? און דער עיקר: אַז זי האָט עס דאָך געטאָן צוליב זיין ווויל! צי האָט מאַשאַ אָבער אַליין, אויך שפּעטער נישט איינגעזען, אַז דעם קרבן וואָס זי האָט געבראַכט פאַרן ברודער איז אַ סך גרעסער געווען ווי דעם שכר, וואָס זי האָט באַקומען?...

ווען זי האָט זיך געעלטערט האָט איר דאָס לעבן דאָך געהאַט ווייניק וואָס צו געבן, און נישט נאָר נאָך אַנטאָנס טויט, נאָר אויך בעת דיין לעבן, צוזעענדיק ווי זיין געזונט־צושטאַנד פאַרערגערט זיך כסדר. אגב, האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז טשעכאָוו האָט אויך שטאַרק געליטן פון דעפּרעסיע־אַנפאַלן, און דאָס נאָך איידער עס האָט זיך אַנגעהויבן אַנטוויקלען זיין טובערקולאָז קראַנקייט. אַנטאָן האָט דאָס געבראַכט צום אויסדרוק נאָכן טויט פון זיין עלטערן ברו־דער, ניקאָליי. כאָטש טשעכאָוו האָט נישט געהערט צו די, וואָס רעדן וועגן זייערע פּערזענלעכע ענינים און געמיט, איז דאָך אָבער סימפּ־טאָמאַטיש זיין אויסקריץ אויף אַ באַנד דערציילונגען, געווידמעט זיין פאָטער: „פאַר דעם איינזאַמען מענטש, איז דער מדבר אומעטום״. רופט זיך עס איבער מיט מאַרטין בובערס אַ זאָג, אַז דער מדבר קען אויך זיין אינעם הר־האָ פונעם גרויסשטאָטישן טומל.

איז פאַרשטענדלעך די באַהויפּטונג פון זיינע ביאָגראַפן, אַז ער איז אין תוך געווען זייער אַן איינזאַמער מענטש, וואָס איז נאָך ביי אים פאַרשטאַרקט געוואָרן צוליב זיין קראַנקייט. מאַשאַ וואָס האָט געפירט דאָס הויז, איז אויך געווען זיין קראַנקנשוועסטער און זיין אינטעלעקטועלע באַגלייטערין ביז זיין חתונה מיט אַלגאַן. די על־טערע צוויי ברידער, אַלעקסאַנדער און ניקאָליי, אָפּגעטיילט פון די יונגערע, תמיד נאָר פאַרטאָן אין זייערע פּערזענלעכע לעבנס און קאַריערעס.

איך האָב פריער דערמאָנט אַלגאָס ביאָגראַף, האַרווי פּריטשער, וואָס האָט אין זיין בוך פאַרטיידיקט אַלגאַן קעגן די אַרויסגערוקטע באַשולדיקונגען קעגן איר; אַז טשעכאָוו גופא האָט נישט גע־וואָלט זי זאָל איר קאַריערע אויפגעבן צוליב אים. ער ציטירט אַ בריוו פון טשעכאָוון צו דיינס אַ פריינד, וואָס האָט אים געראָטן חתונה האָבן נאָך איידער ער האָט זיך באַקענט מיט אַלגאַן. טשעכאָוו האָט דעם פריינד געענטפערט, אַז ער קען אים פאָלגן בתנאי, זי זאָל ווױ־נען אין מאָסקווע און ער אויף דער פּראָווינץ און קומען צו איר נאָר אויף באַזוכן. „איך קען נישט פאַרטראָגן אַזאַ מין גליק, באַמערקט

טשעכאָוו, וואָס גייט אָן טאָג־טעגלעך פון איין פרימאָרגן ביזן אַנדערן".
זענען דאָ חלוקי דעות, צי האָט טשעכאָוו נישט דערשאַצט זיין קראַנקייט און דערפאַר געמאַכט זיינע נסיעות קיין מאָסקווע, מיט די אַלע קאָנסעקווענצן פאַר זיין פאַרערגערטן געזונט־צושטאַנד? מיינען איניקע, אַז ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, נאָר בעסער געוואָלט אויסלעבן זיך אין דער פולער מאָס אין דער קורצער צייט וואָס איז אים פאַרבליבן. אַ חיי־שעה איז אים געווען מער ניחא, ווי אַ פּאַמע־לעכדיקער טויט, דעריבער מיינען זיי, אַז ער האָט מיט זיינע איי־גענע הענט (צוליב זיינע רייזעס קיין מאָסקווע) פאַרקורצט זיינע יאָרן.

איך האָב שוין באַמערקט אַז אַ העלפט פון האַרוועיס ביאָגראַפיע וועגן אָלגאַ טשעכאָוו איז אָפּגעגעבן די געציילטע יאָרן פון איר צוזאַמענלעבן מיט אַנטאָנען. די צווייטע העלפט — איר פאַרבינדונג מיטן מאָסקווער קונסט־טעאַטער, אין וועלכן זי האָט זיך קינסט־לעריש צעבליט און געוואָרן די „לידינג ליידי" פונעם טעאַטער (אין וועלכן עס האָט פאַרנומען אַזאַ וויכטיקן אָרט אין רעפּערטואַר טשעכאָווס דראַמעס). האַרוועי פּריטשער האָט אויפגעזאַמלט אַ רייכן מאַטעריאַל וועגן טריאומף און ירידה פון דעם טעאַטער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1898. אָלגאַ קניפּער איז דאַן געווען איינע פון די מיטגרינדער, צוזאַמען מיט נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ און סטאַניסלאַווסקין — די אינספּיראַטאָרן פון אָט דעם פּרעסטיזש־טע־אַטער. אָלגאַ טשעכאָוו האָט מיט איבערגעגעבנקייט געדינט אים ווי אַ מקום קדוש בעת איר לאַנגער קאַריערע.

זי האָט זיך באַטראַכט ווי איינע פון אַ קאָלעקטיוו־אַנסאַמבל, וואָס טראָגט אַן אחריות פאַר זיין עקזיסטענץ. במילא איז איר לעבנס־געשיכטע — די געשיכטע פון דעם קונסט־טעאַטער וואָס איז אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט באַרימט געוואָרן און נישט בלויז אין רוסלאַנד. עס איז גוט באַקאַנט געווען זיין הויכער ניוואָ און זיין פאַרדינטע רעפּוטאַציע אויך מחוץ די גרענעצן פון רוסלאַנד.

וועל איך דאָ נישט אַריינגיין אין די סיבות פון זיין ירידה, באַגרינדעט אין פּריטשערס ביאָגראַפישן ווערק. אגב, זענען די סיבות פון ירידה גוט באַקאַנט, מחמת זיי זענען ענלעכע ווי מיט דער רוסי־שער ליטעראַטור בימי סטאַלין און אויך שפּעטער. דער מחבר גלויבט אַז די פּאָליטישע און טעאַטראַלע רעוואָלוציעס האָבן פון אים אַוועקגענומען זיין אַמאָליקן גלאַנץ, זיין שעפערישע וויטאַליטעט.

אינטערעסאַנט איז וואָס ער דערציילט וועגן דער גרויסער פייע־רונג לכבוד אָלגאַ טשעכאָווס ניינציק־יאָריקן יובל. דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער איז געווען אויסגעפּילט איבער די ברעגעס בעת אָט־דער איינגעאָרדנטער פייערונג. דער הויכפּונקט פונעם פייערלעכן אָוונט

איז געווען אַלגאַס דערמאָנונג פון דער פּרעמיערע „די מעווע" אין קונסט־טעאַטער. איך האָב וועגן דעם אויספירלעך געשריבן אין דער אָפּהאַנדלונג, און דאָ וועל איך נאָר באַמערקן אַז אַלגאַ האָט דער־מאָנט די טויט־שטילקייט דעמאָלט אין זאַל נאָכן ערשטן אַקט. דער פאָרהאַנג איז געפאַלן און ס'איז שטיל. געמיינט האָבן אַלע פון הינ־טער די קוליסן — אַ גרויסער פיאַסקאָ! און באַלד אַ שטורמישער אַפּלאָז. די טויטשטילקייט האָט אָבער דאַן מער גערעדט, ווי דער אַפּלאָז, מחמת דער עולם איז געווען טיף גערירט.

דאָס האָט זיך איצט איבערגעחזרט בעת אַלגאַ האָט פאַרענדיקט איר רעדע, און אין זאַל, פון אָנהייב די זעלבע שטילקייט, און גלייך — שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן פאַר דער גרויסער אַקטריסע.

טשעכאָווס ערשטער טריאומפאַלער דערפאָלג האָט זיך צונויפ־געגאָסן מיט איר לעבן. די פרוי וואָס טשעכאָוו האָט אַזוי געליבט, איז סימבאָליזירט געוואָרן אין אַן עקספּרעסיוון שווייגן פאַרן אַפּלאָז־אויסברוך.

פון אַ געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו — אַן עפּיטאַף

ווען מיר זאָלן גיין מאַכן אַ סך־הכּל פון טשעכאָווס לעבן און שאַפן, מוז מען האָבן פאַרן אויג דאָס רוסלאַנד פון ניינצנטן יאָרהונ־דערט, אירע גרויסע קינסטלערס, פּאָעטן און פּראָזע־מייסטערס, פּושקין, לערמאָנטאָוו, גאָגאָל, דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי, נעקראַסאָוו, אוספּענסקי און פיל אַנדערע פון אַ הויכן קאַליבער, וואָס האָבן אויך דאַרף געוואָלט רעגולירן זייער לעבן, עס זאָל זיין אין הסכּם מיט דעם וואָס דער געוויסן זייערער האָט דיקטירט. זיי האָבן אָבער עס נישט באַוויזן צו דערגרייכן, מחמת מאָראַלישע שלימות איז געווען איבער זייערע כּוחות! האָבן זיי נאָכגעגעבן דעם יצר־הרע און גלייך נאָך דעם זיך געקלאַפּט על־חטא און ווידער געזינדיקט און צוריק געליטן פון געוויסן־פּייניקונג. אַזוי איז אָנגעגאַנגען דער ציקל, ביז זיי זענען מיד געוואָרן און דער מלאך המוות האָט געהאַט דאָס לעצטע וואָרט...

טשעכאָוו האָט זיך אויסגעטיילט פון זיי, מחמת ער איז געווען אומברחמנותדיק צו זיך, אין דעם קורצן שפּאַן פון זיין לעבנס־ציקל. כאַראַקטעריסטיש פאַר אים איז דער ענטפער וואָס ער האָט געגעבן אַלגאַן בעת זי האָט געלויבט זיין כאַראַקטער: „איך האָב קענען גע־לערנט צו צוימען זיך — האָט ער איר געזאָגט — מחמת קיין שום אָרנטלעכער מענטש טאָר נישט לאָזן זיך דיקטירן פון זיין שלעכטן בלוט"...

טשעכאָוו האָט זיינע גייסטיקע און עטישע קוואַליטעטן דער־

גריכט דורך אַ שווערן אינעווייניקסטן געראַנגל מיט זיין „שלעכטן בלוט". ער האָט זיך נישט געשוינט, בעת זיין געוויסן האָט אים אָנ־געוויזן ווי אַזוי צו האַנדלען. מיר האָבן דערמאָנט זיין רייזע קיין סאַכאַלין, וואָס איז צו יענער צייט געווען פאַרבונדן מיט אַגאָניע איבער די סכנותדיקע אומוועגן דורך די זעקס טויזנט מייל, און ער האָט געצאָלט אַ שווערן פּריז פאַר נישט וועלן בשום אופן זיך אומ־קערן פון מיטן וועג. ער איז געבליבן געטריי זיין קרעדאָ און „זיינע לאַרבער־קרענץ שווער פאַרדינט" (פּאַטאַפּענקאָ).

מען קען אין דעם זין זען זיין לעבן און שאַפן, ווי דער צענט־ראַלער מאָטיוו איז דער מענטשלעכער ווילן. אַליין אַ מענטש מיט אַ שטאַרקער ווילנקראַפט, האָט ער אָבסערווירט מיט זיין שאַרפן קריטישן אויג די קאָנפליקטן, די צוזאַמענשטויסן פון די שטאַרקערע מיט די שוואַכערע ווילנס פון זיינע פּערסאָנאַזשן, טיפן, פאַרשוינען, ביי וועלכע דער מענטשלעכער ווילן איז יאָ אָדער נישט־בכוח זיך אנטקעגנצושטעלן דאָס גורלדיקע און גענעטישע.

טשעכאָוו האָט געהאַט אַ וויכוח מיטן באַוווסטן רוסישן זאָאָלאָג וו. א. וואַגנער (וועלכער האָט אים געדינט ווי אַ פּראָטאָטיפּ פאַר פאָן קאָרען אין דער דערציילונג „דער דועל"). טשעכאָוו האָט געהאַלטן אַז דערציונג איז אַ פיל שטאַרקערער פאַקטאָר אינעם מענטשלעכן כאַראַקטער ווי דאָס געירשנטע (גענען־טעאָריע). זיין הנחה איז: ביי אַ געהעריקער דערציונג איז מעגלעך צו באַזיגן די געירשנטע דעגע־נערירטע אייגנשאַפטן.

איך וויל נישט אַריינגיין אינעם עצם וויכוח און די אַרגומענטאַ־ציע פון זיין קעגנער וואַגנער בנוגע דעם כוח פון דעם, וואָס אַ מענטש ירשנט פון זיינע פאָרגייערס און אָבות. פאַר טשעכאָוון איז עס דאָך נישט געווען קיין אָבסטראַקטער פּראָבלעם נאָר — דאָס לעבן גופא, און זיין דערפאַרונג. ער האָט בטבע נישט ליב געהאַט צו פילאָזאָ־פירן. ווען זיין אַלגאַ האָט אים אַ מאָל אַ פרעג געטאָן: וואָס איז לעבן? איך פאַרשטיי עס נישט. ענטפערט ער איר: דאָס איז פונקט ווי פרעגן, וואָס איז אַ מייער? — אַ מייער איז אַ מייער. דאָס איז אַלץ וואָס וואָס מיר וויסן וועגן אים.

טייל מאָל געהערט עס צו די אויסמיידנדיקע ענטפערס, וואָס ער האָט אריינגעגעבן אין מויל פון זיינע העלדן. אָבער וואָס מער מיר לייענען טשעכאָוון אַלץ בולטער גייען פאַרביי אונדזער אויג, מענער, פרויען, וואָס זענען געווען אי שקלאַפן פון ליבע, אי פון נאַרישקייט און פוילקייט. די רייכע גאַלעריע פון זיינע העלדן נעמט ארום: לאַנד־אייגנטימער, פויערים (פון פאַרשידענע געגנטן) פּראָפעסאָרן, לערערס, באַאַמטע פון אַלע ראַנגען, פּאָליציאַנטן און פערד־גנבים; — און אָט דער רייכער טיפּאַזש וואָס באַפעלקערט זיינע ווערק איז דורכגע־

דרינגען מיט אַזאַ שטאַרקן פּחד פאַרן לעבן! די גרויסע מחנות שפּאַ־נען ווי שקלאַפן פון זייערע אינסטינקטן, באַגלייט מיט אַזאַ גיריקייט נאָך די גוטע זאַכן פון לעבן.

ביי דער גרויסער מאַסע, פון כל המינים, טיילן זיך אויס מאַ־מענטן, ווען ביי איינעם פון זיי הערט זיך אַ הילכיקער שאָס. האָט אַן איוואַנאָוו צי אַ טרעפּלעוו געוואָלט מיט די אייגענע הענט איבער־רייסן זיין לעבנספאַדעם. אָבער דאָס זענען נאָר יחידים. פּונקט ווי עס זענען פאַראַן יחידים וואָס חלומען, טרוימען פון אַ שענערן לעבן אין עטלעכע הונדערט יאָר אַרום. ווי גוט און שיין עס וועט שוין דעמאָלט זיין אויף דער וועלט.

פרעגט אָבער ווער פון זיי, ווי אַזוי וועט דאָס געשען? ווער וועט עס ענדערן צום גוטן דאָס געגעבענע פאַסקודנע לעבן? וועט דאָס געשען דורך מעטאַפיזישע כוחות?...

און אפשר פילן זיי גאָר נישט ווי העסלעך עס איז זייער לעבן?

שטייט זיך דער גרויסער פיקח, טשעכאָוו, און קוקט זיך צו מיט זיין קלוגן אומעטיקן שמייכל אויף דער הילפלאָזיקייט פון זיינע העלדן. ער זעט זייער פאַראומערטן פאַרצווייפלטן בליק איינגעשפּאַנט אין זייערע רעאַלער ביטערער מערכה פונעם בידנעם לעבן. און טשעכאָוו זאָגט צו זיי מיט זיין אידעלער שטים, אָן ביטערניש, אָן סאַרקאַזם, נאָר מיט דעם שטילן זיפץ וואָס איז אים געווען אַזוי אייגן. ביים צוזען זיך ווי אַזוי מענטשן צאַפּלען... פרעגט ער זיי: ווי קענט איר אַזוי ווייטער אַנגיין מיט אַזאַ נעבעכדיקן לעבן? פילט איר נישט, זעט איר נישט, וואָס פאַר אַ חרפּה עס איז פאַר אונדזער לאַנד, פאַר אירע איינוווינער דאָס לעבן זאָל אַזוי ווייטער אַנגיין?...

★

דורך די ניי־דערשינענע ווערק וועגן טשעכאָוון — אויף וועלכע עס איז שוין געפאַלן דאָס ליכט פון די לעצטנס פאַרעפנטלעכטע אַרכיוו־מאַטעריאַלן — קענען מיר בעסער און טיפער זען טשעכאָוון דעם מענטש און דעם קינסטלער. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז נישט קיין מיטאָס־געשטאַלט, נישט קיין לעגענדע, וואָס קורסירט וועגן אים, דעם בעל רחמים, דעם אידעלן מענטש, געבוירן אין אַ זיידן העמדל, מיט אַ זילבערנעם לעפל אין מויל... די גאָר לעצטע פאַרשונגען האָבן זיך דערגראָבן צום פאַקטיש־רעאַלן פון זיין מהות און זיין ווערק.

דאָס אַלץ האָב איך דאָ אין מיין אַרבעט געפּרוּווט אַרויסהייבן, אַנאַליזירן און דורכלייכטן פון אינעווייניק.

אין מיין אויפפאַסונג רופט זיך טשעכאָוו איבער מיט דעם באַ־רימטן אַמעריקאַנער פּאָעט, וואָלט וויטמאַן און זיין באַוווסטן זאָג:

— ווי לאַנג אַ מענטש זיצט פאַרשפאַרט אין טורמע, בין איך אַליין נישט פריי...

פאַר טשעכאָוון איז עס געווען אַ סך מער ווי די אויסערלעכע טורמע־ווענט...

★

אין מיינע עטלעכע גרעסערע מאָנאָגראַפישע אָפּהאַנדלונגען וועגן די רוסישע גרויסע מייסטערס, האָב איך זיך געשטיצט אויף אַ רייכער ליטעראַטור — ביאָגראַפיעס, מעמואַרן, קריטישע ווערק, קאָרעס־פּאָנדענץ — וועלכע איך האָב געפאָרשט און אין זיי געווען מעיין אַ ריי יאָרן. אין מיינע ביבליאָגראַפישע נאָטיצן האָב איך נאָר אָנגעמערקט אויף אַ טייל פון אָט דער רייכער פאָרשונג־ליטעראַטור.

ביבליאָגראַפיע

פּיאָטר ביטסילי וועגן אַנטאָן טשעכאָוו.

ס. קאָטעליאַנסקי, אַנטאָן טשעכאָוו, ליטעראַרישע און טעאַטראַלע זכרונות (1927).

ס. גאַרנעטס איבערזעצונגען פון טשעכאָווס דערציילונגען; טשעכאָווס בריוו און טשעכאָווס פּיעסן; (אויך זיינע בריוו צו אָלגאַ קניפּער).

אַ ריי נישט פאַרעפנטלעכטע ביז איצט בריוו, רעדאַקטירט דורך נ. ק. פּיקסאַנאָוו.

דאָס לעבן און די בריוו פון אַ. טשעכאָוו, איבערגעזעצט דורך ס.ס. קאָטעליאַנסקי און פּ. טאָמלינסאָן.

מאַקסים גאָרקי — „רעמיניסצענצן״.

קאַרל בראַהמס — „רעפלעקסן אין אַן אָזערע״.

גערהאַרדי וויליאַם — „אַנטאָן טשעכאָוו: אַ קריטישע סטודיע״.

האַרוועי פּריטשער — „אָלגאַ קניפּער־טשעכאָוו: אַ ביאָגראַפיע״.

ווירדזשיניאַ סמיטס טשעכאָוו־ביאָגראַפיע.

טשעכאָווס גרויסע בריוו־קאָרעספּאָנדענץ רעדאַגירט דורך: אַבֿרהם יאַרמאָלינסקי, ליליאַן העלמאַן, שמעון קאַרלינסקי, און אַנדערע וואָס האָבן עס איבערגעזעצט.

נאַבאָקאָווס „לעקציעס וועגן דער רוסישער ליטעראַטור"

עס איז לעצטנס דערשינען דער צווייטער באַנד פון די לעקציעס, וואָס וולאַדימיר נאַבאָקאָוו האָט געגעבן וועגן דער רוסישער ליטעראַטור אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן בעת די פערציקער און פופציקער יאָרן.*

אין דעם לעצטן יאָרצענדליק פון זיין לעבן האָט נאַבאָקאָוו זיך פאַרנומען מיט צונויפזאַמלען אין ענגליש זיין לעבנס־ווערק און שרייבן אויך נייע זאַכן.

דאָס צווייטע באַנד איז שוין דערשינען נאָך זיין טויט, און פונקט ווי זיין ערשטער באַנד („לעקציעס וועגן ליטעראַטור") איז עס רעקאָנסטרואירט געוואָרן פונעם אָריגינאַל, געשריבן דורך אַן אומפערפעקטער האַנטשריפט.

פראָפ. באָוערס האָט אַ סך מי און אויפמערק אָפּגעגעבן ביי דער אַרבעט. אין די אָריגינעלע זייטלעך זענען געווען פּאַטאָס, און זייער רעפּראָדוקציע אין בוך איז שוין פאַר זיך גופא אַן עובדא.

אין דעם צווייטן באַנד זענען נאַבאָקאָווס בעסטע לעקציעס וועגן טאָלסטאָין, גאָגאָלן, טשעכאָוון (זיינע פריערדיקע בעסטע לעקציעס זענען געווען וועגן פּרוסטן, פלאָבערטן און קאַפקאַן). נאַבאָקאָוו ווייזט דאָ שוין אַרויס גוטהאַרציקייט אויך צו די שרייבערס וועלכע זענען אים ניט צום האַרצן (דאָסטאָיעווסקי, גאָרקי). למשל, גאָרקין, לויבט ער זיין פערזענלעכן לעבן, ווי אַ מענטש, וואָס האָט שלום געמאַכט מיט די באָלשעוויקעס. פריער האָט מען עס גאָר נישט געקענט דערוואַרטן פון נאַבאָקאָוון, וואָס האָט נישט געקענט אפילו מוחל זיין זיינע פריינד אויב זיי האָבן באַזוכט דאָס סאָוועטישע רוסלאַנד. אָבער מיט רעכט שרייבט ער, ביים מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן די אַמאָליקע רוסישע שרייבערס און די היינטיקע: „... יענע זענען געווען זיכער אַז זיי לעבן אין אַ לאַנד פון אונטערדריקונג און קנעכטשאַפט. זיי האָבן אָבער

---

* "Lectures On Russian Literature", by Vladimir Nabokov (Weidenfeld and Nicholson),

געהאַט פאַרצוג לגבי די היינטיקע — זייערע אייניקלעך אינעם מאָדערנעם רוסלאַנד — נישט צו זיין געצוווּנגען צו זאָגן אַז דאָרט איז נישטאָ קיין אונטערדריקונג און פאַרקנעכטונג. און דאָס קען מען ערשט גוט אָפּשאַצן".

איך וועל אָבער אַוועקשטעלן אונטער אַ ספק זיין באַהויפּטונג, אַז די סאָוועטישע פירערס זענען לחלוטין אימוניזירט פון אַן אינטער־נאַציאָנאַלן דרוק אויף זיי, צוליב דעם אופן ווי זיי באַהאַנדלען די נישט־קאָנפאָרמיסטישע שרייבערס און דיסידענטן.

אוודאי איז עס אַפּאַטיק פון דער פּאָזיציע און פּרעסטיזש אין אויסלאַנד, וואָס דער און אַן אַנדערער האָט (למשל, סאַכאַראָוו). ס'איז דאָך אָבער אַ באַווייז די גרויסע עמיגראַציע פון די רוסישע יידן אונטער דעם שטאַרקן דרוק פון אויסלאַנד. די ביישפּילן ווייזן, אַז נאַבאָקאָוו איז נישט געווען גערעכט. ס'איז אָבער אַפּאַטיק פון די פאַרשידענע ציטן.

פאַראַן אין נאַבאָקאָווס לעקציעס געוויסע סתירות פון זיין אייגע־נעם אָפּשאַץ. אויף איין אָרט זאָגט ער, אַז פּרוסטס ווערק זענען נישט אויטאָביאָגראַפיש, און קיין שום קונסט־ווערק איז עס נישט. ווייטער אַ ביסל, רעדנדיק וועגן טשעכאָווס „די מעווע", באַמערקט ער וועגן טריגאָרין, אַז ער איז „ווי אַ מין טאָפּלט פון טשעכאָוון, וואָס איז אַליין אויך דאָך אַ פּראָפעסיאָנאַל". ווידער טורגענעוון פאַרקלענערט ער אַ ביסל („נישט קיין גרויסער שרייבער, דאָך אַן אַנגענעמער"). אָבער פּלוצעם טוט ער אַ זאָג אַז טורגענעווס „פאָטערס און זין" איז נישט נאָר איינער פון זיינע בעסטע ראָמאַנען, נאָר אויך דער אַממיינסטן בריליאַנטישער ראָמאַן פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט. עס קענטיקט זיך אַ סתירהדיקייט אויך לגבי דאָסטאָיעווסקין, צי ער האָט אין זיינע ראָמאַנען געהאַט אַ חוש פאַר הומאָר.

ווען מען גייט באַטראַכטן די עצם סובסטאַנץ פון נאַבאָקאָוון (ווי אַ קריטיקער), האָט ער עס פאָרמולירט אין דעם אַרײַנפיר־עסיי פון זיין ערשטן באַנד, ווו ער שרייבט: „...די פאָרשונג פון סאָציאָלאָגישן אָדער פּאָליטישן אַספּעקט און זיין „אימפּאַקט" אין ליטעראַטור, איז עס נאָר ביי די וואָס זענען לויט זייער דערציאונג און טעמפּעראַמענט אימוניזירט פון די עסטעטישע וויבראַציעס אין אויטענטישער ליטע־ראַטור". דאָס שרייבט ער אונטערן קעפּל „גוטע לייענערס און גוטע שרייבערס".

ער באַמיט זיך גאָר שטאַרק אָפּצוטיילן אימאַזשן פון אידייען און דאָס, נאַטירלעך, קומט אים נישט אָן לייכט ביי „אַננאַ קאַרענינאַ", ווו ער מוז שוין מודה זיין און דערמאָנען אויך די אידייען דאָרט אין ווערק.

אינטערעסאַנט זענען די דריי דימענסיעס ביים באַטראַכטן אַ שרייבער. ער שרייבט: עס זענען פאַראַן דריי אויסבליקן דורך וועלכע אַ שרייבער קען באַטראַכט ווערן... ווי אַ געשיכטע־דערציילער, ווי

אַ לערער, און ווי אַ באַציבערער. דאָס לעצטע איז טאַקע דער כישוף וואָס מאַכט אים פאַר אַ גרויסן שרייבער (איך האָב ביים לייענען די שורות געטראַכט פון באַשעוויס זינגער און זיין גרויסן דערפאָלג ביים נישט־יידישן לייענער).

פאַראַן שורות ביי אים, וואָס זענען זעלבסט־פאַרשטענדלעכע, פאַר יעדן בעסערן לייענער, למשל, „ליטעראַטור איז אַ דיסקרעטע טעטיקייט; אָדער מיר טאָרן נישט פאַרגעסן אַז אַ קונסט־ווערק איז אַ קרעאַציע פון אַ נייער וועלט". די קלינגען דעריבער ווי טראַפּאַרעטן.

איך בין אויך אין ספק צי עס איז נויטיק געווען אַנצונעמען דעם לייענער ביי דער האַנט, פירן אים דורך אַ ווערק מיט אומנויטיקע אַנווייזונגען, באַצייכנט דורך אים ווי „טעמעס" (וואָס זענען גיכער פאַר אַלץ, מאָטיוון). אָבער נאָך די באַמערקונגען וויל איך אויך באַטאָנען אַז זיין שאַרף אויג האָט, פאַרשטענדלעך, נישט אַדורכגעלאָזט דעם מינדסטן פרט פון זיינע אָבסערוואַציעס, זייענדיק דאָך אַליין אַ טאַלאַנ־טירטער ראָמאַניסט, שטעלט ער זיך אָפּ אויף דעם מעכאַניזם פון ראָמאַנען, ווי אַזוי דער מחבר קריגט אַרויס זיין כאַראַקטער־העלד דורכן טיר, אָנשטאָט נאָר צו ווייזן, אַז ער געפינט זיך אין צימער שוין.

אָדער ווען אַ ראָמאַניסט זוכט פּטור צו ווערן פון זיין העלד, ווי טורגעניעוו טוט עס, בעת ער האָט געוואָלט אַרויספטרן זיין אַרקאַדין, מחמת עס האָט געדאַרפט פאַרקומען אַ קריגעריי צווישן באַזאַראָוון און זיין פעטער, פּאַוועל, און אַרקאַדי האָט געדאַרפט ווערן באַזייטיקט פון וועג.

איך פאַרשטיי זייער גוט אַז נאַבאָקאָוו איז געווען פאַר זיינע סטו־דענטן איינער פון די בעסטע לערערס, ספּעציעל לגבי זיינע ליבלינגס־שרייבערס, וועלכע ער האָט באַשטראַלט מיט אַזאַ טיערער ליבשאַפט ביים אַנאַליזירן. אַזעלכע ליטעראַטור־לערערס וואָלט יעדערער פון אונדז זיך געוווּנטשן.

ביים לייענען איז אויך דאָ דער איינדרוק ווי מען וואָלט געהערט די שטים פון לעקטאָר, מיט זיינע באַטאָנונגען, איבערחזרונגען, אַ פאַר־געטערטן פון זיינע סטודענטן־צוהערערס.

די וואָס גייען אַדורך דעם ים...

(דערציילונג)

דער וועקזייגער האָט הויך געקלונגען. העניעק האָט אַ פאַרשלאָ־פענער זיך אויפגעהויבן פון בעט. אַ שלעכטע נאַכט געהאַט, כסדר חלומות, משונהדיקע קאָשמאַרן האָבן זיך צונויפגעפלאָנטערט מיט טורמע־איבערלעבונגען, וועלכע ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אויפגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט, צוריק איינגעשלאָפן און ווידער די זעלבע קאָשמאַרן פון לאַמזשער טורמע. אָן אויסגעטשוכעטער האָט ער זיך גענומען האַסטיק אָנטאָן, געאײַלט זיך, צוגעזאָגט פרי צו זיין אין רעדאַקציע ביי דער אַרבעט.

זאָשקע איז אַראָפּגעגאַנגען פון בעט צו מאַכן אים פרישטיק. איר העניעק איז געווען אַ האַרץ־ליידנדיקער. ער האָט דאָס „אָפּגעשפּאַרט" פון זיינע זעקס יאָר זיצן אין טורמע. יעדן מאָל, ווען זי פלעגט הערן, אַז אַ נאָענטער מענטש איז געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאַג, פלעגט איר אַרומכאַפּן אַ פּאַניק. טעג נאָך דעם פלעגט זי אַרומגיין מיט קלעמעניש, וואָס זי האָט אויסבאַהאַלטן פון מאַן.

העניעק האָט אויף גיך אַריינגעכאַפּט דעם פרישטיק, וואָס איז באַשטאַנען פון ציטרוס־פרוכט, אַ פענעצל ברויט און אַ גלאָז מילך. אַ נעם געטאָן זיין אָנגעפּאַקטע טעקע און מיט שנעלע טריט אַרויס פון שטוב, נישט צו פאַרשפּעטיקן דעם אויטאָבוס אין שטאָט אַריין. אין די פרימאָרגן שעהן איז דער אויטאָבוס געווען געפּאַקט קאָפּ אויף קאָפּ. קיין זיצאָרט האָט ער קיין מאָל נישט באַקומען, מחמת דער אויטאָבוס איז שוין געווען איבערפול, בעת ער איז אָנגעקומען צו זיין פונקט. מענטשן האָבן זיך אָנגעלענט איינער אויפן אַנדערן און עלטערע מענטשן האָבן מיט אַ שטרענגן בליק געקוקט אויף יונגוואַרג, וואָס האָט נישט געוואָלט זיי אָפּטרעטן די ערטער. יונגע מענטשן האָבן זיך געמאַכט נישט זעענדיק, אַז די עלטערע קוקן אויף זיי מיט רוגזה. איינגעגראָבן די אויגן אין דער פרימאָרגן־ציַיטונג, אָדער אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און זיך אויפגעהויבן ערשט דאַן, ווען זיי האָבן שוין געדאַרפט אַראָפּגיין.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויַיזן די קאָנטורן פון דער סיטי.

העניעק האָט זיך דערנענטערט צו דער טיר, אַ בליק געטאָן אויפן שטאַטישן זייגער און אויף זײַנעם צי זיי גלייכן זיך אויס. עס האָט עפּעס היינט גענומען מער צייט דאָס פאָרן ווי געוויינטלעך, און ער דאַרף נאָך נעמען אַ טראַמווי ביז ספּענסער גאַס, ווו עס געפינט זיך די רעדאַקציע פון די צייט.

ער האָט געאַרבעט אין אַ באַזונדערן צימער, ווו ער האָט צוגע־גרייט טעאַטער־רעצענזיעס און אָפּשאַצונגען פון ניי־דערשינענע ביכער. די רעצענזיעס האָבן געמוזט זיין קאָנדענסירט, זיי זאָלן פאַר־נעמען ווייניק פּלאַץ. ער פּלעגט דעריבער אַ סך מעקן און שרייבן. כאָטש ער האָט שוין גוט באַהערשט די ענגלישע שפּראַך, דאָך פּלעגט ער זיך אַליין נישט געטרויען אָן קאָנטראָלירן אין ווערטער־ביכער צי ער מאַכט נישט קיין טעות אין „ספּעלינג" (אויסלייג). עס וואָלט אים געווען מער ווי נישט אָנגענעם, ווען דער קאָרעקטאָר וואָלט געפונען ביי אים פעלערן.

ווען ער האָט געעפנט די טיר פון גרויסן אַרבעטס־צימער, האָט שוין געזשומעט דאָרט מיט אינטענסיווער אַרבעט. די שרייב־מאַשינ־קעס האָבן געקלאַפּט. פלינקע מיידלשע פינגער האָבן זיך שנעל באַוועגט איבער די בוכשטאַבן, ווי די פינגער פון אַ גוטן פּיאַניסט איבער קלאַווישן. פאַרבייגייענדיק, האָט זיך העניעק באַגריסט מיט די, וואָס האָבן אויפגעהויבן די אויגן צו אים און שנעל אַריין צו זיך אין צימער, ווו ער האָט געקענט רואיק זיצן און אַרבעטן. ער האָט פון זיין טעקע אַרויסגענומען אַ בוך וועגן דרום־אַפריקע און צוגעגרייטע נאָטיצן.

דאָס בוך איז געווען וועגן דער געאָ־פּסיכאָ־סאָציאַלער געשיכטע פונעם אַפריקאַנער קאָנטינענט, אָן אַקטועלע טעמע צוליב די אומרוען און בלוטיקע דעמאָנסטראַציעס קעגן דעם אַפּאַרטהייד־רעזשים, מיט וועלכע די פּרעסע איז פול געווען אין דער לעצטער צייט. צוליב דער ברענענדיקער אַקטואַליטעט, האָט דער רעדאַקטאָר אים צוגעזאָגט מער פּלאַץ פאַר זיין אַרטיקל, וואָס וועט זיין געדרוקט אין שבת־נומער. העניעק האָט אַריינגעקוקט אין זיינע פאַרצייכענונגען וועגן די שוואַרצע און ווייסע אין דרום־אַפריקע: די נישט־ווייסע ווילן מער נישט זיין קיין דריט־ראַנגיקע בירגער אין זייער געבוירן־לאַנד. ביים סוף פון דעם יאָרהונדערט וועט זייער צאָל אויסוואַקסן צו אַ פערציק מיליאָן. ווי קען עס זיין מעגלעך צו באַזעצן זיי אין די א"ג באַזונדערע עטנישע שטאַטן, די באַנטוסטאַנס?

דער דאָמינירנדיקער הערשנדיקער נאַציאָנאַליזם פון די ווייסע וויל דיקטירן די שוואַרצע, זולוס, טשוואַנאַס, אַ טעריטאָריאַלע סעפּע־ראַטע אַנטוויקלונג אין אָפּגעטיילטע געגנטן. אָבער הינטער די ווערטער

שטעקט דעגראַדאַציע און עקספּלואַטאַציע פון די שוואַרצע. די אַפּאַר־טהייד־פּאָליטיק האָט שוין געקאָסט פיל קרבנות און פאַרוואַנדלט דרום־אַפריקע און דעם גאַנצן אַפריקאַנישן קאָנטינענט אין אַ ווולקאַן מיט הייסער לאַווע, וואָס קען אַ ליאַדע טאָג אויפרייסן . . .

העניעק האָט נאָכן איבערלייענען די שורות געכאַפּט אַ בליק דורכן פענצטער. ער האָט געוואָלט אַרויסלייענען פון די פאַרבייגייענ־דיקע פנימער אַן אויפשוידערונג צוליב די ידיעות, וואָס זיי האָבן געלייענט אין דער נעכטיקער אָוונט־צייטונג וועגן אַ פּאָר הונדערט געהרגעטע שוואַרצע אין דרום־אַפריקע. די צייטונג האָט וועגן דעם געשריבן מיט גרויסע קידוש־לבנה אותיות: גרויסער בלוטבאָד אין דרום־אַפריקע! אונטער קלענערע קעפּלעך איז געגאַנגען אַ טעלעגראַ־פישער באַריכט פון די בלוטיקע געשעענישן און זייער פאַרלויף. אָבער די מענטשן, וועלכע ער האָט געזען גיין אויף ספּענסער גאַס, זענען זיך געגאַנגען רואיק, געשמייכלט, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען — אָדער עס גייט זיי נישט אָן, וואָס געשעט ערגעץ ווייט פון זיי.

העניעק איז אַוועקגעגאַנגען פון פענצטער און צוגעשריבן צו זיינע נאָטיצן: מיר זענען קעגן אַפּאַרטהייד, ווייל מיר זאָרגן וועגן אונדזערע קינדער און אייניקלעך, זיי זאָלן קענען פאַרהיט ווערן פון די קאַטאַקליזמען, וואָס אונדזער דור האָט דורכגעלעבט אין די היטלער־יאָרן.

ביי דער לעצטער שורה איז העניעק געבליבן שטיין אַ פאַר־טראַכטער: ווי געפינט מען די פאַרבינדונג־ליניע צווישן היטלעריזם און אַפּאַרטהייד? יאָ, די ראַסן־טעאָריע. עס האָבן דאָך די בורן נישט צוגעלאָזט צו גלייכקייט צווישן דער ווייסער און שוואַרצער ראַסע, סיי אין קירך, ווי אין טאָגטעגלעכן לעבן. זיי, די בורן, האָבן זיך איינגע־הילט אין אַ מיסיע פון אַן אתה־בחרתנו־פאָלק. העניעק האָט אַרויס־געלאָזט די פעדער פון האַנט. ער האָט געזוכט צו פאַרגלייכן אין וואָסערע באַדינגונגען עס איז ביי ידן געשאַפן געוואָרן די אידייע פון אַן אויסדערוויילט פאָלק — אַ מיטל אויסצוהאַלטן דעם אָנפלייץ פון גזירות, פאַרפאָלגונגען: אַ באַזיגט, אונטערדריקט פאָלק ראַנגלט זיך אויפצוהאַלטן זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ דורך איינהילן זיך אין אַ מאַנטל פון אַ מיסיע, צו לעבן און שטאַרבן פאַר הייליקע תורות. אָבער וואָס איז געשען ביי די בורן אין דרום־אַפריקע? דאָ איז העניעקן געקומען אַ געדאַנק, אַז ס'איז יאָ דאָ אַ באַריר־פּונקט פון זייער געשיכטע מיט דער יידישער. זיי, אָפּשטאַמיקע פון הוגענאָטן און האָלענדער, האָבן צוליב רעליגיעזע רדיפות פאַרלאָזט אייראָפּע. זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינטלעכן שטאַרקן ווילן, אַן עקשנות, וואָס כאַראַקטעריזירט אַזוי אַפריקאַנער בורן. מיט אָט דער עקשנות האָבן זיי דאָך געקעמפט קעגן דער בריטישער הערשאַפט.

העניעק איז אַרויס פון זיין צימער און שנעל אַריין אין דעם ביבליאָטעק־צימער פון דער רעדאַקציע. ער האָט אויסגעזוכט אַ האַנט־בוך פון דעם אַנגלאָ־בריטישן קריג (1899־1902). זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פאָטאָגראַפיע פון בריטישן קאָמאַנדיר, לאָרד אַלפרעד מילנער, וואָס האָט געקעמפט פאַר דער בריטישער אויבער־הערשאַפט אין דרום־אַפריקע. ער האָט פאַרשפילט דעם קאַמף. די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג ביי די פעלקער האָט דערפילט די סכנה פון דרויסן אויף זייער אייגנאַרטיקייט און אידענטיטעט, און דאָס האָט באַשטימט דעם אויסגאַנג פון קריג.

העניעק האָט אַריינגעשטעלט אין שאַפע דאָס בוך. ער איז צוריק־געגאַנגען צו זיין אַרבעט־צימער און פאַרצייכנט: „דער איינפלוס פון דער קאַלוויניסטישער קירכע און פון אַלטן טעסטאַמענט האָט געהאָלפן ביים אויספורעמען דאָס בורישע פאָלק. אין אָנהייב פון זיין קאָלאָניזאַציע זענען די ווערטער ׳קריסט׳ און ׳פאַגאַן׳ געווען שאַרף אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן. שפּעטער זענען זיי פאַרביטן געוואָרן אויף ווייס און קאָלירטע. דער ראַסיסטישער נאַציאָנאַליזם האָט זיך באַקרוינט מיט אַן אידייע פון אַ געטלעכן אָפּקלייב...״.

פון העניעקס נאָטיצבוך
וועגן אַרטור קעסטלערס בוך

דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון די צייט האָט מיר היינט געגעבן אַרטור קעסטלערס בוך פינצטערניש אין מיטן העלן טאָג צו רעצענזירן. איך האָב אים אָנגעהויבן לייענען גלייך אין זעלבן אָוונט נאָכן נאַכטמאָל. זאָשע איז געגאַנגען שלאָפן, מיך אָנגעזאָגט צו מאַכן אַ פריע נאַכט. איך האָב צוגעזאָגט און נישט געהאַלטן וואָרט. עס איז שוין געווען פאַרטאָג ווען כ׳בין שטיל אַריין אין בעט, צופיל אויפגע־רודערט כ׳זאָל קענען איינשלאָפן. ביים לייענען דאָס בוך נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט די טראַגישע מאָסקווער פּראָצעסן, פון די 1930־ער יאָרן.

איך בין דעמאָלט געזעסן אין טורמע צוליב מיין קאָמוניסטישער טעטיקייט. עס זענען צו אונדז, הינטער די טורמע־ווענט, דערגאַנגען ידיעות, אַז אונדזערע פאַרגעטערטע פירערס פון ראַטן־פאַרבאַנד, צו וועלכע מיר האָבן אַרויפגעקוקט, האָבן זיך מודה געווען אויף די פּראָצעסן... איך האָב די דערקלערונגען פון בוכאַרינען און די אַנדערע וואָס האָבן זיך מתוודה געווען — נישט געקענט אַראָפּשלינ־גען. זייערע רייד און דערקלערונגען זענען מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז, געשטאָכן און געווייטיקט, צעבראָכן מיך פיזיש, פסיכיש, און

נישט אויפגעהערט נאָגן טאָג און נאַכט, ווי אַ צאָן־ווייטיק, די עקבערנ־דיקע פראַגע: איז עס אמת? אַלץ אין מיר האָט זיך געבונטעוועט קעגן דעם „אמת״. עס האָט געבוייערט די פּיינלעכע שאלה: „פּאַרוואָס האָבן זיי אָפּגעגעבן אַזעלכע דערקלערונגען און געשענדעט זייער אייגענעם נאָמען?״

אַרטור קעסטלער האָט מיר איצט געגעבן דעם ענטפער אין זיין מייסטערווערק. ער האָט דאָס בוך, אפנים געשריבן אין שפּאַניע, ווען ער איז אַריינגעפאַלן אונטער די נעגל פון פראַנקאָס אַרמיי און באַקו־מען אַ טויט־אורטייל. יעדן טאָג געוואַרט אויף זיין עקזעקוציע און זיך צוגעהערט צום דערשיסן יעדער נאַכט אַ טוץ מענטשן צום טויט־פאַרמשפּטע.

קעסטלערס הויפּט־העלד, דער אַלטער באָלשעוויק, רובאַשאָוו, איז אויך דעמאָלט געזעסן אין מאָסקווער „לוביאַנקאָ״, באַשולדיקט אין די שוידערלעכסטע פאַרברעכנס. צו ערשט האָט רובאַשאָוו (בוכאַרין?) זיך קעגנגעשטעלט מיט זיין גאַנצער קראַפט, אָבער נאָך לאַנגע אויס־מאַטערנדיקע אויספאָרשונגען האָט ער קאַפּיטולירט, און אונטערגע־שריבן זיך אונטער אַלץ, וואָס די אויספאָרשערס האָבן פאַרלאַנגט פון אים. איך האָב עטלעכע מאָל איבערגעלייענט די אָפּזאַצן, אין וועלכע קעסטלער ווייזט אָן אויף דער טעכניק וואָס דער גע־פּע־אוּ־אַפּאַראַט האָט באַנוצט ביז זיי האָבן רובאַשאָוון איינגעבראָכן. קעסט־לערס באַגרינדונג, ווי אַזוי אַן אַלטער באָלשעוויק, וועלכער האָט דורכ־געמאַכט די צאַרישע טורמעס און סיבירער קאַטאָרגע און ער האָט דאַן זיך נישט אונטערגעגעבן די צאַרישע סאַטראַפּן, פאַרבליבן פאַרהאַר־טעוועט — האָט זיך דאָ געשטעלט אויף די קני און זיך אונטערגע־שריבן, באַשטעטיקט הייסט עס דעם באַשולדיקונגס־אַקט . . .

פאַר וואָס האָט ער עס געטאָן? פיזישע פּייניקונגען? אַן אַלטן אויסגעפּרוּווטן רעוואָלוציאָנער האָבן פּייניקונגען — אפילו די שווי־דערלעכסטע — נישט געקענט איינברעכן. ווי אַ באַווייז האָט דאָך קעסטלער געשילדערט זיין העלד מיט די גרויסע עינויים זיינע אין נאַצישן דייטשלאַנד, וווּ די ס.ס. האָט נישט געקענט ברעכן זיין גייסט. די כוונה פון מחבר איז דאָ אַ קלאָרע: ווייזן די שטאַנדהאַפטיקייט פון אַן אַלטן באָלשעוויק, וועלכן די גרויזאַמסטע פּייניקונגען קענען נישט ברעכן. מיינט עס דאָך, אַז די גע־פּע־אוּ אויספאָרשערס האָבן זיך באַנוצט מיט אַן אַנדער טעכניק, וואָס האָט יאָ גוט געאַרבעט און רובאַשאָוון דערפירט צו קאַפּיטולאַציע, צו זיין ראָל אויף דעם אינסצע־ניזירטן עפנטלעכן מאָסקאַראַד־פּראָצעס אין מאָסקווע — צו אַזאַ שוידערלעכן ספּעקטאַקל ! . . .

אין מיינע נאָטיצן וועגן קעסטלערס בוך האָב איך אַזוי פאַרצייכנט: „רובאַשאָוו, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געטריי געדינט דער פּאַרטיי איז

געשטעלט געוואָרן פֿאַר דעם טראַגישסטן נסיון פֿון זײַן לעבן. די פּאַרטיי האָט איצט געפֿאָדערט פֿון אים דעם גרעסטן קרבן — באַשמוצן זײַן נאָמען, זײַן לעבן און טעטיקייט, דורך נעמען אויף זיך די שולד פֿאַר די מאַקאַברישסטע פֿאַרברעכנס (וועלכע ער איז נישט באַגאַנגען) קעגן לאַנד, קעגן דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד און קעגן די באַליבסטע פֿירער". ביים וואָרט פֿירער האָב איך געטראַכט: דאָס איז דאָך אַ פֿאַרמאַסקירטער אַנאַנים פֿון סטאַלינען, פֿאַר וועמען רובאַשאָוו האָט געהאַט איצט שוין נאָר די טיפֿסטע פֿאַראַכטונג. הגם דער באַשולדיקונגס־אַקט דערמאָנט נישט דעם נאָמען סטאַלין (נאָר „פֿירער") איז אָבער קלאָר וועמען מען מיינט דאָ. דער סטאַלין־קולט רעדט אַרויס און דאָמינירט אין די אײַנרעזשיסירטע מאָסקווער פּראָצעסן.

דער אויספֿאָרשער וויסט אויסגעצייכנט, און ער גיט אָנצוהערן רובאַשאָוון, אַז ער איז אומשולדיק. אָבער די רעוואָלוציע געפֿינט זיך אין אַ קריטישן צושטאַנד און זי פֿאַרלאַנגט פֿון אים ער זאָל אַרויסהעלפֿן מיט דעם טאַט, זיך עפֿנטלעך מודה זײַן. דאָס איז לעבנסוויכטיק אין דעם איצטיקן מאָמענט פֿאַרן לאַנד, פֿאַר דער פּאַרטיי. נו שוין־זשע וועט ער אין דעם קריטישן מאָמענט זיך אָפּזאָגן צו טאָן פֿאַר דער פּאַרטיי געבן דעם קליינעם קרבן, וואָס זי פֿאַרלאַנגט פֿון אים? צי וועט זײַן קאָמוניסטישער געוויסן אים נישט פּײַניקן ביזן סוף פֿון זײַן לעבן פֿאַר דעם אָפּזאָג?

אַרטור קעסטלער האָט געוואָלט אַרײַנגיין אין דער הויט פֿון רובאַשאָוון; זײַן אינעווייניקסטער גערנגל דורך די טעג און נעכט, ביז ער האָט זיך אונטערגעשריבן... קעסטלער אַנאַליזירט דעם געראַנגל אויף אַן הינטערגרונט פֿון צוויי פּלאַנען: אַ פּסיכאָלאָגישעסטעטישן און פֿון רובאַשאָווס פֿסיכישן צושטאַנד ערב אַ נערוון־צוזאַמענברוך: די אײַנזאַמקייט אין טורמע־קאַמער, די ברענענדיקע יופּיטער־ליכט בײַטאָג און בײַנאַכט, די זאָלן שטעכן אים די אויגן. ער באַקומט נישט קיין טאַבאַק צו רויכערן, און נאָך אַן אויספֿאָרשונגס־סעאַנס (געוויינטלעך נאָך האַלבער נאַכט), צוריקקומען אַן אויסגעלײַדיקטער, אַן אויסגעמאַטערטער, פֿיזיש, פּסיכיש, בעת די דראָונגען פֿון אָט דעם אויספֿאָרשער. נאָך יעדן „סעאַנס", איז זײַן ווידערשטאַנד געוואָרן שוואַכער און שוואַכער.

ערשט אין אָט דעם מצב זײַנעם האָט זיך באַוויזן אַ נײַער אויספֿאָרשער, אַן אײַדעלער, ער האָט מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס, גערעדט צו אים סאַמעט־ווייך, געגעבן אים צו פֿאַרשטיין, אַז ס'איז פֿאַר דער פּאַרטיי, פֿאַרן לאַנד אַ פֿראַגע פֿון רעטונג, וואָס ליגט אין זײַנע הענט. און ער, מיט זײַנע גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער פּאַרטיי און לאַנד וועט זיך דאָך נישט אָפּזאָגן צו טאָן דאָס, וואָס ער האָט געטאָן זײַן גאַנץ לעבן — דינען דער פּאַרטיי און דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד, וואָס

איז אין אַזאַ שווערער קריטישער לאַגע. און מיטן „מודה זיין" זיך וועט ער גיט נאָר זיין פאַמיליע און פריינד אַפּראַטעוועט פון רעפּרעסיעס, נאָר אויך זיך אַליין, אויסלעבן זיך אין פרידן ביזן לעצטן אָטעם־הויך. דאָס זענען, אומגעפער, געווען די „אידעלע רייד" און פיינע מאַניערן פון אַן אויספאַרשער, אַן אַדלמאַן...

אָט די טעכניק האָט געהאָלפן רובאַשאָוו זאָל זיך אונטערשרייבן... אָבער עס שיינט, אַז קעסטלער האָט געפילט ווי נויטיק עס איז צו באַ־גרינדן די קאַפּיטולאַציע פון רובאַשאָוו מיט אַ מער טיפערער פּסיכאָלאָ־גישער אַריינדרינגונג אין זיין מענטאַליטעט, אויסגעפורעמט דורך דער אייזערנער דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי, די אַבסאָלוטע לאָיאַליטעט, וואָס דערלאָזט נישט דעם מינדסטן אָפּנויג פון דער אָפיציעלער ליניע. דאָס אַלץ איז גענוג צו דערפירן צו אַ גייסטיקן באַנקראָט יעדן, וואָס האָט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד קעגן דעם פירערס גענעראַל־ליניע.

עס איז כאַראַקטעריסטיש קעסטלערס שילדערונג פון דעם צאַרישן אָפיציר, אַ טורמע־שכן פון רובאַשאָוו, וואָס „רעדט" זיך מיט אים דורך אין וואַנט־לשון. רובאַשאָוו איז שוין דאַן פּסיכאָלאָגיש צוגע־גרייט צום אונטערשרייבן זיך. מער נאָך: ר'איז שוין איצט אויך צופרידן פון זיין דעציזיע און פילט זיך אַ סך העכער פון אָט דעם צאַרישן אָפיציר אין טורמע, וואָס טענהט צו אים וועגן מענטשלעכער ווירדע: אַז דאָס פאַרלאַנגט פון מענטש צו טאָן נאָר דאָס וואָס מ'האַלט פאַר ריכטיק, אומאָפּהענגיק פון די קאָנסעקווענצן און דעם שווערן פּרייז וואָס מ'באַצאָלט פאַר דעם.

רובאַשאָוו וואַרפט אָפּ דעם אַרגומענט. ווירדע, באַטאָנט רובאַ־שאָוו, איז נוצלעך נאָר דאַן ווען עס איז אַן טאַראַראַם. און קעסטלער גיט צו אַזאַ פּירוש: דער פּראָבלעם פון אמת און שקר, פון גוטס און שלעכטס איז ביי רובאַשאָוון — נישט נאָר אין זיין איצטיקן פּסיכישן מצב — שוין לאַנג געוואָרן באַטראַכט אויף אַ פלאַך פון אַ דיאַלעקטישן פּילפּול. דער באַלשעוויסטישער דיסציפּלין־אימפּעראַטיוו איז דאָך אים טיף אַריין אין די ביינער און דאָס וואָרט: לאָיאַליטעט איז ביי אים אַ הייליקער. זייענדיק גייסטיק אויסגעלידיקט פון אַלע העמונגען און סקרופּולן, זעט ער שוין בכלל נישט אײן ער זאָל זיך קעגנשטעלן און נאָך אַ מאָל דורכגיין די סעריע פיזישע און גייסטיקע פּייניקונגען, מיט די דראָונגען קעגן זיין פאַמיליע און נאָענטע פריינד.

וואָס שייך נישט־באַגאַנגענע פאַרברעכנס—האָט ער פאַר זיך שוין אַזאַ דיאַלעקטישן צוגאַנג: איז ער דען נישט באַגאַנגען גרעסערע פאַר־ברעכנס, ווי די אויסגערעכנטע אין דער באַשולדיקונג? און בעת ער איז געווען דער שליח פון קרעמל אין נאַצי־דייטשלאַנד מיט אַן אויפגאַבע צו ליקווידירן די גרופּע אָפּאָזיציאָנערן פון דער קאָמפּאַרטיי אין דייטש־

לאַנד און זיי איבערגעבן דער געשטאַפּאָ... האָט ער עס דען נישט דורכגעפירט מיט דער גאַנצער ריכזיכטלאָזיקייט? דער געוויסן האָט דאָך אים אַפילו נישט קיין פריקרע געטאָן ביים אויספירן די מאַקאַברישע פּאַרטיי־שליחות... די אָפּאָזיציאָנע־ן זענען אויסגעליפערט געוואָרן און אומגעקומען. די פּאַרטיי שטייט העכער, ווי די בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע העמונגען...

איך האָב גלייך ביי דעם באַמערקט, און דאָס אונטערגע־שטראָכן, אַז קעסטלער האָט אין דעם סוזשעט אין זיין דער־ציילערישער פאָרם, נישט אַקצענטירט די שאַנטאַזש־דראָונגען פון אויספאָרשער קעגן זיינע נאָענטסטע מיט די אַלע אימפּליקאַציעס. זיי זענען דאָך זיכער געווען אין חשבון ביי רובאַשאָוון ביים אָננעמען דעם באַשלוס זיך מודה צו זיין... קודם זיין ביאָגראַפיע און פּריצישער אָפּשטאַם: אַ זון פון אַן אַלטן גוט־באַזיצער, מיט וועלדער און פעלדער, וואָס האָבן אין טורמע־קאַמער באַקומען אַ נאָסטאַלגישע לירישע דערמאָנונג פון זיינע נאַרישע, ייִנגלשע יאָרן. און גראָדע די יאָרן האָבן איצט באַקומען אַן אינעוויייניקסטע קראַפט, וואָס ער האָט אין פריערדיקע יאָרן נישט געפילט. עס האָבן זיך אים דערמאָנט די רייזעס אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. ער האָט אַ סך אַרומגערייזט, אַ סך געלייענט און זיך געפילט אַ בן־בית אין דער וועלט־ליטעראַטור און בפרט אין די קונסט־גאַלעריעס.

ווי אַ קאָנטראַסט צו רובאַשאָוון, וואָס געהערט צו דער אַלטער גוואַרדיע באַלשעוויקעס, האָט קעסטלער אַרויסגערוקט דעם אויספאָר־שער, גלעטקין, אַ טיפּישער קאָמוניסט פון יונגערן דור, אַ פּאַרטיי־מענטש, באַצייכנט דורך קעסטלערן אַ טראַכטנדיקע גראַמאָפאָן־פּלאַטע. ער איז אַריין אין דער פּאַרטיי, ווי אַן אומפּאַרשריבענער בלאַט, אָבער דערפאַר מיט אַ גרעסערן יחוס־בריוו פון רובאַשאָוון, נישט האָבנדיק קיין שמץ פון אַ בורזשואַזן אָפּשטאַם. ער פילט זיך דעריבער העכער פון דעם אַלטן באַלשעוויק, וועלכן ער פאַרשט אויס מיט זיין טעכניק...

קעסטלער דערקלערט, אַז ווען רובאַשאָוו וואָלט איצט געווען אויף גלעטקינס אָרט וואָלט ער אָנגעווענדט די זעלבע טעכניק ווי גלעטקין, און מעגלעך נאָך מיט אַ שמיצל אַריבער, דערפאַר וואָס ער געהערט דאָך צו דער אַלטער באַלשעוויסטישער רעוואָלוציאָנערער גוואַרדיע, מיט אַ סטאַזש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין צאַרישן רוסלאַנד ביים צוגרייטן זיך צו דער רעוואָלוציע. קעסטלער האַלט, אַז רעוואָ־לוציע איז קאָרופּציע, עס קאָרומפּירט דעם מענטש וואָס גייט אין איר אַריין. משמע, אַז רובאַשאָוו וואָלט אויך אַזוי „אויסגעפאָרשט" ווי גלעטקין.

אָבער נישט נאָר רעוואָלוציע קען אַ מענטשן קאָרומפּירן, אויך די מאַכט און די וועגן זי צום באַקומען איז אַ גליטשיקע זאַך...

דעריבער איז קעסטלערס הנחה, אַז די געשיכטע פון דער באָלשע־וויסטישער רעוואָלוציע האָט לויט איר נאַטור געמוזט פירן צו טשעקאַ, צו די קעלערן פון גע־פּע־אוּ און צו די ווייטערדיקע נעמען פון אָט דער אינסטיטוציע. לעניִנס דרכים האָבן געפירט צו סטאַלינען. עס וואָלט געווען די זעלבע טעכניק ביי אים, ווען ער וואָלט נאָך געלעבט לענגער.

דאָס איז קעסטלערס ענטפער אויף דער פראַגע: פאַר וואָס האָבן זיי זיך „מודה" געווען? ער זאָגט קליפּ און קלאָר: די מענטשן זענען דעגענערירט געוואָרן דורך דער מעטאָדיק פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש און איר לעגיטימען כאַראַקטער. נישט דער אָדער אַנדער יחיד איז דאָ שולדיק אין דער צעפוילטקייט און גאַנגרענע, נאָר דער גאַנצער סיסטעם. יעדער איינער, וואָס האָט געגלויבט אין דער רעוואָלוציע מוז ענדיקן ווי רובאַשאָוו אָדער גלעטקין, און נישט דער טעראָר פון דער גע־פּע־אוּ האָט פון די רובאַשאָווס אַרויסגעפּרעסט זייערע דערקלערונגען, נאָר די שוואַנגעליע פון באָלשעוויזם, פון וועלכן די רובאַשאָווס זענען געווען די לעגיטימע אַפּאָסטאָלן.

✶

העניִעק און זאָשע האָבן געשטאַמט פון אַ שטעטל לעבן לאָמזשע. זאָשע איז געקומען אין דער באַוועגונג פון אַ פרומער שטוב. איר טאַטע, בערל מלמד, אַ גערער חסיד, האָט נישט געקענט אַדורכטראָגן די חרפּה, ווען זיין טאָכטער איז אַרעסטירט געוואָרן ביים פאַרשפּרייטן קאָמוניסטישע פלוגבלעטלעך. ער איז מער ניט געגאַנגען אין „שטיבל", ער האָט אויפגעגעבן זיין חדר און פלעגט נישט וועלן אַרויס־גיין פון שטוב. ער האָט אָנגעהויבן קרענקען ביז ער איז אויסגעגאַנגען. זאָשע האָט זיך אין טורמע דערוווּסט פון דעם. און ווען זי איז נאָך פיר יאָר זיצן באַפרייט געוואָרן, האָט זי ווייטער אָנגעהאַלטן איר פאַרבינדונג מיט די חברים, אָבער נישט מער געווען אַקטיוו.

העניִעק איז געווען מיט אַ צען יאָר עלטער פאַר זאָשען, און זי האָט אַרויפגעקוקט צו אים . . . נאָך זיין באַפרייאונג האָבן זיי זיך דערנענ־טערט, אָבער נישט געטראַכט נאָך זיך דאָן צו פאַרבינדן. ער איז אַרויס פון טורמע אַ קראַנקער, אַ צעבראָכענער, נישט נאָר פיזיש . . . עס איז געווען די צייט פון די קאַשמאַר־פּראָצעסן אין מאָסקווע.

העניִעק האָט געזוכט פאַר וועמען זיך אויפצועפענען, אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף זאָשען. ער פלעגט מיט איר אַרומגיין לאַנגע שעהען ביים נאַרעוו און זי האָט געהאַט אַ פּאָר גוטע אויערן פאַר זיינע רייד. מ'האָט זיך מער דערנענטערט, געוואָרן אינטים און געמאַכט פּלענער צו עמיגרירן פון פּוילן. ער האָט אָנגע־

מערקט אַ דרום־אַמעריקאַנער לאַנד. זי האָט געהאַט אַ קוזין אין מעלבורן און געוואָלט בעסער אויסטראַליע. געשריבן צום קוזין און באַקומען פון אים אַרויספאָדערונגס־פּאַפּירן. נאָך פאַרן קריג־אויסברוך באַוויזן צו דערגרייכן די אויסטראַלישע ברעגעס.

✶

פאָרנדיק אין אויטאָבוס פון דער אַרבעט צוריק אַ היים האָט העניעק געטראָפן אַ לאַנדסמאַן, וועלכער איז געקומען קיין מעלבורן אין איין צייט מיט אים, אַפילו אויף דער זעלבער שיף געפאָרן צוזאַמען. מאַניעק איז געווען זיין נאָמען, אַ פריילעכער לונג־און־לעבער, האָט ער געהאַלטן אין איין דערציילן קאָמישע מעשיות פון די אויסטראַ־לישע „יאָקעס”. העניעק האָט אים געלאָזט רעדן פאַר פייער און פאַר וואַסער, זיך אין גאַנצן נישט צוגעהערט וואָס ער ברייעט אָן. ער האָט געקוקט אויף מאַניעקן און געטראַכט פון דעם בחור, וואָס איז מיט אים געקומען אין לאַנד אַריין מיט אַ שיינער שוואַרצער טשופּרינע און אַ לאָק האָר פלעגט זיך אים איבערוואַרפן אויפן שטערן.

די שוואַרצע טשופּרינע האָט די צייט לאַנג שוין פאַרצוקט. אויך די אויגן ביי אים זענען אַריין טיפער און דער אויסדרוק פון זיי — אַן אויסגעלאָשענער ווולקאַן. זיין הויכע פיגור איז געוואָרן אַ ביסל איינגעבויגן, ווי די זיקנה וואָלט זיך דערנענטערט שנעל ביי זיינע עטלעכע־און־פופציק יאָר. ער האָט דורכגעמאַכט אין לאַנד „קאַלטס און וואַרעמס”. טשעקאַווע, אַז דאָס האָט נישט באַווירקט זיין אָפּטימיס־טישן געמיט־צושטאַנד מיט זיינע מעשיות וועגן זיין טאַטן.

קוקנדיק אַזוי אויף אים, איז אַ כוואַליע דעראינערונגען אַרויס־געשווימען ביי העניעקן אין געדאַנק. עס איז אָנגעקומען אַזוי פּלוצלינג, ווי אַ טשאַטע פייגל וואָלטן זיך פון ערגעץ־ווו אַרויסגעלאָזט פליען. עס האָט זיך אים דערמאָנט די סצענקע, ווען ער האָט זיך מיטן טאַטן זיינעם געזעגנט, פאַרן אַריינגייין אין וואַגאָן אין וואַרשע, אויף דעם וועג צו דער שיף אין גדיניע. די לעצטע ווערטער פון טאַטן זענען געווען: „העניעק, כ'האָב זיך באַמיט צו פאַרשטיין דיך און דיין וועלט, וואָס איז מיר אַזאַ פרעמדע געווען. ביסט געוואָרן אַ פאַרקאַכטער קאָמוניסט, נישט געטראַכט וועגן תכלית פאַר זיך אַליין, נאָר געגאַנגען פאַרזאָרגן די וועלט, משיחן אַראָפּברענגען... דאָס האָב איך געקענט תופס זיין, אָבער נישט, ווען דו האָסט אויסגעטרישט גאָט אויף אַן אָפּגאָט מיט אַזאַ געצנדינסט פאַר אים. האָסט אַלץ מקריב געווען: טאַטע־מאַמע, דיין געזונט, דיינע יאָרן, דיין פּערזענלעכן לעבן. ביסט געוואָרן אַ פרעמדער אין שטוב. איך גלויב, אַז אין אויסטראַליע, פון דער אומ־געהויערער ווייטקייט, וועסטו ווערן אַ סך נענטער מיט אונדז, ווי בעת

ביסט געווען אין שטוב. אפשר וועסטו אין יאָרן אַרום קומען אויף אַ לוסט־רייזע צו אונדז, צו דיין אַלטער היים, וועסט אַנקלאַפּן אין טיר, פּרעמדע וועלן עפענען און פרעגן: — וועמען זוכט איר?..."

ווייזט אויס אַז מאַניעק האָט דערשפּירט, אַז ער „רעדט צו דער וואַנט", ער האָט פּלוצעם אָפּגעהאַקט אין מיטן זאַץ און מיט אַ משונה־דיקן בליק געקוקט אויף העניעקן, פאַרשנדיק, האָט ער אַזוי שטיל אים אַ פרעג געטאָן: — פילסט זיך עפּעס נישט געזונט היינט?

— וואָס פעלט דיר עפּעס איין? — האָט אים העניעק געענטפערט, — נאָר פאַרטראַכט געווען אַ ביסל.

אין שטוב איז נאָך זאָשע נישט געווען פון דער אַרבעט. אַ פּאָר מאָל אין וואָך האָט זי געאַרבעט איבער־שעהען. אויפן טיש איז געלעגן אַ צעטל, וואָס ער זאָל איינקויפן ביים „בוטשער" און אין דער דעלי־קאַטעסן־קראָם. העניעק האָט ליב געהאַט דאָס איינקויפן ברויט, פליש, גרינסן, פּרוכטן. בעת מעשה כאַפּן אַ שמועס מיט די קרעמער, צוערשט וועגן וועטער, ווי עס איז דער אַנגענומענער שטייגער אין לאַנד, נאָך דעם כאַפּן אַ מאָטל וועגן לאָקאַלע ענינים, באַזונדערס וועגן פוטבאָל. העניעק פלעגט נישט גיין שבת צו די פוטבאָל־מעטשן. נישט געוווּסט וועלכע קלובן עס שפּילן, און ווער עס שטייט העכער אויפן „לייטער". פון אָנהייב פלעגט ער צוליב דעם זיך פילן פאַרלוירן, ווען ער האָט געדאַרפט רעדן מיט אַזעלכע גרויסע ספּעצן אין הלכות פוטבאָל און „רייסעס". אָבער אַרבעטנדיק אין ציטונג, האָט ער אויפגעכאַפּט די נעמען און איינגעחזרט צו געדענקען זיי שפּעטער. וואָרום וואָס פאַר אַ פּנים קען ער שוין האָבן ביים „בוטשער", אויב ער וועט אַרויסווייזן זיין גרויסע אַמעראַצעס אין אַזעלכע וויכטיקע ענינים? די „סדרה" פוט־באָל איז געגאַנגען פון מאַנטיק אין דער פרי אָן, איבערגעחזרט און אַנאַליזירט גרינטלעך פון אַלע זייטן מיט טיפער קענטעניש פון יעדן שפּילער. און כאָטש העניעק האָט זיך נישט אויסגעלערנט „מעביר סדרה זיין" די ספּאָרט־אָפּטיילונג פון ציטונג, האָט ער אָבער שוין באַוויזן צו כאַפּן דעם „שניט" פון די קעפּלעך און פון זיי דערגיין ווער מיט וועמען...

זאָשע האָט אַפילו געהאַט טענות צו אים הלמאי ער ווערט נישט אַקלימאַטיזירט. זי האָט מיט אים גערעדט אַ פּאָר מאָל ער זאָל זיך פאַרשרייבן אין אַ מאַסאָנען לאָזשע, דאָס קומט גוט צו נוץ צו יעדער זאַך. אַ „ברודער" ווערט פּראָטעזשירט און עס לוינט ער זאָל זיך פאַרשרייבן.

זאָשע האָט טאַקע שנעלער זיך צוגעפּאַסט צום אויסטראַלישן לעבנס־אופן און בכלל אויך צו איר נייער יידישער סביבה. פון דער אַמאָליקער פלאַמיקער קאָמוניסטקע, וואָס האָט געוואָלט זיך מקריב זיין פאַר דער רעוואָלוציע, איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געווען. זי איז ווי איבער

נאָכט געוואָרן אַ פּייערדיקע ציוניסטקע, אַקטיוו געווען אין „וויזאָ״, גע־גאַנגען צו זייערע „קאָרד־פּאַרטיס״ אָדער „פּרי־וועדינגס״, ווו די הכנסה איז געווען באַשטימט פאַר „איזראַעל״. זי פלעגט ווערן אַנגעצונדן, ווען זי האָט געהערט רעדן קעגן „זיאָניזם״.

העניעק האָט עס נישט מיטגעמאַכט. הגם ער האָט זיך אידיאיש נישט באַטראַכט מער פאַר קיין קאָמוניסט, און איז באַזונדערס געווען שאַרף קריטיש לגבי דעם ראַטן־פאַרבאַנד, האָט אים אָבער געראַזשעט, ווען נעכטיקע קאָמוניסטן האָבן איבערגעדרייט דעם פעלץ און אַריינ־געגעבן אין זייער נייער פּראָזעליטישער איפּערדיקייט אַזאַ שרייענדיקן טאָן און פאַרב, ווי זיי וואָלטן דערמיט געוואָלט עפּעס פאַרדעקן און אַרי־בערשרייען די אַלטע ציוניסטן... אויך אין דעם איז געווען אַ קאָמוניסטישער שטריך, אין דעם איבערפאַרבן זיך איבערנאַכט פון צונטער רויט אויף ווייס־בלוי... ווען ער פלעגט הערן ווי דער נעכטי־קער סטאַליניסט שיט פעך און שוועבל אויף די, וואָס באַקערן זיך נישט צום ציוניזם, פלעגט אים קומען אויפן זכרון דער זאָג פון דעם פראַנצויזישן גרויסן קריטיקער סען־בעוו, אַז „אין פראַנקרייך בלייבן נאָך אַלץ מענטשן קאַטאָליקן, לאַנג נאָכדעם, ווי זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין אפילו קריסטן״... ער, העניעק איז געוואָרן אויס מאַרקסיסט. דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם האָט שוין לאַנג אויפגעהערט פאַר אים צו זיין דער וועגווייזער. אין זיין נייעם אַני־מאמין איז אָבער פאַרבליבן דער פּרינציפּ, וואָס דער רוסישער פילאָזאָף ניקאָליי בער־דייעוו האָט פאָרמולירט אין אַ קורצן זאַץ: „די פראַגע פון ברויט איז פאַר מיר אַליין אַ מאַטעריעלער ענין אָבער פאַר מיין שכן — אַ גייסטיקער ענין״.

העניעק איז אַריין צום „בוטשער״ איינקויפן פליישׁ אויף עטלעכע טעג. אַ׳ברייען, אַ דיקער אויסטראַליער, איז געשטאַנען מיט אַ ווייסן פאַרטוך גרייט צו באַדינען די קונים. צו העניעקן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע פריינטלעכקייט, זינט ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ער אַרבעט אין די צייט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ׳ברייען האָט פון זיין יוגנט געהאַט אַ שוואַכקייט צו דער פעך, פון וועלכער ער האָט זיך קיין מאָל נישט אויסגעהיילט. ווען קיינער איז נישט געווען, פלעגט ער מיט זיין גראָבן סטאָליאַרסקן בלייער שרייבן פערזן אויף דעם קצבישן פּאַפּיר. נישט איין מאָל פלעגט ער זיך פאַרגעסן און איינפּאַקן פליישׁ פאַר אַ קונה אין אַ פאַרשריבענעם פּאַפּיר מיט לידער. ווען ער פלעגט זיך כאַפּן, וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן, פלעגט ער זיך נישט קענען שענקען. פלעגט ער שוין דעריבער באַהאַלטן די לידער אין זיין „קילצ׳ימער״. נאָר פאַר העניעקן האָט ער זיך פאַרטרויט און אים אָנגעהויבן וויזן זיינע „שאַפונגען״ צו הערן מבינות פון אַ שרייבער. דערביי פלעגט ער זיך אַ זאָג טאָן: „איך נעם עס נישט ערנסט. עס

איז ביי מיר נאָר אַ צייט־פּאַרטרייב, ווען איך האָב נישט קיין קונים און הייב זיך אָן לאַנגווייליקן".

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן „בוטשער" און איינגעקויפט אויך גרינסן, איז העניעק מיט שנעלע טריט צוריקגעגאַנגען אַהיים. ער האָט נאָך געהאַט אַן אַרבעט צוצוגרייטן פאַר דער שבתדיקער צייטונג, אַן אָפּשאַצונג וועגן ראַלף האָכהוטס דראַמע „די זעלנער", וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין שטאָט. העניעק איז געווען אויף דער פּרעמיערע און עס האָט אים עפּעס געמאַטערט, אַז האָכהוט האָט מיט דער פּיעסע געוואָלט זיך ריינוואַשן, אויסקויפן זיך פאַר זיינע פריערדיקע „זינד" מיט זיין דראַמע „דער שטעלפאַרטרעטער". גייענדיק מיט די איינגע־קויפטע פּעקלעך, האָט ער נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן האָכהוטן.

זיין באַשולדיקונג קעגן טשערטשילן, אַז ער איז געווען פאַרמישט אין גענעראַל שיקאָרסקיס טויט, ווייל סטאַלין זאָל עס האָבן געפאָדערט פון די אַליאירטע, האָט אים אויסגעזען נישט איבערצייגנדיק. ער, סטאַלין, איז דאָך זיכער נישט געווען קיין „וועגעטאַריער" לגבי מענטשן־פליש... אָבער ער האָט פאַר דעם געהאַט ספּעציאַליזירטע מענטשן, וואָס האָבן גוט געקענט די טעכניק און זיי האָבן זיך אויך אין דעם פאַל שיקאָרסקי געקענט אַן עצה געבן אָן בעטן מיטהילף... אויב האָכהוט האָט ווידער געוואָלט אויסדריקן זיין פּראָטעסט קעגן הרגענען ציווילע מענטשן אין דער מלחמה, האָט ער דאָך געהאַט גענוג באַווייזן, וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן אין לידיצע און אין די געטאָס, שוין אָפּגערעדט פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און גאַז־קאַמערן. אַנשטאָט אָבער צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון צושויער און לייענער אויף די נאַצישע פאַרברעכנס, איז ער גאָר אַרויס מיט אַ געשריי קעגן די מערב־מלוכות, וואָס האָבן באָמבאַרדירט די דייטשע שטאָט דרעזדן. און ווער זענען געווען די „פאַרברעכער" קעגן „נאַבעלען" דרעזדן? טשערטשיל מיט זיין ראַטגעבער פּראָפעסאָר לינדעמאַן און דער ענגלי־שער פעלד־מאַרשאַל לאָרד אַלענברוק.

העניעק האָט זיך אַוועקגעזעצט שרייבן די רעצענזיע. ווי זיין שטייגער, געשריבן און צעריסן, נישט זייענדיק צופרידן מיט דער אַרבעט. ער איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן, אַז ער האָט נישט געהערט, ווי זאָשע איז שוין דאָ אין שטוב. זי האָט געהאַט טענות צו אים פאַר וואָס ער האָט פריער נישט אויפגעעפנט דעם וועגעציאַנעם לאָדן אין שטוב, נאָר געשריבן ביי עלעקטריש ליכט. זי האָט אים אָפט געזאָגט, אַז ער מאַכט זיך קאַליע די אויגן ביים שרייבן, ער צעקרימט אויך זיין רוקנביין, מחמת ער זיצט נישט גלייך. דאָס איז געווען אַן אמת. עס האָט אים לעצטנס אָנגעהויבן שטאַרק ברעכן די פּלייצע, געווען ביים דאָקטער, וועלכער האָט אים געגעבן אַ זאַלב אָנצורייבן די פּלייצע, אָבער די ווייטיקן זענען פון דעם נישט אַוועק. אויך די ראיה איז ביי

אים געוואָרן שוואַכער, אין די לעצטע עטלעכע יאָר שוין אַ פּאָר מאָל געטוישט זיינעברילן, וואָס אַן אויגן־ספּעציאַליסט האָט אים פאַרשריבן, אַריינגעלאָזט קראָפּליעס אין די אויגן, דאָס אַלץ האָט ווייניק געהאָלפן.

ער פלעגט זיין זאָשען נישט וועלן אָנטאָן קיין עגמת־נפש, ווייל זי האָט געליטן פון אַן „אַלסער", וואָס האָט איר שטאַרק דערקוטשעט. זי פלעגט נישט איין מאָל פון בעט אַראָפּגייך ביינאַכט און אויסטרינקען אַ גלאָז מילך און פאַרבייסן מיט עטלעכע ביסן ברויט. זי פלעגט ביי דער אַרבעט אויך דאַרפן אָפט איבערכאַפּן דאָס האַרץ, ווען עס האָט איר אָנגעהויבן נאָגן. העניעק האָט זיך געשראָקן פאַר איר שלעכטן אויסזען. איר געמאַטערט זי זאָל גייקצו אַ ספּעציאַליסט. זי האָט אָבער פיינט געהאַט גיין צו דאָקטוירים און פלעגט עס יעדער מאָל אָפּלייגן. בכלל איז דאָס אַרבעטן אין פאַבריק, און שפּעטער דאָס קאָכן און רוימען די שטוב געווען צופיל פאַר איר געזונט־צושטאַנד, אָבער פון העניעקס פאַרדינסטן איז געווען אוממעגלעך צו עפּעס צוצוקומען און זיך איינאָרדענען לייטיש.

געוווינט האָבן די אויף פּיגדאָן סטריט אין אַ הייזקע, וואָס האָט געהאַט אַ לאַנגן קאָרידאָר. דער שלאָפצימער איז אַרויס אין גאַס, ווי אַן איינפראַנטיקער צימער. הינטער אים זענען געווען נאָך עטלעכע צימערן מיט אַ קיך און באָדצימער. די גאַנצע פּיגדאָן גאַס איז באַשטאַנען פון אַזעלכע „קאָטעדזשעס", וואָס זענען פון פאָרנט באַצירט געווען מיט שפּיצלעך, זיי האָבן דערמאָנט אין די האַלקעס פון די מאַמעס און מומעס אין פוילן. איניקע הייזקעס האָבן אויך געהאַט פון פאָרנט אַ שטיקעלע גערטנדל און דאָס איז שוין געווען אַ מדרגה. זאָשע האָט געליבט איר גערטנדל, געקליבן נחת, ווען אַ קנאָספּ האָט זיך גענומען אויפעפענען און זיך געטובלט אין דעם פאַרטאָגיקן טוי. אַ מאָל פלעגט אויפן ביימל אַ שפּערל זיך צעזונגען סאָלאָ, אָנזאָגנדיק דער וועלט, אַז די זון גייט אויף. עס איז נישט געווען קיין צו אָפּטע דערשיינונג אין דער גאַס, אַז פייגל זאָלן צוויטשערן.

נאָכן קריג האָבן אָנגעהויבן אָנקומען יידן פון פוילן און פון רוסלאַנד. האָט זיך געשאָפן די זאָרג צו באַקומען פאַר זיי וווינונגען און דאָס איז גאָר נישט לייכט אָנגעקומען. העניעק האָט לאַנג אַרומגעזוכט אַ וווינונג פאַר זיינס אַ שול־חבר, וואָס איז געווען פאַרוואָגלט אין די טונדרעס, אין די סיבירער טייגע־ראַיאָנען. דאָס אָרט האָט געהייסן פּעטשאָראַ — אַ פאַרוואָרפענער עק אין ווייטן צפון פון רוסלאַנד. נאָך פאַרן אָנקומען קיין אויסטראַליע, האָט דער חבר זיינער, מיעטעק, געשילדערט, ווי אַזוי מען האָט זיי געפירט, ווי אַרעסטאַנטן, אין פראַכט־וואַגאָנעס. געפירט זיי אין באַרזשעס איבער די טייכן אוסאַ, פּעטשאָראַ און אַנדערע ווייטע עקן פון דער וועלט. העניעק

מיט זאַשען האָבן מיטעקן אָפּגעוואַרט ביים פּאָרט אין מעלבורן. עס איז געווען אַן עמאָציאָנעלע באַגעגעניש מיט דערשטיקטע און איינגעהאַלטענע טרערן. מען האָט זיך אַרומגענומען מיט פייכטע אויגן נאָך אַזוי פיל יאָרן — און וואָס פאַר אַ יאָרן! — נישט זען זיך. העניעק האָט געהאָלפן אָפּנעמען דעם באַגאַזש און איז געווען אויך דער איבער׳זעצער ביים דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן; אָדער ווען פרעסע־רעפּאָרטערן האָבן אויסגעפרעגט די אימיגראַנטן פון וועלכע לענדער זיי קומען, צי זיי האָבן קרובים אין אויסטראַליע און ענלעכע פראַגן.

העניעק האָט דעם חבר מיט זיין פרוי געפירט צו זיך אין שטוב. געפאָרן זענען זיי צוזאַמען מיט זייער שכן, וועלכער איז געקומען צום פּאָרט אין זיין קאַר — אַן אַלטער „פאָרד" מיט אַ יחוס־בריוו פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען ער איז אַ מאָל נאָך געווען ניי. איצט האָט דער „פאָרד" געהאַלטן אין איין קרעכצן איבערן גאַנצן וועג. ווען ער האָט געקלעטערט אויף אַ שטיקל באַרגיקן שאָסיי, האָט ער כסדר געסאָפּעט און באַדויערט זיין טיפן עלטער... אויפן וועג האָט דער חבר דערציילט טראַגישע עפּיזאָדן פון דעם לעבן אויפן וויטן צפון. דערציילט אויך פון פריינטשאַפט, וואָס ס׳האָבן אים אַרויסגעוויזן ווילד־פרעמדע מענטשן, און פריינטשאַפט באַווייזט זיך דאָך אין הונדערט פנימער אויף פאַרשידענע אופנים. ביים אויסהערן דעם חבר, האָט העניעק זיך דערמאָנט אין די ווערטער, וואָס ער האָט אַנומלט געשריבן אין אַ רעצענזיע פון אַ בוך: „וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס מיר באַצייכענען ווי איבערגעגעבנקייט, מענטשלעכקייט, פריינטשאַפט, נאָענטקייט? דאָס זענען דאָך טערמינען, וואָס מיר קענען נישט זען מיטן פיזישן אויג, מען קען עס אויך נישט וועגן און מעסטן מיט אַן אָפּטייקאַרסקער וואָג. און אפילו אויך קליינע זאַכן, וואָס זענען פאַרן אויג קליין, אָבער געטריישאַפט צו קליינע זאַכן — איז אַ גרויסע זאַך".

שפּעט אין אָוונט זענען זיי אָריין אין שטוב, ווו עס איז שוין געווען אָנגעגרייט אַ טיש מיט כל טוב צום עסן און טרינקען. מיטעק האָט געהאַלטן אין איין דערציילן פון זיינע נע־ונד וואַנדערונגען איבערן צפונדיקן רוסלאַנד און שפּעטער דאָס צוריקפאָרן קיין פוילן און דערזען דעם חורבן אין זיין גאַנצער גרויס... יעדער אָפּגעראַטעוועטער ייד האָט דעמאָלט דערשפּירט, וואָס ער האָט אַלץ פאַרלוירן... די נאָענטסטע, די יאָרן, דעם ניגון...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און געבעטן העניעקן צו דערציילן פון זיך, ווי אַזוי עס איז אים צוגעגאַנגען אין די ערשטע יאָרן אין אויסטראַליע. העניעק האָט נישט געהאַט קיין חשק צו רעדן וועגן זיך, אָבער זאַשע האָט יאָ אָנגעהויבן דערציילן פון זייערע מאַטערנישן. עס איז געווען איר פּלאַן העניעק זאָל גיין אויף אַ נאַכט־קורס אין מערבורנער אוניווערזיטעט. ער האָט דורכגעמאַכט אַ קורס „מאַטורע

פּאַר דערוואַקסענע״, שווער געאַרבעט אויפן „ענגלישן אויסדרוק״, אָבער שטופּנוויז האָט ער באַהערשט דעם ענגלישן אידיאָם.

אַ צעשמייכלטע, האָט זי דערציילט, אַז די שרייבערישע קאַריערע האָט העניעק אָנגעהויבן מיט שרייבן „בריוו אין רעדאַקציע״. אין אַלע ענגלישע טאָג־צייטונגען האָט מען געקענט געפינען זיינע בריוו וועגן אַלץ אין דער וועלט. מען האָט זיי געדרוקט, ווייל ער האָט זיך אָפּגעּ רופן אויף אַלע אַקטועלע געשעענישן און געשריבן זאַכלעך. שפּעטער האָט ער אַריינגעשיקט רעצענזיעס וועגן ביכער און אַזוי אַרום איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער צייטונג „די צייט״ — געוואָרן אַ צייטונגס־האַנט.

פון דער גאַס האָט זיך שוין געהערט די שטילע טריט פון דעם מילכמאַן, וועלכער האָט יעדן טאָג צוגעשטעלט מילך. מען האָט איבערגעריסן דעם שמועס. „מאָרגן איז אַן אַרבעטס־טאָג״, האָט זאָשע באַמערקט. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט פון טיש און די געסט זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ ספּעציעל געמאַכטן פאַר זיי שלאָפצימער. פון פענצטער האָט שוין אַריינגעקוקט דער פאַרטאָג.

אַ וואָך שפּעטער האָבן העניעק און זאָשע איינגעאָרדנט אַ „פּאַרטיע פאַר די געסט״. זיי האָבן פאַרבעטן עטלעכע באַקאַנטע און אַ פּאָר לאַנדסלייט לכבוד דער געלעגנהייט. איינער פון זיי איז געווען דוד סובל. אַ מאָדנער מענטש געווען, איינער פון די וואָס טראָגן „ברילן אויף דער נאָז און האַרבסט אויף דער נשמה״. אויף די ליפּן האָט ער תמיד געטראָגן אַ פּראָפעסיאָנעלן שמייכל, בעת אין זיין האַרצן האָבן געבלאָזן האַרבסט־ווינטן . . .

העניעק האָט אים נישט געקענט פאַרטראָגן צוליב אַ ריי זאַכן און נישט געוואָלט אים האָבן ביי זיך אין שטוב, אָבער זאָשע האָט געהאַלטן, אַז „ס׳פּאַסט נישט מען זאָל אים נישט רופן״. האָט העניעק נאָכגעגעבן. אויף דער „פּאַרטיע״ האָט סובל נישט צוגעמאַכט דאָס מויל. און אַלץ מיט אַ שמייכלדיק פּנים. אַפילו ווען ער האָט גערעדט וועגן די טרויעריקסטע זאַכן, האָט ער נישט באַזייטיקט דעם שמייכל פון זיינע פעטע ליפּן. ווי זיין שטייגער, האָט ער אָנגעהויבן צו באַרעדן באַקאַנטע, און מיט זיינע ציין זיך איינבייסן אין זייער פלייש . . .

עס איז אויך פאַרבעטן געוואָרן דזשעק פלוים. ער איז געווען אַ קרוב פון מיטעקס פרוי. אַ נידעריק־געוווקסיקער, פלעגט ער ביים רעדן צו עמעצן זיך שטעלן אויף די שפּיץ־פינגער, צו ווערן מי־יודע ווי הויך. אַ טבע האָט ער געהאַט אַלעמען איבערצושפּאַרן און דערצו מיט אַזאַ מינע פון ביטול, אַז אַלץ, וואָס מען האָט דאָ געזאָגט, איז נישט ווערט קיין שמעק טאַבאַק, אָבער דאָס וואָס ער גייט זאָגן, וועט דאָ גלייך מרעיש עולם זיין. ער האָט יעדן איינעם טיטולירט „פריינט״

און העניעק פלעגט ביים הערן פון אים דאָס וואָרט טראַכטן: אַז מען האָט אַזאַ פריינט, דאַרף מען שוין קיין שונא נישט האָבן... און צו זאָשען האָט ער אין דער שטיל געזאָגט: — יעדער איינער טוט וואָס ער קען מיט זיין טאַלאַנט, מיט וועלכן ער איז באַשאָנקען געוואָרן, פייגל — זינגען און שלאַנגען צישען...

אַפּנים, אַז אויך מיעטעק האָט זיך אָנגעהויבן פילן אומבאַקוועם פון סובלס באַרעדן, האָט ער אַרויפגעפירט וועגן דעם סטאַליניסטישן אַנטיסעמיטיזם. העניעק האָט אים אויסגעפרעגט וועגן די יאָרן 1948־1949 און דערציילט, וואָס ער האָט געלייענט אין דעם בוך פון מרדכי נאַמיר „שליחות במוסקבה", אַז אין די מאָסקווער פאַרשטעט האָט מען אין אַ געוויסער נאַכט געמאָלדן די יידן צו דעקלאַרירן שריפטלעך, אַז זיי פאַרפליכטן זיך אין משך פון 24 שעה צו פאַרלאָזן זייערע וווינערטער. אָט די מעלדונגען האָבן פאַנאַנדערגעטראָגן ענקאַוועדעניקעס.

מען קען זיך פאַרשטעלן, ווי אַזוי די יידן האָבן אויפגענומען די בשורה... איבער נאַכט זענען איבערגעריסן געוואָרן לעבנס־וואָרצלען, משפחה־פאַרבינדונגען... ס'איז געווען אַ גזירה אַוועקצוואָגלען אין דער אומבאַשטימטקייט... דער מחבר באַמערקט, אַז די יידן האָבן דאַן געגלויבט און מיט אַזאַ זיכערקייט געזאָגט: „ס'איז אוממעגלעך דאָס זאָל געטאָן ווערן מיט סטאַלינס וויסן"...

מיעטעק האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם טויטלעכן פחד, וואָס ער האָט דעמאָלט איבערגעלעבט. פון זיין דערציילן האָט זיך געשאַפן אַ געדריקטע שטימונג. זאָשע האָט פאָרגעלייגט צו זינגען בציבור ידישע פאָלקסלידער. מיעטעק האָט געהאַט אַ פיינעם באַריטאָן און ער האָט אונטערגעהאַלטן. ער האָט אַליין געזונגען סאָלאָ פון שאַליאַפּינס רעפּערטואַר, די שטימונג האָט זיך תיכף געענדערט.

✶

אויף צומאָרגנס האָט העניעק זיך פאַרנומען צו שרייבן אַן אַרטיקל וועגן די עקזיסטענץ־פילאָזאָפן. אין דער רעדאַקציע האָט זיך געטומלט מיט אַ וויכטיקער נייעס: מעלבורן האָט זוכה צו האָבן די אָלימפּיאַדע ביי זיך אין 1956. נישט נאָר דאָס יונגוואַרג, אויך עלטערע שרייבערס זענען פון דער נייעס געוואָרן אַזוי צעיאַכמערט, ווי מען וואָלט זיי אָנגעזאָגט דאָס גרויסע געווינס. ביי די טישלעך האָט געזשומעט. מען איז געשטאַנען אין גרופּעס און קאָמענטירט וועגן די שאַנסן, וואָס די אויסטראַלישע ספּאָרטלער קענען האָבן צו געווינען גאָלדענע, זילבערנע און בראָנדזענע מעדאַלן.

העניעק איז געזעסן אין זיין אַרבעט־צימער, די טיר פאַרמאַכט, צו קענען רואיק אַרבעטן. די אָלימפּיאַדע האָט אים אינטערעסירט,

ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. גראַד זענען אים נאָכגעגאַנגען שטיקלעך רייד פון דער נעכטיקער „פּאַרטיע״ וועגן דער איבערלעבונג פון טויט־שרעק. עס איז פאַר אים נישט געווען בלויז קיין פראַגע וועגן ראַטן־פאַרבאַנד, ווו פּחד איז פאַרבונדן מיטן פּאָליטישן רעזשים — די גאַנצע מאָדערנע פילאָזאָפיע איז דאָך פול מיט מורא! דער מענטש האָט מורא. פאַר וועמען? פאַר זיך אַליין. און מורא קען זיין זייער געפערלעך. די ברוטאַלסטע מענטשן זענען אָפט די, וואָס האָבן מורא. די גרויזאַמסטע דיקטאַטאָרן זענען מיינסטנס געווען די, וואָס האָבן געלעבט אין אומזיכערקייט, נישט געהאַט קיין רו. און ווען דער מענטש ווערט באַהערשט פון מורא, ווערט ער אַ שונא פון דער וועלט, פון זיינע מיטמענטשן, וועלכע ער ברענגט אום... זוכט דער היינטיקער מענטש צו אַנטלויפן פון מורא, ער ווערט פול מיט אַנגסטן, ווען מען דערמאָנט אים וועגן מורא. דעריבער פאַרנעמט עס אַזאַ צענטראַלן אָרט אין דער מאָדערנער ליטעראַטור. פּחד, אַנגסט, מורא — זיי זענען היינט הויפּט־מאָטיוון, אין דעם מאָדערנעם שאַפן.

העניעק איז געווען גוט באַהאַוונט אין די ווערק פון די דענקער אין דער היינטיקער צייט, ווי סאַרטר און אַנדערע. אין זייערע שריפטן ווערט דאָך אַ סך גערעדט וועגן דער מענטשלעכער איינזאַמקייט און מענטשלעכער אויסזיכטלאָזיקייט. עס איז אים געקומען אויפן געדאַנק סאַרטרס הנחה וועגן דער טראַגישקייט פון מענטשלעכן גורל. עס באַשטייט דערין, וואָס זיין אַמביציע איז צו זיין גאָט און אים איז באַשערט צו זיין נישט מער ווי אַ שטערבלעכער מענטש, וואָס זיינע טעג זענען געציילטע... טויט איז אַ פאַקט, טויט געהערט צום לעבן און עס איז אַ באַשטאַנדטייל פון דעם מענטשנס גורל, און ווייל דער מענטש ווייסט זיינע גרענעצן, דערפאַר איז זיין לעבן פול מיט אַנגסט.

ער האָט אָוועקגעלייגט די פעדער און איז אַריין צו די קאָלעגן אין גרויסן זאַל. ער האָט געקוקט אויף זייערע צעשטראָלטע פּנימער, פון וועלכע ער האָט ווייטער געקענט לייכט אַראָפּלייענען די גוטע בשורה פון דער אָלימפּיאַדע אין מעלבורן. זיי טראַכטן נישט וועגן טויט, ווי ער טוט איצט. זיי נעמען אויף דאָס לעבן לייכטער ווי ער. זיי פאַרשפּילן זיך מיט ספּאָרט, מיט פוטבאָל און „רייסעס״ — אפשר ווילן זיי טאַקע מיט דעם פאַרטרייבן דעם פּחד פאַרן טויט? עס ווייזט טאַקע אויס, זיי לאָזן דאָס איבער פאַר דער עקזיסטענץ־פילאָזאָפיע, זי זאָל זיך מיט אַזעלכע זאַכן פאַרנעמען.

ער האָט געטראַכט ווי נישט צוגעפּאַסט עס איז פאַר דעם אויסטראַלישן קלימאַט, וואָס טאָלסטאָי האָט אַ מאָל געהאַט געזאָגט צו גאָרקין, אַז „ווען אַ מענטש לערנט זיך אויס צו דענקען, וועגן וואָס ער זאָל נישט טראַכטן, וועט אים שטענדיק אויסקומען צו טראַכטן וועגן זיין אייגענעם טויט״. העניעק האָט דאָס נישט געזען

ביי די מענטשן, מיט וועלכע ער טרעפט זיך, און זיי זענען, ס׳רוב, גאַנץ דענקענדיקע מענטשן, אָבער זיי פאַרנעמען זיך מער מיט דעם מענטשנס לעבן און נישט מיט זיין אַוועקגיין פון לעבן... דער אויסטראַלישער מענטש איז דאָך בטבע בכלל אַ פאַטאַליסט. דאָס וואָס געשעט, איז דעם מענטשנס פאַטום. דעריבער ווערן אַזוי פיל מענטשן יעדן יאָר געהרגעט און געניזוקט אויף די אויסטראַלישע וועגן. העניעק האָט טאַקע געגלויבט אַז דאָס איז די סיבה.

אויסטראַליע האָט נישט באַוויזן העניעקן צו מאַכן פאַר אַן אויסטראַליער — צו אַדאַפּטירן די מענטאַליטעט פון אַן אויסטראַליער אויף אַלע געביטן פון לעבן — הגם ער איז געוואָרן אַן אויסטראַלי־שער מיטבירגער, מיט אַלע פליכטן און רעכטן, און געאָטעמט מיט דער לופט פונעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן קלימאַט אין לאַנד. ווייזט אויס, אַז ווען איינער עמיגרירט אין אַ ניי לאַנד נישט אין זיין פריסטער קינדהייט אָדער יוגנט, קען ער פון זיך אַפּשטאַם נישט באַפרייען זיך. ער מעג לעבן אין דעם נייעם לאַנד פיל מער יאָרן, ווי אין דעם לאַנד, ווו ער איז געוואָרן געבוירן און אויפגעוואַקסן, דאָך איז דאָס לאַנד, ווו זיין וויגעלע איז געשטאַנען, פאַרבליבן די היים, וואָס האָט געלאָזט טיפע וואָרצלען אין זיין פסיכיק.

העניעק האָט ליב געהאַט אויסטראַליע. אירע פאַרוואָרצלטע דעמאָקראַטישע טראַדיציעס און אינסטיטוציעס זענען אים געווען צום האַרצן. ער האָט גערן געהאַט דעם אויסטראַלישן פאָלקס־מענטש, דאָך האָט ער זיך נישט געפילט פריי מיט אים, ווען דער אויסטראַליער האָט אים גערופן אין „פּאַב״ אַריין צו טרינקען ביר אין דער שווער אָנגערויכערטער שענק, ווו אַלע האָבן זיך אויסגעמישט און געטרונ־קען אויף „גוט־ברודערשאַפט״. ער איז מיטגעגאַנגען מיט רעדאַקציע קאָלעגן פרייטיק נאָך דער אַרבעט, אָבער נישט געקענט מיטמאַכן מיט זיי אין הלכות טרינקען. נאָך די ערשטע עטלעכע גלעזער ביר, האָט זיך אים שוין פאַרדרייט דער קאָפּ. ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט ווייטער צו טרינקען מיט זיי, האָט ער דערשפירט, ווי עס וואָלט פּלוצעם זיך געשאַפן צווישן אים מיט זיי אַ בלינדע וואַנט. הינטער די שפּאַסן, וואָס זיי האָבן געמאַכט אויף זיין חשבון איז געלעגן עפּעס טיפערס ווי אין די ווערטער.

ענלעכס איז געשען, ווען זיי האָבן אים בעתן „מעלבורנער קאַפּ״ (חג הסוסים) מיטגענומען צו די „רייסעס״ אין פלעמינגטאָן. זיי האָבן באַמערקט זיין קאַלטקייט בעת די פערד־געיעגן און דאָס האָט זיי שאָקירט. ער האָט דאָס דערציילט זאָשען, אָבער זי האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף זיך אַקלימאַטיזירן און נישט בלייבן שטיין פון דער זייט. לאָיאַליטעט צו אַ לאַנד הייבט זיך אָן מיטן לאָקאַלן עלעמענט, האָט זי געטענהט צו אים.

העניעק האָט די „רייסעס" און דעם „פּאָב" נישט געקענט אַריינ־נעמען אין דער רשימה פון זיינע לאַיאַליטעט־פאַרפּליכטונגען צום לאַנד. זאָשע האָט עס פאַרשטאַנען, אָבער נישט באַרעכטיקט. אַרום די און ענלעכע ענינים האָבן זיי תמיד געהאַט חלוקי־דעות.

העניעק איז אַוועק קיין אויסטראַליע פון אַ גייסטיק לעבעדיקער סביבה. אינעם נייעם לאַנד האָט ער דערשפּירט, אין אַלע זיינע רמ״ח אברים, די איינזאַמקייט פון אַ מענטש, וואָס ווערט אַרויסגעריסן פון זיין היים און סביבה און ווערט פאַרוואָרפן צען טויזנט מייל ווייט אונטער אַ נייעם הימל און אויף אַ נייער ערד...

פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען יידישע אימיגראַנטן — אמת, אין קליינע צאָלן — צוריקגעפאָרן אַהיים. די ענדערונג איז געווען צופיל פאַר זיי... העניעק האָט זיך נישט אונטערגעגעבן אָט די דעפּרעסיע־שטימונגען פון יענער ציט. ער האָט צו זיך געזאָגט: — דער, וואָס האָט פאַרלוירן זיין היים — וווהין זאָל ער צוריקקומען? נאָכן חורבן האָט אים אָבער גענאָגט דער געדאַנק: ווען ער וואָלט פאַרבליבן אין פוילן, אפשר וואָלטן זיינע נאָענטסטע געקענט בלייבן לעבן? די לאָגיק האָט אים געזאָגט, אַז ער וואָלט מסתמא אויך געטיילט זייער גורל... אָבער צווישן לאָגיק און געפיל איז דאָך נישט תמיד דאָ אַ שלום־בית...

דער גורל האָט פאַרזיגלט זיין בונד מיט אויסטראַליע — זיין אַדאָפּטירטע היים, אין וועלכער ער האָט געשלאָגן נייע וואָרצלען, אָבער נישט איבערגעריסן מיט די אַלטע... ער האָט גוט פאַרשטאַנען דעם באַדייטפולן עפּיגראַף אין דעם צווייטן באַנד פון דער באַוווסטער אויסטראַלישער שרייבערין, הענרי עטל ריטשאַרדסאָנס טרילאָגיע („די גליקן פון ריטשאַרד מאַהאָני"): „די וואָס גייען אַדורך דעם ים — זיי ענדערן זייערע הימלען אָבער נישט זייערע הערצער"...

אַרטור קעסטלער — דער פּאָליטישער, סאָציאַלער און וויסנשאַפטלעכער דענקער

עס זענען לעצטנס דערשינען אויפן ענגלישן ביכער־מאַרק צוויי ביכער אין שייכות מיט קעסטלערס לעבן און שאַפן. איינס איז אַ בראַשורט בוך, וואָס נעמט אַרום קעסטלערס 30 דערשינענע ביכער אין אַ שטאַרק־קאָנדענסירטער פאָרם.

דער טיטל פון בוך איז „ציגל צו בבל",* און דער מחבר איז קעסטלער גופא, וואָס האָט די טעקסטן פון זיינע פילצאָליקע פאָרעפנט־לעכטע ביכער רעדוצירט בערך צו אַ זיבן און האַלב פּראָצענט, אַ מין „טור" אין אַן אויטאָבוס, ווו דער וועגווייזער גיט דערקלערונגען וועגן די מײַלן־שטיינער פון זיין דורכגעמאַכטן שאַפערישן און לעבנס־וועג. צו דעם צוועק האָט ער די טעקסטן פון זיינע ביכער רעדוצירט צו דעם מינימום — און אַלע צוזאַמען זאָלן זיי בילדן די ציגל פון זיין פיל־זייטיקן שרייבערישן בנין, אויפגעשטעלט אויף די שטחים פון זיינע פּאָליטישע, סאָציאַלע, וויסנשאַפטלעכע און אויטאָביאָגראַפישע ביכער, וואָס זענען דערשינען דורך די לעצטע פערציק יאָר.

פון זיינע ביכער־ביאָגראַפיעס האָט ער אַריינגענומען זייער ווייניק „ציגל"; געגעבן נאָר געוויסע געציילטע, קורצע שטריכן וועגן זיך (אָבער נישט פון זיינע טאַטע־מאַמע; בלויז, אַז דער פאָטער איז פון אונגאַרן און די מוטער — פון ווין).

אין פּראָפיל־שטריכן גיט ער אַ בילד פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און פון די יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות: דער אויפשטייג פון נאַציזם; דער „גרויסער סאָוועטישער עקספּערימענט", דער בירגער־קריג אין שפּאַניע, די נצחונות פון דער היטלעריסטישער עקספּאַנסיע, וואָס האָט גורם געווען דאָס אַנטלויפן פון דער צענטראַל־אייראָפּע־אישער אינטעליגענץ קיין מערב־אייראָפּע און פאַראייניקטע שטאַטן.

קעסטלער דערציילט וועגן זיינע פּאָליטישע אַקטיוויטעטן, זיין באַטייליקן זיך אין די אַקציעס פון די אירגוניסטן אין פּאַלעסטינע;

* "Bricks to Babel", by Arthur Koestler, Picador.

זיין אַרבעט אַלס געהיים־אַגענט פון קאָמינטערן און זיין באַטייליקונג אין שפּאַנישן בירגערקריג, ווו ער איז געוואָרן אויס קאָמוניסט.

זיין שאַפונג „דיאַלאָג מיטן טויט" — ס'איז איינע פון די בעסטע וואָס איז אַרויס פון זיין פעדער — אַן איינדרוקספולע שילדערונג פון זיין זיצן און אַרויסקוקן דורך זיין טורמע־צעל־פענצטערל אויף די דערשיסונגען יעדן טאָג אין טורמע־הויף, פון די געכאַפּטע קעמפערס אויף דער זייט פון די שפּאַנישע רעפּובליקאַנער.

ווי מיר זעען אפילו פון די קורצע שורות בלויז וועגן זיינע פּאָליטישע אַקטיוויטעטן, האָט קעסטלער געדינט פאַרשידענע געטער, פאַר וועלכע ער האָט זיך געשלאָגן אויף אַ ריי פראָנטן, געזען ווי עס פאַלן אַזוי פיל קרבנות — קאָלעגן זיינע — פון אַט די טיראַנישע געטער צו וועלכע זיי האָבן געדינט, פאַר זיי געקעמפט, אויף אַלע שלאַכטפעלדער.

קעסטלער האָט זיי אויך דורכגעמאַכט אינטעלעקטועל און פיזיש, אָבער אַרויס גאַנץ פון די (להיפּוך צו פיל פון זיינע געוועזענע קאָלעגן). נאָך די אַלע אומוואַנדלונגען זיינע, איז קעסטלער היינט צו טאָג איינער פון די אָנגעזעענסטע און פון די אינטעלעקטועלסטע שרייבערס אין דער מערב־וועלט. זיין פּראָמינענטע פּאָזיציע האָט ער זיך דערוואָרבן גלייך מיט זיין „פינצטערניש אין מיטן העלן טאָג", וואָס איז פאַרבליבן אַ קלאַסיש ווערק.

כדאי דאָ צו באַמערקן אַז קעסטלער האָט נאָר אָפּגעגעבן אַ צוואַנציק זייטלעך (אַזוי פיל האָט ער געקורצט) זיין דערמאָנטע קלאַסיק. און ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז מחמת מאַנגל אין פּלאַץ האָט ער געוואָלט נוצן פון יעדן בוך וואָס ווייניקער „ציגל" צו זיין בבל־בנין, ער זאָל האָבן אָרט פאַר די אַלע ווערק אין איין קאָנדענסירטן בוך.

דאָס צווייטע דערמאָנטע בוך*, איז אַ ביאָגראַפיש ווערק וועגן קעסטלערן פון לעין האַמילטאָן. דער מחבר האָט באַקומען אַ צוטריט צו קעסטלערס פּערזענלעכע פּאַפּירן, וואָס זענען פאַר אים געווען זייער וויכטיק. בפרט, די בריוו פון קעסטלערס צווייטער פרוי, מאַמאַן פּאַדזשאַט, וואָס איז, ווי באַוווסט, געווען פאַר איר חתונה מיט אים אַ גרויסע לאָנדאָנער שיינהייט.

די מעלה פון האַמילטאָנס ביאָגראַפיע איז, וואָס זי איז מלא וגדיש מיט אַ סך אינטערעסאַנטע פּרטים, וואָס וואַרפן אַ קריטיש־אַנאַליטיש ליכט אויף דעם לעבן און שאַפונגס־גאַנג פון קעסטלערן.

פאַר מיר איז דאָס בוך אויך אַ דערגאַנצונג צו קעסטלערס אויטאָביאָגראַפישע ביכער „דער פייל אין בלוי" און „דאָס אומזעאיקע

---

* "Koestler: A Biography", by Lain Hamilton, 398 pp., Secker and Warburg.

שריפט". האַמילטאָן הייבט אַרויס זיין פּראָטאַגאָניסט, וואָס איז פון געבורט נישט בלויז אַ ייד, נאָר אַן אונגאַרישער ייד. און די אונגאַרישע יידן זענען צווישן ביידע וועלט־מלחמות, לויטן מחבר, געווען אין אַ טאָפּלטער דיאַספּאָראַ. ווי באַוווּסט האָט אונגאַרן, מער ווי דייטשלאַנד און עסטרייך, פאַרלוירן צוליב דעם ווערסאַלער טראַקטאַט און די אונגאַרישע יידן האָבן דעם פאַרלוסט טאָפּלט געשפּירט בעת אַט דעם פּעריאָד.

האַמילטאָן פאַרנעמט זיך בעיקר מיט קעסטלערס מיטעלע יאָרן — 1970־1940 (קעסטלער איז געבוירן געוואָרן אין 1905) און ווי שוין דערמאָנט, האָט ער אָנגעהויבן ווי אַן עקסטרעמער ציוניסט און אירגון. ער איז אוועק סיי פון פּאַלעסטינע און פון ציוניזם, געווען טעטיק אין אַ ליבעראַל־יידישער צייטונג, ווי אַ קאָרעספּאָנדענט (בעת זיין פּאַלעסטינער פּעריאָד) פון מיטעלן־מזרח. נאָך דעם אַריין אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, געווען אין ראַטן־פאַרבאַנד בעת די סטאַלין הונגער־יאָרן (אין די 1930־ער).

ווי שוין דערמאָנט פריער, איז ער געווען באַטייליקט אין שפּאַנישן בירגער־קריג, פון דאָרט אוועק קיין פראַנקרייך און בעת דער דייטשער אינוואַזיע, בכדי צו ראַטעווען זיך, אָנגעשלאָסן זיך אין „פרעמדן לעגיאָן", וואָס האָט אים דערמעגלעכט צו אַנטלויפן פון פראַנקרייך.

בעתן גאַנג פון קריג אָנגעקומען קיין ענגלאַנד מיט זיין אָנגעזאַמלטן באַגאַזש פון לאַגערן, טורמעס, עקזעקוציעס און אויך מיט זיין פאַרעפנטלעכטן ווערק „פינצטערניש". קעסטלער איז דעמאָלט דאָך געווען שוין אַ „געוועזענער" און צוליב זיין בעלעטריזירטן פּאָליטישן ווערק („פינצטערניש") געוואָרן אַ צילברעט פאַר מאָסקוועס האַס קעגן אים, בפרט פון דער קאָמוניסטישער פּרעסע אין פּאַריז.

די „הומאַניטע" האָט אויף אירע שפּאַלטן געגעבן אַ גרויסע מאַפּע פון דעם געגנט וווּ קעסטלער האָט געוווינט, אָנגעוויזן גענוי דאָס הויז מיט אַזאַ צושריפט: „דאָס איז די הויפּט־קוואַרטיר פון „קאַלטן קריג", ווו דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר (טשיפּ באָהלען) טרעניִרט זיין פּאַראַ־פאַשיסטישער מיליטערישער מיליץ".

האַמילטאָן וווּנדערט זיך אויף קעסטלערס האַזאַרדישן לעבנס־אופן, וואָס האָט געמערט זיינע געפאַרן. ער האָט צופיל געטרונקען, און זיין צווייטע פרוי האָט אין אירע פאַפּירן געצייכנט אַזאַ פּראָפיל פון זיינע שיכרות־אַוואַנטורעס: „...פּלוצלונג איז ער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ ווילדקייט, אַז ער האָט אָנגעהויבן ברעכן און וואַרפן זאַכן, איבערגעדרייט דעם קיך־טיש און אונדז אַלע באַגאָסן מיט וויין. איך און אַגנעס האָבן שוין אַ גאַנצן אָוונט געדאַרפט אויסווישן דעם וויין,

בראַנפן, בלוט, צעבראָכענע גלעזער, פֿאַרצעלײן. ק. האָט אויך צעבראָכן אַ פּאָר שטולן און אַ לאָמפּ, און שיער אַליין נישט צעבראָכן אַ פֿוס בײם צעטרעטן אַלצדינג. דעריבער הינקט ער איצט".

אין 1949, אין פּאַריז, האָט ער אין זײן אויטאָ געהאַט זיך אַזוי אָנגעזױפֿט, אַז ער האָט שוין אָנגעהויבן שלאָפֿן; אַרעסטירט געוואָרן, און בײ דעם צעשלאָגן אַ קאָמיסאָר. די „הומאַניטע" איז פֿון דעם געווען אין זיבעטן הימל, שרייבנדיק: „דער טראָצקיסט אַרטור קעסטלער, דער ספּעציאַליסט אין אַנטי־קאָמוניזם — — — די אַנטי־סאָוועטישע כּוחות האָבן גוט אויסגעקליבן זייערע העלדן".

בכדי צו געבן אַ גוטע מאָס פֿון קעסטלערס פּירונגען, ווילדקייט־אויסברוכן, גיט האַמילטאָן אַן אויסצוג פֿון סימאָן דע באָוואָרס באַרימטן בוך „די מאַנדאַרינס", ווו זי דערציילט פֿון קעסטלערן אַזאַ אויסברוך: „... ער האָט זיך ווידער אומגעקערט צו דער טעמע (אין זייער דיסקוסיע) 'קיין פֿריינדשאַפֿט אָן אַ פּאָליטישן הסכּם'... פּלוצעם האָט קעסטלער אַ שלײדער געטאָן אַ גלאָז אין סאַרטרס קאָפּ און עס צעבראָכן אין וואַנט... סאַרטר האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף דעם זײטגאַנג, און זיך גאָר הילכיק צעלאַכט. ווען קעסטלער האָט אויף אַלע פֿיר ענדלעך דעצידירט זיך אַרויפֿצוקריכן אויף די טרעפּ, ער האָט נאָך אַלץ געוואָלט אָנהאַלטן זײן קריגערײ מיט סאַרטרן, אָבער קאַמוס האָט אויף זײן פּלײצע אַרויפֿגעלייגט אַ פֿריינדלעך האַנט זאָגנדיק: קום, מיר וועלן גײן אַ הײם. קעסטלער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן זײן האַנט, אַ קלאַפּ געטאָן קאַמוסן, וועלכער האָט געוואָלט זיך וואַרפֿן אויפֿן אַגרעסאָר...".

די עפּיזאָדן זענען אָבער נאָר פֿאַרבונדן מיט קעסטלערס פּאָליטישן פּעריאָד, בעיקר אין די 40־ער יאָרן, ווען דער סאָוועטישער מיטאָס האָט אין די מלחמה־יאָרן (און אַ סך נאָך פֿריער) אַזוי פֿאַרבלענדט די אינטעלעקטואַלן פֿון מערב־אייראָפּע און אַמעריקע. ער האָט זיך צוגעזען ווי די אַליִיִרטע פּראָפּאַגירונג בעת די מלחמה־יאָרן (שטעלט פֿאָר סטאַלינען), ווי דער ליבלעכער פּייקע־רויכערער, פֿעטער דזשאָ.

קעסטלער האָט דאָן אַראָפּגעריסן דעם שלײער פֿון סטאַליניזם און געוואָרן דער וועקער אויף לעקציע־טורן, סעמינאַרן, קאָנגרעסן, ווו ער האָט באַהאַנדלט די הויפּט־פּראָבלעמען פֿון דער עפּאָכע. מיט דעם, בלתּי ספֿק, געגעבן זײן גרויסן ביישטייער, און דייער אַ ווערט־פֿולן, אין דעם הויפּט־שטראָם פֿונעם פּאָליטישן און קולטורעלן דענקען אין אונדזער צײט.

זײן אַנטי־קאָמוניזם האָט זיך דאָך אויסגעפֿורעמט פֿון זײנע דער־פֿאַרונגען. און זײענדיק איבערגעגעבן בלב־ובנפֿש דעם פֿרײען גייסט,

האָט ער מיט זיין וואָרט און פען געדינט אים, דורך וויזן די איבלען פון טאָטאַליזם אונטער אַלע מאַסקעס. קעסטלערס נאָן־קאָנפאָרמיזם האָט אים דערנענטערט צו בערטראַנד ראַסעלן, צו קאַמוסן, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן די סאַרטער־גרופּע, און צו דזשאָרדזש אָרוועל, וועלכער האָט אָפּגעוואָרפן גאָלאַנטשן און דעם גאַנצן קרענצל דאָן פון „לינקן בוך־קלוב". אָט די גרופּע האָט אָפּגעוואָרפן די „אינטעלעקטועלע מאַפיאָס", זיך אַנטקעגן געשטעלט זיי מיט אַ העפטיקן קאַמף. פון דעם איז דאָך נאַטירלעך אַרויסצוגיין אַ צעביילטער...

וואָס שייך די פריער־באַמערקטע אויסברוכן פון קעסטלערן, דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז עס איז פאַרבונדן דאָן געווען מיט זיין פּאָליטישן טעמפּעראַמענט און אַנטשלאָסנקייט צו גיין ביחידות, צו טראַכטן ביחידות, מחמת דער אינטעלעקטועלער קאָלעקטיוו איז דעמאָלט געווען, לויט אים, אולטראַ־קאָנפאָרמיסטיש איינגעשטעלט, און דאָס איז אים געגאַנגען אויף די נערוון. זיין געוועזענע צווייטע פרוי, וואָס האָט פאַרצייכנט זיינע אויסברוכן, גיט אָבער אויך צו צו דעם אַזאַ זאָג: „איך בין געווען זייער גליקלעך מיט ק. פשוט, ווייל איך האָב אים שטאַרק ליב... די זעקס יאָר וואָס כ'האָב פאַרבראַכט מיט ק. זענען געווען גוטע אין מיין לעבן... איך האָב שטאַרק געגלויבט אין ק. ווי אַ שרייבער און איך וועל אַלץ טאָן וואָס איז נויטיק אים צו העלפן ער זאָל זיין צופרידן פון דעם, וואָס איז זיין שליחות.

משמעות אַז די אויסברוכן זענען אויך געשען ס'רוב, ווען עס איז אים נישט געגאַנגען גוט ביים שרייבן; און זיי זענען דאָך פאַקטיש אָן באַדייטונג אין באַצוג צו די יאָרן, ווען ער האָט געשאַפן אַזעלכע טיפע באַדייטנדיקע ווערק, פון אַ קאַליבער, וואָס האָט פאַרלאַנגט אַ סך פאָרשונג און אויסדויער. אין די לעצטע דרייסיק יאָר האָט קיינער נישט איבערגעשטיגן קעסטלערן אין זיינע אַקאַדעמישע פאָרשונגען און אין זיינע אומגעהויער־סטימולירנדיקע ווערק (מען באַצייכנט זיי אויך ווי פּראָוואָצירנדיקע): „די לונאַטיקערס", „דער אַקט פון יצירה", „דער שד און די מאַשין", וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ טיפע צעטרייסלונג ביי די קאָנוועציאָנעלע ריכטונגען פון קולטור און וויסנשאַפט־לעכן געדאַנק.

דער „אימפּאַקט", די אויסווירקונג פון זיינע וויסנשאַפטלעכע ביכער, האָט באַזונדערס צוגעצויגן דעם אויפמערק צו זיין הנחה פון דער נויטיקייט אין אַ מאָראַלישער ריכטונג אינעם קולט פון וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע. קעסטלער האָט נאָך בערך מיט אַ האַלב יאָרהונדערט צוריק געשריבן, דורכגעפירט אַ פּאַראַלעל צווישן אַלטן רוים און היינטיקער אייראָפּע: — דער צוזאַמענברוך פון די טראַדיציאָנעלע ווערטן, די דעקאַדענץ פון די הערשנדיקע און די קאָרופּציע אין לאַנד, דער סאָציאַלער אומרו, די ריזיקע אַרבעטסלאָזיקייט — דאָס אַלץ

וואָס ער האָט דאַן געשריבן איז דאָך אַזוי ברענענד־ק שאַרף אין די 1980־ער יאָרן.

האַמילטאָן פאָלגט נאָך קעסטלערס לעבן, זיינע זיגזאַגישע וועגן (קעסטלער האָט ערגעץ באַמערקט, אַז זיין לעבן גייט איבער אַ זיג־זאַג וועג, וואָס ציט אים אין קעגנזעצלעכע ריכטונגען), דורך אַ פּאָליטישן פאַנאַטיזם — גראַוויטאַציע צום קאָמוניזם — ביז זיין פרייען גייסט און אַנטי־טאָטאַליזם; נאָך דעם צו וויסנשאַפט, און לעצטנס, צום פּאַראַ־נאָרמאַלן. זיין הנחה איז דאָך, אַז דער שעפערישער אַקט האָט נישט ווייניקער צו פאַרדאַנקען דעם אונטערבאַוווסטזיין ווי די באַוווסטזיניקע אַקטיוויטעטן פון מוח און גייסט. ער זעט די שטערונגען וואָס שטייען אויפן וועג פון אונדזער צייט, אָבער גלויבט אַז די וויסנשאַפטלעכע פאַנטאַזיע וועט פאַרטרעטן דעם פּאָליטישן אוטאָפּיזם — דאָס איז לויט אים די בעסטע האָפענונג פאַר דער מענטשהייט.

הגם זיין ביאָגראַף שטעלט אים פאַר מער אַלס פאָרשער פון קאָנצעפּציעס ווי פון מענטשן מיט זייערע ראַנגלענישן, פאַר וועלכע ער זאָל זיך מוטיק אַריינוואַרפן און קעמפן מיט לייב און לעבן, קען מען דאָך אויפווייזן ווי אַזוי קעסטלער האָט אין ענגלאַנד געשאַפן אַ נאַציאָ־נאַלע קאַמפּאַניע אָפּצושאַפן טויט־שטראָף, אין וועלכער ער האָט אַריינגעצויגן די אָנגעזעענסטע ליבעראַלע אינטעלעקטואַלן.

זיין ביאָגראַף שטעלט זיך אָפּ לענגער אויף אָט דער אַקציע, צו וועלכער קעסטלער האָט צוגעגעבן אַ סך פייער מיט זיין בוך „רעפלעקסן וועגן הענגען״, און צו באַווירצן עס, האָט האַמילטאָן געבראַכט אַן עפּיזאָד מיטן וועלכן דער ענגלישער הויפּט־ריכטער, גאָדאַרד, האָט אַמוזירט דעם עולם אויף אַ באַנקעט פון דער קעניגלעכע אַקאַדעמיע. עס איז אַ געשיכטע וועגן אַ ריכטער, וואָס האָט נאָכן פאַרמישפּטן דריי מענטשן צום טויט, געהאַט אַ „קבלת־פּנים״ פון אַ קאַפּעליע, וואָס האָט געשפּילט פאַר אים דעם רעפריין פון אַ שיף־לידל „מיר וועלן זיך אַלע שאָקלען צוזאַמען״...

קעסטלערס גרעסטע דערגרייכונג איז אפשר זיין כמעט־יחידישע קאַמפּאַניע, וואָס האָט דערפירט צו דער שאַפונג פון „קאָנגרעס פאַר קולטורעלער פרייהייט״. ער האָט אין דער אַקציע באַוויזן אַריינצוציען די אָנגעזעענסטע שרייבער און דענקערס פון דער מערב־וועלט: בערט־ראַנד ראַסעל, גרעהעם גרין, איגנאַציע סילאָנע און נאָך פיל אַנדערע פּראָמינענטע נעמען.

האַמילטאָנס ביאָגראַפיע גיט אַ פאַרנעמיקן פּאָרטרעט פון קעסט־לערן, דעם מענטש, זיין לעבנס־ווערק, דורך די צענדליקער שטורמישע יאָרן פון אונדזער עפּאָכע.

מאַרסעל פּרוסט: דער קינסטלער, דער מענטש — דער האַלבער ייִד

(צו זיין זעכציקסטער יאָרצייט — 1922־1871)

מאַרסעל פּרוסט ווערט געהאַלטן — און מיט באַווייזן — פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע פיגורן אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור סוף ניינצנטן, אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. זיין טיפער קינסטלערישער אָטעם, די שעפערישע אָריגינאַליטעט פון זיינע הויכע דערגרייכונגען, האָבן אים אַרויסגעהויבן און אָפּגעגעבן אַזאַ אָנגעזעענעם אָרט נעבן די גרעסטע וואָרט־קינסטלערס פון דער עפּאָכע.

זיין גרויס ווערק „דערמאָנונג פון זאַכן פאַרגאַנגענע" (איבער אַ מיליאָן מיט אַ פערטל ווערטער), ווי זיין זשאַן סאַנטעי, קענען פון אַ פאַרשידענעם אַספּעקט באַטראַכט ווערן. מ׳קען עס זען פון אַן אויטאָביאָגראַפישן קוק־ווינקל, די דערקענטעניש און די פאַרקערפּערונג פון זיינע אַקומולירטע לעבנס־דערפאַרונגען וועגן מענטשן, וואָס ער האָט אַזוי מייסטערהאַפט געשטאַלטיקט; דעטאַלן פון און אַרום די אויטענטישע פּערסאָנאַזשן, וואָס האָבן אים געדינט ווי פּראָטאָטיפּן, אָבער אין פּראָצעס פון שאַפן זיי פאַרענדערט, צונויפגעגאָסן מיט אַנדערע פּערזאָנען פון זיינע געוועזענע באַקאַנטע און דורך דעם זענען זיי געוואָרן פולערע כאַראַקטערן אין זייער אינעווייניקסטער צעריסנקייט און דרויסנדיקער גאַנצקייט.

פּרוסט האָט געזוכט, געפּאַרשט און געשאַפן זיינע געשטאַלטן, וואָס זענען נישט קיין קוילעכדיק־פאַרענדיקטע פיגורן, נאָר כסדר אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג און פאַרענדערונג. עס איז נישט קיין צופאַל וואָס דער אַלגעמיינער טיטל פון זיין ווערק איז פאַרבונדן מיט דעם באַגריף צייט. עס איז דאָך אַ פסיכאָלאָגיש ווערק פון צייט, פון „שעפע־רישער צייט", וואָס איז געוואָרן אַרויסגעהויבן דורך דעם ידישן פילאָזאָף בערגסאָן (אגב, פּרוסטס אַ קרוב).

עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק צו באַצייכענען זיין ווערק, ווי אַן אויטאָביאָגראַפיש, מחמת ער האָט דאָך זיינע זכרונות בעלעטריסטיש „איבערגעזעצט" דורך טראַנספאָרמאַציעס און טראַנספּאָזיציעס, פון וועלכע ער האָט געשאַפן אַ נייעם סאָרט ראָמאַן: אַ ווערק מיט אַ פאַרטיפטן פסיכאָלאָגישן און עסטעטישן צוגאַנג און מיט אַזאַ טיפן וויסן אַנגעווענדט, אפשר צום ערשטן מאָל אין דער בעלעטריסטישער קונסט, ביים אויספורעמען דעם געוועב זיינעם פון פראַנצויזישן לעבן, און פון זיין צייט.

נישט קיין קליינע ראָל שפּילט דאָ זיין אונטערבאַוווסטזיין ביים אַרויסברענגען אויפן אויבערפלאַך די דערפאַרונג פון וועלכער דער פּולס פון צייט ווערט אויפגעכאַפּט און — אויף אַ מאָמענט — פאַר־האַלטן.

פּרוסט האָט אַ סך אינצידענטן פון זיין לעבנס־דערפאַרונג „אָרקעסטרירט", זיי איבערגעפורעמט דורך אַ ריי אינסטרומענטן מיט וועלכע ער „שפּילט אויס" די אַקציע, געפילן און האַנדלונגען פון זיינע טיפן און געשטאַלטן. ער נעמט זיי אינציטיק אַריין אין זיינע לאַנד־שאַפטן, דורך וועלכע ער אַנטפּלעקט זיך ווי אַ וווּנדערלעכער פּייזאַ־זשיסט. זיין פאָעטיש לשון פון די נאַטור־שילדערונגען איז אויך פון אַ גאָר הויכער מדרגה. אין דער הינזיכט האָט ער אפשר נישט זיין גלייכן אין דער ליטעראַטור־פּראָזע.

אַ קריטיקער האָט געהאַט גאַנץ ריכטיק באַמערקט אַז אין פּרוסטס זאַצן איז פאַראַן מער פּאָעזיע ווי אין ס'רוב בענד מיט פערזן, וועלכע עס איז אים אויסגעקומען צו לייענען. פּרוסט איז אויך אַ מייסטער פון מימיק אין אַ סך פון זיינע דיאַלאָגן. אגב, איז ער עס אויך געווען אָפט אין חברותא ביי אַ גוטער שטימונג (ווי עס באַמערקן זיינע ביאָ־גראַפן). אָבער גאָר באַזונדערס טיילט ער זיך אויס מיט זיין מעטאַפאָר וואָס קומט אַזוי אומדערוואַרט און אָטעמט מיט עכטער ערשטמאָליקער אייגנאַרטיקייט.

וואָס שייך דעם אופן ווי אַזוי ער פאַרטרעטירט זיינע פּערסאָ־נאַזשן, מערקט זיך נישט ער זאָל לאָזן זיי פאַראַדירן איינזייטיק מיט זייערע ערגסטע מידות, צו ווייזן בלויז דאָס נעגאַטיווע פון זייער

ווערן. ער דרייט זיי פּאַמעלעך אויס אַרום און אַרום מ׳זאָל דעריזען אויך דאָס פּאָזיטיוו (אויב די פּאַרמאַגן עס). אַן אַנדערש מאָל הייבט ער אָן פון זייער גוטער זייט און גייט איבער צו דער שלעכטער. אויף יעדן אופן איז זיין „קאַראַקטער" אַ באַלאַנסירונג, וואָס איז מער באַגלייבט, מחמת ס׳איז מער מענטשלעך.

דאַרף אויך דערמאָנט ווערן, אַז בדרך כלל באַציט ער זיך מיט גנאָד צו זיינע פּערסאָנאַזשן און דאָס איז דאָך היינט נישט אַזאַ אָפטע דערשיינונג. די אויסגעסאַרטירטע זיידעס און באָבעס, מומעס און פעטערס, און די נאַראַטאָרן זיינע — מאַסקעס פאַר זיין אַלטער עגאָ — זיי און אַ רייכע גאַלעריע טיפּן וועלן שוין פון דער ליטעראַטור נישט קענען ווערן אָפּגעמעקט.

בעת איך האָב געלייענט, נאָכגעפאָלגט אויפמערקזאַם, ווי אַזוי פּרוסט זוכט און פאָרשט אין פאַרגאַנגענע זאַכן („זוכן פאַרלוירענע צייט") פון זיין קלאַס און צייט אויפן שוועל פון דעם יאָרהונדערט, האָב איך גלייך דערשפּירט דעם טיפן קינסטלערישן אָטעם זיינעם ביים אַרויסברענגען די פיזיאָנאָמיע פון פראַנצויזישן לעבנס-געוועב; פון פּאַריז ווי פון דער פּראָווינץ: די שפּראַך, מינהגים, פירונגען פון סאַלאָנען; אַריסטאָקראַטישע, בורזשואַזע; פון באַלעבאַטים און זייער באַדינערשאַפט; פון קרעמערס, רעסטאָראַטאָרס, דיפּלאָמאַטן, זונות, אַנטיסעמיטן (דרייפוס-פּראָצעס); דאָס באַוויזן זיך פון די ערשטע אויטאָמאָבילן, עראָפּלאַנען און נאָך און נאָך אַזוי פיל אַנדערע אַספּעקטן, רעפלעקסן, וואָס באַגלייטן זיין גרויס ווערק.

אַ פּראָבלעם איז צו לייענען פּרוסטן אין אַן איבערזעצונג. דזשאָרדזש סטיינער האָט געהאַט באַמערקט, אַז מען קען היינט נישט לייענען שעקספּירן אין אָריגינאַל. זיין ענגליש און טעקסט זענען געווען צוגעפּאַסט צו יענער צייט בעת ער האָט געשאַפן. אונדזערע געפילן זענען איצט אָבער מעדיטירט גאָר אין אַן אַנדער גערעדטן לשון. מען באַניצט דעריבער אַן אַנדער שליסל, מחמת דירעקט קענען מיר אים נישט פאַרשטיין. מיר קענען אים דערפאַר נאָר „איבערזעצן" אויף אונדזער היינטיקן לשון.

אויב דאָס איז ריכטיק לגבי שעקספּירס ענגליש ביז דעם היינטיקן, ווי קאָמפּליצירט איז שוין איבערצוזעצן פּרוסטס פראַנצויזיש לשון, מיט דער ספּעציפישער מוזיק פון זיין שטים און טאָן, באַגלייט פון זיין ספּעציפישן נאַראַטיוון שליסל — צו לייענען אים אין אַן אַנדער שפּראַך. זיינע איבערזעצערס אין ענגליש האָבן טאַקע דעריבער זייער שווער געפּראַצעוועט. ווען מען לייענט סקאָט מאָנקריפטס ווערסיע, און לעצטנס, טערענס קילמאַרטינס, קענטיקט זיך שטאַרק די מי פון די איבערזעצערס אַרויסצוברענגען די עלעגאַנץ פון פּרוסטס סטיל, וואָס מוז דאָך אַ סך פאַרלירן אין אַ פרעמדער שפּראַך.

אין „אַ וואָרט פריער״ שרייבט דער איבערזעצער קילמאַרטין, אַז די פֿריערדיקע איבערזעצונג (מאַנקריפֿטס) האָט געהאַט אַ טענדענץ טאַקע אַרויסצוברענגען אַ גאַר גוטע פּראָזע, אָבער ווי די וואָר איז צו קאָמפּליצירט און צו געדיכט איבערגעלאָדן מיט אַן אַ שיער אַרכאַ־איזמען.

די פּרוסט־ביאָגראַפֿן באַטאָנען זײַן אומפּערפֿעקטן מאַנוסקריפּט, וואָס דער מחבר ווי אַ שווער קראַנקער, האָט נישט באַוויזן ביז זײַן טויט אויסצובעסערן עס זאָל זײַן דרוקפֿעיק. (אגב, האָט פּרוסט געאַר־בעט איבערן טעקסט, בפֿרט אויף דער קאַרעקטור פֿון די לעצטע עטלעכע סעקציעס ביז סאַמע גסיסה. אין אַ סך ערטער זענען די הוספֿות גאַר געווען מער ווי דער אָריגינעלער טעקסט, האָט ער די הוספֿות צוגעקלעפּט צו די קאָרעקטורן, וואָס זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין גאַנצע פּלאַכטעס. פֿראַנצויזישע געלערנטע האָבן ערשט שפּעטער זײַנע מגילות גענומען פֿאַנאַנדערשיפֿרירן און פֿאַרענדיקט די אַרבעט ערשט אַ דרײַסיק יאָר נאָך זײַן טויט).

כאַראַקטעריסטיש איז אויך די נישט אײַנשטימיקייט פֿון די איבערזעצערס אין ענגליש אפֿילו אויף דעם טיטל פֿון ווערק. אין דער לעצטער איבערזעצונג איז דאָ דער טיטל פֿון אָריגינאַל (גענומען פֿון שעקספּירס אַ סאָנעט) „דערמאָנונג פֿון פֿאַרגאַנגענע זאַכן״, בעת אין דער פֿריערדיקער איז עס זוכן די פֿאַרלוירענע צײַט. עקספּערטן האַלטן אַז דאָס איז מער צוגעפּאַסט, מחמת אָנגעלאָדן מיט מער אַמביציע און הבטחה.

איך וועל נישט פֿאַרנעמען זיך מיטן וויכוח אַרום די איבערזע־צונגען און אין וועלכער פֿון די דער מחבר האָט מער פֿאַרלוירן... פֿאַררופֿן וועל איך זיך אויף אַ תשובה, וואָס האָט געגעבן אַ פֿאַרטו־געזישער איבערזעצער פֿון שעקספּירן, ווען מען האָט אים געשטעלט די שאלה: — וואָס פֿאַר אַ טעם קען שוין שעקספּיר האָבן אין פֿאַרטו־געזיש? אויף דעם האָט ער ריכטיק געענטפֿערט: אמת, אַז ער פֿאַרלירט אַ סך. אָבער שעקספּיר איז אַזאַ עושר אַז וויפֿל ער פֿאַרלירט בלײַבט ער נאָך אַלץ אַ גרויסער גביר. דאָס איז חל אויך לגבי מאַרסעל פּרוסט אין ענגליש, סײַ אין די עלף בענד פֿון סקאָט מאַנקריפֿט, ווי פֿון דער נײַער איבערזעצונג, אין דרײַ ריזיקע בענד מיט 3,365 זײַטן

ביאָגראַפֿישע פּרטים

מאַרסעל פּרוסט איז געבוירן געוואָרן אין 1871. זײַן פֿאָטער, ד״ר אַדריען פּרוסט, אַ קאַטאָליק, (און פּראָפֿעסאָר פֿון מעדיצין אין סאָר־באָנע), וועמענס אור־עלטערן האָבן שוין געהאַט געשלאָגן טיפֿע

וואָרצלען אין פראַנצויזישן באָדן זינט אָנהויב 16־טן יאָרהונדערט. ציטנוויז אויך געהערט צו דער לאָקאַלער אַריסטאָקראַטיע.

זיין מוטער, זשאַנע ווײַ, אַ ידישע, און אויך שוין אַזאַ פאַרבליבן נאָכן חתונה האָבן מיט איר קאַטוילישן מאַן. איר משפחה האָט געהאַט אויסגעוואָנדערט פון עלזאַס, זיך באַזעצט אין פאַריז, ווו איר פאָטער איז אויסגעוואַקסן צו אַ רייכן בערזע־הענדלער, אַזוי אויך איר פעטער.

זשאַנע האָט באַקומען אַ גוטע דערציונג. הויך געבילדעט, באַהערשט עטלעכע שפּראַכן, זיך אויסגעטיילט מיט איר אינטעליגענץ און מיט אַ שטאַרקן חוש פאַר הומאָר אינעם קרייז פון איר פאַמיליע. נישט זייענדיק ספּעציעל אַ שיינהייט, אָבער מיט אַ סימפּאַטיש פּנים, שיינע גרויסע אויגן, בכלל מיט אַ סך חן און בעיקר: פאַרבליבן אַ מענטש מיט פּרינציפּן (דעריבער נישט געביטן איר ידישע רעליגיע).

זי האָט חתונה געהאַט אין 1870, ווען די פּריסישע אַרמיי האָט געגעבן אַ טויטקלאַפּ דער פראַנצויזישער אַרמיי, די רעגירונג איז געפאַלן און דער אימפּעראַטאָר — אַ געפאַנגענער (בלויז זיין פרוי האָט נאָך באַוויזן צו אַנטלויפן קיין ענגלאַנד). בעת אָט די היסטאָרישע גרויסע געשעענישן אין באַלאַגערטן פאַריז (צוויי מאָל באַלאַגערט. אויך בעת דער פאַריזער קאָמונע, ווען די כוחות פון דער „נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג" האָבן אַטאַקירט די שטאָט), איז דער יונגער ד״ר פּרוסט בעת די שיסערייען שיער נישט אומגעקומען, גייענדיק צום שפּיטאָל, ווו ער האָט געאַרבעט.

ער האָט שוין געהאַט דאַן אַ באַוווּסטן נאָמען, באַקומען הויכע אויסצייכענונגען פאַר זיינע מעדיצינישע פאָרשונגען בעת דער שטאַרקער כאָלערע־עפּידעמיע, וואָס האָט געבושעוועט אין דרום־רוסלאַנד און אין פּערסיע.

מאַרסעל פּרוסט איז געקומען אויף דער וועלט זייער אַ שוואַכס, מ'האָט נישט געגלויבט אַז ער וועט בלייבן לעבן. געווען איז ער נישט נאָר פיזיש דעליקאַט נאָר אויך עמאָציאָנעל, אַ סך מער צוגעשמידט צו די עלטערן ווי געוויינטלעך ביי אַנדערע קינדער. לויטן אויסזען גאָר אַ שיין מיידעלע מיט בלאָנדע האָר, גרויסע אויגן, ווי זיין מוטער.

ווען ער איז עלטער געוואָרן איז זיין באַציאונג צו ביידע עלטערן געווען אַ געטיילטע: דעם פאָטער רעספּעקטירט. צוגעהערט זיך צו די גרויסע דערגרייכונגען זיינע אויף פיל געביטן (גענעראַל־אינספּעקטאָר פאַר פראַנקרייכס עפנטלעכן געזונטהייטסוועזן; פּראָפעסאָר און ראַט־געבער אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן, מחבר פון אַ ריי ווערק), איז ער געווען שטאָלץ מיט זיין טאַטן, אָבער זייערע באַציאונגען זענען נישט געווען קיין נאָענטע. אָפט שאַרפע קאָנפליקטן צווישן זיי. די מאַמע האָט געדאַרפט באַלאַנסירן צווישן מאַן און זון בעת שטוב־קאָנפליקטן, און שפּעטער בעתן דרייפוס־פּראָצעס.

✱

במשך זיינע אַלע יאָרן האָט מאַרסעל דורכגעמאַכט אַ סך שלאָפּ־לאָזע נעכט (בעת וועלכע ער האָט געשריבן). ער הייבט אויך אָן זיין גרויסן ווערק („אין זוכן די פאַרלוירענע צייט") מיט: „דורך אַ לאַנגער צייט בין איך געוווינט געווען צו גיין פרי שלאָפן". דאָס איז דער ערשטער זאַץ נאָך וועלכן עס גייען עטלעכע טויזנט ווערטער, אין וועלכע ער דערציילט, ווי ער פלעגט ציימנוויַז זיך אויפכאַפּן אין מיטן נאַכט און נישט געוווסט ווו ער געפינט זיך אפילו, נישט זיכער געווען ווער ער איז, און ערשט ווען דער זכרון איז צוריקגעקומען איז עס געווען „ווי אַ שטריק אַראָפּגעלאָזט פון הימל, אים אַרויסצונעמען פונעם תהום פון נישט זיין".

ער באַמערקט, אַז בדרך כלל האָט ער גאָר נישט געוואָלט צוריק איינשלאָפן. אין גרעסטן טייל פון די נאַכט־שעהן צוריקרופן צום לעבן זכרונות פון ערטער, פון צימערן ווו ער איז געשלאָפן בעת זיין קינד־הייט. און אָט דעם שטאָף פון זיין פאַרגאַנגענעם לעבן האָט פרוסט דאָך בעלעטריסטיש „איבערגעזעצט" אין אַ גרויסן קונסטווערק, וואָס פילט אויס זיינע פילצאַליקע בענד.

שרייבערס האָבן צוויי לעבנס, זאָגט פרוסט. זיי לעבן אין דער רעאַלער וועלט, און פונקט ווי אַנדערע מענטשן טוען זיי זאַכן וואָס זיי דאַרפן יאָ טאָן און נישט טאָן; זיי לעבן זיך אויך אָבער אויס אין דער וועלט פון פאַנטאַזיע, וואָס איז גאָר שטאַרק משפיע זייערע שאַפונגען.

דאָס קענטיקט זיך בולט ביי פרוסטן. איין לעבן זיינער אַנטפּלעקט זיך אין זיינע בריוו (ער האָט אין די הונדערטער זיי געשריבן און אַ סך פון זיי זענען געוואָרן פאַרעפנטלעכט נאָך זיין טויט).

אָט די בריוו זיינע האָבן מיך געהאָלפן נאָכצופאָלגן דעם לעבנס־גאַנג פון פרוסטן, צייטנוויַז אַפילו זיין טאָג־טעגלעכן לעבן מיט זיינע פריינד — ווי זיי האָבן אים געזען. זיין נעוורויטישע נאַטור איז פאַר־קערפּערט אין אַ קאָמפּלעקס דערשיינונגען און האַנדלונגען, דורך וועלכע מיר זעען סיי זיין הומאַנישקייט; אָבער אויך דאָס נישט־אַט־ראַקטיווע פון זיין פערסאָנאַליטעט און פון זיינע פירונגען.

און דאָס צווייטע לעבן זיינס, וואָס פרוסט האָט געשאַפן פאַרן לייענער ביים שרייבן זיין ווערק. דעריבער איז זיין ווערק נישט געבונדן דורכאויס מיט פאַקטאָלאָגיע; דאָך, ווען מען זאָל וועלן בקיצור — לגבי פרוסטן איז דאָס וואָרט בקיצור אַבסורדאַל! — אָפּשאַצן זיין שאַפן איז נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז ער האָט געפונען די קינסט־לערישע מיטלען צו מאַכן זיין בעלעטריסטיש ווערק פּאַראַלעל מיט זיין אייגענער לעבנס־געשיכטע, וועלכער ער האָט טראַנספּערירט,

„איבערגעזעצט", אָנהייבנדיק פון זיך קינדהייט ביז זיינע מיטעלע יאָרן.

דאַרף דאָך אָבער אויך געזאָגט ווערן, אַז דאָס וואָס אַ שרייבער גיט פון זיך אַריין אין אַ בוך קען קיין מאָל נישט ווערן אָנערקענט פאַר אויטענטיש: אַפילו ווען ער באַשטעטיקט עס, קען ער דאָך אַליין נישט וויסן וואָס זיין אונטערבאַוווסטזיין האָט דאָ אָפּגעטאָן.

פּרוסט האָט זיך גאַנץ לעבן געשריבן איין בוך אין זייער אַ סך בענד. דאָס לעבן איז טאַקע קורץ, אָבער זיין בוך איז אויסערגעוויינט־לעך לאַנג. און דאָס וואָס ער דערציילט, למשל, פון זיינע עלטערן אין „זשאַן סאַנטעי" וועט ער שוין שפּעטער נישט איבערחזרן. ער האָט אַריינגעגעבן נישט נאָר רעאַליזם אין בילד פון זיינע עלטערן, נאָר אויך הומאָר, סאַטירע, ביים שילדערן זיינע באַציאונגען מיט זיי.

הגם זיינע עלטערן זענען כאַראַקטעריזירט ווי פאַרשידענע מענטשן האָבן זיי אָבער פאַרן קינד פאַרגעשטעלט אַ געמיינזאַמען פראָנט מיט וועלכן ער איז געשטאַנען אָפט אין קאָנפליקט. אַנשטאָט אַ גליקלעכן צוזאַמענטרעף „איז געווען אַ גוואַלטזאַמער צוזאַמענ־שטויס".

אין אַ בעלעטריסטישן לבוש שילדערט ער אַזוי זיינע עלטערן (אין בוך „זשאַן סאַנטעי"): „מאַדאַם סאַנטעי האָט געהאַט אַ גוטן געשמאַק אין ליטעראַרישע ענינים און אַ פּראַקטישן חוש פאַר די געוויינטלעכע לעבנס ענינים. איר פיינעם חוש פאַר הומאָר האָט זי אַרויסגעבראַכט ביים דערציילן די פּשוטסטע מעשה".

בעת זי האָט אַרויסגעוויזן טאַקט און אַ באַדייטנדיקע פעיקייט ביים פירן די באַלעבאַטישקייט, האָט זי אָבער אַרויסגעוויזן איגנאָראַנץ: „אין ענינים פון מעטעאָראָלאָגיע, געאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און אַנדערע וויסנשאַפטן". און דאָס האָט געחידושט איר מאַן — דאָ גייט אַ שאַר־פער סאַטירישער שטאָך — וואָס האָט געוווסט אַז פּסח וועט דעם יאָר זיין פריער. אין דעם האָט ער געפונען אַ בולטן באַוויז פון זיין סופּעריאָריטעט... און נאָך אַ סיבה: צו באַניי׳ען, באַשטעטיקן איר שבועה פון געהאָרכזאַמקייט צום מאַן, וואָס זי האָט „אַ מאָל רעגיסט־רירט אין אַ געהיימען אָרט פון איר האַרץ".

אַזוי זעט זיינע עלטערן דער דאָן יונגער קינסטלער אין „זשאַן סאַנטעי". און אַ שבח פאַר דער מאַמען, וואָס האָט שוין דעמאָלט געזען אַז „דאָס קינד וועט האָבן אַ געפיל פאַר פּאָעזיע".

צום טאַטן טוט ער זיך באַציען מיט ווייניקער חסד, מחמת ער האָט אים געזען אַ צאָרנדיקן, געוואָרנט כסדר דעם יינגל „אַרויסצו־נעמען אים פון דער שול און שיקן אין אַ ליצעאום" — אַ תפיסה פאַר אים!

אַנטמוטיקט האָט ער דאָן פֿאַרגאָסן אַ סך טרערן באַגלייט מיט אַ גרויסער זיך־רחמנות: אויב דאָס לעבן איז טאַקע אַזוי האַרב, „איז די וועלט אַ צו־קאָמפּליצירטער פּלאַץ פֿאַר מיר, און לעבן אַ צו שווערע זאַך".

מיט צענדיקער יאָרן שפּעטער מעדיטירט פּרוסט ווייטער אויף אַט די צעשטערטע באַציִונגען מיטן פֿאָטער און פֿון „די אינעווייניקסטע צייט־שטיקער, וואָס זענען צוגעטיילט צו פֿאַרשידענע מענטשלעכע וועזנס און זענען אויף קיין פֿאַל נישט סינכראָניזירט".

אַלע שעפֿערישע מענטשן, אַלע וואָרט־קינסטלער נוצן זייער פּער־זענלעכע דערפֿאַרונג אינעם בעלעטריסטישן שאַפֿן. ביי פּרוסטן איז עס בלויז צוגעגאַנגען אַ ביסל אַנדערש. ער האָט נישט אָפּגעגויגט פֿון דעם וואָס איז געווען ביי אים אַן אַבצעסיע־פּראָבלעם: וואָס איז דאָס אַלץ? און צוליב וואָס?... אמת, אונדזערע לעבנס גייען אַוועק דורך געוווינהייט צו אַקצעפּטירן; אַקצעפּטירן דאָס וואָס מ'האָט אונדז דערציילט פֿון זאַכן; אַקצעפּטירן טעאָריעס, אידייען, קאָנווענציאָנעלע און גאַנגבאַרע; אַקצעפּטירן אַז דער עבר איז געווען אַ גאָלדענער, די זומערס תמיד זוניקע.

אָבער דער אמת איז, אַז דעם גן־עדן וואָס מיר האָבן פֿאַרלוירן האָבן מיר דאָך קיין מאָל נישט געהאַט בעת דער גראָער געוווינהייט פֿונעם טעגלעכן לעבן, און אַז אין אונדזערע אַנטוויקלונגס־יאָרן ווערן מיר אויך באַווירקט פֿון ביכער, ווי פֿון מענטשן, און דאָס פֿורעמט אויס אונדזער אָפּשאַץ פֿון זאַכן און דערשיינונגען. אָבער ביי דעם אַלעם איז דאָך דער ערשטער סימן פֿון רייפֿקייט: די פֿרייהייט צו קולטיווירן און אַרויסגעבן אַן אייגענעם פּסק־דין.

נישט מעגלעך אַריינצוגיין אין די פֿילצאָליקע אידייען פֿון פּרוסטס „דערמאָנונג פֿון פֿאַרגאַנגענע זאַכן" מיט זיינע אַלע ספּעקולאַציעס, פּראָפּאָזיציעס, באַגלייט מיט גאַנצע דיסערטאַציעס וועגן: באָטאַניקס און גענעטיקס; אַרכיטעקטור און עטימאָלאָגיע; ליטעראַטור און מיליטער־טעאָריעס; מוזיק און עסטעטיק (פֿון מוזיק); פֿיזיאָנאָמיקס און האָמאָסעקסואַליזם; אייפֿערזוכט און טרויער — און פֿון וואָס נישט? אָבער על כּולם איז די לענג און טיף פֿון ווערק דאָך באַהויכט מיט פּרוסטס טעאָריע פֿון צייט.

זייענדיק פֿון קינדוויז אַן אַזוי שטאַרק סענסיטיוו צו אַלץ וואָס געשעט מיט אים; באַשאַנקען מיט אַ פֿענאָמענאַלן זכּרון צו רעקאָרדירן אַפֿילו די קלענסטע פּרטים וואָס האָבן אים סטימולירט; האָט ער זיין קאָפּ און קערפּער אַרויסגעלייגט אָפּן ווי אַ קאָמפּליצירטן מוזיקאַלישן אינסטרומענט, אויסצושפּילן אויף אים יעדער נאָטקע פֿון זיין דער־פֿאַרונג, אין אינטראָספּעקטיווע שילדערונגען.

ער באַשרייבט אַלץ ווי דורך אַן ערשטמאָליקער קלינישער אונ־

טערזוכונג און וויזיע, וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט גלייך אין מאָמענט פון סענסאַציע דורך דער אויסערגעוויינטלעכער טעטיקייט פון אַ מענטשלעכן זכרון, סטימולירט דורך זיין אונטערבאַוווּסטזיין. אין איין דורכזיכטיקער סעקונדע קען דער נישט־אויפגעצווונגענער זכרון אַרויסרופן אַ סצענקע פון יאָרן צוריק, און רעקאָרדירן אָט די סעקונדע איז די פונקציע פון קונסט אין יעדן זשאַנער.

מענטשן זענען גייענדיקע „קאָמפּיוטערס" מיט אָקומולירטע דער־פאַרונגען פון עבר וואָס קומען צוריק צום באַוווּסטזיין אין אַ מאָמענט ווען מיר זענען אויסער צייט. און פּרוסט וואָס האָט געגלויבט, אַז די מאָמענטן זענען די וויכטיקסטע אין לעבן, האָט זיי געווידמעט זיין גרויסן לעבנסווערק, וואָס איז דאָך מלא וגדוש מיט אינטערעסאַנטע אָבסערוואַציעס פון מענטשן און דערשיינונגען. זיי גיבן דעם לייענער אַ סך נאָכצוטראַכטן און אַסאָציאַציעס מיט אונדזער היינטיקער צייט.

מאַרסעלס קינדהייט און יוגנט

די געשיכטע פון זיין קינדהייט (בעלעטריזירט אין זשאַן סאַנטעי), הייבט זיך אָן מיט אַ 'גוטע־נאַכט־קוש'־עפּיזאָד, באַגלייט מיט אַ טיף־פּסיכאָלאָגישער פאָדשעוועק. צוליב זיינע מיחושן איז מאַרסעל בעת זיין קינדהייט (אין בוך: „זשאַן") געוווען אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַר־קער צערטלעכקייט פון די עלטערן. דאָס האָט אים נאַטירלעך שטאַרק צעפּיעשטשעט. האָבן זיי באַשלאָסן, ווי אַ פּרינציפּ, די מאַמע זאָל צו אים מער נישט אַרויפגיין אין שלאָפצימער ביטן אַ 'גוטע־נאַכט־קוש', ווען ער איז שוין געוואָרן זיבן יאָר. ליגט ער אין בעט און קען נישט איינשלאָפן פון פאַרדרוס, אויפרעגונג. אין צימער זיינעם איז פינצטער, ליגט ער אָן אומרואיקער, מעלאַנכאָליש, אויפגעבראַכט. ער וויל רופן דער מאַמען און טרייבט אַוועק דעם געדאַנק, מחמת זי וועט זיין בייז אויף אים.

מסתמא האָט זי אים שוין געהאָט פריער געזאָגט אַז „אַ יינגל פון זיבן יאָר דאַרף זיך אויסלערנען גיין אַליין שלאָפן", נישט וואַרטן אויף דער מאַמען. פון שטאַרקן אומעט קומען אָן טרערן, וועלכע פליסן אָן קאָנטראָל. ער הערט אין קאָרידאָר גיין דעם אַלטן באַדינער און רופט אים, אָבער יענער מאַכט זיך נישט וויסנדיק, קענענדיק דעם יינגלס נערוועזיטעט. נאָך עטלעכע מאָל רופן קומט ער דאָך אַריין, אָבער ער זאָגט זיך אָפּ צו רופן זיין מאַמען, מחמת זי וועט ווערן בייז.

זשאַנס פאַרביטערונג קעגן דעם באַדינערס איינגעעקשנקייט שטערט אים נאָך מער צו קענען איינשלאָפן, גייט ער פון בעט צו צום פענצטער און זעט אין גאָרטן זיצן זיינע עלטערן מיט אַ גאַסט. ער

עפנט אויף דאָס פענצטער און רופט דער מאַמען, וואָס האָט דאָך פּאַקטיש די גאַנצע צייט פונעם אָוונט ביים פאַרברענגען מיטן גאַסט, געטראַכט פון איר קינד. זי איז טאַקע איבערצייגט געווען אַז זי מוז האַנדלען פעסט, נישט נאָכגעבן דאָס צעפּיעשטשעט יינגל; אַז אַן דער פעסטקייט וועט דאָך זיין לעבן שפּעטער, ווען ער וועט עלטער ווערן, זיין פאַר אים אַ סך שווערער. איר פאָטער האָט שוין אַ סך מאָל וועגן דעם געוואָרנט. אָבער זי ווייסט דאָך אויך, אַז אויב זי וועט צו אים נישט אַרויפגיין וועט ער בשום אופן נישט איינשלאָפן. גייט זי לסוף אַרויף און „אין דער וואַרעמקייט פון איר קוש ווערט אויפגעלייזט זיין גאַנצע אָנגעזאַמלטע נערוועזע צערייצטקייט״ פון אָט דעם ספּעציפישן אָוונט.

די גאַנצע דראַמאַטישע שילדערונג אַרום דעם „נאַכט־קוש״ פאַרנעמט אַ היפּשן אָרט אין זשאַן סאַנטעי, ווו דער צענטראַלער העלד איז אַ ליטעראַרישע מאַסקע פונעם מחבר און פון זיין פאַמיליע. דער פאָטער פאַרקערפּערט האַרטקייט, אומסענסיטיווקייט, בעת די מוטער — איז די צאַרטקייט גופא, ביי איר גאַנצער דיסציפּלין וואָס זי וויל אָנווענדן צום זונעלע. איך וויל אונטערשטרייכן אַז אַ חוץ די קינסט־לערישע וואַליאָרן, קענטיקט זיך איינציטיק די טיף־פּסיכאָלאָגישע און וויסנשאַפטלעכע פאַרשונג פון מחבר אין דער פּסיכיק פון קינד.

מאַרסעל פּרוסט האָט זינט זיינע סטודענטישע יאָרן (אפשר נאָך פריער) זיך אָפּגעגעבן אַ סך מיט דער טעטיקייט פון זיין זכרון. זיין אידייע וועגן דער פונקציע פון אַ זכרון אָן שום ספּעציעלער באַמיִונג, איז אינספּירירט געוואָרן פון אַנרי בערגסאָנס אידייען וועגן זכרון (און וועגן קונסט), וואָס איז דאָך, אין תוך גענומען, אַ געוויסע גלאָריפי־צירונג פון אינטואיציע.

פון דעם איז אַנטשטאַנען ביי פּרוסטן דער געדאַנק, אַז אויב קונסט און זכרון זענען צווישן זיך אַזוי נאָענט, וועט ער פון זיין זכרון, די דערפאַרונג פון זיין עבר, פאַרוואַנדלען אין אַ קונסטווערק. און דאָס איז נאָך געווען צענטראַל אין זיין מחשבה, בעת זיין יונגט; זיין באַרוף זאָל זיין צו באַשרייבן נאָוועליסטיש די געשיכטע פון זיין לעבן; פון די אַלע ערטער און מענטשן מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפן, געפאַרשט, דערקענט מלפני ולפנים אין זייערע פאַרשידנ־אַרטיקע טעגלעכע מאַסקעס, ווי אויך אַן קאָסמעטיק און שמינקע... דער עיקר: זיין עבר זאָל אַליין קומען, אומדערוואַרט, פּלוצלונג צום זכרון, אין מאָמענטן פון אַ מין מיסטישער וויזיע, אַ באַפרייטע פון דער טיראַניע צייט, ווי אַ באַריר פון אייביקייט.

מיר גופא, זאָגט ער, קענען נישט באַשטימען ווען די מאָמענטן זאָלן צו אונדז קומען. די וויזיע קען פּלוצלונג ווערן אַ יש דורך אַפילו אַן אומבאַדייטנדיקער דערשיינונג, למשל, ביים קלאַנג פון אַ ראָד, אַ

טומל אין גאַס, ווען אַ דעראינערונג ווערט סוגעסטירט דורך עפּעס אַ פּאַסירונג פון דער קעגנוואַרט. און אַט דער אַנאַליטישער מעטאָד איז געוואָרן זיין אויסגאַנג־פּונקט ביים ווידמענען זיך דער שרייבערי־שער פּראַפּעסיע: דורך די העלדן זיינע, דערציילן זיין אייגענע געשיכטע טראַנספאָרמירט אין אַ קונסט־פאָרם.

מסתמא האָט אויך פּרוסט גופא איינגעזען אַז די אידיי פון דעם פרייען זכרון טראָגט מיט זיך חסרונות; אריינצופירן אַ מיסטישע קאָנ־צעפּציע אין אַ בוך, וואָס וואָלט אַנדערש געווען איין גאַנצן רעאַליסטיש פּאָרטראַכט; אויך דאָס ווען איגנאָרירן דעם אינטעלעקט בעת ער איז פּאַקטיש אַליין הויך־אינטעלעקטועל. אין פיל קאַפּיטלען קענטיקט זיך דאָך ווי זיין העלד זוכט וויסן און געפינט עס ווירקלעך נאָר מיט דער הילף פון אינטעלעקט. אָבער אין סאַמע לעצטן סך־הכל ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אינטעלעקט איז אומגענוגנדיק און הילפלאָז ווי אַן עלעמענט צום וויסן. אין לעצטן קאַפּיטל פאַרלירט ער שוין, אומפאַר־מיידלעך, אַ סך פון זיין פריערדיק ווערט.

פּרוסטס אויספיר וועגן קונסט, אַז ס'איז קודם־כל נישט קיין אינטעלעקטועלע פונקציע און אויף וויפל עס איז יאָ, מאַכט עס אויך דורך פאַרשידענע מענטאַלע פּראָצעסן.

איז עס דאָך פּאַראַדאָקסאַל, וואָס מאַרסעל פּרוסט, און וועגן אים קען מען זאָגן אַז זייער וויניק שרייבערס זענען געווען אַזוי אינטע־לעקטועל, אַזוי אַנאַליטיש פאַראינטערעסירט אין אַבסטראַקטע קאָנ־צעפּציעס — זאָל אַזוי שטאַרק וועלן מינימיזירן דעם כוח, די ווערטן פונעם אינטעלעקט אינעם געוועב פון לעבנס־פּראָצעס.

דאָס איז אָבער נישט די איינציקע סתירה אין מאַרסעל פּרוסטס שעפערישן לעבן. אין זיין ווערק זענען פאַראַן אַזוי פיל צווייִדייטיקע מיינען פון וועלכע מען קען אויספּילן אַ גאַנץ בוך. זיינע סתירותדיקע אַרויסזאָגונגען לאָזן זיך בעסער דערקלערן, ווען מיר פאָלגן נאָך די עטאַפּן פון זיין ביאָגראַפיע, באַגלייט דורך אַ ריי טראַומאַטישע דער־פאַרונגען בעת זיין קינדהייט און שול־יאָרן.

מיר וויסן שוין זייער גוט פון זיין שטאַרקער צוגעבונדנקייט צו דער מוטער, אין וועמענס אָרעמס ער איז נישט מיד געוואָרן קלאַמערן זיך. זי האָט געמוזט זיצן אין צימער בעת ער האָט געמאַכט די לעקציעס. אַזוי אויך אין זיין שלאָפצימער ביז ער איז איינגעשלאָפן. ער האָט מורא געהאַט צו טראַכטן וואָס ער וועט טאָן ווען זי וועט שוין מער נישט זיין מיט אים. זי האָט אים אַ מאָל אַ פרעג געטאָן וואָס פאַר אַ מתנה ער וויל אויף ניי־יאָר? האָט ער גלייך געענטפערט: דיין ליבשאַפט. אָבער דאָס האָסטו דאָך שטענדיק פון מיר, האָט זי מיט אַ שמייכל געזאָגט.

אַפילו אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן הערנדיק פון אַ יינגל דער־

ציילן, אַז בעת ער האָט געזען זיין מאַמען שלעכט אָנגעטאָן, האָט ער פּרעטענדירט אַז זי איז נאָר דאָס דינסטמיידל און נישט די מאַמע... ביים הערן בלויז די געשיכטע האָט פּרוסט זיך שטאַרק צעווײנט, טראַכטנדיק וועגן זיין מאַמען אין אַזאַ צושטאַנד. אַזעלכע פּרטים וואַרפן ליכט אויף די פאַרמירנדיקע יאָרן פון זיין מענטאַליטעט.

נישט זייענדיק פון די אַטלעטישע שילערס, האָט ער נאָר געזוכט מיידלשע געזעלשאַפט פאַר קאָמפּאַניע און צו איינער, מאַרי דע בענאַרדאַקי, געוואָרן שטאַרק צוגעבונדן און איר נאָכגעפאָלגט אומעטום.

די עלטערן זענען געוואָרן אַלאַרמירט פון זיין לײדנשאַפטלעכער און האָפנונגסלאָזער ליבע און האָבן אים אָפּגעהיט מער נישט צו טרעפן זיך מיט איר. האָט ער זיי צוליב דעם אָפּגעשפּילט יענע סצענקע... געפילט אַז ער וועט דאָס מיידל קיין מאָל נישט פאַרגעסן. מיט יאָרן שפּעטער, ווען זי איז שוין געווען די פרוי פון פּרינץ ראַדזשיוויל איז זי נאָך אַלץ פאַרבליבן זיין גרויסע ליבע און ער פלעגט רעדן מיט גרויס אַפעקציע וועגן זיין ערשטער יוגנט־ליבע.

זיין אומזיכערער געזונט צושטאַנד, אַלערגיש צו אַ סך זאַכן, זעלטן פריי פון אַסטמאַ־אַטאַקעס, בפרט נאָך שלאָפלאָזע נעכט, האָט די מאַמע כסדר געהאַט אויף אים אַן אויג. פון דעם איז ער געוואָרן נאָך מער אָפּהענגיק פון איר, אויסשפּילנדיק זיינע געפילן אַן אַ שום מאָס פון פּראָפּאָרציע. זיין געמיט האָט געקענט ווערן אַי לײכט אויפגע־הייטערט, און פאַרקערט, צאַרנדיק, דעפּרעסט ביז אַ צוזאַמענברוך. און ווען די מאַמע פלעגט נאָר אָוועקפאָרן אויף אַ פּאָר טעג האָט זיין היסטעריע דעם סופית געשפּאָלטן.

און ווען מען האָט אים עפּעס נישט נאָכגעגעבן פלעגט ער פון רציחה אָנהייבן ברעכן שטובזאַכן... אוודאי זענען זיינע עלטערן געווען אַ סך שולדיק וואָס ער איז נישט געוואָרן קינדוויז דיסציפּלי־נירט. אָבער מיר האָבן שוין פריער געזען די סיבות.

אָבער אויסער דעם זענען די עלטערן געווען פון אים צופרידן. געווען זייער באַגאַבט, און בכלל פּריציייטיק אין זיין אינטעלעקטועלן לעבן. געווען איז ער אַ גוטער סטודענט אין שול, באַקומען אַ סך אויסצייכענונגען, כאָטש צוליב זיין געזונט צושטאַנד פלעגט ער אַ סך טעג בלייבן אין שטוב, אָבער תמיד אָנגעיאָגט דאָס דורכגעלאָזטע אין די לימודים.

די שול־חברים זענען צו אים נישט געווען פריינדלעך. נישט געווען לויט זייער געשמאַק; צופיל מיידלש, אַפילו אין אויסזען זיינעם, צו צאַרט און איידל.

ער, פון זיין זייט, האָט פאַרלאַנגט אויפמערק צו זיך, וואָס ער

האָט נישט געקראָגן. האָט ער אַרויסגעוויזן אַגרעסיוויקייט, וואָס האָט אים פאַרשטייט זיך קיין גוטס נישט פאַרשאַפט...

נישט זייענדיק אין גוטע פאַרהעלטענישן מיט זיינע שול־חברים, האָט ער געזוכט טרייסט ביי פרויען, גראָד ביי עלטערע פון אים, אָבער עלעגאַנטע, וואָס זענען אים שטאַרק געפאַלן. ביי זיי האָט ער גראָד געהאַט אַ סך דערפאָלג. איז בעת אַנדערע יינגלעך אין זיין עלטער האָבן זיך נאָך געשפּילט, האָט ער שוין געהאַט אַ געוויסן סאָציאַלן לעבן. געווען אויך צווישן זיינע באַקאַנטע, עטלעכע טאַלאַנטירטע יינגלעך, ווי זשאַק ביזע (דער זון פון באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר, מחבר פון „קאַרמען״) און דאַניעל האַלעווי, אַ זון פון אַ שרייבער; און נאָך איינער מיט וועמען ער האָט שפּעטער אויך אָנגעהאַלטן אַ קאָרעספּאָנדענץ, ראָבער דרייפוס, דער צוקונפטיקער זשורנאַליסט. זיי האָבן זיך יאָ דערקענט אויף פּרוסטס טאַלאַנט און פּערסאָנאַליטעט, און זיי זענען אַליין אויך געווען טאַלאַנטירט און איבערגעגעבן צו קונסט־ענינים.

דורך זשאַק ביזע, האָט זיך פּרוסט באַקענט, נאָך אין זיינע שול יאָרן, מיט דער מאַדאַם שטראַוס, די מוטער פון זשאַקן. פון געבורט האָט זי געשטאַמט פון די האַלעוויס. איר פאָטער איז געווען אַ קאָמפּאָזיטאָר און זי האָט ביי 19 יאָר חתונה געהאַט מיט דעם ברילִיאַנטישן תלמיד פון איר פאָטער, זשאָרזש ביזע. געטיילט מיט אים די דורכפאַלן פון זיין קורצער מוזיקאַלישער קאַריערע און די אַגאָניע פון זיין טויט זעקס יאָר נאָך זייער חתונה (ער איז געשטאָרבן ביי זיינע 37 יאָר).

ביי אירע 40 יאָר האָט זי חתונה געהאַט מיט דעם רייכן יידישן אַדוואָקאַט, עמיל שטראַוס, געלעבט אין אַ לוקסוס־וווינונג, וואָס איז געוואָרן אַ זאַמלפּונקט פאַר אַ געקליבענעם קרייז פריינד, ס׳רוב יידן, אינטעלעקטואַלן, מיט וועלכע זי פלעגט זיך אונטערהאַלטן.

אויף דעם אָרט, אַ קורצע דיגרעסיע וועגן יידן, בפרט וועגן יידישע פרויען אין פראַנקרייך. בעת זומער וואַקאַציעס פלעגט די פּרוסט פאַמיליע (אין וועלכער עס איז אויך געווען אַ יונגערער ברודער פון מאַרסעלן, ראָבער, וואָס איז יאָ געגאַנגען אין זיין פאָטערס וועגן און געוואָרן אַ דאָקטער) — אָוועקפאָרן און איינשטיין אין פאַרשידענע ערטער ביי דער נאָענטער משפּחה, וואָס איז דאָך געווען אַ צעטיילטע, לויט רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט. איין פעטער איז אַפילו געווען אַן אַנטיסעמיט און דער יידישער צד האָט נישט איבערגעטראָטן זיין שוועל. פון זיין מוטערס צד האָט קיינער נישט אויפגעגעבן זיין יידישע אָנגעהעריקייט און פּרוסטס ביאָגראַפן שטעלן זיך ברייטער אָפּ אויף דער יידישער אַסימילאַציע אין פראַנקרייך, וואָס האָט אינעם נייַנצנטן יאָרהונדערט באַגלייט די יידישע עמאַנציפּאַציע.

דער טעמפּאָ פון אַסימילאַציע איז צוגעגאַנגען אויף אַ פאַרשי־

דענעם גראַד ביי די מערב־איראָפּעישע יידן, אַנדערש פון לאַנד צו לאַנד. ווען די יידן האָבן באַקומען בירגערלעכע רעכט און געקענט אַרויס פון די ענגע געטאָ־מויערן, איז די ערשטע זאַך ביי זיי געווען צו לערנען די לאַנדשפּראַך, וואָס איז זיי דאָך אַזוי נויטיק געווען אין מסחר און פּראָפעסיעס. און די יידישע פרוי, באַטאָנען פּרוסטס ביאָגראַפן, איז דאָן געווען דער פעלדז פון דער פאַמיליע, און אַ טייל פרויען אויך די פּרנסה־געבערס.

ווי נאָר זיי האָבן זיך אָבער באַקענט מיט דער לאַנדשפּראַך, האָבן זיי אָנגעהויבן אויך צו אָבסאָרבירן די ליטעראַטור פון לאַנד, צו וועלכער זיי האָבן זיך צוגעכאַפּט מיט ליידנשאַפט און ליבשאַפט. דאָס איז אין אַלגעמיין געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער עמאַנציפּירטער פרוי אין איראָפּע, בפרט ביי דער ידישער. די ידישע טעכטער זענען דאָך געוואָרן שטאַרק אַסימילירט נאָך פאַר זייערע ברידער און נישט וויניק פון זיי האָבן פאַרלאָזט די רעליגיע פון זייערע עלטערן (די ביאָגראַפן פון פּרוסטן רופן אָן די נעמען פון משה מענדעלסאָנס טעכטער, ווי אַביישפּיל).

די עמאַנציפּאַציע פון מאַרסעלס מאַמע איז נישט געגאַנגען אַזוי שנעל און אַזוי וויט. ווען זי האָט חתונה געהאַט מיטן קאַטאָליק ד״ר פּרוסט, האָט זי נישט אויפגעגעבן איר רעליגיעזע יידישע אָנגעהערי־קייט און דער מאָן האָט עס פון איר גאָר נישט פאַרלאַנגט. זי האָט אָפּגעהיט געוויסע יידישע טראַדיציעס און אין דעם גייסט אויך געטרויערט נאָך אירע פאַרשטאָרבענע יידישע עלטערן. פאַר איר איז עס געווען אַן ערנסטער ענין. און אַפילו נאָכן טויט פון איר קאַטוילישן מאַן, האָט זי אויך געטרויערט אַנדערש ווי ביי קריסטן. (נאָך איר פאָטערס טויט איז זי שוין לגמרי פאַרבליבן אַ צעבראָכענע).

אין אַ בעלעטריסטישן לבוש האָט פּרוסט אין „זשאַן סאַנטעי״ געשילדערט אירע באַציאונגען מיט איר פאָטער, וועלכער האָט געהאַט גאַנץ פעסטע מיינונגען ווי אַזוי זיין אייניקל זאָל דערצויגן ווערן.

דער וויכוח איז נישט געווען וועגן יידישע ענינים, נאָר וועגן דער קאַריערע פון מאַרסעלן, וואָס האָט זיך געשניטן צו זיין אַ פּאָעט. סיי דער יידישער זיידע און סיי זיין קאַטוילישער פאָטער האָבן נישט געהאַלטן אַז דאָס קען זיין אַ תכלית פאַר אים (אַוודאי האָבן זיי נישט געקענט פאָראויסזען דעמאָלט וואָס פאַר אַן אָרט ער וועט פאַרנעמען שפּעטער מיט זיין שאַפן אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור).

פאַר מאַרסעלן, ווי פאַר אַ סך יונגע מענטשן אין פראַנקרייך, איז ליטעראַטור געווען אויך אַ סאָציאַלע שטרעבונג. ער האָט געזוכט צו טרעפן זיך מיט יונגע מענטשן, מיט ענלעכע שטרעבונגען צו באַהאַנד־לען ליטעראַטור־ענינים; טעכניק, אידייען, פּרינציפּן, שטרעמונגען; ריכטונגען אין דער ליטעראַטור ווי אין קונסט בכלל.

ער האָט זיי באַגעגנט אין דער סאָרבאָנע וווּ ער האָט שטודירט פּאָליטישע וויסנשאַפט און גוט אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס. דורכגע־פאַלן אָבער אין יוריספּרודענץ, פון וועלכעס זיינע עלטערן זענען גאָר נישט געווען צופרידן. זיך אויך באַקענט מיט יונגע דאַן־נאַך אויפגיי־ענדיקע שטערנס, פלעגט מיט זיי באַזוכן אויסשטעלונגען אין קונסט־גאַלעריעס און אין די פאַרנאַכטן פאַרברענגען אין די סאַלאָנען; ביינאַכט גיין נאָך אין טעאַטער און אויף קאָנצערטן. אָבער ביי דעם שטאַרק־אינטענסיוון חי־געלעבט, אויך געליטן, צייטנווייז, פון שטאַרקער דעפּרעסיע.

די ליטעראַרישע סאַלאָנען

מיר האָבן שוין דערמאָנט דאָס צוזאַמענקומען זיך ביי מאַדאַם שטראַוס, וווּ פּרוסט איז גערן אויפגענומען געוואָרן דורך איר געזעל־שאַפט. אַ צווייטער סאַלאָן איז געווען פון מאַדאַם קאַיאַווע. זי האָט אין איר ליטעראַרישער נעסט געהאַלטן געפאַנגען דעם ליטעראַרישן לייב, אַנאַטאָל פראַנס, אויף אים אַכטונג געגעבן ווי אויף אַ קינד. בעת עס פלעגן אין די זונטיקס זיך צוזאַמענקומען ביי איר אַ געזעמל שריי־בערס, פאַרלעגערס, זשורנאַליסטן, פּאָליטיקערס און בכלל די אינטע־לעקטועלע עליטע פון פּאַריז.

געוויינטלעך פלעגט אַנאַטאָל פראַנס פאַר זיי פאַרלייענען עפּעס און נאָך דעם פלעגט אָנגיין אַ פרייער שמועס. בעת אַזאַ צוזאַמענטרעף האָט אַ מאָל פּרוסט אַ פרעג געטאָן אַנאַטאָל פראַנסן, ווי אַזוי האָט ער באַוויזן אַריינצוזאַפּן אין זיך אַזוי פיל וויסן?

— גאַנץ פּשוט, מיין טייערער מאַרסעל, האָט אַנאַטאָל פראַנס געענטפערט, ווען איך בין געווען אַזוי יונג ווי דו, בין איך נישט געווען אַזוי שיין ווי דו, און כ'בין נישט געווען קיין סאָציאַלער דער־פאַלג, פלעג איך זיצן אין דער היים און לייענען, און כ'האָב קיין מאָל נישט אויפגעהערט לייענען.

ביי זיינע 21 יאָר האָט פּרוסט מיט אַ גרופּע יונגע פריינד באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל צו קענען פאַרעפנטלעכן זיינע ערשטע פּרוכטן, וואָס זענען נאָך געווען קליינע. צווישן די פריינד, אויך אַזעל־כע וואָס זענען שפּעטער געוואָרן גאָר גרויסע נעמען אין פראַנצויזישן לעבן, ווי לעאָן בלום. און צווישן די נישט־יידן, וואָס האָבן זיך באַ־טייליקט אין דעם זשורנאַל, אַזאַ נאָמען ווי אַנרי באַרביס.

פּרוסטס קרובים האָבן פּראָטעזשירט די אויסגאַבע, אַזוי אויך מאַדאַם שטראַוס, אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן צו אריכת־ימים. (פּרוסט האָט אגב דאָרט אָפּגעדרוקט גאַנץ קליינע זאַכן, אַנעקדאָטן,

אָדער אַזעלכע אַלגעמיינע דערקלערונגען און אַפאָריזמען: „פאַרלאַנגען מאַכן זאַכן בליען; האָבן — פאַרוועלקט זיי; דעריבער בעסער צו טרוימען, ווי עס דורכצולעבן...״).

די יונגע פריינד זענען געווען זייער צופרידן פון פּרוסטן, נישט אַזוי צוליב זיין מערכה און צושטייער צום זשורנאַל, ווי צוליב די טובות וואָס זיי האָבן געהאַט פון אים און נישט געקענט עס דערוואַרטן פון אַנדערע. מאַרסעל האָט זיי פאַרגעלייגט הלוואות בעת אים גופא האָט דאָך תמיד אויסגעפעלט געלט אויף זיינע הצטרכותן. ער פלעגט זיי שענקען וואַרעמקייט כמעט מיט אַ קינדישע דירעקטקייט, זיין גוטסקייט איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ לעגענדע און איז אילוסטרירט געוואָרן מיט די קאָלאָסאַלע מתנות וואָס ער קויפט (איבער זיינע מעגלעכקייטן). אין די רעסטאָראַנען פלעגט ער די קעלנערס איבער־לאָזן טרינקגעלט פאַנטאַסטישע סומעס. געקענט העלפן אַ באַדינער מיט צוטראָגן אַליין דעם שווערן פעקל זיינעם. אָדער ווען אַ וועכטערין ביים טויער איז אַ מאָל קראַנק געוואָרן האָט ער אַליין זיך געקענט אַוועקזעצן ביים טויער און ענטפערן אויפן גלעקל־קלינג.

דאָס זענען נישט געווען קיין פּאָזירונגען, נאָר נאַטירלעכע אייגנ־שאַפטן פון זיין כאַראַקטער צו האָבן איינזען פאַר די וואָס נויטיקן זיך אין דעם, בפרט די וואָס גייען אין אַ זייט פון לעבן און מיט הכנעהדיקייט.

זיין גוטסקייט איז נאָר געווען איין זייט פון דער מטבע. עס איז געווען אַ צווייטע זייט וואָס האָט טאַקע צוגעצויגן צו אים יונגע מענטשן און זיי באַאיינדרוקט: זיין גאָר לעבעדיקע נאַטור, וואָס איז אין חברותא געווען אומדערמידלעך. געקענט אַרויסווייזן קינדישע פרייד־אויסברוכן, וואָס האָבן מיטגעריסן. צו דעם אַרויסגעוויזן אַזאַ מייסטערשאַפט ביים נאָכמאַכן מענטשן און אַלעמען אַזוי אַמחירן ביז מען האָט געקייכט פון געלעכטער.

ער האָט אָבער אויך געהאַט אין זיין נאַטור אַן ערנסטע זייט מיט אינטענסיווע ברייטע אינטערעסן אויף פאַרשידענע געביטן. זיך שטאַרק אויסגעצייכנט ווען ער האָט שטודירט פילאָזאָפיע, אָבער זיין ערשטע ליבע איז ביי אים שוין פאַרבליבן ליטעראַטור. בעת ער איז נאָך געזעסן אויף דער שולבאַנק און גערעדט מיט חברים וועגן שרייבער און ווערק, האָט מען זיך צוגעהערט צו אים מיט גרויס אינטערעס. זיין לערער אין ליציי (דעם לעצטן יאָר איז דאָס געווען אויך אַ פירנדיקער ליטעראַטור קריטיקער) האָט גלייך איינגעזען, אַז מאַרסעלס קלאַס־עסייען זענען נישט פון אַ געוויינטלעכן תלמיד. דאָס זענען געווען רייפע אַרבעטן מיט אַ שאַרפער אַנאַליטיק און טיפן אָפּשאַץ. דער לערער זיינער האָט אים אויך צוגעגעבן קוראַזש און ווילן — צו מאַכן ליטעראַטור זיין באַרוף. ביים סיום פון ליציי האָט ער פון דעם לערער

(גושע) באַקומען די העכסטע אויסצייכענונג נישט נאָר פאַר זיין פּראָג־צויזישער קאָמפּאָזיציע, אויך פאַר לאַטיין און גריכיש.

אָבער ביי זיין גאַנצער אינטעלעקטועלער העכערקייט איז ער עמאָציאָנעל געווען אומבאַלאַנסירט און די ביאָגראַפן זיינע פאַרציי־כענען אַ פאַל, ווען זיין מאַמע מיטן יונגערן ברודער זענען אַוועקגע־פאָרן אויף אַ וויל, איז ביים צעשיידן זיך געווען אַזאַ שטאַרקער עמאָציאָנעלער אויסברוך, און דאָס — ביי אַן 18־יאָריקן בחור! זיינע בריוו דאַן צו ראַבער דרייפוס באַווייזן אַז ער האָט אַליין מעדיטירט איבער זיינע עמאָציאָנעלע שוועריקייטן און געזוכט דייערע סיבות.

נאָך זיין גראַדואירן (באַגלייט מיט אַ צעטל אויסצייכענונגען), האָט ער זיך געלאָזן אויפן וועג צו אַ ליטעראַרישער קאַריערע. געווען פונקט זיין עלטער פון מיליטערדינסט, און ווי אַ וואָלאָנטיר האָט ער אַנשטאָט פינף געדאַרפט דינען נאָר איין יאָר. אָבער די אַרמיי האָט נישט געהאַט קיין נחת פון אים. זיין פיזישער געזונט צושטאַנד, צו שוואַך פאַר אַ זעלנער; אין דער אַדמיניסטראַציע האָט ער נישט געטויגט צוליב זיין שלעכטן האַנטשריפט. אָבער דורכגעשטופּט דעם יאָר.

אין 1890 איז ער אַריינגעפאַלן אין מעלאַנכאָליע צוליבן טויט פון זיין (ייִדישער) באָבע, מאַדאַם וועי. ער האָט זיך צוליב דעם לאַנג נישט געקענט נעמען אין די הענט אַריין, וויסנדיק פון זיין מאַמעס געמיט צושטאַנד. דאָס האָט זיך ווידער איבערגעחזרט ווען עס איז אויך אַוועק (אין איין יאָר) זיין ייִדישער זיידע און עלטער־פּעטער (1896). אין דעם יאָר איז ער מיט דער מאַמען אַ סך אַרומגע־פאָרן און ווען זיי זענען געווען צעשיידט האָט דער טעלעפאָן זיי פאַרבונדן. איין מאָל, ביי אַזאַ טעלעפאָן־געשפּרעך, אויף אַ ווייטער דיסטאַנץ, ווען ער האָט איר געהערט רעדן, האָט ער געשפּירט ווי ער וואָלט איר שטים געהערט צום ערשטן מאָל, מסתמא געטראַכט, אַז איר טיפער טרויער איבער די פאַרלוסטן איז אַריין אין איר שטים (זי האָט אויסבאַהאַלטן פון אים איר קראַנקייט). אַט דעם טעלעפאָן־געשפּרעך האָט ער אין זיין ווערק שפּעטער בעלעטריזירט דורך אַ ריי טראַנספּאָזיציעס. די פאָרם איז געענדערט, אויך די פּערזאָנען: אַנשטאָט דער מאַמען איז אָנגערופן די באָבע.

ער האָט אין „זשאַן סאַנטעי" בעלעטריזירט אויך אַנדערע געשעע־נישן פון זייער פאַמיליע לעבן (אגב איז דער נאָמען זשאַן געווען פון איינער פון די באַדינערס אין זייער הויז).

דער סיסטעם פון זיין שרייבן איז צוגעגאַנגען אויף אַזאַ אופן: צוערשט האָט ער אין זיין נאָטיצבוך אַריינגעשריבן באַזונדערע עפּיזאָדן און זיי שפּעטער פאַרבונדן אין אַ גאַנצקייט. אַט די עפּיזאָדן פון אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער האָט ער פאַרוואַנדלט אין „פיקשן" דורך

פאַרענדערונגען, דורך טראַנספּאָזיציעס וואָס האָבן געענדערט זייער פאָרם. אין זיינע נאָטיץ־ביכער זענען דאָ גאַנצע סעריעס אויטאָביאָ־גראַפישע עפּיזאָדן, פראַגמענטן, פון וועלכע ער האָט אַנטוויקלט זיין גרויסן ראָמאַן.

צווישן זיינע מעלות זענען אויך געווען זיין פאָטאָגראַפישער אויג און דער פענאָמענאַלער זכרון. אַ לעבעדיקע אימפּרעסיע פון אַ לאַנדשאַפט האָט ער „פאָטאָגראַפירט" דורכן אויג; אַזוי אויך אַ נייעם מענטש וואָס ער האָט באַקענט און אים „אַראָפּגענומען" מיט אַלע פּיטשעווקעס פון זיין הלבשה, מאַניעריזמען — דאָס אַלץ פאַרן בוך, וואָס ער האָט זיך ערשט געגרייט אָנצושרייבן.

צווישן די פּיקאַנטע עפּיזאָדן פון זיינע לידן וועגן אַ שידוך־ענין, ווען ער האָט געהערט אַז אַנאַטאָל פראַנס טראַכט וועגן אים ווי אַ פּאַסיקער איידעם פאַר זיין טאָכטער סוזאַן, 18 יאָר אַלט, כּסדר אין שלעכטע באַציאונגען מיט אירע טאַטע־מאַמע, וואָס יעדער פון זיי האָט געוואָלט זיין איר אַפּיטראָפּוס. אין אַ בריוו צו דער מוטער, שרייבט מאַרסעל: „איך וועל אויף דעם קיין מאָל נישט איינגיין. זיי פאַרזיכטיק ווען דו רעדסט אַ שידוך פאַר מיר".

ביים לייענען זיין אַלאַרמירנדיקן בריוו האָב איך געטראַכט וועגן אַט די שידוכים־פאַרהעלטענישן אין פּאַריז שוין אויפן שוועל פון דעם יאָרהונדערט. ווען פּרוסטס מאַמע האָט חתונה געהאַט (1870) איז דער שידוך אויך געווען אַראַנזשירט דורך אירע עלטערן. ווען אַ פרוי פון פראַנצויזישן מיטל־קלאַס וואָלט דאַן געהערט אַז אַן אָרענטלעכע באַלעבאַטישע פראַנצויזישע פרוי האָט אַ געליבטן, וואָלט עס פאַר איר געווען אַ שוידערלעכע זאַך. אַ שידוך דורך ליבע איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ זינד. ליבע דאַרף ערשט קומען נאָך דער חתונה און אָנהאַלטן שוין ביזן סאַמע סוף.

דאָס זענען דאָך געווען די אידייען אויף וועלכע זיין מאַמע איז דערצויגן געוואָרן, און פאַר איר (דער מוטער) שרייבט פּרוסט (אין „זשאַן סאַנטעי"), זענען די אידייען געבליבן לעבעדיק אין איר געמיט און מחשבה. ער דערציילט ווייטער (נאַטירלעך אַלץ אונטער אַ בעלע־טריסטישער מאַסקע): „אַ פרוי האָט נישט אויפגעהערט ליבן איר מאַן פּונקט ווי זי האָט נישט אויפגעהערט ליב האָבן איר מוטער". און דאָס איז דאָך געווען די אַלטע ידישע טראַדיציע. אמת, פּרוסט האָט שוין אויך געקענט אַנדערע ידישע פרויען, ווי מאַדאַם שטראַוס, אָט די ידישע פרויען וואָס האָבן אויפגעהאַלטן ליטעראַרישע סאַלאָנען (איך האָב זיי ברייטער באַהאַנדלט אין מיינע „פּאָרטרעטן").

מאַרסעלס מוטער, וואָס האָט נישט געפירט קיין סאַלאָן, איז נישט געווען ווייניקער געבילדעט, אינטעליגענט און הויך־קולטורעל, ווי מאַדאַם שטראַוס, אָבער שוין מיט אַן אַנדערן לעבנס־אופן און איינשטעל

צו „ליטישע" אויפפירונגען. למשל, וועגן מאַרסעלן האָט זי געזאָגט צו איר פֿאָטער: „אַפילו איך זאָל וועלן אים מאַכן פֿאַר אַ פּאָעט — גאָט זאָל מיך אָפּהיטן! — בין איך זיכער אַז ער וועט עס נישט דערגרייכן". זי האָט באַרואיקט איר טאַטן, אַז דאָס וועט נישט געשען: „...זען אַ יונגן מענטשן מאַכן אַ תל פֿון אַ פֿאַרמעגן, אויפגעזאַמלט מיט ווירדע דורך אַן אינטעליגענטן, דערפֿאָלגרייכן פֿאָטער; צו זען ווי אַזוי ער שלעפּט אַריין אַ נאָמען, וואָס איז אַזוי אוניווערסאַל רעספּעקטירט, אין בלאָטע. אַזאַ פֿאַרענדיקט צו הונגערן צווישן די, וואָס זענען גאָר נישט ווערט". זי האָט נאָך צוגעגעבן, אַז „אַפילו די בעסטע זענען אָדער פֿאַרשווענדעריש, אָדער אַזעלכע ווי דער אַלטער (וויקטאָר) הוגאָ".

ווי שוין דערמאָנט האָט מאַרסעלס מוטער אויך געלייענט אַ סך ביכער, „גוטע ביכער וואָס גיבן נאַרונג דעם מוח און ראַפֿינירן די געפֿילן". זי האָט געטיילט איר ליבשאַפֿט פֿאַר ליטעראַטור מיט איר מאַמען. בײדע האָבן צוזאַמען געלייענט הוגאָן און אַזוי אויך אַנדערע שרייבערס. די איינשטעלונג צו דער ליטעראַטור פֿון איר צייט איז געווען די זעלבע סיי צווישן געבילדעטע ייִדישע פֿאַמיליעס ווי צווישן קריסטלעכע. אוודאי זענען אויך געווען אונטערשיידן, און נישט נאָר בײַם מיטל־קלאַס נאָר אויך בײַ דער אַריסטאָקראַטיע. מאַרסעלס מוטער, ווי זײַנע ייִדישע זיידע־באָבע, האָבן דאָך געהאַט אַ סך פֿון די מעלות און פֿאַראורטיילן פֿון זייער קלאַס, אומאָפּהענגיק יִיד צי קריסט.

די צענטראַליטעט האָט פֿאַרנומען די פֿאַמיליע (מאַן, קינדער, עלטערן), פֿאַר וועלכע זי איז געווען אַ מאַמע, אַ ווײַב, אַ טאָכטער. זי האָט חתונה געהאַט מיט ד"ר פּרוסט זײַענדיק זייער יונג און אָנגענומען פֿאַר נאַטירלעך אַ סך זאַכן: איר מאַן איז נישט קיין האַזאַרדשפּילער, נישט קיין שיכורניק, אָדער אַן אויסברענגער. געבעטן דעם אויבערשטן דער זון זאָל זײַן ענלעך צום טאַטן און שלום געמאַכט מיט זײַן נעווראָזע קראַנקייט. ווי אַ ייִדישע מאַמע האָט זי דעם מאַן און קינדער געוואָלט געבן די זעלבע ליבשאַפֿט, צופֿרידנקייט, און פֿרייד, וואָס גיט אַריין אַ זין אין דער פּרויס לעבן, טראָץ אַלע שוועריקייטן.

לעבנדיק מיט אַ קריסטלעכן מאַן איז זי אין תוך פֿאַרבליבן אַ ייִדישע, באַגלייט דורך דער לעבעדיקער טראַדיציע פֿון אירע עלטערן; עפּעס וואָס גייט אַריין אין לעבן; עפּעס וואָס מ'קען נישט אויסדריקן אין ווערטער, אָדער אין קלישעען.

מאַדאַם פּרוסט האָט אָבער אויך פּונקט ווי אַנדערע ייִדישע, געקענט מאַכן גאַנץ קריטישע באַמערקונגען וועגן ייִדן און די פּרוסט־ביאָגראַפֿן גיבן וועגן דעם צו אַזאַ קאָמענטאַר: דער ייִד וואָס פֿאַרניכטעט פֿולשטענדיק זײַן ייִדישקייט מאַכט נישט אַזעלכע באַמערקונגען(?); אָדער ער שווײַגט צוליב אַ געוויסן שולדגעפֿיל, ווי אַן אומגעזעענער

פינגער וואָלט געטייטלט אויף אים, אַז ער איז געוואָרן אַ יידישער אַנטיסעמיט; נאָר „די יידן וואָס האָבן געזאָרגט פאַר זייער טראַדיציע, זיי זענען באַזונדערס שטאַרק סענסיטיוו צו די וואַלגאַריטעטן און פעלערן פון אַנדערע יידן; ווי אַן ענגלענדער אויף עמיגראַציע איז באַאומרואיקט צוליב אומאַנגענעמע פירונגען פון זיינע לאַנדסלייט. ס'איז אַ זין פון אַנגעהעריקייט, מחמת ער קען זיין לחלוטין גלייכגילטיק צו די פירונגען פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן".

די טעמע איז גאָר אינטערעסאַנט אַוועקגעשטעלט דאָ און אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר אַ ברייטערער באַהאַנדלונג, וואָס קען נישט אריינגיין אָבער אין דער אַרבעט.

איך וויל דאָ נאָר אונטערשטרייכן, אַז מאַרסעל האָט פון זיין מוטערס אומפשרהדיקן יידישן מאָראַל־קאָדעקס אַ סך לײדן געהאַט און זי איז ווידער דורך זיין איינפלוס און לעבנסוועג געוואָרן מער טאָלעראַנט צו זיינע פריינד און נאָכגעפאָלגט איר זון: „אין פאַנטאַזיע צו דער גרויסער וועלט, צו דער געזעלשאַפט פון געפּאַרבטע פרויען און פאַרדאַרבענע מענער, וועלכע סאַנדרע (אַ ליטעראַרישע מאַסקע דאָ פון איר פאָטער), וואָלט דורכן טיר אַרויסגעטריבן".

איר געענדערטער בליק אויף די מאָראַלישע ווערטן, האָט נישט געקענט ווערן פשוטער געזאָגט. אָבער די געענדערטע מיינונג אירע, און די טאָלעראַנץ פון אַ געעלטערטער לעבעדיקער מאַמע, האָט אָבער נישט געקענט אויסמעקן די שולדגעפילן וואָס האָבן אַזוי אָפט באַגלייט פּרוסטס לעבן. דער רייפער פּרוסט האָט אַ דערציילונג וועגן אַ טאָכטער וועמענס סעקסועלע עבירות האָבן גורם געווען דער מוטערס טויט. ער האָט דאָ דיין אייגן שולד־געפיל איבערגעגאָסן אין בעלעטריסטיק, ווי אַן אינערלעכן אויסגעשריי פון זיינע טיפענישן. ער רעדט אויך וועגן די זין וואָס קענען ליגנערן זייער גאַנץ לעבן (פאַר דער מאַמען) אפילו אין דער שעה ווען זי הייבט אָן גוססן. דאָס איז גאָר באַדייטונגספול, און אַן אָפּשפּיגלונג ווי אַזוי ער האָט זיך באַצויגן צו זיינע אייגענע לײדן, זייענדיק אַ האָמאָסעקסואַל — אַ קאַפּיטל צו וועלכן מיר וועלן צוקומען שפּעטער.

דורך אַ ליטעראַרישער מאַסקע דערציילט ער (אין אַ מערקווירדיקן אָפּזאַץ) אינעם קאַפּיטל „מאַרי סקאַנדאַל" וועגן זשאַנס מוטער וואָס איז געוואָרן אַן איבערגעגעבענע פריינדין פון דער מאַדאַם מאַרי: (זי) „וואָס וואָלט געהאַלטן פאַר שלעכט אָפּצוגעבן אַ באַדייטנדיקן טייל פון איר האַרץ צו וועמען ס'איז אַנדערן אַ חוץ צו איר פאָטער (אין „זשאַן סאַנטעי" פיגורירט נישט קיין באָבע); צו איר מאַן, אָדער צו איר קינד, האָט דאָ געפילט אַז זי טוט דאָס וואָס איז באַשטימט פאַר איר אחריות צו קענען אָפּהיטן איר פריינדין און מיט אַ שטאַרקער איבערגעגעבנקייט... די פרוי איז געווען מאַדאַם מאַרי, אַן אינטע־

ליגענט פֿיינער וועזן, וואָס איז געשטאָרבן פֿאַרצערט ביי אירע 30 יאָר. זי איז געווען אַ ייִדישע, און מאַדאַם סאַנטעי וואָס האָט דאָך געשטאַמט פֿון אַ פֿאַמיליע, וווּ עס האָט געהערשט אַנטיפּאַטיע צו ייִדן, האָט דאָך געקענט מיט אַפֿעקטיוועקייט באַהאַנדלען זי ווי אַ שוועסטער, דורך אַן אינטימען וויסן פֿון אירע מעלות".

אָט דער פֿאַרקורצטער (דורך מיר) אָפּזאַץ איז אַ פֿולע אָפּשפּיגלונג פֿון מאַרסעלס אייגענער מוטער, וועלכער ער מאַכט דאָ נישט נאָר פֿאַר אַ קריסטין, נאָר אויך פֿאַר אַן אַנטיסעמיטקע (דורך איר פֿאַמיליעס פֿאַראורטיילן)! וואָס פּרוסט האָט דאָ געזוכט איז צו מאַכן זשאַנען צווייפּאַכיק־ווייט: פֿון ייִדן און פֿון האָמאָסעקסואַלן. „מאַרסעל (אַגב, באַנוצט פּרוסט זיין אייגן נאָמען, אויך פֿאַר איינעם פֿון די פּיקציאָנעלע נאַראַטאָרס אין זיין ראָמאַן) ווי זשאַן, שרייבט ער, זענען פֿון אַ ריינער קריסטלעכער פֿאַמיליע און דער ייִד סוּאַן — הגם אַ סך יינגער פֿון מיין זיידן — איז געווען זיין בעסטער פֿריינד, טראָץ מיין זיידנס אַנטיפּאַטיע צו ייִדן".

די אויטאָביאָגראַפֿישע עלעמענטן זענען דאָ אַזוי פֿאַרענדערט, אַז ס'איז שווער די פֿאַנאַנדערשיפֿרירן צוליב די בעלעטריסטישע טראַנספֿאָרמאַציעס פֿון ראַסע, געשלעכט, עלטער, צייט, אָרט. אמת אַז ביים שאַפֿן זיין כמו־אויטאָביאָגראַפֿישן ראָמאַן, האָט עס אים נישט פֿאַרפּליכטעט צו האַלטן זיך ביי פֿאַקטאָלאָגיע, ביים נאָכגיין דעם נאַראַטיוו. פֿאַר אַ קינסטלער מיינט דאָך לעבן (אין זיין רעאַלן גאַנג), נאָר דער רוישטאָף, וואָס דאַרף ערשט פֿילטרירט ווערן, אַרומגענומען דורך אַ שעפֿערישער אימאַגינאַציע דורך וועלכער ער קען ערשט מצליח זיין אויפֿצושטעלן אַ קינסטלערישן בנין (וואָס זאָל קענען שטיין פֿעסט אַן אונטערגעשפּאַרטע קוליעס), דורך טראַנספֿאָרמירן און איינטערפּאָלירן דעם רוי־מאַטעריאַל אין אַ בעלעטריסטיש ווערק.

דאָס האָט טאַקע באַוויזן פּרוסט אויף זיין אייגנאַרטיקן קינסטלערישן אופֿן, ווי אַ יחיד במינו אין דעם זשאַנער. אגב, זיינע ביאָגראַפֿן באַמערקן אַז ווען ער האָט געפֿורעמט זיין „זשאַן סאַנטעי" האָט ער געשעפּט מאַטעריאַל פֿון בערך אַ זיבעציק אָנגעפּיקעוועטע נאָטיץ־ביכלעך — זיין רוישטאָף — און זייער צאָל איז כסדר נאָך געוואָקסן.

וואָס שייך זיינע פּראָטאָטיפּן, ערטער, פֿאַקטן, איז ביי זיין בעסטן ביאָגראַף (לויט מיין מיינונג, דזשאָרדזש ס. פּאַינטער), דאָ ביים סוף צוויי באַזונדערע אינדעקסן: איינער פֿון עווענטועלע אויטענטישע פּערזאָנען און פֿלעצער; דער צווייטער: פֿון בעלעטריזירטע. בעת פּרוסט האָט נאָך געלעבט פֿלעגט אים שטאַרק פֿאַרדריסן ווען מענטשן האָבן געפּרוּווט זוכן די אויטענטישקייט פֿון די פּראָטאָטיפּן. ער האָט צו זיי געטענהט: איר ווייסט דאָך אַז אַ ראָמאַניסט קען האָבן פֿאַר זיינס אַ כאַראַקטער־טיפּ פֿיל מאָדעלן פֿון אָפּשטאַם, געשלעכט, צייט, אָרט און

געשטאַלטיקונג. ער מישט אויס זייערע פאַרבן און גיסט צונויף זיי אין איין סובסטאַנץ פון אַן איינצלנעם פערזאָן. מיט רעכט האָט פּרוסט באַטאָנט אַז די פונקציאָנעלע אויפגאַבע פון אַ בעלעטריסט, איז ווי פון אַן איבערזעצער פון איין שפּראַך אין אַ צווייטער.

איז טאַקע פאַר מיר געווען אינטערעסאַנט נאָכצופאָלגן פּרוסטן ווי אַזוי ער האָט איינגעטיילט צווישן די פאַרשידענע נאַראַטאָרס זיינע דעם מאַטעריאַל פון זיין אַלטער עגאָ. אין לויף פון גרויסן ראָמאַן האָט ער געטוישט זייערע נעמען לויט באַזונדערע פאַזעס. אַזוי, למשל, ווערט דער ראָמאַניסט ם טראַנספאָרמירט אין דעם נאַראַטאָר סוואַן, און דער מחבר גופא רעדט וועגן זיך אין ערשטן פערזאָן („איך"). נאָר אינעם אַריינפיר, ביים טרעפן זיך מיט ם און אים איבערגעבן די געשיכטע פון זיין לעבן.

ווי אַ ביישפּיל פון אָט די טראַנספּאָזיציעס איז טאַקע די שילדע־רונג פון זיין מוטערס טויט. אין בוך פיגורירט זי ווי די באָבע וואָס ליידט שווער פון אַן אומהיילבאַרער קראַנקייט, וועלכע זי באַהאַלט אויס פון איר אייניקל. עס איז דאָ אַ מאָמענט, ווען זי זיצט קראַנקער־הייט אויף אַ שטול און בעט אירס אַ פריינדין זי זאָל איר פאָטאָגראַ־פירן. שפּעטער, שוין יאָרן נאָך דער מוטערס טויט, האָט ער פאַרשטאַ־נען ביים קוקן אויף איר פאָטאָ, אַז זי האָט געוואָלט איר לעצטן אויס־זען לאָזן פאַר אים ווי אַן אָנדענק. (נעמען, אָרט, צייט און קרובישאַפט מיטן מחבר זענען פיקציאָנעלע).

בכלל האָט פּרוסט אין „זשאַן סאַנטעי" געצייכנט גלענצנדיקע פאָרטרעטן פון זיינע עלטערן. בעיקר האָט אים אָבער אינטערעסירט זייער אויסווירקונג אויף אים. ערשט ביים סוף פון בוך אַנטפּלעקט זיך אויך שוין זיין טיפע פאַרשטענדעניש פאַר זיי, און ער ווייזט שוין דערביי זיין קינסטלערישע רייפקייט.

אין „קאָמברע" ווערט געשילדערט אַן אויסגעדאַכטע פאַמיליע־קרענצל מיט ביאָגראַפישע סימבאָלן פון דעם יידישן און קריסטלעכן צד פון דער משפחה. און וועגן דער יידישער באָבע זאָגט ער: „זי האָט אַריינגעבראַכט אַזוי פיל פרעמדס צו מיין פאָטערס פאַמיליע און יעדער איינער האָט געמאַכט אַ וויץ פון דעם". אויף דעם אָרט האַנדלט זיך וואָס זי לאָזט נישט דעם מאַן נעמען אַ טרינק בראָנפן און זיי מאַכן פון דעם אַ וויץ. אגב, קומט פון מחבר דאָ אַזאַ זאַג: — אַזוי וואָלטן דאָך אויך די באָבעס פון מאָנדעלשטאַם, וויצמאַן און פון פרויד נישט געזען אין דעם קיין וויץ. און אין קלאַמערן צוגעגעבן: „אַ פרעמדער טיפ אין דער מחשבה". דאָס איז אַ מין פירוש זיינער וועגן דער ראַסע יידישע פרויען וואָס זענען נישט קאַליע געוואָרן.

דער כאַראַקטער־טיפ פון אַ יידישער פרוי וואַקסט אויס אין נאַראַטיוו דורך די אַלע זאַכן וואָס באַווירקן איר: מיר זעען זי אין איר

הכנעהדיקייט און רעזיגנירטקייט פון אירע אייגענע צרות, בעת זיי האָבן אויף איר געזיכט זיך צונויפגעמישט מיט איר שמייכל און מיט די קושן „וואָס האָבן אויסגעזען אַרויסצושפּרינגען פון אירע אויגן. זי האָט נישט געקענט קוקן אויף די וואָס זי האָט ליב געהאַט און פון דער בענקשאַפט צו זיי, נישט אַרומצונעמען זיי מיט די אויגן ליידנ־שאַפטלעך און האַלדזן״.

מיט דער יידישער באָבע פלעגט זיך רייצן זיינס אַ קריסטלעכע עלטער־מומע, וואָס פלעגט טענהן, אַז די באָבע איז קיין מאָל מיט איר נישט מסכים און דאָס דערפאַר עס זאָל נאָר אויסזען אַנדערש ווי ביי אונדז. אָבער אַט די עלטער־מומע ווערט דורכן מחבר כאַראַק־טעריזירט ווי אַ מגושמדיקע, פּראָסטע, מיט אַן אומגעשליפענער גראָבקייט אין איר גאַנצן וועזן.

אַ גאַר מערקווירדיקע שילדערונג איז בעת דער יונגער מאַרסעל פאָרט צום ערשטן מאָל מיט דער באָבען קיין באַלבעק. עס איז די ערשטע נאַכט זיינע אין האָטעל און אַ נייער צימער האָט אים געפּייניקט; טיילווייז וואָס ער איז קראַנק געווען, און די מידקייט פון דער רייזע האָט אויך בייגעשטייערט צו זיין טיפער דערשלאָגנקייט. געפינענדיק זיך איינער אַליין אין דעם האָטעל־צימער: „איך בין געווען לגמרי אַליין. איך האָב דאַן געוואָלט שטאַרבן״.

די באָבע איז דעמאָלט צו אים אַריין אין צימער און זיין „איינגע־זונקענע הארץ האָט זיך גלייך געעפנט אויף אַן אומענדלעכן שטח״. ער האָט זיך פאַר איר מודה געווען, אַז ער פילט זיך שלעכט און טראַכט זיי זאָלן גלייך צוריקפאָרן קיין פאַריז. די באָבע האָט נישט פּראָטעסטירט, אָזעק נאָר איינצוקויפן אייניקע זאַכן וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר נוצלעך סיי ווען זיי וועלן דאָ נאָך בלייבן אָדער תיכף צוריקפאָרן.

נאָכן צוריקקומען פון גאַס, אַריין צו אים אין איר לויזן שלאָפראָק וואָס זי האָט תמיד געטראָגן ווען עמעץ אין דער פאַמיליע איז געווען קראַנק. „דאָס איז געווען איר קראַנקן־שוועסטער־אוניפאָרם; איר דינסטלירע, איר רעליגיעזע אייגנשאַפט״. דער מחבר באַמערקט ביי דעם וועגן דער זאָרג פון קראַנקן־שוועסטערס, וואָס עס נעמען אַן די רעליגיעזע (קראַנקן־שוועסטערס) מיט זייער גוטסקייט צו אונדז; די גוטע מעלות וואָס מיר אַנטדעקן ביי זיי און די דאַנקשאַפט וואָס מיר פילן צו זיי. דאָס אַלץ פאַרשטאַרקט נאָך מער די אימפּרעסיע וואָס מיר האָבן וועגן זיי, אויך אונדזער ווילן צום לעבן.

מאַרסעל האָט זייער גוט געוווסט אַז בעת ער איז מיט דער באָבען, ווי שלעכט ער זאָל זיך נאָר נישט פילן, וועט זי אים באַהאַנד־לען מיט אַזאַ כוונה, ער זאָל וואָס שנעלער קומען צו זיך. ער שרייבט:

„איך האָב געקושט אירע באַקן און ברעמען, פון זיי געזויגן עפּעס שטאַרק דערנערנדיקס, בעת איך בין אין אירע אָרעמס געלעגן אומבאַ־וועגלעך, רואיק, ערנסט, ווי אַ קינד ביי דער ברוסט". זי איז כסדר צו אים אַריינגעקומען אין דער נאַכט וואָס ער שילדערט, ווען ער האָט נאָר געוואָלט, נאָר גערדאַרפט געבן אַ קליינעם קלעפּל אין וואַנט, און זי וואָלט געענטפערט מיט דריי אַזעלכע קלעפּלעך, זיי איבערגעחזרט צוויי מאָל, ווי זי וואָלט מיט זיי געזאָגט: זיי נישט אַזוי צעיאָכמערט. איך הער דיך און וועל זיין ביי דיר אין אַ מינוט אַרום.

דער אַ „גוטער־נאַכט־קוש" אין „קאָמברע" פון דער מאַמען האָט דאָך אים נישט געבראַכט אַזאַ פולע שלוה און צופרידנקייט. ער האָט דאָך דאַן תמיד געוואָלט בעטן דער מאַמען: קוש מיך נאָך אַ מאָל. אָבער געוווּסט אַז צווישן אים מיט דער מאַמען איז געשטאַנען דער זייער שטרענגער פאָטער. בעת צווישן אים מיט דער באָבען איז קיינער דאָ נישט געשטאַנען. און זי האָט איר ליבשאַפט אים געגעבן מיט גרויס פרייד. ער האָט שוין דאָ זיך נישט גענויטיקט אין איר קוש, ער האָט זי געקושט.

אָבער ביי דעם אַלעם, הגם זי איז גרייט געווען אַריינצוקומען צו אים אויף יעדן רוף, האָט זי נישט געקענט אים פאַרהיטן פון דער פּיין וואָס ער האָט געשפּירט די נאַכט (ווי נאָר זי איז אַרויס פון זיין צימער). מחמת זי האָט אים נישט געקענט באַפרייען פון זיין שווערער נעוראָזע, וואָס האָט באַקומען אַזאַ עמאָציאָנעלע צוגעבונדנקייט צו איר. געקומען צו זיך איז ער ערשט אויף צו מאָרגנס אין דער פרי ווען ער האָט זיך צוריק געפילט אַ נאָרמאַל ייִנגל.

די שילדערונג איז כמעט אין גאַנצן אויטאָביאָגראַפיש, הגם דאָס האָט געהאַט אַ שייכות נישט צו דער באָבען נאָר צו זיין מאַמען, בפרט בעת זיינע אַסטמע אַטאַקעס.

מאַרסעל פּרוסט האָט פאַרגעטערט זיין מוטער. זי איז געווען ביי אים אַ זשעני! ווען ער איז אַלט געווען דרייצן יאָר, צווישן פראַגן וואָס זענען אים געשטעלט געוואָרן איז אויך געווען: „אין דיין רעאַלן לעבן ווער איז דיין באַליבטער העלד?" זיין ענטפער: „אַ פרוי אַ זשעני וואָס פירט אַ געוויינטלעך לעבן". אפשר צו דעם גערדאַרפט נאָך צוגעבן וועגן אַ פרוי וואָס איז פאַרצווייפלט צוליב די ליידן פון איר קינד בעת זי פילט אַז זי קען גאָר נישט טאָן צו העלפן אים.

פּרוסט האָט אַ קאַפּיטל אין זיין ראָמאַן „עלטערן אויף דער עלטער". ער האָט עס געשריבן ווען זיין פאָטער איז שוין געווען אין זיינע אָנהויב זעכציקער יאָרן און מאַרסעל איז שוין דאַן געווען אַ באַוווּסטער שרייבערישער נאָמען. דער פאָטער וואָס האָט פריער געהאַלטן, אַז די וואָס באַוווּנדערן אַ פּאָעט דאַרפן זיין אַ „קאַפּעטשקע

גערירט״, האָט אין דער שטאָלץ פון אַ באַרימטן זון געזען שוין עפּעס מער ווי כבוד אָפּגעבן. ער האָט איצט שוין שטאַרק באַדויערט זיין פריערדיק קעגנשטעלן זיך די מאָדערניזמען, וועלכע ער האָט נישט באַנומען. זיין אויסלאַכן זיי איז נאָר געווען זיין איינציק געווער קעגן זיי.

עס האָט זיך געענדערט אויך, שרייבט פּרוסט, זיין באַציאונג צו דער פרוי זיינער. נישט געווען אין דעם מער קיין סימן פון אַראָגאַנץ און רחמנות, וועלכע ער האָט דאָך אַליין עס תמיד באַטראַכט פאַר שטות. „סאַנטעי (אַ ליטעראַרישע מאַסקע דאָ פון זיין פאָטער) האָט אַנטוויקלט אין זיין איינשטעל צום ווייב אַ נייע דינקייט. געוואָרן איצט מער סענסיטיוו צו אירע געפילן, און צו פאַרגאַנגענע טעג וועלכע ער האָט געדענקט; אויך צו אירע עלטערן, אַן אַקט פון רחמנות צו זיי און אַ ספּעציעלער אויסדרוק פון גוטסקייט צו איר״.

האָט דעם רייפן זשאַן דאַן שוין נישט מער געחידושט זיין מוטערס לויב און באַוווּנדערונג פאַרן טאַטן — אַ באַרעכטיקטן איינ־שטעל פון איר הכנעהדיקייט צו אים. זשאַן האָט עס נישט באַטראַכט ווי אַ מין סענטימענטאַלקייט פון אַ מעלאָדראַמע. גאַנץ פּשוט: זיין טאַטע האָט בעת זיין ראַנגלענדיקער יוגנט און פּראַקטישער פאַרנו־מענקייט נישט געהאַט קיין צייט פאַר דער קונסט פון טרוימען; זקנה פאַר אים איז געווען דאָס וואָס יוגנט פאַר אַנדערע — אַ צייט פון אילוזיעס.

ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבן (1903) איז פּרוסט געוואָרן נאָך מער צוגעצויגן צו דער מאַמען דורך זייער געמיינזאַמער אבידה. אין שטוב איז געוואָרן רואיקער און... לײדיקער. ווען ס׳איז די מוטער אַוועק (1905) איז אים נאָך איר קבורה (אַן אַ קירכלעכער גאָטדינסט — זי איז דאָך נישט געווען קיין קריסטין) — שווער געווען אַרייַנ־צוגיין אין אַ לײדיקער שטוב, פול מיט בלומען פון פאַמיליע און פריינד. אָבער לײדיק!

עס איז שוין באַמערקט געוואָרן ווי אַזוי פּרוסט האָט פאַרשידענע מאָדעלן צונויפגענומען און זיי אויפגעלייזט אין איין סובסטאַנץ. נעמען מיר די געשטאַלט פון זיין יידישער באָבע, איינע פון זיינע גרויסע קרעאַציעס. אין איר האָט ער פאַרקערפּערט ס׳יי די רעאַלע באָבע, און אויך ווי אַן אויסערלעכע שאַל, וועלכער ער האָט אָנגעפילט מיט דער געשטאַלט פון זיין מאַמען — נישט יענער פון זיין מעלאַנכאָליע און די וואַכנעכט בעת זיין קראַנקייט אין „קאַמברע״ — נאָר די אַנדערע מאַמע, מיט איר פּערפעקטער ליבשאַפט.

פאַראַן מאָמענטן ווען בײדע זענען ווי באַזונדערע געשטאַלטן געשילדערט. אַט מאָלט ער זיין רעאַלער באָבען, בעת די מאַמע איז

פאַרנומען געווען מיט געסט אין גאָרטן — אויב ס'איז שיין; בעת אַ רעגן — אין קליינעם גאַסטצימער. דאָרט זיצן אַלע און פאַרברענגען „יעדוועדער חוץ מיין באַבע", וואָס איז אַליין אין גאָרטן, דורכלויפנדיק הין און צוריק, מיט אירע קליינע צאַפּלדיקע טריט איבער די אויס־געוויקטע וועגן. אירע טריט זענען רעגולירט דורך די עפעקטן אין איר נשמה, אַרויסגערופן „דורך דער שיכרות פון שטורעם; דעם כוח פון היגיענע, די אומזיניקייט פון מיין דערציאונג און פון דער סימעטרישקייט אין גאָרטן".

דורך דער ציטאַטע אַנטפּלעקט זיך שוין דער סטיל און די מאָלערישע פאַרב פון פּרוסטן אין די כאַראַקטעריזאַציעס. אַן העלד ביי אים וועט תמיד זוכן אָפּצושאַצן זיינע דערפאַרונגען, וועלכע ער האָט קענען געלערנט פון שרייבערס, רייזעס, ליבעס, פריינדשאַפט, געזעלשאַפט. און דער נאַראַטיוו באַוועגט זיך כסדר פאָרויס אין צייט דורך צווי דימענסיעס: כראָנאָלאָגיש און לאָגיש. ס'איז טיפּיש פאַר פּרוסטן אַז דער העלד זאָל לערנען די גאַנצע צייט אַלע אַספּעקטן פון זיין דערפאַרונג, וואָס באַגלייטן תמיד כמעט יעדן טייל אָדער קאַפּיטל. אַפילו בעת ער באַהאַנדלט די קינדהייט, זאָלן אויך אין דעם קאַפּיטל זיין פּאַסאַזשן פון ליבע און פון רייזעס; אַרכיטעקטור און געזעלשאַפט; באַדינערס, טעאַטער צי גאָר וועגן יידן.

די סצענע טוישט אָפט אירע דעקאָראַציעס, ערנסטע טוישן זיך אויף קאָמישע (בעת ער שילדערט געזעלשאַפט), די עפּיזאָדן גופא זענען דאָ און דאָרט צווישן זיך אפשר גאַנץ קנאַפּע מחותנים, אָבער זיי זענען מייסטערהאַפט געשטאַלטיקט און ווייזן דעם מחבר, ווי אַן אימפּרעסיאָניסטישער און רעפלעקטיווער שרייבער, און ער איז דאָך תמיד ביידע געווען מיט זיין אינטעליגענץ און דערקלערלעכקייט. דער לייענער זעט ווי אַזוי די נאַראַציע אַנטוויקלט זיך אין סטרוקטור ציקלמעסיק: יעדער פון זיי איז אַ גאַנצקייט פאַר זיך, נאָר מיט אַן עכאָ פון די פריערדיקע ציקלען, און פון די דערוואַרטנדיקע נאָכצו־קומען. אין געוויסע ערטער קענען ביי אים די רעפלעקטיווע שטעלן דערגיין צו אַ פּונקט, וווּ דער מחבר איז געוואָרן מער עסייאיסט אָדער פילאָזאָף, ווי ראָמאַניסט, וואָס ער איז דאָך אין תוך געווען.

זיך פריער שוין אָפּגעשטעלט אויך אויף פּרוסטס פּאַקטישער (ייִדישער) באַבע. ער האָט איר שטאַרק ליב געהאַט און אַדאָפּטירט אַ ריי אימפּרעסיעס פון אירע לעבנס־דערפאַרונגען, „מחמת כ'בין קיין מאָל נישט געווען זיכער וואָס פאַר אַ שטופּע רעספּעקט געהערט צו וועמען ביז זי האָט מיך אינפאָרמירט".

ביי דער באַציאונג האָט ער דאָך צייטנווייז געהאַנדלט קעגן איר האַרצלאָז, און זי האָט עס אַראָפּגעשלונגען מיט דער חכמה פון מענטשן־קענטעניש אָנגעזאַמלט דורך יאָרן. שוין פריער באַמערקט וועגן איר

פאָטאָגראַפירן זיך. זי האָט צו דעם זיך אויסגעפוצט אין איר שענסטן קלייד, נאָר נישט געווען זיכער וואָס פאַר אַ הוט אָנצוטאָן. פאַר פרוסטן איז דאָס געווען נישט נאָר אַן איבערראַשונג. ער האָט זיך דאַן אַליין געפרעגט, צי האָט ער נישט געהאַט קיין טעות אין זיין הויכער מיינונג וועגן איר? „האָט זי נישט די זעלבע שוואַכקייטן, ווי מיר, למשל, קאָקעטעריע, וואָס כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס איז פרעמד איר טעמפּעראַמענט?״

דערפאַר געוואָרן בייז אויף איר און עס אויסגעדריקט סאַרקאַס־טיש, זי זאָל פאַרטרייבן פון איר פּנים „די פריידיקע עקספּרעסיע״ פון וועלכער ער האָט דאָך געדאַרפט זיין צופרידן פון אַלע שטאַנדפּונקטן.

אָבער דאָס שפּיגלט אָפּ די אומטאָלעראַנץ, די אומפאַרשטענדעניש פון יוגנט פאַר אירע עלטערע גענעראַציעס. נאָך איר טויט האָט ער זיך ערשט דערוווּסט ווי שטערבלעך קראַנק זי איז בעת אָט דער פאָטאָגראַפיע געווען און עס אויסבאַהאַלטן פון אים. היות זי האָט נישט געהאַט פון זיך קיין איין גוטע פאָטאָ האָט זי געבעטן איר פריינד עס צו מאַכן, זי זאָל קענען איבערלאָזן פאַר איר איייניקל אַ בילד פון זיך.

איך שטעל זיך נאָך אַ מאָל אָפּ אויפן דאָזיקן עפּיזאָד, מחמת ביים לייענען האָט זיך עס שטאַרק ביי מיר רעגיסטרירט; דער ווילן אירער אויסצובאַהאַלטן אונטער אַ שמייכל — און אַ גרויסאַרטיקן הוט — איר אומהיילבאַרע קראַנקייט. דער זעלבער באָבען האָט ער דאָך צוגעשריבן דעם געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט גאָר מיט זיין מאַמען דורכן טעלעפאָן אויף אַ ווייטער דיסטאַנץ. איך האָב שוין דערמאָנט אויך ווי אַזוי ער האָט דעם געשפּרעך פאַרפיקסירט (אין זיין ווערק), ווען ער האָט צום ערשטן מאָל „אַנטדעקט וואָס פאַר אַ זיסע שטים זי האָט, אָבער אויך ווי אומעטיק עס קלינגט... עס האָט אויסגעזען אַזוי דעליקאַט און שוואַך, אַז אַ ליאַדע מינוט וועט זי (די שטים), זיך איינברעכן, זיך אויפליזן אין אַ ריינעם טרערן פלוס...״

נאָך דעם, שפּעטער, ווען ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין איר אויסזען, באַמערקט ערשט די זאָרגן, די לײדן, וועלכע האָבן זיך טיף איינגעקאָרבט אויף איר פּנים. ער איז דאַן שוין אַלט געווען אַ 25 יאָר, געוווינט נאָך מיט די עלטערן, אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען דער מוטער ווי אַ קליין קינד. און זי האָט געזאָרגט וועגן אים ווי ער וואָלט געווען נאָך אַ קינד.

ווי שוין דערמאָנט, האָט פרוסט דאָ בעלעטריסטיש איינגערעמט זיין מוטערס בילד אין דער באָבעס אויסערלעכער רעם און דעם לייענער איז עס דעריבער אָפט נישט לייכט אָפּצוטיילן. פון זיינע פּריוואַטע בריוו דערוויסן מיר זיך אַז דעם געשילדערטן טעלעפאָן־

געשפּרעך האָט ער טאַקע געהאַט מיט דער מאַמען וואָס איז געווען דאַן שוין שטערבלעך קראַנק און ער האָט נישט געוווּסט פון איר מצב. דאָס באַשטעטיקט זיך אויך פון אַנדערע ביאָגראַפישע מקורות. אין זיין ווערק האָט ער אָבער עס סטרוקטורעל אַזוי שטאַרק פאַרענדערט, און דאָס געהערט טאַקע צו די ציקלען פון זיינע אויטאָביאָגראַפישע „איבערזעצונגען", דורך וועלכע דער מחבר שטעלט איין פאַר זיך אַ נייעם בעלעטריסטישן צוגאַנג.

מאַרסעל האָט אין זיין גאַר פריער יוגנט געפילט, געגלויבט אַז זיין פרייהייט פון האַנדלונג ווערט דורך זיין מאַמען באַגרענעצט ביז צו אַ „נודנער געהאַרכזאַמקייט". דאָס איז פאַרבונדן און געוואָרן אילוסטרירט בעת זיין ערשטער ליבע: ער (אין ווערק: זשאַן) איז יעדער נאַכט געגאַנגען שלאָפן מיטן געדאַנק אַז ער וועט (דאָס מיידל) מאָרגן זען אין „שאַנז עליזע", ווו זי פלעגט דורכגייען. ווען אויף צו מאָרגנס האָט גראַד געשנייט און דער וועטער איז געווען פּאַסקודנע, האָט ער שוין געספּקט. דער מאַמעס איראָניע האָט אים נאָך צערייצט. נישט קיין חידוש וואָס די עלטערן האָבן זיך צוליב דעם אָנגעהויבן באַאומ־רואיקן.

זיין מאַמע און זיין זיידע האָבן שוין געוואָלט מאַכן אַ סוף צו די צוזאַמענטרעפן. דער פּאָטער האָט אָבער געהייסן נאָך אַ ביסל צוּוואַרטן. האָט די מוטער געפּרוּווט מיט גוטן אים אָפּרעדן, אָבער דאָס האָט געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג אויפן יינגל. ער האָט געזען אין איר „ווי זי הויערט איבער אים ביי אַ זאַך פון לעבן און טויט, וואָס ער שטייט איצט". דאָס זאָגן אים אַז ער איז נאָך צו יונג צו טראַכטן וועגן הייראָטן דאָס מיידל, האָט אים געבריט, בעת זיין ליבע האָט אַזוי שטאַרק זיך צעפלאַקערט און געוואָרן נאָך „פאַנאַנדערגעבלאָזן דורך דער ווילדקייט פון זיין פאַרצווייפלונג".

האָט די מוטער באַשלאָסן און מאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף צו מאַכן און אַראַנזשירט פאַר אים אַ לעקציע גראַד אויף דער צייט, ווען ער פלעגט גיין אַפּוואַרטן אין גאַס מאַרין. דאָס יינגל איז פון דעם געוואָרן אין גאַנצן אויסער זיך. געשריגן אַז ער וועט דעם לערער (זשאַקאָמיע) דערהרגענען. אין שטוב איז געווען אַ שווידערלעכע סצענע. זי האָט גערופן דעם מאַן צו באַרואיקן דאָס יינגל, וואָס האָט איצט שוין צום טאַטן געשריגן מיט באַנומענע קולות: „פּאַפּאַ, טייערער פּאַפּאַ. זיי (די מאַמע און דער זיידע) ווילן מיך ווײַ טאָן! מאַמאַ פאַרפאַלגט מיך — דאַרפסט מיך באַשיצן. דאַרפסט ...".

דער פּאָטער האָט געפּרוּווט אים באַרואיקן, נישט באַווײַזן עס דורך זאָגן: נאַרישקייט ! דיין מאַמע איז פולשטענדיק גערעכט. דאָס יינגל איז אַוועק צו זיין לעקציע און אויפן וועג נישט אויפגעהערט כליפּען.

אַט די געשיכטע האָט זיך אגב ביי מיר איבערגערופן מיט אַ טראַגישער סצענקע פון אַ באַקאַנטער שטוב, ווו דער פאָטער האָט געפּרוווט אָפּשערן דעם זונס לאַנגע האָר מיט כּוח; וואָס עס האָט זיך דאַן אָפּגעשפּילט אין שטוב, און די קאָנסעקווענצן...

פּרוסטס ביאָגראַפן האַלטן אַז זיין מוטערס קעגנשטעלן זיך זיין ערשטער יוגנט ליבע איז אַרויסגעוואַקסן פון אידייען וואָס דאַטירן זיך נאָך פונעם ידישן לעבן בעתן מיטלאַלטער, וואָס האָט געמאַכט די ידישע פאַמיליע אַ פעסטונג פון גבורה און מיטגעהאָלפן צום ידישן קיום. מען קען וועגן דעם מעדיטירן. אָבער דאָ מיין איך אַז ס'איז מער צום פונקט, וואָס זי אַליין האָט דאָך חתונה געהאַט אָן ליבע, „וואָס קומט ערשט נאָך דער חתונה און האַלט שוין אָן ביזן טויט".

צוריקקערנדיק זיך צום יינגל; איז ער נאָך אַט דער דראַמאַטישער סצענקע געגאַנגען יעדן טאָג צו די לעקציעס און געקומען צום אויס־פיר, אַז טרויער האַלט דאָך נישט אָן אַזוי לאַנג ווי מיר האָבן עס געהאַט דערוואַרט. געשריבן האָט ער דאָס שוין אין זיינע צוואַנציקער יאָרן. אָבער וואָס עלטער ער איז געוואָרן אַלץ מער האָט ער דער־שפּירט, אַז די ווירקונג פון טרויער איבער מענטשן וואָס מיר האָבן ליב געהאַט, און עס באַגלייט מיט אַ שולד־געפיל — האַלט שוין אָן, דורך פּאַוזעס, אַ סך לענגער.

נויטיק אונטערצושטרייכן אַז פּרוסט האָט אויסבאַהאַלטן פון זיין מוטער דעם סוד פון זיין האָמאָסעקסואַליזם, וויסנדיק זייער גוט (אין דער צייט פון זיין שרייבן), אַז דאָס לאָזט זיך נישט אַריינפּאַסן אין איר טראַדיציאָנעלער ידישער איינשטעלונג (אַזוי דערקלערן עס זיינע ביאָגראַפן. אָבער, האָט דען די נישט־ידישע געזעלשאַפט זיך באַצויגן דאַן צו דעם פּראָבלעם אַנדערש? די געשיכטע מיט אָסקאַר ווילדן איז דער בעסטער באַוויז — י.ק.).

פּרוסט האָט זשאַנען פאַרוואַנדלט אין אַ העטעראָסעקסואַל, ווי עס האָט אים דיקטירט דער מאָראַלישער קלימאַט פון יענער צייט. ער האָט אָבער פאַרוועבט לעסביאַניזם אין דער געשיכטע פון דעם מוזיקער ווינטעי מיט זיין לעסביאַן טאָכטער. פריילין ווינטעי. דער מוזיקער האָט געשטאַמט פון אַ גאַר גוטער פאַמיליע און איז געווען אויך דער מוזיק־מייסטער ביי מאַרסעלס אַ באַבע און אירע שוועסטערס.

ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער טעטיקייט, געוווינט אין קאַמברע, ווו ער האָט קאָמפּאָזירט און זיך אויסגעלעבט אין זיינע מוזיקאַלישע שאַפונגען. אויסער מוזיק האָט ער זיך געווידמעט זיין טאָכטער, געווען צו איר שטאַרק צוגעבונדן. אין הויז פון מאַרסעלן האָט מען דעם מוזיקער אָפּט פאַרבעטן, אָבער ער האָט אויסגעמיטן, אָפּגעזאָגט אויף אַן אידעלן אופן (ווי ס'איז געווען אים אייגן). דאָך,

ווען ער פלעגט מיט זיין טאָכטער יאָ קומען צו גאַסט, האָט מאַרסעלס באָבע פאַרצייכנט פאַרגעדענקלעכע פאָרטרעטן פון די כאַראַקטערן, וועלכע זי האָט דאָך זייער גערן געהאַט צו זען ביי זיך. און ביי מאַרסעלן האָט זיך איינגעקריצט ווען „מיך באָבע פלעגט אונדז אויפֿ־מערקזאַם מאַכן אויף דעם אידעלן פּנים, וואָס איז געווען באַשטויבט מיט פּיגעס, געהאַט אַזאַ שעמעוודיקע עקספּרעסיע, וואָס מ׳האָט בולט געקענט זען בעת זי האָט גערעדט״.

מאַרסעל און זיינע עלטערן פלעגן דאָס מיידל אָפט טרעפן פאַרן מיט דער פולער שנעלקייט פון איר הינט־בריטשקע, וואָס זי האָט געפירט. מיר הערן אָבער נישט זיי זאָלן באַרעדן איר לעבן ביז אין איר ווינונג האָט זיך נישט באַזעצט איר פריינדין, אין דעם זעלבן עלטער ווי זי, „מיט אַ שלעכטער רעפּוטאַציע אין דעם געגנט״. וועגן זיי האָבן טאָקע דאַן אָנגעהויבן קורסירן קלאַנגען אַרום זייערע פירונגען...

איר פאָטער, דער מוזיקער ווינטעי (זיין נאָמען אין בוך), האָט ווייטער אָנגעהאַלטן זיין פאַרערונג פאַר דער טאָכטער מחמת „די פאַקטן פון לעבן דרינגען נישט אַדורך די ספערע אין וועלכער מיר האַלטן איין טייער אונדזערע גלויבנס״. אָבער ווען ער האָט ענדלעך דערזען זיך און זיין טאָכטער פון אַן אַנדער קוקווינקל אין דער וועלט, וואָס האָט די פאַראורטיילט (ביי די איינוווינער פון דער געגנט), האָט עס אים דערפירט צו אַ מצב פון ווערן איבערנאַכט אַ זקן. אין אַ קורצער צייט איז ער געשטאָרבן.

נאָך זיין טויט האָט מאַרסעל זיך איין מאָל געפונען צופעליק קעגן איבער דעם הויז וווּ די טאָכטער האָט געוווינט און ער האָט געקענט אָבסערווירן דורכן טילוויז אָפענעם פענצטער יעדער באַוועגונג אינע־ווייניק. געזען ווי דאָס מיידל ווינטעי האָט אַראָפּגענומען דאָס פאָטאָ פון איר טאַטן, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, אָנגעמערקט צו איר חברטע, אַז „דער פּלאַץ איז נישט דער פאַסיקער פאַר דעם״...

ס׳איז געווען אַן אָנגענומענער מנהג אָפּצוהיטן דעם אינטימען אָנדענק פון אַ נאָענטן האָבנדיק זיין בילד כסדר פאַר די אויגן. אָבער דאָ איז די פאָטאָ אויסגעשטאָנען טעגלעכע פאַרשוועכונגען... איר חברטע האָט געענטפערט: „זאָל עס דאָרט בלייבן שטיין. ער קען אונדז שוין נישט מער באַאומרואיקן. מיינסטו אַז ער וואָלט אָנגעהויבן איצט יאָמערן, אַרויסוואַרפן דיך פון שטוב אויב ער וואָלט דערזען דורך דעם אָפענעם פענצטער די מיאוסע אַלטע מאַלפּע?״

דערוויסן מיר זיך, אַז זיין טאָכטער, אַ לעסביאַנקע, האָט געקענט איר חברטע צופירן צום פאָרטרעט פון איר טאַטן, זי זאָל שפּייען אויף אים — אויף איר טאַטן! — וואָס האָט נאָר געלעבט פאַר איר און געשטאָרבן פון טיפן צער צוליב איר...

אין שילדערן דאָס לעסביאַנישע מיידל, האָט פּרוסט דורכגעלעבט אין זיין פאַנטאַזיע זיין אייגענעם קלעם (פון האָמאָסעקסואַליזם) און פון טאָן קאַפּויערדיקס, ווי אַ בן סורר ומורה ביזן סוף פון זיין לעבן. די ביטערע גאָר לעצטע יאָרן פון מוזיקער ווענטוי האָבן געקענט זיין אויך זיין מאַמעס, אויב ער וואָלט אויך אין שטוב אַריינגענומען אַ מאַן פאַר אַ געליבטן. אמת, אַז זי וואָלט דערפאַר נישט אויפגעהערט אים ליב האָבן. אַ מאַמע האָט דאָך ליב איר קינד שטענדיק, און נישט ווינציקער ווי ווינטעי זיין טאָכטער.

ווען פּרוסט דערציילט אונדז וואָס מאַרסעלס מוטער האָט געפילט וועגן די ווינטעיס, האָט ער אַרויסגעהויבן דאָ אַ טיפן אמת, אַז „זי האָט נישט געקענט פאַרגעסן דעם טרויעריקן סוף פון ווינטעי, אין זיין פולשטענדיקער פאַרנומענקייט מיט דער טאָכטער, צו דאַרפן זיין ביידע; צוערשט ווי אַ מאַמע וואָס באַדינט און שפּעטער — די שווערע יסורים וואָס זי האָט אים פאַרשאַפט״. מאַרסעלס מוטער האָט אפילו נאָר ביים טראַכטן גלייך אויפגעציטערט, פילנדיק דעם חרטה־געפיל ביים מיידל, אָבער געדענקט, אַז זי האָט פאַקטיש מיט די אייגענע הענט דערהרגעט איר פאָטער. האָט זי דען נישט פאַרשטאַנען דאַן וואָס די קורסירנדיקע קלאַנגען האָבן ביי אים אַרויסגערופן?...

פּרוסט זוכט אויף איר אַ זכות, אַז זי האָט געהאַט אויך מעלות, און ער זוכט צו פאַרטיידיקן איר, ווי ער וואָלט זיך מיט דעם גופא פאַרטיידיקט פאַרן בית־דין של מעלה. דער מוזיקער וועט באַקומען זיין באַלוינונג, וואָס די חברטע פון זיין טאָכטער וועט ראַטעווען זיין מוזיקאַלישע ווערק (געלאָזן אין שטיקלעך פּאַפּירלעך צעוואָרפענע) און צונויפשטעלן פון זיי אַ גוטע קאָפּיע פאַר זיין אָנדענק.

קענטיקט זיך דאָ גאַנץ בולט, וואָס פאַר אַן „איבערזעצונג״ פּרוסט האָט געמאַכט פון זיין אייגענער דערפאַרונג אין דער געשיכטע פון די ווענטויס. פון דעם וואָס מיר וויסן אויטענטיש־ביאָגראַפיש פון זיין לעבעדיקער מאַמען און באָבען; פון דער קעגנזייטיקער פאַרשטענדע־ניש, די שטאַרקע ליבשאַפט צווישן זיי און די פּאָזיציע וואָס ביידע האָבן פאַרנומען אין פּרוסטס לעבן — יעדער פון זיי אַ גאָר באַזונ־דערן אָרט — איז נישט נאָר וואָס מיר זעען אַ סך זאַכן און מענטשן, וואָס גייען אַן מאַרסעלן, דורך זיין באָבעס אויגן, נאָר מיר געפינען אויך אויס, וויפל וויכטיקע דערפאַרונגען זיינע זענען פאַרבונדן מיט זיין באָבען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן דורך געוויסע באַקאַנטשאַפטן אין וועלכע זי האָט אים אַריינגעפירט.

„אין זוכן פאַרלוירענע צייט"
אָדער
„דערמאָנונג פון פאַרגאַנגענע זאַכן"

דאָס איז דער הויפּט־טיטל פון פּרוסטס גרויסן ראָמאַן וואָס איז דערשינען אין אַזוי פיל בענד. קריטיקער האָבן אַרויסגערוקט אַ סך טענות קעגן דער לענג פונעם גאַנצן ווערק און פון די באַזונדערע בענד אונטער פאַרשידענע טיטולן. די שטאַרקסטע טענה, לויט מיר, איז וועגן די אויסגעצוווינטלעכע לאַנגע פּאַראַגראַפן, אַן אַ שום קאָמאַ, שוין אָפּגערעדט פון אַ פּונקט. אויף איין אָרט איז דאָ אַ פּאַראַגראַף בערך פון אַ פופצן הונדערט ווערטער! און ס'קומט דאָך אים אויס צו לייענען כמעט אין איין אָטעם.

אַ חוץ די לאַנגע פּאַראַגראַפן איז אויך זיין אופן פון שילדערן איינצלהייטן אַזוי אויספירלעך געניוי. עס איז כאַראַקטעריסטיש אַזאַ פּרט: בעת די שלום־אונטערהאַנדלונגען נאָכן ערשטן וועלט־קריג, האָט פּרוסט געשמועסט וועגן דעם מיט איינעם פון די דיפּלאָמאַטן, וואָס האָט אים דערציילט וועגן דעם גאַנג דורכן טאָג אין אַלגעמיינע שטריכן. דאָס איז אים נישט געפאַלן געוואָרן און ער האָט אַ זאָג געטאָן צום דיפּלאָמאַט: — כאַפּט נישט! הייבט אָן פון דעם אויטאָמאָביל וואָס קומט צו אייך, און פון דעם שאָפער וואָס עפנט פאַר אייך דאָס טירל. ער האָט פּשוט פאַרלאַנגט אויסצופילן יעדער מינוט פון טאָג. אַט די אויטענטישע מעשה שפּיגלט אָפּ פּרוסטס אָפּשטעלן זיך אין זיין ווערק אויף פּרטים וואָס זענען גאָר אפשר נישט אַזוי וויזנטלעך פאַר דער אַקציע און איר באַהאַנדלונג. מען דאַרף אָבער נעמען אין אַכט אַז פּרוסט איז אַ טיפער פּסיכאָלאָג און ער האָט אין די איינצלהייטן וואָס אַנדערע קוועסטיאָנירן אויסגעטייטשט וואַרצלען און סטימולן.

דער לייענער דאַרף נישט פאַרגעסן אַז בדרך כלל האָט דאָך פּרוסט געשריבן זיין גרויסן ווערק אויף דעם הינטערגרונט פון זיין לעבן. דאָס מיינט אַז זיין לעבן גופא האָט אָנגעהויבן שרייבן דעם ראָמאַן נאָך איידער ער האָט גענומען זיין פּעדער אין האַנט אַריין, און געשריבן האָט ער שוין ביזן לעצטן אָטעם־הויך. אַלץ וואָס האָט פּאַסירט מיט אים און די מענטשן וואָס ער האָט געקענט, אָדער געהערט וועגן זיי אין אַלע זייערע אומוואַנדלונגען, האָט ער עס „איבערגעזעצט" אין זיין ווערק. זיין נייגיר האָט נישט דורכגעלאָזט קיין שום זאַך. למשל, ס'איז געווען אַ צייט ווען אין פּאַריז האָט זיך געטומלט מיט עפּעס אַ באַוווסטער פרוי, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט איר כאַראַקטער־לייענען דורך הענט און פּנים. איז ער אַוועק צו איר, זי האָט געקוקט אויף זיינע הענט, אויף זיין פּנים

און זיך אָפּגערופן: „וואָס דערוואַרטסטו פון מיר? דאָס ביסטו וואָס דאַרף מיר אַנטפּלעקן מיין אייגן כאַראַקטער". און דאָס האָט דאָך איינגנטלעך געטאָן פּרוסט מיט זיינע פאַרשידנאַרטיקע טיפּן.

פּרוסט האָט אין זיינע נאָטיץ־ביכלעך, אויטאָביאָגראַפישע עפּיזאָדן און פראַגמענטן איינגעטיילט אין סעריעס ציקלען, וואָס האָבן אים געדינט ווי רוישטאָף. די געשיכטעס וואָס זיי דערציילן — אויב זיי דערציילן בכלל געשיכטעס — פּרוסט האָט אַליין אויך אין דעם געספּקט — זענען געווען פאַר אים לעבעדיקע עלעמענטן פון זיין לעבן: „ס'איז די סאַמע עסענץ פון מיין לעבן, און וועלכן עס איז גאָר נישט עפּעס זייטיקס געוואָרן צוגעגעבן; מיין ווערק איז נישט געוואָרן פּראָדוצירט, נאָר דעפּאָזירט, אויפגעזאַמלט דורך פּעריאָדן פון צרות־דיקייט אין וועלכע דער העלד איז תופס זיין דערפאַרונג, וואָס איז דער שטאָף פאַר אַ ראָמאַן".

ער שילדערט, למשל, אויטאָביאָגראַפיש די דינסט ביי זיי אין שטוב, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט. איר פּיקציע נאָמען אין ווערק איז ערנעסטין. ווען ער באַשרייבט איר, קענטיקט זיך גאַנץ בולט ווי אַנדערש זי האָט רעגירט אין קיך ווו זי האָט געקענט דערפירן דאָס דינסטמיידל אין קיך צו טרערן, און ווי אַנדערש מיט איר שמייכלדיקייט אין עסצימער. דאָס איז מסתמא אַ דערזאינע־רונג פון זיין הים אין עטרעי. אָבער דאָס וואָס זיין נאַראַטאָר (אין בוך: מאַרסעל) דערציילט וועגן דינסטמיידל אין קאַמברע האָט שוין גאָר אַן אַנדערן אויסקלאַנג אויף וועלכן ס'איז דאָ כדאי זיך אָפּצושטעלן.

מאַרסעל האָט מסתמא געהאַט אַ טבע אַראָפּצוקאָפּן זיך אונטן אין קיך, זען וואָס מ'גרייט צו אויף מיטאָג. פונקט געטראָפן ווי דאָס דינסטמיידל (פראַנסאַאַז) שעכט אַ הון. די הון האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און זיך שטאַרק גוראַנגלט פאַר יעדן פונק לעבן. דאָס האָט פראַנסאַאַז אַזוי שטאַרק אויפגערעגט אַז זי האָט געשריגן צו דער גוססדיקער הון: — שמוציקע מיאוסע באַשעפעניש! ווען די הון האָט שוין נישט געלעבט האָט זי נאָך אַלץ אויף איר געשריגן און געטראָטן אויפן קערפּער פון איר „שונא"... מאַרסעל איז אַרויס פון קיך ציטערנדיק פון דער סצענקע. ער וואָלט זי געדאַרפט גלייך אָפּזאָגן האָט ער געטראַכט, אָבער זי האָט פאַר אים געקאָכט זיינע באַליבסטע מאכלים, פאַרבריט אַזאַ געשמאַקע קאַווע, געבאַקן אַזעלכע געשמאַקע קיכעלעך... איז זי געבליבן ווי ס'געשעט ביי יעדן „וואָס מאַכט דעם זעלבן פּחדנותדיקן חשבון".

דער נאַראַטאָר (מאַרסעל) דערקלערט שפּעטער (ווען „דער זיסער שווינדל איז אַוועק"), אַז זאַכן, מענטשן, האָבן פאַר מיר נישט אָנגע־הויבן עקזיסטירן ביז זיי האָבן נישט אָנגענומען אין מיין פאַנטאַזיע אַן אינדיווידועלע עקזיסטענץ. די דערקלערונג חזרט זיך אַ סך מאָל איבער

אין ווערק. פראַנסאַאַז שעכטן די הון האָט פאַר מאַרסעלן אָנגענומען אַן אינדיווידועלע עקזיסטענץ, און דורך אים אויך פאַר די לייענערס. דאָס וואָס דער סענסיטיווער מאַרסעל האָט דערשפּירט בעת די פּרי־מיטיווע דינסט האָט דערהרגעט די הון איז נישט ניי געווען פאַר אים ווי פאַר אונדז. אָבער די דערקענטעניש וואָס ווערט דאָ צום לייענער טראַנספאָרמירט טראָגט אין זיך שוין אָן אָנדייט און נאָכקלאַנג פון אַן אוניווערסאַלן מערדערלעכן כאַראַקטער ביי מענטשן בעת פאַרניכ־טונג, אָט „די לעצטע קאָנוואַלסיעס פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש וואָס ראַנגלט זיך מיט דער פויערטע וועלכע גייט צונעמען איר לעבן". דאָס איז נישט נאָר לגבי אַ פויערטע און אַ הילפלאָזן בעל־חי נאָר אויך ביי דער „געזעלשאַפט", און ווען מאַדאַם ווערדורין פאַרמעסט זיך צו פאַרניכטן די באַציאונגען צווישן סוּאַנען און אָדעטן, הערן מיר דעם זעלבן עפּיטעט־אויסגעשריי: „דו, שמוציקע באַשעפעניש!" ס'איז ווידער באַגלייט מיט דער זעלבער באַשולדיקונג: צעשטערונג! (מעג־לעך אַז ס'איז אויך פאַרבונדן מיט דעם שולד־געפיל ביי זיין מוטער צוליב ווערן „באַרויבן" אים אַ מאָל פון איר נאַכט־קוש, ווי אַן אויסדרוק פון ליבשאַפט).

די האַס־ליבע באַציאונגען צווישן פּרוסטן און דער מאַמען זיינער האָבן אָנגענומען פאַרשידענע פאָרמען, צומאָל דאַכט זיך, פון אַ יידישן אַספּעקט, אויך שוין אַ הומאָריסטיש־סאַטירישן אונטערשלאַק. איך האָב עס געטראַכט בעתן לייענען די שילדערונג פון דער פּרינצעסין אין דער ראָטשילד משפּחה, וועלכע איז איבערגעגאַנגען צום קאַטוילישן גלויבן. איז זי דאָך פון דעם שוין געווען זיכער אַז זי וועט זיין אין גן־עדן, אָבער לידער זיך דאָרט נישט קענען טרעפן מיט איר יידישער מאַמען, וואָס האָט נישט געוואָלט איבערגיין צום „אמתן גלויבן". רופט זיך דאָך אָט דער עפּיזאָד ווידער איבער מיט פּרוסטן, דעם דערצוי־גענעם קאַטאָליק און זיין מוטער וואָס איז פאַרבליבן אַ יידישע.

אמת, אַז נישט ער און נישט זיין מאַמע האָבן געגלויבט אין אַ יענער וועלט נאָכן טויט. אָבער ער האָט געהאַט אויסצושטיין פון אַנטי־סעמיטן אין פאַרשידענע ציטן, שטעכיקע אַריינזאָגענישן אויף זיין חשבון, בפרט בעת דער דרייפוס־אַפּערע. עס האָט זיך דאָן באַוויזן אַן אַנטיסעמיטישער אַרטיקל, און פּרוסטס נאָמען (ער איז געווען דאָך אַ דרייפוסאַרד) איז אַריין אין רשימה פון יונגע יידן „וואָס האָבן אַרויס־געוויזן פאַראַכטונג" (פאַר אַ געוויסן באַררעס). צו די פריינד זיינע האָט פּרוסט געזאָגט: כ'האָב דאָך נישט געקענט דערקלערן עפנטלעך אַז כ'בין נישט קיין ייד, וואָס איז דאָך אַן אמת, אָבער דאָס וואָלט געער־גערט מיין מוטער. האָב איך דעריבער באַשלאָסן בעסער גאָר נישט זאָגן.

שוין אַ פּאָר מאָל דערמאָנט די שמועסן וואָס פּרוסט האָט געהאַט

מיט זיין מוטער טעלעפאָניש בעת ער האָט שוין דערקענט אַז זי איז שווער קראַנק (אין ווערק האָט עס דער נאַראַטאָר מיט זיין באָבען). זי פרעגט אים: וואָס וואָלט ער געטאָן ווען זי וואָלט אַוועק פון אים אויף אַ לענגערער צייט — אפשר אויף אייביק?

אויסצובאַהאַלטן זיין עמאָציע ענטפערט ער: „ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ בריאה איך בין. איך פיל זיך שלעכט, אומגליקלעך ווען כ'בין סעפּאַרירט פון מענטשן. נאָך דעם ווער איך שוין צוגעווינט, אָרגאַ־ניזיר אַנדערש מיין לעבן. דאַן קען איך עס שוין דורכטראָגן חדשים, יאָרן, אייביק".

אין זיין „קאָנטראַ סען־בעוו" קומט ווידער צום אויסדרוק ווי אַזוי זיי האָבן נישט געוואָלט איינער דעם אַנדערן אַרויסווייזן זייער צוגע־בונדנקייט און ליבשאַפט. זיי האָבן זיך ווייזט אויס געגוויטיקט צו פּרעטענדירן אַז ס'גייט זיי נישט אָן, און ווער פון זיי עס זאָל נישט בלייבן וועט קענען וויטער אָנגיין אַליין מיט זיין לעבן אָן שטערונגען. דאָך, שפּעטער, באַמערקט ער, כלומרשט צופעליק, אַז די לעצטע אַנטדעקונגען פון דער וויסנשאַפט שיינען צו פּראָקלאַמירן „דעם באַנקראָט פון מאַטעריאַליזם", זיי וויזן אַז די נשמות זענען אומ־שטערבלעך און וועלן זיך פאַראייניקן נאָכן טויט...

אין די לעצטע פופצן יאָר פון זיין לעבן האָט פּרוסט נישט אויפ־געהערט מעלדן זיינע פריינד, אַז אַט אַט גייט ער שטאַרבן. די כסדרדיקע איבערחזרונגען פון זיין נאָענטן טויט האָט זיי אָנגעהויבן אַמוזירן. אָבער פּרוסט האָט גאַנץ ערנסט פאַרויסגעזען „די טונקעלע פּרוי"... אין אַן עסיי האָט ער וועגן איר שפּעטער אַזוי געשריבן: „...אַ פרעמדע פרוי האָט אויסגעקליבן מיין מוח צו מאַכן איר היים דאָרט. זי קומט און גייט אַוועק; אָבער פון דעם טומל וואָס זי האָט אַרויסגערופן האָב איך אָנגעהויבן קענען אירע אייגנשאַפטן; אַ חוץ דעם איז זי צוגעשטאַנען צו מאַכן מיט מיר אַ פּערזענלעכע באַקאַנט־שאַפט. איך בין געווען איבערראַשט ביים זען אַז זי איז נישט שיין. איך האָב תמיד געגלויבט אַז טויט איז שיין, אויב אַנדערש, ווי אַזוי קען עס האָבן איבער אונדז אַזאַ כוח? ווי עס זאָל נישט זיין שיינט מיר, אַז זי איז היינט אַרויס — אָבער נישט אויף לאַנג, אויפן סמך פון אַלץ וואָס זי האָט געלאָזן הינטער זיך. אודאי וואָלט געווען קלוגער צו געניסן פון דער חיי־שעה וואָס זי גיט מיר, אויף אַן אַנדער אופן, ווי שרייבן אַזאַ אַריינפיר צו אַ ווערק פון אַ באַוווּסטן מחבר וואָס נויטיקט זיך גאָר נישט אין דעם".

איך האָב געבראַכט אַ לענגערן אויסצוג פון זיין הקדמה צו אַ פריינדס אַ בוך בכדי צו אילוסטרירן, ווי די טעמע טויט האָט פּרוסטן באַגלייט אַ באַדייטנדיקן טייל פון זיין לעבן. עס האָט געגנורטעוועט אין זיך אונטערבאַוווּסטזיך ביז די לעצטע שעהן פון זיין לעבן. זיין אינע־

וויניקסטער „קאָמפּיוטער“ האָט בעת זיינע גסיסה־שעהן טאַקע גאַנץ וויזועל אַרויסגעבראַכט, ווי מיר ווילן זען שפּעטער, אין האַלוצינאַציעס אָט דער „שוואַרצער פרוי“. ער האָט זי געזען אַריינגיין: „זי איז זייער גרויס. זייער טונקל, האָט ער געזאָגט. זי איז אין גאַנצן שוואַרץ. זי איז מיאוס. זי שרעקט מיך“.

זיין סעקרעטאַרין, סעלעסט, האָט געוואָלט אים באַרואיקן און געזאָגט: „דאַרפסט זיך נישט שרעקן, איך בין דאָ, איך וועל זי אָוועקפירן“.

„ניין, ריר זי נישט אָן, סעלעסט! קיינער טאָר איר נישט אָנרירן. זי איז דאָך אומברחמנותדיק, זי ווערט מיט יעדער מינוט מער שרעקלעך“.

איך האָב דאָ דערמאָנט די זייער אידעלע און אינטעליגענטע סעלעסט, וואָס האָט פּרוסטן געדינט בלב־ובנפש אַ צענדליק יאָר. זי האָט אים דערנערט, געטרייסט און פאַרנומען אין זיין לעבן דאָס אָרט פון זיין יונגער מאַמען בעת זיינע קינדער יאָרן.

דעם ערשטן זונטיק פון זייער זיין צוזאַמען, האָט זי זיך אויסגעפּוצט צו גיין אין קירכע: „וווהין גייסטו, ווי קענסטו מיך לאָזן אַזוי אַליין אין שטוב?“ האָט ער איר געפרעגט, און אין אַ העכערן טאָן: „מיין טייערע סעלעסט, זינט האָט דער גוטער גאָט פון הימל געשיקט דיך בעסער אַכטונג צו געבן אויף אַ קראַנקן מענטש, ווי צו גיין אין קירכע“. זי איז מער שוין אַהין נישט געגאַנגען בעת זיין לעבן. געווען איז זי נאָר זיבן־און־צוואַנציק יאָר אַלט, שלאַנק, שיין, שטאַטלעך. איר שטים, מעלאָדיש און בעת אירע נישט צו אָפטע אויפרעגונגען, האָט זי, ווי דער נאַראַטאָר באַמערקט, „איינגעהיט דעם ריטם פון איר אָפּשטאַמיקן פאַרפּלייץ“.

אָנגעקומען צו פּרוסטן ווי אַ דינסט. בעת איר אַרבעט דערוואַרבן אַ קוריאָזן טאַלאַנט פאַר פּאַטישער דיקציע און גאָר ספּעציפיש זיך אַנטפּלעקט אין פּערזאָניפיקאַציע און פּאַראַדיע, סאַטיריש אָנגעווענדט קעגן פּרוסטן און זיינע פריינד. זיי האָבן איר גערופן: „די שיינע סעלעסט“. וועגן איר בילדלעכן לשון קען מען זען פון איר דערציילן וועגן אירס אַ באַקאַנטן נאָך דער חתונה וואָס האָט גלייך אין די ערשטע טעג וויטער געטראָגן „אַ בחורישע הויז אין זיין האַרצן“.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער פראַנצויזישער מאַנאַך („אַבע“) אַרטור מיניע. אין זיינע שמועסן מיט פּרוסטן האָט ער דערציילט ווי גליקלעך זיין מאַמע איז געווען בעת ער איז געוואָרן אַ גייסטלעכער. „זי האָט געמיינט, כ׳וועל אין דעם געפינען נשמה־פרידן, אָבער איך האָב נישט... איך האָב באַקומען די זאָרגן פון אַנדערע מענטשן“.

געלעבט האָט ער אין טיפער אָרעמקייט, ליב געהאַט די אָרעמע

און דערהערט זייער מתודה זיין זיך נישט אין קירכע נאָר „אויף די וואַקזאַלן, אויף די גאַסן, אין עפנטלעכע ערטער, גערטנער און בענק". אַט דער אבע האָט געהאַט אַ ליידנשאַפט פאַר ליטעראַטור, געוואָרן אַ פריינד פון פּרוסטן און זיינע קאַלעגן. אַ גרויסער שרייבער, האָט ער געזאָגט, איז פּונקט ווי אַ גלח, „טראָגט אַ גרויסן יאָך פון זינד און רחמים". ווען מ'האָט אים געפרעגט צי ער גלייבט אין גיהנום, האָט ער געענטפערט, „יאָ, ס'איז אַ דאָגמע פון דער קירכע — נאָר איך גלייב נישט אַז עמיצער איז דאָרטן דאָ". דער הייליקער מאַן האָט פּרוסט געשריבן, קען פאַררעכנט ווערן צו די צדיקים פון דעם יאָר־הונדערט, צו גאַנדין, אַלבערט שוויצער וואָס האָבן געבראַכט טרייסט, און פאַרגעבונג די וואָס האָבן זיך אין דעם אַזוי שטאַרק גענויטיקט. אין 1914 האָט ער דעם קריגס־אויסברוך שטאַרק באַדויערט: „מיר דאַרפן באַקעמפן די פּרייסן אין אונדז. — אונדזערע טויטע זינד", האָט ער מיט אַ זיפץ צוגעגעבן.

פּרוסט האָט אין זיין ווערק, אויף זיין אופן, געמאָלן און פאַרטיידיקט די קאַטעדראַלן, די גלחים, הגם פאַר זיך האָט ער געזוכט גאָט דורך אַן אוממיטלבאַרער אונטערהאַנדלונג מיט אים (אין זיין שאַפן), און דורך דעם געפינען זיין אויסלייז. איז נויטיק צו באַמערקן, אַז אין פראַנקרייך האָט אַנהייב דעם יאָרהונדערט זיך געפירט אַן אַנטי־קלער קאַמפּאַניע. אָבער פּרוסט איז אין איר נישט געווען אַנגאַזשירט. מעגלעך דערפאַר וואָס ער האָט געהאַלטן דאַן אַז דער אַנטי־קלערי־קאַליזם איז געוואָרן אַ פאַרטרעטונג פון אַנטיסעמיטיזם.

ווי שוין דערמאָנט איז אין פעטער זיינער (פון פאָטערס צד) געווען אַנטיסעמיטיש געשטימט, געוויינט אין איליע (אין בוך: קאָמברע), אַ פּראָווינץ־שטעטל מיט אַן אייגנאַרטיקן שאַרם און סטיל. ווי אין אַלע אַנדערע אויטאָביאָגראַפישע ערטער, וואָס זענען געפורעמט אונטער אַנדערע נעמען, האָט פּרוסט געזוכט אַרויסצוהייבן זייער אוניווערסאַלער באַדייטונג.

זיין ענגלישער ביאָגראַף פּאַינטער האָט אונטערגעשטראָכן אין אַריינפיר, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין אין אַספּעקט פון פּרוסטן און זיין ווערק — אין סטיל, פילאָזאָפיע, כאַראַקטער, מאָראַל, מוזיק און מאַלעריי — וואָס זאָל נישט האָבן קיין שייכות צו זיין פּערזענלעכן לעבן. דאָס אַלץ, זאָגט פּאַינטער, וואָס ער אַנטפּלעקט אין זיין ווערק האָט ער נישט דערפונדן, נאָר עס פאַרענדערט. די כאַראַקטערן און ערטער זע־דאַך קאָמפּאָזיציאָנעלע אין צייט און שטח, און אויך קאָנסטרואירט פון פאַרשידענע מקורות, צייטן, באַזונדערס, פון ווייטע סעפּערירטע פּעריאָדן אין זיין לעבן. דאָס וואָס ער האָט געטאָן איז נישט געווען צו פעלשן דאָס לעבן, נאָר צו אַנטפּלעקן אַ טיפערן פאַרבאָרגענעם אמת אונטערן אויבערפלאַך זיינעם. פּאַינטער ציטירט קיטס אַ זאָג,

„אַ מענטשנס לעבן וואָס האָט נאָר אַ ווערט איז אַ המשכדיקע אַלעגאָריע". פון דער הנחה דאַרף מען זען און לייענען פּרוסטן ווי איינעם פון אונדזערע שפּעריטשסטע אינטערפּרעטאַטאָרן פון רעאַליטעט — דאָס מיינט: פון איר אינעווייניקסטן זינען. דורך דעם האָט ער טאַקע זיינע פריינד און באַקאַנטע צוריק געבראַכט צום לעבן.

נישט שייך זוכן פּראָטאָטיפּן פון זיינע כאַראַקטערן, דאָך איז גוט צו וויסן אַז זיין מאַמעס פאָטער איז אָפּגעשפּיגלט אין אַזעלכע טיפּן (אפשר מער ווי אַ האַלב טוץ), אַדער אַז דעם נאָמען סוואַן האָט ער אויסגעבאָרגט ביי זיינס אַ באַקאַנטער פאַמיליע, וואָס ער האָט געטראָפן אַ מאָל.

פּרוסטס גרויס ווערק איז, ווי שוין דערמאָנט, איינגעטיילט אין אַ סעריע ביכער מיט באַזונדערע טיטלען. אין דער סעריע זענען די ביכער „סדום און עמורה" די אַממיינסטן אויטאָביאָגראַפישע, וואָס זענען אַרויס פון זיין פעדער. זיי ווייזן דעם העלד און זיין לעבן, וואָס איז כמעט לגמרי נישט אָפּגעטיילט פון דעם מחברס. די פינאַלע סצענעס זייערע זענען זיכער באַזירט אויף דער האָמאָסעקסועלער פאַרבינדונג צווישן פּרוסטן און אַגאָסטינעלין.

אין בוך „סוואַנס וועג" האָט פּרוסט קאָרעגירט די באַשריבענע ליבע־געשיכטע צווישן מאַרסעל און אַלבער, וואָס איז אין זיין אָריגינעלער ווערסיע געווען אַ ביסל צו מאָגער געשילדערט. אָנגעהויבן האָט זיך די געשיכטע אין 1907 ווען אַגאָסטינעלי האָט זיך געוואָנדן צו פּרוסטן וועגן אַ פּאָסטן ביי אים. אויף אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן פּרוסטס שאָפער. ער האָט געהאַט מיט זיך אַ ווייב (ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, נאָר אַ געליבטע) און ביידע זענען געווען אין דינסט ביי פּרוסטן. דאָס האָט אָבער געדויערט נאָר אַ קורצע צייט, און במשך פון אַ פינף יאָר האָט פּרוסט נישט אָנגעזען אים בכלל. ער איז שפּעטער צוריקגעקומען און אָנגענומען דעם פּאָסטן פון אַ סעקרעטאַר. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן איינע פון די צווי גרויסע ליבעס אין פּרוסטס לעבן. די ערשטע — אַן אומשולדיקע פון אַ ייִנגל פאַר דער פריילין מאַריע דע בענאַרדאַקי (מיר האָבן שוין אויף דער ליבע זיך אָפּגעשטעלט); די צווייטע — אַ האָמאָסעקסואַליסטישע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די צוויי מענער אָנהויב 1913. אַפּנים אַז פּרוסט האָט עס אַגאָסטינעלין אויפגעצוווּנגען, מחמת ער האָט אים געהאַלטן ווי אַ געפאַנגענעם ביי זיך אין ווינונג, ביז ער איז פון אים אַנטלאָפן, געלערנט זיך אַ פליער זיין און געהרגעט געוואָרן ביים פליען סאָלאָ.

לויטן ביאָגראַף פּאַינטער, האָט פּרוסט אין זיין יוגנט נאָך נישט געוווּסט אַפילו אַז ס'איז דאָ אַזאַ דערשיינונג ווי האָמאָ־סעקס ביי מענער און פרויען. אָבער בערך אין די לעצטע פופצן יאָר פון זיין לעבן האָט פּרוסט געוווּסט שוין אַז נישט נאָר צווישן מענער, נאָר אַז

ס'עקזיסטירט אויך אין פּאַריז אַ גרופּע הויך־טאַלאַנטירטע און פּאַסצי־נירנדיקע לעסביאַן־פרויען, וואָס ווילן גערנער זייער פּרוויאישע געזעל־שאַפט, ווי די מענערשע. צווישן זיי, באַוווּסטע שרייבערינס ווי קאָלעט און אַנדערע אויסגעקלוגענע נעמען פון שטאָלצע עקסצענטרישע פּערזענלעכקייטן.

געווען אויך חתונה געהאַטע פרויען פון פאַרשידענע לענדער, וואָס האָבן פאַרנומען הויכע פּאָזיציעס אין פראַנקרייך, זיך אויסגעלעבט בעסער אין זייער פרויען־געזעלשאַפט, הגם פאַרמעל מיט זייערע מענער, פון וועלכע זיי זענען געווען אומצופרידן. איינע פון זיי האָט אין איר טאָגבוך פאַרצייכנט: „...מענטשן רופן עס: אומנאַטירלעך. אַלץ וואָס איך קען וועגן דעם נאָר זאָגן, אַז פאַר מיר איז עס תמיד נאַטירלעך". צווישן די פּאַטעטעס איז געווען די פריילין באַרנעי, וועגן וועלכער זשיד האָט באַמערקט, אַז זי איז איינע פון די געציילטע מענטשן וואָס מען דאַרף זען, אויב מ'האָט נאָר צייט.

אָבער איז דער ליטעראַטור איז די טעמאַטיק פון האָמאָסעקס געווען פאַרשלייערט. וואָס דאַרף מען מער, אַפילו נאָך אין יאָרצענד־ליקער שפּעטער געדענקען מיר ווי אויפן עקראַן איז געוואָרן שטאַרק אָפּגעהיט דער קאָדעקס מ'זאָל נישט דערלויבן „רעאַלע" האָמאָסעק־סואַליזם צו ווייזן אין פילמען און נאָר אויף אַ פאַרבאַרגענעם אופן אָנדייטן. און דאָס שוין אין די פופציקער יאָרן.

קלאָר אַז פּרוסט האָט פאַר זיינע „סדום"־ביכער מורא געהאַט פאַר אַ שטורעם קעגן אים. האָט ער דעריבער אויך זיינע אייגענע האָמאָ־סעקסועלע דערפאַרונגען (מיט אַגאָסטינעלין) געשילדערט ווי אַ העטעראָסעקס־ליבע. אמת די טראַנספאָרמאַציע איז נישט קיין שלימות־דיקע, מחמת מאַרסעל הייבט דאָך יאָ אָן פאַרדעכטיקן אַלבערטינען אין לעסביאַן־טענדענצן. און מיר לייענען אויך ביי אים פון אַ לעסביאַן־אָרגיע דורך ווינטעיס טאָכטער (אין „קאָמברע"). פּרוסט האָט אָבער געהאַט גענוגנדיקע מאָטיוון פאַר וואָס ער האָט זיינע האָמאָסעקסועלע העלדן פאַרגרימירט אין העטעראָסעקסועלע. אין ראָמאַן האָט ער זיין האָמאָסעקס דאָך אָפּגעוואָרפן, ווי ער וואָלט אויף דעם חרטה געהאַט און איינגעטיילט זיין אייגענע צוויאיקע נאַטור (העטעראָסעקס און האָמאָסעקס) אויף אַ לעגיטימען און אויף פערווערסיע — האָמאָסעקס ווי אַ סימבאָל פון אוניווערסאַלן בראשיתדיקן זינד; פון גרויזאַמקייט און סנאָביזם.

פּרוסט איז געווען ווייזט אויס אַ חרטהדיקער האָמאָסעקסואַל, בעת אַנדרע זשיד — אַ טריאומפירנדיקער. ער האָט דאָך זיין גאַנצן שאַפן באַזירט אויף אינטעלעקטועלער ערלעכקייט, אויף מודה זיין זיך. פּרוסט ווידער האָט געהאַלטן, אַז אויב ער וואָלט געמאַכט דעם נאַראַ־טאָר ליב צו האָבן מענער (און דורך דעם אַקצענטירן זיין ליטעראַרישן

אמת), וואָלט ער אָבער מיט דעם פאַרניכטעט די סימבאָלישע וואָר פון זיין ווערק.

די ביאָגראַפן דערציילן וועגן פּרוסטן מיט זשידן, פון זייער שמועס וועגן האָמאָסעקסואַליזם. פּרוסט האָט זיך מודה געווען פאַר אים, אַז עכטע ליבע האָט ער נאָר דורכגעלעבט מיט מענער, און פרויען ליב געהאַט נאָר ספּיריטועל. זשיד האָט דאַן אַרויסגעפּילט פּרוסטס באַדערפעניש צו רעדן אויף דער טעמע, וועלכע האָט אים געמאַטערט צוליב דער טראַנספּאָזיציע וואָס ער האָט געמאַכט אין זיין ווערק (פון האָמאָ־ אויף העטעראָסעקס). זשיד האָט אים דערפאַר טאַקע געמאַכט אַ פאַרוואָרף פאַר דער כוונה זיינער צו זען אַ „פלעק" אין האָמאָסעקס. (אגב איז דאָ אויפן אָרט צו באַמערקן, אַז רעצענזענטן האָבן וועגן פּרוסטס „סדום"־ביכער דאַן געשריבן אַז ער האָט אַ צו גרויסע אָבצעסיע פון האָמאָסעקס.)

ווען מען נעמט אָבער אין אַכט, אַז ער האָט געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון זיין מוטער זיינע האָמאָסעקסועלע ליבעס און זיך ביי דעם געפּיי־ניקט מיט אַ מין טאָפּלטן שולדגעפיל: אויב דאָס וועט אים געלונגען וועט ער זי דורך דעם נישט קריציקן טעגלעך? אויב ווידער ער וועט דורכפאַלן און עס נישט קענען פון איר אויסבאַהאַלטן — צי וועט ער דורך דעם זי נישט אָוועקהרגענען? דער שולדגעפיל האָט פּרוסטן באַגלייט דורך די אַלע יאָרן, ווען זיין מוטער האָט אים גאָר נישט חושד געווען אַפילו.

צווישן פּרוסטס אומריפע ערשטע קורצע דערציילונגען איז דאָ אַזאַ מעלאָדראַמאַטישער אַקצענט: אַ מוטער וואָס האָט אַ מאָל געזען דורכן פענצטער איר טאָכטער אין אַ לעסביאַן־אָרגיע, האָט פון דעם באַקומען אַן אַפּאָפּלעקסיע, און דאָס מיידל דערשיסט זיך דאַן. איניקע פון פּרוסטס ביאָגראַפן האַלטן אַז ס'איז אַ שילדערונג פון רעאַלן לעבן. הגם פּרוסט האָט זיכער שרעקלעך מורא געהאַט מען זאָל אים אין אַזאַ אַקט נישט כאַפּן אין זיין אייגן הויז, וואָס וואָלט מסתמא איבערגעלאָזט אין אים אַ פּערמאַנענטן שראַם — אָבער עס איז נישטאָ קיין צייכן פון דעם אין זיינע באַציאונגען מיט דער מוטער.

געווען ביי אים צייטן ווען ער האָט זיך אָפּט פאַרליבט אין פרויען און האָט זיך געהאַלטן דאַן פאַר אַ העטעראָסעקסואַל. אָבער ווען ער האָט שוין אָנגעהויבן פּראַקטיצירן האָמאָסעקס מיט יונגעלייט, האָט ער זיך אַליין שוין באַטראַכט פאַר איינעם פון די, וואָס די געזעלשאַפט האָט אָוועקגעשטעלט מחוץ למחנה; איינער פון די אַרויסגעטריבענע פון דער סדום־מחנה „אַ ראַסע מער טראַגיש און מער נאָך פאַראַכטעט ווי יידן". ער האָט זיך געזען ווי אַ פאַרברעכער און רענעגאַדאָן, ווי זיין געהילף. מעגלעך דאָס די עפּיזאָדן פון די קרייצפאַרהערן וועגן די לעסביאַנישע ליבעס זענען אַ טראַנספּאָרמאַציע פון זיין אייגענע פאַר־

בינדונגען מיט רענאַלדאָן און מיט אַנדערע יונגעלייט וועגן וועלכע עס וועט אונדז אויסקומען צו שמועסן נאָך.

זיין טראַגישע דילעמע: די אַגאָניע צו דאַרפן האַלטן זיינע יונגע ליבהאָבער פאַרשלאָסן אין אַ צימער, און דעם שולדגעפיל וואָס ער האָט געטראָגן, ווי זיין קריץ — האָט געזוכט אַ ליזונג אין פּרעזער־ווירן מענטשן, זאַכן, געשעענישן פון אַ וועלט און אַ לעבנסשטייגער וואָס שטאַרבט שוין אָפּ און קען נאָר בלייבן לעבן געפאַנגען אין אַ קונסט־ווערק.

פּרוסט פירט דעם לייענער צו אַזאַ וויזועלער וועלט באַפעלקערט דורך פאַרשידענע געשטאַלטן, וואָס פאַרענדערן זיך כסדר אין זייער אַנטוויקלונג דורך יאָרן. אָן רחמנות אַנטבלויזט דער מחבר די סודות פון זיינע העלדן, זייער סנאָביזם אונטער דער מאַסקע פון מאַניערן. דער מחבר רעפלעקטירט די אונטערשיידן פון די פּעאַדאַלע און נאַפּאָ־לעאָנישע אַריסטאָקראַטן מיט גאַנץ אַמוזירנדיקע עפּיזאָדן פון דעם מיטלקלאַס, די וואָס גייען נאָכמאַלפּעווען די אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען און דערגייען אין זייער קאָמיזם צו אַן עקסטרעמער אַבסורדאַלקייט.

אמת אַז ער אַליין האָט דאָך דורכגעמאַכט זיין יוגנטלעכע „הויכ־שטאַפּלעריי" דורך וועלן זיך רייבן אין דער אַריסטאָקראַטישער וועלט. ער האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן אָבער פאַרענטפערט, אַז דאָס האָט ער געטאָן מיט דער כוונה צו קענען ליטעראַריש פאַרפיקסירן אָט דעם אויבערשטן שיכט אין זיין פּלאַנירטן גרויסן ווערק. אָבער פאַקטיש איז די טרייב־קראַפט ביי אים צו דער אַריסטאָקראַטישער וועלט געווען (בעת זיינע יונגע יאָרן) דורכאויס פאַרבונדן מיט זיין סנאָביזם.

דער עקסצענטרישער פּאָעט ראָבער דע מאָנטעסקיע האָט פּרוסטן אַריינגעפירט צו די סאַמע שפּיצן פון דער פראַנצויזישער אַריסטאָ־קראַטיע, צו וועלכער ער האָט געהערט לויט זיין אָפּשטאַם (אין פּרוסט ווערק איז ער איינער פון די אָריגינאַלן פון פירשט דע שאַרל). פירשט ראָבער דע מאָנטעסקיע האָט זיך אין 1893 באַקענט מיטן יונגן פּרוסט און געוואָרן פאַסצינירט פון זיין אייגנאַרטיקער פּערסאָנאַלי־טעט. ראָבער דע מאָנטעסקיע איז דאַן שוין געווען בערך צוויי מאָל עלטער פון פּרוסטן, אַ בן־בית אין די הויכע סאַלאָנען און אַ פּאָעט, וועמענס לידער האָבן מיט אַ יאָר פריער צוגעצויגן דעם אויפמערק פון ליטעראַטור־קריטיקער. זיינע לידער זענען אויך רעציטירט געוואָרן דורך פּראָפעסיאָנעלע רעציטאַטאָרן.

געווען איז ער זייער אינטעליגענט, מיט אַ סך ערודיציע, עלע־גאַנט אין קליידונג, אָבער נישט אין זיין האַלטונג. פאַר פּרוסטן, וואָס האָט זיך ערשט געגרייט צו שרייבן זיין לעבנסווערק, איז דער פירשט

געווען אַ דאַנקבאַרער שטודיע פאַרן גאַר געלונגענעם פּיקציאָנעלן טיפּ, פירשט דע שאַרל. ווולגאַריטעט און גאווה האָבן באַגלייט זיינע פירונ־גען מיט אויסברוכן פון שווערע באַלידיקונגען קעגן געסט. אַזאַ געמיינקייט, דערציילט פּרוסט, האָט ער ביַיגעווויזן בעת אַ מיטאָג אין איינער פון די סאַלאָנען, ווו דער פירשט מאַנטעסקיע האָט בעתן עסן אַ זאָג געטאָן צו דער באַלעבאָסטע: „מאַדאַם, פאַרוואָס האָט איר מיך אַוועקגעזעצט לעבן אַזאַ אַלטע קו?" די גאַסטגעבערין האָט דאָן שיעור אויפן אָרט נישט געחלשט. וואָס פּרוסטן האָט אַמשטאַרקסטן געטראָפן איז געווען דער אופן ווי אַזוי די געסט האָבן נישט רעאַגירט! זיי האָבן זיך שטאַרק באַמיט צו פאַררעדן דעם פיינלעכן אינצידענט, ווי עס זאָלט גאָר נישט האָבן שרעקלעכס פּאַסירט מיט אַ ווייל פריער ביים טיש.

נאָך דעם זענען די באַציאונגען צווישן פּרוסטן און דעם פירשט געווען מער קאָמפּליצירט; אומצוטרוי, טייל מאָל באַוווּנדערונג. דע מאַנטעסקיע האָט נאָך דאַן נישט געזען אין פּרוסטן דעם פּאָטענציעלן שרייבער, וואָס פאַרשט אים ווי רוימאַטעריאַל פאַר זיין שפּעטערדיקער שאַפונג. דאָס האָט ער ערשט דערזען שפּעטער, ווען פּרוסט איז געוואָרן אַ גרויסער נאָמען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. מען האָט וועגן זיינע ביכער גערעדט אין דער געזעלשאַפט און ביים פירשט האָט עס טאַקע אַרויסגערופן גרויס קינאה און פאַרדרוס, ווען ער האָט געהערט אַז מען טייטלט אויף אים, ווי אַן אָריגינאַל פאַרן פירשט דע שאַרל. זיין שטאָלץ איז געוואָרן פאַרווונדעט...

דאָס סאַמע אויסטערלישסטע וואָס האָט פּרוסטן שאָקירט איז געווען מאַנטעסקיעס האַלטונג בעת זיין ברודערס פּריוואַטיקן טויט. פּרוסט האָט אויסגעדריקט מיטגעפיל, געשריבן צו דער מוטער פון פאַרשטאָרבענעם און זי האָט אים פאַרבעטן צו באַזוכן זי. ער איז געקומען, געטראָפן דעם אַלטן פירשט, דעם פאָטער, אין גאָרטן, געזען זיין שטאָלץ אויך בעתן טרויער. ביים אַוועקגיין האָט דער פאָטער צו פּרוסטן אַ זאָג געטאָן, וואָס האָט אים אַ ברי געטאָן: „ווייסטו, מאַרסעל, וואָס אַ יאַפּאַנישער גערטנער טוט? בכדי אַרויסצובאַקומען די בעסטע מעגלעכע בליעכץ רייסט ער אָפּ פון יעדן קנאָספּ, אַ חוץ פון איינעם..."

געזאָגט האָט ער עס איז דער אָנוועזנהייט פון זיין מוטער נאָכן טויט פון איר זון „אַרויסשטעלנדיק זיך מיט אַ טריאומף־מינע...". די גאווה־קאָמפּלעקסן האָט ער אויסגעדריקט אויך אין זיינע ווינונגען. איינס האָט ער אָנגערופן „דער פּאַלאַץ פון די מוזעס", אַ צווייטן „דער פּאַלאַץ פון די רויזן". (די דערמאָנטע עפּיזאָדן האָט דערציילט פּרוסטס באַדינערין, סעלעסט אַלבאַרע, אין אירע דערינערונגען וועגן פּרוסטן, וואָס זשאָרזש בעלמאָנט האָט אַרויסגעגעבן אין פראַנצויזיש א"נ „מאָנזשור פּרוסט", און באַרבאַראַ ברעי האָט עס איבערגעזעצט אין

ענגליש. אין מיין אַרבעט באַנוץ איך זיך מיט אַ סך פּרטים פון אירע זכרונות — י.ק.)

מאָנטעסקיע איז געווען אַ האָמאָסעקסואַל און וועגן דעם האָט מען שטאַרק גערעדט אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט. אגב ווען ער איז געשטאָרבן, זאָל פּרוסט האָבן געזאָגט: „פאַראַן מאָמענטן ווען איך צוויפל צי ער איז טאָקע טויט. ער איז מסוגל צו פּרעטענדירן עס, אַדאַפּטירן אַן אַנדער נאָמען, כדי זען צי ער איז נאָך אַלץ אַזוי באַרימט און מענטשן וועלן אים געדענקען".

פאַר פּרוסטן איז דער פירשט געווען איינער פון די מענטשן וועלכע ער האָט געוואָלט אַדורכדרינגען לפני ולפנים, דערקענען גוט זייער אינעווייניק, ווי אַ באַשטאַנדטייל פון דער געזעלשאַפט וועלכער ער האָט אַזוי געזוכט צו פאַרפיקסירן אין זיין פלאַנירטן ווערק. ער האָט געזען ווי די געזעלשאַפט ענדערט זיך, פרישע נעמען ווערן פּראָמינענט, גייען אַריין אין דער מאָדע און אַליין געוואָלט מיטגיין מיט דער געענדערטער צייט, מיט נייע פאַרבינדונגען און אָבסערוואַציעס. דער פּראָצעס איז דאָך ביי אים אָנגעגאַנגען זיין גאַנצן לעבן, בלויז אין געוויסע פּעריאָדן שטאַרקער נאָר געוואָרן אַקצענטירט. ער האָט געזאַמלט פּרטים און זיי פאַרפיקסירט אין זיין זכרון (און אין נאָטיץ־ביכלעך). פאַרצייכנט דאָס וואָס ער האָט געזען, געהערט, געשפּירט, געטראַכט — מיט דער כוונה עס שפּעטער צוריקברענגען צום לעבן.

פּרוסט האָט געטראַכט וועגן צייט, פּונקט ווי וועגן קאַטעדראַלן, וואָס זענען ווי זייגערס אָן ווייזערס. נישט געווען נויטיק ווייזן די שעהן בעת עס מעסט זיך מיט אייביקייט. ער האָט דאָס אויסגעדרוקט איז אַזאַ זאַג וועגן זיין שאַפן: „איך וואָלט געוואָלט מיין ווערק זאָל זיין פאַר דער ליטעראַטור, ווי אַ קאַטעדראַל, וואָס איז קיין מאָל נישט פאַרענדיקט אין דער קאָנסטרוקציע. עס איז שטענדיק דאָ וואָס צוצו־געבן צו דער דעקאָראַטיווער זייט, צו אַ פאַרביקן פענצטער". ליטעראַ־טור, דאָס ווערק פון אַ שרייבער איז פאַר אים געווען אַ מין אָפּטישער אינסטרומענט, וואָס דער שרייבער גיט דעם לייענער ער זאָל אין אים זיך אַליין קענען זען, און דאַן איינזען אַז „דאָס אָרט וווּ דו קענסט צוריקגעפינען דיין פאַרלוירענעם גן־עדן — איז אין דיר גופא".

כדאי צו דערמאָנען אַז פּרוסט האָט געלעבט פאַרהעלטנישמעסיק אין אַן עפּאָכע פון רו און סאָציאַלער סטאַביליטעט, וועלכע זענען פונדאַמענטאַל נאָר צעטרייסלט געוואָרן דורכן ערשטן וועלט־קריג. אָט די צייט וואָס איז געפורעמט און געשטאַלטיקט געוואָרן דורך אים נעמט אַרום קרוב אַ האַלבן יאָרהונדערט פון אינטערנאַציאָנאַלן פרידן (1871־1914).

וואָס שייך פראַנקרייך גופא איז די אינערלעכע לאַגע פון לאַנד

געוואָרן שטאַרק אויפגעשטורעמט פון ריזיקע אַפּערעס און סקאַנדאַלן (דער פּאַנאַמאַ־סקאַנדאַל, די דרייפוס־אַפּערע) מיט אַן אָפּקלאַנג וואָס איז רעגיסטרירט געוואָרן ביי די ברייטסטע שיכטן פון פאָלק, מיט דער סענסיוויטעט פון אַ סייסמאַגראַף. די דרייפוס־אַפּערע האָט דאַן מער אויפגעברויזט דעם געוויסן פון פאָלק — פּראָ און קאָנטראָ דרייפוס — ווי די מיליאָנען אומגעבראַכטע אין היטלערס טויט־לאַגערן און אין סטאַלינס גולאַג־לאַגערן! באַווייזט דאָס ווי אַטראָפירט ס'איז געוואָרן דער מענטשלעכער געוויסן אין דער היינטיקער וועלט פון אַן אוישוויץ־קלימאַט.

אָבער ביז 1914 האָט פּרוסט אין זיין מאָנומענטאַלן ווערק גע־שילדערט אַ כמו־אידילישע עקזיסטענץ אין פּאַריז און אויף דער פּראָווינץ פון פראַנקרייך. די אַלע שטערונגען און קאָנפליקטן זענען לרוב אַרויסגעקומען פון פּריסטערירטע אימפּולסן, פון סנאָבן אָדער פון דער פּרוסטרירטער פּאַסיע פון ליבע און איפערזוכט.

שטאַרק באַאיינדרוקט איז פּרוסט געוואָרן פון די טעכנישע דאַן נייע דערפינדונגען; טעלעפאָן, עראָפּלאַן, אויטאָמאָביל וואָס האָבן אַזוי ראַדיקאַל פאַרענדערט די קאָמוניקאַציע־מיטלען. נאַטירלעך איז די אימפּרעסיע פון די דערפינדונגען געווען דאַן אַ גאַנץ שטאַרקע און באַווירקט אַזאַ עמפּינדלעכן מענטשן ווי פּרוסט. באַדלער האָט געהאַט באַמערקט אַז דאָס איינפירן גאַזליכט האָט דאָך גורם געווען אַזאַ פול־שטענדיקע פרישע קאָליר־עמפּינדלעכקייט אין דער קונסט מאָלעריי. נאַטירלעך האָבן אויך די ווייטערדיקע טעכנישע דערפינדונגען גורם געווען פרישע עמפּינדלעכקייטן אין אַנדערע קונסט־געביטן וואָס זענען אָפּגעשפּיגלט אין פּרוסטס ווערק.

ער האָט דאָך געזוכט מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים אַריינצודרינגען אין דעם מהות פון מענטשן — אין זייער מיסטעריע וואָס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אין אַ סעריע פּאָרטרעטן פון דעם אויבערשטן שיכט אין פראַנקרייך, און נישט נאָר פון דעם אויבערשטן קלאַס נאָר פון אַ גאַנצער וועלט: ווי אַזוי זי האָט זיך געפירט, געלעבט איידער זי איז אַראָפּ פון דער סצענע. פּרוסט איז נאָך אַליין נישט געווען זיכער צי עס איז אים געלונגען אין זיין ווערק אַריינצואָטעמען די עכטע עסענץ פון לעבן. ער שרייבט אין „דעם עבר צוריקגעפאַנגען״ אַזעלכע שורות: „איך האָב נישט געוווסט צי עס וועט זיין אַ קירכע אין וועלכער די אמת־גלויביקע וועלן ביסלעכוויז לערנען נייע אמתן, אַנטדעקן נייע האַרמאָניעס פון דעם גיגאַנטישן אַלץ־אַרומנעמענדיקן פּלאַן; אָדער עס וועט בלייבן שטיין אויף אַ הויכן אומבאַזוכטן אינדזל... אָבער כ׳האָב זיך דעצידירט צו ווידמען עס מיט מיין גאַנצער קראַפט״.

מענטשן, ערטער, נעמען...

וועגן קאַמברע, באַלבעק, סוואַנס וועג און נאָך אַנדערע נעמען אונטער וועלכע עס פיגורירן באַזונדערע סעקציעס פון דעם גרויסן ווערק איז כדאי דאָ זיך אַ ביסל אָפּצושטעלן און אַנאַליזירן. קאַמברע קען באַצייכנט ווערן ווי אַן אויסגעברייטערטע שילדערונג פון פראַנצויזישן פּראָווינציעלן לעבן, ווו דער נאַראַטאָר (מאַרסעל) האָט פאַרבראַכט וואַקאַציעס בעת זיין יוגנט. בעיקר די באַשרייבונגען פון פעלד און טייך; אַ פּראָווינציעלער קירכע, גערטנער, בלומען און נאָך אַנדערע נאַטור־סובטעלקייטן און שיינקייטן.

אינטערעסאַנט איז ווי אַזוי עס קומט אויף אַט די וויזיע ביי מאַרסעלן, בעת איינטונקען אַ שטיקל קוכן אין אַ גלאָז טיי. דאָס רופט אַרויס ביי אים די פאַסטאָראַלע סימפאָניע פון אַ גן־עדן, וועלכן מען קען שוין נישט צוריקקריגן (איינע פון פּרוסטס אַפאָריזמען איז וועגן דעם איינציקן גן־עדן, אַ רעאַלן — דעם גן־עדן וואָס מיר האָבן פאַרלוירן).

אין פּרוסטס „קאַמברע" איז געשטאַלטיקט די אידיליע פון העכערן פראַנצויזישן מיטלקלאַס, סוף ניינצנטן יאָרהונדערט; די עשירות, קולטור, די פאַרגעניגנס און גוטע צייט, וואָס איז געווען דאַן פאַר אַט דעם בורזשואַזן קלאַס, ווי דער הינטערגרונט פאַר רו און זיכערקייט פון דעם גן־עדן־„אינדזל" אין פראַנקרייך. אין צענטער וואַקסט אויס אַ יינגל מיט פאַרשאַרפטע חושים, וואָס זאַפּט אַריין אין זיך די נאַטור שיינקייטן, וועלכע ער וועט שפּעטער אַריינכישופן אין זיין ווערק. דער נאַראַטאָר שיינט צו באַוועגן זיך זייער פּאַמעלעך. איז דאָך אידיליע לויט איר עצם נאַטור כמעט אַ שטיל־שטייענדיקע, אַ פּאַוואָליענקע אין באַוועגן זיך.

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט דורכצופירן אַ פאַרגלייך מיט טאָלסטאָיס „קריג און פרידן", ווו עס איז געשטאַלטיקט די אידיליע פון רוסישן נאָבלקלאַס אַנהויב פונעם זעלבן יאָרהונדערט, ערב דער נאַפּאָלעאָנישער מלחמה. אָבער מיר האַלטן דאָך ביי קאַמברע, ווו דער מחבר הייבט צום ערשטן מאָל אַרויס די טעמע, וואָס וועט זיך שוין אַנטוויקלען אין די ווייטערדיקע סעקציעס — דער ווילן פונעם נאַראַטאָר (אין דער געשיכטע) צו ווערן אַ שרייבער מיט אַ נאָמען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. אַט די טעמע וועט שפּילן אַזאַ באַדייטנדיקע ראָל ביים צונויפבינדן אין אַ גאַנצקייט די פאַרשידענע מאַטעריאַלן פון גרויסן ווערק.

אינטערעסאַנט איז אויך דאָ די סטרוקטור. למשל, די סעקציע וואָס פאַרענדיקט די פּרשה קאַמברע גיט איינצייטיק אַריין שוין דעם שטאָף פון אַ ווייטערדיקער סעקציע, די געשיכטע פון סוואַן אין ליבע

און סואַנס וועג (וואָס האָט אין דער ענגלישער איבערזעצונג, ביי דער ערשטער סעקציע, דעם טיטל „די אָווערטורע"). עס האָט נאָר קנאַפּע 60 זײַטלעך, אָבער זיי פֿירן שוין אַריין די הויפּט־כאַראַקטערן און טעמעס פֿון די שפּעטערדיקע סעקציעס.

אגב, בעת דער נאַראַטאָר רעדט וועגן סואַנען מיט אָדעטן („סואַנס ליבע") באַמערקט ער אַז די געשיכטע איז פֿאָרגעקומען נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן, און ער האָט געהערט נאָר וועגן איר דערציילן שפּעטער פֿון די פֿאַרגאַנגענע ליבע־ענינים ביי די סואַנס. איז דאָס זיכער נישט קיין אויסנאַם אין אַ ווערק וואָס טראָגט דעם טיטל „געדענקנדיק זאַכן פֿאַרגאַנגענע". אין אָנהייב פֿון ווערק פֿיגורירן דאָך און ס'דאָמינירן חלומות פֿונעם ווייטן עבר, פֿון מענער, פֿרויען און ערטער; קאָמברע, באַלבעק, פּאַריז, ווענעציע און אַנדערע, לויט די ערטער וואָס זיי פֿאַרנעמען אין דער אַרכיטעקטור פֿונעם דער־ציילטן...

„סואַנס וועג" — אָט דער טיטל איז פֿון אַן אויטענטישן גאַנג, אין סימבאָלישן זינען, וואָס פּרוסט גופא האָט דורכגעמאַכט אין זיין לעבנסוועג פֿון אַ מיטלקלאַס אָפּשטאַם וועלנדיק קלעטערן צו די העכערע שיכטן. דער „גערמאַנטעז וועג" סימבאָליזירט שוין זיין פֿאַקטישן גאַנג צו דער אַריסטאָקראַטיע און איר לעבנסוועג, צו די פֿאָרמען פֿון איר שטייגערישקייט.

די נעמען פֿון די כאַראַקטערן וואָס קומען אַרויף אויף דער סצענע און שפּילן זייערע ראָלן אויס אין „געדענקשאַפֿט", למשל, שאַרל סואַן, וועלכער שטאַמט פֿון אַ רייכער קאָנסערוואַטיווער פֿאַמי־ליע פֿון מיטלקלאַס (אַזוי ווי דעם נאַראַטאָרס), ער איז איינער פֿון די אָנגעזעענסטע אין דער פּאַריזער געזעלשאַפֿט און ער פֿירט אַ נישט פֿאַרדעכטיק אַוואַנטוריסטיש לעבן. זיין ליבע געשיכטע מיט אָדעטן און זיין אייפֿערזוכט וואַקסט אויס אין ווערק צו אַ קאַרדינאַלער טעמע. אַ קריטיקער שרייבט אַפֿילו אַז דאָס איז איינע פֿון די גרויסע ליבע געשיכטעס אין דער ליטעראַטור. ביים לייענען דעם פֿאַרלויף פֿון אָט דער ליבע, האָב איך געהערט אַן איבערררוף מיט סאָמערסעט מאָהעמס אומפֿאַרגעסלעכער „פֿון מענטשלעכער פֿאַרשקלאַפֿונג". דאָרט און דאָ ווערט אַנאַליזירט די פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון עמאָציעס. הגם דער טאָן פֿון „סואַנס ליבע" איז דאָך פֿון אַ ראָמאַן אין קלאַסישן זין, דאָך קלינגט עס אָפּ ווי אַ סאָרט „אַנטיסעפּטיק" צו אַ ראָמאַנטישער אילוזיע.

די פּרשה סואַן און אָדעט איז ביים אָנהייב אינטים פֿאַרבונדן מיט דער גאַנצער מיליע פֿון דעם ווערדירען „סאַלאָן". דאָרט ווערט אים פֿאַרגעשטעלט אָדעט און ער באַקענט זיך מיט דעם „קליינעם שבט" וואָס איז צוליב געבורט גלייך אויסגעשלאָסן פֿון דער אַריסטאָ־קראַטישער געזעלשאַפֿט. שאַפֿט זיך דעריבער די גרופּע אַן אייגענע

סאָציאַלע געזעלשאַפט פון אַ בורזשואַזן שניט, אין וועלכער עס געפינט זיך אַ נישט אַנערקענטער מאָלער, אַ פּיאַניסט, אַ געלערנטער און אַן אויפשטייגנדיקער יונגער דאָקטער. לויט זייער אַרויפגעאַרבעטער עשירות קענען די ווערדירענס זיך אויסגלייכן מיט דער העכערער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיי אָפּגעוואָרפן. פאַרביטערט פון דעם, ווילן זיי נישט אַנערקענען די עקזיסטענץ פון דער היעראַרכיע מיט איר שטייפקייט. נאָר סוואַן גופא באַציט זיך מיט אַ טאָלעראַנטן בליק צו אָט דער סאָציאַלער נידעריקער גרופּע.

ער איז אַן אַסימילירטער ייד און די אומגערעכטיקייט לגבי דרייפוסן האָט אים אויך געטראָפן. אַ צווייטער יידישער טיפּ, בלאָך, דערמעגלעכט דעם מחבר זיך אָפּצושטעלן אויף דעם נאַראַטאָרס שייכות בכלל צו יידן, וועלכע ער באַטראַכט ווי פריינד (עס איז דאָ אַ סאַטי־רישער באַמערק פון זיין זיידן, אַז יעדעס מאָל ווען דאָס ייִנגל ברענגט מיט זיך אַ נייעם פריינד וועט ער זיכער זיין אַ יידישער...).

אָבער בלאָך געהערט צו דעם סאָרט יידן וועמענס שייכות צו דער פראַנצויזישער קולטור איז נישט קיין לייכטער, דעריבער, אינע־וויניקסטע קאָנפליקטן וועלכע קולמינירן שפּעטער ביי אים אין טרויעריק באַוווּסטן יידישן זיך־האַס (דאָס דערפירט אים צו באַליידיקן יידן מיט דער גיפטיקייט פון אַ פאַרפאַלענעם יידישן אַנטיסעמיט).

דאָ איז אויפן אָרט צו דערמאָנען, אַז די מענטשן פון דער פראַנצויזישער אַריסטאָקראַטיע האָבן אין דער צייט פון דער דרייפוס אַפּערע אָפן אַרויסגעשטעלט זייער אַנטיסעמיטישן „חזיר־פיסל". דער באַראָן דע שאַרל, האַלט אַז דרייפוס קען נישט באַשולדיקט ווערן אין פאַרראַט מחמת אַ ייד איז נישט, קען נישט זיין אַ... פראַנצויז. ער דאַרף אָבער פאַרמשפּט ווערן פאַר פאַרלעצן די געזעצן פון גאַסט־פריינדלעכקייט וואָס פראַנצויזן האָבן אים, דעם פרעמדן, אַרויסגע־וויזן... דער יונגער הערצאָג זאָגט זיך אָפּ דעם עניין דרייפוס אפילו צו דיסקוטירן מיט אַ יידן. און די מאַדאַם ווילפּאַריזי ווייזט אַרויס איר אַנטיסעמיטישן פּרצוף בעת זי וויל בלאָכן, דעם איינציקן ייד דאָ אין צימער, נישט געבן די האַנט ביים זאָגן איר אַ גוטן טאָג.

פּרוסט האָט זיך באַנוצט מיט אַ סך יידישע פּראָטאָטיפּן ביים שאַפן אַזאַ טיפּ ווי סוואַן, וועגן וועלכן אַ ביאָגראַף זאָגט, אַז דורך דער קרעאַציע האָט פּרוסט אַראָפּגענומען פון זיך איינע פון זיינע קרייצן — זיין אַ ייד!... קיין ייד איז ער דאָך נישט געווען, אָבער מען דאַרף נישט זיין אַפילו קיין האַלבער ייד, געננוג אַז אין דיין אָפּשטאַם זענען געווען יידן (מאַמע, באָבע, זיידע, פעטערס) און עס זענען געווען יידישע פריינד מיט וועלכע דו האָסט פאַרקערט, באַווירקט געוואָרן פון זיי — צו פילן זיך פאַרבונדן מיט זייער לעבן, וואָס האָט זיך געקרייצט מיט דיינעם.

עס איז גאַנץ מעגלעך די באַהויפּטונג פון פּרוסט אַ קריטיקער אַז נאָך דער קרעאַציע פון דעם טיפּ סוואַן, האָט פּרוסט געפילט פאַר נויטיק צו שאַפן דעם אומאַנגענעמען קאָמפּליצירטן טיפּ — בלאָך. פּרוסטן געלונגט צו איבערצייגן אונדז, אַז סוואַן מיט אַלע עקסצענט־ריקס אין זיינע פירונגען איז דאָך אַ מערקווירדיקער מענטש וואָס האָט זיך געקענט פילן אַ בן־בית סיי אין דער העכסטער געזעלשאַפט און איינציייטיק זיך האַלטן אַנגענעם נאָטירלעך מיט מענטשן פון נידעריקערע שיכטן. מיר זען אים דורך אַלע גילגולים וואָס ער מאַכט דורך אין זיין אַנטוויקלונג, און לסוף, ווי אַ מענטש מיט טיפער אחריות צו זיין ווייב און קינד, צו זיין ראַסע און צו אַלץ וואָס איז געווען אַמבעסטן דאָן אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט.

סוואַן, זאָגט דער מחבר, האָט נישט געהערט צו די וואָס „פאַר־בלייבן פאַראַנקערט ווי אַ שיפל ביי אַ געוויסן פּונקט ביים ברעג פונעם לעבנסשטראָם; צו די וועלכע זאָגן זיך אָפּ פון פאַרגעניגנס וואָס ווערט זיי פאַרגעלייגט, אויב ס'איז נידעריקער פון דעם פּונקט". דער מחבר שילדערט די אַלע אַגאַניעס פון סוואַנען צוליב זיין אייפערזוכט אויף אָדעטן. דאָס אַלץ וואָס ער האָט דורכגעמאַכט האָט פּרוסט דורכגעלויכטן ווי אַ קינסטלער. ער ווייזט אונדז אַ מין קאַלעקציע סקיצן פון אַ געוויסן מוסטער, וואָס ער האָט געמאַכט אין דעם פּעריאָד. דאָס זעלבע באַציט זיך אויך צו די אַנדערע ליבע־געשיכטעס, וואָס זענען נאָר אויסגעשפּילט אויף אַנדערע אינסטרומענטן.

וויל איך ווידער אונטערשטרייכן אַז פּרוסט האָט צעטיילט זיין אייגענע פּערסאָנאַליטעט בעיקר צווישן צוויי פון די געצייכנטע כאַראַקטערן: מאַרסעל און סוואַן.ביידע זענען באַשטאַנדטיילן פון זיין איך. און פון זיינע נאַראַטאָרס שיינט דאָך אַמנאָענטסטן אים צו זיין נאָר דער, וואָס זאָגט אין אַריינפיר „איך" און די געשיכטע פון זיין לעבן פאַרטרויט ער דעם נאָוועליסט ם וואָס ווערט שפּעטער טראַנס־פאָרמירט אין דעם הער סוואַן.

כדאי אויך צו באַמערקן אַז פּרוסט האָט אין זיינע נאָטיצביכער אַזוי פאַרצייכנט וועגן סוואַנען: „... מאַנזשור סוואַן ... ווי איך האָב אים געקענט פון דער ערשטער האַנט, און מער נאָך ווי ער האָט מיר אויסגעזען שפּעטער בעת כ'האָב באַקומען פאַרשידענע צוגאָבן וועגן אים פון אַנדערע — איז עס געווען פון אַ מענטשן צו וועלכן כ'האָב זיך געפילט אייגן, און כ'וואָלט אים געקאָנט שטאַרק ליב האָבן. מאַנזשור סוואַן איז געווען אַ ייד".

לויט די ביאָגראַפן האָט פּרוסט אויסגעליען פאַר סוואַנען די שאַל פון אַן אויטענטישן יידן, שאַרל האַאַס, וואָס האָט זיך גאָר שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער פראַנצויזיש־פּרייסישער מלחמה (1870) און איז אַקצעפּטירט געווען אין דער הויכער געזעלשאַפט, ווי אַ מיטגליד

פונעם עקסקלוזיוון „דזשאָקיי״־קלוב. זייענדיק אַ באַשיידענער פון דער נאַטור האָט ער זיין פּאָזיציע געהאַלטן מיט אַ סך ווירדע. פּרוסט האָט זיין אייגענע סובסטאַנץ (אָדער אַ טייל פון איר) אויך אַריינגעגעבן אין דער שאַל פון זיין פּראָטאָטיפּ, שאַרל האַאַס, וואָס איז געוואָרן סואַן. האַאַס האָט געהאַט איינגעשטעלט אין קאָן זיין סאָציאַלע פּאָזיציע ביים פּראָקלאַמירן זיין גלויבן אין דרייפוסעס אומשולד און האָט געשטיצט די פּעטיציע צו רעווידירן דעם פּראָצעס.

דער כאַראַקטער־טיפּ פון סואַן, דעם ייד, אַ זון פון אַ בערזע מענטש, רייך און קולטורעל, אַקצעפּטירט אין די הויכע סאַלאָנען, ווו די פרויען פון דער אַריסטאָקראַטיע האָבן אים געראָטן וואָס פאַר אַ קונסט בילדער צו קויפן, איז גאָר געוואָרן מער צוגעצויגן צו אַנאַל־פאַבעטישע און גאַנץ פּשוטע פרויען, ווי צום גלאַנץ פון די סאַלאָנען. ער האָט זיך גוט געפילט מיט די פּירשטינס און פּרינצעסינס, געווען אַ פאַרברענטער ליבהאָבער פון זיי, און געלערנט פון זיי וואָס ס׳איז נאָר געווען צו לערנען, אָבער אָן פאַרזירן פאַר זיי, און נישט מורא געהאַט צו ווערן פאַראַכטעט פאַר באַגעגענען זיך מיט דער באַלע־באַסטעס דינסט...

גיי איך נישט אַריין אין דער פּלוגתא ביי פּרוסטס ביאָגראַפן צי שאַרל האַאַס איז געווען דער הויפּט־מאָדעל פאַר סואַנען. זיכער האָט פּרוסט אים גוט געקענט, פּונקט ווי ער האָט געקענט מאַרסעלן, ווי ער האָט געקענט זיך גופא. היות אין אַ כאַראַקטער־טיפּ איז ס׳רוב פאַראַן די פאַרב פון אַ סך מאָדעלן, האָט מסתמא צו סואַנען אויך צושטייער געגעבן אַן אַנדער ייד, שאַרל עפרוס, וועלכן פּרוסט האָט אויך גוט געקענט און פון דער נאָענט.

אָבער נישט דאָס איז וויכטיק פאַר אונדז, צי דער אָדער אַנדערער איז געווען אַ פּראָטאָטיפּ פאַר סואַנען. וואָס איז יאָ וויכטיק איז, וואָס אין דעם כאַראַקטער־טיפּ האָט פּרוסט פאַרקערפּערט זיינע אייגענע ליידן בעתן דרייפוס־פּראָצעס אויף וועלכן מיר שטעלן זיך אָפּ אין אַ באַזונדער אויספירלעכן קאַפּיטל. פּרוסט האָט דאָך אויספּאַנטאַזירט אַ סך כאַראַקטערן (מאַרסעלס, סואַנס און אַנדערע), וועלכע האָבן דורכגעלעבט אַלע זיינע דורכגעמאַכטע קאַנוווּלסיעס — אָפּגעשפּיגלט דורך זיינע העלדן. און די קאַנוווּלסיעס זענען דאָך ס׳רוב געווען פאַרבונדן אויך מיט זיין האָמאָסעקסואַליזם.

אַפילו ווען איינער איז נישט קיין האָמאָסעקסואַליסט און אַרבעט נישט אַ צוויי צענדליק יאָר איבער זיין גרויסן ווערק, ראַנגלט זיך נישט ביים דורכגיין די אַלע נסיונות, ספקות, פאַרצווייפלונג; עס איז גענוג אַז מען לעבט דורך שלאָפלאָזע נעכט, און עס שפּרינגען אַרויס דעריבער דערינערונגען פון עבר, און אָט דער עבר גייט אַריין אין דיין לעבן און אינספּירירט צו שרייבן אַ קונסטווערק פון אַן איינ־

דרוקספולער וויזועלער וועלט, באַפּעלקערט דורך אַזאַ רייכער גאַלעריע טיפּן, געשטאַלטן, וועלכע פאַרענדערן זיך כסדר אין דעם פּראָצעס פון צייט.

אויף דעם ברייטן לייוונט פון זיין ווערק, אין די ערשטע בענד, ווייזט אונדז דער מחבר דאָס בילד פון אַ קינדהייט אויף דער פּראָווינץ אויף אַן אופן וואָס איז נאָך קיין מאָל אַזוי נישט באַשריבן געוואָרן. דאָס יינגל נעמט אונדז אויף אַ וועג וואָס איז נישט תמיד אומשולדיק. אין אַ געוויסן טאָג זעט ער דורכן פענצטער די סצענקע פון לעסביאַנישער אויפפירונג, באַגלייט מיט אַן עפּיזאָד פון אַ מענטאַלער רשעות. און אַזוי לערנט ער דאָס לעבן: אי די שמעקעוודיקע זומערדיקע דופטן פון די גערטנער, וואָס זעען אים אויס דער גן־עדן התחתון; אי די גרויזאַמקייטן פון לעבן דורך אַ סעריע מענטשלעכע פירונגען. ביידע זייטן פון לעבן מאַכן אים פאַר זייער אינסטרומענט.

און ווען ער שפּאַצירט אַזוי ביים טייך, שוין גאָר ביי אַן אַנדער וועלט, וואָס פירט אים דורך וואַסער־פלאַנצן צו דעם אַריסטאָקראַטישן פּאַלאַץ פון גערמאַנטעז — אַ וועג וואָס פירט דאָס יינגל צו גרויסע טרוימען פון אַ וועלטלעכן באַטייט, ווערט ער אַזוי שטאַרק פאַרכישופט פון דער אַרומיקער נאַטור־שיינקייט — און דאַן וואַקסן אויס זיינע יינגלשע שפּאַצירן צו פּאָטענציעלע סימבאָלן פון אַ לעבן וואָס וועט קומען צו אים שפּעטער, רעאַל.

נאָך זיין גיגאַנטיש־פאַרנעמיקער באַשרייבונג פון קינדישן גן־עדן, בעת שטורעמדיקע וואַלקן־אויסברוכן זענען נאָך געווען דאַן ערגעץ ווייט אויפן האָריזאָנט, נעמט איבער פּרוסט דער ראָמאַניסט צו שילדערן די וועלט פון דערוואַקסענע. דורך אַ צוריק־בליק פון צייט צייכנט ער די ליבע ענינים צווישן סוואַן און אָדעטן; און זיין נאַראַטאָר, וואָס איז נאָך דאַן אויף דער וועלט נישט געווען, איז שוין איצט אַ מיטל־יאָריקער סאָפיסטיצירטער אָבסערוואַטאָר פון קאָמפּלעקסן אין צווישן מענטשלעכע באַציאונגען.

ביים סוף פון סוואַנס וועג זעט ער די פאַרענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען דורך די יאָרן. צייט האָט „צוגעלקחנט” די אַלטע רעאַליטעט, זי פאַרענדערט נישט צו דערקענען! דער נאַראַטאָר פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל מיט אַזעלכע אומעטיקע ווערטער: „...די געדענקשאַפט פון אַ ספּעציפישער פאָרם איז נאָר אַ באַדויער פון אַ ספּעציפישן מאָמענט; די וועגן, הייזער און אַלייען זענען לײַדער פונקט אַזוי פליטהדיק, ווי מענטשן”.

ביי דעם פונקט דוכט זיך אַז פּרוסט שליסט שוין זיין ראָמאַן. אָבער ס'איז אַ טעות. מעגלעך אַז ער גופא האָט אויך לכתחילה עס אַזוי פאַרטראַכט, אָבער אין דער אַרבעט האָט ער דערשפּירט אַז עס

עפענען זיך איצט אין זיין ווערק נייע האָריזאָנטן מיט פינקלדיקע שאַפערישע פערל. פון זיי זענען אַרויסגעקומען נאָך אַ צען בענד, וויזועל־זוכנדיקע, בענקענדיקע, וואָס דערגייען צו אַ פינאַל־אויפליז דורך אַ סעריע אַנטוישונגען אין דער רעאַליטעט. דער קינדערישער גן־עדן־ווינקל ביי דעם שטורמישן צפונדיקן ברעג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דאַטשע־ווינקל מיט ווילי׳עס וואָס זענען דאָך אַזוי ווייט פון זיין אויסגעטרוימטן ראָמאַנטישן פעלד... און ער זעט די וועלט איצט שוין, ווי אַ הויך־פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפטלער, וואָס איז אויך אַ קינסטלער, אַ מאָלער פון דער מענטשלעכער נאַטור, פון דאָס גוטע און דאָס געמיינע.

מערקווירדיק איז ווי פּרוסט קען אויף אַ 270 זייטלעך שילדערן איין טאָג וואָס האָט באַאיינדרוקט זיינע וויזועלע חושים און די איינדרוקן ווערן דורכגעפאַרבט דורך אַ שטאַרקן באַנוץ פון מעטאַפאָר (אָפט אַ גאַנץ טרעפלעכן) און אַלץ וועגן אָט דעם איינעם טאָג, בעת יאָרן גייט ער פאַרביי אָן רעקאָרדירן זיי.

אויסטערליש זעט אויך אויס דער פינאַל פון סוואַנס ליבע־געשיכטע: דורך אַ חלום זעט ער ערשט אַז זיין פאַנטאַזיע האָט פאַרשטעלט די רעאַליטעט פון אָדעטס וועזן — דאָס וואָס זי איז פאַקטיש! נאָכן אויפכאַפּן זיך פון דעם מאָדנעם חלום חידושט ער זיך אויף זיין פאַרבלענדקייט: „צו טראַכטן אַז כ׳האָב געפטרט אַזוי פיל יאָרן פון מיין לעבן... (און ערשט דאַן איינזען) אַז די גרעסטע ליבע אין מיין לעבן, וואָס כ׳האָב וועגן געהאַט פאַר אַ פרוי, איז נישט געווען אין מיין סטיל און מיך נישט צופרידנגעשטעלט...״ דאָך האָט ער מיט איר חתונה, שוין אָן ראָמאַנטישע טערמינען (עס רופט זיך איבער מיט טשעכאָווס דערציילונגען), און האָט מיט איר אַ קינד — גילבערט.

געשטאַלטן, סביבות און וועגן...

צווישן די מענטשן וואָס האָבן פאַרנומען אַ באַדייטנדיקן אָרט אין פּרוסטס לעבן, און זייער סובסטאַנץ איז פאַרשפּיגלט אין זיינע העלדן, איז געווען דער מוזיקער, רענאַלדאָ האַאָן. אַ געבוירענער אין קאַראַקוס (ווענעזועלאַ), האָט ער זיך יונגערהייט באַזעצט אין פּאַריז צוזאַמען מיט זיינע עלטערן און עלטערע שוועסטערס. פּרוסט האָט זיך מיט אים באַקענט אין די סאַלאָנען ווו דער יונגער מוזיקער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג מיט זיינע קאָמפּאָזיציעס. ער איז גלייך ביי זיין אָנהייב געוואָרן דער ליבלינג פון די סאַלאָנען, ווו ער פלעגט שפּילן פּיאַנאָ און זינגען מיט אַ שטים פון אַ לייכטן אָבער רייכן טענאָר.

ער פלעגט זיך אַליין באַגלייטן און געזונגען מיט האַלב־פאַר־מאַכטע אויגן. ביים שאַפן די געהעריקע שטימונג פאַר אַ סאַלאָן־עולם, אויסגענוצט פאַרשידענע טריקן זיינע. איינער פון זיי איז געווען צו זינגען קאָנווערזאַציעמעסיק, מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, אָפּשטעלנדיק זיך דאָ און דאָרט, אַ זופּ צו טאָן פון זיין גלעזל אַ ביסל וויין. ער האָט געשאַפן קאָמפּאָזיציעס צו אַ ציקל פון ווערלעינס פּאָעמעס און שפּעטער אויך מוזיקאַלישע באַגלייטונגען צו פּרוסטס שאַפונגען.

זיי זענען ביידע געוואָרן גאָר נאָענטע פריינד, מער איבערגעגעבן און טיפערע ווי צו אַנדערע. ביידע האָבן געהאַט צווישן זיך אַ סך שותפותדיקע אייגנשאַפטן: די שפּילעוודיקייט, חוש פאַר הומאָר, הויכע אינטעליגענץ, שאַרפע עמפּינדלעכקייט — דאָס וואָס פּרוסט האָט געזוכט אין אַ נאָענטן, אידעאַלן פריינד. די פריינדשאַפט צווישן זיי האָט אָנגעהאַלטן אַ צוויי יאָר און געווען פאַר ביידע אַ גאָר לײדנ־שאַפטלעכע. ביי פּרוסטן האָט עס געקענט דערגיין ביז אַ היסטערישן אויסברוך ווען ער האָט זיך אַ געוויסן אָוונט, צופעליק, מיט אים אויס־געמיטן צו טרעפן. (דער עפּיזאָד אין שפּעטער ליטעראַריש מגולגל געוואָרן אין דעם קאַפּיטל סוואַן, בעת ער זוכט אָדעטן איבער די פּאַריזער בולוואַרן.)

אין די סאַלאָנען האָט דאַך פּרוסט אויך באַקענט אַנאַטאָל פראַנסן. געטראָפן האָט ער אים צום ערשטן מאָל ווען ער האָט באַזוכט דעם סאַלאָן פון מאַדאַם אַרמאַן דע קאַיאַווע. דער קאָנטראַסט צווישן דעם ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם אויסזען פון דעם גרויסן שרייבער ביז דערווירקלעכקייט, האָט אים סטימולירט צו דער קרעאַ־ציע פון זיין כאַראַקטער־טיפּ בערגאָט וואָס באַווייזט זיך אין קאַמברע ווי אַ שול־חבר פון מאַרסעלן און בלאָכן.

אַנאַטאָל פראַנס איז אַלט געווען שוין דאַן פינף־און־פערציק יאָר, אַ קליינגעוווקסיקער, אָבער די סאַלאָן־פרויען האָבן צווישן זיך דאָך קאָנקורירט ווער פון זיי וועט קענען אַריינכאַפּן אַ גרעסערן „קאַרפּ". צווישן אירע שטאַם־געסט זענען געווען נאָך אַנדערע שרייבערס, ווי דער יונגער דיומאַס, סאַמערסעט מאָהעם, אָנצורופן נאָר אַ צוויי גוט־באַוווסטע נעמען.

עטלעכע יאָר פלעגט אויך אַריינקומען, צייטנווייז, די פרוי פון אַנאַטאָל פראַנס, וואָס איז טאָלערירט געוואָרן דורך דער מאַדאַם קאַיאַווע. געווען איז זי נאָך דאַן אַ בלאָנדע און פּרוסט האָט געמיינט אַז זי איז דיין טאָכטער. ווען זי איז געוואָרן דיער פעט האָט זי שוין נישט געקענט אויסבאַהאַלטן איר עלטער. צו דעם זענען אירע ציין געווען געוואַלדיק אָפּשטויסנדיק. אין איר אָנוועזנדיקייט פלעגט אַנאַטאָל פראַנס ציטערן און אָנהייבן שטאַמלען נאָך מער ווי געוויינטלעך (זיי האָבן זיך שפּעטער געגט).

אַנאַטאָל פראַנס האָט אויך אָנגעשריבן אַן אַריינפיר צו פּרוסטס ערשטלינג „די פאַרגעניגנס און די טעג". אָבער דאָס בוך האָט זיך נישט פאַרקויפט און דער פאַרלעגער האָט אים געשריבן אַז ער גייט עס פאַרקויפן פאַר אַ שיבוש, אָפּצורייניקן די פּאָליצעס... „אַ שאָד וואָס איך האָב נישט ווו זיי צו האַלטן", האָט פּרוסט געזאָגט: „עס וועט קומען אַ טאָג און מען וועט זיי פאַרקויפן". וואָס שייך אַנאַטאָל פראַנסן האָט פּרוסט פאַרצייכנט אין זיין גרויסן ווערק אַ ריי אַנעקדאָטן וועגן אים און פון מאַדאַם קאַיאַווע (אונטער די מאַסקעס פון מאַדאַם ווילפּאַריזי און „מאַנזשור נאָפּאַרי"). אגב, מאַדאַם קאַיאַווע האָט שפּעטער געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד ווען אַנאַטאָל פראַנס האָט זי אויסגעטוישט אויף אַ טענצערין...

איינער פון פּרוסטס אַנעקדאָטן איז געווען וועגן דער פירשטין פּאָטאָצקאָ (איינער פון איר פּילצאָליקע געליבטע איז אויך געווען מאָפּאַסאַן). זי האָט געהאַט אַ טעאָלאָגישן וויכוח מיטן פּילאָזאָף קאַראָ. לסוף, ווען ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון אירע טרעפּ, האָט זי אַ שפּיי געטאָן אויף זיין גאָלן קאָפּ און נאָכגעשריגן: „דאָס נעם צו פאַר דיין אידעע וועגן גאָט". און וועגן איר האָט די פירשטין פון גערמאַנטעז געהאַט געזאָגט אַז „זי איז פּונקט ווי די זון. זי הייבט זיך אויף פון איין מאַן אידער זי גייט אין בעט מיט אַן אַנדערן...".

ווען פּרוסט דערציילט אַזעלכע געשיכטעס פון די סאַלאָנען, קומט אויף די שאלה: — נאָך וואָס איז ער ווירקלעך אַריין אין זיי? און פון דער צווייטער זייט: הלמאי האָבן די באַלעבאָסטעס פון די סאַלאָנען צו זיך אַריינגעלאָזט אָט דעם פאַרנעפּלטן, האַלב־יידישן בורזשואַזן יונגערמאַן? וואָס האָט ער פאַר זיי באַטייט?

פּרוסט ענטפערט אַז ער האָט געזוכט דאָרט ביי די נאָבל־לייט אידלקייט, ליבע, פריינדשאַפט, קונסט, געגלויבט צו געפינען דאָרט פון אַלץ דאָס העכסטע און בעסטע. ער האָט טאַקע אַ לענגערע צייט געזוכט דאָס אַלץ אין דעם „גערמאַנטעז־וועג", ווו דער סאַלאָן גופא האָט אים אויסגעזען אַ קונסטווערק. ער האָט דאָרט געזוכט דעם גלאַמאַר און אַ נייעם עקוויוואַלענט פון באַלזאַקס כאַראַקטערן; די יורשים פון די נאָבעלע פּערסאַנאַזשן, זייערע קאָנווענציאָנעלקייטן און לײדנשאַפטן, דעם גאַנצן מעכאַניזם פון אַ וועלט וואָס איז געווען אויסערגעוויינטלעך פאַרמאַסקירט.

פּרוסט איז געגאַנגען אַהין זוכן נייע דערפאַרונגען פאַר זיין נאָך־נישט־פאַרשוואַנגערטן ווערק, און אפשר מער נאָך צו איבערצייגן זיך אַז ער איז נישט קיין פּאַריער ביי זיי. עס זאָגט זיינס אַ ביאָגראַף אַז ער האָט געגאַרט נאָך אַ שמייכל פון אַ נאָבעלער גאַסטגעבערין, ווי קינדוויז נאָך זיין מוטערס קוש, און צוליב די זעלבע סיבות: באַרואיקן זיך אינעווייניקסטן שולדגעפיל וואָס האָט פון קינדוויז אַן באַגלייט זיין

לעבן. פּרוסט באַמערקט ערגעץ, אַז צווישן די פירשטינס איז אויך געווען די ערשטע פרוי אין פראַנקרייך וואָס האָט באַקומען אַ דער־לויבעניש צו פירן דעם נייעם מאָטאָריזירטן וואָגן (1897). דאָס זענען אָבער די אויסנאַמען.

דער אמת איז, וואָס דער סנאָבישער שטריך אין פּרוסטס יונגע יאָרן האָט אים געפירט צו סאַלאָנען, צו זען די טיטולירטע פון דעם אויבערשטן שיכט. און ער איז געווען מער ווי צופרידן ביים ווערן פאַרבעטן צו די מאַרקיזן, פירשטינס און פּרינצעסינס. מחמת ‎-(געמיינט) דורך זיי ווערט ער גרייכן צו אַ שטאַפּל העכער. עס איז אים אויסגע־קומען צו טרעפן זיך מיט אַזעלכע, וואָס זענען אויך געווען פון ייִדישן אָפּשטאַם און האָבן חתונה געהאַט מיט נישט־ייִדן פון אַדל. דאָס זענען געווען צווײ שוועסטערס פון דער ראָטשילד־פאַמיליע (זייערע מענער האָבן אגב צוליבן שידוך פאַרלוירן פון זייער סטאַטוס). עס ווערט דער־ציילט, אַז אַ געוויסע פירשטין האָט געהאַט אויף איר טישל אַ ליסטע פון אַלע ייִדישע חתונות מיט דעם אַדלקלאַס פון אייראָפּע (דאָס איז פאַר איר געווען א געהיימער געווער...).

ברענג איך די „בלימעלעך", ווײַל זיי זענען כאַראַקטעריסטיש סיי פאַר ייִדן וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אין דעם שווין־כמעט־אָפּגע־שאָסענעם גלאַנץ פון די נאָבעלע שיכטן; סיי פאַר די אַריער וואָס האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די וואָס קריכן אַרויף צו זיי... פּרוסט האָט זיך אין די סאַלאָנען אויך געטראָפן מיט פּרויען וואָס זענען געווען האַלב־ייִדיש אָדער אין גאַנצן. די מאַדאַם היימאַן האָט אים דערמאָנט אין זײַן מוטער, אין עלטער, שאַרפזין און ייִדישן אָפּשטאַם. ווי שוין פריער דערמאָנט, איז זי, די אלמנה פון קאָמפּאָזיטאָר ביזע, געווען אַ טאָכטער פון ייִדישן קאָמפּאָזיטאָר האַלעווי (שפּעטער האָט זי חתונה געהאַט מיט דעם פאַרמעגלעכן ייִד שטראַוס און געעפנט איר סאַלאָן, וווּ פּרוסט האָט זיך געטראָפן אויך מיט גויאי דע מאָפּאַסאַן).

צווישן די שטאַמגעסט אין די סאַלאָנען איז אויך געווען דער ייִד שאַרל האַאַס (אײנער פון די הויפּט־פּראָטאָטיפּן פון כאַראַקטער סוואַן). ער פלעגט זיך באַצייכענען איראָניש „דער אײנציקער ייִד וואָס איז אַקצעפּטירט געוואָרן אין דער פּאַריזער געזעלשאַפט נישט זייענדיק גאָר רייך"... אמת, וועגן זײַן רײַכקייט איז ער דאָ צו באַשיידן. זײַן טאַטע, דער בערזע־הענדלער, האָט אים איבערגעלאָזט אַ גאַנץ היפּשן פאַרמעגן. זײַן אַנטיל און אויסצייכענען זיך אין פּרייסיש־פראַנצויזישן קריג האָט פאַר אים געעפנט די טירן אין דעם פּרעסטיזש „דזשאָקעי קלוב" (די ייִדישע אַנדערע מיטגלידער זענען דאָרט געווען פון די ראָטשילדס). שאַרל האַאַס איז געווען אַן אָפטער גאַסט אויך אין סאַלאָן פון מאַדאַם שטראַוס, וווּ פּרוסט האָט אים באַקענט.

דער דורכפאַל פון פּרוסטס אומרייפע ערשטע פּרוכטן

שוין פריער דערמאָנט דעם דורכפאַל פון פּרוסטס ערשטלינג „די פאַרגעניגנס און די טעג". דאָס איז געווען אַ ווערק פון זיינע ליטעראַרישע לעריאָרן, און מער אויטאָביאָגראַפיש וועגן זיין קינדהייט ווי אין זיינע אַנדערע שאַפונגען. עס איז טאַקע אַ טיפ דורכגעטראַכט ווערק, אָבער מער אַלס רוימאַטעריאַל, ווי אַ פאַרטיקער פּראָדוקט. די מייסטערשאַפט איז געקומען שפּעטער אין זיינע אימאַזשן (ווייניק פּראָזע־קינסטלער האָבן אים איבערגעשטיגן אין זיין בריליאַנטישקייט), מעטאַפאָרן, נאַטור־פּיזאַזשן, רעליגיע, קונסט, מעדיצין. נישט קיין צופאַל וואָס אַ באַוווּסטער דייטשער קריטיקער (קערטיס), האָט מיט שבחים פּרוסטן באַצייכנט ווי דער גרעסטער קלאַסישער שרייבער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אָבער מיר האַלטן נאָך דערווייל דאָ ביי זיין אָנהייב צו ווען עס דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן זיין בוך „זשאַן סאַנטעי" (פּרוסט האָט דאַן געמיינט אַז ער האָט געשאַפן אַ מייסטער־ווערק און ס'איז אים געווען שווער צוצולאָזן דעם געדאַנק אַז ס'איז גלייך פאַרמשפּט צו זיין סטעריל).

אַרום 1899 האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן איבער זיין אַמביציעזן נייעם ווערק, באַקאַנט ווי „סוואַנס וועג". קאַפּיטלען פון דעם ווערק האָט ער אָבער ערשט אָנגעהויבן דרוקן אין „לע פיגאַראָ" (1912). אָבער נאָך מיט אַ צוועלף יאָר פריער, גלייך נאָך זיין פאַרענדיקן „זשאַן סאַנטעי" (1899), האָט ער שוין אויסגעדאַכט די באַאַרבעטונג פון די סעקציעס סוואַן („ביי סוואַנען", „סוואַנס וועג", „סוואַנס ליבע") וואָס האָבן אים גענומען גאַר אַ סך יאָרן ביז ער האָט זיי פאַרטיק געמאַכט צום דרוק. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די קאָמפּליצירטע סדרה צו געפינען אַ פאַרלעגער וואָס זאָל עס וועלן אַרויסגעבן. די אָנגע־זעענסטע ר.נ.פ. האָט זיך אָפּגעזאָגט עס צו טאָן און די דעציזיע האָט געמאַכט אַנדרע זשיד, וואָס האָט עס גלייך אָפּגעוואָרפן ביים לייענען דעם מאַנוסקריפּט (ער האָט זיך שפּעטער עס נישט געקענט שענקען — מיר וועלן נאָך צוקומען צו דעם).

לית ברירה האָט פּרוסט אַליין באַצאָלט אַ דריטראַנגיקן פאַרלעגער אַרויסצוגעבן זיין בוך. דער פאַרלעגער, גראַסע, האָט צו מאָל נישט דורכגעלייענט דעם מאַנוסקריפּט, ווייסנדיק אַז די קאָסטן דעקט סיי ווי דער מחבר. בערנאַר גראַסע איז געווען דער איינציקער וואָס האָט אַקצעפּטירט עס צו דרוקן. אַן אַנדער פאַרלעגער האָט צו פּרוסטס ברודער געשריבן (מיט אַזאַ קריטישע באַמערקונג), פאַר וואָס ער זאָגט

זיך אָפּ עס צו דרוקן: „מיין טייערער פריינד, איך קען נישט פאַרשטיין פאַר וואָס אַ מענטש גיט אָפּ אַ דרייסיק זייטן צו באַשרייבן ווי אַזוי ער קאַלערט זיך אין בעט אידער ער שלאָפט איין. מיין קאָפּ האָט זיך פון דעם אָנגעהויבן דרייען". דער מאַנוסקריפּט איז געווען אומגע־הויער גרויס: אַ צוועלף הונדערט האַנט־געשריבענע זייטלעך און זיבן הונדערט אָפּגעקלאַפּטע אויף אַ שרייב־מאַשינקע. פּרוסט האָט געהאַלטן אַז דאָס אָפּוואַרפן איז אַ פּועל־יוצא פון די פאַראורטיילן קעגן קעגן אים („אַ סאָציאַלער סנאָב").

נאָך דעם ווי ס'איז דערשינען האָבן די קריטיקער עס שטאַרק אַראָפּגעריסן. פּאָל סודע האָט געשריבן אַז דער קאַפּיטל „סוואַנס ליבע" איז נישט מער ווי אַ „גיגאַנטישע דיגרעסיע". אויך אַז ס'איז פאַר־פלייצט מיט גראַמאַטיקאַלישע פעלערן". לסוף איז דער קריטיקער מודה אַז דער מחבר: „מאַרסעל פּרוסט, האָט בלתי ספק אין אַ גרויסער מאָס טאַלאַנט, דערפאַר טאַקע איז צום באַדויערן וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט זיין טאַלאַנט דורך אַזוי פיל חסרונות". אויך אַנדערע קריטי־קערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די גראַמאַטיקאַלישע פעלערן, חסרונות אין סטיל, און בכלל צו פיל אויפמערק געשאַנקען נישט וועזנטלעכע איינצלהייטן; צו פיל כאַראַקטערן — פון אַלצדינג איז דאָ צו פיל. צוי פאַרזיסן דעם ביטערן פיל האָבן די אונטערגעשטראָכן זיין אַרויסוויזנדיקן טאַלאַנט און די האָפענונג אַז ער וועט אין די וויטער־דיקע ביכער בעסער מצליח זיין.

פּרוסט האָט זיך געפילט שטאַרק געטראָפן פון דער קריטיק, בפרט וועגן גראַמאַטיקאַלישע פעלערן וואָס זענען אַ פּועל יוצא פון בחור הזעצער. נישט קיין ווונדער וואָס ער האָט געהאַט איצט ווידער די שוועריקייט צו געפינען אַ פאַרלעגער פאַרן צווייטן טייל.

פּיקאַנט איז מיר געווען וואָס עס דערציילן די ביאָגראַפן. פּרוסט פלעגט שיקן צו די וויכטיקע קריטיקערס אַן אויטאָמאָביל צו נעמען זיי אויף מיטאָג אין דעם פּרעסטיזשפולן רעסטאָראַן ריטץ. אמת אַז נישט אַלע קריטיקערס האָבן אַקצעפּטירט אַזאַ פאַרבעטונג, און די וואָס האָבן יאָ עס אָנגענומען האָבן אויך נישט דערפאַר געשריבן בעסערע רעצענזיעס. מען האָט אים אויך פאַרגעוואָרפן אַז די כאַראַקטעריזאַ־ציעס, מחשבות און פּאָעזיע זענען בכלל שלעכט קאָנסטרואירט. אַ גיפטיקער רעצענזענט האָט נישט געשוינט דעם מחברס נעוואָזע און פּרוסט האָט אין אַ בריוו צו אים דערפאַר שאַרף פּראָטעסטירט. כמעט ביי אַלע קריטיקערס האָט אַרויסגעגלאַנצט דער עפּיטעט: סנאָביזם און זיי האָבן עס אָפט איבערגעחזרט אין וואַריאַציעס.

איך האָב זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויף דער קריטיק לגבי זיין שאַפן, און די מעשה וואָס האָט קורסירט ביז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, אַז פּרוסט איז אַ סנאָביש־סאָציאַלער שרייבער. ערשט אַ פיר

יאָר פֿאַר זײַן טויט, ווען עס זענען דערשינען די ווײַטערדיקע בענד, בפֿרט דער דריטער באַנד אין שאָטן פֿון די בליענדיקע יונגע מיידלעך (וואָס האָט פֿאַר אים געוווּנען די באַרימטע פּרעסטיזשפּולע „גאָנקור־פּרעמיע" (1918), איז דער אָפּרוף שוין געווען מיט אַזעלכע הויך־ענטוזיאַסטישע אַרטיקלען און דער נאָמען פּרוסט איז געוואָרן אַ שם־דבר ביי דעם ברייטסטן עולם. זײַנע ביכער זענען געוואָרן געלייענט, דיסקוטירט און אַרויסגעהויבן מיט די העכסטע סופּערלאַטיוון. אָבער פּרוסט האָט דאָן איינגעזען, אַז אין רעאַלן לעבן, ווי פֿאַר דעם נאַראַטאָר אין זײַן ווערק, קומט די אַנטדעקונג, אַז אַלע פֿאַרלאַנגען קעגן אַ מאָל טאַקע מקוים ווערן, אָבער ברענגען נישט דאָס גליק וואָס מ'האָט פֿון זיי דערוואַרט בעת מ'האָט געטרוימט... דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל, וואָס כ'דערמאָן ווי אַ דיגרעסיע צו די גרויסע שבחים וואָס ער האָט באַקומען נאָך די שווערע חבלי לידה פֿון זײַנע הויך־קינסטלערישע שאַפֿונגען.

איך האָב שוין פֿריער באַמערקט, אַז די אַלע בענד דאַרפֿן געזען ווערן ווי אינדיווידועלע סעקציעס פֿון זײַן אינפֿראַ־סטרוקטורעלן, ברייט־פֿאַרמאָסטענעם ראָמאַן וואָס גייט אונטערן טיטל צײַט. אין דעם הויפּטשטראָם פֿון „פֿאַרלוירענער און צוריקגעוווּנענער צײַט" פֿליסט דער נאַראַטיוו אין ציקלען, וואָס זענען אינטערפּאָלירט. די כאַראַקטער־פֿיגורן באַווײַזן זיך מער ווייניקער אין יעדן קאַפּיטל צי סעקציע, און פֿיל פֿון זיי זענען כסדר פֿאַרן אויג פֿון לייענער. טייל מאָל איז אַפֿילו שווער צו זאָגן ווער זענען די הויפּט־העלדן, מחמת אַלע זענען וויכטיק. אַ קריטיקער האָט עס גאָר פֿאַרגליכן צום אײַנדרוק פֿון אַ צירק, ווי עס קומט עפּעס פֿאָר אין אַלע רינגען (און אויך מחוץ די אַלע רינגען), אין איין און דער זעלבער צײַט.

אוודאי זענען געוויסע העלדן מער דעפֿינירט ווי אַנדערע, צו רעפּרעזענטירן גרופּעס, פּראָפֿעסיעס, למשל, נאָרפּיס איז אַ דיפּלאָמאַט; לאַ בערמאַ איז אַן אַקטריסע; בערגאָט, אַ שרײַבער; ווינטעי אַ קאָמפּאָזיטאָר; בלאָך — אַ ייִד (וואָס האָט דורך זײַן אינטעליגענץ און שאַרם זיך דערוואָרבן אַן אָרט אין דער געזעלשאַפֿט). פּרוסט האָט מסתמא גוט געקענט די פּראָטאָטיפּן, אָבער ער זאָגט קליפּ און קלאָר וועגן זיי, „אַפֿילו איך האָב געוווּסט וועגן פּערסאָנאַזשן וואָס האָבן ווירקלעך עקזיסטירט. ווען כ'האָב געטראַכט פֿון זיי, זיך פֿאַרגעשטעלט זיי, ווי אײַנגעהילטע אין טעפּיכער, ווי ס'איז די קרוינונג פֿון אסתרן, וואָס האָט געהאָנגען אין דער קירכע ביי אונדז; אָדער אַנדערע, אײַנגעהילט אין רעגנבויגן־קאָלירן פֿון מיסטעריעס". זײַן נאַראַטאָר, מאַרסעל, האָט ווי דער מחבר זײַנער, קענען געלערנט אַז ס'איז „נישט גענוג פֿאַר אַ גרויסן קונסט־ווערק צו זײַן פּאָעטיש, מאָראַליש. עס דאַרף אויך זײַן מעטאַפֿיזיש". די צענטראַלע און די טיפֿערע טעמע פֿון פּרוסטס גרויסן

ראָמאַן איז טאַקע די רעוועלאַציע פונעם ריינעם מעטאַפיזישן אמת, וואָס איז אימפּרעסיאָניסטיש און וויסנשאַפטלעך אַנאַליטיש, און וואָס האַלט איינציייטיק אין דעם צויבער פון פּאָעזיע.

שוין באַטאָנט, ווי אַזוי אויטאָביאָגראַפיע, געשיכטע און פּאָעזיע זענען געוואָרן ביינע באַגלייטנדיקע שאָטנס. שאָפּענהאַוער האָט געזאָגט אַז אינטעליגענץ ירשנט מען ס'רוב פון דער מוטער און כאַראַקטער — פון פאָטער. מיר ווייסן פון זיין פאָטערס אָפּשטאַם און פון זיין מוטערס, וועמענס פאַמיליעס זענען געווען גאָר באַזונדערע וועלטן, זיי האָבן זיך נישט געקריגט נאָר געווען דערווייטערט, זיך אויסגעמיטן. מער ווי רעליגיע, האָט דער הינטערגרונט זיי אָפּגעטיילט. די פּרוסט משפחה איז געווען שטאַרק אומטאָלעראַנט. זיין מאַמע איז נישט געקומען צו דער חתונה פון איר זון, אַ קאַטאָליק, וואָס האָט חתונה מיט דער ידישער, ווײַ, כאָטש די ידישע פרוי האָט מסכים געווען די קינדער זאָלן דערצויגן ווערן ווי קאַטאָליקן. און די ידישע מאַמע פלעגט אויך מיטגיין מיט איר קינד צו זיינע לעקציעס פון קאַטעכיזם. און מחמת זיין מאַמע איז אַ ידישע, האָט מאַרסעל שיער נישט אַרויסגעוויזן אַן אָבצעסיע פאַר אַנטיסעמיטישע געשיכטעס (לויט דעם ביאָגראַף ריטשאַרד באַרקער).

ביי דער ווײַ משפחה איז געווען אַ גוואַלדיקע צוגעבונדנקייט. ווען ס'איז געשטאָרבן זיין באָבע (1890) האָט די טאָכטער, זשאַנע פּרוסט, נישט אָפּגעטראָטן פון איר פאָטער. ער פלעגט ביי איר עסן און זי האָט אים אָפּגעהיט מיט אויסערגעוויינטלעכער ליבשאַפט. אַזוי אויך מיט די אַנדערע פון איר פאַמיליע. איך האָב זיך פריער אָפּגעשטעלט אויף מאַרסעלס שילדערונג פון זיין באָבע מיט אים אין אַ האָטעל אויף דער פּראָווינץ, דאָס דורכקלאַפּן זיך דורך דעם וואַנטל וואָס האָט אָפּגעטיילט זייערע צימערן. אָט די צאַרטע, לירישע שטעלע רופט זיך ווידער איבער אין זיין ווערק, בעת ער טוט אַ זאָג: „איך בעט גאָר נישט בעסער ביי גאָט, אויב עס איז דאָ אַ גן־עדן, זאָל איך נאָר דאָרט קענען אַ קלאַפּ טאָן איבער דער וואַנטל מיט די דריי קליינע קלעפּלעך. מיין באָבע וואָלט זיי דאָך גלייך דערקענט צווישן אַ טויזנט, און זי וואָלט אויף זיי געענטפערט מיט אירע קלעפּלעך וואָס זאָגן: זיי נישט צעיאָכמערט, קליין מייזל, איך ווייס ווי אומגעדולדיק דו ביסט, אָבער כ'קום דאָך גלייך". אָט מיט דער ידישער באָבען האָט ער געגאַרט צו קענען בלייבן דורך אַן אייביקייט — וואָס איז נישט צו לאַנג.

פּרוסט זאָגט ערגעץ, אַז מיר זעען קיין מאָל נישט אַזוי טיף די מענטשן וואָס זענען אונדז טייער צוליב דער אומאויפהערלעכער ליבע צו זיי. ער האָט אָבער יאָ געזען זיין באָבען אין דער גאַנצער טיף און דערפאַר אַריינגעגעבן אין איר שאָל זיין מוטערס סובסטאַנץ, איר גאָלדן האַרץ, די גאַנצע ליבשאַפט וואָס זי האָט פּאַרפלאַנצט אין אירע

קינדער בעת זייערע קינדעריאָרן. און דאָס האָט ממש געשאַפֿן אַ רעליגיעזן געפֿיל פֿאַר איר.

נאָך איר טויט (1905) האָט ער אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ פּרוי פֿאַר זיך, וואָס זאָל זיין במקום דער מוטער. אָבער אָנשטאָט חתונה האָבן האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן איבער זיין ראָמאַן. דאָך פֿון צייט צו צייט זיך פֿאַרליבט אין פֿרויען. ס׳רוב איז עס געשען מיט אַ צוואָנציק יאָר עלטער פֿון אים, אַ רעספּעקטירטע, אַ חתונה־געהאַטע, אָדער פֿון הויכער גזעזלשאַפֿט. ווען ער האָט שוין ענדלעך זיך אויך פֿאַרליבט אין אַ פֿרוי פֿון זיין עלטער איז זי געווייינטלעך שוין געווען עמיצנס אַ כלה, אַ געליבטע פֿון זיינעם אַ פֿריינד. פּרוסט פֿלעגט קענען ווערן פֿאַסצינירט פֿון יונגע מיידלעך מיט געמישטע געפֿילן, פֿון מורא און פֿאַרלאַנג, און זיי געלאָזט „אָקופּירן" זיין ראָמאַן.

ווען פֿרוידיסטן זאָגן אַז אין זיי האָט ער פֿאַרקערפּערט זיין מוטער־אימאַזש, און וועלן צוגעבן וועגן זיין גינציקייט צו פֿרויען, וואָס געהערן שוין צו זיינע מענער־פֿריינד, אַז דאָס איז אַ טיפּישער סימפּטאָם פֿון האָמאָסעקסואַליזם. אָבער אין יעדן האָמאָסעקסואַל איז באשר פֿאַראַן אַ העטעראָסעקסואַל־צווילינג, וואָס מוז ווערן מאַכטלאָז אידער זיין יונגערער „ברודער" קען קומען צום לעבן.

וועל איך דאָ נישט אַריינגיין מער אין פּרוסטס האָמאָסעקסועלע פּירונגען; די טראַנספֿאָרמאַציעס פֿון זיי אין זיין ווערק, און דעם שמועס וואָס אַנדרע זשיד האָט געהאַט מיט אים וועגן דער טעמאַטיק „סדום".

זשיד וואָס האָט מיט עטלעכע יאָר פֿריער אָפּגעוואָרפֿן דעם מאַנו־סקריפּט פֿון פּרוסטן, האָט אין 1914 אָנגעהויבן דרוקן אין דעם אָנגעזעענעם זשורנאַל „פֿראַנצויזישער נייער רעוויו" (נ.ר.פֿ.) אויסצוגן פֿון פּרוסטס „גערמאַנטעז וועג", און דער ערשטער טייל איז אַרויס אין אַ בוך־פֿאָרם ערשט אין 1921. די אָפּשאַצונג וואָס אַנדרע זשיד האָט דאַן געגעבן אין זיינס אַן אַרטיקל איז נאָך אַלץ דאָס בעסטע וואָס איז געשריבן געוואָרן ביז היינט וועגן פּרוסטן.

פּרוסטס באַרימטקייט איז שוין דעמאָלט געווען ברייט באַקאַנט, און ווען ער פֿלעגט אַריינקומען אין דעם פּרעסטיזשפֿולן רעסטאָראַן ריטץ, פֿלעגט ווערן אַ שטיקל אויפֿרודערונג ביי די אַנוועזנדיקע וואָס זענען אויפֿגעשטאַנען אים צו באַגריסן. ווערנדיק אַ באַרימטער מענטש (נאָכן באַקומען די „גאָנקור"־פּרעמיע), האָט ער אָבער געזוכט חברותא שוין נאָר מיט די וואָס זענען עס ווערט און זיך דיסטאַנצירט פֿון אַלטע פֿריינד וועלכע ער איז אַריבערגעוואָקסן. ער האָט ווייטער שטאַרק געליטן פֿון זיין אַסטמאַ, קאָפּ־מישונג, האַרץ־אַטאַקעס און פֿון אַנדערע נאָך מיחושים. דאָך אינטענסיוו געאַרבעט צוצוגרייטן זיינע כתבים צום דרוק און נישט געזוכט שוין באַנייען אַלטע פֿאַרבינדונגען מיט פֿריינד.

צו זיינע אַלטע באַקאַנטע שרייבט ער גאַנץ אָפֿנהאַרציק ברייוולעך

פון וועלכע איך וויל נאָר ציטירן אַזעלכע פיקאַנטע שורות: „ס'איז געווען אַ צייט ווען מיין גרעסטער גליק איז געווען צו זיין מיט דיר אַליין, אין דיין אויפנאַם־צימער — ביים עסן ביסטו געווען פאַר מיר אַן אַנדער הינטערגרונט, און דיין אויסזען תמיד ניי, איך האָב דיך געמאַכט קאָמפּלימענטן, גערימט דיין ניי קלייד און דו האָסט געזאָגט: „איך בין צופרידן וואָס דיך געפעלט עס", מיט אַ שמייכל־דיקער פאַרזיכערונג, וואָס ביי אַן אַנדערן וואָלט עס אויסגעזען נאַאיוו, אָבער ביי דיר האָט עס מיך שטענדיק טיף גערירט, מחמת עס איז דיר גאָר נישט געקומען אויפן געדאַנק קיין מאָל, אַז כ'האָב דיר פּשוט געגעבן אַ געוויינטלעכן קאָמפּלימענט, און פאַקטיש איז דיין ניי קלייד מיר שטאַרק נישט געפאַלן געוואָרן". דאָס שרייבט ער צו אַ פריינדין, אַן אַלטער באַקאַנטער, אין אַן אָפּזאָג צו קומען צו איר.

ער איז געוואָרן שוין איצט נאָך מער נאָסטאַלגיש צו יוגנט און פריינדשאַפט וואָס „ליגן מיט די אָװעקגעגאַנגענע אין די קברים". אין אַ בריוול באַמערקט ער אַז די אומעטיקע טעג דערמאָנען אונדז אַז יאָרן „קענען שוין נישט צוריקברענגען צום לעבן די מענטשן". ער באַגעגנט נייע מענטשן וואָס זענען געוואָרן אַנגעזען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור און אין דער געזעלשאַפט. און זיינע נייע פריינד, בפרט פון דער יוגנט, האָבן זיך נישט געצוימט מיט שבחים פאַר אים, באַצייכנט אים ווי דער מייסטער פון דער מאָדערנער ליטעראַטור, אַ טענדענץ וואָס איז שפּעטער, דורך די יאָרן שוין נאָך זיין טויט, געוואָרן נאָך מער פראָמינענט אויף ביידע זייטן אַטלאַנטיק. אָבער מיר רעדן דאָ נאָך וועגן דעם לעבעדיקן פּרוסט בעת זיין שטערן האָט אויפגעשיינט.

ביים „זוכן די פאַרלוירענע צייט" האָט ער דאָך אויפן וועג דורכ־געלויכטן פון אינעווייניק, אַזוי פיל מענטשלעכע לעבנס, וואָס גייען דורך דער פריזמע פון צייט. דער באַגריף צייט וואָס באַוויזט זיך גלייך אינעם ערשטן זאַץ פון זיין גרויסן ווערק, און ווערט אָפּט איבער־געחזרט אין די אַלע בענד זיינע, אַ מאָל אויסגעזונגען ווייך, אַ מאָל גאַנץ טומלדיק און תמיד געפינט זיך דאָס וואָרט שוין ביזן לעצטן אָפּזאַץ.

זיין ווערק באַקומט אין לעצטן סך־הכל אַזאַ קווינטעסענץ: „...אויב ס'וועלן זיין גענוג כוחות צו פאַרענדיקן מיין ווערק וועל איך נישט דורכפאַלן — — — צו באַשרייבן קודם מענטשן און בעיקר די וואָס פאַרנעמען אַן אָרט, אַ גאַנץ אַנגעזעענעם. אין פאַרגלייך מיט דער באַגרענעצונג וואָס איז זיי צוגעטיילט אין רוים — — — רירן זיי אָן עפּאָכעס, וואָס זענען אומגעהויער ווייט פון זיך, אָפּגעטיילט דורך דער פאַמעלעכדיקן צופלוס פון צייט, פון אַ סך, אַ סך טעג אין דער דימענסיע פון צייט".

די קאָמעדיע און די טראַגעדיע פֿון לעבן האָט ער געשטאַלטיקט אין דער „פֿאַרלאָרענער און צוריקגעוווּנענער צייט״. אָט איז די גרויסע אַקטריסע וואָס הייסט אין ווערק בערמאַ, זי איז געווען די קעניגין אין קאָמעדיע, ווי סאַראַ בערנהאַרדט איז דאָס געווען אין טראַגעדיע. פּרוסט האָט זי נאָך געזען שפּילן בעת זי האָט געקיניגט אויף דער בינע; און לסוף, ווען זי האָט געשפּילט שוין בלויז אַלטע פֿרויען און פֿאַרקויפֿט דעם טעאַטער („רעזשאַן״), וועלכן זי האָט געגרינדעט. ווען פּרוסט האָט געוווינט ביי איר אין הויז, האָט זי שוין געהאַט אַן אויסגע־שעפּטע און אַ פֿאַרנודזשעטע, בענקנדיק צו שפּילן נאָך און שטאַרבן אויף דער בינע. זי האָט נאָך געשפּילט אין אַ פֿילם וואָס האָט איר שוין אָוועקגעהרגעט. אויף דער טראַגעדיע האָט פּרוסט באַזירט דעם טראַגישן עפּיזאָד, ווען די פֿאַרעלטערטע בערמאַ איז מקריב איר לעבן פֿאַר די קאַפּריזן פֿון איר שנור און איר אײדעם (ביים לייענען האָב איך געטראַכט וועגן מירעלע עפֿראָס אין דער אומפֿאַרגעסלעכער קרעאַציע פֿון אסתּר רחל קאַמינסקי).

און מאַדאַם שעוויניע, וועגן איר האָט זיך פּרוסט מיט יאָרן שפּעטער מודה געווען, אַז ער פֿלעגט זי אומעטום נאָכפֿאָלגן און „איך פֿלעג קריגן אַ האַרץ אַטאַקע יעדן מאָל ביים זען איר״. ער האָט זי געמאַכט אומשטערבלעך אין זיין ווערק אין דעם כאַראַקטער־טיפּ פֿון דער פֿירשטין דע גערמאַנטעז, פֿון איר ליבע מיטן נאַראַטאָר. ביים שאַפֿן דעם טיפּ, איז דאָס (ווי עס זאָגן זיינע ביאָגראַפֿן), געווען ווי אַן אַלטע זיסע דעראינערונג פֿון ליבע און... נקמה! זי איז נישט געווען רייך, נישט פֿון גאָר הויכן אדל, דאָך געווען איינע פֿון די גאָר אויס־געטיילטע פֿרויען אין דער פֿאַריזער געזעלשאַפֿט. ער שילדערט אויך מאַדאַם לעמערס אויסשליסלעכן סאַלאָן פֿאַר נאָבל־לייט, און איר פּראַכטפֿולן גאָרטן, וואָס איז געווען אַ שם דבר אין פֿראַנקרייך. וועגן גאָרטן פֿלעגט זי זאָגן „אויסער גאָט האָט קיינער נישט געשאַפֿן קיין שענערע רויזן״.

פּרוסט איז טייל מאָל געווען מיקראָסקאָפּיש אין זיינע אָבסער־וואַציעס. געוואָרן נישט איין מאָל מיטגעריסן פֿון זיין אייגענער שפּעדיקייט ביים אָבסערווירן מענטשן, פֿלאַנצן, בלומען, ריחות, דערביי גיט ער עס נישט פֿאַקטועל אָדער הויל. ער רעקאָרדירט אין אַ מעטאַפֿאָר, איין מעטאַפֿאָר נאָכן אַנדערן, איינגעהילט אין דער פּראַכט פֿון זיין פּאָעטישן לשון. נויטיק צו באַמערקן אַז ווען ער האָט געדאַרפֿט באַשרייבן, למשל, אַ סצענקע פֿון גאַסן־הענדלערס, וואָס טוען אין גאַס אויסשרייען די פּרייזן פֿון זייער סחורה און זייער קוואַליטעט לויבן ביזן הימל אַרייַן, האָט ער אַרויסגעשיקט זיין באַדינער צו הערן אַלץ וואָס זיי זאָגן, רופֿן אויס, און עס אים איבערגעבן גענוי ווערטלעך מיט די אַלע העוויות.

צו דעם האָט אַמבעסטן געטויגט זיין באַדינערין, סעקרעטאַרין, סעלעסט אַלבאַרע. אין איר לשון האָט פּרוסט דערקענט די פּאָעזיע פון פויער און פון דאָרפישן פּיזאַזש, וואָס זי האָט מיטגענומען מיט זיך אין שטאָט אַריין. זי איז געוואָרן זיין פאַרטרויאונגס־מענטש, באַגלייטערין, אויף אַלע זיינע רייזעס. דורך איר האָט ער געזען דעם דאָרף ווי זי איז אויסגעוואַקסן, און איז אַ יאָר אַ נאָנטע געווען. ער האָט איר וועלט און איר כאַראַקטער אויסגענוצט אין זיין שאַפן. כדי צו געווינען איר צוטרוי, געשילדערט פאַר איר זיין ווערק, פאַרגעלייענט סצענעס פון מאַנוסקריפּט און געמאַכט עס אַזוי ווי ער באַראָט זיך מיט איר, במילא האָט זי אַ חלק אין זיין ווערק און האָט גלייך איבער־צייגט איר, אַז איר צושטייער איז זייער וויכטיק פאַר דעם ראָמאַן.

זי האָט געהאַט שטימונגען, אין אַ געוויסער מאָס זענען זיי געווען אַ פּועל יוצא פון זיין עגאָצענטרישקייט. ער האָט נישט געטראַכט אַז זי האָט דאָך אויך אַן אייגן לעבן, אַ חוץ זיינעם. בעת אירע שטורמישע אויסברוכן פלעגט ער זי תיכף אַרויסשיקן פון זיין צימער. ווען זי האָט זיך באַרואיקט, דאַן ערשט געמאַכט איר די פאַרוואָרפן. זיך באַנוצט נאָך מיט אַנדערע עפעקטיווע מעטאָדן צו מאַכן זי געהאָרכזאַם, טייל מאָל איר נאָכגעגעבן („ביסט גערעכט, סעלעסט, מען דאַרף טאָקע נישט עסן אַזוי הייס").

שוין דערמאָנט פריער ווי זי האָט געקענט נאָכמאַכן מאַניערן און טענער פון אַ סך שטימען. איר מימיק פון יעדן וואָס איז צו זיי אַריינגעקומען פלעגט אַרויסרופן סאַלוועס געלעכטער. ער האָט זי פאַרשפּיגלט אין זיינע געשטאַלטן און עס פאַרגעלייענט פאַר איר, און זי האָט שוין געוווּסט ווען זי דאַרף זיין שטיל, ווייל ער דאַרף האָבן די שטילקייט צו קענען הערן די שטימען פון זיין ווערק. ווען זי האָט אים געבעטן צו געבן איר די שליסלען צו זיין ווערק, האָט ער איר באַוויזן, אַז ס'איז נישט מעגלעך, מחמת צופיל שליסלען זענען דאָ פאַר יעדן כאַראַקטער. און וואָס איז דאָס וויכטיק? וויכטיק איז דאָך די אינעווייניקסטע וואָר פון אַ העלד, ווי פון גאַנצן ווערק. און פּרוסט האָט ממש יעדן טאָג דאָך געזוכט אָט די אינעווייניקסטע וואָר ביי אַלע זיינע פּערסאָנאַזשן.

די געשיכטע פון אַ דור — אין אַ בעלעטריסטישער קרעאַציע

פּרוסטס ביכער שפּיגלען אָפּ די סאָציאַלע מיליעס פון טיפן און געשטאַלטן פון אַ דור (און פון דורות) פאַרן ערשטן וועלט־קריג, די מעטאַמאָרפאָזעס און גילגולים בעת און נאָך דער מלחמה; און פאַר

איר — די ווולקאַנישע סקאַנדאַל־אויסברוכן אין פראַנקרייך (פּאַנאַמאַ און דרייפוס), וואָס האָבן צעשפּאָלטן די פראַנצויזישע געזעלשאַפט און איר גאַנצער פּיראַמידע־סטרוקטור. אָבער מענטשן ענדערן זיך, דער כאַראַקטער־טיפּ פון סואַנען איז שוין שפּעטער נישט דער זעלבער ווי מיר זעען אים אין ערשטן באַנד. אַזוי אויך די אַנדערע כאַראַקטערן וואָס פאַרענדערן זיך כסדר. אין אַן אינטערוויו האָט פּרוסט דערקלערט אַז די אַלע ענדערונגען פּרוּוון רעפּרעזענטירן די פּאַזעס פון צייט אין דעם נאַראַטיוו. ס'איז דאָ אַ פּלאַך פון סאָלידער געאָמעטריע, און אַ פּלאַך פון פּסיכאָלאָגיע און איינע וואָס ציט אַריין די דימענסיע פון צייט. אַ פּאַסאַזשיר אויף אַ באַן וואָס זעט דעם זעלבן דאָרף צוערשט אויף דער רעכטער זייט, נאָכדעם אויף דער לינקער זייט, פאַרשטייט אַז זיין פּאָזיציע ענדערט זיך; דער לייענער פון אַ ראָמאַן וואָס באַקומט פאַרשידענע אימפּרעסיעס פון די זעלבע כאַראַקטערן באַנעמט, אַז די צייט האָט זיך גערוקט און אַזוי די העלדן, וואָס זענען זעלטן סטאַטיש אין גאַנצן. און ווען זיי פאַרענדערן זיך אַנטפּלעקן זיי זיך גאָר אַנדערש פון דעם וואָס דו טראַכטסט אַז זיי זענען. נישט נאָר איז עס חל לגבי אינדיווידועלע געשטאַלטן נאָר אויך אין באַצוג צו דער געזעלשאַפט, וואָס שיינט צו זיין גלאַמאַריזירט, אינטעליגענט, אָבער הינטער דער מאַסקע איז דאָ די סנאָבישקייט, גרויזאַמקייט, און דאָס זענען גורם אַנטוישונגען אין מענטש און אין דער געזעלשאַפט.

אַמבולטסטן האָבן זיך די אַנטפּלעקונגען טאַקע אַרויסגעוויזן בעת די גרויס־געזעלשאַפטלעכע סקאַנדאַלן אין פראַנקרייך (פּאַנאַמאַ און דרייפוס). ביידע אויפרודערנדיקע געשעענישן אין לאַנד (און מחוץ) זענען בשעתם געוואָרן דער שלאַכטפעלד צווישן רעכטס און לינקס, צווישן קאַטאָליקן און אַנטי־קלעריקאַלן, רעפּובליקאַנער און מאָנאַרכיסטן, אַרמיי און אַנטי־מיליטאַריסטן, נאַבלשיכט און דער בורזשואַזיע, און (בעת דער דרייפוס־אַפערע) צווישן אַנטיסעמיטן און יידן. (וועגן דרייפוסעס פּראָצעס שרייב איך אַ באַזונדער קאַפּיטל אין ליכט, ווי פּרוסט האָט עס פאַרשפּיגלט בעלעטריסטיש, און זיינע ביאָגראַפן — דורך פאַקטאָלאָגיע און כראָנאָלאָגיע.)

אין זיין לעבנסווערק האָט פּרוסט געפּרוּווט צוריקגיין צו פאַרגאַנגענע יאָרצענדליקער פון דער פּאַריזער געזעלשאַפט און באַלעבן פּיקציאָנעל די שפּורן פון פאַרגאַנגענע סענסאַציעס. ער האָט אין דער ברייטער טעמאַטישער ראַם, אַריינגעשטעלט אַן אומגעהויער־רייכע גאַלעריע פּערסאָנאַזשן; איזאָלירטע עפּיזאָדן מיט זייער ליכט און שאָטן — ווי אַ שטודיע פון דער קאָמפּליצירטער מענטשלעכער נאַטור.

פּרוסטס אַ קאָלעגע־שרייבער וואָס האָט צוזאַמען מיט אים

געקעמפט פאַר דרייפוסעס אומשולד, דאַניעל האַלעווי, אַ היסטאָריקער פון גרויסן פאַרנעם און מיט אַ סך קולטור, האָט פונקט ווי פּרוסט, אָבער אויף זיין אייגן אופן, אויך אויסגעפאָרשט די ירידה פון דער פּאַריזער געזעלשאַפט און ער האָט פּרוסטן צוגעשטעלט געווג מקורות פאַר זיין לעבנסווערק. און דאַן האָבן די סאַלאָנען, וווּ פּרוסט האָט געטראָפן זיינע פּראָטאָטיפּן פאַר די געשטאַלטן. צווישן זיי, די האָמאָ־סעקסואַלן, און נישט נאָר צווישן די מענער. זיין פיינפולער אינטערעס אין לעסביאַניזם איז מסתמא אויך באַזירט אויף דערפאַרונגען פון זיינע אָבסערוואַציעס.

ווי דער גרויסער פאָרשער פון דער מענטשלעכער נשמה, האָט ער זיין גאַנץ לעבן געזאַמלט אימפּרעסיעס, זיי פאַרצייכנט אין זיינע נאָטיצביכער מיט אַלע דעטאַלן, און זיי זענען שפּעטער אַריין שוין אין זיין ווערק דורך אַ קינסטלערישן פילטער. צווישן די אָריגינעלע מאָדעלן פאַר זיינע טיפּן זענען אויך געווען נענטערע און ווייטערע פון זיין פאַמיליעס משפּחה, און פון פאַרבינדונגען, מיט און אָן טיטולן פון מאַרקיזן, פּרינצן, פירשטן — די שטאַם־געסט פון די סאַלאָנען — וואָס האָבן נאָכן פאַרלירן זייערע פאַרמעגנס חתונה געהאַט מיט רייכע (פון ביידע זייטן אַטלאַנטיק) און אָנגעהאַלטן זייער שטאַט. זיי האָבן פּרוסטן צוגעשטעלט אויך דעם פאַרביקן בינטל אַנעקדאָטן וואָס זענען אַריין אין זיין ווערק (איינע פון די שיינהייטן וואָס פיגורירן צווישן די טיפּן זיינע האָט געזאָגט צו איר חברטע: — ווען מענטשן אין גאַס וועלן זיך מער נישט אָפּשטעלן צו קוקן אויף מיר וועל איך וויסן אַז כ׳האָב פאַרלוירן מיין שיינקייט". „האָב נישט קיין מורא — האָט די חברטע אַ שטאָך געגעבן — אַזוי ווי דו טוסט זיך אַזוי אָן (עקסטראַוואַגאַנט), וועלן מענטשן קיין מאָל נישט אויפהערן קוקן אויף דיר"). אויף אַ קאָמפּלימענט פון אַ גלח וועגן איר שיינקייט, האָט איינע געענטפערט: — ווען דו זעסט מיך מיט אַ פערציק יאָר צוריק וואָלסטו אַליין געזאָגט, אַז דער רבש"ע האָט אין באַשאַפן מיך, געמאַכט זיין מייסטערווערק. דערמאָן איך נאָר אַ פּאָר פון זיינע צאָל־רייכע אַנעקדאָטן מיט וועלכע ער האָט באַווירצט זיין גרויסן ווערק.

ווען מען לייענט וואָס זיינע ביאָגראַפן דערציילן וועגן זיינע פּרעציזע פאָרשונגען פון אַרכיטעקטור, באָטאַניק, מוזיק און פון פיל אַנדערע געביטן, וועלכע זענען אָפּגעשפּיגלט מיט עקספּערטיז אין זיינע ביכער; דעם אופן ווי ער פלעגט נאָכזוכן רעפּראָדוקציעס פון אַלטע זשורנאַלן; און טאָמער איז אים אַריין אין קאָפּ דעבוסיס אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע, האָט ער געקענט אַרום דריי פאַרטאָג אויפ־וועקן דורכן טעלעפאָן אַלע מיטגלידער פון דעם אָרקעסטער, געבראַכט זיי צו זיך אין אַן אויטאָמאָביל, זיי זאָלן איבערשפּילן פאַר אים דעבוסיס אַ שטיק. אַזוי האָט ער געפאָרשט און אויפגעזאַמלט אַלע

אינפאָרמאַציעס וואָס ער האָט געזוכט ביים שרייבן זיינע ביכער, צו רעקאָנסטרואירן „די פאַרלאָרענע צייט". ער האָט געפונען זיין מוטערס אַ טאָגבוך אין וועלכן זי האָט אַריינגעשריבן דעם גאַנצן פאַרלויף פון קראַנקייטן אין דער פאַמיליע, די לעצטע טעג פון זיין באָבען, זיידן און פון זיין פאָטער. פון דעם האָט ער רעקאָנסטרואירט אין ראָמאַן דער באָבעס טויט.

פאַר אים איז געשטאַנען ביים שרייבן די פראַגע: ווי אַזוי געווינען מיר צוריק די פאַרלוירענע צייט? ווי אַזוי קענען מיר צוריקפאַנגען די פאַרלוירענע טראַומאַטישע סענסאַציעס? קען מען זיי טאַקע געפינען אין בריוו, טאָגביכער? מען קען דאָך זיין אַ גלענצנדיקער שרייבער פון טאָגביכער און ווען מען קערט זיך אום צו זיי מיט יאָרן שפּעטער איינזען וויפל זאַכן מען האָט פאַרגעסן דאָן צו פאַרנאָטירן, וועגן שפּייז, מלבושים, געטראָפענע פריינד, דורכגעלעבטע געפילן, פון זאַכן געהערטע, געזאָגטע. ער ברענגט אַ ביישפּיל פון דאָסטאָיעווסקיס דערפאַרונג פאַרן גיין צו דער תליה. דאָסטאָיעווסקי האָט דעם זעלבן טאָג וועגן דעם געשריבן צום ברודער, אָבער נישט געקענט פאַרקער־פערן (פּרוסטס טערמין) די דערינערונג. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ביים שרייבן זיין „אידיאָט", דערמאָנט אָט די פּאָר מינוט וואָס זענען אים דעמאָלט געבליבן צום לעבן און זענען געוואָרן אַן אייביקייט.

צוריקגעווינען די פאַרלוירענע צייט, די פאַרגאַנגענע מאָמענטן, איז פאַר פּרוסטן געוואָרן אַ קאַרדינאַלער פּראָבלעם ביים שאַפן זיין „פאַרלוירענע און צוריקגעפאַנגענע צייט". זיכער האָט פּרוסט געקענט פילן אַז די קאָנצעפּציעס זיינע וועגן זכרון, אינטואיציע, אינטעלעקט, קענען נישט אַלץ דערקלערן, אַז דער באָדן אונטער זייערע פיס איז נישט קיין צו זיכערער. אַבסטראַקטע אידייען און טעאָריעס אין אַ ווערק, באַמערקט פּרוסט, זענען פּונקט ווי אַרטיקלען פון וועלכע מען האָט אַראָפּגענומען דעם אָנווייז פון פּרייז. און ער האָט דאָך געזוכט אין זיינע צייט־דערקענטעניש דעם פּרייזצייכן.

פּרוסט מעדיטירט אַ סך און אַנטוויקלט זיינע אידייען וועגן זכרון און פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז דאָך אַ מאָל געוואָרן די קעגנוואַרט. זכרונות קומען אומקלאָר ווי אַ לאַנדשאַפט אין אַ חלום. דער וואָס לייענט אויפמערקזאַם ביאָגראַפיעס קען זען ווי די אויטאָביאָגראַפיעס, אַזעלכע וואָס מידן אויס גוזמאות און סענטימענטאַלקייט, באַשרייבן אויך טייל מאָל דורכלעבונגען און געפילן (אין זייערע זכרונות) מיט סופּערלאַטיווע סענסאַציעס. דאַרווין האָט געדענקט די געדאַנקען וואָס זענען דורכגעגאַנגען אין זיין מוח בעת ער איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויכער וואַנט, טאַקע אין אָט די גאָר קורצע מאָמענטן פון זיין פאַלן, וואָס זענען געוואָרן אים איבערראַשנדיק לאַנג. ער איז דאַן נאָר אַלט געווען ניין יאָר. און פּרוסט האָט זייער אַ סך צו דערציילן, ווען עס

עפענען זיך ביי אים די טירן פון זיין זכרון, דורך למשל, דעם קלאַפּן פון די באַנרעדער; און פון אַזוי פיל אַנדערע דערשיינונגען, וועלכע וועקן אויף ביי אים פון דרימל, געשעענישן, עמאָציעס פון זיין קינדהייט און פריער יוגנט, וואָס שטייען אויף תחית המתים.

פּרוסטס לעצטע פּאָר יאָר

די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אַרויסגערופן טיפע ענדערונגען אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט. די סאַלאָנען זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לאַזאַרעטן און די באַלעבאָסטעס מיט זייערע טעכטער — אין קראַנקן־שוועסטערס. אַ סך פון די יונגע און עלטערע וואָס זענען אַוועק אויפן פראָנט זענען שוין נישט צוריק־געקומען פון די שלאַכטפעלדער. געווען אַזוי פיל טויטע און פאַרוווּנ־דעטע צווישן פּרוסטס באַקאַנטע „אויף וועלכע מיר וויינען אַזוי שטאַרק" — האָט פּרוסט געשריבן אין זיינע מיטגעפילן צו די משפחות מיט פאַרלוסטן. ווי אַן אינוואַליד האָט ער נישט אָנטייל גענומען אין די קריגס־אָפּעראַציעס. ער האָט די יאָרן דורכגעמאַכט ביחידות אין זיין שלאָפצימער, ווו די ווענט זענען געווען אויסגעבעט מיט קאָרקעס צו פאַרהיטן אים פון פאַרקילונגען און טומל. אַ ווענד־פונקט אין זיין לעבן איז פאַרגעקומען ווען אַנדרע זשיד איז געקומען צו אים און פאַרגעלייגט אַרויסצוגעבן זיינע ווייטערדיקע ווערק דורך דעם פרעסטיזשפולן פאַרלאַג פון נ.ר.פ. ער האָט זיך מתודה געווען פאַר פּרוסטן, אַז דאָס אָפּוואַרפן זיין מאַנוסקריפּט אין די פריערדיקע יאָרן „איז געווען דער גרעסטער פעלער וואָס כ׳האָב געמאַכט אין מיין לעבן".

אַנדרע זשיד, אַליין אַ האָמאָסעקסואַל, האָט זיך נישט געשראָקן פאַר פּרוסטס טעמאַטיק און באַהאַנדלונג פון „סדום". ער האָט עס באַצייכנט ווי דאָס סאַמע וויכטיקסטע געשריבן אין די לעצטע יאָרן. פּרוסטס „סדום"־ביכער האָבן אָבער אַרויסגערופן אַ שטאַרקע קריטיק. זשיד האָט אים פאַרטיידיקט, זעענדיק אין די ביכער אַ מין ווידוי פון די זעלבע אידייען און נייגונגען וואָס זענען אים נאָענט. ער האָט גערימט דעם צוזאַמענשפּיל פון די קוואַליטעטן אין דעם ווערק, וואָס איז ווי אַ פאַרכישופטער וואַלד, אין וועלכן דער לייענער ווערט פאַר־בלאָנדזשעט, נישט וויסנדיק ווו ער וועט פון דעם וואַלד אַרויסקומען. אָבער די פאַרכישופטקייט פון דעם וואַלד איז גאָר אַן אָנגענעמע. צו די וואָס באַקלאָגן זיך אויף די צו־לאַנגע און שווערע זאַצן, זאָגט זשיד: „לייען זי הויך און יעדער וואָרט פאַלט אויף זיין אָרט און די סטרוקטור וועט זייער גיך דיר ווערן קלאָר".

פּיקאַנט איז מיר געווען צו לייענען אַז ווען פּרוסט האָט געזען

ווי עמעצנס אַ בוך ווערט פֿאַרקויפֿט אין אַ גרעסערער צאָל עקזעמפּ־לאַרן, אַ דאַנק דעם צושריפֿט „יונגע מידלעך זאָלן אים נישט לייענען", האָט ער גלייך באַשטעלט ביים פֿאַרלאַג דאָס זעלבע צוצושרייבן אויפֿן שער־בלאַט פֿון זיין ערשטן באַנד „סדום". ווייזט אויס, ער איז אויך נישט געווען קיין בטלן אין דער וועלט פֿון מיסחר...

אָבער די אַרבעט (אויף זיין צווייטן באַנד „סדום") האָט אויסגע־זויגן זיינע לעצטע לעבנסזאַפֿטן. עס איז געווען אַ געיעג מיטן מלאך־המוות ווער פֿון זיי עס וועט פֿריער צוקומען צו דער מעטע... ער האָט מורא געהאַט אַז ער וועט נישט באַווייזן און דאָס ווערק בלייבט אומפֿאַרענדיקט, אָבער דעם פּחד באַהאַלטן אונטער אַ שמייכל, וואָס איז געווען ביי אים אַ זיפֿץ פֿון די נשמה טיפֿעניש. ער פֿלעגט זאָגן צו זיך סעלעסטן „כ׳האָב אַזוי ווייניק צייט... און אויב כ׳וועל נישט פֿאַרענדיקן דאָס, פֿאַר וועלכעס כ׳האָב דאָך אַוועקגעגעבן מיין גאַנץ לעבן, אַלצדינג מקריב געווען און ס׳וועט זיין פֿאַר גאָרנישט".

ער האָט יאָ פֿאַרענדיקט דעם מאַנוסקריפּט פֿון זיין צווייטן באַנד „סדום" און גלייך אָנגעהויבן טראַכטן פֿון אַ דריטן באַנד. זיין געזונט האָט זיך אָבער אַזוי פֿאַרערגערט אַז ער האָט זיך נישט געקענט דער־וואַרעמען אַפֿילו ווען עס האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געהייצט דער אויוון. ער פֿלעגט אין ריטץ עסן זיין מיטאָג זיצנדיק אין אַ שווערן פּעלץ אויך אום זומער. אָנגעהויבן אויך צו פֿאַרלירן די קאָאָרדינאַציע פֿון זיינע גלידער, שווער געווען אים צו אַרטיקולירן ווערטער און פֿלעגט פֿאַלן ביים גיין פֿון איין צימער אין צווייטן.

די טרויעריקע איראָניע פֿון זיין סיטואַציע האָט נישט געמאַכט קיין אימפּרעסיע אויף דעם מייסטער פֿון איראָניע. נישט געקענט שוין איצט אָפּשאַצן זיין באַרימטקייט, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט. אין די אוניווערסיטעטן זענען געווען קורסן וועגן זיין שאַפֿן. בערגסאָן האָט שטודירט זיינע ביכער. און נישט נאָר אין פֿראַנקרייך איז פּרוסט (נאָכן באַקומען דעם „גאָנקור"־פּריז) געוואָרן שטאַרק באַרימט, אויך אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד, צפֿון־אַמעריקע האָט מען ענטוזיאַסטיש וועגן אים געשריבן. „אויב איך וואָלט נאָך פֿעיִק געווען אויף פֿילן זיך צופֿרידן, וואָלט עס איצט געדאַרפֿט זיין, בעת דאָס גליק שטייט ביי מיין טיר", האָט ער צו אַ פֿריינד געשריבן. דאָס איז נישט געשען. און מאָדנע: נאָך אַלץ געשפּאַרט זיך מיט זיינע פֿאַרלעגערס אַז זיי גיבן אים צו ווייניק „פּובליסיטי"...

זיין געזונט האָט זיך אין 1922 אַזוי געהאַט פֿאַרערגערט אַז ער האָט שוין גאָר שטאַרק אָנגעהויבן פֿילן ווי ער ענדיקט זיך — דאַן איז אים אויך אַריין אין קאָפּ (אַ מין מאַניע) אַז ער ווערט פֿאַרגיפֿטעט אין צימער פֿון „קאַרבאָן מאָנאָקסייד". עס איז אַוועק אַ שטאַרקע אויספֿאָרשונג, אָבער אָן רעזולטאַט. די פּאָר פֿריינד וואָס זענען אַריינ־

געלאָזט געוואָרן איז זיך שלאָפּצימער האָבן אים געטראָפן ליגן אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן, כמעט צוגעדעקט מיט צייטונגען, נאָטיץ־ביכלעך, פּאַפּיר, פעדערס. דער רעוומאַטישער פיבער האָט אים געצווּנגען צו ליגן אין בעט, ווו ער פלעגט פאַרשטאַרט קוקן אויף אַ געלן פלאַטערל אויפן וואַנט. „אַזוי האָב איך אויך געדאַרפט שרייבן, האָט פּרוסט געזאָגט, געדאַרפט מיינע ביכער געבן מער פאַרב, מאַכן די מער אויסדריקלעך, ווי אָט דער געלער פּאַס אויף דער וואַנט״.

וואָס ערגער ער האָט זיך געפילט אַלץ שטאַרקער געוואָלט אַרבעטן. אין די לייכטערע מאָמענטן אַריינגעקוקט אין די קאָרעקטורן און דיקטירט אָן אויסבעסערונג ווען אַ געוויסע שטעלע איז אים נישט געפאַלן. געגעבן אָנווייזונגען דעם רעדאַקטאָר וואָס ער וויל מ׳זאָל ענדערן; זיך דערנערווירט ווען ס׳איז נישט געשען. דאָס אַלץ אין אַ צושטאַנד ווען ער האָט זיך בכלל שוין אָפּגעזאָגט צו עסן, געלעבט נאָר אויף ביר צוגעשטעלט מיט איז דורך ריטץ.

סוף אָקטאָבער, 1922 איז ער שוין געווען אין אַ מצב פון דעלוריע, אָבער אַרויס פון דעם און נאָך געהאַט דעם באַוווּסטזיין אָוועקצושיקן אַלע זיינע נישט־פאַרעפנטלעכטע מאַנוסקריפּטן, נאָטיץ־ביכלעך צו דעם נ.ר.פ.־פאַרלאַג, מיט אַ צושריפט: טוט מיט דעם וואָס איר ווילט, אָדער וואַרפט עס אין פייער אַריין. פינף טיילן פון זיין לעבנס־ווערק זענען שוין געווען אויפן וועג פון דערשיינען און דריי נאָך ווייטיקע זענען דערווייל פאַרבליבן וואַרטן. איצט געווען שוין זיכער אַז ער האָט זיין לעבן נישט אָוועקגעגעבן בחינם. דער פּחד פאַרן טויט האָט אים אַזוי ווייט איינגעקלאַמערט אין זיינע נעגל, אַז ער האָט געהייסן, צוליב מורא פאַר מיקראָבן, דיזענפעקצירן די בריוו אידער ער עפנט זיי. צו סעלעסטן פלעגט ער זאָגן: הער זיך תמיד אויפמערק־זאַם צו ווען מענטשן רעדן צו דיר וועגן זייער טויט. יעדער פון אונדז איז דער טרעגער פון זיין אייגן טויט, און ער שפּירט גלייך ווען ער איז דאָ ביי דער טיר „און איך מער פון אַנדערע. מיין געזונט פון קינדווייז אָן רואינירט צוליב אַסטמאַ. נישט קיין נאָרמאַל לעבן געהאַט, נישט קיין לופט, קיין שפּייז, קיין מאָל נישט פריי געווען פון יסורים״.

סעלעסט אַלבאַרע וואָס איז געווען מיט אים ביז זיין טויט, זאָגט, אַז די לעצטע צוויי יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין אַן אַטמאָספער, וואָס האָט גיכער דערמאָנט אַ קבר, מיט אַ לידיקייט אַרום אים. שטייענדיק שוין מיט איין פוס אין קבר, האָט אים דאָך נאָך אַלץ געאַרט די שלעכטע רעצענזיעס וועגן זיין לעצטן דערשינענעם באַנד. די זעלבע טענות געווען, וועגן גראַמאַטיקאַלישע און טאָפּאָגראַפישע פעלערן, צו לאַנג דער זאַץ, צו פיל דעטאַליזירט, צו פיל דיגרעסיעס. ער איז געווען אַנטוישט אין די רעצענזענטן וועלכע ער האָט געפּרוווט „וויי־כער״ מאַכן מיט אַרויסנעמען זיי אין ריטץ . . .

בעת זיינע לעצטע טעג, געוווּסט אַז ער האָט באַקומען אַ שאַרפע לונגען אָנצינדונג און נישט געוואָלט פאַרלענגערן זיין אַגאָניע. געהאַט אַ שאַרפע קריגעריי מיט זיין ברודער דעם דאָקטער, פּראָפעסאָר ראָבער פּרוסט, וואָס האָט אים געוואָלט נעמען אין שפּיטאָל אַריין. ער האָט דאָן אָנגעזאָגט סעלעסטן נישט אַריינצולאָזן קיינעם צו אים. געגעדט צו איר וועגן זיין טויט, אַז עס וואָלט אים נישט געאַרט, אויב ער וואָלט געוווּסט, אַז ער וועט זיך קענען טרעפן אויף יענער וועלט מיט זיין מאַמען, וואָס איז דאָך פאַרבליבן אַ ייִדישע. (אין זיין ווערק דערציילט ער דאָך וועגן אַ טאָכטער פון די ראָטשילדס וואָס איז געוואָרן אַ קאַטאָליטשקע און מיט איר ייִדישער מאַמען דאָרטן זיך נישט קענען טרעפן...)

דעם דאָקטער וואָס זיין ברודער האָט צו אים געבראַכט, האָט ער נישט געוואָלט אַריינלאָזן. שפּעטער געשיקט אים בלומען דורך סעלעסטן, זאָגנדיק, „ס'איז פּאַסקודנע ווען איך טראַכט אַז דאָקטוי־רים קענען פּייניקן אַ קראַנקן דורך אַ סעריע איינשפּריצונגען, און צוליב וואָס? געבן דעם פּאַציענט נאָך צען מינוט? אַפילו צען שעה נאָך פון אַ מיזערנעם לעבן?״

זיין ברודער פלעגט קומען, אָבער גאָר נישט אָנגעוואָרפן אים. נישט געוועזן מיט וואָס סיי ווי צו קענען אים העלפן. אַ פאַרקלעמטער זיך צוגעקוקט ווי דער טויט דערנענטערט זיך. דעם טאָג פאַר זיין טויט, האָט ער געפילט זיך בעסער, געוואָלט אַפילו עסן, ביינאַכט דיקטירט נאָך (סעלעסטן) נאָטיצן וואָס האָבן דערגאַנצט די שילדערונג פונעם טויט ביי דעם כאַראַקטער־טיפּ בערגאָט. האָט מען עס שפּעטער אויסגעטייטשט אַז ער האָט זיין אייגענע דערפאַרונג פאַר דער לעצטער שעה צוגעשריבן דעם העלד זיינעם.

דעם 18־טן נאָוועמבער, פאַרטאָג, געפרעגט סעלעסטן פאַר וואָס שטייט זי הינטער זיין טיר? זי האָט געפרווּוט אָפּלייקענען, אָבער ער האָט נישט פאַרטראָגן איר ליגן און זי האָט זיך מודה געווען, זיך פאַרענטפערט, געוואָלט זיין גרייט טאָמער וויל ער עפּעס. אויף דעם האָט ער גאָר נישט געענטפערט, נאָר געבעטן נישט אויסצולעשן דאָס ליכט: „דאָרט איז אַ פעטע פרוי... אַ שרעקלעך פעטע פרוי אין שוואַרצן, איך וויל זי קענען גוט זען...״.

„איך וועל איר אָוועקטרייבן״, האָט סעלעסט אים געענטפערט, אויב זי שרעקט דיך״.

„יאָ, נאָר אַ ביסל, אָבער זאָלסט זי נישט אָנרירן״... ער האָט מיט סעלעסטן נישט איין מאָל גערעדט וועגן טויט, אָבער קיין מאָל נישט אין דער פאָרם פון אַ פרוי אין שוואַרצן. פאַרקערט, פלעגט זאָגן אַז ער האָט נישט קיין מורא פאַרן טויט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט האַלוצינאַציעס. אָבער ער איז געוואָרן רואיקער און ס'האָט

אויסגעזען אַז ער רוט, איז זי אַרויס פון זיין צימער, אַוועק קלינגען צו זיין ברודער. מחמת עס האָט איר געשראָקן דאָס וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דער פרוי אין שוואַרצן; בפרט דאָס אַרויפציען דעם ליילעך איבער זיך, און אויך וואָס ער האָט די צעשפּרייטע פּאַפּירן איבערן בעט גאָר אַנגעהויבן צונאָמענעמען. (אגב, דערציילט זי, אַז ביי איר מאַן האָט זיך שפּעטער איבערגעחזרט די זעלבע געשיכטע אידער ער איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל).

ד"ר פּרוסט האָט דעם שטאַרבנדיקן ברודער אויפגעהויבן אויף די קישנס, אים געפרעגט: „ס'טוט דיר וויי?" — יאָ מיין טייערער ראָבער, האָט ער שוין געשעפּטשעט. דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער. אין די שפּעטע בייטאָג־שעהן האָט ער שוין נישט געלעבט.

די ידיעה וועגן זיין טויט האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער פּאַריז. פריינד זענען תיכף ביינאַכט געקומען, געזען זיין שלאָפצימער און דעם בר־מנן וואָס האָט איצט אויסגעזען אַ סך יונגער ווי אין די לעצטע יאָרן. אַ יונגער פריינד האָט אויף זיין פינגער אַרויפגעטאָן אַ פינגערל וואָס אַנאַטאָל פראַנס האָט געגעבן דער אַקטריסע רעזשאַן.

✶

פאַראַן נעמען וואָס שטאַרבן אָפּ פאַרן טויט פון מענטש. ביי קינסטלער האָט עס שוין נישט ביי איינעם פּאַסירט. ווען פּרוסט איז געשטאָרבן האָט זיין באַרימטקייט נאָך נישט געהאַט דערגרייכט דעם זעניט. נאָר אַ העלפט פון זיין גרויסן לעבנסווערק איז געהאַט דער־שינען אין בוך־פאָרם. אַ פינף יאָר נאָך זיין טויט זענען דערשינען נאָך פינף ביכער, און די שפּעטערדיקע פאַרשונגען פון זיינע געבלי־בענע פּאַפּירן, האָבן געגעבן מאַטעריאַל אויף נאָך פיר בענד. היות ער האָט אויך געפירט אַן אויסערגעוויינטלעך רייכע קאָרעספּאָנדענץ, געווען אפשר דער פּרוקטיקסטער בריוו־שרייבער, איז אַ גאָר גרויסער באַנד דערשינען פון זיינע אָפּגעקליבענע בריוו, אַרטיקלען, מעמואַרן מיט אַ סך ביאָגראַפישע פּרטים געשריבן דורך זיינע פריינד. אַכט יאָר נאָך זיין טויט (1930) איז דער נאָמען פּרוסט געווען שוין שטאַרק באַרימט אויף ביידע זייטן אַטלאַנטיק. געוואָרן איבערגעזעצט אין פיל שפּראַכן, אין אַ ריי לענדער און וועלט־טיילן.

ס'איז באַוווּסט אַז מאָדעס אין דער ליטעראַטור, אין קונסט, ווי אין קליידער, קומען, גייען אַוועק. (ערגעץ דערציילט פּרוסט פון אַ פרוי וועלכער מ'האָט געפרעגט ווו זי נעמט אירע מאָדישע הוטן? מיינע הוטן פאַרשאַף איך זיך נישט, האָט זי געענטפערט. איך האַלט זיי נאָר...)

אויב מאָדעס זענען טאַקע ווי אַ קאַרוזעלע וואָס קערט זיך אום צוריק, צו די פונקטן וואָס זי איז דורכגעגאַנגען, איז פאַרשטענדלעך

אַז דאָס קען געשען אויך אין דער ליטעראַטור. דער אַמעריקאַנער שרייבער פ. סקאָט פיצדזשעראַלד האָט געהאַט אויפן סמך פון זיין פערזענלעכער דערפאַרונג געזאָגט, אַז דער אמתער פרווו פון די קינסטלערישע ווערטן אין אַ ווערק, איז זיין מעגלעכקייט צוריק צו ווערן אָנגענומען אין יאָרן שפּעטער.

ווען איך האָב געלייענט וועגן פּרוסטס אויפגייענדיקן שטערן נאָך זיין טויט, האָב איך געטראַכט פון די דערמאָנטע ביישפּילן. ווען איך זיך נישט אָפּשטעלן אויף דעם וואָס די ביאָגראַפן דערציילן וועגן דעם לעצטן גרויסן כבוד וואָס מ'האָט אָפּגעגעבן דעם מת. ביים לייענען האָט זיך דאָס איבערגערופן (ביי מיר) ווי פּרוסט שילדערט בערגאָטס לוויה: „זיי האָבן אים באַגראָבן. אָבער בעת דער נאַכט פון דער לוויה, אין די באַלויכטענע פענצטערס, האָבן די ביכער וואָס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן, געהאַלטן וואַך, ווי מלאכים מיט אויסגעשפּרייטע פליגל, און זיי זענען געווען פאַר אים, — — — ווי אַ סימבאָל פון תחית המתים".

ביבליאָגראַפיע:

געקליבענע מקורות וועגן מאַרסעל פּרוסט און דער דרייפוסאַדע

דורך די זעכציק יאָר זינט מאַרסעל פּרוסטס טויט, איז געשאַפן געוואָרן אַ גאָר רייכע ביבליאָגראַפיע וועגן אים. סטימולירנדיקע קריטישע אַרבעטן האָבן געשריבן, עדמונד ווילסאָן, סעמיועל בעקעט, מילטאָן מילער (אַ פּסיכאָאַנאַליטישע שטודיע).

פון די ביאָגראַפישע ווערק טיילן זיך אויס:

דזשאָרדזש פּאַינטערס ערשטער באַנד — „פּרוסט — די ערשטע יאָרן";

ריטשאַרד ה. בעיקערס „מאַרסעל פּרוסט: אַ ביאָגראַפיע";

אַנדרע מאַרואַס „פּאָרטרעט פון אַ זשעני".

אַ חוץ אין די סטימולירנדע ווערק, האָב איך אָנגעטראָפן אויך אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן אין אסתר סאַלמאַנס „דער גרויסער ווידוי"; „מאַרסעל פּרוסט: בריוו צו זיין מוטער" (איבערגעזעצט דורך מיאַ קערטיס)

סעלעסט אַלבאַרעס דערינערונגען וואָס זענען דערשינען אונטערן טיטל „מאַנזשור פּרוסט", צוגעגרייט צום דרוק דורך דזשאָרזש בעלמאָנט (איבערגעזעצט אין ענגליש דורך באַרבאַראַ ברעי);

וויליאַם סאַמסאָנס „פּרוסט און זיין וועלט";

„אַ וועגווייזער פאַרן לייענער פון מאַרסעל פּרוסט" — דורך מילטאָן הינדוס.

אַנטיסעמיטיזם אין פראַנקרייך האָט טראַדיציעס...

דער דרייפוס־פּראָצעס וואָס האָט אויפגערודערט דאָס לאַנד און די וועלט

85 יאָר זינט עס האָט זיך גענומען אויפדעקן די גרויסע דרייפוס־אַפערע — 75 יאָר פון זיין רעהאַביליטאַציע (1906)

די דרייפוס־אַפערע אין פראַנקרייך האָט זיך געצויגן יאָרן לאַנג ביז דער באַשולדיקטער, אַלפרעד דרייפוס, איז פולשטענדיק רעהאַביליטירט געוואָרן. דאָס איז געווען בלויז דער עפּילאָג פון אַ טראַגישער דראַמע וואָס האָט אַריינגעצויגן דאָס גאַנצע פראַנצויזישע פאָלק און אים געשפּאָלטן אויף פּראָ און קאָנטראַ דרייפוס.

מיר וועלן אָנהייבן פון דעם פּראָלאָג אין דער גרויסער היסטאָרישער דראַמע: קאַפּיטאַן אַלפרעד דרייפוס, אַ פראַנצויז פון יידישן אָפּשטאַם, פולשטענדיק אַסימילירט, און פון אַ הויכער מיליטערישער ראַנגע אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, איז באַשולדיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש־טעטיקייט לטובת דייטשלאַנד.

דער פּראָצעס זיינער איז פאָרגעקומען סוף יאָר 1894, און די מיליטערישע ריכטער פון דעם פעלדמאַרשאַל־געריכט האָבן אים פאַרמשפּט צו ווערן עפנטלעך דעגראַדירט פון זיין הויכער מיליטערישער ראַנגע, זיינע אַלע אויסצייכענונגס־עמבלעמען זאָלן בפני כל עם ועדה ווערן אַראָפּגעריסן, און נאָך דעם זאָל ער אויף זיין גאַנץ לעבן פאַרשיקט ווערן אויף אַ שוידערלעכן קאַטאָרגע־אינדזל (דער „טייוולס אינדזל”). דאָרט האָט געדאַרפט פאַרקומען זיין בהדרגהדיקער אומקום.

דער מאָראַלישער מאָרד איבער אים איז פאָרגעקומען מיט גרויס פּאַראַד אין פראַנקרייך, און דער פיזישער איז באַשטימט געוואָרן אויפן „טייוולס אינדזל”. זיין היסטאָרישע דראַמע האָט אָבער באַקומען גאָר אַן אַנדערע אַנטוויקלונג, וואָס איז, מסתמא, נישט געוואָרן פאָרויסגעזען דורך די ריכטערס און די איניציאַלע רעזשיסאָרן פון דער גרויסער אַפערע.

דער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אים האָט זיך געשטיצט אויף געפעלשטע דאָקומענטן וועגן וועלכע מיר וועלן זיך דאָ קודם אָפּשטעלן:

אין דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז האָט געאַרבעט אַ פראַנצוי־זישע פרוי, ווי אַ רוימערין פון דער אַמבאַסאַדע. געשטאַנען איז זי אין קאָנטאַקט מיטן שעף פון פראַנצויזישן קאָנטראַ־שפּיאָנאַזש — באַוווּסט ווי די „סטאַטיסטישע סעקציע" — מאַיאָר אַנרי. צו אים פלעגט די רוימערין ברענגען פון דער דייטשער אַמבאַסאַדע פּאַפּירלעך אַריינגע־וואָרפענע אין מיסט־קעסטלעך, ער פלעגט זיי דורכקוקן צי זיי האָבן פאַר אים אַ געוויסע באַדייטונג. דאָס איז אַנגעגאַנגען ווי אַ טעגלעכע רוטין אין איר אַרבעט.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט די רוימערין געפונען אַ נאָטיץ מיט אַ ליסטע פון פינף געהיימע מיליטערישע דאָקומענטן, וועלכע אַן אַנאָנימער שרייבער איז גרייט צו פאַרקויפן די דייטשן פאַר אַ באַדייטנדיקער סומע. די דאָקומענטן זענען געווען וועגן פראַנצויזיש געווער און מאָביליזאַציע־פּלענער. היות צו אַזעלכע דאָקומענטן האָט נאָר געקענט האָבן אַ שייכות אָן אָפיציר פון פראַנצויזישן שטאָב, פון אַ הויכער ראַנגע, וואָס איז לעצטנס געווען אין אַרטילעריע, איז דער חשד געפאַלן אויף אַ פיר־פינף נעמען און צווישן זיי — אַלפרעד דרייפוס.

דרייפוסעס האַנטשריפט האָט אויסגעזען אידענטיש מיט דער געפונענער נאָטיץ און צו דעם — איז ער דאָך אַ ייד!

איז דאָ אויפן אָרט אַ קליינע דיגרעסיע וועגן וווּקס פון אַנטי־סעמיטיזם אין פראַנקרייך אין די 1880־קער יאָרן, און די אַנטיסעמי־טישע כוואַליע האָט זיך דאַן פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע. אין 1882 איז שוין געווען דער ערשטער אַנטיסעמיטישער צוזאַמענפאָר, — אַ פרווו צו פאַראייניקן די אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען פון אַלע לענדער, און דאָס נאָך איידער עס איז אַריין אין קורס דער טערמין אַנטיסעמיטיזם, באַנוצט דורך אַ געוויסן מאַר אין 1879. (ער האָט אין דייטשלאַנד דאַן אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל אונטערן קעפּל „אַנטי־סעמיטישע העפטן").

ווידער אין פראַנקרייך איז געהאַט דערשינען אַ גאַסן־פּאַמפלעט פון אַ געוויסן עדואַרד דרימאָן „לאַ פראַנס זשויוו" (דאָס יידישע פראַנקרייך), פול מיט פאַלסיפיקאַציעס און ווילדע סענסאַציעס וועגן דער הערשאַפט פון יידישן קאַפּיטאַל איבער פראַנקרייך („די ראָט־שילדס"). זיין פאַרגיפטעטע „פרי" האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג, און זייענדיק פאַרשיכורט פון זיין דערפאָלג, האָט ער ווי דער וואָרטזאָגער פון אַנטיסעמיטיזם אין פראַנקרייך, אָנגעהויבן אויך אַרויסגעבן זיין גאַסנבלעטל „ליבר פאַראָל" (דאָס פרייע וואָרט) מיט ווילדע אינסי־נואַציעס און סענסאַציעס וועגן יידישן קאַפּיטאַל וואָס זאָל האָבן דערפירט צו די דעמאָלטיקע גרויסע פינאַנץ־קראַכן און אינדוסטריעלע קריזיסן.

בלי ספק, אַז דרימאָנס אַנטיסעמיטישע שמירעכצן האָבן אין פראַנקרייך צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער היסטאָרישער גרויסער דרייפוס־אַפערע. און אין אונדזער צייט האָט נאָך די היטלער־געבעלס נאַציסטישע פראָפּאַגאַנדע אויסגענוצט דעם מאַטעריאַל פון דרימאָנס „ליטעראַטור" וועגן „יידישן סינדיקאַט" וואָס קאָנטראָלירט פראַנקרייך און אייראָפּע. דרימאָן האָט נישט נאָר דורך שריפט נאָר אויך בעל־פה פאַרשפּרייט זיין אַנטיסעמיטישע סחורה, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין די רעגירונגס־קרייזן און געשאַפן דעם גינסטיקן באָדן פאַר אַ סענסאַציע־פּראָצעס: אַ ייד פון אַ הויכער מיליטערישער ראַנגע — אַ דייטשער שפּיאָן!

די יידן אין פראַנקרייך, אויפגעשוידערט און פאַרשעמט, וואָס איינער פון זיי איז געוואָרן אַ פאַררעטער — האָבן געשוויגן. דער ענין האָט אָבער נאָר בעת מעשה אויפגערודערט דאָס לאַנד און שפּעטער אַראָפּ פון דער עפנטלעכער סצענע. אַפילו די וואָס זענען שפּעטער געוואָרן די אונטערשטיצערס פון דער „קאַמפּיין צו רעווידירן דעם דרייפוס־פּראָצעס" האָבן אויך לכתחילה געשוויגן, אַ חוץ, נאַטירלעך, די פרוי און דער ברודער פון אַלפרעד דרייפוס. עס האָט געשוויגן אויך דער וואָס איז שפּעטער געשטאַנען בראש פון דער באַוועגונג צו רעווידירן דעם פּראָצעס — מאַיאָר פּיקאַר. ער האָט בייגעוווינט דעם פּראָצעס, געהערט ווי דרייפוס דערקלערט זיין אומשולד און נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיין דערקלערונג. פּיקאַר האָט בכלל גאָר נישט געהאַט קיין גוטע באַציאונג צו יידן און געבראַכט עס צום אויסדרוק אויך שפּעטער, שוין נאָך דרייפוסעס באַפרייאונג פון „טייוולס אינדזל".

אין 1895 איז מאַיאָר זשאָרזש פּיקאַר נאָמינירט געוואָרן אָנצופירן מיט דער דערמאָנטער „סטאַטיסטישער סעקציע" און צווישן אַנדערע האָט ער אָנגעהויבן איבערקוקן דעם ענין דרייפוס. פּשוט געזוכט אַ מאָטיוואַציע פאַר זיין באַגאַנגענעם גרויסן פאַרברעכן. לכתחילה האָט מאַיאָר פּיקאַר אויך חושד געווען נאָך איינעם אַ פאַררעטער, אָבער ווען ער האָט געקראָגן אַ מוסטער־בריוו פון מאַיאָר עסטערהאַזי, אַ פּיעכאָטע־אָפיציר, תמיד פאַרבאָדן אין חובות, האָט פּיקאַר דערקענט די אידענטישקייט צום געפונענעם דאָקומענט פון מיסט־קעסטל. ס'איז נאָר געווען אַ פאַטאַלער צופאַל וואָס עסטערהאַזיס האַנטשריפט איז געווען ענלעך צו דרייפוסעס.

און דאָ איז פאָרגעקומען אַזאַ זאַך: די אָנפירערשאַפט פון דער „סטאַטיסטישער סעקציע" האָט אָנגענומען אַז עסטערהאַזי קען אויך זיין שולדיק, אָבער נישט אַז דרייפוס איז אומשולדיק. ווייזט אויס אַז די אָנפירערשאַפט פון דער סעקציע איז נישט געווען צופרידן מיט פּיקאַרס צופיל פאָרשונג פון דרייפוס־ענין און זי האָט זיך באַמיט אָפּצו־

האָקן זיין קאַריערע. עס איז איר געלונגען מען זאָל פּיקאַרן איבערשיקן גאָר קיין טוניסיע. ער האָט ביים געזעגענען זיך אַ זאָג געטאָן: „איך וועל מסתמא מיט זיך טראָגן דעם סוד אין קבר אַריין"... ער האָט אָבער געלאָזן ביי זיין אַדוואָקאַט אַ געהיימען באַריכט פון זיינע אַנטדעקונגען אין דער אויספאָרשונג („טאָמער געשעט עפּעס מיט מיר").

די הויכע אַרמיי־אָפיצירן און צווישן זיי מאַיאָר אַנרי, וואָס האָבן זיך אַזוי שטאַרק אַנגאַזשירט אין פאַראורטיילן דרייפוסן, האָבן זיך נאָך „געקלוגט" איבערצוזאָלצן די שולד־באַווייזן קעגן אים בכדי דער פאַררעטער זאָל זיך נישט אַרויסדרייען פון זייערע הענט. עס האָט אויסגעזען אַז זיין אורטייל איז זען ענטגילטיקער און מיט דעם פאַרענדיקט זיך דער ענין דרייפוס. אָבער זיין ברודער האָט נישט גערוט און סוף 1897 האָבן אָנגעהויבן פּלאַצן די נעט פון דער פאַרסטריגע־וועטער אַפּערע: אין גאַס האָט זיך פּלוצים באַוויזן אין פאַרקויף אַ סעריע קאָפּיעס פון דעם געפונענעם דאָקומענט. מאַטיע דרייפוס האָט אָפּגעדרוקט אין „פיגאַראָ" אַ פאַקסימיליע פון פאַרקויפטן דאָקומענט אויפן מאַרק און פון אַן אַלטן בריוו פון עסטערהאַזין צו זיינס אַ געליבטער, ווו ער זאָגט איר ווי אַזוי ער וואָלט געוואָלט שטאַרבן. דאָס איז געווען אַן עקספּלאָזיע, וואָס האָט פּלוצים אויפגעריסן די שטילקייט אַרום דרייפוסעס שמאַכטן אויפן „טייוולס אינדזל"

קלעמאַנסאָ האָט אין שייכות מיט דעם, אָנגעהויבן דרוקן אַ סעריע אַרטיקלען אין וועלכע ער פאָדערט אויף אַ רעוויזיע פונעם דרייפוס־פּראַצעס. מען האָט צוליב דעם פּיקאַרן אַרויסגערופן פון טוניסיע, אָבער נאָר ווי אַ פאַרדעכטיקער, צו זיין אין קאָנטאַקט מיט די א"ג דרייפוסאַרן (די וואָס האָבן געגלויבט אַז דרייפוס איז אומשולדיק). דאָס האָט עסטערהאַזי אונטערגעשטעלט אַ „פיסל" קעגן פּיקאַרן, און ווייסנדיק אַז ער האָט די שטיצע און צוטרוי פון קריגס־ביוראָ, געפאָדערט אַ געריכט ריינצוואַשן זיין נאָמען פון דער באַשולדיקונג אין „פיגאַראָ".

אָנהייב 1898 איז פאָרגעקומען עסטערהאַזיס פּראָצעס און ער איז אַרויס פולשטענדיק ריינגעוואַשן. גלייך נאָך דעם איז מאַיאָר פּיקאַר אַרעסטירט געוואָרן און איינגעזעצט אין אַ באַוווסטער פעסטונג. דאָ איז געקומען עמיל זאָלאַ מיט זיין באַרימטן מאַניפעסט־אויסגעשריי: דזשאַ׳קיז (איך באַשולדיק!) און גלייך נאָך דעם, דער ערשטער טייל פון אַ „פּעטיציע פון אינטעלעקטואַלן" וואָס פאָדערן אַ רעוויזיע פון דרייפוס־ענין.

מאַרסעל פּרוסט, וואָס איז נאָך דאַן געווען אַן אָנפאַנג שרייבער, איז געגאַנגען צו אַנאַטאָל פראַנסן ער זאָל אויך אונטערשרייבן די פּעטיציע. געטראָפן אים ביי מאַדאַם אַרמאַן, ווו ער איז געווען אַ

בן־בית. זי האָט אַ געשריי געטאָן ער זאָל נישט געבן זיין נאָמען, און אַנאַטאָל פראַנס האָט אַ פרעג געטאָן פּרוסטן: — ווילסטו, הייסט עס, אונדז אַלעמען אַריינפּאַקן אין תפיסה?... אָבער ער האָט אונטער־געשריבן.

אין יענער צייט האָט דער שוין פריער דערמאָנטער דרימאָן געשטורעמט אין זיין גאַסן־בלעטל קעגן „יידישן סינדיקאַט" און פאַר־בונדן דעם ייד יוסף רענאַש (און זיינע איינפלוסן אין די הויכע פענצטערס), מיט דרייפוסן; באַשולדיקט דעם מיניסטעריום אונטער רענאַשס ווירקונג פאַר האָבן אַזאַ צוטרוי צו יידן און באַשטימען זיי אויף געהיימע און הויכע פּאָזיציעס.

פּרוסט האָט זיך מיט דרימאָנען געטראָפן אין די הייזער, ווו ער איז אַריינגעקומען, באַמערקט ער וועגן דרימאָנס גרויסער, שוואַרצער באָרד, וואָס האָט דעם גרויסן רעאַקציאָנערן אַנטיסעמיט צוגעגעבן פייער בעת זיין רעדן. ער האָט זיינע פייערדיקע פיילן געוואָרפן אויף דעם „פינצטערן" סינדיקאַט אונטער דער אָנפירונג פון ייד יוסף רענאַש צו רואינירן פראַנקרייך און אונטערגראָבן די פראַנצויזישע אַרמיי. און אַזעלכע ווי פּיקאַר און זיינע מיטהעלפערס זענען מיטגלידער־אַגענטן פון דעם „סינדיקאַט" אַרום דער יידישער „קאָנספּיראַציע".

די לופט אין פראַנקרייך איז געווען פאַרפעסטעט פון די אַנטי־סעמיטישע באַצילן, און אַרום דרייפוסן איז פאַרגעקומען די צעשפּאַל־טונג אין דער לענג און ברייט פון לאַנד: דרייפוסאַרן און אַנטי־דרייפוסאַרן. די סאַלאָנען האָבן געזשומעט מיט אַנטיסעמיטיזם. אמת, געווען אַ ריי אויסנאָמען, וואָס זענען געוואָרן די זאַמל־פּונקטן פון די דרייפוסאַרן. די גאַנצע פראַנצויזישע געזעלשאַפט האָט זיך געטיילט אויף צוויי לאַגערן. עס איז געוואָרן דער שלאַכטפעלד צווישן די סאָציאַליסטן מיט זשאַן זשאָרעס בראש קעגן די קאָנסערוואַטיוון; צווישן דער אַרמיי און ציווילע; צווישן סעמיטן און אַנטיסעמיטן.

עמיל זאָלאַס מאַניפעסט־באַשולדיקונג האָט געצילט אַז די רעגירונג זאָל אים באַשולדיקן, פאַרפירן אַ פּראָצעס, וואָס וועט דער־מעגלעכן זאָלאַס אַדוואָקאַטן אַרויסצוברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט דעם גרויסן שווינדל מיט די אַלע פעלשונגען, וואָס די אַנטי־דריי־פוסאַרן האָבן צוגעגרייט פאַרן געריכט.

אָבער בעת זאָלאַס פּראָצעס האָבן די ריכטערס (מסתמא, לויט אָנמערקונגען פון די „הויכע פענצטער") זיך באַמיט מ׳זאָל נישט דערמאָנען די דרייפוס־אַפערע. דאָך האָבן געמוזט אַרויסשווימען אַ ריי פאַקטן בנוגע דעם צוגאַנג פון דער דרייפוס־פאַרשונג, און אַז זייער וויכטיקע באַווייזן לטובת אים זענען אויסבאַהאַלטן געוואָרן פון זיין פאַרטיידיקונג. עס איז אויך אויפגעדעקט געוואָרן אַ נייער גע־פעלשטער בריוו פון דעם איטאַליענישן מיליטערישן אַטאַשע, ווו ער

שרייבט צו שוואַרצקאָפּן, און בעט אים צו מעלדן אַז „מיר האָבן גאָר נישט געהאַט צו טאָן מיט דעם ייד" (די פעלשונג איז געמאַכט געוואָרן דורך דעם מאַיאָר אַנרי, באַוווּסט ווי „פוקס־אַנרי").

פרוסט וואָס איז בייגעווען אויף זאָלאַס פראָצעס, האָט אים שטאַרק באַוווּנדערט. ער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר דער געמיינער רכילות מצד דער אַרמיי־אָנפירערשאַפט און געזאָגט: „איך האָב געוווּנען מער נצחונות מיט מיין שרייבן, ווי די גענעראַלן, וואָס טוען מיך באַליידיקן".

אינעם צענטער פון פראָצעס איז געווען פיקאַר, דער א"ג „מלאך פון דער רעוויזיע", וואָס האָט פאַרן געריכט דערציילט קליפּ און קלאָר וואָס ער האָט אַנטדעקט בעת זיין אויספאָרשן דעם גאַנצן ענין. זיינע דערקלערונגען האָבן אַרויסגערופן גרויס שטוינונג אין געריכט.

פרוסט באַשרייבט אויך פיקאַרן, אָט דעם העראָיִשן אָפיציר וואָס האָט דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַזאַ העלדישן מוט אַרויסצוטרעטן אין דער פאַרטיידיקונג פון דרייפוסן, איינגעשטעלט זיין קאַריערע און לסוף נאָך באַצאָלט מיט טורמע.

דער אויסגאַנג פון זאָלאַס פראָצעס איז דעצידירט געוואָרן דורך מלכות. דער פראַנצויזישער פעלדמאַרשאַל האָט געדראָט צו דעמיסיאָנירן אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב, אויב מען וועט אָנהייבן איצט קוועסטיאָנירן די אויטענטישקייט פון (געפעלשטן) דאָקומענט. עס איז געווען אַ קאָנפראָנטאַציע צווישן אמת מיט דער „ערע" פון דער אַרמיי, און די לעצטע האָט געזיגט... דער פראָקוראָר האָט אַרויסגעלייענט פון עמיל זאָלאַס „דזשאַקיז" די שורות, ווו ער רעדט וועגן די אָפיצירן וואָס האָבן ריינגעוואַשן עסטערהאַזין: „דער פעלד־געריכט איבער קאַפּיטאַן דרייפוס איז אפשר געווען אַ נישט אינטעליגענטער, אָבער דער עסטערהאַזי פעלד־געריכט איז געווען אַ קרימינעלער". זאָלאַ איז פאַר דעם פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ יאָר טורמע און אַ גרויסע געלט־שטראָף. ער האָט געמאַכט אַן אַפּעלאַציע און ווידער פאַרשפּילט. דאַן האָבן זיינע פריינד אויסגעאיבט אויף אים אַ דרוק ער זאָל אַנטלויפן קיין ענגלאַנד, ווו ער איז פאַרבליבן 18 מאָנאַטן ביז עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַן אַלגעמיינע אַמנעסטיע אין לאַנד.

וועגן דער צעשפּאָלטנקייט אין לאַנד אַרום דרייפוסן באַווייזט אַזאַ מערקווירדיקער פאַקט: מאַרסעלס פאָטער, פּראָפעסאָר אַדריאַן פרוסט, האָט אויפגעהערט צו רעדן מיט זיינע בײדע זין, מחמת זייער איינשטעלן זיך פאַר דרייפוסעס אומשולד. די יידישע מאַמע האָט געמוזט לאַווירן צווישן מאַן, דעם פאַרביסענעם אַנטי, און די קינדער — די פּראָ־דרייפוס. ווען די פּראָפעסאָרן פון דער סאָרבאָנע האָבן געזאַמלט אונטערשריפטן אויף דער פּעטיציע צו רעווידירן דעם פּראָצעס, האָט

פּראָפעסאָר פּרוסט נישט נאָר זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן, נאָר האָט באַלײדיקט נאָך מיט ווײַזן גלייך די טיר דעם קאָלעגע...

דער דערפאָלג פון דער פּעטיציע איז נאָר געווען אין דער צאָל אונטערגעשריבענע אינטעלעקטואַלן (אין איין חודש איבער דרײַ טויזנט). און מען דאַרף בײַ דעם געדענקען, אַז די וואָס האָבן אונטערגעשריבן האָבן ריזיקירט מיט זייערע פּאָזיציעס אין אַקאַדעמישן לעבן. אָבער זייער ליבעראַלער הומאַניזם האָט דיקטירט דעם געוויסן זייערן צו נעמען אָט די ריזיקע פון זייער פּערזענלעכער צוקונפט.

די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אָבער מיט גרויס עקשנות נישט דערלאָזט צו אַ רעוויזיע (פון דרייפוס־פּראָצעס), מורא האָבנדיק אַז די רעגירונג קען צוליב דעם פאַלן. דעריבער טאַקע האָט די גאַנצע רעאַקציע זיך אײַנגעשפּאַנט אין דער אַנטידרייפוסאַדע. אין קאָן איז דאָך געשטאַנען צו פאַרלירן איר השפעה אין לאַנד.

האָבן זיי דעריבער אַלע: די אַרמיי, די קירכע, מיט די אַנטיסעמיטן און נאַציאָנאַליסטן פון כל המינים, זיך אײַנגעשפּאַנט אין דער קאָנספּיראַציע קעגן אמת, קעגן יעדן ברעקל וואָר לטובת דרייפוסן. די קאָנפראָנטאַציע צווישן די צוויי קעגנזײַטלעכע בלאָקן איז געווען אין דער גאַנצער פּיראַמידע־סטרוקטור פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט. פון די „סאַלאָנען" ביז די ברייטסטע פאָלקס־שיכטן. די אַנטי־דרייפוסאַרן האָבן געלאָזט קורסירן די ווילדסטע קלאַנגען און בילבולים וועגן דעם „שפּיאָן דרייפוס". וועגן „בריוו" וואָס ער האָט געשיקט צום דײַטשן קייזער און זײַנע ענטפערס צום שפּיאָן. עס איז געווען אומזין געכפּלט אויף רשעות. איז דען געווען מעגלעך צונאָגלען צום וואַנט די טיפּשות, אַז אימפּעראַטאָרן פירן נישט קיין קאָרעספּאָנדענץ מיט זייערע שפּיאָנען? אַז דאָס אַלץ זענען אויסגעטראַכטע נאַרישע בבא מעשיות?

בעת היסטעריע האָט דאָך אָבער נישט קיין באַטייט קיין שום ראַציאָנאַל. אָבער די ווילדע מעשיות האָבן כסדר קורסירט ווי „אייזערנע באַווײַזן" פון זײַן פאַרראַט. אגב, זענען די „בריוו" קיין מאָל נישט געוויזן געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט, זיי האָבן נאָר „שפּאַצירט" דורך דער פּאַנטאָפל־פּאָסט.

פּרוסט ברענגט אַ רײַ „בלימעלעך" פון דעם „שמעקעוודיקן" בוקעט. ער דערציילט פון די סאַלאָנען ווו ער האָט פאַרקערט. למשל, פון מאַדאַם שטראַוס, ווו עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן די ערשטע פּעטיציע פאַר דרייפוסן. איר סאַלאָן האָט צוליב דעם פאַרלוירן שטאַם־געסט. אַזוי אויך בײַ דער מאַדאַם אָבערגאַ. ווען די פרויען פון דער „געזעלשאַפט" האָבן איר שטעכיק אַ פרעג געטאָן: — וואָס טוסטו וועגן דײַנע יידן? — איך האַלט זיי אָן, האָט זי זיי צוריקגעשטאָכן. און ווען זי האָט שפּעטער באַקומען קענסער אויפן צונג, האָבן אירע

שונאים געזאָגט אַז זי איז „באַשטראָפט" געוואָרן מיטן צונג אירן וואָס האָט געזינדיקט... עמיל זאָלאַ איז דעמאָלט אויסגעשטראָכן געוואָרן פון דער „ליגע פון ערע". פּרוסט גיט אים אָפּ אַ גרויסן שבח און אויך יוסף רענאַשן, וואָס האָט אומדערשראָקן געאַרבעט פאַר דער רעוויזיע. זשאַן זשאָרעס האָט אויף גרויסע מיטינגען געשטורעמט קעגן די אַנטיס. ער האָט פלאַמיק געוואָרפן די לאָזונג: „אונדזער שטימע איז די שטים פון גערעכטיקייט און שכל הישר".

דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען פוןביידע זייטן באַריקאַדע (אַ חוץ ביי די וואָס זענען געבליבן זיצן אויפן „פּלויט"). אַנאַטאָל פראַנסן האָבן אַנטיסעמיטישע זשורנאַליסטן באַצייכנט מיטן עפּיטעט „מאַנזשור פּרייסן"... פּרוסט האָט דאָס פאַרצייכנט און מיט אייפער נאָכגעפאָלגט די אַלע געשעענישן אַרום דער דרייפוסאַדע.

פּלוצעם איז דער נייער קריגס-מיניסטער געקומען מיט נייע דאָקומענטן, „צעשמעטערנדיקע באַווייזן" קעגן דרייפוסן. פּיקאַר האָט זיי גלייך געשטעמפּלט ווי פעלשונגען און איז דערפאַר תיכף אַרעס־טירט געוואָרן (שוין צום צווייטן מאָל). אָבער דאָ איז געשען אַ ווירקלעכע גרויסע סענסאַציע: דער מאַיאָר אַנרי („פוקס אַנרי") איז גערופן געוואָרן צום ערשטן מאָל אויף אַן אויספאָרשונג אין גענעראַל־שטאַב. אַן אָפיציר האָט ביים איבערקוקן דרייפוסעס אַקטן געזען אַז צוויי פון די דאָקומענטן זענען געמאַכט געוואָרן פון פאַרשידענע פראַגמענטן אויף אַ פּאַפּיר מיט אַזעלכע מאָדנע צייכנס. ס׳איז קלאָר געוואָרן אַז זיי זענען געפעלשטע.

פון דעם האָט געמוזט זיין דער איינציקער אויספיר (וואָס האָט זיך באַשטעטיקט), אַז דער וואָס האָט עס געמאַכט האָט נישט געקענט זיין קיין אַנדערער, ווי פּיקאַרס פאַרטרעטער פון דער „סטאַטיסטישער סעקציע" — מאַיאָר אַנרי. דער קריגס־מיניסטער האָט אים געצוווּנגען זיך מודה זיין און ער איז גלייך אַרעסטירט געוואָרן. אויף צו־מאָרגנס האָט מען אים געפונען אין זיין טורמע־קאַמער מיט אַן איבערגעשני־טענעם האַלדז (דורך אַ בריטווע).

ווען עסטערהאַזי האָט געזען אַז די שפּיל איז שוין אַן אָפענע איז ער אַנטלאָפן פון לאַנד. די מיליטערישע באַשולדיקערס האָבן צערייצטע דעמיסיאָנירט און די רעגירונג האָט לית־ברירה איצט געמוזט שוין באַשטימען אַ רעוויזיע פון דרייפוס־פּראָצעס, נאָר אַזוי מאַנעווורירט עס זאָל זיך לאַנג פאַרשלעפּן. דער ענין איז איבערגעגעבן געוואָרן צום „קרימינעלן אַפּעלאַציע־געריכט" וואָס האָט געפאָרשט עטלעכע חדשים. ווען עס איז קלאָר געוואָרן אַז דאָס געריכט וועט מסתמא דאַרפן אים רעהאַביליטירן, זענען די פאָרשונגען איבערגע־טראָגן געוואָרן צו די „פאַראייניקטע אַפּעלאַציע־געריכטן", וואָס האָבן ווידער גענומען פאָרשן די אַלע „אייזערנע" באַווייזן קעגן דרייפוסן.

אַזוי האָט זיך געשלעפּט די פּראָצעדור ביז מאַי 1899. עס איז דער אויספאָרשונג נישט געלעגן אין דער לינקער פּיאַטע וואָס דרייפוס שמאַכט שוין איבער פיר יאָר אויפן „טייוולס אינדזל״! און אפשר האָבן די ריכטערס געטראַכט, אַז דערווייל, ביז ער וועט דערלעבן שוין די נחמה וועט אים אויסגיין די נשמה... און דאַן וועט זיין דער סוף פון דעם ענין דרייפוס.

אויך פאַר פּיקאַרן איז איצט געווען אַ גאַר גרויסע סכנה. די אַרמיי האָט אויסגעאיבט אַ דרוק ער זאָל געשטעלט ווערן פאַר אַ קריגס־געריכט, הגם ער איז שוין דאַן געווען אין ציוויל און געדאַרפט שטיין נאָר פאַר אַ ציווילן געריכט. פּיקאַרס פריינד האָבן דעריבער מורא געהאַט פאַרן קריגס־געריכט איבער אים, עס זאָל נאָך דעם שוין זיין נישט אײן מאַרטירער אויף דער שווידערלעכער פאַרשיקונג, נאָר צווי... מען האָט פּיקאַרן אַפילו פאַרווערט צו פאַרשטענדיקן זיך מיט זיין אַדוואָקאַט, וואָס האָט באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ נייע פּעטיציע פון אינטעלעקטואַלן.

דאָס מאָל האָט שוין אַנאַטאָל פראַנס זיך פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן און זיך געוואָנדן צו פּרוסטן און צו די „סאַלאָנען״ נאָך מיטהילף. עס זענען אין דער צווייטער פּעטיציע געווען נישט וויניקער פּראָמינענטע ווי אויף דער ערשטער און צווישן זיי אויך פון אַקטיאָרן מיט סאַראַ בערנהאַרדט (די באַרימטע אַקטריסע) בראש. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פראַנצויזישער סטודענטנשאַפט אין יענער צייט, וואָס סטודענטן פלעגן זיך יעדן אָוונט גרופּירן אַרום דער טורמע ווו ס׳איז געזעסן פּיקאַר און ער האָט אין זיין קאַמער געקענט הערן די אויסרופן: „זאָל לעבן פּיקאַר״. ער איז געזעסן בערך אַ יאָר אין טורמע פאַרשפאַרט. זיין ענין איז אויך בכוונה פאַרשלעפּט געוואָרן אין די קאַנצעלאַריעס.

די צווייטע פּעטיציע האָט געטיילט דעם גורל פון דער ערשטער. דער נאַציאָנאַליסטישער אַנטי־דרייפוס בלאָק האָט טראַץ מאַיאָר אַנריס זעלבסטמאָרד נאָך אַלץ נישט געוואָלט דערלאָזן צו אַ רעוויזיע פון דער אַפּעריע. זייער לאָזונג איז געווען: אַנריס פעלשונגען זענען געווען צוליב זיין הויכן פּאַטריאָטיזם, דער „פאַררעטער״ זאָל זיך נישט אַרויסדרייען... דעריבער האָבן זיי גאַר אָנגעהויבן אַ „פּאַטריאָטישע זאַמלאַקציע פאַר פּולקאָווניק אַנריס פרוי״, וואָס איז נעבעך געבליבן אַן אַלמנה. גאַנץ שנעל האָבן זיי אויפגעזאַמלט אַ גאַר גרויסע סומע פאַר איר און אויך געזאַמלט אונטערשריפטן אויף אַ קאָנטראַ־אַטאַקע מיט אַ פּעטיציע צו דער רעגירונג צו פאַרטיידיקן פראַנקרייך פון אירע שונאים.

צווישן די באַשטייערטע און אונטערגעשריבענע זענען געווען די

רעאַקציאָנערן מכל המינים, אַ טייל פון די סאַרבאָנע פּראָפעסאָרן, פון פּראָטעסטאַנטן, קאַטאָליקן, בכלל פון די אַלע פינצטערע רעאַק־ציאָנערן אין לאַנד וואָס זענען אין לויף פון די וויטערדיקע יאָרן געוואָרן דער יסוד פון פאַשיזם אין פראַנקרייך. זיי האָבן געדראָט מיט שווערע קאָנסעקווענצן פאַר אַנריס טויט, אַפּלאָדירט זיינע מעשים („ווי די הערלעכסטע פון קריג”). בעיקר: ביי זיי האָט זיך אויף קיין האָר נישט געמינערט דרייפוסעס שולד.

די וואָס האָבן געקעמפט פאַר דרייפוסעס פרייהייט און רעהאַ־ביליטאַציע האָבן בולט געזען אַז דער פּרעזידענט הערט נישט אויף מיט אַלע מיטלען צו בלאָקירן זייערע באַמיאונגען צו געפינען גערעכ־טיקייט פאַר דרייפוסן. דאָס האָט נאַטירלעך אַרויסגערופן אַ געוויסע דעפּרעסיע. זענען דאָך אָבער דאָ אויך אין לעבן פאַרפאַלן וואָס ענדערן סיטואַציעס, איז דאָס געשען אויך פּונקט אין דער צייט וועגן וועלכער מיר רעדן.

עס האָט פּאַסירט אין אַ געוויסן טאָג בעת די מאַדאַם סטעינהעיל איז געווען אין פּאַלאַץ פון פּרעזידענט, פאָאָר, האָט זי פּלוצים אַרויס־געלאָזט אַ יאָמערלעכן געשריי פון זיין קאַבינעט, ווען זיין סעקרעטאַר איז אַריין האָט ער געטראָפן דעם פּרעזידענט ליגן מיט אַ מוח־אויסגוס אין אַ קאָמאַ (הינערפלעט). נעבן אים איז געשטאַנען אַ נאַקעטע זיין באַגלייטערין . . .

איז וואָס האָבן אויך דאַן געשריבן די נאַציאָנאַליסטיש־פאַרסמטע צייטונגען? — דאָס איז אַ ידישע פאַרשווערונג! און אויפגעמישט אַזש די תנ״ך געשיכטעס פון יהודית און דלילהן . . . אָבער דער שוין דערמאָנטער קלעמאַנסאָ האָט זיי אָפּגעענטפערט נאָך מער ברוטאַל: „פעליקס פאָאָר (דער פּרעזידענט) איז טויט. אָבער ס׳איז נישט געוואָרן (מיט דעם) מיט קיין מענטש ווייניקער אין פראַנקרייך . . . נאָר איצט האָט זיך געשאַפן (אַ לייזיקער פּלאַץ) פאַר אַ גוטער סיטואַציע”. דערביי האָט ער אָנגערופן אַ נאָמען פאַר אַ קאַנדידאַט (לובעט) וואָס איז טאַקע געוואָרן אויך אויסגעוויילט אַלס נייער פּרעזידענט.

די אַנטי־דרייפוסאַרן האָבן געזייט שינאה צום נייעם פּרעזידענט, געפּרוּווט אַפילו אַרויסרופן אין לאַנד אַ בהלה, שאַפן אַ מיליטערישע דיקטאַטור, און עטלעכע טעג איז דאָס לאַנד געווען אין אַ צושטאַנד פון כאַאָס און רעוואָלוציע. די העצערישע נאַציאָנאַליסטן און אַנטי־סעמיטן האָבן כסדר אַטאַקירט דעם נייעם פּרעזידענט, און ס׳איז דאָך כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם כוח פון דער אַרמיי אין יענער צייט, אַז אַט דער מיליטערישער אָנפירער, וואָס האָט געפּרוּווט שאַפן דאַן אַ מיליטערישע דיקטאַטור און דורכגעפאַלן — געוואָרן אַרעסטירט, באַשולדיקט אין גרעסטן פאַרראַט — איז אין גאַנצן שפּעטער באַפרייט געוואָרן!

אָבער לאָמיר דאָ זיך אומקערן צו דרייפוסן: די דעציזיע פון „פאַראייניקטן אַפּעלאַציע־געריכט" איז געווען — מאַכן אַ נייעם פּראָצעס. פּיקאַר איז שוין דאַן געווען באַפרייט פון טורמע, און דרייפוס איז צוריקגעבראַכט געוואָרן פון „טייוולס אינדזל" נאָכן אָפּפינצטערן 52 מאָנאַטן. ער איז צוריקגעקומען אין אַ שוידערלעכן צושטאַנד! זיין פּנים רואינירט פון מאַלאַריע. גערעדט האָט ער מיט גרויסע שוועריקייטן און ס'איז אים שווער געווען צו באַנעמען וואָס אַנדערע רעדן. אין זיין איזאָלירטקייט און אָפּגעשניטנקייט פון דער וועלט האָט ער נישט געוווּסט פון פּיקאַרן, פון זיין אַרעסט, און אויך נישט פון דער אָרגאַניזירטער אַקציע פאַר זיין באַפרייאונג. זיין אויסזען האָט געמאַכט אויף אַלע אַ שרעקלעכן איינדרוק. ער האָט אין געריכט נאָר דערקלערט: „איך בין אומשולדיק" און דאָס מיט אַ שטים וואָס האָט קיין קלאַנג נישט געהאַט.

דאָ האָט אָבער דרייפוסעס פאַרטיידיקער געמאַכט אַ טאַקטישן גרויסן פעלער מיט אַטאַקירן די אַרמיי צו וועלכער עס האָבן דאָך געהערט די ריכטערס, וואָס האָבן אים איצט באַהאַנדלט. זענען זיי מסתמא געקומען צום אויספיר אַז באַפרייען אים וועט באַטייטן אַ פאַראורטייל פאַר זייערע קאָלעגן פון אַ העכערער אינסטאַנץ. די ריכטערס זענען געווען צעטיילט: פינף קעגן אים און נאָר צוויי פאַר. קלאָר, אז דער אורטייל האָט שוין נישט געקענט זיין גינסטיק פאַר דריי־פוסן. אָבער קיינער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט אַז עס וועט זיין אַזאַ חרפּהדיקער און אַבסורדאַלער! וואָס האָט געזאָגט דאָס געריכט? דרייפוס איז „שולדיק אין העכסטן פאַרראַט, נאָר מיט געמילדערטע אומשטענדן". ער האָט באַקומען צען יאָר טורמע און ער זאָל דורכגיין אַ צווייטע דעגראַדירונג...

עס איז געווען ששון ושימחה ביי די אויפגעהעצטע נאַציאָנאַליסטן און אַן אויסערגעוויינטלעכע אויפרעגונג און טרויער ביי די דריי־פוסאַרן. די רעגירונג גופא האָט זיך אויך אַ ביסל געפילט אומבאַקוועם אין דער ניי־געשאַפענער לאַגע. געמיינט האָט זי אַז איצט וועט ענדלעך שוין נעמען אַ סוף צו דער דרייפוסאַדע, אָבער ביי דעם אורטייל, וועט זיך דאָך ווידער אָנהייבן מיט אַפּעלאַציעס, פּעטיציעס און אַ מיליטערישער טריבונאַל וועט אים דאָך ווידער פאַרמישפּטן — עס וועט זיין אַ מעשה אָן אַ סוף! האָט זי פאַרגעלייגט צו פאַרהענגען זיין אורטייל און מיט דעם פאַרענדיקן די קאַמפן צווישן בײדע לאַגערן.

פאַר די דרייפוסאַרן איז דער קאָמפּראָמיס געווען שווער צו דעצידירן. אָבער דרייפוסעס ברודער, מאַטיע, האָט עס יאָ אַקצעפּטירט מיטן לאָגישן מאָטיוו, אַז אַלפרעד דרייפוס וועט נישט קענען פיזיש און פּסיכיש נאָך אויסהאַלטן נייע פּראָצעסן באַגלייט מיט טורמעס. דאָס איז נישט מער פאַר זיינע כוחות. דעריבער: זאָל ער קומען צו

זיך אויף דער פריי, מיט אַ באַוואָרעניש ממשיך צו זיין דעם קאַמף פאַר זיין פולשטענדיקער רעהאַביליטאַציע דורך אַ געריכט.

פאַר קלעמאַנסאָן איז דער ענין פון דרייפוסן דאָך נאָר געזוען אַ מיטל פאַר זיין פּאָליטישן ציל, האָט ער געשטורעמט קעגן דעם חרפּהדיקן קאָמפּראָמיס. אויך די יונגע און מער היציקע דרייפוסאַרן האָבן זיך געפילט אַנטוישט און אָפּגענאַרט. אויך פאַר זיי איז דרייפוס געווען דאָך מער סימבאָל ווי דער פּאַקטישער לעבעדיקער מענטש. אַ האַלבער מת שוין געווען, און אין געריכט האָט ער אויסגעזען ווי מיט אַ טויט־מאַסקע אויפן פּנים.

די רעגירונג האָט אויך געמאַכט אַ טעות גלויבנדיק אַז דער ענין איז פאַרענדיקט שוין, בעת עס איז פּאַקטיש ווייטער נישט אַראָפּ פון סדר־היום אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט. אין די ליבעראַלע קרייזן האָבן די פּרויען ממש געוויינט נאָכן שענדלעכן אורטייל.

„ווי אַזוי האָבן זיי (די ריכטערס) געקענט אַזעלכעס טאָן?" — האָבן זיי זיך אַליין געפרעגט. און וואָס וועט מען אין אויסלאַנד איצט טראַכטן וועגן אונדז? דער רעאַקציאָנערער לאַגער האָט זיך נאָך געפרייצט מיט די יידישע באַקאַנטע, פרעגנדיק זיי: „וואָס וועט איצט טאָן דער (יידישער) סינדיקאַט?" ווי עס דערציילט מאַרסעל פּרוסט (וואָס האָט שוין דאַן געהאַט אַ נאָמען פון אַ שרייבער), — האָבן זיי טאַקע באמת געגלויבט אַז ס'עקזיסטירט אַ געהיימע מיסטישע יידישע געזעלשאַפט פון „פרימאַסאָנען", אַטעאיסטן און אַז אַלע קעגנערס זייערע, די דרייפוסאַרן, מיט פּרוסטן בתוכם, געהערן צו אָט דער מיסטישער געזעלשאַפט.

אָבער צוריק צו דרייפוסן. דער פּרעזידענט האָט נישט געוואָלט דערלאָזן מען זאָל אים שענדן און קריציקן צום צווייטן מאָל, האָט ער דעריבער אויך אַנולירט די צווייטע דעגראַדאַציע. דרייפוס איז דאַן (סעפּטעמבער, 1899) אַוועק וווינען צו זיין שוועסטער אויף דער פּראָווינץ, אויסצומיידן פאַרבעטונגען אין פּאַריז, וועלכע ער האָט נישט געקענט שוין איצט פאַרטראָגן. אגב, אַ גאַנץ טיפּישע אילוס־טראַציע, וואָס רעדט פאַר זיך... מאַדאַם שטראַוס האָט דרייפוסן באַגעגנט ערגעץ און זיך מיט אים גאָר פריינדלעך באַגריסט. אָבער צו אירע באַקאַנטע האָט זי געזאָגט: „אַ שאָד איז, וואָס מיר האָבן נישט געקענט אויסקלייבן עמעצן אַנדערש פאַר אונדזער אומשולדיקן..." געזאָגט האָט עס א יידישע פרוי אין וועמענס סאַלאָן עס איז כמעט געווען די הויפּט־ביוראָ פאַר דער באַפרייאונג זיינער.

אַ צוויט בלימעלע, וואָס איז גאָר אויסטערליש, אָבער כאַראַק־טעריסטיש פאַר דער באַציאונג אַפילו פון די וואָס האָבן געהערט צו דעם לאַגער פון די דרייפוסאַרן — ווי אַזוי האָבן אויך צווישן זיי געקענט זיך געפינען אַזעלכע ווי מאַדאַם ג.? איר פריינד איז געווען

דער דייטשער קייזער. האָט זי אים געשריבן און זיך אָנגעפרעגט, ער זאָל איר זאָגן בסוד, צי איז טאַקע דרייפוס געווען זיין שפּיאָן?...

אמת אַז דאָס איז נישט טיפּיש פאַר די פיל אַנדערע, אָבער עס זאָגט אַ סך... און בלויז נאָך איינעם, און אַ זייער פיינלעכן עפּיזאָד. מאַיאָר פּיקאַר, וואָס איז אין קאַמף פאַר דרייפוסעס אומשולד געזעסן אין טורמע, פאַרלוירן זיין ראַנגע און הויכע פּאָזיציע, האָט שוין בעת דרייפוס איז געווען אויף דער פריי, צוריק באַגייט זיין אומחן אויף ייִדן און עס אָנגעהאַלטן אויך לגבי דרייפוסן. ביים טרעפן זיך מיט אים האָט ער אים נישט געוואָלט געבן די האַנט...

אָבער די עפּיזאָדן געהערן צו די געציילטע אויסנאַמען, מחמת די גאַר גרויסע מחנה פון געוויסנהאַפטיקע, אויפריכטיקע פּראָגרעסיוון האָבן מענטשלעכקייט, הומאַנישקייט, געמאַכט פאַר זייערע הויכע עטישע ווערטן, פאַר וועלכע זיי האָבן געשטעלט אין קאָן זייערע הויכע פּאָזיציעס, צעריסן זיך מיט פריינד און באַקאַנטע פון דעם קעגנערישן לאַגער ביים איינשטעלן זיך פאַר דרייפוסעס אומשולד, און מיט אַקטיווע מעשים דערפירט צו זיין רעהאַביליטאַציע.

ביים פאָרשן די ליטעראַטור פון דער דרייפוסאַדע האָב איך זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם פיינלעכן געפיל ביים זען, ווי אַזוי אַ וועלט האָט זיך אָפּגערופן לגבי דעם גורל און לעבן פון איין ייִדישן יחיד דאַן, און ווי אַזוי לגבי אַ גאַנץ פאָלק אין אונדזער אוישוויץ־עפּאָכע!... וואָס פאַר אַן אַטראָפירונג איז פאָרגעקומען אין לויף פון יאָרן ביים טעכנאָלאָגישן פּראָגרעס און הומאַנישן רעגרעס...

אומקערנדיק זיך צום ענין דרייפוס, האָט זיין ברודער, מאַטיע, געהאַלטן וואָרט נישט צו רוען ביז זיין ברודער וועט נישט ווערן פולשטענדיק רעהאַביליטירט. ער האָט פאַר דעם געקעמפט און באַ־ווירקט די דרייפוסאַרן אָנצוגיין מיט דעם געראַנגל ביז אַ פולשטענדיקן נצחון. דאָס איז ערשט דערגרייכט געוואָרן אין יאָר 1906. פאָרגעקומען איז עס פאַר אַ גרויסער אוידיטאָריע אין דעם הויכן פּרעסטיזשפולן געריכט פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע, ווו דרייפוס און פּיקאַר זענען געוואָרן ריינגעוואַשן פון אַלע באַשולדיקונגען און באַקומען נאָך אַוואַנסירונגען.

בעתן ערשטן וועלט־קריג איז דרייפוס צוריק אַריין אין אַקטיוון מיליטער־דינסט און אין 1918 דערגרייכט צו דער ראַנגע פון אַ לייטענאַנט־גענעראַל. אַ יאָר שפּעטער באַקומען די אויסצייכענונג פון דער „ליגע פון ערע", פונעם זעלבן אָרדן, ווו עמיל זאָלאַ איז געוואָרן אויסגעשלאָסן מיט יאָרן פריער צוליב זיין איינשטעלן זיך פאַר דריי־פוסעס אומשולד, ווען ער איז אַרויס מיט זיין „זשאַקיוז".

דרייפוס איז געשטאָרבן אין עלטער פון 75 יאָר, אין 1935.

✶

גאָר מאַרסעל פּרוסט איז די היסטאָרישע דרייפוס־אַפערע מיט איר גאַנצער דראַמע געווען אַן אויסניכטערונג פון זיין פאַרבלענדקייט אין דער, אַזוי גערופענער, הויכער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער האָט געזוכט צו קלאַמערן זיך און נאָך אַרויפקלעטערן צו זייער אויבן־אָן...

בעת דעם פאַרלויף פון דער דרייפוסאַדע האָט ער ערשט דערזען אין דער פולער ליכט ווי אַ סך פון זיינע פריערדיקע גאַסטגעבערס, די פירשטן און פּרינצן, ווי ווייט זיי זענען פון דער פּאָעזיע אין וועלכער ער האָט זיי געזען, בעת ער האָט אַרויפגעקוקט צו זיי אין זיינע יונגע, נאַרישע יאָרן.

בעת די דרייפוס־יאָרן האָט ער זיי דערזען אָן מאַסקעס, אין זייער גאַנצער אוממענטשלעכקייט, וואָס זיי האָבן פריער פאַרדעקט מיט מאַסקעס און היפּאָקריזיע אין זייערע סאַלאָנען. ער האָט זיך אליין גע־מוסרט, געקלאַפּט זיך על חטא, פאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי געריסן צו אָט דער פוסטער און צביעותדיקער וועלט, אַן אויסגעליידיקטע פון דעם אַלעם, וואָס ער איז דאָרט געגאַנגען זוכן.

ער האָט די זינד זיינע אויסגעקויפט בעת דרייפוסעס מאַרטי־ראָלאָגיע מיט זיין אַקטיוויטעט („איך בין געווען דער ערשטער דריי־פוסאַרד, האָט פּרוסט געשריבן, מחמת איך בין געגאַנגען צו אַנאַטאָל פראַנסן נאָך אַן אונטערשריפט אויף דער פּעטיציע”).

אָבער בעיקר האָט פּרוסט אויסגעקויפט זיינע חטאת נעורים מיט זיין לעצטער ווערסיע פון זיין מאָנומענטאַלן ווערק, ווו ער האָט אויף אַ סך בריליאַנטישע זייטלעך אָפּגעשפּיגלט דעם אַנטיסעמיטיזם פון דער „הויכער געזעלשאַפט”, אַראָפּגעריסן אומברחמנותדיק זייער היפּאָ־קריזיע, ווייזנדיק זייער אמתן פּרצוף אָן קאָסמעטיק און שמינקע... אַוודאי האָט ער זיך געהאַט אָנגעטראָפן אויף אַנטיסעמיטיזם אויך ביי קלענערע ענינים, אָבער דאַן נאָך נישט געזען אין דער גאַנצער העס־לעכקייט זייערע פּנימער... ער האָט שאַרף רעאַגירט אויף פאַראורטיילן און געשריבן בריוו אויסצודריקן זיין וואַרעמקייט צו די וואָס האָבן פאַרטיידיקט יידן.

שפּריצן פון ליטעראַטור און לעבן

(מיניאַטורן)

„אַ נסיעה דורך טרערן“

פון די לעצטנס דערשינענע ביכער האָב איך אָפּגעקליבן דאָס בוך פון אַ כינעזערין טשאַו טשינג־לי, וועלכע דערציילט פון אירע איבער־לעבונגען אין כינע בעתן אַלטן רעזשים און פון איר ביטערער דערפאַרונג: פון קינדער־כלות און פאַמיליע־פאַרשקלאַפונג און די חבלי־לידה פון דער נייער מאַאָיסטישער כינע, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צו דער פּראַקטיק פון מענטשלעכער דעהומאַניזאַציע אונטערן אַלטן רעזשים. קען מען און מען דאַרף, מסתמא, נעמען מיט אַ ביסעלע זאַלץ די מעלות טובות פון נייעם סדר... אָבער וואָס מיך האָט יאָ אינטערעסירט איז איר שילדערונג פון דער שטייגערישקייט און מינהגים אין כינע, און צו ווען די ענלעכקייט פון געוויסע מינהגים און דייער שטייגערישקייט מיטן מזרח־אייראָפּעישן לעבנס־שטייגער.

זי איז געבוירן געוואָרן אין אַ כינעזישער פאַמיליע אין 1937. צו 13 יאָר איז זי פאַרקויפט געוואָרן חתונה צו האָבן מיט אַ זון פון אַ רייכן אינדוסטריעלער, צווי מאָל איר עלטער. צו 14 יאָר איז זי געוואָרן אַ מאַמע פון אַ זון און דאָס האָט אַ ביסל פאַרבעסערט איר מערכה ביי דער האַרצלאָזער פאַמיליע פון איר מאַן.

זי דערציילט, אַז אַזוי ווייט ווי 1940 איז נאָך אַלץ פּראַקטיצירט געוואָרן די טראַדיציע פון הרגענען אַ קינד, אויב ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע. דאָס זענען נאָך אויך געווען די ציטן, ווען קינדער פלעגן ביז רייפקייט דאַרפן מיטן קאָפּ אַראָפּ אָנרירן מיטן שטערן דעם דיל, ווי אַן אַקט פון דרך־ארץ צו די עלטערע אין שטוב.

זעט אויס, אַז טשאַו טשינג־לי איז נישט געווען קיין געוויינטלעך מיידל, מ׳זאָל מיט איר דיספּאָנירן, לויטן אָרטיקן שטייגער, ווי מיט אַ חרפּהדיקן מענטשלעכן אָפּפאַל...

בעת זי האָט זיך געראַנגלט מיט אירע עלטערן, ווי זאָלן איר דער־

לויבן אַ מוזיקאַלישע אויסבילדונג, איז איר באַליבטער עלטערער ברו־דער, טשינג־טשאַנג שוין געווען, געהיים, אַ קאָמוניסטישער רעוואָלוציאָנער.

האָבן מיר שוין פאַר זיך אַ כינעזישע פאַמיליע, וואָס איז „גע־טראָפן" געוואָרן פון צוויי מינים רעוואָלוציעס: אַ טאַלענטירטע מוזי־קאַלישע טאָכטער (זי איז שפּעטער געוואָרן אַ קאָנצערט־פּיאַניסטין. אַגב, איז זי אויך אַ שיינע), וועלכער מען האָט נישט געקענט אָפּ־זאָגן צו אַנטוויקלען איר מוזיקאַלישן טאַלאַנט, און אַ ראַדיקאַלן זון, אַ בונטאַר קעגן — אויטאָריטעט.

אין דער צייט האָט טשינג־לי אָנגעהויבן איר „אויף־דער־לער" צו זיין אַ ווייב. מען האָט איר אָנגעזאָגט: „היט דייך צונג, לאָך נישט צו שטאַרק, רעד ווייך, גיי מיט קליינע טריט".

איר איבערזיכטיקע שוויגער איז געווען קעגן איר זונס צו פיל צייט אָפּגעבן זיין ווייב במשך פון טאָג. פלעגט זי דעם זון דער־גיין די יאָרן: „האָסט די גאַנצע נאַכט צו זיין מיט איר צוזאַמען. וואָס גענוג איז גענוג! דאַרפסט זיין צופרידן וואָס כ'לאָז דיך שלאָפן מיט דיין ווייב אין דעם האַלטן דיין טיר אָפן". זי באַמערקט, אַז ס'איז געווען אַ מינהג, די מאַמע זיינע זאָל שלאָפן אין אַ נעבנדיקן צימער און זיין טיר זאָל זיין אָפן, בכדי דעם זונס לײדנשאַפט זאָל זיך נישט צופיל צעברויזן.

דאָס נייע כינע האָט געדאַרפט באַזייטיקן פיל פון אָט דער טראַדיציאָנעלער טיראַניע. דער אַלטער קאָנפוציאַניזם איז אויסגע־טוישט געוואָרן אויף פינף ליבעס, וואָס זענען אַרויף אויף זיין טראָן: — ליבע צום פאָטערלאַנד, צום פאָלק, צו אַרבעט, צו וויסנשאַפט, צום קהלישן אייגנטום.

אינטערעסאַנט, ווען מאַאָ האָט אַרויסגעגעבן זיין באַפעל (זי באַצייכנט עס: גזירה — „עדיקט") קעגן די פריער־אַראַנזשירטע, במילא, אויפגעצוווּנגענע חתונות, האָט זי, טשינג־לי, שטאַרק געווינט. דאָס איז געווען פונקט פינף חדשים נאָך איר אייגענער חתונה. אונטערן נייעם רעזשים האָט זי באַלד פאַרנומען איר פלאַץ ווי „אַן אינזשיניער פון דער נשמה" — אַזוי ווערן דאָרט באַצייכנט די מלו־כהשע קינסטלער.

טשינג־לי, אין הסכם מיט דעם טיטל פון איר בוך, שילדערט די אויסווירקונג פון איר ווייגען אין פיל פאַלן, בעת זי איז געווען קעגנעריש צו געוויסע זאַכן. זי באַמערקט איר אָפּענטפערן צו אַ מיט־גליד פון אַ קרייז „זעלבסט־קריטיק", ווען ער האָט זי באַשולדיקט, אַז זי וואָלונטירט נישט צו אַרבעטן אויפן לאַנד אין (איר) „פּראָ־צעס צו ווערן רעקאָנסטרואירט", וואָס מיינט: פטור ווערן פון „קינסט־לערס עגאָ־צענטרישקייט". שרייבט זי: „אויב כ'בין שוין יאָ גע־

צוווּנגען געווען צו גיין אַרבעטן אויפן פעלד, האָב איך, בלתי ספק, כמעט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין ווײנען".

ווײזט אויס, אַז איר דראָנג (צו ווײנען) האָט איר אַ סך ארויס־געהאָלפן! מען האָט זי באַפרייט פון פעלדאַרבעט, מחמת זי האָט גע־האַט טאַלאַנט נישט בלויז צו מוזיק, נאָר אויך צום ווײנען...

„דער פּערפעקטער דזשענטלמאַן"

אונטער דעם טיטל איז מיר לעצטנס אויסגעקומען צו לייענען אַ בוך פון דזשין ראָוז. נאָכן פאַרענדיקן דאָס לייענען קומט אויפן געדאַנק וועגן אָט די אויסטערלישע דערשיינונגען אין לעבן, וועלכע מען נעמט אָן פאַר צוגעטראַכטע בעת מען לייענט זיי אין בעלעט־ריסטישע ווערק. דאָך זענען זיי פאַרגעקומען אין רעאַלן לעבן דורך די משונהדיקע קאָמבינאַציעס און באַדינגונגען, וואָס דער מענטש־לעכער גורל פירט דורך אין לעבן.

לאָז איך איבער פאַרן לייענער צו פילאָזאָפירן וועגן אַזאַ אויס־טערלישן פאַל, ווי עס איז פאָרגעקומען מיטן דאָקטער דזשעימס באַררי. געווען איז ער אַ מיליטערישער דאָקטער אין דער ברי־טישער אַרמיי במשך פון 46 יאָר. אָנגעהויבן ווי אַ געהילף און גע־שטיגן אין לויף פון יאָרן צו דער צווייטער העכסטער ראַנגע, ווי דער הויפּט־אינספּעקטאָר אין דער בריטישער אַרמיי (פון דעם מע־דיצינישן דעפּאַרטמענט.)

געווען איז ער אַ ברילי‌אַנטענער כירורג און דיאַגנאָסטיקער, און זיין נאָמען איז געווען באַוווּסט ווי אַ קאַמפּיינער, אַן אומדערמידלעכער קעמפער קעגן די שמוציקע מעטאָדן, וועלכע זענען דעמאָלט בכלל געווען אין די שפּיטעלער (עס רעדט זיך דאָ וועגן דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט). דר. באַררי האָט דורך זיין לאַנגער מעדיציניש־מיליטערישער קאַריערע געפאָדערט שטרענג אָפּצוהיטן ריינקייט אין די שפּיטאָל־פּאַלאַטעס, יעדן טאָג טוישן בעטגעוואַנט, אָפּט איבערלייגן די באַנדאַזשן און אויפהאַלטן אַ געוויסן העכערן סטאַנדאַרד פון ריינקייט, ווי אַ מוז־זאַך אין אַ מעדיצינישער אינסטיטוציע.

פאַר אָט די, היינט עלעמענטאַרע, פּרינציפּן האָט ד"ר באַררי געקעמפט זיין גאַנץ לעבן. ער האָט געקעמפט קעגן דעם דעמאָלטיקן ברוטאַלן ווילקיר לגבי דעם עמך־מענטש אין דער אַרמיי, אָדער אי־נעם ציווילן לעבן: לגבי מצורעים, בעטלער, לונאַטיקער און אַרעס־טאַנטן (פון יענער צייט, וואָס ווערט באַצייכנט: די וויקטאָריע־עפּאָכע). אַ סך פון זיינע רעפאָרמען זענען שפּעטער צוגעשריבן געוואָרן צו דער

באַרימטער פלאָרענץ נאַכטיגאַל, אָבער ער איז פאַקטיש געווען פון זיי דער איניציאַטאָר.

געווען איז ער אַן עקסצענטרישער כאַראַקטער־טיפּ, זיך אַרומ־געקריגט און אומטאָלעראַנט. אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָנגע־טראָפן אויף די אַלע שטערונגען קעגן זיינע הומאַניטאַרע רעפאָרמען, ווי עס האָבן זיך אין דער מענטשלעכער געשיכטע אָנגעטראָפן אַזוי פיל באַוווּסטע רעפאָרמאַטאָרן. דער דאָקטער האָט געהאַט זייער ווייניק פריינד און בעת זיין לעבן — אויך גאַנץ ווייניק אָנערקענונג. אָבער דערגרייכט האָט ער באַרימטקייט בעת זיין טויט, און הערט ווי אַזוי: ביים פּאַלמעסן אים האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ד״ר באַררי איז פאַקטיש אַ פרוי! דאָס איז עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכע געשיכטע!

די פרוי, וואָס מאַסקירט זיך פאַר אַ מאַן — איז אויך נישט קיין אוניקאַלע זאַך. אָבער געווינטלעך קומט עס פאַר צוליב ראָ־מאַנטישע מאָטיוון, אָדער ליטעראַרישע. אין דער ליטעראַטור איז אָפט דער אָנגעווענדטער מיטל אויסגענוצט געוואָרן דורך די גרעסטע ראָמאַניסטן און דראַמאַטורגן. אָבער בעלעטריסטיק איז איין זאַך און דאָס רעאַלע לעבן — אַ צווייטע, בפרט, צו מאַסקירן זיך במשך פון יאָרן! און פאַרוואָס האָט זי עס געטאָן? ווער איז זי געווען? ווי אַזוי האָט זי געקענט דורך אַזוי פיל יאָרן עס אַדורכשמוגלען? אַט די פראַגן האָבן נישט אָפּגעלאָזט צו עגבערן פיל מענטשן און זיי האָבן גענערט די פאַנטאַזיעס...

וואָרשיינלעך וועט מען שוין קיין מאָל נישט דערוויסן זיך דעם ריכטיקן ענטפער אויף די שאלות, הגם די אויטאָרין פון דעם בוך, דזשין ראָוז, האָט זיכער גאָר שטאַרק געפּרוווט צו געבן אַן ענט־פער, און געהאַט פאַר זיך אַ צו שווערע עובדא, מחמת עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אוממעגלעך פעסטצושטעלן באַרריס אידענטיטעט מיט אַן אַבסאָלוטער זיכערקייט. אירע השערות זענען, אַז דריי אינ־טעלעקטואַלן האָבן געהאַט דעם איינפאַל צו שטיצן דאָס מיידל, צו קענען אָנקומען אין עדינבורגער אוניווערזיטעט אין דעם אומגלויב־לעכן עלטער פון 10 יאָר! דאָס זאָל באשר זיין אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט. אָבער צוליב וואָס האָבן זיי עס געטאָן? און פאַרוואָס האָט זי אויף דעם מסכים געווען?

אַגב, בעת איר גאַנצן לעבן איז זי געווען אַ צילבערעט פאַר סקאַנדאַלן און בילבולים. געווען איז זי פון נידעריקן וווּקס און מיט בולטע סימנים פון אַ פעמיניסטישן כאַראַקטער. די השערות זענען, אַז אין אָנהייב פון איר קאַריערע האָט מען זי יאָ באַטראַכט אין געוויסע קרייזן פאַר אַ פרוי. טאָ פאַרוואָס האָט מען זי אָבער קיין מאָל נישט דעמאַסקירט? בלייבט אַ קשיא!

דאָס בוך פון דזשין ראָוז פאַרמאָגט עפּעס פראָוואָצירנדיקס פאַרן

לייענער, הגם, ווען איך פלעג אַמאָל לייענען וועגן אַזעלכע פּאַרמאַס־קירטע פּרויען, פלעג איך האַלטן אַז דאָס זענען נאָר אויסגעטראַכטע מעשׂיות. ווייזט אויס אַז די ווירקלעכקייט קען אַמאָל זיין מער מעלאָ־דראַמאַטיש־סענסאַציאָנעל ווי אין פיקציע־ליטעראַטור.

דאָס בוך האָט 160 זייטן און מיט פאָטאָגראַפיעס פון ד״ר באַררי, שוין אין אירע שפּעטערדיקע יאָרן, און זי זעט גאָר נישט אויס עפּעס ווי אַ פרוי. אָבער איר זעט דאָך!...

קליינע פענצטערלעך צו גרויסע פּראָבלעמען

ווי אַן אויפמערקזאַמער לייענער, האָב איך אַ טבע יעדן טאָג ביים איבערקוקן די טאָג־פּרעסע צו כאַפּן אויך אַ בליק אויף דער רובריק „בריוו צום רעדאַקטאָר״. דאָס אויג לויפט דורך גאַנץ שנעל דעם בינטל בריוו און געפינט נישט געווינטלעך „דאָס פּעפּערל״, וואָס זאָל פאַראינטערעסירן.

אָבער פון צייט צו צייט וואַרפט זיך דורך אַ „בריוו אין רע־דאַקציע״, וואָס שמידט צו דעם אויפמערק און נאָכן דורכלייענען גייט עס דיר נאָך, מחמת עס האָט זיך איינגעקאַרבט אין דיין געמיט און מחשבה. אַזאַ בריוול וויל איך דאָ ברענגען פאַר מיינע לייענער. געשריבן האָט אַן אויסטראַלישע מאַמע, וואָס שרייבט זיך אונטער „זשאַנעט״, וועגן איר טאָכטער באַרבאַראַ, וואָס גייט שוין ווערן אַ דערוואַקסענע.

זי שרייבט: „...אונדזער טאָכטער באַרבאַראַ איז 17 יאָר אַלט. מיר האָבן מיט אַ סך מי און אָנשטרענג, אָבער אויך מיט דעם גוטן מזל אונדזערן פון מיין מאַן און מיר, באַוויזן אויפצוברענגען אַ פיינעם, געראָטענעם און זייער ווערטפולן פאַמיליען־גליד, און אַזעלכע „באַר־באַראַס״ זענען זיכער פאַראַן אין די שווערע טויזנטער אויסטראַלישע היימען.

„מאָרגן ווערט באַרבאַראַ 18 יאָר. וועט אונדזער געזעלשאַפט קענען זאָגן צו איר: ביסט שוין אַ דערוואַקסענע. האָסט שוין שטים־רעכט. קענסט פירן געזעצלעך אַ קאַר אָן שום אויפזיכט. קענסט טרינקען אין האָטעלן אין די דערלויבטע שעהן, און אויך אַריינגיין אין די געשעפטן פון ביכער ׳פאַר דערוואַקסענע׳, לייענען אַלע מינים פּאָר־נאָגראַפיע און פּערווערזיע. קענסט לעגאַל זיך אונטערשרייבן אויף קאָנטראַקטן און חתונה האָבן אָן קיין שום הסכמה (פון אונדז). קענסט אויך אַריינגיין אין די קינאָס ׳פאַר דערוואַקסענע׳ און צו יעדער צייט קענען זען די גרויזאַמסטע גוואַלד־פילמען געמאַכט אין אַ שיינעם מולטי־טעכניקאָליר. אַט די אַלע זאַכן ביסטו לעגאַל דערלויבט צו טאָן.

און אויב נאָך דעם אַלעם וועלן ווערן ביי דיר די ווערטן און יוצ־רות צעמישט, דעוואַלוּאירט, דיין לעבן פאַרפּלאָנטערט און דו גליטשסט זיך אויס — וועט מען דיך אַזוי נישט באַשולדיקן, נאָר דיינע עלטערן, ווי אַזוי זיי האָבן דיך שלעכט אויפגעבראַכט... די שולד ווערט געווינטלעך אַרויפגעלייגט אויף דער היים, אויף טאַטע־מאַמע — וואָס זענען נעבעך דאָ גאָט די נשמה שולדיק״...

איך האָב אין מיין ידישלעכן אידיאָם געגעבן דאָ אַ ווערטערלעכע איבערזעצונג פון אַ בריוול, געשריבן פון (מעגלעך אַ פיקטיווער אָדער פּאָטענציעל) אַן אַנגעווייטיקטער מאַמע, וואָס ווינטשט איר באַרבאַראַן, שוין ביים סוף פּסוק, „אַ גליקלעכן געבוירנטאָג״. דעם פּראָבלעם אָבער, וואָס זי טוט באַלייכטן, איז דאָך נישט קיין אינדיווידועלער, נאָר פון טויזנטער גוט־דערצויגענע „באַרבאַראַס״, וואָס גייען אַראָפּ פון דרך־הישר, צעברעכן זייערע אייגענע לעבנס און אויך פון זייערע עלטערן.

און ווייל דאָס איז היינט־צו־טאָג אַ צרת רבים אויף דער אַלגע־מיינער און אויף דער יידישער גאַס — האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם בריוול, וואָס באַלייכט נישט בלויז די כראָניק אין דער פּרעסע, נאָר אויך די צענדליקער און הונדערטער שטילע טראַגעדיעס, וואָס דערגייען נישט צו דער ברייטער עפנטלעכקייט.

אַ שטיקל שמועס וועגן טעאַטער און קינאָ

איך בין געווען אין טעאַטער און געזען די פּיעסע פון זשין קאָקטיוס „די מענטשלעכע שטים״. איז דאָרט פאַראַן אַ זאַג: „טייע־רער, קענסט דאָך מיר, איך בין נישט פעאיק צו שפּילן״. דאָס זאָגט די טאַלאַנטירטע אַקטריסע ליוו אולמאַן, מיט איראָניע, מחמת זי איז איינע פון די טאַלאַנטירטסטע אַקטריסעס אין אונדזער צייט.

בעת איך אָבסערוויר אַמאָל ווי אַזוי זי שפּילט אויס אירס אַ ראָל אין טעאַטער, אָדער פילם — קענטיקט זיך אַזאַ נאַטירלעכקייט און עכטע אינטימיטעט, וואָס איז אַזוי ווייט פון אַ געוויסער בראַוואַדאָ און פון אַזאַ אויגנרייסנדיקער טעאַטראַלישקייט, וואָס מ׳זעט טייל מאָל, אויך ביי גוטע אַרטיסטן.

נאָך מער קענטיקט זיך ביי געוויסע אַקטיאָרן, וואָס האָבן נאָר צו זייער דיספּאָזיציע אַ געוויסן סכום באַוועגונגען און זשעסטן, וואָס מ׳באַצייכנט: כאַראַקטער־שאַפונג. איז וואָס פאַר אַ ראָל די זאָלן נישט שפּילן, האָבן זיי די זעלבע באַוועגונגען, זשעסטיקולאַציעס און שטים־מאָדולאַציעס; במילא קומט אויס, אַז זיי שפּילן נאָר איין ראָל אין פאַרשידענע מאַסקעס און סוזשעטן.

ביי ליוו אולמאַן זעט מען דעם פּראָצעס אויף אַ פּאַרקערטן אופן. די ראָל דיקטירט איר זשעסטיקולירונג. דאָס מיינט, אַז זי שפּילט פון אינעווייניק און זי קאָנצענטרירט זיך נישט אויף אַ גלאַנץ צו טאָן אויסערלעך, נאָר אין אַרויסברענגען די אינעווייניקסטע אַק־ציע פון דער פאַרשטעלונג, טעאַטער צי פילם.

מיט אַ צייט צוריק האָב איך זי געזען אין צוויי פּיעסן: אין טשעכאָווס איינאַקט־פּאַרס, דער בער, און אין די מענטשלעכע שטים פון קאָקטיו. אין אָט די בײדע האָט זיך אַזוי גוט אַריינגעפּאַסט איר סטיל און טאַלאַנט צו פאַרקערפּערן די פּרוזאַישע שפּירעוודיקייט און וואַקלדיקייט, דער עיקר, דאָס קענען ווערן פאַרוווּנדעט זייער שנעל און שטאַרק געטראָפן פון אַ בייזן אָנפאַל.

אין דער פּיעסע די מענטשלעכע שטים איז דער טעלעפאָן פאַר דער פרוי — איר בוכשטעבלעכע לעבנסליניע, דער לעצטער רינג צווישן איר מיט דעם זאַרגלאָזן חזיר, מיט וועמען זי האָט געטיילט איר לעבן און ליבע, און איצט האָט ער זי געלאָזט אויף גאָטס באַראָט. זאָגט זי צו אים: „איך ווייס, אַז כ׳האָב שוין קיין האָפענונג נישט״, אָבער זי גייט נישט אָוועק פון טעלעפאָן, נישט איבערצורייסן דעם לעצטן פאָדעם, מחמת אויב זי וועט איצט אָוועקלייגן דעם טעלעפאָן, שפּירט זי, איז אַן עק מיט איר. נישטאָ שוין מער צוליב וואָס צו לעבן...

כאַראַקטעריסטיש איז נאָר, וואָס ליוו אולמאַן גיט אַריין אין אַ פּיעסע, געשריבן מיט אַ פופציק יאָר צוריק (1930) און מיט אַ פרויען־טיפּ, וואָס איז עפּעס צו פּאַסיוו, אַ ביסל אומזיכער — לויט אונדזערע היינטיקע באַגריפן; דאָך, ווען מען זעט ליוו אולמאַן עס אויסשפּילן, די סובטעלקייט און די ניואַנסן פון די געענדערטע שטימונגען ביי איר, פון פאַרצווייפלונג צו האָפענונג און צוריק צום יאוש, קומט עס אַרויס אין איר שוישפּיל אַזוי נאַטירלעך און טיף איבערצייגנדיק — ווי אין אַלץ וואָס זי נעמט אַריין אין אירע הענט.

ווידער אין טשעכאָווס דער בער, וואָס געהערט שוין צו זיין „לייכטער אַרטילעריע״ — מער פאַרוויילונג און אונטערהאַלטונג, ווי אין זיינע טיפערע פּסיכאָלאָגישע דראַמעס; דאָך אונטער דער לצנות פונעם אויבערפלאַך, זעט זיך די פּראָבלעמאַטיק וועגן פרויען־רעכט.

אין דער ראָל ווי אַ געטריי־געבליבענע אלמנה, האָט ליוו אולמאַן געשאַפן אַ געצוימטן כאַראַקטער, גוט־קאָנטראָלירטע זשעסטיקולאַציע און באַוועגונגען, צוגעפּאַסטע פאַר דעם טיפּ פרויען.

אויף אַזוי פיל וועגן אירע טעאַטער־ראָלן.

און איצט — וועגן אירע פילמישע ראָלן, און אָפּשטעלן וועל איך זיך דאָ נאָר אויף דעם פילם פנים אל פנים פון אינגמאַר בערגמאַן.

מיר זעען זי ווידער אין איינער פון בערגמאַנס פילמען, ווו זי איז די פאַרקערפּערונג פון האַרץ־עינוים, געפּייניקט פון געפיל און מחשבה.

געוויינטלעך דאָמינירן בערגמאַנס פילמען איבער די אַקטיאָרן דורך זיין רעזשי און דירעקציע, אָבער דאָ, דוכט זיך, אַז ליוו אולמאַן האָט דאָמינירט איבער בערגמאַנען. איר ראָל אין דעם פילם איז פון אַ פּסיכיאַטאָרין, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט אַ פּסיכישן צוזאַמענ־ברוך, איז דורכגעגאַנגען דעם גיהנום אויף דעם וועג ביז זי קומט צו זיך. איך האָב גלייך ביים אָנהייב קוקנדיק אויפן עקראַן אָבסערווירט די לאַנגע אָנהייב־סצענע, בעת דער פּראָזשעקטאָר זוכט כסדר אולמאַנס פּנים, איר פאַרקערפּערונג פון דער פּסיכיאַטאָרקע ד״ר דזשענני. אויף אַן אינטענסיוון אופן גייט אָן די פאַרשונג פון איר געזיכט־אויסדרוק, פון איר ראָל־עקספּרעסיע, וואָס האַלט אָן בערך איבער צוויי שעה. דער אויפמערק פונעם צושויער איז אויף דעם געמיט פון ליידנשאַפט און אויפגערעגטער נייגונג צו באַקומען אַ בייזן קלאַפּ איבער איר לעבן.

ווי דער טיטל מערק אָן, איז דער פילם אַ פּרווו פון קאָנפראָנ־טאַציע מיט די ענדגילטיקע רעאַליטעטן פון מענטשלעכער עקזיסטענץ. ד״ר דזשענני שטייט פאַר צוויי קלעפּ: אין איר פּראָפעסיע און אין פּערזענלעכן לעבן. דיסקוטירט זי מיט קאָלעגן די רעלאַטיווע הילפ־לאָזיקייט פון פּסיכיאַטריע; און פון דעם — צו איר פּערזענלעכן אומרו און נאָגנדיקן וואָרעם . . .

פאַראַן אַ סצענקע פון אַ פּרווו צו פאַרגוואַלדיקן זי, וואָס לייגט אַ שוואַרצן חותם אויף איר געמיט־צושטאַנד. . . פאַראַן אויך אין דעם פילם די באַקאַנטע קאָמפּלעקס־קשיות פון בערגמאַנס סצענאַריעס, טייל מאָל באַגלייט מיט אויפּשוידערנדיקע סימבאָלן. דאָס געהערט דאָך שוין צום רעקוויזיט פון בערגמאַנס פילמען, ווו ער קיניגט אויף אַן אייגן־געשאַפענער טעריטאָריע, אויף וועלכער ער זוכט זינען פאַר מענטשלעכע פּירונגען און עקספּלאָזיעס, פאַר אילוזיע און ראַציאָנאַ־ליזם — אינסטינקט און שכל־הישר, אין זייער צעקריגטקייט און האַרמאָניע. דאָס שניידט זיך אַדורך די אַלע סאָציאַלע קלאַסן אין לויף פון דורות.

פאַראַן אַ בילדל אין פּנים אל פּנים ווען דזשענני און איר רעטער לופטערן דורך אירע פּראָבלעמען און ערלאַנד דזשאָסעפסאָן זאָגט צו איר: „די וועלט הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט דיר״. אָט די דיסקוסיע קומט שוין פאַר נאָכדעם ווי זי האָט געפּרווט, אָן דערפאָלג, צו באַגיין זעלבסטמאָרד (וואָס שפּרינגט עפּעס אַרויס אומדערוואַרט) — דאָס אַלץ איז אַריינגעוועבט אין בערגמאַנס מייסטערהאַפטע וויזועלע אַלעגאָריעס, טרוימען, חלומות, געוויזן אין פולער ליכט.

די טרוימען זענען סורעאַליסטישע און באַדראָענדיקע — אַן

אויסברייטערונג פון רעאַליטעט אין פאַרשידענע דימענסיעס. טויט
וויזט זיך אין דעם פילם, ווי אַ פאַקטאָר מיט וועלכן דזשענני מאַכט
שלום.

וועל איך נישט מאַריך זיין וועגן בערגמאַנס פילם, וואָס גיט
תמיד אַ סך נאָכצוטראַכטן און צו פאַרגעדענקען, הגם זיי האָבן, טייל
מאָל, אויך בלויזן. אָבער זיכער קריצן זיך איין אין געמיט און זיכרון
די פילמען זיינע, ווי ליוו אולמאַן דאָמינירט, ווי די קעניגין אויפן
עקראַן.

אַ מוסר־השכל

אין מיין גאָר אָפטן ליטעראַרישן זשאַנער — עסייאיסטיק — און
בכלל פון דער טבע מיינער, האָב איך ליב צו מעדיטירן וועגן דעם גאַנג
פון דער מענטשלעכער געשיכטע און פון אינדיווידועלע מענטשן, וואָס
האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין די געשיכטלעכע וועגן און אומ־
וועגן אויף אַלע געביטן.

טרעף איך זיך אָן נישט איין מאָל אויף צופאַלן, וואָס האָבן
גורם געווען אַ ווענדפונקט אין פאַרויסמאַרש פון דער וויסנשאַפט,
מעדיצין און פון אַ ריי אַנדערע צווייגן.

ווען מען לייענט וועגן לואיס פאַסטער בעת ער איז געוואָרן פאַ־
ראַליזירט אויף דער לינקער האַנט און פוס מיט וועלכע ער האָט
זיך שוין נישט געקענט מער באַנוצן. זיין שטאַרקער גייסט האָט אָבער
גובר געווען דעם בעל־מום און האָט געמאַכט זיין וויכטיקסטע אַנט־
דעקונג אין אימונאָלאָגיע. מערקווירדיק איז אָבער, וואָס גראָד דער
דורכפאַל אין זיין עקספּערימענט מיט די הינער, וועלכע זענען געווען
אַנגעשטעקט מיט די כאָלערע־באַצילן, האָט געפירט צו זיין דער־
פינדונג פון אימוניזירן מענטשן דורך איינשפּריצונגען קעגן אַנשטעקנ־
דיקע קראַנקייטן און עס איז געוואָרן ממש אַ קאַרדינאַלער ווענד־
פונקט אין דער פּרעווענטיווער מעדיצין.

ווען איך האָב געלייענט אַמאָל די געשיכטע פון דעם פליער,
דאָגלעס באַדער, אַז נאָכן פאַרלירן זיינע בײדע פיס אין אַן עראָפּלאַן־
קאַטאַסטראָפע, האָט ער געווידמעט זיך לעבן צו העלפן אַנדערע
בעלי־מומים צו שטעלן זיך אויף די פיס דורך די קינסטלעכע גלי־
דער — האָט זיך ביי מיר געשטעלט די פראַגע: וואָלט דען אָן באַ־
דערס פערזענלעכן אומגליק נישט געקומען די דערפינדונג? מען
קען אויף דער שאלה ענטפערן פאַרשידן, אָבער דער פאַקט איז,
וואָס אַ פערזענלעכער פאַרפאַל האָט גורם געווען אַן אינטענסיווע
פאָרשונג מיט רעזולטאַטן פון צוגעפּאַסטע הילף־אָרגאַנען פון טעכ־
נאָלאָגישן כאַראַקטער.

מען קען עס אילוסטרירן מיט אַן אַ צאָלביישפּילן פון פּאַר־פּאַלן, און אויפן געדאַנק קומט מיר, אויך אפילו אַזאַ צופאַל מיט ריינ־האַרטס הענט, וועלכע ער האָט פאַרברענט ביים אָפּראַטעווען זיין ווייב בעת אַ שריפה אין דעם קאַראַוואַן, אין וועלכן זי האָט געקענט פאַרברענט ווערן. ווען מען קוקט זיך גוט איין אין זיין אויסערגע־וויינטלעכער טעכניק און גרויסמייסטערשאַפט ביים שפּילן אויף דער גיטאַר — וואָס פאַר אַ שייכות עס האָט מיט דעם דערמאָנטן פאַרפאַל — זעט זיך באַשיימפּערלעך דער פאַקטאָר פון צופאַל און זיין אויסווירקונג.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָב איך געהאַט געלייענט וועגן סטי־פען האָקינג, וואָס האָט דעמאָלט באַקומען דעם אַלבערט שווייצער־פּריז. אויך אַן אויסערגעוויינטלעכע געשיכטע, אַ טראַגישע, וועגן זיין פּאַראַליזירט ווערן אויפן גאַנצן קערפּער, בעת ער איז געווען אַ סטו־דענט אין קעמברידזש, אויפן וועג פון אַ גרויסער צוזאָגנדיקער קאַריערע. זיין גערא ַנגל איז פּשוט אומגלויבלעך. ער האָט קיין האַנט נישט געקענט אויפהייבן, און געמוזט האָבן אַ קינסטלעכן בלאָט־מישער און אַ קאָמפּיוטער מיט ספּעציעלע הענט צו קענען פאָרמו־לירן זיינע טעאָריעס וועגן די „שוואַרצע לעכער" אינעם אוניווערס.

זיינע פאָרשונגען אין די הימלישע רוימען האָבן געוואָרפן אַ ניי ליכט אויף איינער פון די אוניווערס־מיסטעריעס. ער ווערט באַצייכנט ווי „דער טיפסטער בריליאַנטישער פיזיקער זינט איינשטיינען". ווען ער איז געוואָרן פּאַראַליזירט, האָבן די דאָקטוירים געהאַלטן, אַז ער קען נאָר לעבן נאָך עטלעכע יאָר, און ער איז סך־הכל אַלט היינט נאָר בערך אַ פערציק יאָר.

ווען איך האָב געלייענט וועגן אים און זיין געראַנגל נישט אונטערצוגעבן זיך זיין אומגליקלעכן מצב. אינעם פיזישן זין האָט ער געמוזט אויך אַפילו אָנקומען צו אַ געהילף אַרויסצוברענגען און איבּ־טערפּרעטירן זיין אומקלאָרן לשון צוליבן פּאַראַליזש. אַדאַנק זיין גייס־טיק־מאָראַלישן כוח, וואָס האָט מיט דער מיטהילף פון זיין מוטיקער פרוי, נישט נאָר געקענט צונויפבינדן זיין איבערגעהאַקטע שעפערישע ענערגיע, נאָר אויך אַרויסשיינען, לויט דער באַצייכענונג פון אַ נאָענטן פריינד זיינעם, „דורך אַזעלכע צרהדיקע פאָרמען פון זיין עקזיסטענץ" (זינט ער איז געשלאָגן געוואָרן דורך דעם פּאַראַליזש פון קאָפּ ביז די פיס).

מיר, פּשוטע מענטשן, דאַרפן בייגן דעם קאָפּ פאַר אָט די גרויסע גייסט־מענטשן, וואָס באַזונגען און באַשיינען דעם נאָמען מענטש, און נישט בלויז מיט זייערע גרויסע אַנטדעקונגען און דערגרייכונגען, נאָר אויך מיט דעם ביישפּיל פון זייער אויסערגעוויינטלעך מוטיקער האַל־טונג אין צייטן פון גרויסע פערזענלעכע טראַגעדיעס.

עס בעט זיך דורכצופירן אַ פאַרגלייך מיט די גרויסע געלט־מענטשן, ביי וועלכע די גיריקייט צו מאַטעריעלער עשירות איז געווען און פאַרבליבן די עיקרדיקע טרייב־קראַפט פון זייער לעבן, און טאַקע זען, ווער עס איז מער אומגליקלעך?

מיט אַ צייט צוריק האָב איך געהאַט געלייענט אַ ביאָגראַפיש בוך וועגן דעם מולטי־מיליאָנער פרענק וואולוואָרט, געשריבן דורך דזשאָן ווינקלער. דערציילט דער ביאָגראַף פון וואולוואָרטס אָנהייב, ווען ער איז אַלט געווען 27 יאָר און אָנגעהויבן מיט געבאָרגטע 300 דאָלאַר די ערשטע קראָם און ווי אַזוי ער איז אויסגעוואַקסן.

איז דאָס שוין היינט אַ גאַנץ באַנאַלע געשיכטע. אָבער וואָס מיר גייט יאָ אין באַטאַנען, איז דאָס אויפבויען פאַר זיך אַ גראַנדיעזן פּאַלאַץ פון אַ 32 צימערן! פאַרן טויט האָט ער נאָך אַרומגערעדט מיט זיין אַרכיטעקט צו בויען „אַ מאַרמור־פּאַלאַץ, וואָס זאָל פאַרנעמען אַ גאַנצן שטאָט־בלאָק אין ניו־יאָרק — אַ פּאַלאַץ וואָס פּאַסט פאַרן פויפּסט, פאַרן קעניג — פאַר אַן אינדישן מאַהאַראַדזשי". און דאָ קומט די „ראָזשינקע" פאַר מיר, אין דעם מוסר־השכל. עס דערציילט טאַקע דער ביאָגראַף זיינער, אַז ווען ער האָט שוין געהאַט אָנגעזאַמלט אַ 30 מיליאָן דאָלאַר, זענען אין זיין גרויסן פּאַלאַץ געווען נאָר פיר מענטשן ביים טיש: זיין פאַראַליזירטע פרוי און איר באַדינער, ער און זיין נוירס, וואָס האָט אים באַדינט. און צוליב דעם וואָס ער האָט נישט געלאָזט זיך די ציין באַהאַנדלען, האָט ער נישט געקענט צע־קייען קיין אַנדער זאַך, ווי זיין באַליבטן מאכל — שוין איבערגע־רייפטע באַנאַנעס...

ווי עס בעט זיך דאָ דער זאָג פון אונדזערע חכמים: „איזה עשיר?"... טאָ ווער זענען אין לעבן די גליקלעכע, און ווער — די אומגליקלעכע?...

אַ באַזוך אין וועסטמינסטער־אַבעי און פּאָעטס קאָרנער

(פון מיין רייזע־נאָטיצבוך)

עס נעמט אַרום אַ געפיל פון יראת הכבוד פאַר די גרויסע גייסט־מענטשן אין דער געשיכטע, ווען מען באַזוכט דעם „פּאָעטן־ווינקל" אין „וועסטמינסטער אַבעי". איך בין אַ לענגערע צייט גע־שטאַנען ביי דעם מאָנומענט פון אייזיק ניוטאָן און צום ווייפלטן מאָל איבערגעלייענט די אומשטערבלעכע פּאָר שורות אויף זיין מצבה: „זאָלן די שטערבלעכע זיך פרייען, אַז ס'איז געווען אַזאַ, וועלכער האָט

עקזיסטירט, און איז אַזוי גרויס — אַ צירונג פאַר דער מענטש־לעכער ראַסע״.

איך האָב געקוקט אויפן ביוסט פון ניוטאָנס לערער — אייזיק באַרראָ. זיין פאָטער איז געווען אַ גייסטלעכער און ער אַליין, נאָכן צוריקציען זיך פון זיין אוניווערזיטעט־פּאָסטן, איז אויך צוריק גע־וואָרן אַ גייסטלעכער. דערביי דערציילן זיינע ביאָגראַפן, אַז ער פלעגט האַלטן דריי־שעהדיקע „סערמאָנס״, וואָס זענען געווען מלא וגדוש מיט מאַטעמאַטיק, און נאָך אַזעלכע דרשות האָבן שוין די מאַטעמאַ־טיקער נישט געהאַט וואָס צוצוגעבן צו זיי.

אגב, האָט ער זיין פּאָסטן אין אוניווערזיטעט איבערגעגעבן נישט קיין אַנדערן ווי אייזיק ניוטאָנען. אייזיק ניוטאָן איז געווען דער יינגסטער פון עלף קינדער און ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל, האָט זיין טאַטע געזאָגט: „אויב גאָט וויל צונעמען איינעם פון מיינע קינדער, וואָלט איך אָן אייזיקן זיך געקאָנט באַגיין״.

און וועגן אָט דעם „איבעריקן״ קינד האָב איך געלייענט די פאָלגנדיקע ווערטער, וואָס זענען אויסגראַווירט אינעם „טשעפּל״: „ניוטאָן — דער וואָס האָט איבערגעשטיגן די מענטשלעכע ראַסע אין דער קראַפט פון מחשבה״. עס איז ממש רירנדיק צו לייענען די עניוות פון אָט דעם גרויסן וויסנשאַפטלעכן גאון, ווען ער שאַצט זיך אַליין אָפּ אין אַזעלכע ווערטער: „איך ווייס נישט ווי אַזוי איך וועל אויסזען פאַר דער וועלט, אָבער ביי זיך אַליין זע איך אויס צו זיין נאָר אַ יינגל, וואָס שפּילט זיך ביים ים־ברעג מיט קאָלירטע ים־שטיינדלעך, מיט די וואָס האָבן אַ שענערע שאָל ווי די געוויינטלעכע, בעת דער גרויסער אָקעאַן פון אמת ליגט נישט פאַר מיר אַנטדעקט״.

לייען איך די באַשיידנקייט זיינע אַרויס פון אָט דער גראַווירונג און גיב אַ טראַכט, אַז די „קאָלירטע ים־שטיינדלעך״, מיט וועלכע ניוטאָן האָט זיך „פאַרשפּילט״ זענען געווען: „די געזעצן פון באַוועגונג, פון גראַוויטאַציע — און די נאַטור פון ווייסן ליכט — די קאַלקולוס. יעדע איינע פון די אַנטדעקונגען וואָלט דאָך גענוג געווען צו מאַכן אים אומשטערבלעך...

אגב, קען מען אין קעמברידזשער „טריניטי קאָלעדזש״ זען די אייגנהאַנטיקע נאָטיצן פון זיין נאָטיצבוך וועגן „פילאָסאָפיע נאַטור־ראַליס פּרינציפּיאַ מאַטעמאַטיקאַ״, דאָס יאָר איז: 1687׳

גראַדואירט האָט ער פון דעם „טריניטי קאָלעדזש״ אין 1667 און באַלד אין 2 יאָר אַרום געוואָרן פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק. אינטערעסאַנט אַז זיינע פילצאָליקע ווערק פאַרנעמען זיך נישט נאָר מיט פיזיק, נאָר אויך מיט... נבואה!

איך בין געווען מיט אַ פריינד אויפן „הייגעיטס״ בית־עולם. מיר שטייען ביי פאַראַדייס קבר און איך דערמאָן זיך, אַז כ׳האָב

געהאַט אַמאָל ערגעץ געלייענט ווי אַזוי מייקל פאַראַדיי, אין 1812, אַ לערניינגל, דוכט זיך, ביי אַן איינבינדער, האָט אַזוי צופעליק באַקומען אַ בילעט צו הערן די לעקציעס פון סער האַמפריי דייווי.

פון דעם צופעליקן בילעט (וואָס פאַר אַ ראָל צופאַלן שפּילן אַלץ אין לעבן!) האָט זיך אָנגעהויבן פאַראַדייס וועג צו די וויסנשאַפטלעכע שפּיצנבערג, אַ וועג וואָס האָט זיך פאַרענדיקט — מיט באַלייכטן די וועלט! זיינע דערגרייכונגען אין דער ספערע פון עלעקטריציטעט און מאַגנעטיזם, און די פאַראַדיי־לאַבאָראַטאָריע מיט זיין אָריגינעלן אַפּאַראַט פון עלעקטראָ־מאַגנעטיק־אָריינפיר.

און ווידער אַ מאָל די מידה פון גרויסער באַשיידנקייט ביי אָט די גרויסע גייסט־מענטשן! ווען מען לייענט ווי אַזוי ער שרייבט צו זיינעם אַ פריינד: „...איך האָב עס פאַרענדיקט. אָבער אַרויסנעמען פון אים קען איך נאָר אַ ווילדגראַז". און דער „ווילדגראַז" איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער ווי דער מאַגנעטיזם צו פּראָדוצירן עלעקטריציטעט.

דערביי — אַ קוריאָז מיט אַ מוסר־השכל. פאַראַדיי האָט גע־וויזן דעם בריטישן פּרעמיער־מיניסטער זיין דערפינדונג. פרעגט אים דער גרויסער מלוכה־מאַן: — וואָס פאַר אַ נוצן קען פון דעם זיין? און פאַראַדייס ענטפער: „מר. פּרעמיער־מיניסטער, עס וועט קומען אַ טאָג און דו וועסט קענען פון דעם קריגן שטייערן". אַן אַנדערן פרעגער זאָל פאַראַדיי אויף דער זעלבער שאלה האָבן געענטפערט גאַנץ יידישלעך — און מיט אַזאַ קשיא: „און וואָס פאַר אַ נוצן איז דאָ פון אַ ניי־געבוירן קינד?"...

מיין פריינד רייסט מיר איבער מיינע מחשבות, ווען איך שטיי אַזוי אַ פאַרטראַכטער ביי פאַראַדייס קבר. קעגנאיבער אים איז דער קבר פון קאַרל מאַרקס — די צוויי גיגאַנטן, וואָס האָבן געלייגט אַזאַ שטאַרקן חותם אויף אונדזער היינטיקער וועלט, אויף איר ציוויליזאַציע. איינער — אַ פּראָפעסאָר פון כעמיע. דער אַנדערער — דאַרף איך דען צוגעבן — אַפילו פאַר די שאַרפסטע קעגנער פון קאַרל מאַרקסן — וואָס פאַר אַן אויסווירקונג זיינע אידייען האָבן געשאַפן — דורך אַלע וועגן און אומוועגן — אויף דער געאָ־סאָציאַל־פּאָליטישער וועלט־מאַפּע? . . .

און איך שרייב דאָ נישט קיין שום פּאָליטיק.

ס'איז אמת אַז מיר זעען נישט אַזוי טיף, די גרויסע גייסט־מענטשן בעת זייער לעבן און שאַפן, ווי נאָך זייער אַוועקגיין, ווען מיר דערזען זייער אויסווירקונג.

פריער דערמאָנט אַ גוט וואָרט פונעם ענגלישן פּאָעט דזשאָן קיטס: „אַ מענטשנס לעבן, וואָס האָט נאָר אַ ווערט — איז אַ המשכדיקע אַלעגאָריע".

יהודה מנוחין וועגן זיין שוועסטערס טויט

אין יאַנואַר 1981 איז חבציבה געשטאָרבן אין עלטער פון 60 יאָר. נאָך איר טויט זענען געווען ווידמונגען פאַר דער הויך־טאַלאַנטיר־טער פּיאַניסטין אין דער גאַנצער וועלט, בפרט אין אויסטראַליע, וווּ זי האָט געלעבט נאָך איר חתונה האָבן מיט לינדזיי ניקאָלאַס, אַן אַגראַריער פון מערב־וויקטאָריע. זי האָט קאַלירפול באַשריבן אירע 16 יאָר לעבן מיט אים אין אויסטראַליע, ווי אַ דעצידירנדיקער אַקט. עפּענענדיק אַ מין באַדייטנדיקע טיר צו אַ סאָרט לעבן, וואָס זי האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן.

איר ברודער, יהודה מנוחין, האָט נאָך איר טויט געגעבן אויפן ראַדיאָ אין אויסטראַליע וועגן איר אַזאַ עלאָקווענטע אָפּשאַצונג און ווידמונג:

„מיין שוועסטער איז געווען אַ קאָאָרדינאַטאָרישער מענטשלעכער וועזן פון אַ ריזיקן פאַרנעם. אירע עמאָציעס, אינטעלעקט און פיזישע קאָאָרדינאַציע זענען געווען פולשטענדיק און פערפעקט אינטעגרירט. נישט געווען קיינע שטערונגען, ווינקלען און שטורכן, וואָס זאָלן פייניקן מחמת אַלץ איז איר געקומען אויף אַ לייכטן אופן.

„זי האָט געשפילט בראַמס אַ קאָנצערט אַזוי הערלעך און אַנגריי־פעריש מיט אַ קראַפט, וואָס איז נישט אָפּגעשטאַנען פון די גרעסטע מענער פּיאַניסטן. אָבער איר נייגונג איז מער געווען צו קאַמעראַלער מוזיק און זי האָט זיך קיין מאָל נישט אַרויסגעשטעלט אויבנאָן. ווען זי איז געווען מיט מיר אויף דער בינע איז זי נישט געווען די פּרימאַ־דאָנע. זי האָט דעם געדאַנק נישט געקאָנט פאַרטראָגן".

מנוחין דערציילט, אַז זיי זענען צוזאַמען אויפגעטראָטן דעם ערשטן מאָל ווען ער איז אַלט געווען 15 און זי 12 יאָר. ער האָט שוין אין דעם יונגן עלטער געהאַט אַ קאַריערע און די עלטערן זייערע האָבן געהאַלטן, אַז זיי האָבן גענוג איין קינד אויף דער בינע. אָבער דער לערער, דזשאָרדזש ענעסקאָ, איז אַנגעשטאַנען די בײדע קינדער זאָלן צוזאַמען אויפטרעטן און די עלטערן האָבן נאָכגעגעבן. אַזוי אַרום האָבן זיי דעם סעזאָן געשפּילט די ערשטע קאָנצערטן אין פּאַריז, לאָנדאָן, ניו־יאָרק.

ער באַמערקט דערביי: לויט דעם אופן פון זייער לעבן און אַרבעטן איבער זיך האָט דאָס אַלץ, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אונטערן דעקל, אַרויסגעפּלאַצט פון צודעק. עס איז געווען ווי אַן אַנזאַמל פון פּאַרע, וואָס רייסט זיך צום איבערפלאַך. איך מיין, באַטאָנט ער, אַז אַ קינד־הייט, וואָס איז פאַרווענדט אָנצוזאַמלען דערפאַרונגען און געדאַנקען און מוזיק, וויל אַרויסקומען אין דער וועלט ווי אַמגיכסטן. „מיר האָבן אויפגעבויט אַ ריזיקן סכום פון פּאַרע און מיר האָבן אַרויסגעפּלאַצט"

איר נאַטור האָט פאַרלאַנגט עפּעס שווערערס ווי ס׳רוב מענטשן דערוואַרטן פון לעבן. און מחמת פאַר איר איז אַלץ געווען לייכט, האָט זי אָבער געוואָלט וויסן וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער צייט בעת אייראָפּע איז געווען אין יסורים, ווען מענטשן זענען געווען אין אַגאָניע דורך אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין צוריטן וועלט־קריג.

זי האָט געוואָלט דערשפּירן אָט די אַגאָניע, געוואָלט וויסן מיט וואָס זי קען העלפן לינדערן, טרייסטן, מוטיקן; האָט זי געהייראַט מיט אַן עסטרייכישן ייד, וואָס איז דורכגעגאַנגען די נאַצישע שבעה מדורי גיהנום.

בעת זי האָט זיך מיט אים באַקענט אין אויסטראַליע, האָט זי דערשפּירט אַז דאָ איז אַ פאַרבינדונג מיט די לײדן פון די, וואָס האָבן עס אַליין דורכגעמאַכט אין דער טראַגישער צייט, בעת פון איין זייט האָט די וועלט געקעמפט פאַר הויכע צילן און פון דער אַנדערער זייט אַרויסגעוויזן אַזאַ גלייכגילט צו זיי...

זי האָט חתונה געהאַט מיט אים, ריהאַרד האַזנער, און צוזאַמען האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַן עקספּעדיציע צו די אַלע לײדנדיקע ווינקלען פון דער וועלט: אין די תפיסות, צי אין די שולן, אין אירלאַנד אָדער צווישן די קורדן, צי גאָר צווישן יתומים קינדער און צעמימותטע וויבער און יוגנט מכל המינים. נישט געווען קיין טראַגישע סיטואַציע ווו זיי זאָלן נישט פּרווון עפעקטיוו פאַרבעסערן, און זי האָט זיי אַלע געדינט.

איר הויז איז תמיד געווען אָפן פאַר טרעמפּס, שיכורים, אַרעס־טאַנטן. זיי האָבן געפונען ביי איר אַ מקום מקלט, אויפצוהייבן זיך פון זייער דערנידערונג. דאַן פלעגט זי צוגיין צו דער פּיאַנאָ און זיך לערנען אַ ניי ווערק און פּראַקטיצירן אַ צייט.

ער דערציילט פון זייער לעצטן געמיינזאַמען קאָנצערט־טור אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זי האָט שרעקלעך געליטן (קענסער). עס איז געווען אַ טראַגישער אָנשטרענג פאַר איר, און ער איז צוגעשטאַנען זי זאָל אַהיימפאָרן צוריק קיין לאָנדאָן און זיך היילן. אָבער זי, באַ־מערקט ער, איז געווען אַ פּאַרעקשנט „מידל" און איך מיין, אַז ס׳איז אַ שטריך אין אונדזער פאַמיליע. מיר האָבן עס אַלע אין זיך און זי האָט דעצידירט, אַז עס איז בעסער פאַר איר, דעם טור צו מאַכן צוזאַמען.

אוודאי האָט זי געדאַרפט בעסער האָבן מעדיצינישע באַהאַנדלונג, אָבער זי האָט באַשלאָסן, אַז זי וועט אויפטרעטן בעסער אויף קאָנצערטן און לעבן און זיך פילן דריי חדשים ווי אַ נאָרמאַלער מענטש.

זי האָט דאַן געגעבן פאַנטאַסטישע קאָנצערטן בעת אָט דעם פעס־טיוואַל, דעם לעצטן אויגוסט פון איר לעבן. איר מוזיק איז געווען אַ

ראָמאַנטישע און פול מיט לײדנשאַפט. געשפּילט האָט זי אַזױ שײן און אירע קינדער זענען פון אױסטראַליע געװען און זי האָט געװאָלט זײ זאָלן זי זען װי אַ װיטאַלע שײנע פּערזענלעכקײט, שפּילנדיק אַזױ הערלעך אױפן פּאַרטעפּיאַן און באַקומט אַזאַ דאַנקבאַרקײט פון דעם פּובליקום.

דאָס איז געװען דער אופן װי זי האָט געװאָלט מען זאָל זי געדענקען און נישט אין אַ שפּיטאָל װוּ זי ראַנגלט זיך מיטן לעבן.

יאָ, פאַרשידן זענען די װעגן, די אופנים, װי אַזױ מענטשן באַשליסן צו צעשײדן זיך מיטן לעבן...

„דורך לײדן און טױט — אױפנעמען דעם אמת פון לעבן"

איך האָב דאָס קאַפּיטל אױסגעבאָרגט בײ דעם באַװוּסטן ענגלישן פּאָעט ט. ס. עליאָט. דאָס איז דער סוף פון זײנס אַ זאַץ, װאָס הײבט זיך אָן מיט דעם, אַז „מיר טראָגן אין זיך אַ בענקשאַפט אָדער שפּילן אַ ליבע אין דער ליטעראַטור מיט דער פאַנטאַזיע פון טױט".

װײל איך נישט אָפּשטעלן זיך דאָ אױף דער ליטעראַטור, װוּ די טעמאַטיק פון טױט איז אַן אָפטער גאַסט, נאָר װעגן אױטענטישן מענטשלעכן לעבן, װוּ יסורים און טױט זענען נישט קײן פאַנטאַזיע. עס איז די טראַגישע רעאַליטעט אױך נאָך די שױדערלעכע חורבן־יאָרן, בעת עס גײט אַװעק, ביאָלאָגיש, דער עלטערער דור. און דער מלאך־המות קלאַפּט נישט אײן מאָל אָן אין טירן אױך פון יונגערן דור.

בײ דעם דיכטער יוסף פּאַפּיערניקאָװ איז דאָ אַ ליד: „בײ אונדז אַ קינד". עס איז װעגן ארץ־ישראל (דאָס ליד איז פון 1926), דאָס געפיל צום קינד בעת זײן בליאונג און — װען עס גײט פּלוצלינג אַװעק פון דער װעלט. ער שרײבט:

„אַז די שעה זאָל נישט זײן
און אַ קינד שטאַרבט בײ אונדז
איז עס אַלעמענס קינד, איז עס אַלעמענס צער,
װאָס גײט אױף װי אַ ליכטיקער טרער אין אױג."

אָט דער אַלעמענס צער איז דאָ לגבי אַ קינד, אומעטום, װוּ מען פילט זיך נאָענט, עטניש, שכנותדיק און משפּחהדיק.

אָט איז געװען די טראַגעדיע פונעם איטאַליענישן זעקס־יאָריקן ייִנגל, אַלפרעדאָ ראַמפּי, װאָס איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ שמאָלן ברונעם

און איז דאָרט אומגעקומען. מיר האָבן געזען אויף דער טעלעוויזיע דעם טרויער נישט נאָר פון די עלטערן און משפּחה, נאָר פון דעם ברייטן אַרום, בפרט פון די, וואָס האָבן אים געפּרוּווט אַרויסראַטעווען פון אַ טיף פון 65 מעטער און עס נישט באַוויזן. די פינף טויזנט, וואָס זענען געקומען צו זיין לוויה מיט דעם איטאַליענישן פּרעזידענט, סאַנדראָ פּערטיני בראש, האָבן אויסגעדריקט דעם טיפן צער פון פאָלק צוליב דעם טראַגישן פאַרפאַל פון אַ קינד. און דאָס אין אַ לאַנד, ווו טראַגעדיעס פון אַזאַ צי אַנדערן כאַראַקטער, מיט מאָרד און „קידנעפּינג", — איז שוין געוואָרן דאָס טעגלעכע ברויט פונעם „נאָרמאַלן" לעבן.

אויב אין דער ליטעראַטור, לויט עליאָטן, שפּילט מען אַ ליבע מיט דער פאַנטאַזיע פון טויט, איז עס גאָר אַנדערש אין רעאַלן לעבן, ווען עס קומט דער — צומאָרגנס — און די אין־צער־פאַרבליבענע בלייבן מיט זיך אַליין און דאַרפן אויסטראָגן דעם פאַרלוסט.

איך ווייס פון פּערזענלעכע דערפאַרונגען, אַז נישט ביי אַלע קומט עס פאָר אויף דעם זעלבן אופן. און אַמשטאַרקסטן לײדן, און מיט שווערע נאָכפאָלגן, די וואָס „פאַרקאָרקעווען" אין זיך דעם נאָגנדיקן צער. דאָס איז אויך פאַרשפּיגלט אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם אין דער ליטעראַטור, אָבער איך שרייב דאָ נישט וועגן „פיקשן" נאָר פון אויטענטישן לעבן.

אַ באַשטעטיקונג פון דעם האָב איך אַנומלט אָנגעטראָפן אין אַזאַ פּרעסטיזש־אויסגאַבע, ווי דער „בריטיש־מעדיצינישער זשורנאַל". עס שרייבט דאָרט ד"ר האַראַרי, אַ פּסיכיאַטאָר, וועגן די נאָכפאָלגן („סייד־עפעקטס") ביי אלמנות פון דאָקטוירים. ער זאָגט, אַז ער האָט באַהאַנדלט אַט די פּרויען און ביי זיי איז דאָס געפיל ערגער ווי ביי געוויינטלעכע אלמנות. ער שרייבט: „...נישט קענענדיק זיך אויסוויינען אויף עמיצנס אַקסלען, ווערן ביי זיי פאַרקאָרקעוועט די עמאָציעס, און אין רעזולטאַט — לײדן זיי שפּעטער פון צערײַצטקייט, שלאָפלאָזיקייט און אומקלאָרע ווייטיקן. און דאָס אַלץ קומט", ווי ער באַצייכנט עס, „פון אַ פּאַטאָלאָגישן צער".

ד"ר האַראַרי גיט ביישפּילן פון זיין קליניק, ווו ער האָט געהיילט אַ זעקס אלמנות פון דאָקטוירים, און ווי אַנדערע פרויען פון דאָקטוירים זענען זיי טרענירט געוואָרן אין מעדיצינישע ענינים, פּראַקטיצירנדיקע קראַנקן־שוועסטער, און אַ פּאָר, ווי דאָקטוירים גופא. זייער אייגענע מעדיצינישע טרענירונג, זייער אומאָפּהענגיקייט זיך צו פאַרלאָזן אויף זיך אַליין בעת זייערע מענער זענען פאַרטאָן אין די מיחושן פון זייערע פּאַציענטן — בטבע וועלן זיי אויסמיידן צו זיין עפנטלעך עקספּרעסיוו אין זייערע עמאָציעס בעת דער קראַנקייט און טויט פון זייערע מענער. זיי שטיקן דעם צער אין זיך, וואָרעם ווי פּאַסט עס

פאַר אַ פּרוי פון אַ דאָקטער אַרויסצוווייזן אירע געפילן?... פאַר דעם מחוז די אָבער צאָלן אַ שווערן פּרייז מיט פּסיכאָסאָמאַטישע באַגלייט־דערשיינונגען, ווי שלאָפלאָזיקייט, אומקלאָרע ווייטיקן און צערייצט־קייט. איניקע פון זיי האָבן צוליב זייער עמאָציאָנעלער אונטערדריקונג געזוכט אַ הילף אין אַלקאָהאָל, וואָס זאָל פאַרגיסן זייער פאַרבאָרגענעם טרויער. האָט דאָס אַרויסגערופן באַזונדערע נאָכווייענישן.

עד־כאַן אַן אויסצוג פון ד״ר עדווין האַראַריס באַלערנדיקן אַרטיקל.

אין אַ שפּעטערדיקן נומער באַמערקט ער, אַז אַ 50 דאָקטוירים האָבן פון אויסלאַנד געבעטן אַ דערלויבעניש איבערצודרוקן זיין אַרטיקל אין וועלכן ער לאָזט רעדן זיינע פּאַציענטקעס גופא, אַלמנות פון דאָקטוירים. און דאָקטוירים בעת זייער אייגענער קראַנקייט, זענען די ערגסטע פּאַציענטן, האָט באַמערקט אַן אַלמנה, פון איר באַרוף אַ קראַנקן־שוועסטער. זי האָט זיך באַקלאָגט, אַז בעת איר אַרבעט אין שפּיטאָל האָט זי נאָך אַ נאַכט דיזשור כאָטש באַקומען אויף צומאָרגנס אַן אָפּרו־טאָג, בעת ביי זיך אין הויז איז זי געווען אויף די פיס טאָג און נאַכט, ווען איר מאַן איז געלעגן צובעט.

איך ווייס פון פּערזענלעכער דערפאַרונג, אַז דער פּראָבלעם פון פאַרשליסן אין זיך עגמת־נפש, צער, איז פאַראַן נישט נאָר ביי אַלמנות פון דאָקטוירים. און ביים באַרירן דעם ענין־טויט האָב איך געהאַלטן פאַר פּאַסיק צו דערמאָנען, וואָס עס שרייבט אַ פּסיכיאַטאָר וועגן די באַגלייט־דערשיינונגען, וואָס קענטיקן זיך ביי פיל מענטשן אין זייער אבילות נאָך אַ שווערן פאַרלוסט.

גוטע פריינד אין צייטן פון צער און טרויער

די וואָס האָבן דורכגעלעבט צייטן, מאָמענטן פון צער און טרויער, ווייסן ווי אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון גוטע פריינד, וואָס זוכן פאַר־לייכטערן אָט די גאָר שווערע מאָמענטן אין מענטשלעכן לעבן.

עס העלפט זייער אַ סך, ווען מען האָט אין אַן עת־צרה פריינד, אויך די ווייטע, וועלכע מען האָט אפילו קיין מאָל גאָר נישט געטראָפן. עס איז שווער אויסצודריקן אין ווערטער ווי גערירט מען איז, ווען מען באַקומט אַפילו אַ טרייסט־בריוו פון ווייטע ווייטקייטן — וואָס ווילן העלפן טיילן דעם צער נאָך אַ פאַרלוסט.

וויפיל מיר זאָלן נישט טראַכטן אָדער רעדן וועגן טויט, איז מען פּסיכיש קיין מאָל צו דעם נישט צוגעגרייט — ווען ער קומט אָן. מיר איז אויסגעפאַלן לעצטנס צו לייענען צוויי ביכער ווו דער טויט איז אַ מיטבאַטייליקטער אין דער משפּחה.

אַ יידיש בוך פון שמעון אַרענשטיין, אין ישראל, און אַ בוך אין ענגליש אונטערן טיטל, אַ בריוו צו אַ יונגערן זון.

דער מחבר קריסטאָפער ליטש שילדערט זיינס אַ טראַגעדיע, באַשרייבט זיינע דורכלעבונגען נאָכן פאַרלירן אַ יונגן זון, און נישט האָבנדיק נאָך דעם גרויסן אומגליק צו קענען זיך סומך זיין אויף דער אַנעסטעטיק, וואָס עס גיט דער רעליגיעזער גלויבן דעם צעבראָכענעם מענטש, ווען ער בלייבט אַליין, אינמיטן פון זיין פאַרוויסטער וועלט.

ער זאָגט צו זיין פאַרשטאָרבענעם זון: „מיר זענען אַ טייל פון דער נאַטור. און דער וואַלפיש און די רויזן און די נאַכטיגאַלס שטאַרבן, און זיי גייען נישט אַריין אין אַ הייליקן אָדער אין אַן אייביקן גן־עדן. זיי שטאַרבן, שפּעטער צי פריער, מחמת עס איז זייער צייט אַוועק־צוגיין".

ציטיר איך די שורות בכדי צו זען ווי אַזוי עס לעבט טאַקע איבער אַ מענטש, וואָס גלויבט נישט אין די געטער און ווען ער זאָגט: „ווי אַזוי קען איך דערקלערן פאַר זיך אַליין דעם קאָנטראַסט צווישן יינגל, וואָס איז געווען פול מיט לעבן, געלאָפן צו מיר (און לויפט נאָך אַלץ) און די אַנטאַרקטישע פרירונג פון זיין קערפּער, וואָס שפּירט שוין מער נישט מיין קוש?".

גיי איך נישט אָפּשטעלן זיך דאָ אויף זיינע ווייטערדיקע מעדי־טירונגען וועגן יעזוסן, אַז מיר נויטיקן זיך נישט אין קיין פריסטער און טעאָלאָגיע. ער זוכט אַ טרייסט אין דעם, וואָס דער טויט מאַכט אונדז טיפער זען דעם טראַנזיט־כאַראַקטער פון אַלע זאַכן; און טאַקע דערפאַר וואָס עס איז אַזוי טראַנזיטאָריש, מאַכט עס אונדז דאָס לעבן נאָך מער טייער. און ער באַטאָנט לסוף: „איך האָב נאָך אַלץ נישט שלום געמאַכט. טויט איז אַ „באַסטאַרד": באַרויבט אונדז פון די, וועל־כע מיר ליבן, נעמט אַוועק זייער צוקונפט און ענדערט אונדזער איי־גענעם".

ווי אַ מחבר און ווי אַ טאַטע אָדער ווי עלטערן, דערמאָנט ער אונדז, אַז ווען מיר זענען אין צער, אין טיפן פּאַניק און יאוש, קומט אַרויף די פראַגע וואָס יעדער פון די געליטענע פרעגט זיך: „ווי אַזוי קען איך אויפסניי אָנהייבן?"

די טרייסט איז, אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ נייער קאַפּיטל . . .

יוסף גיליגיטשן

אונדזערע יורשים

(דראַמאַטיזירטער עסיי)

די סצענע קומט פֿאָר אין עלווד, נישט ווייט פֿון ים־ברעג, אין אַ שטיקנדיקן זומער־אָוונט.

ביים אָפֿענעם פֿענצטער שטייט **יוסף גלוביק** און קוקט אַרויס צום ים אויף דעם הערלעכן זון־פֿאַרגאַנג. ער איז אַזוי פֿאַרטראַכט, אַז ער האָט נישט געהערט דעם אַריינקום פֿון **דייוויד סקעפּטיק**.

— אַ גוטן אָוונט, מר. גלוביק, ביסט מיר עפּעס אַזוי פֿאַרחושט, באַמערקסט גאָר נישט, ווען מען קומט אַריין צו דיר. וואָס האָסטו דאָרטן דערזען? דעם הימל שפּאַלטן זיך? אפשר קומט אליהו הנביא צוריק אַראָפּ אויף זיין רייט־וואָגן?

מר. גלוביק: — קום נאָר צו צום פֿענצטער און זע די הערלעכע שקיעה. אַזאַ בילד האָב איך שוין לאַנגע יאָרן נישט געזען. די זון, אַ פּורפּל־רויטע, האָט זיך אין ים דערטרונקען, און באַפֿאַרבט דעם גאַנצן אַרום. האָסט באַמערקט, ווי דאָס וואַסער איז אָפּגעפֿאַלן? מיט אַ שעה צוריק האָט מען זיך דאָרטן געבאָדן; און איצט סטאַרטשען אַרויס קליינע אינדזעלעך. קום צו נענטער צום פֿענצטער. זע נאָר די פֿאַרביקע באָד־קאָסטיומען און ברעג־ים־קליידלעך, באַלויכטן פֿון די ריזיקע רעפֿלעקטאָרן, ווען עס וואָלטן דאָרט נישט געווען קיין פּרויען, וואָלט איך געמיינט, אַז עס שטייען ייִדן און זענען מחדש די לבנה. אויף יעדן אינדזעלע דאָרט אַ פֿאַרביקע עדה, אויף וועלכער עס פֿאַלט אַ פֿאַנטאַסטיש ליכט! — זעט דאָס נישט אויס ווי אַ קינסט־לעריש־פּרעכטיקע דעקאָראַציע, פֿון אַן עקזאָטיש וווּנדערלעכער אָפּערע? ווען איך וואָלט נאָר געווען אַ מאָלער און געקענט אַראָפּ־כאַפּן דאָס וואָס איך זע און פֿיל!

מר. סקעפּטיק: — מיך נעמען נישט די אַלע זאַכן. דו, ביסט בעל־חלומות, זעסט זאַכן, וואָס זענען נישט רעאַל. ביסט אַ פּאָעט.

דערפאַר — נישט קיין פּראַקטישער מענטש. אַ זון־פאַרגאַנג פאַר־כאַפּט דיך, צינדט אָן דיין פאַנטאַזיע. ווען איך הער דיך רעדן מיט התלהבות וועגן יידישקייט, גרענגל פאַרן קיום, יידיש־לשון, יידישע קולטור, הויב איך מיט די אַקסלען. איך קען עס נישט פאַרשטיין: ביסט דאָך אַ קלוגער ייד, טאָ ווי קומט עס צו דיר אַזאַ מאַניע אין קאָפּ צו פאַרליבן זיך, צו פאַרעקשנען זיך אויף יידיש? ווער דאַרף עס היינט האָבן? דו זאָגסט — דאָס פאָלק דאַרף עס האָבן. האָסטו געפרעגט דעם פאָלק צי ער דאַרף עס, צי ער וויל עס האָבן?...

מר. גלוביק: — זע נאַר, ווי דו האָסט זיך דאָס צערעדט, אין אַזאַ הייסן אָוונט נאָך, וועגן אַזעלכע תוך־ענינים. צי האָט נישט די הער־לעכע שקיעה ביי דיר אַ צופּ געטאָן עפּעס, וואָס דו פאַרלייקנסט? אַזאַ זון־פאַרגאַנג איז בכוח אַראָפּצושאַרן דעם אַש פון אַ נאָך נישט פאַרלאָשענער קויל... עפּעס טליעט נאָך ביי דיר, און וועגן דעם וועלן מיר באַלד אַ שמועס טאָן. לאָמיר זיך צוזעצן צום טיש און נעמען אַ קאַלטן טרונק. (ער צינדט אָן ס'ליכט, שטעלט אַוועק ביר אויפן טיש. זיי טרינקען פּאַמעלעך. מר. גלוביק, אַ פּאַרטראַכטער, נאָך אַ קליינער פּויזע, הויבט אָן דעם איבערגעריסענעם געשפּרעך).

מר. גלוביק: — ווער דאַרף האָבן יידיש? עס איז נישט בלויז די פראַגע וועגן יידיש לשון, נאָר וועגן אַ פּיל טיפערן ענין. אגב, צי ביסטו געווען אויף דעם גאַסט־אַרטיסטס ערשטן אויפטריט אין מעלבורנער טאַון־האָל?

מר. סקעפּטיק: — על פּי טעות בין איך אַריינגעפאַלן אויפן אָוונט, מען האָט אַזוי פיל געשריבן וועגן אים, האָב איך פאַר נייגע־ריקייט געוואָלט אים זען שפּילן. געטראַכט, אַז כ'וועל מיינע נערוון אויסרוען ביי אַ לעבעדיקער קאָמעדיע, און באַקומען האָב איך אַ שבתי־צבי טראַגעדיע. ווער דאַרף עס היינט האָבן? טראַגעדיעס האָט דער מענטש גענוג אין טאָג־טעגלעכן לעבן! אַ גאַנצן טאָג איז ער אין אַ נערוועזן צושטאַנד. ער האַלט זיך אין איין יאָגן: אין גע־שעפט, איבער די גאַסן, איבער דער וועלט. אין טעאַטער זוכט ער אַן אַנדערע וועלט — אַ ליכטיקע, אַ פריילעכע, אַ וועלט אין וועל־כער ער זאָל זיך קענען פאַרגעסן! און יידן זענען גוטע ביזנעס־לייט. דאָס פאָלק פון טראַגיקער האָט ארויסגעגעבן פון זיך פּיפּיקע „ענטער־טיינערס”, קאָמיקער מיט וועלט־נעמען; אויפגעבויט די גרעסטע פאַר־ווייַלונגס־אינדוסטריע — אָבער נישט מיט שבתי צבי און דר. וואָלפּס טראַגעדיעס...

מר. גלוביק: — מיט די יידן־קאָמיקער וועלן מיר זיך איצט נישט פאַרנעמען. אָבער מיט דר. וואָלפּס טראַגעדיע — יאָ. עס האָט אַ שייכות צו אונדזער טעמע. ווי פּרעכטיק עס איז די כאַראַקטע־ריזאַציע פון אַ וואָלף מיט צוויי פּייען, וועלכער איז אין דער יוגנט

באַרויבט געוואָרן פון זיינע עלטערן. יאָ, זיינע אייגענע עלטערן, וועלכע האָבן נישט געזשאַלעוועט פאַרן קינד דאָס טייערסטע אויף דער וועלט, האָבן אָפּגעטויט אין אים דעם מאָראַלישן ווידערשטאַנד, וואָס איז אַזוי לעבנס־נויטווענדיק אין צייטן פון סכנה. אַלץ האָבן די על־טערן געטאָן פאַרן קינד: געזאָרגט פאַר זיין בילדונג, קאַריערע, פאַר זיין אַרישן נאָמען, געזאָרגט פאַר זיין פיזישן געזונט־צושטאַנד, אָבער נישט פאַר זיין גייסטיקן. ער האָט קיין נאַציאָנאַלע וויטאַמינען נישט באַקומען. דערפאַר איז ביי אים אויסגעוואַקסן נישט קיין שטאַנדהאַפּ־טיק־מאָראַלישער, ביין־האַרטער חוט השדרה, נאָר אַ גומענער, וואָס בויגט זיך אין אַלע זייטן... סאַראַ גרויסן חלק שולד עס טראָגן זיינע עלטערן פאַר זיין טראַגעדיע!!

מר. סקעפּטיק: — יאָ נאָר, סאַראַ וועזן דו מאַכסט פון אַ מעשה מיט אַ יידן, וואָס איז משוגע געוואָרן אין היטלער־דייטשלאַנד! און ווען ער וואָלט שוין געהאַט אַ יידישע דערציאונג — דיינע נאַציאָנאַלע וויטאַמינען! — וואָלט זיין גורל דען געווען אַנדערש? און די יידן אין פּוילן, וועלכע האָבן געפּילט, געטראַכט און געלעבט יידיש, האָבן זיי דען געהאַט אַ בעסערן סוף? (מר. סקעפּטיק הייבט זיך אויף, גייט צו צו דער ביכער־שאַנק און ווייזט) האָסט דאָך ביי זיך די גאַנצע חורבן־ליטעראַטור. נישט בלויז יחידים, מיליאָנען יידישע יידן האָבן דורכגעלעבט — אויף אַזאָ אָדער אַן אַנדערן אופן — דר. וואָלפּפּס טראַגעדיע. טאָ צו וואָס אַנטשעפּען זיך אין זיין נישט־יידישער דער־ציאונג, וואָס דאָס האָט לגמרי נישט געקענט באַווירקן זיין גורל?

מר. גלוּביק: — דיין פאַרגלייך מיט די יידן אין פּוילן הינקט שטאַרק אונטער. אוודאי זענען די יידן אין מזרח־אייראָפּע געווען פיזיש שוצלאָז, געפינענדיק זיך פּנים אל פּנים מיט דער מעכטיק־סטער חיה אויף דער וועלט! זיי האָבן געליטן, אָבער געוווּסט פאַר וואָס זיי ליידן! ווען זיי זענען געגאַנגען דעם לעצטן וועג, איז דאָס געווען מיטן שמע ישראל, מיטן געפיל און באַוווּסטזיין פון יידישן קידוש־השם. פיזיש האָבן זיי נישט געקענט אויסקעמפן; אָבער גייסטיק און מאָראַליש — צי קענסטו אָנווייזן אויף איין פאַלק וואָס זאָל אין אַזעלכע שוידערלעכע באַדינגונגען האָבן אויפגעהיט דעם בצלם אלוהים? דער גייסטיק־מאָראַלישער חוט־השדרה פון פאַלק איז שטאַרקער געווען ווי אַלע מאַשינאַ־ליניעס אויף דער וועלט. דאָס איז געווען נאָר ביי די יידישע יידן. אָבער די אַסימילירטע וואָלפּפּס, וועל־כע האָבן אָראָפּגעריסן פון זיך די זיבעטע יידישע הויט, דאָס רענדל אויסגעטוישט אויף פּראָטעסטאַנטיש אָדער קאַטוילִיש, זיי האָבן דאָך נישט געקענט באַנעמען דעם זין פון זייערע ליידן. זיך אָפּגעריסן פון יידישן פאַלק און געטראָפן פאַר זיך פאַרהאַקטע טירן; געבליבן הענגען אין דער לופטן — ווי פאַרוועלקטע בלעטלעך, וואָס האָבן זיך

אַפּגעריסן פון שטאַם. אויסגעוואָרצלטע, איז זייער טראַגעדיע נישט נאָר געווען צוליבן פיזישן איבערגעוויכט פון שונא, נאָר בעיקר צוליב דעם מאָראַלישן, גייסטיקן וואַקוואום אַרום זיך. די יאַקאָב וואַסער־מאַנס, ערנסט טאָלערס און סטעפאַן צווייגס, וואָס זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אויסער די גרענעצן פון היטלער־דייטשלאַנד, האָבן בולט אַנטפּלעקט דעם טיפן תהום, וואָס האָט זיך אויפגעעפנט אונטער זייערע פיס. און דאָס איז די טראַגעדיע פון אַסימילירטן יידישן דור. מיר מוזן פון דעם פאַרהיטן אונדזערע קינדער.

מר. סקעפּטיק: — איך בין צופעליק געווען ביים לייגן דעם גרונטשטיין פון דער נייער געבידע פאַר דער יידישער שול אין מעל־בורן. כ׳האָב געהערט שיינע רעדעס וועגן דער יידישער פעסטונג, וואָס די שול וועט זיין קעגן אַסימילאַציע. אָבער דאָס איז אַלץ פאַנ־טאַזיע. לאָמיר רעדן פּראָזע, תכלית. רעדן דען אייערע קינדער יידיש? רעדן דען אייערע אייניקלעך אַרויס אַ יידיש וואָרט? אפילו אין דער יידישער שול רעדן דאָך די קינדער צווישן זיך ענגליש. איז דען אייער אַרבעט נישט קיין ארויסגעוואָרפענע? היינט, צוליב די עלטערן, זענען די קינדער געצוווּנגען צו באַזוכן אַ יידישע שול — פּריוויליק וואָלטן זיי קיין מאַרטירער נישט געווען! — טאָ צוליב וואָס זאָלט איר איינשפּאַנען די קינדער אין יידישן יאָך, אַרויפלייגנדיק אויף זייערע שוואַכע פּלייצעס דאָס יידישע פּעקל — שפּראַך, געשיכטע, ליטעראַטור? איר זעט דאָך באַשיינפּערלעך, אַז ביי דער ערשטער גע־לעגנהייט שפּאַנען זיי זיך אויס פון דעם יידישן וואָגן. טאָ צוליב וואָס די אומזיסטע אַרבעט? זיי וועלן רעדן ענגליש און טראַכטן ענגליש, און אייער גאַנצע מי באַטראַכט איך פאַר אַ ברכה לבטלה. אַסימי־לאַציע איז שטאַרקער פון אייך! אייער יידישע קולטור־עקשנות וועט אייך גאָרנישט העלפן.

מר. גלוביק: — אונדזער עקשנות אויף יידיש־לשון איז נישט דערפאַר, וואָס מיר זענען סתם פאַרליבט אין יידיש, נאָר ווייל מיר האָבן דאָס געפיל און דעם באַוווּסטזיין, אַז פון דעם איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק אונדזער קאָנטינואיטעט אַלס פאָלק. ווייל יידיש איז נישט בלויז שפּראַך, עס איז די פאַרקערפּערונג פון אונדזער פאָלקס־נשמה. וויפל טרערן און וויפל געוויין, וויפל פרייד און בטחון האָט דאָס יידישע וואָרט אריינגעזאַפּט אין זיך דורך הונדערטער יאָרן יידישן לעבנס־שטייגער! יידיש איז אָרגאַניש פאַרוואָרצלט אין יידיש־קייט. עס שאַפט אַ דירעקטע באַרירונג מיט דעם לעבנס־עלעמענט פון פאָלק און זיינע גייסטיקע אוצרות. דעריבער, וואָס מער דאָס קינד וועט איינזאַפּן אין זיך די זאַפטן פון יידיש, אַלץ שטאַרקער וועט זיין זיין צוגעבונדנקייט צום פאָלק. זיין געפיל און באַוווּסטזיין וועלן באַנעמען, אַז יידישקייט איז אַן אומפאַרמיידלעכער גורל פון

זיין לעבן. צי וועלן אונדזערע קינדער רעדן יידיש? קיין גאַראַנטיע האָבן מיר נישט, אָבער מיר האָבן שטאַרקע אמונה און בטחון, אַז ס'וועלן זיין יידישע יורשים, אַז פון יונגן דור וועלן אויך אויס־וואַקסן עקשנים אויף יידיש; ווי קליין זייער צאָל זאָל נישט זיין, וועלן זיי אָבער דאָך זיין דער קערן, וואָס וועט נאָך אונדז ווייטער ממשיך זיין אונדזער אַרבעט, צוגעפּאַסט, נאַטירלעך, צו די ניי־געשאַפענע באַדינגונגען. מיר, דער עלטערער דור, מוז היינט מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, אַז די ליטעראַטור, די געשיכטע, דאָס לשון זאָל אונדזערע קינדער זיין נאָענט, אייגן און ליב. זיי זאָלן פילן דרך־ארץ פאַר דער שפּראַך און דעם לעבנס־שטייגער פון זייערע עלטערן. דאָס וועט זיין דער פאָדעם, וואָס וועט פאַרבינדן די דורות.

מר. סקעפּטיק: — איך האָב דעם איינדרוק, אַז איר הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין דעם יונגן דור. איר באַנעמט נישט זיין אינער־לעכע וועלט, אין וועלכער ער לעבט זיך אויס און איר קענט דעריבער צו איר נישט צוקומען. מיר זענען אימיגראַנטישע יידן. מיר האָבן אין די נייע לענדער מיטגענומען אַ גייסטיקן באַגאַזש פון דער אַלטער היים. אַנומלט רעד איך אַזוי וועגן עפּעס פון אַט דער היים און מיין יונגער זון, אַ געבוירענער הי׳, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך, גיט מיך אַ פרעג: „איז דען נישט אָט דאָס לאַנד דיין היים?” איך האָב שטאַרקער תופס געווען, אַז די הי־געבוירענע, אָדער דערצויגענע קינדער זענען קודם־כל אויסטראַליער, מיט אַן אַנדע־רער מענטאַליטעט פון אונדזערער. קענט איר זיין אַזוי נאַאיוו און מיינען, אַז מיט אַ ביסל יידיש וויסן, מיטן אויסלערנען זיך אַ סכום פּאַראַגראַפן און ידיעות פון יידישן לשון, ליטעראַטור און געשיכטע, וועלן די קינדער אויסוואַקסן יידן, מיט אַ יידיש געפיל און באַ־וווסטזיין? פון אייערע שולן וועלן טאַקע אַרויסוואַקסן גרויסע יידישע למדנים!...

מר. גלוביק: — מיר באַמיען זיך זייער שטאַרק צו באַנעמען די מענטאַליטעט פון אונדזערע קינדער און צו דעם צופּאַסן אונ־דזער דערציאונג. האָסט סאַרקאַסטיש אַ זאָג געטאָן וועגן די גרויסע יידישע למדנים, וואָס וועלן אויסוואַקסן פון אונדזערע שולן; ווייסטו דען נישט, אַז דערציאונג און למדנות זענען צוויי באַזונדערע זאַכן? אַלס ביישפּיל נעם מעדיצין און היגיענע: יעדער מענטש מוז דער־צויגן ווערן ער זאָל האָבן די עלעמענטאַרסטע ידיעות וועגן היגיענע, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז יעדער מענטש מוז באַקומען מעדיצינישע אויסבילדונג. איז דען דער ציל פון יעטוועדער דערציאונג אַנצושטאָפּן דאָס קינד מיט נעמען, פאַקטן אָדער סתם פּאַסירונגען? קענטענישן זענען נישט דער ציל אין חינוך, נאָר דער מיטל. דער ציל איז צו אַנטוויקלען דעם קינדס פּערזענלעכקייט. אויב דאָס איז דער פּרינציפּ

אין דער אַלגעמיינער דערציאונג, איז עס אין דער ייִדישער אוודאי און אוודאי. אַנטוויקלען ביים קינד די ייִדישע עלעמענטן פון זיין פּערזענלעכקייט, ער זאָל עמאָציאָנעל — און וויפל מעגלעך — אויך אינטעלעקטועל — אַריינוואַקסן אין ייִדישן לעבן, ווערן אַ גליד פון פאָלק און באַקומען אַן עמאָציאָנעלע באַפרידיקונג דורך אויסלעבן זיך ווי אַ ייִד. למדנות? מיר האָבן אַ סך ייִדישע כלל־טוער, האַרציקע, ווילע ייִדן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיטן ייִדישן לעבן, איינגעוואָרצלט מיט אַלע אברים אין ייִדישע פּראָבלעמען און זענען אַליין קנאַפּע למדנים. פון חדר, תלמוד תורה אָדער ייִדישער שול זענען זיי נישט אַרויסגעגאַנגען מיט גרויסער געלערנטקייט, נאָר מיט אַ ייִדיש האַרץ, מיט ליבע און אחריות צום פאָלק. געדענקסטו אפשר די קליינע ייִדישע קאָנטאָניסטן, וועלכע זענען יונגערהייט אַרויסגעריסן געוואָרן פון די וואַרעמע היימישע נעסטן און פאַרוואָרפן געוואָרן אין וויטן סיביר אויף סאָלדאַטסטוואָ? נישט קיין למדנות האָבן זיי געהאַט מיטצונעמען אַלס צידה לדרך אויפן וויטן וועג, נאָר טיפן ייִדישן שטייגער! די ייִדיש־מאָראַלישע דיסציפּלין פון דער היים ביי טאַטע־מאַמע, וואָס זיי האָבן באַוויזן אריינצוזאַפּן אין זיך אין די קינדער־יאָרן. דאָס ביסל דערציאונג פון די חדר־יאָרן האָט אויסגעשמידט ביי זיי די אינערלעכע מאָראַלישע ווידערשטאַנדס־קראַפט, וואָס האָט זיי געגעבן כח און אויסדויער צו בלייבן ייִדן.

מר. סקעפּטיק: — דיינע לעצטע ביישפּילן רעדן דאָך מער לטובת אַ רעליגיעזער דערציאונג, ווי אַ וועלטלעכער. דערמאָנסט דאָך אַליין ווי אַזוי גוטע ייִדישע עסקנים זענען אויסגעוואַקסן פון חדר, תלמוד תורה, און ענלעכע דערציונגס־אַנשטאַלטן ביי ייִדן. דאַרף מען דאָך היינט אַוודאי און אַוודאי אונטערשטיצן נאָר די וואָס לערנען צו זיין רעליגיעז און פרום? זעט, אַמאָל האָט איר דאָך צוגענומען די קינדער פון דער פרומער און חסידישער וועלט. היינט נעמען זיי צו אייערע קינדער! זיי קומען פון וועלטלעכע היימען צו די ליובאַוויטשער. אויב שוין יאָ ייִדישקייט — פאַרלאַנגען זיי אַ הונדערט פּראָצענטיקע, מיט כשרות אין שטוב, מיט שבת היטן. אויף דעם באָדן קומען אויך פאַר שטאַרקע קאָנפליקטן, צוליב ריסן וואָס עס שאַפן זיך צווישן נישט־רעליגיעזע עלטערן און זייערע פרום געוואָרענע קינדער, וואָס ווילן מיט אַלע תרי״ג מצוות...

מר. גלויביק: — יעדער יונגער ייִד וואָס זוכט זיין ייִדישע אידענטיטעט אין אַזאַ צי אַנדער נוסח פון ייִדישקייט זאָל זיין געבענטשט! אַלע מינים ייִדישקייטן וואָס פירן צום קיום פון פאָלק דאַרפן געשטיצט ווערן, מחמת זיי פירן צו אַ צוקונפט און המשך פון אונדזער געשיכטע.

אָבער ייִדישע געשיכטע גייט היינט פיל־פּנימדיק צו איר צוקונפט, און דאָס איז פאַרבונדן מיט דעם כאַראַקטער און גייסט פון

יידישער דערציונג ביים יונגן דור. ווער עס גלויבט אין ליובאַוויטש, ווער אין יבנה, ווער אין ביאַליק — זאָל אַרבעטן מיט לייב און לעבן פאַר דעם וואָס ער גלויבט.

אונדזער נוסח יידישקייט איז אַ נאַציאָנאַל־וועלטלעכער און איז באַזירט אויף יידישע און אַלמענטשלעכע ווערטן וואָס גייען אַריין אין אונדזער וועלט־אַנשויאונג. און אין איר איז יידיש לשון אַ לעבע־דיקער קוואַל, וואָס איז פול מיט די לעבעדיקסטע פאָלקס־זאַפטן. און נאָך אַ גאַר וויכטיקער ענין: האָסט דאָך דערמאָנט די קריזיסן אין משפחות צווישן די פרום־באַקערטע קינדער וואָס זענען אַוועק צו ליו־באַוויטש, מיט זייערע עלטערן וואָס זענען פאַרבליבן וועלטלעך, און זענען טייערע יידן, אָבער נישט־רעליגיעז, און זיי זענען דאָך נישט וויניקער פאַרבונדן מיטן פאָלק ווי זיינע פרומע טיילן.

אונדזער שול, אונדזער יידישקייט־נוסח שאַפט נישט קיינע ריסן צווישן דורות. פאַרקערט, זי בויט אויס בריקן צווישן זיי. זי פאַרבינדט דעם קינד מיט דער גייסטיקער וועלט פון זיין טאַטע־מאַמע און מיט די דורות פאַר זיי. און איך זאָג דיר אָפן: אונדזער וועלטלעכע יידישקייט היינט, האָט זיך אַ סך געענדערט פון דער פאַר־מלחמהדיקער. זי איז מער צוגעפּאַסט צו די היינטיקע צייטן און צו די באַדינגונגען פון דער נאָך־חורבנדיקער יידישער ווירקלעכקייט. עס האָט פאַרלאַנגט ענדערונ־גען אין דער סובסטאַנץ פון די אַלטע באַגריפן — און דאָס באַציט זיך אויך צום באַגריף: וועלטלעכע און סעקולערע יידישקייט אין אַ געענ־דערטער יידישער וועלט. אין דעם זין זענען מיר היינט צוגעקומען נענטער צו די וואָרצלען פון דער אַלטער יידישער קולטור מיט אירע רייכע ווערטפולע אוצרות.

אונדזער סעקולערע יידישע שול לערנט און שטיצט זיך נישט בלויז אויף דער מאָדערנער יידישער קולטור און ליטעראַטור, נאָר אויך אויף דער אַלטער, אויף אַלץ וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט גע־שאַפן אין לויף פון זיין געשיכטע — דאָס איז כולל: תנ״ך, תלמוד, קבלה, חסידות, אַזוי אויך די נאַציאָנאַלע יידישע יום־טובים און טראַ־דיציעס, וויזיעס און חלומות, וואָס סטימולירן דעם פּולס פון אַ קערנ־דיק יידיש־לעבן און פאָלקישער שאַפערישקייט. דאָס אַלץ גייט אַריין אין סכום פון אונדזער יידישקייט אין דער מערבדיקער פרייער וועלט אין וועלכער מיר לעבן היינט.

מר. סקעפּטיק: — איך זע אַז איר זענט היינט בעלי־תשו־בות געוואָרן! טאָ האָט שוין דעם מוט צו זאָגן מיט די באַרימטע ווער־טער פון מאַרק אורעלוס: „איך האָב אַמאָל געבלאָנדזשעט, אָבער גייענדיק צום אמת וועל איך נישט דערלאָזן אַז די אַלטע בלאָנדזשע־נישן זאָלן מיר פאַרשטעלן דעם וועג צו אים״...

מר. גלוביק: — אויף דעם וויל איך דיר גלייך ענטפערן מיט די ווערטער פון וויקטאָר הוגאָ (צו אַ מאַרקיז, — זיינס אַ באַשולדיקער, אַז ער האָט פאַרראַטן זיין פריערדיקן אידעאַל...) הוגאָ האָט אים געענטפערט: — דער האַריזאָנט האָט זיך געענדערט, מאַרקיז, אָבער נישט די נשמה ביי מיר! אינעווייניק אין מיר האָט זיך גאָר נישט געענדערט, נאָר אַלץ אַרום מיר... איך בין פאַרבליבן מיטן זעלבן בליק, איך זע אָבער אַן אַנדער הימל, אַ געענדערטן האָריזאָנט".

איך דאַרף דיר נישט זאָגן ווי אַזוי ידישקייט האָט אויסגעזען אין דער אַלטער היים, ווו דער ווייסל און דער נאַרעוו און דער בוג האָבן גערעדט ידיש. דער ידישער שטייגער האָט געהאַט אַזעלכע טיפע איינגעפונדעוועטע וואָרצלען אין מזרח אייראָפּע. האָט ווער געקענט דען אין ידיש־פּוילישן שטעטל אַרויסרוקן אַזאַ שאלה: „ווער איז אַ ייד?".

אַזאַ פראַגע איז דאָך קיינעם אויפן געדאַנק גאָר נישט געקומען, ווייל עס איז געווען קלאָר די באַזונדערע ידישע רעם וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס לעבן פונעם יחיד און פון כלל.

אונדזער וועלטלעכקייט דאָן אין מזרח־אייראָפּע, איז געקומען ווי אַ פריש ווינטל אין אַ קלימאַט פון אַ הויכער פרומקייט־טעמפּעראַטור. די משכילים האָבן זיך דאָך געמוזט בשעתם מיט ציין און נעגל ראַנגלען פאַר אָט דעם אָפּפרישונגס־ווינט אינעם ידישן לעבן, וואָס האָט דערמעגלעכט די אַנטשטייאונג פון דער מאָדערנער ידישער קולטור און ידישער דערציונג.

אָבער נאָכן חורבן — מיט אַלץ וואָס איז געשען אין אונדזער לעבן, און אין די נייע ישובים, ווו די גאַס, די פרעמדע לשונות און קולטורן רייסן פון אונדז לעבעדיקע שטיקער; מוז היינט אַ ידישע דערציונג וואָס איז ווערט דעם נאָמען, זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען. דעריבער פאַרנעמען היינט די נאַציאָנאַלע ווערטן אַזאַ וויכטיקן אָרט אין אונדזער חינוך.

מר. סקעפּטיק: — מסכים, אַז ס'האָט זיך געדאַרפט ענדערן, אָבער דאָס וואָס איר לערנט זיי אויס אין שול וועלן זיי דאָך סיי ווי שנעל פאַרגעסן.

מר. גלוביק: — ניין, זיי פאַרגעסן נישט אַזוי לייכט ווי דו שטעלסט זיך פאָר. עס ווערט ערגעץ געבראַכט, אַז צוויי מלאכים באַגלייטן דאָס קינד אויף זיין אַנטוויקלונגס־וועג, דער מלאך פון „זכרון" און דער מלאך פון „שכחה", און יעדער איינער דינט דאָס קינד אויף זיין שטייגער: דער מלאך פון „זכרון" לייגט אַכט אויף דעם, וואָס דאַרף געדענקט ווערן, און דער צווייטער מלאך — אויף דעם, וואָס דאַרף פאַרגעסן ווערן.

(פון צווייטן צימער הערט זיך אַ געוויין פון אַ קינד, בײדע הערן זיך צו. ווען עס דוכט זיך, אַז דאָס קינד באַרואיקט זיך שוין, הויבט עס אָן אויפסניי אין שטאַרקערע טענער. דאָס חזרט זיך איבער אַ פּאָר מאָל. מר. גלוביק גייט אַרויס אויף אַ ווייל און קומט באַלד צוריק).

מר. סקעפּטיק: — פאַרוואָס וויינט דאָס קינד?

מר. גלוביק: — די מאַמע האָט אַנגעשריגן אויף אים. עס האַלט, אַז ס'איז אים געשען אַן עוולה, שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן.

מר. סקעפּטיק: — אָבער פאַרוואָס הערט עס אויף און הויבט אָן אויפסניי?

מר. גלוביק: — די סיבה איז דאָ אַ פּסיכאָלאָגישע. ביים וויינען, ווען עס האָט שוין געהאַלטן ביים אויפהערן, האָט עס זיך דערמאָנט אין אַלטע עוולות, וואָס דער זכרון דערמאָנט אים. צו זיין איצטיקער באַליידיקונג שליסן זיך אָן אַלטע, פריערדיקע, וועלכע האָבן שוין געדאַרפט לאַנג פאַרגעסן ווערן — אַזוי דוכט זיך אונדז! מען מאַכט אָפט דעם טעות אַז אַ קינד פאַרגעסט שנעל. די "שכחה" ביים קינד איז פאַרבונדן מיט זיין דינאַמישקייט, מיט דעם אופן, ווי עס שפּרינגט איבער פון איין איינדרוק צום צווייטן, נישט קענענדיק זיך קאָנצענט־רירן צו לאַנג אויף איינס. פון דעם בלייבן ביי אים נישט קיין אויסגע־לעבטע רעשטלעך, צו וועלכע דאָס קינד קערט זיך אום שפּעטער. ביי אַ געלעגנהייט וועט עס דערשפּירן די רעשטלעך צו אַ גאַנצקייט. ס'איז דאָ אַ גאַנצע פּסיכאָלאָגישע טעאָריע וועגן קאָנצענטרירטקייט אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג בכלל, און דער קינדערשער בפרט. אָבער נישט פּסיכאָלאָגישע טעאָריעס אינטערעסירן מיך איצט. פאַראַן אַ רוסיש ווערטל: „וואָס איז אַנגעשריבן מיט דער פּען, קענסטו נישט אויסהאַקן מיט דער האַק", און קינדער־דערציער זאָגן: דאָס וואָס מען קריצט איין אין דער קינדישער פּסיכיק פאַרבלייבט שוין אַ באַ־שטאַנד־טייל פון זיין פּערסאָנאַליטעט. דאָס וואָס די קינדער באַקומען אין אונדזער שול, קומט זיי צו חלום אין זייער דערוואַקסענעם לעבן. און מיר זעען עס מיט לעבעדיקע ביישפּילן ביי אַבסאָלווענטן פון אונדזערע שולן אין מעלבורן און אין דער וועלט.

(מען קלאַפּט אין טיר. עס קומט אַריין אַ שכנטע — רחל מאַרק. מר. גלוביק פרעגט זיך נאָך אויף איר יינגל, וואָס איז געלעגן אין בעט מיט הויכער טעמפּעראַטור שוין עטלעכע טעג. זי דערציילט פון די פאַרשידענע סאַלפאַ־פּילן, מיט וועלכע די דאָקטוירים באַמיען זיך צו באַקעמפן דעם אַנגרייפערישן ווירוס, וואָס פאַר־גיפטעט זיין אָרגאַניזם).

מר. סקעפּטיק: — (נאָך איר אַוועקגיין): — צי גלויבסטו טאַקע אַז אין דער אַנגלאָזאַקסישער וועלט, ווו די ענגלישע קולטור פירט

אַ סיסטעמאַטישע אַפּענסיווע, אַריינדרינגענדיק דורך אַלע שפּאַרונעס אין אונדזערע הימען, וועט מען מיט אַ דאָזיע ידישקייט קענען באַקעמפן די אַסימילאַציע־מיקראָבן?

מר. גלוויביק: — האָסט געהערט, וואָס מרס. מאַרק האָט דערציילט פון איר קינד? ...דער גאַנצער פאָלקס־אָרגאַניזם אין אַלע יידישע ישובים ווערט כסדר אָנגעגריפן דורך פאַרגיפטעטע מיקראָבן און ווירוסן; אָבער די מעדיצין האָט קעגן־מיטלען: „סאַלפאַ“, „פּעניציליו“, „סטרעפּטאָמיסין“. יידישע דערציאונג — דאָס זענען אונדזערע איינשפּריצונגען פון כלעריי „סאַלפאַס“ און „מייסינס“ אָפּצושוואַכן די ווירקונג פון די אָנגרייפער. צו דעם קומט נאָך צו נאָך אַ וויכטיקער פאַקטאָר: דעם אַסימילירטן יידן לעבט זיך גאָר נישט לייכט אין דער גרויסער, נישט יידישער וועלט. האָסט אפשר באַמערקט אין דער פּאַריזער פּרעסע ווי אַזוי מען האָט דעם פריערדיקן פּרעמיער־מיניסטער מענדעס פראַנס — וואָס געהערט שוין אָן מיטן יידישן פאָלק ווי אַ וויטער עלטער־פּעטער — געראָטן ער זאָל טוישן זיין נאָמען פון מענדעס פראַנס אויף מענדעס איזראַעל?... צו אַסימילאַציע, ווי צו יעדן שידוך, דאַרפן מסכים זיין ביידע צדדים. אָבער אויך אין דער נאָך־היטלער־תקופה איז דער נישט־יידישער צד נישט אָנגעברענט צום אסימילאַציע־שידוך. דו קענסט דאָך מיין אידעם? ער האָט עטלעכע אוניווערזיטעט־דיפּלאָמען. אָנגעשריבן עטלעכע וואָגיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן און איז אַ פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט. ער האָט אָבער קיין יידישע דערציִונג נישט באַקומען, אָבער „זיי“ האָבן געזאָרגט צו דערמאָנען אים, אַז ער איז אַ ייד... זיין אָפּשטאַם איז אים נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט; עס פלעגט צעשטערן זיין גלייכגעוויכט, צעפרעסן זיין ענערגיע, ביז ער איז געקומען צום אויספיר: אומצוקערן זיך צוריק אהיים... פריער אָדער שפּעטער וועט דאָס געשען מיט די אָפּגעפרעמדטע דורות. מיר דאַרפן אָבער נישט וואַרטן זיי זאָלן צעבראָכענע קומען צו אונדז; מיר דאַרפן גיין צו זיי, העלפן זיי געפינען זעלישע רו דורך עמאַציאָנעלער און אינטעלעקטועלער אידענטיפיקאַציע מיטן פאָלק.

מר. סקעפּטיק: — דער אונטערשיד פון אונדז ביידע באַשטייט אין דעם, וואָס דו ווילסט זיין גאָטס פאַרזאָרגער, ער זאָל האָבן אַ יידיש פאָלק, און איך וויל זיך נישט צערייסן פאַר אים דעם פּעלץ. צו וואָס? ער זאָל האָבן ווער צו פּייניקן? זאָל ער זיך אויסזוכן אַן אַנדער פאָלק. עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז די וועלט האָט נישט ליב קיין יידן; טאָ לאָמיר ווערן אויס יידן. לאָמיר אונדזערע קינדער באַפרייען פון גורל צו זיין מאַרטירער. אמת, אַמאָל האָט אויך די קריסטלעכע רעליגיע געהאַט מאַרטירער, אָבער דאָס האָט נישט געדויערט לאַנג. ווען ר׳ יוחנן בן זכאי וואָלט זיך נישט געוועזן

געקלוגט מיט זיין יבנה, וואָלטן מיר היינט נישט געהאַט קיין ייִדן־פּראָבלעם. מיר וואָלטן געהערט צו די זאַטע, צו די מעכטיקע און זעלבסטצופרידענע. פאַרוואָס מוזן מיר לעבן אָפּגעזונדערט, פאָדערן פון די קינדער קרבנות פאַר ייִדישקייט? נעם דעם בייִשפּיל פון אַמעריקע: ס'ווױנען דאָרט אַ פינף־זעקס מיליאָן ייִדן און מיליאָנען איר־לענדער, איטאַליענער, נאָרװעגער. פאַרוואָס טראַכטן נישט די נאָרוועגער, אַז זיי מוזן אויפהאַלטן די נאָרװעגישע קולטור? פאַרוואָס זאָלן מיר עס טאָן? צוליב וואָס אַרויפלייגן דעם שווערן ייִדישן יאָך אויף די שוואַכע פּלייצעס פון אונדזערע קינדער? (מר. גלוביק גייט צו צו דעם ביכער־שאַנק, נעמט אַרויס אַ בוך פון אַ נאָרוועגיש־אַמערי־קאַנעם שרײַבער א. ראלוואג, מישט אויף אַ זייטל און גיט עס צו לייענען מר. סקעפּטיקן).

מר. סקעפּטיק (לייענט פאַר אויפן קול): „— איך האַלט, אַז אויב מיר ווילן דערגרייכן עפּעס ווערטפולס, קענען מיר עס נאָר טאָן ווי נאָרוועגער... נעמט אַ בייִשפּיל פון די ייִדן, פון זייער צושטייער צו דער וועלט־ציוויליזאַציע און קולטור. נעמט איר עס צו, בלייבט אַ פּוסטער חלל, נישט אויסצופילן... אויב אַלס יחידים אָדער גרופּן האָבן זיי — די ייִדן — אַזוי פיל צושטייער געגעבן דער וועלט, באַזונדערס אַמעריקע, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט אויפגעגעבן די ירושה פון זייערע אָבות... מיר דאַרפן נאָכגיין דעם בייִשפּיל פון די ייִדן און שאַפן אַ סינטעז פון אונדזערע סקאַנדי־נאַווישע און אַמעריקאַנישע אייגנטימלעכקייטן. די שמעלץ־טאָפּ־אַסי־מילאַציע מאַכט אונדז גייסטיק אָרעמער...״

מר. סקעפּטיק: — ווי הייסט דאָס בוך? — „זייערע עלטערנס גאָט״. מיך איבערראַשט עס נישט. איך ווער נישט נתפּעל וואָס ס'געפינט זיך אַ נאָרוועגיש־אַמעריקאַנער שרייבער, וואָס איז אונדז מקנא... אַ צעדרייטער ווי דו! קולטור־פּלוראַליזם איז פאַר אים בעסער ווי אַסימילאַציע, וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך גלויב פאָרט נישט, אַז ס'קענען אַרויסוואַקסן אויף דעם היגן אויסטראַלישן באָדן — און דאָס איז חל אויך אויף אַמעריקע! — ייִדישע דורות. וואָס פאַראַ ייִדן וועלן שוין אַרויסקומען פון אונדזערע אייניקלעך? קיין ייִדיש פּנים וועלן זיי שוין זיכער נישט האָבן, סיידן עס זאָל געשען אַ נס מן השמים, עפּעס אַ הימל־זאַך.

(עס קלאַפּט ווער אָן אין טיר. ס'קומט אַריין דער שטובן־מאָלער, אַן אַלטער לאַנדסמאַן פון דעם היים — כאַצקל־מיכל פּערקאַל).

כאַצקל־מיכל: — גוט אָוונט, ר' יוסף. וואָס מאַכט איר עפּעס? טרעפט, נאָך וואָס כ'בין געקומען? איר זענט דאָך עפּעס אַ ייִד אַ תלמיד־חכם. איך האָב אַ סיכסוך מיט אייער שכנה. כ'האָב אויסגעמאָלט איר

קיכל, האָט זי געוואָלט דווקא אַ בלויען קאָליר. נו, איז ארויסגע־קומען אַ גרינער קאָליר, האָט זי טענות. זי זאָגט, זי וועט נישט באַצאָלן ביז כ׳וועל מאַכן אַ בלויען קאָליר.

מר. גלוביק: — פאַרוואָס האָט איר טאַקע נישט געמאַכט ווי זי האָט איך געהייסן — אַ בלויען קאָליר?

כאַצקל־מיכל: — אַ קאָליר איז אַ גאָטס־זאַך, ר׳ יוסף; אַז ער וויל קומט אַרויס בלוי, אַז נישט — קומט אַרויס גרין — אַז ס׳איז אַ הימל־זאַך.

מר. גלוביק: — איך וועל שוין רעדן מיט איר, זי זאָל אייך באַצאָלן אָן טענות... אַז אַ קאָליר איז אַ גאָט־זאַך, קענט איר דאָך נישט העלפן... (כאַצקל־מיכל גייט אַוועק. גלוביק רעדט ווייטער צו סקעפּטיקן). — וואָס האָסטו פריער געזאָגט? יאָ, כ׳דערמאָן זיך שוין: די יידישע דורות פון אונדזערע אייניקלעך וועלן שוין קיין יידיש פּנים נישט האָבן, סיידן אַ נס, עפּעס אַ הימל־זאַך... זעסט צו פלאַך, אָט דעם גאַנצן פּראָבלעם. מען דאַרף עס זען טיפער. אין דער יידישער געשיכטע קומען איצט פאַר טיפע, דינאַמישע פּראָצעסן. עס פאָרמירט זיך אויס אַ נייער טיפּ ייד מיט אַ נייעם לעבנס־נוסח: אַמעריקאַנער נוסח, אַרגענטינער, אויסטראַליער און אַ ישראל נוסח. אויך פון ישראל קומט ארויס אַ נייער טיפּ ייד, וואָס וועט — פּונקט ווי אין אַנדערע ישובים — נישט זיין ענלעך צום מזרח־אייראָפּעאישן יידן. עס ווערן צוזאַמענגעמישט אין דעם געשיכטלעכן פּראָצעס פאַרשיי־דענע פאַרבן... און מיר טאָרן נישט זיין קיין כאַצקל־מיכלס! מיר קענען זיך אויף פאַרבן און מוזן זיך דערייבער שטאַרק אָנשטרענגען אריינצוגעבן וואָס מער פאַרב פון אונדזער יידישקייט. מען דאַרף נישט זיין קיין נביא פאַרויסצוזען, אַז דער נייער נוסח וועט זיין אין פיל הינזיכטן לחלוטין אַנדערש פון אונדזערן. אַזוי איז דאָך אָבער כסדר געווען אין אונדזער געשיכטע. איז דען דער שפּאַנישער ייד ענלעך געווען אויפן יידן פון בבל? און ווען דער שפּאַנישער ייד וואָלט גע־קומען קיין פּוילן און געזען אַ חסידישן ייד, מיט זיינע העוויות וואָלט ער דען דערקענט, אַז דאָס איז זיין המשך? פּונקט אַזוי וועט אויך געשען מיט דעם יונגן דור, וואָס ווערט דערצויגן אין דער ענגלישער אָדער שפּאַנישער קולטור. (אָפּהענגיק פון לאַנד, אין וועלכן ער לעבט). אונדזער יידישקייט־עקשנות דערפילט אין דעם־אָ פּראָצעס אַ גרויסע נאַציאָנאַל־געשיכטלעכע ראָל. מיר ווילן אַריינגעבן אין אונדזערע קינדער וואָס מער פאַרב פון דער מזרח־אייראָפּעישער יידישער קולטור, און וואָס מער זיי וועלן ירשנען פון אונדז, אַלץ שטאַר־קער וועט זיין דער רינג וואָס פאַרבינדט דורות און תקופות.

מר. סקעפּטיק: — אָבער דער יונגער דור גלויבט נישט, אַז

ער נויטיקט זיך אין דיין פּאַרב פון מזרח־איראָפּעישער יידישקייט צוליב עפּעס קיום האומה? ער וויל קיין קרבן נישט ברענגען אויף דעם־אָ מזבח, דו ווילסט ער זאָל טרינקען אָ מעדיצין, אין וועלכן ער גלויבט נישט? אַנשטאָט צו לעבן מיט דער קולטור פון די שוואַ־כע, וויל ער גלייכער זיך אויסלעבן מיט די מעכטיקע קולטורן, וואָס זענען היינט זאַט און מיט זיך צופרידן — ער וויל פאַר דיר נישט זיין קיין מאַרטירער.

מר. גלוויביק: — נישט פאַר מיר דאַרף ער זיין אָ מאַרטירער. מיר וויסן נישט וואָס דער גורל האָט צוגעגרייט פאַר יידישע דורות. פון דאָזיקן גורל קען נישט באַפרייען קיין נאַציאָנאַלע דעזערציע! און וועגן דעם האָב איך געגוג ביישפּילן דיר געגעבן. פאַרקערט, דער חותם פון מסירת נפש און לײדן, וואָס ליגט אויף יאָרטויזנטער פון אונדזער געשיכטע, האָט אויסגעשמידט אַ פאַנצער פאַר צייטן פון שווערע נסיונות. טאָ לאָמיר דעריבער דעם־אָ פאַנצער איבערגעבן אונדזערע קינדער. דער געשיכטע־זייגער האָט אונדז נישט געגעבן קיין סך צייט. פאַרגעס נישט מיר זענען דער לעצטער מזרח־איראָ־פעישער דור, וואָס טראָגט מיט זיך די שליסלען צו אונדזערע אוצרות. און דער דור גייט אַוועק... וועלן מיר עס נישט באַוויזן איבערצוגעבן אונדזערע קינדער, דאַן איז דאָ די געפאַר פון מיטנעמען אָט די שליסלען אין די קברים אריין... דעריבער, וואַרף אַוועק דיינע ספּי־קות און אַלע גריבלענישן. לייג צו אַ האַנט, שטעל אונטער אַן אַקסל. נאָר מיט טיפער אמונה, שטאַרקן ווילן און אומגעהויערער עקשנות וועלן מיר קענען לאָזן נאָך זיך אַ לעבעדיקן יידישן יורש.

דו האַלטסט זיך פון דער וויטנס און דאָס טויג נישט. קום אַריין אינעווייניק, ווי אַ מיטבאַטייליקטער און אונדזערע אַלעמענס אַנגע־וויטיקסטע שאלות און תשובות.

דער יידישער שרייבער יחיאל האָפער, האָט געזוכט אַ טרייסט אין דער גמרא, ווו מען האָט אויך דעמאָלט געפרעגט: „תורה מה תהיה?״... (וואָס וועט זיין מיט דער תורה). אין יענע צייט האָט מען געגלויבט און געהאָפט אויף ניסים, מעטאַפיזישע. היינט געשעען נישט אַזעלכע ניסים. זיי געשעען יאָ, ווע מען מאַכט זיי. דאָס איז דער ציל פון אונדזער גרויסן אָנשטרענג און טיפער זאָרג, אַז יידישע קינדער זאָלן נישט אַוועקגיין פון פאָלק.

ביכער פון זעלבן מחבר:

„פונקען און פלאַמען" — אויסטראַליע, 1964
(אויספאַרקויפט)

„אויפן צעשיידוועג" — תל־אביב, 1971;
(פרעמירט — וויסליץ־צימערמאַן פרעמיע
(אויספאַרקויפט)

„שמועסן מיט אויסטראַלישע שרייבערס" — אויסטראַליע, 1976,
(אויספאַרקויפט)
A Grant From The Commonwealth Council, 1974
גלאַטשטיין־פרעמיע פון קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1977.

"Portraits of Yiddish Writers"
(New York, 1979)

„פאָרטרעטן און פראָפילן" — אויסטראַליע, 1980.

פרעמיע אויפן נאָמען פון פערנאַנדאָ־כענאָ,
ביים יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, מעקסיקע, 1980.

אינהאַלט:

אַ וואָרט פריער (פון מחבר) 7

צוריקגעקומען צום שורש (דערציילונג) 9

ביי די וואָרצלען פון דער גרויסער רוסישער פּראָזע־קונסט אין 19טן יאָרהונדערט

ניקאָליי גאָגאָל — אַ געניאַלער שרייבער מיט אַ צעשפּאָלטענער נשמה 93

שאָסטאָקאָוויטשעס מעמואַרן — און גאָגאָל 144

פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי — 100 יאָר נאָך זיין טויט 147

דאָסטאָיעווסקיס באַציונג צו יידן 180

אַנטאָן פּאַוולאָוויטש טשעכאָוו — פּערספּעקטיוו 191

נאַבאָקאָווס לעקציעס וועגן דער רוסישער ליטעראַטור 252

די וואָס גייען אַדורך דעם ים (דערציילונג) 255

אַרטור קעסטלער — דער פּאָליטישער, סאָציאַלער און וויסנשאַפטלעכער דענקער 275

מאַרסעל פּרוסט: דער קינסטלער, דער מענטש—דער האַלבער ייד 281

אַנטיסעמיטיזם אין פראַנקרייך האָט טראַדיציעס (דרייפוס־פּראָצעס) 352

שפּריצן פון ליטעראַטור און לעבן (מיניאַטורן)

אַ נסיעה דורך טרערן 366

דער פּערפעקטער דזשענטלמאַן 368

קליינע פענצטערלעך צו גרויסע פּראָבלעמען 370

אַ שטיקל שמועס וועגן טעאַטער און קינאָ 371

אַ מוסר־השכל 374

אַ באַזוך אין וועסטמינסטער־אַבע, און פּאָעטס קאָרנער 376

יהודה מנוחין וועגן זיין שוועסטערס טויט 379

דורך ליידן און טויט—אויפנעמען דעם אמת פון לעבן 381

גוטע פריינד אין ציטן פון צער און טרויער 383

אונדזערע יורשים (דראַמאַטיזירטער עסיי) 385